STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 10156

IN GANG FUN LEBEN

Samuel Aaron Rubin

•

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

אין גאנג פון לעבען

א שפאציר אויפ׳ן גאנצען שטח פון אידיש ספעציפישען לעבען

באאבאכטונגען און באטראכטונגען

פון

הרב שמואל אהרן רובין

מנהל

אגודת אנשי מעמד ובית ועד לחכמים

נויארק

שנת תשב לפ״ק





הרבר׳ שמואל אהרן רובין
דער אידישער מורה דרך — וועג־ווייזער

אין גאַנג פון לעבען

א שפּאַציר אויפ'ן גאַנצען שטח
פון אידיש ספּעציפישען לעבען

באַאָבאַכטונגען און באַטראַכטונגען

פון

הרב שמואל אהרן רובין

אידישער „מורה דרך" (וועגווייזער)
מנהל פון אנשטאלט.

אגודת אנשי מעמד
ובית ועד לחכמים

נויאָרק

שנת תשב לפ"ק

Copyright 1941 *by*
RABBI SAMUEL A. RUBIN
The Jewish Guide

ADDRESS:
RABBI SAMUEL A. RUBIN
156 HENRY STREET
NEW YORK, N. Y.

בדפוס האחים שולזינגר

PRINTED IN THE U. S. A. BY
SHULSINGER BROS., LINOTYPING & PUBLISHING CO.
TWENTY-THREE EAST FOURTH STREET, NEW YORK, N. Y.

מקדש

לזכר נשמות אבותי הק' נ"ע

אאמו"ר הרה"ג הח' וכו'
ר' נפתלי דוב רבינוביץ ז"ל
נכד „היהודי הקדוש" מפרשיסחא
זצוק"ל
נלב"ע בנויורק
ביום י"ט מרחשון, תרצ"ח
ת. נ. צ. ב. ה.

אא"ז הרב הגאון הגדול וכו'
ר' מנחם מענדל ראבין ז"ל
מחבר האינציקליפודיה התלמודית
„עיני מנחם"
נלב"ע בעה"ק ירושלם תובב"א
ביום י' כסלו תרע"ו
ת. נ. צ. ב. ה.

אינהאַלטס פאַרצייכענונג

א. והשיב לב אבות על בנים ולב בנים על אבותם 17
ב. ווען קינדער דינען אַלס אינסטרומענט צו עלטערענס פאַרדאַרבענהייט 21
ג. ווען מען מאַכט קינדער פאַר יורשים ביים לעבען 27
ד. מחלוקת דורך עלטערען און שלום דורך קינדער 33
ה. ווען קינדער דאַרפען מדריך זיין עלטערען 40
ו. צופיעל געטריישאַפט איז אויך אַ חסרון 45
ז. די עשרת הדברות אין געריכט הויז 51
ח. אַ מאָדערנע אויסטייטשונג פון „אב מלאכה" 56
ט. תורה ליעבע איז שטאַרקער פון אַנדערע ליעבעס 62
י. ליעבע פאַר דער חתונה און דערנאָך 69
יא. ליעבע און קאַפּריז 76
יב. פיזישע און גייסטיגע שעהנקייט 81
יג. אינגלישער לייכטזין מיט ערנסטע פאָלגען 87
יד. שור המזיק ברשות הניזק 91
טו. שכנים 97
טז. אַ הוהן, אַ יאַיכעל און אַ שוויגער 103
יז. אַ מעשה מיט אַ אידיאָט אַ וויצלינג 109
יח. אַרבייטסנעהמער און אַרבייטסגעבער 114
יט. די פאַרקערפּערונג פון „באָס" און אַרבעטער אין איין פּערזאָן 120
כ. די סביבה און איהר השפעה 126
כא. די השפעה פון שוהל אויפ'ן הויז אַמאָל און היינט 132
כב. מחשבה און מעשה אין אַ מצוה אָדער עבירה 138
כג. די פילאָזאָפישע באַדייטונג פון שכר מצוה מצוה 143
כד. „עבירה גוררת עבירה" 149
כה. אידישע טויטקייט און טויטע אידישקייט 155
כו. חברה קדישא 160
כז. אידישקייט און מענשליכקייט 166
כח. בילדונג און כאַראַקטער 173
כט. געוויסענסביסע 181
ל. אַבערגלויבען 187
לא. ר ח מ נ ו ת 192
לב. לאָגיק און סענטימענטאַליטעט 199

לג. חולי גוף און חולי נפש 210
לד. געמישטע הייראַטען 215
לה. געבורטקאָנטראָל 221
לו. שטיפמוטערשאַפט 226
לז. דער אייגענער זוהן און די „פרעמדע" שנור 232
לח. ח ל י צ ה 239
לט. „אל תקרא שמות אלא שמות" 247
מ. ה י י ל י ג ע פ ר נ ס ו ת
ר ב נ ו ת א י ן אַ מ ע ר י ק א
(ערשטער קאַפּיטעל פון דער סעריע: „אַמעריקאַנער כלי קודש" 252
מא. ה י י ל י ג ע פ ר נ ס ו ת
ח ז נ ו ת א י ן אַ מ ע ר י ק א
(צווייטער קאַפּיטעל פון דער סעריע: „אַמעריקאַנער כלי קודש") 262
מב. ה י י ל י ג ע פ ר נ ס ו ת
ש מ ש ו ת א י ן אַ מ ע ר י ק א
(דריטער קאַפּיטעל פון דער סעריע: „אַמעריקאַנער כלי קודש") 270
מג. פאַמיליע סוירקעל 283
מד. מאַמע׳ס הויז טריף, טאָכטער׳ס — כשר 290
מה. צוליעב אַ פרט טאָר מען ניט באַשולדיגען דעם כלל 296
מו. כפוי טובה 303
מז. נ ק מ ה 307
מח. ק ע ס ט 312
מט. א י נ ש ו ר ע נ ס 318
נ. „ויהי בבקר והנה לאה" 326
נא. ולא עם הארץ חסיד 341
נב. ת ש ו ב ה 352
נג. ש מ י ר ת ש ב ת 360
נד. חנוך הבנים און חנוך האבות 369

פאָרוואָרט

דער דאָזיגער בוך „אין גאַנג פון לעבען" איז אַ זאַמלונג פון אַ טהייל פון די פאַרשידענע לעבענס פּראָבלעמען מיט וועלכע דער מחבר איז געקומען אין קאָנטאַקט, פּראָבלעמען פון דעם מין וואָס שווימען אַרויף אין דעם טאָג טעגליכען לעבען פון אונזערע מענשען-קינדער צו וועלכע קלאַסען, שיכטען און שאַטירונגען זיי זאָלען ניט באַלאַנגען. פאַמיליען פּראָבלעמען, געזעלשאַפטליכע און אויך געשעפטליכע פּראָבלעמען מיט וועלכע מענשען באַגעגענען זיך זעהר אָפט אין זייער רוטינעם לעבענס גאַנג.

פּראָבלמען זיינען פאַראַן ביי יעדען מענשענקינד, ביי אידען אָבער איז דער פּראָצענט אַ גרעסערער. דאָ איז ניט דער פּלאַץ זיך אָפּצושטעלען דאַרויף און ערקלעהרען פאַר וואָס עס איז אַזוי. דאָס פאָדערט אַ ברייטערע אָפּהאַנדלונג, און עס האָט צו טאָן מיט דער ספּעציפישער אידישער פּסיכאָלאָגיע, און מיט די באַזונדערע אומשטענדען און לעבענס באַדינגונגען פון אונזער גלות פאָלק.

אַזוי צו אַזוי, דער פאַקט איז אַז די אידישע פּראָבלעמען זיינען אייגענאַרטיגע און שיילען זיך אויס, לויט זייער כאַראַקטער, פון די אַלגעמיינע, אַלמענשליכע פּראָבלעמען. זיי זיינען אַנדערש סיי אין דעם קאָלעקטיווען קהל'שען לעבען, און סיי אין דעם אינדיווידואל-יחיד'ישען לעבען.

יאָ, יעדער איד האָט זיך זיין אייגען פעקעל; דאָס איז אַ פעקעל פוןביידע סאָרטען, פון ליידען און פון פריידען, על פי רוב פון דאָס ערשטע מעהר ווי פון דאָס לעצטע . . .

און עס ליגט אין דער נאַטור פון יעדען איינצעלנעם מענש, זיך צו וועלען טהיילען מיט זיינע דאגות און „טראָבעלס" מיט זיינע פריינד און באַקאַנטע. אַמאָל טהוט מען עס, ווייל מען פיהלט זיך פּשוט

בעסער „ווען מען רעדט זיך אראָפּ פון הארצען", און אמאָל דערפאַר, וואָס מיט דעם „דאגה בלב איש ישיחנה — לאחרים", קריגט מען טאַקע אגב פון דעם צווייטען אַ פּראַקטישע עצה ווי אַרום די דאָזיגע פּראָבלעמען צו לעזען, לקיים מה שנאמר: „תשועה ברוב יועץ".

און מענשען וועמעס פּאָזיציע אין לעבען איז אַזאַ וואָס מאַכט זיי צו שטעהן אין נעהענטערע פאַרבינדונג מיט דער געזעלשאַפט, אויף זיי געוועהנליך, פאַלט מעהר ווי אויף אַנדערע אוים דער גורל, צו זיין פון יענע „אחרים", אויף וועמען דער „ישיחנה" איז געזאַגט געוואָרען. דער אַזוי גערופענער פאָלקס מ ע נ ש, ווערט אויך אויסגעמאַטיש פאַרוואַנדעלט אין אַ פאָלקס פּ ר י י נ ט, אָהן באַזונדערע מיה און אָנשטרענגונג די דאָזיגע פריינטשאַפט צו געווינען.

עסקנים און כלל טהוער, זיינען ניט נור מעהר ווי אַנדערע אונטערוואָרפען די סכנה פון שאַפען זיך אַ סך ש ו נ א י ם, נור האָבען אויך דעם געגנוס פון ערווערבען זיך אַ סך גוטע פריינט. עסקנות האָט ניט נור איהר ש אָ ט ע נ ד י ג ע זייט, נור אויך איהר ל י כ ט י ג ע; אמאָל איז דאָס ערשטע די איבערוועגענדע און אמאָל דאָס לעצטע, עס באַלאַנסירט אָבער ווי עס איז ...

* * *

פאַר די לעצטע צעהן יאָהר וואָס איך האָב דעם כבוד צו שטעהן אין דער שפּיצע פון דעם חשוב'ען אַנשטאַלט „אגודת אנשי מעמד ובית ועד לחכמים", האָב איך פון דעם דאָזיגען דערמאַנטען געגנוס ניט וועניג צו פאַרשרייבען אויף מיין חשבון. איך שעץ זיך דערמיט גליקליך און זעה דערין אַ שטיקעל באַלוינונג פאַר דער צווייטער טונקעלער זייט וואָס מיין עפענטליכע לעבענס פּאָזיציע ברענגט מיר אין פּאַראַלעל.

אין גאַר גרויסע נומערען, אומבאַשריהען, צעהלען זיי, די דאָזיגע פאָלקס פריינט מיינע, וועלכע זיינען געקומען צו מיין ווייניגקייט מיט זייערע לעבענס פּראָבלעמען און פאַרלאַנגט אַן אויפריכטיגע עצה, וועלכע זאָל זיי מעגליך אַרויסנעהמען פון זייערע פאַרלעגענהייטען.

האָב איך דאָס דאָזיגע, ווי ווייט ס׳האָט זיך נור געלאָזט, עהרליך און אויפריכטיג געטאָן. איך האָב אַלעמאָל געפיהלט די אחריות און די הומאַניטאַרישע פליכט וואָס מיין לעבענס פּאָזיציע האָט אויף מיר אַרויפגעוואָרפען.

עס האָט אפילו ניט געקאָנט העלפען קיין איינגערעדטע עניוות און באַשיידענהייט, לאמר, אַזוי צו זאָגען: מי אנכי, ווער בין איך עס צו געבען עצות, פאַרענטפערען פראַגעס, שליכטען סכסוכים, אויס־גלייכען קריוודעס און נאָך און נאָך אַזעלכע און עהנליכע זאַכען וואָס דער לעבען שאַפט אין אונצעהליגע ציפערען.

צו דעם דאָזיגען „מי אנכי", דאַרף מען דוקא ניט זיין פון נאַטור אויס אַן אמת׳ער ענו, און דערפאַר האָב איך עס טאַקע באַצייכענט אַלס „איינגערעדטע" עניוות. דער גרעסטער בעל גאוה קען אַמאָל ווערען אַן ענו, דעמאָלט ווען די עניוות באַצאָהלט זיך איהם און ער קען איהר אויסנוצען לטובתו . . .

און וואָס קען נאָך זיין אַ גרעסערע „באַצאָלאכטע" ווי די, פון צו קענען זיך באַפרייען פון צרות הכלל והפרט, און נישט דאַרפען אויסהערען אַלע שווערע הערצער און זיך אָנעסען מיט אַ היבש ביסעל עגמת נפש וואָס קומט פון פרעמדע יסורים, דעמאָלט ווען עס פעהלען ברוך השם ניט אוים קיין אייגענע? . . .

אָבער איהר ווייסט דאָך די מעשה מיט יענעם וואָס האָט זיך באַריהמט אַז ער האָט געכאַפּט אַ קאָזאַק, און אַז מ׳האָט איהם גע־פרעגט, נאָכוואָס ער האלט איהם, האָט ער געענטפערט: „ע ר האלט מ י ך" . . .

ווען „ער האלט מיך" איז שוין גאָר עפּעס אַנדערש. דעמאָלט קענט איהר זיך שוין ניט אַרויסדרעהען אפילו מיט קיין אמת׳ע עניוות און מכל שכן ניט, מיט קיין געמאַכטע . . .

אין אַזאַ לאַגע האָב איך זיך געפונען, און געפין זיך אין איהר נאָך אויך היינט. אידען קומען און פרעגען עצות, זיי ווילען זיך פאַר

אייך אויסריידען, אויסקרעכצען און צומאָל אויסוויינען, טאָ געהט, ווערט אַ שטיקעל אכזר און טרייבט זיי אָפּ פון אייך!

היינט ווער שמועסט נאָך אז די דאָזיגע עצות גיבען זיך מעה־רערע מאָל נאָך איין אויך, ווערט איהר דאָך שוין טאַקע בבחינת שטי־קעל „גוטער איד" און מען לאָזט אייך ממש ניט אָפּ . . .

טרעפט טאַקע אמאָל אז מען וויל זיך שוין אליין אויך באַלד איינשמועסען אין „גוט איד'ישאַפט"; איבערהויפט ווען איהר האָט נאָך דערויף אַ שטיקעל פּרעטענזיע וואָס איהר האָט געהאַט דעם זכות געבוירען צו ווערען אין אַ „גוט אידישע" פאַמיליע וואָס ציהט איהר יחוס אבות אזש ביז'ן „יוד הקדוש". דאָ האָט דאָך שוין דער יצר הרע געווים אויף אייך אַ „מאָרטגיידזש".

אין אמת'ן אָבער האָט דאָס דאָזיגע כלל ניט צו טאָן, ניט מיט'ן חשוב'ען „זיידען" און ניט מיט'ן פשוט'ן „אייניקעל". עס האָט בלויז צו טהאָן מיט דער פשוט'ער פּראַקטיק. דען אויך אין אָט דעם פאַל גילט דער אויסדרוק אז „מיט'ן עסען קומט אויך דער אַפּעטיט" . . .

די פּראַקטיק איז דער בעסטער „רבי" און מען דאַרף גראָדע ניט זיין אליין קיין „רבי" און ניט אפילו קיין רבי'ש „אייניקעל" אויף צו קענען „פּראַווען" די יעניגע וואָס ווענדען זיך צו אייך מיט זייערע בקשות און פאַרלאַנגען. ניט איהר זיינט דער „רבי" און זיי די „חסידים", נאָר פאַרקעהרט גאָר, זיי לערנען אייך און איהר זיינט גאָר זייער „חסיד" . . .

* * *

ווי געזאָגט, איז דער דאָזיגער בוך אַ פּראָדוקט פון אַ טהייל פון די עצות וואָס זיינען געגעבען געוואָרען צו פאַרשיידענע מענשען מיט זייערע פאַרשידענע פּראָבלעמען. און אויב לויט דער טראַדיציאָ־נעלער פּראָצעדורע איז דאָך „תורה שבכתב" פריהער אין צייט פאַר „תורה שבעל פה", איז אָבער אין אונזער פאַל דער סדר אומגעקעהרט, די שריפטליכע עצות זיינען אַ פּראָדוקט פון די מונדליכע, דער בעל

פה איז פריהער אין צייט פאַר דעם בכתב ; און דערפאַר, גלויבען מיר, האָט טאַקע דאָס לעצטע אַ פיעל גרעסערע חשיבות אויך.

די ג ע ז אָ ג ט ע עצה איז לגמרי אינה דומה צו די געשרי־בענע. דאָס לעצטע איז אונטערוואָרפען אַ גאַנץ באַזונדער רייהע פון כללים, וועלכע זיינען אויף דאָס ערשטע ניט חל. דאָס באַציהט זיך סיי אויף דער שפּראַך און סיי אויפ׳ן אינהאַלט. איהר דאַרפט זיין מעהר ליטעראַריש אין שריפט ווי אין וואָרט, און פונקט אַזוי, דאַרף אויך דער שריפטליכער אינהאַלט זיין אַנדערש. דער געשריבענער וואָרט איז פון אַ דויערהאַפטיגען כאַראַקטער און אויף איהם איז חל די בקורת פון דעם לייענער, דאַרף די באַציהונג צום געשריבענעם וואָרט דעריבער זיין אַ מעהר ערנסטע, אַ מעהר אחריות׳דיגע.

האָט דער מחבר פון בוך, די דאָזיגע אחריות גוט געשפירט און האָט זיך געגעבען די פולע מיה איהר נאָכצוקומען, אויף ווי ווייט זיי־נע באַשרענקטע פעהיגקייטען האָבען עס פאַר איהם מעגליך געמאַכט.

יעדער לעבענס פּראָבלעמע אויף וועלכע יעדער קאַפּיטעל איז געבויט, איז דאָ שריפטליך באַאַרבייט געוואָרען אין אַזאַ וועג, אַז זי האָט כמעט געקראָגען אַ פנים חדשות אין פאַרגלייך מיט איהר פנים און גלגול ראשון ווען זי האָט געקראָגען די „עצה שבעל פה״.

זאָל דאָ אויך באַטאָנט ווערען אַז טראָצדעם וואָס „אין גאַנג פון לעבען״ איז ניט קיין אָפיציעלער דרוש ספר, באַשעפטיגט זיך ניט דירעקט מיט דער פרשה פון וואָך, און זיין מחבר מאָהנט פאַר איהם דעריבער ניט קיין „מזרח שטאָט״ צווישען די משפחה מיטגלידער פון דער ספרות הדרוש, קען מען אָבער מיט רעכט פאַרזיכערען אַז יעדער מאָדערנער דרשן, מטיף און פאָלקס רעדנער, וועט קענען גע־פינען אין איהם גענוג מאַטעריאַל פאַר זיינע פאַרשידענע דרשות און פאַרטראָגען. געוועהנליכע דרוש ספרים פאַרנעהמען זיך מעהרסטענ־טיילס מיט דער „פרשה פון דער וואָך״, און דער מאָדערנער בימה רעדנער דאַרף דעם באַטרעפענדען מאַטעריאַל צוטראָגען צו „דער פרשה פון לעבען״ און מאַכען דערפון די געהעריגע מטעמים. אין דיזען ספר געהט די פּראָצעדורע אין אַ פונקט פאַרקעהרטער ריכטונג.

דאָ וועט דער דרשן געפינען די „פרשה פון לעבען״ און פון איהר קענען אויף אַ זעהר לייכטען וועג איבערגעהן צו דער „פרשה פון דער וואַך״. דער ציעל וועט אַלץ זיין דער זעלבער און וועט אַלץ איינס דערגרייכט ווערען.

מיט די דאָזיגע ווערטער, גלויב איך, האָב איך שוין געשלאָסען די נויטיגע באַקאַנטשאַפט צווישען בוך און לעזער, און איצט נאַטירליך הענגט עס בלויז אָפּ אין דעם לעצטען, אין לעזער הייסט עס, ווי ווייט ער וועט מיט דער דאָזיגער באַקאַנטשאַפט צופרידען זיין. דער מחבר פון זיין זייט קען נור גאַראַנטירען אויף די צופרידענהייט פון דעם בוך מיט זיין לעזער, אויב אָבער די דאָזיגע צופרידענהייט וועט אויך געענטפערט ווערען געגענזייטיג — דאָס וועט די צוקונפט דאַרפען אַנטשיידען. און עס ווילט זיך האָפען אַז די אַנטשיידונג וועט זיין אַ גינסטיגע — והיה זה שכרי.

* * *

וועגען דעם צווייטען טהייל פון דיזען בוך וואָס רופט זיך מיט׳ן נאָמען „אגודת אנשי מעמד ובית ועד לחכמים״, וויל איך נור מאַכען אַ קורצע אנמערקונג, און דאָס איז, אַז ניט קוקענדיג דארויף וואָס לויט דעם דאָזיגען נאָמען, דאַרף עס הייסען אַז יענע אַכט קאַפּיטלאַך זיינען אין גאַנצען געווידמעט דעם דאָזיגען אנשטאַלט, און זייער לעזער־שטאָף זאָל פאַלגליך זיין פון אַ בלויז פּראָפּאַגאַנדע כאַראַקטער, איז עס אָבער ניט אַזוי. אויך יענע פרקים באַהאַנדלען אינדירעקט זעהר וויכטיגע און אינטערעסאַנטע לעבענס פּראָבלעמען, און זייער מאַטעריאַל איז ניט פון קיין קלענערען ווערט ווי דער מאַטעריאַל פון דעם חלק ראשון. דער מחבר רעקאָמאַנדירט דעריבער אויך דעם צווייטען טהייל צום לעזער מיט דער זעלבער באַוואוסטזיניגקייט און אויפריכטיגקייט ווי ער רעקאָמאַנדירט אַט דיזען ערשטען טהייל. עס איז „כמעשהו בראשון כן מעשהו בשני״.

צום שלום ווילט זיך דערמאָנען מיט יראת הכבוד מיין ליעבע טייערע און פרומע מוטער הרבנית החשובה **פרידא חוה רבינוביץ** תחי׳, די טאָכטער פון מיין גרויסען זיידען הגאון הצדיק רבי מנחם

מענדל רובין זצ"ל, וואָס איך האָב זוכה געווען „לצקת מים על ידיו" נאָך אין מיין סאַמע פריהעסטע יוגענד, און געהאַט די גרויסע פּרי־וויליגיע איהם ארויסצוהעלפען אין זיין ריעזיג ליטעראַרישעם ווערק „עיני מנחם", די באַריהמטע תלמוד'ישע ענציקלאָפּעדיע.

זאָלען אויך פאַרצייכענט ווערען לזכרון עולם מיינע ליעבסטע און טייערסטע:

רעיתי הרבנית הכבודה **רחל** תחי', בת הרה"ח בנש"ק, מהור"ר **ברוך אשכנזי**, שליט"א, נכד החכם צבי זצ"ל.

אונזערע ליעבע קינדערלאך:

אסתר נחמה, בת שבע, מנחם מענדל און לאה. נזכה לגדלם לתורה, לחופה ולמעשים טובים, אמן.

הרב שמואל אהרן רובין

דער אידישער „מורה דרך" (וועגווייזער)

נויאָרק, י. כסלו שנת תש"ב.

א

והשיב לב אבות על בנים ולב בנים על אבותם

די דאָזיגע טאָפּעלע אויפגאַבע פון דעם ציטירטען פסוק איז צוגעשריבען געוואָרען צו אליהו הנביא דער מלאך השלום. דיזער גרויסער נביא, וועט עס דאַרפען דורכפיהרען די נאָבעלע שליחות, אַריינצוברייגען שלום און האַרמאָניע צווישען טאַטעס און קינדער און אַוועקשטעלען דעם פאַמיליען לעבען אויף אַ געזונטען באַזיס פון געגענזייטיגע פאַרשטענדיגונג צווישען די דאָזיגע צוויי עלע־מענטען.

משמעות אַז מיט׳ן „והשיב לב אבות על בנים" קען מען נאָך ניט אין גאַנצען יוצא זיין; אמאָל דאַרף מען אויך אָנווענדען די צוויי־טע העלפט פון „ולב בנים על אבותם"; ניט שטענדיג דאַרף יחוס אבות פאַרנעהמען דעם אויבענאָן און ניט שטענדיג דאַרף די השפעה געהן פון אויבען אַראָפּ, אמאָל מעג עס געהן אין אַ פאַרקעהרטער ריכ־טונג, די פון „ולב בנים על אבותם".

אָט וועגען אַזאַ פאַל ווילען מיר זיך דאָ אָפּשטעלען, אַ זעהר אינטערעסאַנטער פאַל, וואו דער יחוס הבנים האָט בעזיעגט דעם יחוס אבות און אליהו׳ס שליחות איז געקרוינט געוואָרען מיט ערפאָלג.

צוויי אידען, קענטיג גאַנץ וואוילע, קומען אַריין צו אונז נאָך אַן עצה אין אַ פּראָבלעמע וואָס קוקט אויס צו זיין אַ גאַנץ ערנסטע. לאָמיר איינעם אָנרופען מר. ק. און דעם צווייטען מר. ס. ביידע לאַנדסלייט פון דערהיים, פון איין שטעטעל, און דאָ זיינען זיי שותפים אין איין ביזנעס שוין יאָרענלאַנג; האָבען אויך אַ שותפות׳דיגע איי־גענע הויז און לעבען זיך די גאַנצע צייט גליקליך און צופרידען. די „האַנדעלשאַפט" האָט אויך געבראַכט „ברודערשאַפט", צווישען זיי אַזוי גוט ווי צווישען זייערע פרויען און קינדער. די לעצטע האָבען זיך אויפגעצויגען כמעט ווי אין איין הויז. איצט זיינען די קינדער שוין גרויס געוואָרען, און דאָ פאַנגט זיך אָן די פּראָבלעמע.

דערציילט מר. ק.:

פון דער אַלטער היים שטאַמט ער פון זעהר אַ יחוס'דיגער משפחה. זיין שותף מר. ס. איז ניט פון אַזאַ געהויבענעם יחוס. זיינע עלטערען זיינען געווען גאַרבערס וואָס איז אין דער היים באַטראַכט געוואָרען פאַר ניט אַזאַ שעהנע בכבוד'יגע מלאכה.

ווען די איצטיגע צוויי שותפים האָבען זיך דאָ אין אַמעריקא צום ערשטען מאָל באַגעגענט, האָט מר. ק. נאַטירליך פאַרגעסען זיין יחוס; אין אַמעריקא זיינען דאָך אַלע גלייך, ניטאָ קיין מיוחסים; פאַר איין ניקעל באַזעצט איהר זיך ווי דער גרעסטער פריץ אין סאָבּ־וויי און אין באָס, און קיינעם אינטערעסירט ניט וואָס פאַר אַ מורה־מורנו אייער טאַטע איז געווען . . .

מר. ק. און מר. ס. האָבען זיך ביי זייער באַגעגעניש ביידע אַרומגעכאַפּט, געמאַכט אַ הארציגען פראָהיבישאָנלאָזיגען „לחיים" און, ווי איהר זעהט, האָט די אָפּגעפרישטע באַקאַנטשאַפט דאָ אין אַמעריקא געפיהרט דערצו אַז זיי זאָלען ווערען געשעפטליכע שותפים, וואוינען צוזאמען ווי לייבליכע ברידער און שוועסטער; און ווי געזאָגט, איז דער דאָזיגער פריינדליכער צוזאמענלעבען אויך איבער־געגאַנגען צו זייערע קינדער וועלכע האָבען געלערענט צוזאמען אין סקול און נאָכהער אויך אין קאָלעדזש.

ווען די קינדער זיינען גרויס געוואָרען איז עס געווען אַ נאַ־טירליכע זאַך אַז די פריינטשאַפט פון זייערע קינדער יאָהרען זאָל איצט ביי צוויי פון זיי, אַ בחור'ל פון מר. ק. און אַ מיידעל פון מר. ס. פאַרוואַנדעלט ווערען אין אַ ליעבע וואָס האָט ענדליך געפיהרט זיי זאָלען ווערען חתן־כלה.

און דאָ האָט זיך מיט איינמאָל דערוועקט ביי מר. ק. זיין אַמאָ־ליגער „יחוס" וואָס וואָלט שוין זאָנסט לאַנג פאַרגעסען געוואָרען.

טענה'ט מר. ק. אַז ער האָט אמת זעהר געהרען מר. ס. אָבער נור אַלס שותף און פריינד און ניט אַלס מחותן. ער דערמאָנט דער־ביי דאָס גלייכווערטעל אַז דער ווייַן שענקער האָט זעהר ליעב דעם שיכור אָבער ניט איהם צו נעהמען פאַר אַן איידעם. מר. ק. דער־מאָנט זיך ווער זיינע עלטערען זיינען געווען, וואָס פאַר אַ שידוך ער

אַליין האָט געטאָן און פיהלט אַז עס איז איהם פשוט אַ שאַנדע פאַר זיין היימישע שטעטעל ווען מען וועט דאָרט אויסגעפינען מיט וועמען ער האָט זיך דאָ משדך געווען.

ער פאַרלאַנגט דעריבער פון זיין קינד אָפצוברעכען די באַציהונגען מיט מר. ס. טאָכטער און זוכען די באַקאַנטשאַפט פון אַ מיידעל וואָס זאָל ניט „פאַרשעהמען" זיין יחוס.

מר. ס. אַן אויפגערעגטער און פאַרשעהמטער, דריקט אויס זיין איבערראַשונג און שרעקליכע ענטוישונג צו הערען אַזעלכע ווערטער פון זיין ליעבען פריינד און שותף מיט וועמען ער איז שוין אַזוי פיעל יאָהרען ענג צוזאַמענגעבונדען סיי געשעפטליך און סיי געזעלשאַפטליך, און וועלכע האָבען אַלעמאָל געטיילט זייער שיקזאַל אין ליידען און אין פריידען; און דאָ פלוצלינג ווען עס איז געקומען אַזאַ גליקליכער צופאַל וואָס וואָלט זייער פריידענס בעכער אָנגעפילט ביז אַרויף און זייער פריינטשאַפט נאָך מיט שטאַרקערע בענדער פאַרקניפט, קומט גאָר לסוף אָט דער איינציגער לעבענספריינד מיינער און וויל מיטאַמאָל אַלעס צושטערען. מיט זיין יחוס **אבות** וויל ער צו נישט מאַכען דעם גליק פון די קינדער און אויף אַן אומפאַרמיידליכען אופן אויך אונזער אייגענעם גליק.

פון מר. ס. רייד ווערען מיר אָבער אויך געוואויר אַז אין אמת'ן שטאַמט ער אליין אויך פון גאַנץ חשוב'ע און בכבוד'יגע עלטערען, למדנים און יראי ה' וואָס בלויז עקאָנאָמישע אומשטענדען זיינען פאַראַנטוואָרטליך פאַר זייער ניט-בכבוד'ע פרנסה.

מר. ס. פרישט אָפּ דעם זכרון ביי זיין שותף ווען ער דערמאָנט איהם אין דעם גוטען נאָמען וואָס זיין פאַמיליע האָט געהאַט אין דערהיים אלס גרויסע בעלי צדקה און כלל טוער, אַ פאַקט וואָס מר. ק. גיט צו שעהמעוודיגלאַך און באַשיידען.

פון אָט די באַשיידענע אומבאַשטרייטבאַרקייט מצד מר. ק. זיינען מיר שטאַרק גערירהרט געוואָרען און מעהר ניט געקענט באַהאַלטען אונזערע שמערצליכע געפיהלען וואָס מיר האָבען געטיילט מיט מר. ס.

אונטערברעכענדיג דעם לעצטען האָבען מיר זיך געווענדעט צוביידען מיטאַמאָל מיט דער פראַגע צו זיי געדיינקען נאָך ווער זיי-

ערע זיידעס זיינען געווען. ביידע האָבען פאַרזיכערט אַז ניט נור גע־דיינקען זיי די זיידעס נור אפילו די עלטער זיידעס האָבען זיי נאָך אויך ניט פאַרגעסן: ר׳ משה׳לע, ר׳ אהר׳לע, ר׳ מרדכי׳לע א. א. וו. אויף דער פראַגע צו זיי קענען זיך ניט עראינערען אין נאָך זיידעס מיט אַזעלכע נעמען ווי ר׳ אברהמ׳עלע, ר׳ איצעלע און ר׳ יענקעלע, האָבען זיי נאָך אַן אָנשטרענגונג פון זכרון איבונג, ערקלעהרט אז אַזעלכע נעמען קלינגען זיי אומבאַקאַנט. זיינען מיר זיי געקומען צו הילף מיט׳ן חומש׳ל, אָנצייגענדיג אויף די נעמען פון אברהם יצחק יעקב... זיי האָבען זיך אַביסעל פאַרשעהמט. מיר האָבען זיי אויך אָנגעצייגט אויף אַנדערע זיידעס פון דער תנאים עפּאָכע און אָנגעוויזען אויף אַזעלכע גרויסע תנאים ווי ר׳ יוחנן הסנדלר, ר׳ יצחק נפחא א. ד. ג. וועלכע זיינען אויך געווען בעלי מלאכה און דאָך האָט עס פון זייער גרויסקייט און יחוס גאָר ניט געמינערט... אַ קלאָהרער באַווייז אַז ס׳איז זיך גאָר ניטאָ וואָס צו שעהמען מיט אַ מלאכה אויב מען איז נור עהרליך און מען פאַרשוועכט ניט דורך איהר דעם „בין אדם למקום" און „בין אדם לחברו".

געוויס איז יחוס אַ גאָר גרויסע זאַך; עס איז ווי די פרוכט פון אַ בוים וועמעס גערעטעניש איז פיעל אָפּהענגיג פון דער שטאַרקייט פון שטאַם און וואָרצעל. די דאָזיגע יחוס שטאַרקייט האָט אָבער לחלוטין ניט צו טאָן מיט די אַרבייט און באַשעפטיגונג פון די עלטע־רען נור מיט זייער אויפפיהרונג און זייער בכבוד׳יגען פלאַץ וואָס זיי האָבען פארנומען אין דעם געזעלשאַפטליכען קרייז וואו זיי האָבען געווירקט און פאַרקעהרט.

עס איז געווען אַ העכסט ריהרענדע כמעט דראַמאַטישע סצענע ווען מר. ק. האָט נאָך די דאָזיגע „לעקציע" אויסגעשטרעקט זיין רעכ־טע האנט און איהר דערלאַנגט מר. ס. און מיט פריידען טרעהרען האָבען זיך ביידע געוואונשען א האַרציגען מזל טוב צום אייביגען גליק פון זייערע ליעבע קינדער וועלכע זיינען אין דיזען פאַל געווען די אינ־סטרומענטען צו די רעאַליזירונג פון דער צווייטער העלפט פון אליהו׳ס מימרע, יענע העלפט וואָס מאכט די קינדער פאר אַזאַ חשוב׳ען פאַק־טאָר אין דעם הייליגען פאַמיליען לעבען, די העלפט פון — **ולב בנים על אבותם**.

ב

ווען קינדער דינען אלס אינסטרומענט צו עלטערנס פאַרדאָרבענהייט

עס איז אַן אַנגענומענע זאַך אַז די ערגסטע עלטערען וואָלטען ווען האָבען די בעסטע קינדער. אזוי ליגט עס אין דער נאַטור. דער טאַטע מעג זיך זיין אַ זינדיגער, זיין קינד אָבער וואָלט ער ווען זאָל זיין אָרענדטליך און פיין; און צוליעב דעם טאַקע טרעפט עס גאַנץ אָפט אַז דאָס קינד ווערט אינדירעקט דעם פאָטערס וועכטער און באַשיצער. דער טאַטע האַלט זיך צוריק פון טאָן ניט קיין פיינע זאכען, ניט דערפאר וואָס ער איז פון דער נאַטור, אליין מאָראליש געניגט, נור בלויז צוליב דעם אַז זיין אויפפיהרונג זאָל ניט דינען קיין ביישפיל פאַר זיינע קינדער. ער אונטערדריקט זיינע אייגענע געפיהלען, ער צוימט זיינע פון נאטור געניגטע געוואוינ-הייטען כדי ער זאָל דאמיט פארהיטען די קינדער פון שלעכטס.

דאָס איז אייגענטליך דער בעסערער זין פון ערציהונג, ס'איז די בעסטע און אויסגעהאַלטענסטע מעטאָדע דורך וועלכע דער ציעל פון חנוך הבנים האָט בעסערע שאַנסען צו עררייכט ווערען.

עס איז ניט קיין חנוך פון טעאריע נור פון פראקטיק, ניט פון שעהנע דבורים נור פון שעהנע מעשים; און מעשים האָבען שטענ-דיג אַ בעסערען אָפקלאנג ווי סתם רייד, אפילו ווען דאָס זיינען די עהרליכסטע און שעהנסטע דבורים. זעהען האָט אלעמאָל א בעסערע ווירקונג ווי בלויז הערען; דער אלטער כלל פון „אינה דומה שמיעה לראיה".

די ספרי מוסר טייטשען דערמיט אוים דעם פסוק: „וכל העם רואים את הקולות" אויף וואָס אונזערע חז"ל קאָמענטירען, „רואים את הנשמע", מען האָט געזעהן דאָס וואָס פון דער נאטור קען נור געהערט ווערען, ווייל א שטימע קען מען בלויז הערען און ניט זעהן.

ביי מתן תורה אָבער איז געשעהן דער דאָזיגער נס אַז דאָס אונמעג־ליכע איז געוואָרען מעגליך.

סימבאָליש אָבער, זעהען דערין אונזערע געלעהרטע אַ וואונק לדורות ווי אַזוי מען דאַרף ערציהען קינדער, און וועלכע מעטאָדע עס זאָל אָנגעווענדעט ווערען אַלס די בעסטע און ווירקזאמסטע אויף צו פארזיכערען גוטע רעזולטאַטען.

האָבען זיי אין דיזען פּסוק געזעהן די סימבאָלישע אָנדייטונג דאַרויף. „רואים את הנשמע״! דאָס איז דער זיכערסטער וועג ווי אויפ־צו בריינגען קינדער. זיי, די קינדער, דאַרפען האָבען אַ געלעגענהייט צו קענען זעהן אין דער פּראַקטיק אַט די גוטע אויפפיהרונגען וועגען וועלכע זיי האַלטען נאָכאנאַד אין הערען...

ווען צום ביישפּיל דאָס קינד געהט אין חדר און הערט פון זיין לעהרער אַז אַ איד דאַרף לייגען תפילין, אָנטאָן ציצית, היטען שבת א. ד. ג. און אַז ער קומט אהיים זעהט ער ניט מיט די אויגען אַז דאָס דאָזיגע זאָל דורכגעפיהרט ווערען אין דער פּראַקטיק, דאַן האָט דאָס הערען אין חדר אויף איהם קיין ווירקונג ניט. עס קריצט זיך איין אין זיין קינדערשען מוח׳ל אַז זאָגען און טאָן, לערנען און מקיים זיין, זיינען צוויי באַזונדערע זאַכען און מוזען גראָדע ניט געהן האַנט אין האַנט; אַ סימן, אַט האָט ער דאָך געהערט און געלערנט אַז מען דאַרף היטען שבת און למעשה האָט ער עס ביי זיינע עלטע־רען ניט געזעהן... אויב אָבער רואים את הנשמע, דאָס גע־הערטע האָט ער געזעהן, אַזאַ מתן תורה איז געזיכערט מיט ערפאָלגרייכע רעזולטאַטען.

און דערפאַר, ווי געזאָגט, באַמיהען זיך עלטערען ווי ווייט עס איז נור מעגליך אַז זייערע מעשים אין דערהיים זאָלען ניט זיין קיין סתירה צו די לעהרע פון סקול. דאָס זעהן זאָל ניט זיין קיין ווי־דערשפּרוך צום הערען. פאַרבויגען דעריבער עלטערען אַ סך געוויסע זאַכען וואָס זאָנסט וואָלטען זיי עס אפשר יאָ געטאָן, אָבער כדי דאָס זאָל ניט האָבען קיין שלעכטע ווירקונג אויף די קינדער האַלטען זיי זיך אָפּ דערפון.

און אויב מען טרעפט זיך אמאָל אָן מיט אַזעלכע פאַלען וואו עלטערען זיינען ניט געגוג פאָרזיכטיג מיט זייערע מעשים און קענען

מיט זיי ניט דינען אַלס ביישפּיל פאַר זייערע קינדער איז עס געווים צום באַדויערען.

אָבער טויזענט מאָל פיינליכער איז עס ווען מיר טרעפען אַ פאַל וואו ניט נור היטען זיך ניט די עלטערען מיט זייער אויפפיהרונג פאַר די אויגען פון זייערע קינדער נור נוצען נאָך די קינדער אויס אַלס אינסטרומענט וואָס זאָל זיי באהילפיג זיין אין זייער שלעכטער אויפפיהרונג, אַזעלכעס רופט שוין אַרויס פאַרדאַמונג פון העכסטען גראַד; אַזעלכעס איז שוין ניט נור ניט עהרליך און ניט שעהן נור פשוט עקעלהאַפט און שמוציג; אַזעלכעס שטעלט שוין די עלטערען אוועק מחוץ למחנה, זיי שליסען זיך אליין אויס מיט אַזעלכע מעשים תעתועים פון דער געזעלשאַפט און נאַגלען זיך אַליין צו צום שאַנד קלאָץ.

מיט אַט אַזא פאַל האָבען מיר זיך לעצטענס באַגעגענט.

אַ פאָטער פון קינדער וואָס איז שוין מיט זיין פרוי פאַרהייראַט גאַנצע אַכט און צוואַנציג יאָהר, האָט פּלוצלונג נאָך אַזוי פיעל יאָהר פאַרהייראַטען לעבען אָנגעהויבען אַראָפּ פון וועג; און געקומען איז עס צוליב אַ צופעליגער מיידעל וועלכע איז אָנגעקומען צו איהם אין געשעפט אַלס סעקרעטאַרשע. די פרוי פון דעם דאַזיגען געשעפטס-מאַן וועלכע איז געקומען פאַר אונז אויסוויינען איהר ביטער האַרץ און פאַרלאַנגען אַן אויפריכטיגע עצה, האָט דערציילט אַז די גאַנצע אַכט און צוואַנציג יאָהר האָבען זיי זיך געלעבט זעהר פריידליך ביז די דאָזיגע יונגע סעקרעטאַרשע האָט איהם פאַרפיהרט און אין גאַנ-צען אָפּגעפרעמדט פון הויז.

אָבער דאָס איז נאָך ניט אַלעס. זיין אייגענע טאָכטער, אַן ער-וואַקסענע מיידעל, אַרבייט אויך ביים פאָטער אין געשעפט, און ווי אונאָנגענעהם עס איז ניט געווען פאַר דער מוטער זיך אָנפאַרטרויען פאַר איהר טאָכטער מיט אַזעלכע דעליקאַטע פאַמיליען פּראָבלעמען, האָט זי אָבער אין דיזען פאַל באַין ברירה עס יאָ געטאָן, האָפענדיג אַז די טאָכטער וועלכע געפינט זיך צוזאַמען מיט'ן פאָטער און די סעקרעטאַרשע, וועט זיין די פּאַסענדסטע פערזאָן צו פאַרמיידען דעם חורבן און בעוועגען דעם פאָטער משלח צו זיין די מיידעל וואָס איז פאַרוואַנדעלט געוואָרען אין אַ שלאַנג.

ווי שרעקליך ענטווישט און איבעררֹאשט איז אָבער די מוטער געוואָרען ווען די טאָכטער האָט זיך פון איהר פשוט אויסגעלאכט און איז נאָך אויף איהר אָנגעפאלען דערפאר וואָס זי מאכט פון אַזעלכע זאכען אַ גאנצען עסק; זי האָט איהר אָפּגעזאָגט דעם אמעריקאַנישען „פּסוק" פון „מיינד יור אָון ביזנעס" און איהר גע'עצה'ט וואָס ווייניגער זיך צו מישען אין דעם טאַטענס „געשעפטען"...

עס האָט זיך דערנאָך אַרויסגעצייגט אַז די דאָזיגע טאָכטער איז פשוט אונטערגעקויפט געוואָרען פון איהר אייגענעם טאַטען אַז זי זאָל מאכען אַ שוויג, און פארקעהרט, קוים וועט עס קומען צו וועלכע ס'איז טראָבעל זאָל ער אין איהר גאָר געפינען אַ הילף און פּאַרטייאיגער וואָס זאָל זיך אָננעהמען פאַר'ן טאַטען און מאַכען צו-נישט דער מאַמעס קריוודעס.

אָט אזא מין געשיכטע איז געווים איינע פון די גאָר זעלטענהייטען אין אונזער לעבען און קען בשום אופן ניט דינען אַלס ביישפּיל פאַר אנדערע. דאָס איז אַן אויסערגעוועהנליכער פאַל וואָס קען זיך קוים אַמאָל פארלויפען אין לעבען.

דערפאר אָבער שפּיגעלט עס אַמבעסטען אָפּ אונזער ערציהונגס פּראָבלעם און באַשטעטיגט אונזער פריהעריגע הנחה יסודית וואָס מיר האָבען געגעבען אויסדרוק אין דער מליצה פון **רואים** את הנשמע. דאָ האָבען מיר פאַר זיך אַן אילוסטרירטען פאקט פון אַ פאַרדאָרבענעם פאָטער וואָס ניט נור האָט ער ניט געזוכט באַהאַלטען זיינע מעשי תעתועים פון זיין אייגען קינד כדי עס זאָל אויף איהר ניט האָבען קיין אוממאָראַלישע ווירקונג, נור אדרבא ער האָט נאָך זיין אייגען קינד ארייננעצויגען אין דעם דאָזיגען העסליכען שפּיל און איהר אויסגענוצט אַלס אינסטרומענט פאַר זיינע עקעלהאַפטיגע אָפּעראַציעס.

דאָ האָבען מיר פאַר זיך אויך אַ פאַל וואו דער „פּוקד עון אבות על בנים" באַקומט אַ נייע אויסטייטשונג לויט וועלכע עס קומט אוים אַז קינדער זיינען אַמאָל פ א ר א נ ט וו אָ ר ט ל י ך פאַר די זינד פון די עלטערען.

דען עס קען דאָך גאָר קיין ספק ניט זיין אַז ווען דאָס דאָזיגע טעכטערל וואָלט זיך ניט לאָזען אונטערקויפען פון איהר אייגענעם

טאַטען וואָלט זי דאַן זיכער געווען פארמידען דעם דאָזיגען איבעל, און געווים טראָגט אין דעם פאל דאָס קינד אַ גאָר גרויסען, אויב ניט דעם גרעסטען טייל פון די פאראנטוואָרטליכקייט פאר איהר טאַ־טענס שמוציגע אויפפיהרונג.

עס איז אָבער אויך אמת אז דער מקור פון דיזער געמיינהייט מצד דער טאָכטערס האנדלונג שטאַמט פון דעם אומווירדיגען טאַטען אַליין וועמעס אייגענע אויפפיהרונג האָט אויף אַן אומפארמיידליכען אופן געמוזט דינען אַלס ביישפיל פאר דער טאָכטער אַז די זעלבע מדות נשחתות זאָלען אויטאָמאַטיש איבערגעהן צו איהר בירושה.

דער טאַטע פארגעסט אָבער אַז די דאָזיגע שוצוואנט וואָס ער האָט געפונען אין זיין טאָכטער איז סיי ווי ניט קיין געזיכערטע, עס איז אַ כותל רעוע וואָס וועט גאַנץ שנעל איינפאַלען. די טאָכטערס ראָלע אין דער שענדליכער אפערע איז נור א צייטווייליגע, פריהער שפעטער און זי וועט עפענען איהרע אויגען און עס וועט איהר אליין עקלען איהר אייגענע שאַנדהאַפטע ראָלע; זי וועט דעריבער די דאָ־זיגע ראָלע פארבייטען אויף אַן אַנדערע, פון אַ פארטיידיגער וועט זי ווערען אַן אַנגרייפער; זי וועט דעם טאַטען פארדאַמען און וועט פארוואַנדעלט ווערען אין זיין ביטערסטען שונא, און דאַן וועט זיך דער טאַטע ארומזעהן וואָס פאר אַ ניט געלונגענעם מסחר ער האָט געמאכט.

עס מוז דערצו קומען און עס וועט טאַקע אויך ניט נעהמען לאַנג ביז דאָס וועט ווערען אַ געשעהענער פאַקט. די טעכטערל איז שוין אַן ערוואַקסענע מיידעל און אָט אָט רוקט זיך אונטער איהר אייגענע פּראָבלעמע וועלכעס וועט זיין פיעל פיעל שטאַרקער פאר איהר טאַטענס. די טאָכטער וועט דאַן אַנטרעפען פיעל שטרויכלונגען אויף איהר וועג; לייטישע קינדער וועלען זיך פון איהר אָפּטרייסלען אַזוי שנעל ווי זיי וועלען עפּעס אויסגעפינען וועגען די טראַגעדיע אין איהר פאַמיליען לעבען וואָס פיהרט איצט צו עפענטליכע סקאַנדאַלען, און דאַן וועט זי זיך ארומזעהן אַז דער גאַנצער עסק האָט זיך גאָר ניט געלוינט און זי אליין וועט, ווי געזאָגט, ווערען דער בלוטיגסטער שונא פון איהר אייגענעם טאַטען און דאָס וועט זיין דער טרעהרען־שניט פון די כלומר׳שט מיט־געזאַנג־פארזייהטע קערנער.

ווי פריהער געזאָגט, האַלטען מיר ניט אַז דער דאָזיגער פאַל איז אין דער בחינה פון „לא ללמד על עצמו יצא". מיר גלויבען קוים אויב אַזעלכעס קען זיך אפילו ניט אַזוי אָפט פאַרלויפען אין לעבען. די אורשפּרינגליכע סיבות וואָס האָבען געפיהרט צום דאָזיגען פאַל, זיי זיינען שוין אָבער ניט קיין גאָר זעלטענע ערשיינונגען. אין דעם, איז אונזער טראַגישער העלד ניט קיין איינציגער. פאַראַן מעהרערע טאַטעס וואָס זיינען ניט גענוג פאָרזיכטיג מיט זייערע אויפפיהרונגען און האַנדלונגען און נעהמען ניט אין אָנבאַטראַכט ווי ווייט דאָס קען האָבען אַן איינפלוס אויף זייערע קינדער.

און אויב אפילו די דאָזיגע אומפאָרזיכטיגקייט קען ניט דערפירען צו אַזעלכע רעזולטאַטען ווי אין אונזער פאַל, ווייל דער גראַד פון אומפאָרזיכטיגקייט דערגרייכט ניט אין דורכשניטליכע פעלע, צו אַזאַ שווידערליכען פונקט, קריגט עס אָבער דעם אויסדרוק אין מינדער ערנסטע רעזולטאַטען וואָס זיינען אָבער סיי ווי ניט קיין תעודת כבוד פאַר עלטערען, ווען זיי ווייסען אַז דאָס איז זייער אייגענע שולד און אַז זיי האָבען עס מיט זייער אייגענע אומפאָרזיכטיגקייט פאַראורזאַכט.

רואים את הנשמע! — אַט דאָס דאַרף זיין דער שלאָגוואָרט פון קינדער ערציהונג. נור דורך שעהנע מעשים קענען קינדער איבערציינט ווערען און נור אייגענע שעהנע אויפפירונג מצד די עלטערען קענען האָבען אַ ווירקונג אויף זייערע קינדער.

„מעשי אבות ירשו בנים"! בלויז מ ע ש י ם געהען איבער בירושה...

ג

ווען מען מאַכט קינדער פאר יורשיםביים לעבען

צווישען די יעניגע וואָס די גמרא רעכענט אוים אלס „צועקין ואינן נענין", (ב"מ ע"ה ע"ב) (זיי שרייען און קיינער ענטפערט זיי ניט), איז אויך דער וואָס „כותב נכסיו לבניו בחייו", דער וואָס שרייבט אָפּ זיין פאַרמעגען צו זיינע קינדער ביי זיין לעבען.

די חכמים האָבען הייסט עס געוואָרענט אַזעלכעס ניט צו טאָן. טהוט מען עס יאָ נעהמט מען זיך צרות מיט די אייגענע הענט; און ווען מען זעהט זיך ארום איז שוין צו שפּעט, מען איז שוין אַ צועק ואינו נענה, מען שרייט, מען ליארעמט, מען פּראָטעסטירט אָבער קיי-נער ענטפערט ניט, ס'איז אַ קול קורא במדבר.

עס זיינען אמת פאראן אַ סך זאכען וואָס די חכמים זאָגען און וואָרנען און דאָך פאָלגט מען זיי ניט; אָבער אויב אַזעלכעס לאָזט זיך פאַרשטעהן ווען עס האַנדעלט זיך אין געוויסע חומרות און גדרים וואָס פאלען טיילוויוז שווער אויפ'ן מענשען און דער יצר הרע מישט זיך דארין אַריין און לאָזט ניט אויספאָלגען די רייד פון די חכמים; אויב אין יענע סאָרט זאכען לאָזט זיך נאָך ווי עס איז פארשטעהן דעם מענ-שענס אונגעהאָרכזאמקייט, איז אָבער לחלוטין אומפארשטענדליך פאר וואָס עס געפינען זיך מענשען וואָס פאָלגען ניט אוים די רייד פון אונ-זערע חכמים אפילו ביי אזעלכע זאכען וואָס יעדער איינער קען זעהן זייער נוצליכקייט, און אז זיי זיינען דורכאוים פאר דעם מענשענס איי-גענע טובה, ניט אויף שווער צו מאכען זיין לעבען נור אדרבה גרינגער צו מאכען און פארמיידען צרות, יסורים און אונאָנגענעמליכקייטען.

אויב די חכמים ווארנען דעם מענשען ניט אָוועקצוגעבען זיין פארמעגען כל זמן ער לעבט, קען דאָך, דוכט זיך יעדערער זעהן דערין די פערזענליכע טובה פאר דער באַטרעפענדער פערזאָן, און עס קען

דאָך גאָר דאָ קיין ספק ניט זיין אַז די חכמים זיינען דערמיט אויסענגע־ווען צו פארהיטען פון שווערינקייטען און ניט פארקעהרט.

איז עס דעריבער פשוט אומפארשטענדליך, ממש פלאי פלאים, ווען מיר זעהען אַז עס זיינען פאראן פיעל מענשען וואָס אויך אין אַזעלכע זאכען פאָלגען זיי ניט אוים די רייד פון די חכמים.

דרשנים און בעלי מוסר וואָלטען די זאַך אפשר ערקלעהרט אויף אַזאַ מין אופן: היות עס איז דאָך אַ דבר ידוע אַז דער יצר הרע פאר־לייגט זיך אויפ'ן מענשען איהם ניט צו לאָזען אויספאָלגען די מצוות התורה אדער די אזהרות פון חז"ל, איז שוין ממילא קיין אונטערשיד ניט צו וועלכע קלאַס די דאָזיגע מצוות און אזהרות באלאנגען; מעגען זיי זיין אפילו גאנץ פארשטענדליכע זאכען וואָס זיינען נור אויסען דעם מענשענ'ס פערזענליכע טובה, מיינען צו באַשיצען זיינע אייגענע אינטערעסען, קוים אָבער ליגט נור אויף זיי דער שטעמפעל פון היי־ליגקייט, פון מצוה און געבאָט, פארמעסט זיך שוין דער שטן מיט אלערליי כחות צו שטערען און ניט דערלאָזען די זאך אויספאָלגען און מקיים זיין.

אַזוי ארום טייטשען מאנכע מפרשים אוים דעם פסוק אין בראשית ווען השי"ת האָט געפרעגט אדם'ן: „המן העץ אשר צויתיך לבלתי אכל ממנו אכלת". דען אייגענטליך איז טאַקע שווער צו פאר־שטעהן וואָס עס האָט געבראכט אדם הראשון ניט אויסצופאָלגען דעם געטליכען באַפעהל אין באַצוג צום עץ הדעת. אין גאנצען איין איינציגע מצוה געהאט מקיים צו זיין און די דורכפיהרבארקייט פון דער דאָזי־גער מצוה איז אויך ניט געווען פארבונדען מיט קיין גרויסע שוועריג־קייטען, דען אויב מען האָט איהם ערלויבט צו געניסען פון אלע אנ־דערע בוים פרוכטען (מכל עץ הגן אכל תאכל), טאָ מה רעש אויב עס וועט אויסענבלייבען איין איינציגער בוים וועמעס פרוכט זיינען פארבאָטען געוואָרען?

משמעות אַז טאַקע נור דערפאר וואָס דאָס עסען פון עץ הדעת האָט געטראָגען אַ שטעמפעל פון פארבאָט, אַ היילינקייט פון אַ מצוה, נור דערפאר האָט זיך דער יצר הרע'דיגער נחש ארייננעלייגט און מיט אַלע מיטלען געזוכט צו שטערען דעם קיום פון דער דאָזיגער מצוה.

אָט דאָס איז געווען די געטליכע באַטאָנונג: „המן העץ א ש ר

צ ו י ת י ך לבלתי אכל ממנו", ווייל עס טראָגט אויף זיך א חותם פון אַ מצוה, און וואו מצוה, דאַרט יצר הרע...

דערמיט ווערט אויך פארשטאַנען דער זין פון „גדול המצווה ועושה ממי שאינו מצווה ועושה"; כאָטש אויבענאויף שיינט עס גראַדע צו זיין פאַרקעהרט, דער „אינו מצווה" וואָס טראַצדעם וואָס ער איז ניט פארפליכטעט דערצו, טהוט ער עס פונדעסטוועגען אויף א פרייוויליגען און וואָלונטירענדען אופן, וואָלט דאָך זיין שכר געדאַרפט זיין א גרעסערער פאר יענעמס וואָס איז אבליגאַטאָריש פארפליכטעט אויסצופאָלגען דעם געבאָט?

אָבער, הוא אשר אמרנו: דעם „מצווה ועושה" קומט שווערער אָן דער קיום המצוה ווי דעם אינו מצווה ועושה; ווייל דער ערשטער באַגעגענט זיך מיט אַ שטאַרקען יצר הרע וואָס ווי נור ער דערשמעקט אַ מצוה איז ער גלייך דאָ און לייגט שטיינער אויפ'ן וועג, וועהרענד דער אינו מצווה ועושה, קוים איז עס ביי איהם קיין מצוה ניט, איז שוין ממילא קיין יצר הרע ניטאָ; און לויט'ן כלל אַז „לפום צערא אגרא", אַז דער שכר פון אַ מצוה רעכנט זיך לויט דעם צער און שוועריגקייט וואָס מען טרעפט אָן אויפ'ן וועג פון איהר קיום, קומט דאָך שוין ממילא אויס אַז דער מצווה ועושה וואָס האָט געהאַט מעהר צער פאר דעם אינו מצווה ועושה, זאָל טאַקע זיין שכר מיט רעכט זיין אַ גרעסערער.

אין ליכט דערפון וואָלט עס, ווי געזאָגט, אפשר אויך געקענט דינען אלס ערקלערונג צו אזא ענין ווי „כותב נכסיו לבניו בחייו", ווייל אויך דאָס שמעקט דאָך מיט „ מ צ ו ה לקיים דברי חכמים", און דערפאר האָט שוין דער יצר הרע א שליטה דערויף.

איז אָבער דאָס אלעס אָן ערקלערונג פון אַ דרוש אָדער מוסר שטאַנדפונקט אויף וועלכעס עס לאָזט זיך זאָגען „יפה דרשת".

ווילט זיך אָבער באהאַנדלען די זאַך אויך פון אַ פסיכאָלאָגישען שטאַנדפונקט, און ערקלעהרען, אַזוי צו זאָגען, אויך בדרך פשט די אורזאכע פון ניט וועלען אויספאָלגען אַזעלכע פאַראָרדנונגען וועלכע זיינען דורכאויס אויסען דעם מענשענס פערזענליכע טובה.

לויט אלע וואַרשיינליכקייטען שפּילט דאָ די הויפּט ראָלע דער אינסטינקטיווער געפיהל פון פאָטערליכע ליעבע; און די האנדלונג, כאָטש ניט אזא כשורה'דיגע, קוים שטאַמט זי אָבער פון ל י ע ב ע

איז „גדולה אהבה המקלקלת את השורה״... וואָלט די עלטערענס האַנד־לונג אין אזעלכע פעלע דיקטירט געוואָרען פון ש כ ל, דאן וואָלטען זיי זיכער זיך צוגעהערט צו דער שכל׳דיגער ווארנונג פון אונזערע חכמים; שטאַמט עס אָבער פון סענטימענטאַלע הארץ געפיהלען און ניט פון שכל, דאן פאלען שוין אַראָפּ אַלע שכל׳דיגע ארגומענטען.

די ליעבע צו קינדער איז אזוי גרויס אַז די עלטערען דוכט זיך אוים אַז דערמיט וואָס זיי צייגען די קינדער ארוים פּאַטערליכע גע־טריישאפט, וועלען זיי די קינדער אודאי אויך אָפּצאָלען מיט דער זעלבער מטבע, און ווייסען ניט אז עלטערען און קינדער האנדלען בכלל נישט מיט די זעלבע מטבעות. די ליעבע פון עלטערען צו קינדער מעג זיך טאַקע זיין אן אומבאַגרעניצטע, אָבער אָנצונעהמען פאר זיכער אַז די דאָזיגע אומבאַגרעניצטע ליעבע וועט געענטפערט ווערען אויף אַ געגענזייטיגען אופן, דאָס איז שוין לאו דוקא. גערעכט איז דער „עמא דבר״, די ברייטע פאָלקס מאסען וואָס האָבען געשאפען די לאָ־זונג אַז „אויב איין טאַטע קען שפייזען צעהן קינדער קענען אָבער צעהן קינדער קיין איין טאַטען אויך ניט שפייזען״...

און אויב איהר ווילט וויסען פאר וואָס דאָס איז אזוי; סטייטש? היתכן? כלפי לייא? דוכט זיך איפכא מסתברא, קינדער עלטערען זיי־נען דאָך מחויב צו שפייזען; „להאכילם ולהשקותם״ איז דאָך אַ אָרגאַ־נישער טייל פון דער מצוה פון כבוד אב ואם, ווערהענד אויף עלטערען צו קינדער איז דאָך אזא פליכט ניטאָ אזוי שנעל ווי זיי געהען אריבער די מינדעריאָריגקייט, וואָלט דאָך געדארפט זיין פארקעהרט?

אין דעם זעהט איהר, איז שוין קיין אנדער אויסוועג ניטאָ ווי נור אָנצוקומען צו אונזערע דרשנים און זאָגען אַז טאַקע אין די קשיא גופא ליגט דער ענטפער, און אַז דוקא דערפאר וואָס קינדער צו על־טערען האָבען געוויסע אָבליגאַציעס, איז שוין ממילא דער יצר הרע אויך דאָ.

אָבער ווי די זאַך זאָל ניט זיין און וואָס די סבה זאָל ניט זיין, פאקט בלייבט פאקט, און אַ מענש מיט פארשטאַנד טאָר זיך ניט לאָזען בלינד פארפיהרען פון פאלשע אמונה אין דער טריישאפט און איבער־געבענהייט פון קינדער. די פסיכאָלאָגיע איז דאָ אַן אַנדערע. קינדער באַטראַכטען זיך ביז אַ געוויסערמאָס אלס די אייגענטימער פון זיי־

ערע עלטערענס פארמעגען נאָך ביי זייער לעבען. ביי זיי איז עס אין דער בחינה פון „כל העומד לגבות כגבוי דמי” און וויסענדיג אַז דער דאָזיגער רכוש דארף פריהער שפּעטער סיי ווי איבערגעהן צו זיי, האלטען זיי זיך שוין אויך איצט אלס די בעלי בתים דערפון; און אויב די עלטערען טוען נאָך אַפּ הלכה למעשה און שרייבען זיי נאָך אַפּ דאָס אייגענטום ביי זייער לעבען, איז עס פּשוט זיי אריינגעשפּילט אין די הענט אַריין, און עס ענדיגט זיך מיט דעם וואָס די אונאויסגערע־כענטע עלטערען בלייבען די „צועקין ואינן נענין”...

עס איז נאריש און זאָגאר פארברעכעריש אזוי צו האנדלען; וואצו די איילעניש? האָבען דען די עלטערען מורא אז נאָך זייער טויט וועלען די קינדער זיי ניט וועלען ירשנ'ען, און ווילען זיך דער־פאר פארזיכערען דערמיט ביי זייער לעבען? אויב דאָס איז דער פאל האָבען זיי שוין גיכער געדארפט זעהן אַז די קינדער זאָלען אָפּזאָגען נאָך זיי דעם קדיש פאר זייער לעבען, דער קדיש שטעהט געווים מעהר אין סכנה פאר דער ירושה... אָבער אזעלכעס האָט נאָך דוכט זיך ניט געטראָפען...

עס איז פאראן א חסיד'ישע אנעקדאטע וואָס דערציילט אַז א טאַטע איז צוגעגאנגען צום זוהן אין בית המדרש נאָכ'ן דאווגען און פארלאנגט פון איהם אַז ער זאָל געבען משקה. וואָס עפּעס איצט פאר א משקה? פרעגט דער זוהן.

עלהיי זאָל זיך דיך דוכטען — ענטפערט דער פאָטער — אז דו האָסט היינט יאָהרצייט, נו, וואָלסטו דאָך זיכער געגעבען משקה, טאָ וואָס ארט דיך אַז דיין טאַטע לעבט נאָך און וועט פון די דאָזיגע משקה אויך געניסען?...

איז אין באצוג צו ק י ד ו ש קען עס נאָך אפשר אמאָל טרעפען אַז דער טאַטע זאָל עס פארלאנגען פון זוהן נאָך ביי זיין לעבען, אָבער ניט אין באַצוג צו ק ד י ש ... וואָלט שוין ווי געזאָגט פיעל גלייכער געווען באַזאָרגען דעם קינד מיט קדיש ביים לעבען אויף וועלכעס עס קען זיין אַ ספק אויף דערנאָך, איידער באַזאָרגען איהם מיט ירושה אויף וועלכעס עס קען אויף דערנאָך קיין ספק ניט זיין.

יאָ, אונזערע הכמים זיינען געווען גערעכט. מען טאָר נישט אָפּשרייבען אויף די קינדער דעם פאַרמעגען כל זמן מען לעבט.

אין דעם פרט איז געווים „מצוה לקיים דברי חכמים״. נאָך מעהר דערפון, דאָ פּאַסט זיך זעהר גוט די אנדערע העלפט פון מאמר וואָס זאָגט: „וכל העובר על דברי חכמים חייב מיתה״. יאָ, אויב מען איז אין אָט דעם פרט עובר על דברי חכמים איז מען טאַקע חייב מיתה כדי דאָס פארמעגען זאָל שוין געזעצליך איבערגעהן צו זיי אלם יורשים... קוים אָבער לעבט מען נאָך איז קיין תקון דערצו ניטאָ ווייל זיי בלייבען, ווי געזאָגט, פון די „צוועקין ואינן נענין״.

מצוה לשמוע דברי חכמים!

ד

מחלוקת דורך עלטערען און שלום דורך קינדער

אין אמעריקא איז א מנהג אַז די שוויגער עלטערען רופט מען אויך טאַטע-מאַמע, ניט ווי אין דער אלטער היים, שווער און שוויגער. איז כאָטש איך פערזענליך בין ניט אזוי שוה בשוה מיט אַ סך פון די אמעריקאנער אידישע מנהגים, בין איך אָבער מיט אַט דעם מנהג שטאַרק צופרידען געווען. איך האָב געטראַכט אַז דיזער שנוי השם וועט זיין אַ גרויסע סגולה צום שלום בית. קוים איז די שוויגער אַ מאַמע איז דאָך ממילא די שנור אַ טאָכטער און צווישען מאמע און טאָכטער איז דאָך געוועהנליך קיין טראָבעל ניטאָ ווי עס איז דער פאל צווישען שוויגער און שנור.

עס איז מיר אפילו ארויף אויפ׳ן געדאנק דער באקאנטער מאמר חז״ל אויפ׳ן פסוק „אשר שם שמות בארץ״ אויף וואָס זיי האָבען קאָ-מענטירט — „אל תקרא שמות אלא שמות״. יאָ, האָב איך געקלעהרט, די שמות, די געביטענע נעמען הייסט עס האָבען אויסקאסירט די שמות, די וויסטע אומגליקען וואָס פלעגען גאנץ אָפט ארייננדרינגען אין פאמיליען לעבען צוליב די שוויגער-שנור טראָבעלס.

ווי עס זעהט אָבער אוים לייגט דער איד אין אמעריקא ניט צו-פיעל געוויכט אויף די דרשות חז״ל און איז אין דיזער הינזיכט מעהר גענויגט צו דער ענגליש שעקספיריאנער דרשה וואָס מאכט א קנאַפען ווערט פון אַ נאָמען און זאָגט אז א נאָמען מיינט גאָר ניט.

אין אונזער פאל זעהט עס טאַקע אוים צו זיין אמת. דער נאָ-מען שוויגער שוין דוכט זיך פאַרשוואונדען געוואָרען, אַראָפּ פון דער סצענע וכבר הלך לעולמו, די שוויגער האָט א מאַמע געבוירען און די שנור אַ טאָכטער, האָט דאָך שוין געדאַרפט זיין שלום ושלוה און אן אמת׳ער זים לעבען, איז אָבער למעשה ניט אזוי. עס איז ווי מען זאָגט „די זעלבע יאַכנע נור אַנדערש געשלייערט״ דער שלייער מעג

זיך טאַקע זיין א מאמעשער אָבער אין עצם בלייבט עס פאַרט אַ שוויגער און די „טאָכטער" איז פאַרט ניט מעהר ווי אַ שנור, און די אַלע קאָנפליקטען און רייסערייען צווישען די ביידע וואָס האָבען געהערשט אין גלגול ראשון הערשען אויך אין גלגול שני.

משמעות אז דער ענין „כלה וחמותה" איז אזא נאטור געזעץ וואָס האָט זיך זיינע פארשידענע סבות און מאָטיווען (אין אַ באזונדער קאַפּיטעל אין דיזען בוך האָבען מיר דעם ענין באהאנדעלט אויספיהרליך) און געגען דער נאַטור איז ניט אזוי לייכט צו קעמפּפען.

ווען אָבער עס טרעפט אמאָל אז די כלה וחמותה סכסוכים גערהען שוין אוועק אביסעל צו ווייט, עס כאַפּט זיך שוין אריבער דעם גרעניץ, אין אזא פאַל מיינט עס שוין אַ מין איבערשטייגען די נאטור און דאַ פיהרט עס שוין מאַנכעס מאָל צו פאטאלע קאָנסעקווענצען; און ווען די דאָזיגע קאָנסעקווענצען ברייגנען מיט זיך א רעאקציע, מען האָט שוין חרטה און מען וויל שוין געהן אויף צוריק, איז שוין אַ סך מאָל צו שפּעט.

אָט אזא פאַל שטעלט מיט זיך פאָר די פאָלגענדע געשיכטע אויף וועלכעם דיזער קאַפּיטעל איז געבויט:

עס קומט אַריין צו אונז אַ יונגע פרוי מיט אַן אינטעליגענטנעם און סימפּאטישען אויסזעהן; אָבער פון איהר פנים קוקט אַראָפּ פאַרבאָרגענער צער און ס'איז קענטיג אז זי מאכט דורך אַ שרעקליכען פּיינליכען נשמה שמערץ צו וועלכען זי זוכט אַ תרופה, ד אָ ס האָט איהר טאַקע געבראכט צו אונז וואו זי דיינקט די תרופה צו געפינען.

פון איהר דערצעהלונג נעהמען מיר ארוים אז דאָס ווייבעל איז שוין איבער צעהן יאָהר פארהייראט. זי האָט די גאנצע צייט געלעבט מיט איהר מאן זעהר גליקליך. ער איז איהר איבערגעגעבען מיט'ן גאנצען הארצען און האָט איהר אמת ליעב; און טראָצדעם וואָס זיי זיינען ווייט פון עשירות און דער באלעבעסעל ארבייט די גאנצע צייט שווער און ביטער אויף זיין חיונה, איז אָבער זייער לעבען דאָך אַ גליקליכער געווען צוליב די געגענזייטיגע ליעבע און איבערגעבענהייט.

ביי די לעצטע ווערטער כאַפּט זיך דאָס ווייבעל אויף צוריק און וויל משמעות זיך אליין קאָרעגירען. יאָ, זאָגט זי, וואָס אָנבא-

לאַנגט ליעבע האָב איך עס מיט רעכט באַצייכענט אלס געגענזײַ־טיגע. דאָס קען שוין אָבער ניט מיט אזא פּינקטליכקייט געזאָגט ווע־רען אין באַצוג צו איבערגעבענהייט. אין דעם, גלויב, איך, האָט שוין די געגענזייטיגקייט אביסעל אונטערגעהונקען; איך האָב, מיין איך, ניט געצאָלט מיין מאַן מיט דער זעלבער מטבע פון איבערגע־בענהייט מיט וועלכע ער האָט מיר געצאָלט, און דערפון מיינע איצטיגע צרות.

עס האָט זיך געהאַנדעלט וועגען איהרע שוויגער עלטערען, די אמעריקאַנער „טאַטע מאַמע" צו וועמען דער מאַן איהרער, דער אמת'ער קינד, איז נאַטירליך געווען זעהר איבערגעגעבען; און נאָכ־דעם ווי די שוויגער צו וועמען, די שנור אליין גיט צו, איהר ליעבע איז ניט געווען אזוי גרויס; איז נאָכדעם ווי זי, די שוויגער, איז גע־שטאָרבען און דער אלטער טאַטע-שווער איז געבליבען עלענד און הילפלאָז, איז עס געווען דער ווילען פון זוהן, אריינצונעהמען דעם טאַטען צו זיך. דאָ האָט זיך ניט געהאַנדעלט וועגען שווערער מאַכען איהר הויז ווירטשאַפטליכקייט, ווייל אין דעם פאַל גראַדע וואָלט עס גאָר אדרבה איהר פיעל פאַרגרינגערט, ווייל דעם אַלטענס אַ טאָכטער, זעהר אַ רייכע, האָט פון איהר זייט געוואָלט מיט צופריי־דענהייט דעקען אַלע קאָסטען אויף אַריינצונעהמען אַ דינסט אין הויז, וואָס וואָלט שוין ממילא פיעל פאַרגרינגערט די הויז באַלעבאָסטע. דאָ אָבער, גיט די ווייבעל צו, האָט זי זיך איינגעשפּאַרט אַז בשום אופן נים. זי וויל דעם אלטען אויף'ן שוועל ניט ארויפלאָזען; זי קען איהם ניט דולדען, ער מאַכט איהר שמוציג דאָס הויז, ער קריכט אַהין און קריכט אַהער און ער איז איהר איינפאַך אָפּשטויסענד.

דאָס האָט שוין נאַטירליכערווייזע דעם יונגערמאַן שטאַרק פאַרדראָסען. ער האָט ביי זיך געטראַכט: איז דאָס די געגענזייטיגע איבערגעבענהייט וואָס דאַרף זיין צווישען מאַן און ווייב אונטער נאָרמאַלע פאַמיליע אומשטענדען? איז דאָס איהר אָפּצאָל פאַר מיין מסירות נפש'דיגע איבערגעבענהייט צו איהר אין פאַרלויף פון די גאַנצע צעהן יאָהר פון אונזער פאַרהייראַטען לעבען?

דער יונגערמאַן האָט איהר געוואָרענט אַז זי ציהט צו שטאַרק איבער דעם שטריקעל און ער וועט ניט נעהמען אויף זיך די פאַראַנט־

װאָרטליכקײט פאַר די מעגליכע קאָנסעקװענצען. אָבער זי איז גע־בליבען בײ דאָס איהריגע, אײנגעשפּאַרט און פּער'עקשנ'ט, און דער יונגערמאַן האָט באין ברירה דעם טאַטען געמוזט אַרײנגעבען אין אַ קלײנעם ביליגען האָטעל װאו ער האָט געדאַפט זײן אָנגעװיזען אויף פרעמדע, ניט קינדערשע השגחה.

דער אַלטער האָט אַגב אַביסעל געליטען פון דער נאַכטװאַנ־דלונג קראַנקהײט, און האָט זיך צוליב דעם גענויטיגט אין אַ גאַנץ באַזונדער אויפּפּאַסונג. האָט דער זוהן אַזוי אַרום געפונען די ריכ־טיגע געלעגענהײט אװעקצוגעהן פון דער הײם אין די מעהרסטע נעכט, מיט'ן אויסרײד אַז ער דאַרף שלאָפען מיט'ן טאַטען, כדי אויף איהם אויפּפּאַסען עס זאָל חלילה מיט איהם קײן אומגליק ניט פּאַ־סירען.

אַזוי איז אַװעקגעגאַנגען אַ לאַנגע צײט. די פרוי איז געװען אונטער'ן אײנדרוק אַז דעם מאַנ'ס אַװעקגעהן פון דערהײם אין די נעכט איז צוליב'ן טאַטען, און געגען דעם האָט זי נאַטירליך גאַר ניט געקענט אויסזעצען נאָכדעם װי זי אַלײן האָט אַזוי שלעכט גע־האַנדעלט געגען איהם.

אין פאַרלויף פון דער צײט איז אָבער די פרוי געקומען אויפ'ן שפּור אַז דאָס אַװעקגעהן פון הויז, איהר מאַנס, האָט גאַר אַן אַנדער באַדײטונג; דער פאָטער האָט דאָ נור געדינט אַלס אויסרײד. אין אמת'ן אָבער איז ער גאַר געגאַנגען צו אַ יונגע מײדעל מיט װעמען ער האָט זיך אין דער צװישענצײט באַקאַנט און פלעגט מיט איהר הוליען און פאַרברײנגען, און דאַמיט געבען אַזוי צו זאָגען אַ דעמאָנ־סטראַטיװען אויסדרוק צו זײן פּראָטעסט געגען זײן אײגענע װײב. אָנפאַנגס איז עס געטאָן געװאָרען, װי געזאָגט, מעהר משנאת װײב װי מאהבת מײדעל; מיט דער צײט אָבער האָט זיך טאַקע אַנטװי־קעלט אַן אמת'ע ליעבע צװישען זײ. די װײב האָט נאָכשפּיאָנירט און אויסגעפונען אַלץ און אַלעס. עס האָט דערגרײכט דעם קריטי־שען פונקט און דער מאַן האָט די הויז גענצליך פאַרלאָזען.

עס האָט זיך אַרויסגעװיזען אַז דאָס מײדעל האָט אַרײנגע־נומען דעם פאָטער, דאָס הײסט דער װײבעל'ס שװער, צו זיך אין הויז װאו זי פּאַסט אויף אויף איהם מיט אַ געטרײשאַפט פון אַן אמת

איבערגעגעבענע טאָכטער און האָט דאדורך נאַטירליך געוואונען די ליעבע און טרייהייט פון דעם יונגענמאַן.

איצט איז שוין דער אלטער געשטאָרבען, אָבער די ליעבע צו די מיידעל לעבט נאָך אלץ. שוין דריי יאָהר זינט ער איז אוועק פון הויז און זי, דאָס ווייבעל, איז געבליבען פארפינסטערט, עלענד, הילפ-לאָז, צובראָכען און פארשעהמט. פון צייט צו צייט כאַפּט זיך דער מאַן אריבער צום ווייב כדי צו זעהן זייער איינציגעם קינד, א וואונ-דער שעהנע מיידעלע פון א יאָהר אכט. ער האַלט אוים דאָס ווייב און דאָס קינד, כאָטש, לויט דער ווייבעל'ס באַהויפּטונג, גיט ער ניט גע-נוג און זי מוז געהן ארבייטען. אָבער ניט דאָס איז דאָס וויכטיגסטע אין דער דאָזיגער אפּערע.

דאָס ווייבעל וויינט און קלאָגט. זי באַשולדיגט ניט קיינעם נור זיך אליין; זי אָנערקענט אז עס איז איהר אייגענע שולד, זי האָט ממש בידים אליין צובראָכען איהר גליקליכען פאמיליען לעבען. זי האָט איצט אמת חרטה און אין איהר גרעסטע פארצווייפלונג איז זי געקומען צו אונז נאָך אן עצה און פארלאנגט אונזער קאָאָפּערא-ציע אין דער זאַך אויסצואיבען אונזער איינפלוס אויף ביידען, אויפ'ן מאַן און אויף דאָס מיידעל, אויפצוגעבען זייער פריינטשאַפט און דערמיט העלפען צוריק אויפבויען דעם חרוב געוואָרענעם פאַמיליען לעבען זייערען.

מיר האָבען די „קיים" זעהר גערען אָנגענומען און מיר ווילען אַרויסזאָגען אונזער אויפריכטיגען מיינונג אין דיזער טרויעריגער אָנ-געלעגענהייט.

מיר ווילען ניט פּרובירען אויף א מינדעסטען האָר צו מיני-מיזירען דער יונג-ווייבעלס פאַרברעכערישע האַנדלונג. זי איז זיכער געווען צו לייכטזיניג און האָט ניט אויסגערעכענט צו וואָס אזא לייכט-זיניגקייט קען דערפיהרען.

דעם יונגערמאַנס האנדלונג ווידער לאָזט זיך פון א פּסיכאָלאָגי-שער זייט גאַנץ לייכט ערקלערען; און עס איז טאַקע כדאי זיך אביסעל פאנאַנדערקלייבען דערין.

עס זיינען פאראַן צוויי סאָרטען ליעבעס: די ליעבע פון קינ-דער צו עלטערען און די געשלעכטליכע ליעבע צווישען מאַן און

ווייב. עס איז אָבער לא הרי זו כהרי זו. עס זיינען צוויי סאָרטען ליעבעס פון צוויי כאַראַקטערע, און ווען אַט דיביידע ליעבעס קומען אין צוזאַמענשטויס איינע מיט די אַנדערע, קען מען גיכער געזויגט זיין צו גלויבען אַז די קינדער ליעבע וועט אַרויס די זיגערין, אויסען פּשוט׳ן טעם וואָס אַ ווייב קען מען אויסבייטען אויף אַן אַנדערע און טאַטע-מאַמע ניט. די ליעבע צו עלטערן, מוז אין אַזאַ פאַל גובר זיין און ביסלאַכווייז אַרויסשטויסען די ליעבע צו דער פרוי, פריהער אין הארצען און מחשבה, און נאָכדעם טאַקע במעשה.

עס איז אויך נאַטירליך אַז דאָרט וואו די געשעלכטליכע ליעבע ווערט אָפּגעקיהלט און אַרויסגעשטויסען מוז דער דאָזיגער חלל אויסגעפּילט ווערען מיט אַ שטעלפארטרעטער. די פרויען ליעבע מוז געפינען אַן ערזאַץ, דען דאָס איז דאָך אויך אַ נאַטור געזעץ ביי מענשענקינדער.

האָט דעריבער אַזאַ אויסגאַנג געקענט ערוואַרטעט ווערען און אויב די יונגע ווייבעל האָט עס ניט אויסגערעכענט פריהער איז עס נאַטירליך איהר אייגענער שולד און איז קוים פארצייהליך.

אָבער דאָס ווייבעל האָט שוין איהר שטראָף באַקומען. זי האָט שוין דורכגעמאַכט אין די דריי יאָהר איהרע שבעה מדורי גיהנום, און איצט, נאָך איהר פאַלשטענדיגער חרטה פאַרדינט זי געוויס איינזעהעניש.

דאַרף די דאָזיגע חרטה אין דער ערשטער רייהע דינען אַלס גרונטלאַגע פאַר פאַרצייהונג. דאָ זיינען אָבער פאַראַנען נאָך צוויי וויכטיגע מאָמענטען וואָס דאַרפען גענומען ווערען אין אָנבאַטראַכט. צום אַלעם ערשטען די האַנדלונג פון דאָס מיידעל וואָס איז לכל הדעות געווען ניט קיין שעהנע און ניט קיין עהרליכע. אוועקרויבען אַ מאַן פון אַ פרוי און אַ טאַטען פון אַ קינד, איז גאָר ניט קיין אָנשטענדיגע האַנדלונג, און אויב איבערוועגען די דאָזיגע צוויי פאַרברעכענס, די פון דער אייגענער ווייב און די פון דאָס מיידעל, וועט בלי ספק דאָס לעצטע אַריבערוועגען דאָס ערשטע; און אויב אַזוי, טאָ מיט וואָס איז פאַרברעכען נומער צוויי קלענער ווי פאַרברעכען נומער איינס, און מיט וואָס איז די צווייטע ליעבע וויניגער באַפלעקט ווי די ערשטע? אין אַזאַ פאַל דאַרף דעריבער די ערשטע

ליעבע וועמעס פלעקען זיינען שוין טיילווייז אָדער אין גאַנצען אָראָפּ־געשוויינקט געוואָרען דורך אויפריכטיגע חרטה, געווים האָבען די אויבערהאַנט אויף דער צווייטער ליעבע וועלכע איז נאָך אויך איצט אזוי פאַרברעכעריש באַפלעקט.

און דאן, און דאָס איז אפשר דאָס סאמע וויכטיגסטע, קומט די פראגע פון דאָס אומשולדיגע קינד וועלכעס מען גייט בידים מאַ־כען פאַר א לעבעדיגע אומגליקליכע יתומה׳לע. דאָס קינד איז דאָך געווים ניט שולדיג, טאָ פאר וואָס זאָל עס זיין דער קרבן פון איהרע עלטערענס זינד?

מיר זאָגען דעריבער אז אויב די סבה צו דער דאָזיגער מחלוקת זיינען געוועזן די אומשולדיגע עלטערען דער שווער מיט די שוויגער דאַרף די סבה צום שלום זיין דאָס אומשולדיגע קינד און די מחלוקת דורך עלטערען דאַרף קריגען איהר תקון אין דעם שלום דורך קינדער.

יעדענפאלס דאַרף די דאָזיגע טראגעדיע דינען אלס גוטע לעק־ציע פאַר פיעלע הונדערטער משפחות וואו אזעלכע עהנליכע טרא־געדיעס זיינען ניט קיין זעהר זעלטענע ערשיינונגען.

ה

ווען קינדער דאַרפֿען מדריך זיין עלטערען

די באַציהונגען צווישען עלטערען און קינדער זיינען, לויט אונזער תורה, אַוועקגעשטעלט געוואָרען אויף א געגענזייטיגען באַזיס. עס זיינען דאָ מצוות און געבאָטען וואָס געהען פון עלטערען צו קינדער און פאראַן אַזעלכע וואָס געהען פון קינדער צו עלטערען. מחנך צו זיין קינדער און זיי מדריך זיין בדרך הישר, איז אַ געבאָט פאר די עלטערען; עהרליך צו האלטען טאַטע-מאַמע און אויף זיי געהעריג אויפפאסען, איז דער געבאָט פאר די קינדער.

אונטער נאָרמאַלע אומשטענדען דאַרף עס שטענדיג געהן אין דער דאָזיגער ריכטונג. עס טאָר ניט זיין קיין עירובי תחומין, איש על מחנהו ואיש על דגלו. יעדערער דאַרף אויף אַן עהרנהאַפטיגען אופן דערפילען די פונקציע צו וועלכע ער איז באַשטימט געוואָרען און ניט די וועלכע געהער צום צווייטען צד. מען טאָר ניט פאַרבייטען די יוצרות; זאָלען די עלטערען ניט זוכען מקיים צו זיין קיין „כבד את בנך ואת בתך" און זאָלען די קינדער ניט זוכען מדריך צו זיין די עלטערען.

פאַראַן אַן אַלטער שעהנער משל אין פאַרבינדונג דערמיט:

פאַר וואָס — פרעגט מען — אַז מען הויבט אָן אַ קינד צו לערנען געהן און אָנפאַנגס נאַטירליך פאלט עס דאָך ביי יעדען פוסטריט, קומען דאַן טאַטע-מאַמע צו הילף און די שמחה איז געוואַלדיג גרויס סיי פון טראָט און סיי פון פאַל; פאַר וואָס זשע אָבער ווען עס טרעפט אַז אַן אַלטער טאַטע קען שוין נעבאָך ניט געהן און נויטיגט זיך אין דעם אָנשפאַר פון קינד דעמאָלט געראַדע ברייינגט עס שוין ניט קיין שמחה נור טרויער? דער ענטפער איז: ווען אַ קינד ווערט געפיהרט פון טאַטען דאַרף עס טאַקע זיין אַ שמחה, ווען אָבער אַ טאַטע ווערט געפיהרט פון קינד קען שוין דאָן קיין שמחה ניט זיין . . .

יאָ, אַ טאַטע דאַרף זיין דער מורה דרך פון קינד און ניט פאַר־קעהרט. צום קינד געהער די מצוה פון כבוד אב און ניט פון חנוך אב.

דאָס איז, ווי געזאגט, אונטער נאַרמאַלע אומשטענדען, עס איז אָבער אַמאָל פאַראַן אַ יוצא מן הכלל, ווען מדריך זיין טאַטע־מאמע איז אויך אַ טהייל פון כבוד אב ואם; עס איז אזוי צו זאָגען אַ מאָדערנער פירוש צו דער דאָזיגער מצוה. אין אַזעלכע פעלע ווערט די הדרכה פונקציע אַן אונטיילבארער חלק פון דער כבוד פונקציע און פאַלט פאַלגליך אַלס פליכט אויף די קינדער. יאָ, אַזעלכעס טרעפט אויך אַמאָל ווען דאָס קינד דאַרף פיהרען דעם טאַטען, און כאָטש דאָס איז, ווי געזאָגט, ניט קיין נאָרמאַלער צושטאַנד און קען קיין צופיעל פארגעניגען ניט פארשאפען, מוז עס אָבער דער קינד טאָן אויב ער וויל בלייבען עהרליך צו זיינע פליכטען און ניט פאַרלעצען די מצוה פון כבוד אב.

אלס אילוסטראַציע צו דאָס אויבענגעזאָגטע, ווועלען מיר איבער־געבען פאָלגענדען פאַל וואָס, ווי מיר גלויבען, איז ניט אַן איינציגער אין אונזער אידישען פאַמיליען לעבען. פאַראַן היבש פון דעם מין און עס איז דעריבער כדאי אַז די באַטרעפענדע זאָלען דעם דאָזיגען פאַמיליען קאַפּיטעל שטודירען אויף אַן אויפריכטיגען אופן און אַזוי אָרום פאַרמיידען די דאָזיגע איבלען וואָס פאַרשאַפען אַזוי ווייניג כבוד אונזערע חיי המשפחה.

אין אַ געוויסען אווענט קומען אריין אין מיין פריוואט וואוי־נונג אַן אלטער מיט אַן אלטיטשקע, ביידע אין אַן אויפגערעגטען צושטאַנד, און פאַרלאַנגען פון מיר דרינגליך זיי אויסצוהערען. ווען איך האָב זיי פּרובירט ערקלעהרען אַז איך בין גראַדע איצט זעהר מיעד, געהאַט אַ שווערען אָנגעשטרענגטען אַרבייטס טאָג און איך וואָלט זיי דעריבער געראַטען אָפּצולייגען די זאַך אויף מאָרגען, האָבען זיך ביידע געוועהרט געגען דעם מיט אַלע כחות. אדרבא, האָבען זיי געזאָגט, דוקא ווייל איך בין מיעד דאַרף איך ערשט אויפנעהמען זייער „קיים", איצט, זאָגען זיי, וועל איך די „קיים" קענען בעסער פאַרשטעהן ווייל אויך זי, די קיים, האָט צו טאָן מיט מיעדקייט. זיי זיינען נעמליך, ביידע מיעד פון זייער לאַנגיאָריגען צוזאַמענלעבען און מוזען איצט אומבאַדינגט מאַכען אַן ענדע דערפון — זיי מוזען זיך גט'ן . . .

ווי לאנג זיינט איהר פארהייראט? — פרעג איך, און דער ענטפער איז געווען — ארום זיבען שמיטות.

זיבען שמיטות? רוף איך אוים מיט גרויס פאַרוואונדערונג. ביי לייטען גרייט מען זיך דאָך שוין צו דער גאָלדערנער חתונה און ביי אייך האַלט עס גאַר ביי אַ גט? ! כ'לעבען ס'איז ניט שעהן, פאַרגעסט דערין און לאָמיר בעסער שמועסען מכח דעם יובל אייערען וואָס שטעהט שוין אויף דער שוועל.

פאַרלויפט מיר דער אַלטיטשקער דעם וועג און זאָגט צו מיר: רבי, איך בין טאַקע אויך געקומען מכח'ן יובל; פאַרגעסט אָבער ניט, רבי לעבען, אַז דער תורה יובל איז דאָך אויך געפייערט געוואָרען מיט „שלוח עבדים", און גלויבט מיר הייליג, אַז דער דאָזיגער „גט אשה" צו „איהר" וועט שוין אויך זיין אַ „גט שחרור" פאַר „מיר". יאָ, פיהרט דער אַלטיטשקער אוים, שוין צייט זיך באַפרייען פון מיין שקלאַפעריי, און איהר רבי'ניו, זייט, איך בעט אייך, דער גוטער שליח דערצו, איך בעט אייך, רבי, איך בעט אייך.

אין פאַרלויף פון אונזער לאַנגען געשפרעך האָב איך זיך גע־נויער באַקאַנט מיט זייערע אַלע פאַמיליע אָנגעלעגענהייטען. איך האָב אויסגעפונען אַז זיי האָבען זעהר גראַטענע קינדער, אַלע פאַר־מעגליכע און פאַרנעהמען אַ בכבוד'יגען פּלאַץ אין דער געזעלשאַפט. זיי האָבען שוין אויך אויסגעגעבענע אייניקלאך, אַלע געשטודירטע און גאַר אנשטענדיגע. זיי אַליין, די אַלטיטשקע הייסט עס, זיינען אויך עקאָנאָמיש פיין באַזאָרגט און דאַרפען, חלילה ניט אָנקומען צו די קינדער אָבער דאָך ווילען זיי זיך ביידע גט'ן ווייל זיי שטימען ניט אין קיין זאַך און דער גאַנצער לעבען זייערער איז איין קייט פון צאַנקערייען און קריגערייען. זיי האָבען קיינמאָל קיין שלום בית ניט געהאַט; נור כל זמן די קינדער זיינען נאָך ניט אַלע געווען פאַרהייראַט האָבען זיי רחמנות געהאַט אויף די קינדער, האָבען מורא געהאַט עס זאָל זיי ניט שאַדען צו שדוכים, איצט אָבער אַז די קינדער זיינען שוין אַלע פאַרזאָרגט, גלויבען זיי, איז די צייט אַז זיי זאָלען שוין זיך אַליין אויך אַ ביסעל פאַרזאָרגען.

איך האָב פאַר זיך געהאַט אַ שווערע אויפגאַבע זיי צו איבער־צייגען אַז יענע טעמים וואָס האָבען זיי אָפּגעהאַלטען ביז איצט דעם

דאַזיגען שריט צו מאַכען, זיינען נאָך איצט אויך ניט באַזייטיגט געוואָרען; עס איז נאָך איצט אויך אַ רחמנות אויף די קינדער; מען וועט אויף זיי טייטלען מיט די פינגער און עס וועט שעדיגען זייער רעפּוטאַציע. אפילו דער ענין פון שאדען צו שדוכים איז נאָך אויך איצט גילטיג פּונקט ווי פריהער, און אויב ניט די שדוכים פון קינדער איז עס פון קינדס קינדער. עס וועט זיין ווי אין פסוק שטעהט: „אבות אכלו בוסר ושני בנים תקהינה”. מען וועט אָנווענדען אויף זיי, אויף די קינדער זייערע, דעם תלמודישען אויסדרוק וואָס זאָגט: „תולדותיהן כיוצא בהן”, מסתמא זיינען די קינדער ניט בעסער פאַר די עלטערען.

איך האָב זיך פאַרמאַסטען אין קאַמפף און איינגעשפּאַנט אַלע מיינע פיזישע און גייסטיגע כחות אין דער אָפּענסיווע. עס איז געווען ווי מען רופט עס אין היינטיגען לשון אַ נערוועז מלחמה. אָנגעפיהרט מיט געהעריגען טאַקט און סטראַטעגיש מאַנעווירט.

און געטאָן האָב איך עס טאַקע בלויז צוליב די קינדער. איך בין באַהערשט געוואָרען פון אַ שטאַרקען רחמנות געפיהל וואָס האָט טיעף דורכגעדרונגען מיין נשמה און אַרויסגערופען אין מיר מיין פולסטע סימפּאַטיע צו די אומבאַקאַנטע שעהנע און ערענדטליכע קינדער.

כאָטש אין אמת'ן האָט עס ביי מיר אויך אַרויסגערופען אַ געפיהל פון פאַרדרוס טאַקע געגען אָט די זעלבע קינדער. איך האָב אין פאַרלויף פון געשפּרעך אויסגעפונען אז די קינדער, ווען זיי וואָלטען נור געוואָלט, וואָלטען זיי זעהר פיעל געקענט באַווירקען די עלטערען, און נאָך אין די פריהערדיגע יאָהרען געקענט אָפּשטעלען זייערע פאַמיליע קאָנפליקטען און ס'וואָלט איצט ניט געדאַרפט קומען צו קיין גט פּראָבלעמען.

געטאָן האָבען דאָס אָבער די קינדער ניט, טאַקע צוליב זייער עדעלקייט און אָפּשיי פאַר זייערע עלטערען. עס איז ביי זיי אויסגעקומען אַז זייער אַריינמישען זיך אין דער זאַך וואָלט געווען אַ פאַרלעצונג אין זייער רעספּעקט צו טאַטע-מאַמע, אַ מין פגימה אָדער חלול אין זייער כבוד אב ואם.

איז מעגליך די כונה געווען אַ גאַנץ אויפריכטיגע אָבער די

האַנדלונג גופא ניט. דען ווי מיר האָבען אַנפאַנגס געזאָגט מעג מען זיך מאַנכעס מאָל בייטען מיט די ראָלען, און אויב די קינדער פיהלען אַז די עלטערען וועלען זיי רעספעקטירען און זייערע רייד וועלען זיין וואָגיג, אַזוי אַז עס וועט זיין אין דער בחינה פון „כבד את בניך ואת בנותיך”, מעגען די קינדער אין אַזאַ פאַל איבערנעהמען די ראָלע פון די עלטערען און אַנווענדען אויף זיי די מצוה פון חנוך, זיי צו ערציהען און מדריך זיין בדרך הישר און זיי ניט לאָזען אַוועק אויף פאַלשע דרכים, ווייל, ווי געזאָגט, איז אַזאַ מין הדרכה אויך אין גייסט פון כבוד אב ואם; עס באַשיצט זייער כבוד און לאָזט ניט באַפלעקען זייער לעבענס רעפּוטאַציע.

זיינען אַזעלכע פאַלען ניט גאָר קיין זעלטענע ערשיינונגען אין לעבען און קלוגע קינדער האָבען פון דערפון היבש צו לערנען.

ו

צופיעל געטריישאַפט איז אויך אַ חסרון

דאָס אידישע ווערטעל זאָגט: וואָס צו איז איבעריג. יעדער זאַך איז גוט מיט אַ מאָס, מיט אַ גרעניץ; מעג עס זיך האַנדלען אפילו אין גוטהערציגקייט, אין מדות טובות, טאָר מען אויך ניט איבערכאַפּען די מאָס און אַריבערגעהן דעם גרעניץ.

דער נאָמען מדות טובות אַליין איז אַ באַווייז און באַשטעטיגונג דערצו. דאָס וואָרט „מדה" מיינט אַ מ אָ ס. הייסט עס אַלזאָ אַז אפילו גוטע זיטען וואָס זיינען דער גרעסטער שבח פון דעם מענשען, דאַרפען אויך זיין באַגרעניצט און מיט אַ באַשטימטער מאָס.

אפילו פרומקייט טאָר אויך ניט איבערכאַפּען די מאָס און קוים כאַפּט איינער די מאָס יאָ אַריבער ווערט אַזעלכער באַצייכענט אַלס אַ „וצדקתך" . . .

„פרום — איז פאַלש" לויטעט אַן אויסדרוק פון אַן אַלטען וועלט באַריהמטען צדיק (זעה די הנהגות פון רבי אהרן קאַרלינער אין זיין קלאַסישען ספר „בית אהרן").

אין גייסטיגע זאַכען, אין רוחניות, איז פונקט ווי אין פיזישע זאַכען, אין גשמיות. עסען איז אַ נויטווענדיגע זאַך צו דער אויפהאַלטונג פון דעם קערפּערליכען עקזיסטענץ; פונדעסטוועגען ווייסט מען אַז זיך איבערעסען איז שוין שעדליך; דער מאָגען קען ניט פאַרטראָגען קיין איבעריג שפּייז. אין נשמה זאַכען איז אויך פאַראַן אַזאַ זאַך ווי איבערכאַפּען די מאָס און דאַן ווערט עס שעדליך פאַר דער נשמה.

נאַטירליך זיינען פאַראַנען אויסנאַהם פעלע, יוצאים מן הכלל. גאָר גרויסע צדיקים וועלכע זיינען איבערמענשליך אָדער ווי מען רופט עס אין העברעאיש: „אדם העליון", וועמענס התנהגות איז טאַקע יאָ מחוץ לדרך הטבע, דיזע זיינען אָבער נור יחידי סגולה און

דער דורכשניטליכער מענש קען פון זיי ניט לערנען און קען זיך צו זיי ניט פאַרגלייכען.

די גמרא זאָגט אויף אַ געוויסען פּלאַץ אַז „הרבה עשו כרבי שמעון בן יוחאי ולא עלתה בידם". ווי באַוואוסט האָט ר' שמעון בן יוחאי פאַרבראַכט גאַנצע דרייצען יאָהר אין אַ הייל און האָט דאָרטען געלערנט תורה בקדושה ובטהרה, ניט אָנגעקוקט די וועלט פאַר זיך און האָט זיך ערנעהרט פון אַ באָקסער בוים און אַ וואַסער קוואַל; און ווען ער האָט ענדליך ווידער דערזעהן די שיין פון דער וועלט פאַר זיך האָט ער שוין די דאָזיגע וועלט ניט געקענט פאַרטראָגען; זי איז געווען צו מגושם'דיג פאַר איהם.

נו, האָבען זיך געפונען נאָך מענשען וועלכע האָבען געוואָלט נעהמען רבי שמעון בר יוחאי פאַר א ביישפּיל און זיך אויך פאַרנומען אויף זיינע דרכים פון פּרישות, האָבען געוואָלט ווערען גייסטיגע „איזאָלאַציאָניסטען", עס האָט זיך זיי אָבער ניט איינגעגעבען. אַזעלכע דרכים זיינען ניט פאַר'ן כלל. עס קען זיך בלויז איינצעלנע מענשען, יחידי סגולה, איינגעבען אָבער ניט דורכשניטליכע מענשען וואָס באַלאַנגען צום כלל און ניט צו די יוצאים מן הכלל.

די וועלט טייטשט דעריבער אוים דעם דערמאָנטען מאמר אַזוי: „הרבה עשו כרבי שמעון בן יוחאי", אויב אַ סך ווילען טאָן ווי ר' שמעון בן יוחאי, דאַן איז „ולא עלתה בידם" קען זיך עס זיי ניט איינגעבען. ניט אַלע קענען זיין ר' שמעון בן יוחאי'ס . . .

און דערפאַר זאָגען מיר אַז אויך צדקות, פרומקייט און סתם מדות טובות מוזען פּראַקטיצירט ווערען נור אין די באַשטימטע ראַמען פון מאָס און גרעניץ און קיינמאָל ניט פּרובירען צו גנב'ענען דעם גרעניץ . . .

דער תנא אין אבות זאָגט: „ועשו סיג לתורה". די פּשוט'ע כונה דערפון איז דוקא יאָ מוסיף צו זיין געוויסע חומרות וואָס דאַרפען דינען אַלס צוים און גדר נישט עובר צו זיין אויף די דברי תורה אַליין. פון דעם כאַראַקטער זיינען די גרעסטע טייל פון „דרבנן'ס", די „שניות לעריות", „שבות לשבת", און נאָך צעהנדליגע אַזעלכע.

אָבער בלויז די חכמים וואָס זיינען געווען די גרעסטע אויטאָריטעטען פון אונזער תורה שבעל פה, בלויז זיי, זיינען געווען קאָמ-

פעטענט צו מאַכען אַזעלכע נדרים און סיגים פאַר דעם גאַנצען כלל אָבער „לא כל הרוצה ליטול את השם יבוא ויטול", ניט יעדער יחיד קען זיך מאַכען אַן אייגענע תורה שבעל פה. אין אַזאַ פאַל לאָזט זיך דער „ועשו סיג לתורה" אויסטייטשען דוקא אין א פארקעהרטער ריכ־טונג, נעמליך: איהר דאַרפט מאַכען אַ צוים און אַ גרעניץ צו דער תורה און זיך ניט ערלויבען צו מאַכען גרעניצלאָזע חומרות ווי איינעם וועט זיך גלוסטען.

און וויל זיך איינער יאָ איבערקליגען און אַרויפשלעפּען אויף זיך איבערטריבענע חומרות, מעג ער אפילו האָבען דערביי די עהר־ליכסטע און אויפריכטיגסטע כונות, מוז ער עס ענדליך באַדויערען און אַליין אָנהויבען פיהלען דעם „ולא עלתה בידו".

מיר ווילען דאָ אין קורצען איבערגעבען אַ פּאַטעטישע געשיכ־טע וואָס דאַרף דינען אַלס אילוסטרירטע באַשטעטיגונג צו די דאָזיגע הנחות און מסקנות.

אַן עלטערע מיידעל, שוין ווייט אין די דרייסיגער, קומט צו אונז נאָך אַן עצה און דערציילט אונז אַ ריהרענדע געשיכטע וואָס ברייננגט מיט זיך אַרוים אַן אויסערגעוועהנליכען פאַל פון קינדערס איבערגעבענהייט צו עלטערען. דער סוביעקט פון דער דאָזיגער איבערגעבענהייט איז טאַקע אָט די דערמאָנטע מיידעל וועלכע איז די העלדין פון דיזער דראַמאַטישער פּאַסירונג.

איהר מוטער איז געווען זעהר אַ קראַנקע פרוי וואָס האָט זיך גענויטיגט אין ספּעציעלער אויפזיכט און שטענדיגע אויפפּאַסונג; און כאָטש זי האָט געהאַט עטליכע קינדער איז אָבער קיינער פון זיי ניט געווען אַזוי גוואַלדיג איבערגעגעבען צו דער מאַמען ווי זי, די מיידעל. איהר האָט מעהר ווי איהרע ברידער און שוועסטער באַ־נומען ביים הארצען דער מוטער'ס לאַגע, און זי האָט דעריבער באַשלאָסען זיך אין גאַנצען איבערגעבען צו איהר און האָט דעם באַ־שלוס פּינקטליך דורכגעפיהרט. זי איז נעמליך געוואָרען איהר נוירס פאַר בייטאָג און ביינאַכט, און איז פשוט פון בעט ניט אָפּגעטראָטען און ניט געזעהן די ליכטיגע שיין פאַר זיך.

און אַזוי זיינען די יאָהרען געלאָפען. עס האָט ניט געהאָלפען די לאָגישע רייד פון די אַנדערע פאַמיליע מיטגלידער און סתם גוטע

פריינד מיט וועלכע זיי האָבען געזוכט איבערצייגען דער געטרייער טאָכטער אַז די דאָזיגע געטריישאַפט איז ווייט ווייט אַריבער די גרעניץ, און אַז דאַדורך מאַכט זי זיך אַליין פאַר אַ קרבן און ווערט אַ מעהר טראַגישע פיגור פאַר דער מוטער גופא. זי האָט זיך געהאַל-טען ביי דאָס איהריגע אַז זי וועט די מוטער פאַר קיינפאַל ניט פאַר-לאָזען אפילו ווען דאָס זאָל איהר קאָסטען איהר גאַנצער לעבענס צוקונפט.

עס זיינען געווען פאַרשידענע פאָרשלאָגען, גאַנץ פּראַקטישע ווי אַזוי צו באַזאָרגען די הילפסלאָזע מוטער, אָבער די טאָכטער האָט פון קיין זאַך ניט געוואָלט הערען און דיינקען און האָט פון דער מו-טערס בעט ניט אָפּגעטראָטען.

עס פאַרשטעהט זיך אַז מיט איהר צוגעבונדענקייט צו דער מוטער האָט זי בידים פאַרשטויסען פון זיך אַלע מעגליכע שאַנסען אין פאַרבינדונג מיט איהר צוקונפט.

ענדליך איז די מוטער געשטאָרבען און די טאָכטער, פאַר-שטעהט זיך, געפינט זיך איצט אין אַ זעהר פאַרצווייפעלטער לאַגע. אָבער דערמיט האָט זיך נאָך די געשיכטע ניט געענדיגט. דער לעצטער אַקט איז נאָך פיעל מעהר טראַגישער ווי די פריהערדיגע.

די טאָכטער זאָגט אַז אפילו איצט גלויבט זי אַז איהרע האָפע-נונגען זיינען נאָך אין גאַנצען ניט פאַרלאָרען, און וואָלט זיך נאָך אויך איצט געקענט צוקלייבען איהר באַשערטען לויט איהר איצ-טיגען שטאַנד און באַדינגונגען. אלא וואָס דען? און דאָ, הערט און שטוינט. זי גלויבט אַז אויב זי זאָל איצט געהן חתונה האָבען וועט זי נאָך אַלץ קריוודען איהר מוטער. עס וועט זיין, גלויבט זי, אַ פאַר-שוועכונג פאַר דער מוטער'ס כבוד פאַר וועמען זי האָט זיך אַזוי פיעל געאָפּפערט און איצט, קומט אויס וועט זי שוין אין איהר פאַרגעסען, און, זאָגט זי, „די מוטער וועט נאָך פילייכט ברוגז זיין אויף מיר" . . .

אָבער גראַדע אויף דעם דאָזיגען לעצטען אַקט ווילען מיר זיך ניט אזוי פיעל אָפּשטעלען. אָט דאָס קען יעדערער פאַרשטעהן אַז עס האָט שוין צו טאָן מיט פּשוט'ע משוגעת אָדער מילדער גערעדט, מיט נאַרישען פאַנאַטיזם. אַ מענש אַ בר דעת האָט געדאַרפט פיהלען און אויך פאַרשטעהן אַז כדי ניט צו פאַרשוועכען די מוטער'ס כבוד

און כדי די מוטער זאָל נ י ט „ברוגז זיין” איז עס ערשט איהר היילינגסטער פליכט דוקא יאָ חתונה האָבען און ברייננען דורות אויף דער וועלט מיט וועלכע עס וועט פאַרטגעזעצט ווערען דער מוטערס קיום וואָס מיר רופען אומשטערבליכקייט. דאָס איז ערשט דער אמת׳ר כבוד אב ואם אויף וועלכען די תורה זאָגט: „למען יאריכון ימיך”. דען די נייע אויפגעשטעלטע דורות זיינען דאָך דער המשך פון די פריהערדיגע דורות; דער „דור בא” איז דאָך דער ערזאַץ פון דעם „דור הולך”, ליגט דאָך פאָלגליך אין דעם דער אמת׳ער סוד פון „למען יאריכון ימיך”.

איז דעריבער, ווי געזאָגט, ניט וועגען דעם א י צ ט ווילען מיר דאָ דן זיין, נור דוקא וועגען דעם פ ר י ה ע ר, וועגען דער האַנדלונג בעת די מוטער האָט נאָך געלעבט.

און עס מאַכט ניט אוים וואָס אין דיזען באַטרעפענדען פאַל איז עס דאָך שוין אין דער בחינה פון „אין צועקין על לשעבר”, דאָס פאַר־גאַנגענע איז דאָך שוין אַריבער און מען קען עס דאָך שוין נישט צוריקברייננען. מיר האָבען אָבער דאָ אין זינען אַזעלכע און עהנליכע פאַלען וואָס קענען זיך נאָך טרעפען און עס איז דערפאַר אַ פליכט, גלויבען מיר, אַנצואווייזען דאַרויף ווי קרום און פאַלש אַזעלכע אויפ־פאַסונגען זיינען דערפאַר וואָס זיי געהען א י ב ע ר דער מאָס און לויפען א י ב ע ר דער גרעניץ.

און גראַדע אין אָט דעם פאַל וואו כבוד אב ואם קומט אין צו־זאַמענשטויס מיט דעם אייגענעם צוקונפטס שיקזאַל, זעהען מיר אַ ספעציפישע אָנווייזונג אין דער תורה גופא ווי אזוי ניט ריכטיג אונזער העלדינ׳ס האַנדלונג איז געוועזן.

מעגען מאַנכע אפשר באַטראַכטען די דאָזיגע אָנווייזונג ווי א פשט׳לדיגע, אַ דרוש׳מעסיגע, קימערט עס אונז לגמרי ניט קוים איז מען נור אין עצם הדבר מסכים מיט אונז. און אַז די דאָזיגע הסכמה האָבען מיר פון יעדען רעכטדיינקענדען מענש, וועגען דעם קען גאָר ביי אונז קיין ספק ניט זיין.

קענען מיר שוין דעריבער איצט ברייננען אונזער „ראיה לדבר” אָדער אַפילו בלויז „זכר לדבר” אויף אָט דעם ספעציפישען פאַל.

ווען די תורה רעדט וועגען דער מצוה פון חתונה האָבען

דריקט זיך דער פסוק אויס אַזוי: „על כן יעזוב איש את אביו ואת אמו ודבק באשתו". איז דאָך זיכער אַז די תורה מיינט דערמיט ניט צו זאָגען אַז אויפ'ן חשבון פון „ודבק באשתו" זאָל ער פשוט אָוועקשטויסען די מצוה פון כבוד אב ואם; אויב אַזוי, וואָלטען מיר דאָך דערפון געלערנט אַ מאָדנעם חדוש און געקומען צו אַ נייע באַהויפּטונג לויט וועלכער עס וואָלט אויסגעקומען אַז די מצוה פון כבוד אב ואם איז נור חל ביז דער חתונה און שפּעטער שוין ניט. געפינט זיך אָבער אַזאַ דין אין ערגיץ ניט.

טאָ וואָס זשע פּאָרט מיינט די תורה מיט דעם „על כן יעזוב איש את אביו ואת אמו"? לאָזט זיך דערפאַר זאָגען אַז דערמיט איז אונז געגעבען געוואָרען אַ סימבאָלישע אָנווייזונג אויף אַזעלכע ספּעציפישע פאַלען ווי דער וועלכען מיר באַהאַנדלען דאַ.

אַ מענש זאָל ניט דיינקען אַז צוליב די מצוה פון כבוד אב ואם וועלכע קען אַמאָל טיילווייז ליידען דורכדעם וואָס ער וועט חתונה האָבען, זאָל ער דעריבער מעגען מבטל זיין די מצוה פון פרו ורבו און זיך האַלטען ביז די ענדע פון טאַטע-מאַמעס לעבען אָנגעבונדען אין זיי, זאָגט דעריבער די תורה אַז אַזוי טאָר מען ניט האַנדלען, נור דער „ודבק באשתו" דאַרף פאַרווירקליכט ווערען אפילו ווען דאָס איז פאַרבונדען מיט דעם „יעזוב איש את אביו ואת אמו", און וואָס אָנבאַלאַנגט די מצוה פון כבוד אב ואם זאָל זי פאָרטגעזעצט ווערען נאָך דער חתונה אין אַזאַ מאָס ווי די נייע אומשטענדען וועלען עס נור מעגליך מאַכען.

סיי ווי, דער לעצטער סך הכל איז, אַז יעדער מצוה און יעדער מדה טובה זאָל זיך טאַקע אָפּגעהיט ווערען אויפ'ן בעסטען און שעהנסטען אופן, אָבער אַלץ אין די גרעניצען פון דין און פון יושר; אַריבערשפּרינגען דעם גרעניץ טאָר מען ניט. דאָס איז שוין בכלל פון „לא תוסיפו" וואָס איז פונקט אַזאַ פאַרבאָט ווי דער „ולא תגרעו".

עס דאַרף זיין אַלץ מיט אַ מאָס — במדה ובמשקל!

ז

די עשרת הדברות אין געריכט הויז

ווי מיר ווייסען זיינען די מצוות פון אונזער תורה ניט אַלע פון איין געוויכט און ניט אַלע קענען געמאָסטען ווערען מיט איין מאָס־שנור. פאַראַן הארבערע און פאַראַן גרינגערע; פאַראַן סתם מצות עשה און ס'איז אויך פאַראַן מצות עשה שיש בה כרת ווי קרבן פסח צום ביישפּיל; פאַראַן מצות עשה שלאחרי הדבור און מצות עשה שלפני הדבור; און פאַראַן אויך אַזעלכע מצוות וואָס ס'איז אויף זיי געזאָגט געוואָרען „שקולה כנגד כל התורה כולה".

ווער שמועסט אין מצות לא תעשה איז דאָך אודאי פאַראַן מדרגות: סתם לאווין, לאו שיש בו כרת און לאו שיש בו מיתת בית דין, אזוי אז ניט אלע תורה געבאָטען קענען אוועקגעשטעלט ווערען אין איין שורה. יעדערער פון זיי האָט זיך זיין ספּעציפישען כאַראַקטער און זיין באזונדער אָפּשאַצונג.

צווישען די גאָר האַרבסטע עבירות האָבען אונזערע חכמים גערעכענט די וועלכע זיינען פאַרבונדען מיט חלול השם. דאָס האָט אפילו אויך אַ מקור אין דער תורה גופא. אָט געפינען מיר למשל ביים דין פון „כפל" וואָס איז נוהג נור ביי גנבה, ווערענד ביי גזלה באַצאָלט מען נור דעם קרן און ניט מעהר. און כאָטש אויגענשיינליך קוקט אויס אַז אַ גזלן, אַן „האָלד האַפּניק" איז אַ גרעסערער פאַר־ברעכער ווי אַ פּשוט'ער גנב, איז פונדעסטוועגען דעם גנב'ס שטראָף א גרעסערע. דער טעם דערפון איז, ווייל דער גזלן האָט דאָך ניט גע־שטעלט דעם געטליכען כבוד אָדער מורא קלענער פאַר דעם מענש־ליכען. ער האָט געוויזען מיט זיין עפענטליכען גזלה אַקט אַז ער שרעקט זיך ניט, ניט פאַר ג־ט און ניט פאַר מענשען. דער גנב אָבער וועלכער האָט מורא צו באַגעהן זיינע רויבערשע אַקטען אין דער עפענטליכקייט, ציינט ער דאָך אַז פאַר'ן מענשען האָט ער יאָ מורא

אָבער פאַר ג־ט כאָטש מען קען זיך דאָך פון „איהם" ניט באַהאַלטען, „ער" זעהט דאָך שטענדיג, האָט ער פונדעסטוועגען קיין מורא ניט געהאַט, האָט ער דאָך דאַמיט געשטעלט דעם מענשליכען כבוד העכער פאַר'ן געטליכען און מחלל השם געווען, דאַרף דערפאַר זיין שטראָף זיין אַ גרעסערע.

מען קען זיך שוין דעריבער פאָרשטעלען ווי גרויס די זינד פון חלול השם דאַרף זיין ווען דער דאָזיגער חלול ווערט אַריינגעבראַכט אין די גוי'אישע געריכטס הייזער און די גוי'אישע ריכטער דאַרפען זיין די באַשיצער פון דער אידישער תורה און פון שם שמים, זיי דאַרפען עס אויסטיילען שטראָפען פאַר די וואָס פאַרברעכען געגען דער תורה און זיינען מחלל שם שמים.

און אַזעלכע העסליכע חלול השם אַקטען זיינען לײדער אַ טעגליכע ערשיינונג אין אונזער אידישען לעבען. די גוי'אישע געריכט הייזער זיינען אָנגעפילט מיט פּראָצעסען פון דעם דאָזיגן מין וואָס פאַרשאַפן געווים קיין כבוד ניט צו אונזער פאָלק און ברייננגען אַרויס אַ גרויסען חלול השם.

איינער פון די סאָרט פּראָצעסען וואָס וואַרפט זיך מעהר אין די אויגען, און פון וועלכען עס פלאַמט פּשוט דער פּנים פון שאַנדע, איז דער וואָס האָט צו טאָן מיט אָנקלאַגעס געגען די קינדער וואָס ווילען ניט „סופּאָרטען" זייערע אַלטע טאַטע־מאַמע, וועלכע זיינען געבליבען צו דער עלטער הילפלאָז און אָהן מיטלען צו קענען זיך ערנעהרען.

איז דאָך דער דאָזיגער פליכט פון קינדער צו עלטערן איינער פון די צעהן געבאָטען. עס איז דאָך די מצוה פון כבד את אביך ואת אמך וואָס ווערט פון אונזערע חכמים אינטערפּרעטירט מיט'ן דין פון „וחייב להאכילו ולהשקותו" און ווען מען ברייננגט אַריין אַזעלכע פּראָצעסען אין די גוי'אישע געריכט הייזער, מיינט עס דאָך צו זוכען ביים גוי פּראָטעקציע פאַר אונזערע עשרת הדברות אַז זיי זאָלען געהעריג אָפּגעהיט ווערען . . . איז דאָך מיט דעם גופא שוין געננוג גרויס דער חלול השם.

אין אָט דעם ענין פון כבוד אב איז אָבער דער חלול השם נאָך גרעסער. אין דעם פאַל איז עס ניט בלויז דער חלול פון ג־ט'ס געבאָט

נור טאקע חלול השם כפשוטו, די פארשוועכונג פון „שם השם" אין ווערטערליכען זין — אבער דערצו א שטיקעלע הקדמה.

די גמרא זאגט אין מסכת קדושין: „מאי דכתיב יודוך ה׳ כל מלכי ארץ כי שמעו אמרי פיך, מאמר פיך לא נאמר אלא אמרי פיך, בשעה שאמר הקב"ה לישראל אנכי ולא יהיה לך, אמרו אומות העולם, לכבוד עצמו הוא דורש, כיון שאמר להם כבד את אביך ואת אמך חזרו והודו למאמרות הראשונות".

מאכט עס לגמרי ניט אויס ווי אזוי דער כבוד אב ואם האט געקענט דינען אלס סבה צו דער אנערקענונג פון די דברות הראשונות, אנכי ולא יהיה לך, דאס לאזט זיך שוין אויסטייטשען אויף פאר־שידענע אופנים און א סך איז שוין וועגען דעם געשריבען געווארען מצד די רבנים און דרשנים.

אבער וואס עס זאל ניט האבען געוועזען די סבה, דער פאקט בלייבט א פאקט אז די מצוה פון כבד את אביך האט געדינט ווי א ראטיפיצירונג צום ערשטען דבור פון אנכי ה׳ אלקיך. און אויב מען איז מבטל די מצוה פון כבוד אם ואם ווערט דאך פאלגליך לגבי די גוים אויך דער „אנכי" געשטעלט אונטער א פראגע צייכען, נו, קען עס דען שוין געבען א גרעסערער חלול „השם" דערפון? דאס איז דאך טאקע די פארשוועכונג פון ג־ט׳ס נאמען, פון אנכי ה׳ אלקיך!

און אויב חלול השם איז אלעמאל און אומעטום באטראכט געווארען פאר איינע פון די גאר שרעקליכסטע עבירות אפילו אין די צייטען ווען מיר זיינען געוועזען א פאלק צו פעלקער גלייך, בשבתנו על אדמתנו ועל נחלתנו, על אחת כמה וכמה ווען מיר געפינען זיך אין גלות, וואו די שנאה צו אונז איז אזוי גרויס אפילו אין די ניט גראדע אפגעשטאנענע לענדער; דא אין דעם גלות העמים וואס מען קוקט אויף אונז מיט גרויסע שפאקטיוועז און מיקראסקאפען אזוי אז יעדער מינדעסטער פלעק וואס זיי זעהען אויף אונז ווערט הונדערטערפאכיג פארגרעסערט; מען וויל אונז ניט דולדען „ואין לנו שיור אלא התורה הזאת"; עס איז בלויז אונזער תורה וואס האלט אויף אונזער קיום. דאס ביסעל אפשיי וואס מען האט נאך פאר אונז איז נור אויפ׳ן חשבון פון אונזער גרויסער תורה וואס מיר טראגען איהר מיט מיט אונז פון איין גלות לאנד אין דער צווייטער און דאס

ביסעלע יראת הכבוד וואָס מען פיהלט נאָך צו אונז איז טאַקע נור דערפאַר וואָס „וראו כל עמי הארץ כי שם ה' נקרא עליך ויראו ממך". איז אויב אויך אָט דער „שם ה'" זאָל נתחלל ווערען בלייבען מיר דאָך פשוט אָהן דאָס מינדעסטע ביסעל שוץ.

עס איז דעריבער אָן עון בלתי יכופר אויב אַזעלכע סאָרטען פראָצעסען ווערען אריינגעטראָגען אין די גוי'אישע געריכטען. מ'האָט לפחות זיך געדאַרפט מיט זיי שטיקען צווישען זיך אליין, און זיי שליכטען אין די אידישע געריכטען, ביי אונזערע אייגענע רבנים און בתי דינים און ניט אויסהענגען אונזערע שמוציגע וועש אין דעם גוי־אישען רשות הרבים.

* *

*

און אַז מיר ריהרען שוין אָן די דאָזיגע פראַגע פון חלול השם וואָס קומט אַרוים דורך חלול כבוד אב ואם, איז שוין אגב כדאי זיך אָפּצושטעלען אויף נאָך אַ זאַך וואָס האָט דערמיט צו טאָן.

עס טרעפט מאַנכעס מאָל וואָס די געטריישאַפט פון עלטערען צו קינדער איז אַזוי גרויס אַז זיי וועלען בדאי הונגערען אַבי די קינ־דער ניט אָנקלאָגען אפילו אין אידישע געריכטען פאַר פאַרנאַכלע־סיגען זיי.

דאָס, זעהט איהר, איז שוין גאָר ניט ריכטיג. מיר זיינען מיט דער מיינונג אַז אַזעלכע האַרצלאָזע קינדער פאַרדינען ניט קיין איינ־זעהעניש, מען דאַרף זיי באמת אָנלערנען; און עלטערען וואָס איז זיי ליעבערשט אַליין צו פאַלען אַ קרבן איידער צו ברייננגען שאַנדע און באַליידיגונג צו זייערע קינדער, זיינען פשוט אַליין מסייע ידי עוברי עבירה. אויף אַזעלכע קינדער טאָר מען קיין רחמנות ניט האָבען. אַזא מין רחמנות געהער צו יענעם סאָרט אויף וועלכען דער פסוק זאָגט: „נשים רחמניות בשלו ילדיהן", מיט אַזא רחמנות „קאָכט מען זיי אָפּ" און מען מאַכט זיי פשוט פאַר אַ געפאַהר פאַר דער גאַנצער געזעלשאַפט.

נאָך מעהר דערפון: עלטערען פון דיזען סאָרט איבערצייגען אַז זיי אַליין זיינען אפשר אין אַ גאָר גרויסער מאָס פאַראַנטוואָרט־ליך פאַר זייערע קינדערס האַנדלונג. דער אַזוי גערופענער „רחמנות"

וואָס עלטערען צייגען אַרוים צו זייערע קינדער אין אַזעלכע פאַלען, איז אַ באַווייז אַז מסתמא האָבען זיי די קינדער אַזוי אויך ערצויגען אין זייער יוגענט. זיי האָבען מסתמא אויך דעמאָלט, ווען די קינדער זיינען קליין געווען, אויף זיי געהאַט „רחמנות" און זיי ניט באַשטראָפט דעמאָלט ווען זיי האָבען פאַרדינט באַשטראָפט צו ווערען, האָבען זיי זיך דערפאַר ערצויגען אָהן אַ יאָך און געבליבען אַזוי ביז צו דער עלטער.

עלטערען דאַרפען זיך אַזא דין וחשבון אָפּגעבען, ווען זיי אפשר דעמאָלט פאַרשטעהן דעם זין פון „פוקד עון אבות על בנים", אַז דער עון אבות, די זינד פון די עלטערען איז אַ סך מאָל פאַראַנטוואָרטליך פאַר די זינד פון די קינדער; די עלטערענס זינד פון נ ע כ ט ע ן האָט געבראַכט די קינדערס זינד פון ה י י נ ט . . . און אויב אַזוי, דאַרפען דאָך די עלטערען אַליין תשובה טאָן און געפינען אַ תיקון צו יענע זינד פון אַמאָל און דער דאָזיגער תקון קען טיילווייז געפונען ווערען נור דורכדעם וואָס זיי וועלען אמווייניגסטענס איצט אָנלערנען די קינדער און זיי ברייגנען צוריק צום כבד את אביך ואת אמך ווען אפילו דאָס דאַרף שוין קומען דורך צוואַנג און שאַנד.

דער „פוקד עון אבות על בנים" דאַרף ברייגנען צו אַ תשובת המשקל פון „והשיב לב בנים על אבות" און דאָס וועט פאַר ביידען זיין אַ שטיקעל תקון.

ח

אַ מאָדערנע אויסטייטשונג פון „אב מלאכה״

וועגען דער מצוה פון כבוד אב ווערט גע׳פסק׳נט אין דין אַז „כבדהו בחייו וכבדהו במותו״; ניט נור דאַרף מען מכבד זיין דעם טאַטען אָדער דער מאַמען ביי זייער לעבען נור אויך נאָך זייער טויט.

עס פאַרשטעהט זיך אָבער פון זיך אַליין אַז לא הרי זה כהרי זה. דער כבוד אב פון נאָכ׳ן טויט איז אַנדערש ווי דער כבוד אב ביים לעבען. ווען דער טאַטע לעבט באַציהט זיך די דאָזיגע מצוה כמעט אויסשליסליך אויף קערפּערליכע זאַכען: „להאכילו ולהשקותו, להלבישו ולהנעילו״, עסען, טרינקען, שוכען און קליידען און נאָך פיעל אַנדערע זאַכען וואָס האָבען צו טאָן מיט די עלטערען׳ס פיזישע און מאַטעריעלע בעקוועמליכקייטען.

עס טרעפט כמעט קיינמאָל ניט אַז אין נשמה זאַכען זאָלען זיך עלטערען ביים לעבען נויטיגען אין דעם זוהנ׳ס הילף; מצוות קענען זיי געוועהנליך סיי ווי טאָן אונגעשטערט; קענען דאַווענען און לערנען און טאָן אַנדערע מצוות אָהן די הילף און ערמוטיגונג פון זייערע קינדער. פאַרקעהרט גאָר: אין גייסטיגע זאַכען זיינען על פי רוב עלטערען פיעל רייכער פאַר זייער קינדער, און קינדער דאַרפען גאָר אין דעם צו זיי אָנקומען איידער פאַרקעהרט.

דערפאַר אָבער איז שוין דער ״כבדהו במותו״ דורכאויס אַ נשמה׳דיגער. נאָכ׳ן טויט האָט שוין דער כבוד אב אויסשליסליך צו טאָן נאָר מיט נשמה זאַכען. דעמאָלט זיינען שוין ניטאָ קיינע פיזישע און מאַטעריעלע אינטערעסען אין וועלכע עלטערען זאָלען זיך נוי־טיגען אין קינדערס הילף; אַ טויטער גוף האָט שוין מעהר ניט קיין געברויך פאַר אַט די אַלע זאַכען אין וואָס אַ לעבעדיגער מענש נויטיגט זיך; און אויב עס איז דאָך פאַרזאָגט געוואָרען „כבדהו במותו״

האָט עס שוין דעריבער צו טאָן בלויז מיט נשמה זאַכען: אָפּהיטען דעם קדיש, דעם יאָהרצייט, לערנען משניות און נאָך אַזעלכע און עהנליכע הייליגע זאַכען.

אין אַמערקא ליידער הינקט דער „כבדהו בחייו" אין היבשע פעלע אביסעל הינטער. עפּעס ווערען דאָ קינדער אביסעל אָפּגע־פרעמדט פון עלטערען און טוען צו זיי ניט די געהעריגע פליכטען ביי זייער לעבען. געריכטם הייזער, די אידישע אַזוי ווי די אַלגע־מיינע, זיינען טאָג טעגליך איבערפילט מיט אָט די סאָרטען „קייסעס" וואו קינדער ווערען אָנגעקלאָגט פאַר ניט נאָכקומען זייערע פליכטען צו זייערע טאַטע־מאַמע, און ניט וויניג חלול השם טראָגען די דאָזיגע געריכט קייסעס מיט זיך ארוים (וועגען דעם האָבען מיר זיך אוים־פיהרליך אָפּגעשטעלט אין פאָהריגען קאַפּיטעל).

עס איז שווער צו דערגעהן די אמת'ע סבה פון דעם זלזול אין דער דאָזיגער מצוה, וואָס אויסער איהר געטליכען פאַרב אלס איינע פון די עשרת הדברות, איז זי דאָך אויך דורכאוים פון אַ מענשליכען כאַראַקטער און אין ד ע ם דאַרף דאָך שוין ניט זיין קיין אונטער־שיד פון אמעריקא ביז דער אַלטער היים. אָבער ניט דאָס זיינען מיר דאָ אויסען. זאָלען זיך די סיבות זיין וואָס זיי זיינען. דער פאַקט איז דאָך אַזוי אז דאָ אין אמעריקא ווערט דער „כבדהו בחייו" ניט אָפּ־געהיט אין אַזאַ מאָס און מיט אַזוי פיעל זהירות ווי אין דער אַלטער היים.

דערפאַר אָבער ווערט שוין דער „כבדהו במותו" דוקא יאָ אָפּ־געהיט מיט דער גרעסטער פּינקטליכקייט. קינדער זיינען זיך ממש מוסר נפש צו געבען טאַטע־מאַמע די שעהנסטע לויה וואָס זיי קענען נור באַווייזען אפילו ווען עס נויטיגט זיך דערצו אַן איבערנאַטירליכע אָנשטרענגונג. קינדער וואָלטען זיך געפיהלט זעהר געקריינקט למשל ווען די צאָהל „קערידזשעס" אָדער אויטאָמאָבילען ביי דער לויה זאָל ניט זיין גרוים גענוג...

והוא הדין אין באַצוג צו דער מצבה וואו שווערע הונדערטער ווערען אויסגעגעבען מצד די קינדער כדי דער „שטיין" זאָל זיין וואָס בעסער און וואָס שעהנער...

זיינען זיך דאָך קינדער אויך „מוסר נפש" צו געהן זאָגען

„יזכור״ אפילו ווען דאָס דאַרף זיי קאָסטען היבשע שטונדען פון זייער ארבייט...

ווילען מיר זיך אויך דארויף דאָ איצט ניט אָפּשטעלען און ער־קלעהרען פון וואנען דאָס דאָזיגע האָט זיך דאָ גענומען אז, ווערהרענד דעם גוף פון זייערע עלטערען פארנאַכלעסיגען די קינדער גאַנץ היבש־ליך, זיינען זיי אָבער זייער נשמה דוקא יאָ שטאַרק מכבד. אין פלוג האָט גאָר געדארפט זיין פארקעהרט, ווייל דער דורכשניטליכער אמעריקאַנער איד איז דאָך ביז אַ געוויסער מאָס מעהר אַ איד פון גוף ווי פון נשמה, האָבען דאָך די גוף אינטערעסען געוועז באַדאַרפט זיין נעהנטער צו זיין הארצען ווי די נשמה אינטערעסען.

לאָמיר אָבער די דאָזיגע חקירה לאָזען פאר אַן אַנדערש מאָל. וואָס מיר ווילען דאָ ארויסברייגנען איז גאָר עפּעס אנדערש.

לויט דעם מנהג המדינה אז דער כבוד הנשמה איז געוואָרען אין דער בחינה פון „מצוה שהחזיקו בה הרבה מדקדקין בה״ וואָלט דאָך געדארפט אויסקומען אז אויב עס טרעפט אמאָל אז ביים לעבען גופא קומט צו דער האַנט אַ כבוד הנשמה, וואָלט מען דאָך אין אזא פאל געדארפט אָפּהיטען די מצות כבוד מיט דער זעלבער פינקטליכ־קייט ווי נאָכ׳ן טויט; דען וואָס איז דער אונטערשיד צו דער טאַטע לעבט נאָך אָדער ניט אויב ביים לעבען האָט עס אויך צו טאָן מיט נשמה זאַכען צו וועלכעם אמעריקאַנער קינדער באַציהען זיך אַלעמאָל מיט עהרען פרוכט און זהירות.

צייגען אָבער די פאַקטען ניט אזוי. קוים לעבט נאָך דער טאַטע שפּילט שוין דעמאָלט דער כבוד נשמה אויך קיין ראָלע ניט, און עס שאַפט זיך אַ מין קאָמישער איינדרוק ווי דער זוהן וואָלט זאָגען צום טאַטען אומגעפעהר אזוי: יאָ טאַטעניו, דיין נשמה איז ביי מיר ווירק־ליך זעהר געשעצט און געאַכטעט און איך וויל באמת מיט אלע מעג־ליכקייטען נאָכקומען די מצוה פון רעספּעקטירען איהר און איהר האַלטען טייער, אָבער נור מיט איין באַדינג אז דו מוזט פריהער שטאַרבען, כל זמן דו לעבסט שפּילט ביי מיר דיין נשמה אויך קיין ראָלע ניט...

יאָ, עס איז ווירקליך מאָדנע, קאָמיש און טראַגיש ביידע צו־זאמען.

מיט אַזאַ מאָדנעם פאקט האָבען מיר זיך לעצטענס באַגעגענט און מיר פארצייכענען עס דאָ לזכרון.

עס קומט אריין צו אונז אַן עלטערער איד, זעהט אויס זעהר אַ בכבוד'יגער און מיט אַ גאָר שעהנעם הדרת פנים, און רעדט זיך פאר אונז אַראָפּ פון הארצען דערציילענדיג פאָלגענדע געשיכטע:

אין זיינע אַלע יאָהרען איז דער איד געווען אַ שומר שבת; ס'איז איהם נאַטירליך ניט גרינג אָנגעקומען, ער האָט אימער געדארפט קעמפפען דערפאַר און ס'האָט איהם אויך געקאָסט שווערע קרבנות. ער האָט אָבער מיט דעם אויבערשטענס הילף זיינס אויסגעפיהרט.

איצט האָט ער שוין דערגרייכט די זעכציגער יאָהרען און פיהלט זיך שוין קראַנק און שוואַך; ער קען שוין ניט אַרבייטען ווי אמאָל און דאַרף שוין זיין אָנגעוויזען אויף די הילף פון קינדער. האָט דער דאָזיגער איד אַ זוהן אַ „סיילסמאַן” ביים טרייד, און ער ווערט טאַקע פון דעם דאָזיגען זוהן געשטיצט.

טענה'ט איצט דער זוהן אַז היות ער איז שוין היבש מיעד פון דעם שטענדיגען ארומטראוולען, אימער נע ונד און זעלטען ווען ער קומט אהיים צו ווייב און קינדער; און היות ווי איצט מאַכט זיך איהם אַ גוטע געלעגענהייט צו עפענען אליין אַ „סטאָר”, אָבער אַזאַ מין סטאָר נויטיגט זיך אין צוויי מענשען, אַן אויסערדיגען און אַן אינווייניגסטען; און היות ער, דער זוהן, ווייסט אַז זיין פאָטער וועלכער איז אויך שטענדיג געווען אַ גוטער סיילסמאַן וועט זיך מאַכען זעהר נוצליך ווען ער וועט שטעהן אין סטאָר, וויל ער דעריבער אַז דער פאָטער זאָל איינגעהן דארויף, וועט ער דאַן קענען נעהמען די ביזנעס.

דער געגענט וואו די סטאָר געפינט זיך איז דורכאויס אַ גוי'אישער און וועגען האַלטען די סטאָר צוגעמאַכט שבת קען גאָר קיין רייד ניט זיין; וואָלט דאָך עס הייסען אַז נאָכדעם ווי דער חשוב'ער איד האָט כמעט אַ גאַנצען לעבען געקעמפפט פאר שמירת שבת, זאָל גראַדע איצט אויף דער עלטער ווערען געצוואונגען צו זיין אַ מחלל שבת, און מען קען זיך פאָרשטעלען ווי פיינליך געקרענקט דער אַלטער פאָטער איז דערפון.

דער זוהן טענה'ט אפילו אַז דער פאָטער וועט בלויז דארפען

שטעהן אין סטאַר אין די וואָכעדיגע טעג, אויף שבת וועט ער אריינ־נעהמען א גוי. ווייסט אָבער דער פאָטער אז דאָס איז נור אן אויס־רייד כדי אַזוי אַרום אַריינצוציהען איהם אין געשעפט און דערנאָך אים אוועקשטעלען פאר אַ געשעהענעם פאקט, און קענען טענה'ן אז ער מאַכט איהם אומגליקליך אויב ער קומט ניט אריין שבת אין די ביזנעס.

דאָ איז ניט וויכטיג ווי אַזוי מיר האָבען די זאַך געשליכטעט. מיר האָבען זיך נאַטירליך באמיהט מיט אלע מעגליכקייטען דעם ענין צו ערליידיגען אויף אַ צופרידענשטעלענדען אופן — אין איינ־קלאנג מיט דער אידישער תורה.

וואָס אונז אינטערעסירט, איז דער פאקט אַן און פאר זיך, אז דעם זוהן פון זיין זייט האָט ווייניג וואָס געקימערט דאָס וואָס ער פאַרלעצט אַזוי שטאַרק דעם טאַטענס הייליגקייטען און איז אַזוי גראָב מזלזל אין דעם מצוה פון כבוד אב, כאָטש דאָס איז דאָך אַ פאַל פון כבוד נשמה און, ווי געזאָגט, זיינען דאָך אמעריקאַנער קינדער אין נשמה זאכען דוקא יאָ שטאַרק נזהר אין כבוד אב. איז טאָקע משמעות דער גאנצער חסרון דאָ וואָס דער טאַטע לעבט נאָך...

עס איז אגב כדאי איבערצוגעבען איינע פון די אויסצוגען אין אונזער שמועס מיט דעם זוהן וועלכער האָט אויסגעקוקט ניט צו זיין קיין עם הארץ.

מיר האָבען פאר דעם זוהן ציטירט די באַקאַנטע גמרא אין אָנהויב בבא קמא וואו עס רעדט זיך וועגען אבות און תולדות און עס ווערט באַהאַנדעלט די פראַגע צי „תולדותיהן כיוצא בהן או לאו כיוצא בהן”. די גמרא זאָגט דאָרטען אז ביי שבת איז דער דין זיכער אז „תולדותיהן כיוצא בהן”.

זעהסטו זוהנ'עלע, זאָגען מיר צום יונגערמאַן. ביי ש ב ת איז גאָר קיין ספק ניט אַז תולדותיהן כיוצא בהן, אז די קינדער דאַר־פען זיין ווי די עלטערען, און דו ווילסט גאָר איבערדרעהען און מאַ־כען אז ס'זאָל זיין „אבותיהן כיוצא בהן” אז די עלטערען זאָלען גאָר זיין ווי די קינדער. דו זוכסט קענטיג, זאָגען מיר אים, צו געבען אַ מאָדערנע אויסטייטשונג צום באַקאַנטען שבת טערמין פון „אב מלאכה” לויט וועלכעם עס זאָל אויסקומען אַז מען דאַרף דעם טאַטען איינשפאַנען אין סטאָר צו טאָן אַ מלאכה כדי דו זאָלסט דאן שוין

מיט אַ „רוהיגען״ געוויסען קענען מקיים זיין דעם „תולדותיהן כיוצא בהן״, טאַקע לויט'ן נוסח פון דער גמרא אז „לא שנא אב חטאת לא שנה תולדה חטאת״ דער טאַטע וועט שוין אויך ווערען אַ „חטאת״ אזוי ווי דער זוהן...

גליקליכערוויזע האָט זיך אונז בעזר השם איינגעגעבען, ווי געזאָגט, צו שליכטען דעם ענין אויף אַ גאָר צופרידענשטעלענדען אופן.

זאָל אָבער דער דאָזיגער קאַפּיטעל אויך דינען אלס מוסר לעקציע פאַר אַ סך פון אונזערע אַמעריקאַנער קינדער וועלכע פאַר־שטעהען נאָך ליידער ניט אַז צו עהרען דעם טאַטען דורך ניט פאַר־לעצען זיינע נשמה געפיהלען, איז אויך אַ טייל, און דוקא גאָר אַ באַדייטענדער טייל, פון דער מצוה פון כבוד אב.

ט

תורה ליעבע איז שטאַרקער פון אַנדערע ליעבעס

דער אידישער קדושין טעקסט פארבינדט דאָס פארהייראַטע לעבען מיט דער אידישער תורה. דער „הרי את מקודשת לי" איז ענג פארקניפּט מיט דעם „כדת משה וישראל". משמעות אז דיביידע זאכען האָבען צווישען זיך עפּעס געמיינשאַפטליכעס אזוי אז דאָס ערשטע אָהן דאָס צווייטע איז ווי באַדענלאָז.

די פּראַקטישע לעבענס ערפארונג איז טאַקע אַ באַשטעטיגונג דארויף. דאָרט וואו דער רעליגיעזער גייסט איז אַ דאָמינירענדער פאַקטאָר אין פאמיליען לעבען, דאָרט איז דער שלום בית א פיעל מעהר געזיכערטער. דען ווער נאָך מעהר ווי די אידישע תורה אגיטירט אזוי שטאַרק פאר דעם שלום המשפחה. סיי די תורה שבכתב און סיי די תורה שבעל פה האָבען אוועקגעשטעלט דעם פאמיליען לעבען העכער פון אלץ אין דער וועלט. צוליב שלום בית האָט די תורה ער־לויבט אפילו אָפּצומעקען דעם שם שמים אין פארבינדונג מיט די דינים פון אַ סוטה. די חז"ל ווידער האָבען געווידמעט אונצעהליגע מאמרים צום שלום פון בין איש לאשתו. זיי זיינען געגאַנגען אזוי ווייט און געזאָגט אז "ליעב האָבען דארף מען די פרוי אזוי ווי זיך אליין, און רעספּעקטירען איהר, דארף מען מעהר ווי זיך אליין"; „אז איינער גט אָפּ זיין ערשטע פרוי, פארגיסט אפילו דער מזבח דארויף טרעהרען".

אָט אזעלכע און עהנליכע מאמרים זיינען צושפּרייט אין די הונדערטער אויף די שפּאַלטען פון תלמוד און מדרשים.

עס פארשטעהט זיך דעריבער אז דער פרומער איד וואָס איז אַ שומר תורה ומצוה, מאַכט ניט קיין אונטערשיד פון איין געזעץ ביז'ן אַנדערען. די גאַנצע תורה איז ביי איהם הייליג און טייער, און מיט

דער זעלבער פינקטליכקייט און גאַטספאַרכטיגקייט מיט וועלכע ער היט אָפּ די מצוה פון שבת אָדער כשרות א. ד. ג., מיט דער זעלבער פינקטליכקייט היט ער אויך אָפּ די מצוה וואָס באַציהט זיך אויף די ענינים פון זיין פאַמיליע לעבען. דער תורה איד איז דיסציפּלינירט, און קוים פּרעטענדירט ער צו זיין אַ שומר תורה, ווערט ער שוין ניט אזוי לייכט אָפּגעיגען פון דאָס וואָס לויט דער תורה איז עס ניט אי-דיש, מאַכט ניט אוים אויף וואָס פאַר אַ שטח פון לעבען עס זאָל ניט זיין.

קומען טאַקע דעריבער די מעהרסטע פעלע פון צושטערטען שלום בית ניט אזוי אָפט פאַר אין די עכט אידיש טראַדיציאָנעלע הייזער, און אַ פרוי וועמעס מאַן איז טריי און איבערגעגעבען צו דער אי-דישער תורה האָט דעריבער אלע בעסטע אורזאכען צו זיין דאמיט צופרידען, וויסענדיג אז וואָס מעהר אַ בעסערער א י ד איהר לע-בענסבאַגלייטער וועט זיין, אלץ מעהר אַ בעסערער מ אַ ן וועט ער זיין.

טאָרען דעריבער פרויען ניט שטעהן אין וועג די אידישקייט פון זייערע מענער, אדרבא, זיי דארפען נאָך זיי מחזק זיין, קאָאָפּע-רירען מיט זיי און רעספּעקטירען זייערע רעליגיעזע געפילען, ניט בלויז אוים רעספּעקט צום מאַן נור פּשוט אוים רעספּעקט צו זיך אַליין.

און אויב דאָס איז דער פאַל מיט לאנג פארהייראַטע פרויען וואָס האָבען שוין אזוי צו זאָגען אריינגעכאַפּט די מענער אין זייערע הענט, און זיינען שוין מיט זיי געזעצליך פארבונדען, דאַרף עס גע-ווים זיין דער פאַל ווען עס האַנדעלט זיך וועגען צוויי געליבטע ווע-מעס ליעבע בונד קען פיעל לייכטער אויפגעלייזט ווערען ווי דער בונד פון מאַן און ווייב; דאָ דאַרף מען געווים האַנדלען מיט מעהר פאָרזיכטיגקייט ווען עס קומט צום פאַרלעצען דעם צווייטענס רעליג-יעזע געפילען. דאָ איז די ריזיקע אַ פיעל גרעסערע און מען דאַרף דעריבער זיין פיעל מעהר אויסגערעכענט ניט צו טאָן קיין נאַרישען שריט וואָס מען קען דערנאָך פיעל באַדויערען. יעדער אַנטאַגאָניזם אין אזא פאַל איז, ווי געזאָגט, אַן אנטאַגאניזם צו זיך מעהר ווי צו דעם אַנדערען. די געליבטע דאַרף פארשטעהן און פיהלען אַז דאמיט וואָס זי וויל אונטערגראָבען דעם רעליגיעזען באָדען פון איהר גע-

ליבטען, גראָבט זי דערמיט אונטער איהר אייגענעם באָדען. זי גיט דערמיט אַ שווערד אין האַנט וואָס וועט דערנאָך אויסגענוצט ווערען געגען איהר אליין. אונטרייהייט צו דער אידישער תורה וועט אויטאָמאַטיש פאַרוואַנדעלט ווערען אין אונטרייהייט צו איהר, די געליבטע, אליין.

די העלדין פון אונזער געשיכטע האָט אָבער משמעות דאָס נ י ט פאַרשטאַנען; זי האָט דעם ענין ניט געהעריג תופס געווען, און ערשט איצט האָט זי זיך געכאַפּט ווי נאַריש זי האָט געהאַנדעלט און קומט דעריבער צו אונז נאָך אַ ראַט ווי אזוי זי קען אַלעס צוריק גוט מאַכען.

די געשיכטע איז אין קורצען אזוי:

אַ יונגע מיידעל, קענטיג גאָר אַ לעבעדיגע און אויפריכטיגע, קומט אריין צו אונז און די ערשטע הקדמה איהרע איז געווען אַז זי האָט געבראַכט אַן אַנקלאַגע געגען זיך אליין. זי ברעכט גלייך אויס אין אַ יאָמערליכען געוויין; זי פיהלט אז זי האָט עפּעס געטאָן אַזוינס מיט וועלכעס זי האָט בידים רואינירט איהר אייגענעם גליק. זי גלויבט אַז איצט איז שוין אלעס פאַרפאַלען, אָבער זי וויל זיך אַנכאַפּען אין אַ שטרוי, ווי עס איז דער פאַל מיט יעדער פאַרצווייפעלטען.

זי איז ארומגעגאַנגען מיט אַ יונגערמאַן וועמען זי האָט זעהר געליבט און ער איהר אויך. זי האָט זיך געשעצט גליקליך און האָט זיך מיט דעם דאָזיגען „באָי פרענד" באַריהמט פאַר איהרע חבר'טעס און שטאַרק שטאָלצירט מיט איהם. איהרע חבר'טעס אָבער, אפשר צוליב קנאה און אפשר סתם אזוי זיך, האָבען זיך מיט איהר גערייצט און אָפּגעשפּעט פון זיין ליעבע, באַהויפּטענדיג אז די דאָזיגע ליעבע איז אַן אלט-מאָדישע און ניט קיין „מאָדערנע". דער פריינד דיינער, זאָגען די חבר'טעס צו איהר, איז אַן אַלטמאָדישער און אַ רעליגיעזפאַנאַטיקער און אויף אַזעלכענס ליעבע קען מען וויניג וואָס בויען; זאָל אירגענד וועלכער עס איז רעליגיעזער פאַנאַטיזם קומען אין צוזאַמענשטויס מיט זיין ליעבע, וועט דאָס ערשטע האָבען די אויבערהאַנט, און די ליעבע וועט פּלאַצען ווי אַ זייפענבלאָז.

אָט אזוי פלעגען איהרע חבר'טעס טענה'ן, און האָבען דאָס

מיידעל שטאַרק פּראָוויצירט, כאָטש טיעף אין הארצען האָט זי גע־פיהלט אז דעם יונגענמאַנס ליעבע איז דוקא יאָ אן אויפריכטיגע און מען קען דוקא יאָ אויף איהר בויען.

און עס טרעפט אמאָל אין א געוויסען יום טוב ווען דאָס פאר־ליבטע פּאָרעל האָט זיך געמיטליך שפּאַצירט אין אַ יום־טוב׳דיגער שטימונג וואָס האָט זיך אָפּגעשפּיגעלט אויף זייערע שטראַלענדע גע־זיכטער, ווען זיי האָבען פּלוצלונג אָנגעטראָפען עטליכע פון דער מיידעלס חבר׳טעס. מען שטעלט פאָר, ווי די מאָדע איז, איינע פאר די אנדערע און די שפּאַצירענדע גרופּע איז אזוי אַרום פארגרעסערט געוואָרען. אלע שפּאצירען צוזאמען. געהט מען גראדע פארביי אַ גוי׳אישען רעסטאָראַנט וואו די חבר׳טעס באַשליסען אַריינצוגעהן עפּעס געניסען, און לאדען נאַטירליך אהין אויך איין דאָס פארליבטע פּאָרל. איינע פון די חבר׳טעס האָט אויפ׳ן וואונק געגעבען אָנצוהע־רען דאָס מיידעל, אונזער העלדין, אז איצט האָט זי אַ גוטע געלעגענ־הייט צו שטעלען איהר געליבטען צו אַ פּראָבע און זעהן צי ער וועט מיט איהר אריינגעהן אָדער ניט. דאָס מיידעל האָט דעם אזוי געררו־פענעם „טשאָלענדזש" אָנגענומען און האָט זיך געלאָזט פּראָוויצירען. זי איז צוגעשטאַנען צום יונגענמאַן אז ער זאָל מיט זיי אריינגעהן אין רעסטאָראַנט. דער יונגערמאַן האָט זיך געוועהרט און געגעבען צו פאַרשטעהן אַז דאָס איז אַ פּאַרלעצונג פון זיינע רעליגיעזע געפילען און ער באַטראַכט עס פאַר אַ חלול הקדש. ער האָט אָבער ניט געקענט ביישטעהן דעם נסיון און איז ענדליך מיט זיי יאָ אריין. ער האָט טאַקע מעהר ווי א גלאָז טיי דאָרט ניט גענומען, וועהרענד זיין מיידעל האָט זיך געלאָזט וואויל געהן און האָט צוגלייך מיט איהרע חבר׳טעס גע־נאָסען פון אלץ וואָס מען האָט זיי סערווירט.

ווען זיי זיינען פון דאָרטען אַרויס און די גרופּע האָט זיך ענד־ליך צושיידט, האָט דער יונגערמאַן געגעבען דאָס מיידעל אַ היבשע פּאָרציע מוסר פאר אָפּטאָן איהם אזא שטוקע, און האָט איהר אָפען ערקלעהרט אַז ער ברעכט אָפּ מיט איהר אלע באַציהונגען און וויל פון איהר מעהר ניט וויסען.

דער יונגערמאַן האָט טאַקע געהאַלטען וואָרט און דאָס מיידעל פיהלט זיך איצט זעהר געקרענקט און שטאַרק ערשיטערט.

די מיידעל אין וועמעס אונטערבאַוואוסטזיין עס טליעט נאָך קענטיג אַ רעליגיעזער פונק, פאַרטרויט אונז אַז זינט יענער פּאַסירונג געהט איהר בכלל, ווי מען זאָגט, „מיט'ן פוטער אראָפּ". מעהר ווי צוויי טעג האָלט זי זיך ניט אויף קיין „דזשאַב" און באַגעגענט „הארד לאַק" אויף יעדער קעהר און ווענד. זי פיהלט, זאָגט זי, אַז דאָס איז איהר שטראָף אויף איהר העסליכע האַנדלונג, און אַז איצט געהט עס איהר שוין ניט אַזוי אין צוריקגעווינען דעם יונגענמאַנס הארץ און האַנט, ווי צו געווינען זיין פאַרצייהונג און פאַרגעבונג.

זי פאַרזיכערט אונז אַז פון יענער געשיכטע אָן, איז זי אין גאַנצען אַנדערש געוואָרען. דער אינצידענט האָט אין איהר אַרויס־גערופען אַ טיעפען חרטה געפיהל און פאַראורזאכט אַ גאַנצע רע־וואָלוציע אין איהר נשמה. זי פיהלט זיך איצט צוגעבונדען מיט איי־זערנע קייטען צו דער אידישער רעליגיע, און איז בריייט צו קעמפּפען מיט מסירות נפש פאַר אַלע טראַדיציאָנעלע הייליגקייטען. זי וועט אָבער קיין רוה ניט געפינען כל זמן דער יונגערמאַן וועט איהר ניט מוחל זיין אויף איהר האַנדלונג. זי וועט מקבל באהבה זיין די שטראָף פון זיין אָפּברעכען מיט איהר כאָטש זי וועט דערפון אייביג ליידען, אָבי ער זאָל אנערקענען איהרע חרטה געפיהלען און איהר געבען זיין פאַרצייהונג.

איז דאָ קיין פראגע ניט צו דעם יונגערמאַנס האַנדלונג איז געווען אַ ריכטיגע. וועגען דעם קענען קיין צוויי מיינונגען ניט זיין. ער האָט אָהן צווייפעל געהאַנדעלט ווי אן אמת'ער העלד, און ער וואָלט נאָך רעגיסטרירט אַ גרעסערען העלדענטאַט ווען ער וואָלט געקענט ביישטעהן דעם נסיון און גאָר אין גאנצען ניט געווען אריינ־געהן אין יענעם רעסטאָראַנט. אַ יונגערמאַן מיט אמת'ע רעליגיעזע גע־פילען וואָס וויל ניט אָפּנויגען פון דער אידישער תורה, האָט גע־דארפט וויסען אז אפילו ווען עס האַנדעלט זיך למשל אין אזא גרויסע מצוה ווי כבוד אב האָבען מיר אַ הלכה פסוקה אַז דאָרט וואו דער פאָ־

טער הייסט דעם זוהן טאָן אן עבירה פאלט די גאנצע מצוה פון כבוד אב אוועק, אַ פשיטא שוין ווען עס האנדעלט זיך בלויז אין העפליכ־קייט צו אַ מיידעל צו וועמען ער איז ניט פארבונדען מיט קיינע גע־זעצליכע פארפליכטונגען.

מיר טראַגען אָבער ניט ארוים קיין באַשולדיגונגס אקט געגען אַ מאָמענטאַלע האַנדלונג וואָס ווערט נאַטירליך געטאָן אָהן איבער־לייגונג און בלויז אונטער דעם אימפולס פון מאָמענט. די צווייטע האַנדלונג האָט מכפר געווען אויף די ערשטע.

מיר מיינען אָבער אז יוצא געווען אין גאנצען האָט ער נאָך מיט דער צווייטער האַנדלונג אויך ניט; עס דארף נאָך קומען אַ דריטע האנדלונג און די דאָזיגע האנדלונג דארף זיין — געהן צוריק צו זיין מיידעל און נאָך מיט פיעל מעהר ליבשאַפט און איבערגעבענהייט בעטען פון דאָס ניי איהר האנט, און איהר פארזיכערען אז דער „מלאך הממונה על השכחה״ האָט שוין לאנג דעם דאָזיגען אינצי־דענט אָפגעמעקט פון זיין זכרון.

די דאָזיגע דריטע האנדלונג דארף קומען אוים די זעלבע און אייגענע מאָטיווען פון וועלכע די צווייטע האַנדלונג איז געקומען. די זעלבע טראַדיציאָנעלע געפיהלען וואָס האָבען איהם געשטויסען צו פארלאָזען דאָס מיידעל דאַרפען איהם איצט שטויסען צו קומען צוריק צו איהר. דאָס מיידעל איז איצט פון א תורה שטאַנדפונקט, אַן אמת׳ער בעל תשובה. זי איז פון דעם דאָזיגען אינצידענט ארוים געלייטערט, זי איז געוואָרען אַ פיעל בעסערע אידישע טאָכטער ווי זי איז געווען פריהער; און ער, דער יונגערמאַן, איז עס געווען דער „זכאי״ דורך וועמען מען האָט דעם דאָזיגען זכות „מגלגל״ געווען, דארף דעריבער דאָס גופא איהם געבען גענוג סאַטיספעקציע און ער טאָר זיין איבער־געגעבענע פריינדין פאר קיינפאל ניט מרחק זיין. איצט וועט ער אין איהר זיכער געפינען די לעבענסבאַגלייטערין מיט וועמען ער וועט קענען בויען זיין אמת׳ע גליקליכע צוקונפט.

צו דער מיידעל גופא האָבען מיר איצט גאָר ניט צו זאָגען. זי אליין האָט זיך שוין געזאָגט פיעל מעהר ווי אנדערע קענען איהר

זאָגען. די דאָזיגע געשיכטע דארף אָבער דינען א לעהרע פאר פיעל אַנדערע צו וויסען ווי אזוי צו רעספעקטירען אמת'ע רעליגיעזע אי־בערצייגונגען, און פארשטעהן אז מיט עכט רעליגיעזע אידישקייט קען מען זיך ניט שפּילען, אין אזעלכע זאַכען לאָזט זיך ניט ספּעקולירען און נעהמען וועלכע עס איז שאַנסען.

ליעבע איז אמת אַ גאַנץ וויכטיגער פאַקטאָר אין מענשליכען לעבען, ליעבע צו דער תורה שטעהט אָבער פיעל העכער דערפון. די תורה איז איבער אלעס!

י

ליעבע פאַר דער חתונה און דערנאָך

אַ סך מאָל ווערט איהר הערען ווי מען זאָגט אויף אַ יונג-פאַרהייראַטע פּאָר-פאָלק אָדער אויף חתן-כלה: „ביי זיי איז עס געווען אַ ליעבע״. איהר פאַרשטעהט דערפון אז דער דאָזיגער בונד איז ניט געקומען צו ענטשטעהונג דורך געוויסע פאַרמיטלער אין גע־שטאַלט פון שדכנים, נור עס איז געווען אַ רעזולטאַט פון צופעליגער באַקאַנטשאַפט וואָס האָט זיך ביסלעכווייז אַנטוויקעלט אין א הייסע ליעבע און נאָכהער דערגרייכט דעם קלימאַקס פון ווערען חתן כלה און חתונה האָבען.

עס זיינען דאָך אָבער אויך נאַטירליך פאַראַן אזעלכע וואָס ״ביי זיי איז עס ניט געווען קיין ליעבע״. רופט שוין ממילא דאָס דאָזיגע ביי אונז אַרויס די פּראָבלעמע פון חתונה האָבען מיט ליעבע אָדער אָהן ליעבע, אָדער: חתונה האָבען מיט אַ שדכן אָדער אָהן אַ שדכן.

איז וואָס אַנבעלאַנגט דאָס לעצטע, עס הייסט די פראַגע פון שדכנות, פאַרדינט עס אַ באַזונדער קאַפּיטעל פאר זיך און מיר וועלען נאָך וואַרשיינליך קומען דערצו אין איינעם פון אונזערע ווייטערדיגע קאַפּיטלאַך.

דאָ ווילען מיר זיך בלויז אָפּשטעלען אויף דער פראַגע פון ליעבע. עס קען דאָך ניט זיין אז די וואָס האָבען ניט חתונה דורך לי־עבע, זאָל עס מיינען אז ביי זיי איז גאָר קיין ליעבע ניטאָ; דען אָהן ליבע פאַרשטעהען מיר דאָך, קען גאָר קיין פאַמיליע לעבען ניט אָנ־האַלטען. אגב איז דאָך גאָר ליעבע אויך אַ רעליגיעזע פליכט. דער תנא געהט דאָך נאָך אַזוי ווייט ווי צו זאָגען אז עס דאַרף זיין „אוהב את אשתו כגופו״, מען דאַרף ליעב האָבען דאָס ווייב ממש ווי זיך אליין.

וואָלט דאָך פאַלגליך געדאַרפט אויסקומען אַז די ליעבע האָט געדאַרפט זיין דער דאָמינירענדער פאַקטאָר דוקא ביי דעם רעליג־יעזען עלעמענט וועלכער זוכט אָפצוהיטען מיט דער גרעסטער פינקט־ליכקייט די פאַראָרדנונגען פון זיין תורה און שלחן ערוך.

למעשה איז דאָך אָבער ניט אַזוי. די ליעבע איז דאָך גאָר גע־וואָרען אַ שם נרדף מיט האַלב אָדער גאַנץ פרייגעזאָנעריי ווערענד דער פרומער איד קוקט דאָך גאָר דאַרויף קרום, ביי איהם שמעקט עס גאָר מיט אויסגעלאַסענקייט און מיט הפקרות. מיט וואָס אַלזאָ קען זיך דאָס ערקלעהרען?

איז אָבער דער אמת דערפון אַזוי: עס זיינען פאַראַן צוויי מינים פון ליעבע: ליעבע אַלס מיטעל וואָס פיהרט צום תכלית, און ליעבע וואָס איז דער תכלית אַליין און מען דאַרף ניט פאַרמישען די יוצרות. די ליעבע וואָס פאַרט זיך מיט ניט־פרומקייט, באַציהט זיך פאַלגליך אויף די ליעבע אַלס מיטעל, ווערענד די ליעבע וועגען וועלכע דער תנא רעדט באַציהט זיך אויף ליעבע נומער צוויי — ליעבע אַלס תכלית.

ס'איז דעריבער כדאי זיך אַביסעל פאַנאַנדערקלייבען אין דעם און זיך דערמיט עטוואָס אָריענטירען.

געוויס איז ליעבע דער יסוד פון דאָס פאַרהייראַטע לעבען. דאָרט וואו עס איז חלילה ניטאָ קיין ליעבע, דאָרט שטעהט דער גאַנ־צער קיום פון די חיי המשפחה אין סכנה. און ניט נור דער תנא נור דער חומש אַליין האָט עס נאָך פריהער באַטאָנט, ווען ביי יצחק'ן למשל האָט די תורה אונטערגעשטראָכען דעם „ויקח אותה לו לאשה ו י א ה ב ה ".

אָבער טאַקע פון דער דאָזיגער אונטערשטרייכונג גופא איז צו זעהן אַז דאָ האָבען מיר צו טאָן מיט דעם צווייטען מין ליעבע, די ליעבע וואָס ווערט ביי אונז באַצייכענט אַלס תכלית און ניט אַלס מיטעל.. פריהער זאָגט די תורה „ויקח אותה לו לאשה" און ערשט דערנאָך — „ויאהבה", הייסט עס אַז נישט דער ו י א ה ב ה האָט געדינט אַלס מיטעל צום „ויקח אותה לו לאשה" נור פאַרקעהרט דער „ויקח אותה לו לאשה" האָט געבראַכט צום „ויאהבה", אַזוי אַז ניט ליעבע איז געווען דער מיטעל און החתונה דער צוועק נור עפּעס ווי

אומגעקעהרט, ווי חתונה זאָל האָבען געווען דער מיטעל און ליעבע דער צוועק . . .

און דאָ איז דער פרשת הדרכים וואָס טיילט פאנאנדער די פרומע עלעמענטען פון די ניט-פרומע.

אַזוי צום ביישפיל זעהען מיר אז נאָך גלייך ביי אדם הראשון האָט די תורה געשריבען „ודבק באשתו והיו לבשר אחד". איז דאָך דער דאָזיגער אויסדרוק פון והיו לבשר אחד, זיי זאָלען זיין ווי איין גוף, די גרונטלאַגע פאַר דעם דערמאָנטען תנא׳ס באַהויפּטונג פון „אוהב את אשתו כגופו". אָבער ביידע, סיי די תורה און סיי דער תנא, רעדען דאָ פון דער ליעבע וואָס קומט נ אָ ך דער חתונה; פריי-הער „ודבק באשתו" און דערנאָך „והיו לבשר אחד"; און — אוהב את אשתו כגופו, די ליעבע ווען זי איז שוין „אשתו", ווען זיי האָבען שוין חתונה געהאַט.

עס זעהט זיך נישט דעריבער אז אונזער תורה און טראַדיציע זאָלען גוטהייסען ליעבע אלס מיטעל, און אפשר דערפאַר טאַקע האָט די פרומע וועלט געקוקט קרום דאַרויף.

מיר זיינען אָבער גענויגט צו גלויבען אז אויסער וואָס פון אַ ריין טראַדיציאָנעלען שטאַנדפונקט לייגט זיך עס גאַנץ גוט אויפ׳ן שכל, ניט גוט צו הייסען ליעבעס באַציהונגען פון פאַר דער חתונה, דען אַזוי לאַנג ווי די געשלעכטען זיינען נאָך פרעמד איינע צו די אַנדערע, איז עס דאָך געווים ניט אידיש און ניט מאָראַליש צו ווערען נאָהנט באַקאַנט און פאַרקעהרען איינער מיט׳ן צווייטען.

אויסערדעם אָבער דיקטירט אונז די השערה צו זאָגען אז די תורה האָט בכלל ניט באַטראַכט די ליעבע פון פאַר דער חתונה אלס ווירקזאַמער מיטעל וואָס זאָל קענען דינען דעם צוועק אויפריכטיג און לאַיאַל.

און ווען מיר קוקען זיך צו צו דעם לעבען דאַן ווערען מיר טאַקע איבערצייגט ווי אמת און ריכטיג דאָס איז.

זיינען דאָך דאָס ניט קיין זעלטענע ערשיינונגען ווען הונדער-טער און הונדערטער פאַרליעבטע פאַרלאַך וועלכע האָבען יאָרענלאַנג געפיהרט אַ ליעבע לויט אלע געזעצען און פינקטליכקייטען פון דעם מאָדערנעם ליעבעס בוך, און ס׳האָט אויסגעקוקט אַז די דאָזיגע פאַר-

לאך פלאַסטערען דערמיט אוים זייער וועג און פאַרברייטען זיך אַ גע־זונטען און געזיכערטען באַדען פאַר אַ גליקליכען לעבענס צוקונפט, ווערען לסוף גאַר אַנטוישט און ביי אַ גאַר גרויסער צאָל פון זיי פאַר־שווינדט דידאַזיגע ליעבע אַזוי שנעל ווי זייערע זיסע „האָניג מאָ־נאַטען" זיינען פאַראיבער . . .

און דאַ פרעגט זיך: היתכן? דוכט זיך אזוי לאנג שטודירט די כאַראַקטאַרען איינער ביים אנדערען; אזוי לאנג זיך קענען געלערנט געגענזייטיג און זיך ניט באשלאָסען צו פארבינדען אויף אייביג ביז וואנען זיי האָבען אויסגעפונען און זיינען איבערצייגט געוואָרען אז זיי האָבען זיך באמת ליעב איינע די אנדערע, טאָ ווי שיקט זיך עס וואָס דער דאַזיגער גרויסער בנין וואָס האָט זיך יאָרענלאנג געבויט זאָל פלוצלונג אזוי שנעל צופאלען ווערען?

דער ענטפער איז אָבער אַ גאַנץ פשוט'ער און ווערט פאָרמו־לירט אין די באַקאַנטע און פּאָפּולערע פראַזע וואָס זאָגט: „די ליעבע איז בלינד".

מען דארף ניט פארגעסען אז ווען צוויי יונגע קינדער פוןביידע געשלעכטער שליסען באַקאַנטשאַפט און אויף דער אויסערליכקייט אפעלירען זיי איינע צו די אנדערע,דאן באמיהט זיך יעדער איינער פון זיי, אין זיינע האנדלונגען און באַנעהמונגען, אז ער זאָל „אוים־נעהמען" ביים צווייטען און זאָל איהם געפעלען. יעדער איינער פון זיי טראכט זיך אומגעפעהר אזוי: איך, מיינע חסרונות ווייס זיי גאַנץ גוט, יענער אָבער, וועמעס ליעבע איך וויל געווינען, דארף פון די דאַזיגע חסרונות ניט וויסען; פאר איהם וועל איך זיך באַמיהען בלויז אַרויסצואווייזען מיינע מעלות, דאגעגען, ב י י איהם וועל איך דוקא יאָ זוכען די חסרונות פונקט ווי די מעלות, כדי צו וויסען אויב ס'איז כדאי איהם פאר מיין לעבענסבאַגלייטער צו מאַכען.

אָט אזוי טראכט סיי ער און סיי זי. שפּילען זיי הייסט עס ביידע טעהאטער; פארשטעלען זיך איינס פאר'ן צווייטען, צייגען בלויז ארוים מעלות און ניט קיין חסרונות. מאכט ניט אוים ווי לאנג דער דאַזיגער „טעהאַטער סעזאָן" געדויערט, אַ קורצערער אָדער אַ לענ־גערער, קוים איז מען אַן אַקטיאָר דארף מען זיין אַ גוטער אַקטיאָר און ניט פעלשען די ראָלע . . .

איז ממילא פאר דער גאנצער צייט פון דעם דאַזיגען „טעהאַ־טער שפיל״, שווער ביי וועמען עס איז פון זיי אויסצוגעפינען ביים צווייטען די פעהלערען און די שוואכקייטען. זיי קומען צום באַשלוס אַז זיי זיינען דאָס ריכטיגע פּאָרל, אַז ער זי, און זי איהם, האָבען זיך אמת ליעב און די דאַזיגע אויפריכטיגע ליעבע איז אזוי צו זאָגען דער אויסגעפּרובירטער מיטעל וואָס פיהרט זיי ענדליך צום תכלית — צו דער חופּה.

אָבער אזוי שנעל ווי זיי געהען ארונטער פון דער חופּה ביהנע, אַזוי פארשווינדט גלייכצייטיג אויך די „טעהאטער״ ביהנע. יעדערער פיהלט זיך איצט פריי אָפּגעאָטעמט. איצט איז שוין ניט נויטיג מעהר אָנצוהאלטען די אקטיאָרסקע ראָלען; ער איז דאָך שוין איהרער און זי איז דאָך שוין זיינע; שוין ניטאָ די מורא פון טאָמער ניט געפּעּ־לען...אַנטפּלעקען זיי זיך שוין אין זייערע אמת׳ע געשטאַלטען, איינער זעהט שוין דעם אַנדערענס פעהלערען, און עס געדויערט ניט לאנג און מען קוקט זיך ארום אז מען האָט זיך גאָר גענארט, ניט ער איז דער מלאך און ניט זי די מלאכ׳טע, און ערשט איצט שפּרינגט שוין גראדע יאָ ארויין דער „שדכן״, אָבער ניט דער שדכן פון צוזאַ־מענברייינגען נור דער שדכן פון פאנאנדערנעהמען, דער שדכן פון פּרוד און אינטריגעס אין געשטאַלט פון שטן, און ער, דער דאַזיגער אונגעווינשטער שדכן, טהוט שוין זיין ארבייט געשיקט און אונגעּ־שטערט. עס פאנגט זיך אָן אַ סדרה פון צאַנקערייען און קאָנפליקטען, מחלוקת׳ן און אַרומרייסענישען, ביז עס דערפיהרט צו אַ קאַטאַסטראָ־פאלע לאגע און אין אַ סך פעלע דערפיהרט עס טאַקע אויך צו אַ פאטאלער ענדע.

איז דעריבער, ווי געזאָגט, די ליעבע ניט קיין אויסגעפּרוביר־טער מיטעל אויף וואָס מען זאָל ווירקליך קענען בויען, און אויב אזוי אַז אלס מיטעל איז עס אַ דורכפאל, און מאָראליש אידיש איז עס אויך ניט, האָט ער דערפאַר לאָגישערווייזע ניט געקענט קריגען די צושטימונג און די גוטהייסונג פון דער פרומער אידישער וועלט וועל־כע האָט שטענדיג געקוקט אויף אַ ליעבע־חתונה מיט קרומע אויגען און מיט אַ גרויסער מאָס ענטריסטונג.

האָט די פרומע אידישע וועלט דעריבער גורם געווען וואָס

ווייניגער אינטימע באַקאַנטשאַפט צו האָבען פאר דער חתונה. געגוג דער אויסערליכער איינדרוק וועלכעס איז טאַקע אַ טראַדיציאָנעלער געבאָט און דריקט זיך אוים אין דעם דין פון „אסור לקדש את האשה עד שיראנה", און דאָס איבעריגע, זיך פארלאָזען אויף זייטיגע מענ־שען וואָס קענען ווייניגער אָדער מעהר די פאַמיליעס פוןביידע צדדים, און אויף וועמעס רעקאָמענדאציעס מען קען ווייניגער אָדער מעהר שטעלען, און האָפען און בעטען צום אויבערשטען, דער אמת'ער מזווג זיווגים, אז דער דאָזיגער זיווג זאָל עולה יפה זיין און עס זאָל זיין אַ בנין עדי עד.

דערפאַר אָבער אז עס קומט שוין נאָך דער חתונה און עס האַנדעלט זיך ווי דעם קיום אָנצוהאַלטען, דאָ קומט די תורה מיט איהר „ויאהבה" און מיט'ן „והיו לבשר אחד" און די חכמים מיט זייער „אוהב את אשתו כגופו". די ליעבע וואָס נאָך דער חתונה איז שוין ניט נור ווינשענסווערט נור טאַקע אַן אייביגע פליכט אויף וועלכעס דער גאנצער פאמיליען לעבען איז געבויט. די ליעבע איז דער אמת'ער יסוד פון דעם שלום בית און אַ געזונטער יסוד אויף וועלכען דער בנין קען זיך האַלטען.

ווייל דאָס איז דאָך ניט קיין ביהנע ליעבע וואָס זאָל זיין אַ רע־זולטאַט פון אַקטיאָרסקע פארבלענדעניש און פון קונצענמאַכעריי; דאָס איז דאָך אַ ליעבע וואָס איז געבויט אויף די היילינגסטע יסודות פון תורה און טראַדיציע, אויף אמת'ע געטריישאַפט און איבערגעג־בענהייט, אַ ליעבע פון „בלי כחל בלי שרק ובלי פרכוס", אזא ליעבע איז טאַקע — „ויעלת חן".

דאָס איז די ת כ ל י ת ליעבע צו וועלכע דוקא די חתונה האָט געדינט אַלס מ י ט ע ל, און איצט זיינען זיי ביידע צוזאַמענגע־שמאָלצען געוואָרען און פון ביידע איז געוואָרען תכלית.

און וואָס מעהר מען לעבט זיך איין צוזאַמען, אַלץ מעהר האַלט די ליעבע אין איין שטייגען. די נאַטירליכע געמיינשאַפטליכע אינ־טערעסען וואָס דאָס פארהייראַטע לעבען ברייננט מיט זיך, מאַכען די ליעבע אַלץ שטאַרקער און זיכערער, און נאָכהער ווען דאָס פאר־הייראַטע לעבען ווערט אויך פרוכטבאַר, עס הויבט אָן פראָדוצירען די ליעבעס פרוכט, ווערען די דאָזיגע פרוכט אויך קאָאָפערירטע

אַטריבוטען וואָס האַלטען דעם ליעבעם בונד נאָך פעסטער.

אויף דער דאָזיגער נאָך־דער־חתונה ליעבע, כאָטש זי קומט שפעטער אין צייט פאַר די פאַר־דער־חתונה ליעבע איז זי אָבער מעהר ווילקאָמען. וואָס שפעטער אַלץ צייטיגער איז זי, און אויף איהר קען מען מיט רעכט זאָגען — אחרון אחרון חביב, דען בעסער אַ שפעטער־דיגע צייטיגע ליעבע איידער א פריהערדיגע אונצייטיגע...

יאָ, אונזער תורה מיט איהרע געזעצען זיינען ניט נור די אויפ־האַלטער פון דער מענשליכער מאָראַל נור אויך פון מענשליכער גענום; ניט נור פרעדיגט אונזער תורה הימלישע קדושה נור אויך מענשליכע צופרידענהייט. זי איז אין בוכשטעבליכען זין אַ תורת חיים.

יא

ליעבע און קאַפּריז

דער חכם מכל אדם, שלמה המלך, האָט געגעבען אַ ריכטיגע אָפּשאַצונג וועגען ליעבע ווען ער האָט עס אויסגעדריקט אין די ווערטער: „כי עזה כמות אהבה", ליעבע איז שטאַרק ווי דער טויט. דאָס מיינט אַז ווען עס זאָל זיך האנדלען אין אַן אויסוואל פון איינע פון די צוויי, דאָרט וואו זיי קומען אין צוזאמענשטויס איינס מיט דאָס אנדערע, וועט די אמת'ע ליעבע ארויסצייגען אזא שטאַרקייט אַז זי וועט זיך ניט לאָזען באַזיגען צוליב די מורא פון טויט.

פלעגט זיך שוין דערפון ממילא א קל וחומר אויף אנדערע קלענערע זאכען וואָס ווילען זיך שטעלען אין וועג פון דער ליעבע, אַז זיי וועלען געוויס זיין די באַזיגטע און די ליעבע וועט האָבען די אויבערהאנט.

אַזוי דאַרף עס זיין און אַזוי משמעות איז עס טאַקע. טרעפען מיר אָבער אַמאָל אָן אַז די ליעבע איז גראָדע יאָ באַזיגט געוואָרען, און טאַקע פון אַ פיעל קלענערע זאך ווי דער טויט, דאַרף עס ניט אָנגענומען ווערען ווי אַן אָפּלייקענונג פון שלמה המלך'ס באַהויפּטונג, נור דאַרף גיכער דינען אלס באַווייז אַז די באַטרעפענדע ליעבע איז ניט געווען קיין אויפריכטיגע, קיין אמת'ע זאַנסט וואָלט זי ניט געקענט באַזיגט ווערען.

אַ באַזיגטע ליעבע איז פאָלגליך אַ מין טערמימעטער וואָס טעסט־אָפּ דעם ליעבעסגראַד ווי הויך ער איז געשטאַנען בעפאָר זיין ארונטערפאַלען...

אויב למשל אַן איינפאַכער קאַפּריז האָט געקענט האָבען די אויבערהאַנט איבער די ליעבע און איהר באַזיגען, ציהט עס געוויס אַ גרויסען שאָטען אויף דער דאָזיגער ליעבע, און שטעלט איהר לכתחילה אוועק אונטער אַ גרויסען פראַגע צייכען.

האַלטען מיר איצט ביי אזא פאל וואו ליעבע און קאַפּריז האָ־בען זיך באַגעגענט און קאַפּריז האָט גובר געווען; אָבער נאָך אַ לאנגע רייהע פון געשעהענישען און היבש פארוויקעלטע קאָמפּליקאַציעס, וויל איצט די ליעבע ווידער אויפשטעהן תחית המתים און זוכט איהר תקון אין אונזער אויפריכטיגע עצה.

ווען מיר די לעזער איבערגעבען די געשיכטע פונקט ווי זי אז פאר אונז דערציילט געוואָרען פון אַ שוועסטער פון דעם ליעבעם קרבן.

אַ מיידעל איז אומגעגאנגען מיט אַ בחור און געשפּינט ווי גע־וועהנליך זיסע חלומות וועגען זייער גליקליכער צוקונפט. דער בחור, אַ גאַנץ פיינער, נור ניט קיין „געסעטעלטער" און ממילא ניט קיין פאַראַנטוואָרטליכער, האָט זיך איבערהויפּט „אויסגעצייכענט" מיט זיינע קאַפּריזען וועלכע זיינען ביי איהם פאַרוואַנדעלט געוואָרען אין אַ צווייטע נאַטור, און האָט מיט זיי אָפּעריערט אויף רעכטס און לינקס. די סאַמע זיסטע קאָמפּלימענטען וואָס ער פלעגט מאַכען זיין געלי־עבטע, זיינען געווען דורכגעוועבט מיט הכמה'לאך פון יענעם סאָרט וואָס שטעכען דעם צווייטען און דריקען אוים אַ צו'להכעים געפיהל. דאָס האָט נאַטירליך זעהר אָפט געבראַכט צו אַ קאַפּריזען קאַמפּף צווישען דאָס געליעבטע פּאָרעל וואָס פלעגט זיך ענדיגען מיט אַ צייטווייליגען ברוגז'ל. איינמאָל אָבער, נאָך אזא מין ברוגז, האָט אונזער קאַפּריזנער בחור'ל פאַרלאָזען דאָס מיידעל און איז טאָקע מעהר ניט געקומען צו איהר. אונטער דער צייט האָט זיך אונזער קאַפּ־ריז־העלד באַקאַנט מיט אַן אַנדער מיידעל, אַ שעהנע און געראָטענע, און האָט זיך צו איהר ערקלערט אין ליעבע, דערביי צוזאָגענדיג איהר גאָלדענע בערג, און פארלאַנגענדיג טאָקע באלד מיט איהר חתונה צו האָבען.

די מיידעלס עלטערען וועלכע האָבען אין דעם שידוך געזעהן אַ גליק פאר זייער קינד, אַ שעהנער בחור, אַ קלוגער, אַ פאַרדינער, פון אַן אָרענדטליכע פאַמיליע און דערצו נאָך זיין צודרינגליכקייט צו אַ שנעלער חתונה וועלכעס זיי האָבען אוסגעטייטשט אַלס רעזולטאַט פון אַן ערנסט אויפרכטיגע ליעבע, האָבען נאַטירליך גלייך געגעבען זייער צושטימונג און אין אַ מזל'דיגער שעה חתונה געמאַכט.

ס׳איז זיך ניט שווער פאָרצושטעלען וואָס פאַר אַ ווירקונג די דאָזיגע קאַפּריזנע און צו׳להכעיס חתונה האָט געהאַט אויף זיין פריי־הערדיגע געליעבטע, אָבער צו קיין קאַטאַסטראָפע איז עס ניט געקו־מען. די צייט וואָס היילט אַלע וואונדען האָט אויך דער מיידעלס וואונד ווי עס איז פאַרהיילט. זי האָט זיך ביסלעכווייז פון איהם אָפּ־געוואוינט, און האָט זיך דערוויל באַקאַנט מיט אַן אַנדער בחור, דוקא גאָר אַן אָרענדטליכער און ניט קיין קאַפּריזנער, און אַלעס איז געווען אין דער בעסטער אָרדנונג.

דערוויל האָבען זיך אָפּגערוקט עטליכע יאָהר. אונזער קאַפּ־ריזנער יונגערמאַנטשיק איז שוין מיט מזל געוואָרען אַ טאַטע פון צוויי קינדער, און די קאַטאַסטראָפע איז ד אָ ך געקומען, און דוקא ביי דאָס פאַרהייראַטע פּאָרל. קענטיג אַז דאָס ווייבעל האָט צווישען דער צייט אויסגעפונען אַז איהר מאַנ׳ס ליעבע איז גאָר געווען אַ צו׳־להכעיס ליעבע, ניט מאהבת די צווייטע, נור משנאת די ערשטע . . . דאָס זאָל האָבען זעהר שלעכט געווירקט אויף איהר פרויען שטאָלץ. זי האָט געליטען פון אַ נערוועזן צוזאַמענברוך וואָס האָט געפיהרט דערצו אַז די ווייבעל האָט געמוזט אַריינגעגעבען ווערען אין אַ משוגעים הויז, און געפינט זיך שוין דאָרט עטליכע יאָהר.

איז דאָך די מעשה, אַן און פאַר זיך, דוכט זיך טראַגיש גענוג; ווערט זי נאָך אָבער פיעל מער טראַגיש, כמעט אונערטרעגליך טראַ־גיש, ווען מיר ווערען געוואויר פון דער מיידעלס שוועסטער אַז אונ־זער קאַפּריזנער פאַרברעכער פאַרשוין האָט איצט ווידער אָנגעקניפּט פאַרבינדונגען מיט זיין ערשטע געליעבטע, אָפּגעפרישט די אַלטע ליעבע, און שוין אַ לאַנגע צייט ווי מען געהט אַרום צוזאַמען, און עס האַלט שוין דערביי אַז מען קומט ביי אונז פרעגען אַן עצה וועגען אַרויסקריגען אַ היתר פון מאה רבנים וואָס זאָל אונזער וואוילינ־גערשען בחור באַפרייען פון זיין אומגליקליכען קרבן און זאָל קענען חתונה האָבען מיט זיין קרבן נומער איינס.

דאָס מיידעל אַליין איז משמעות ענטוועדער צו נאַאיוו, אָדער צו לייכטזיניג, אָדער טאַקע ביידע צוזאַמען, אויב זי האָט ביי זיך געקענט פּועל׳ן מיט דעם פרא אדם ווידער צו פאַרקעהרען.

דער מיידעלס עלטערען זיינען שטאַרק דאַגעגען. די שוועס־

טער ווידער קען זיך הפנים ניט באַשליסען ווער עס האָט רעכט, צי דאָס מיידעל אָדער די עלטערען. איהר באַהויפּטונג איז נור, אז איהר שוועסטער געהט איין אויף אַלצדינג, בדאי אויך צו ווערען אַ מאַמע פון פרעמדע צוויי קינדער, אבי איהר ערשטע ליעבע ניט פארשפּילען.

גלויבען מיר קוים אויב מען דאַרף זיין אַ גרויסער חכם צו קענען געבען די ריכטיגע עצה. אַ קורצער אנאליז בלויז און דער ענט־פער ווערט קלאָהר.

די מיידעל טענה'ט אַז עס איז איהר אַלץ כדאי אַבי די ערשטע ליעבע ניט פאַרלירען. אָבער אין גאַטעס ווילען, פון וועלכע ערשטע ליעבע רעדט איהר דאָ, אַ ליעבע פון אַן איבערגעברענטען שטרוי, אַ ליעבע וואָס איז באַזיגט געוואָרען פון אַ נארישען קאַפּריז, אַ ליעבע וואָס האָט זיך געהאַלטען אויף הינערשע פיסלאך; אָט דאָס הייסט ביי אייך ליעבע וואָס קיין פּרייז איז פאַר איהר ניט שווער צו באַ־צאָלען?

און טאָמער האָט איהר דערביי אין זינען די ליעבע פון אי י־ער זייט, איז ערשטענס, אַ ליעבע וואָס איז ניט געגענזייטיג, דאָך בכלל קיין ליעבע ניט; און צווייטענס, צווייפלען מיר אפילו אין די אויפריכטיגקייט פון אָט די איינזייטיגע ליעבע אויך. עס שיינט אונז אַז פונקט ווי אייער בחור האָט מיט זיין קאַפּריז צושטערט די ליעבע, אַזוי ווילט איהר איצט מיט אייער קאַפּריז די ליעבע צו־ריק קריגען; אָבער פונקט ווי אַ קאַפּריזנע צושטערטע ליעבע איז קיין ליעבע ניט אַזוי איז אַ קאַפּריזנע געוואונענע ליעבע אויך קיין ליעבע ניט, און עס איז פאַלגליך דאָ ניטאָ קיין ליעבע וועגען וואָס צו רעדען, ניט קיין געגענזייטיגע און ניט קיין איינזייטיגע.

פון צווייטען זייט ווידער קריגט דאָ אפילו דער קאַפּריז אויך קיין סאַטיספעקציע ניט. דען ניט אייער קאַפּריז געווינט דאָ נור זיינער. מיט אייער חתונה האבען מיט איהם, וועט איהר אַליין באַ־שטעטיגען אַז איהר זיינט געווען, איהר זיינט און איהר וועט אי־מער זיין דער קרבן פון זיינע קאַפּריזען. דורך אַ קאַפּריז האָט ער אייך אוועקגעוואָרפען און חתונה געהאַט מיט אַן אַנדערע, און איצט אַז ער וויל אייך צוריק, פיהרט ער ווידער אוים, אפילו ווען איהר דאַרפט

דערפאר באַצאָלען מיט אַזאַ שווערע שטראָף ווי שטיפמוטער-שאַפט . . .

און מיט וואָס זיינט איהר איצט אזוי זיכער צו וואָס זיינע וויטערדיגע קאַפריזען קענען פיהרען ?

דאַן, מיט אייער אַוועקוואַרפען דעם יונגערמאַן מיט וועלכען איהר געהט ארום שוין היבשע עטליכע יאָהר און איהר האָט גאָר ניט וואָס אויסצוזעצען געגען איהם, באַגעהט איהר דאָך נאָך אַ גרע-סערען פארברעכען ווי דער וואָס אייער תכשיט איז געגען אייך באַ-גאנגען. יענער האָט אייך אוועקגעוואָרפען וויינינגסטענס צוליעב אַ קאַפריז געגען אייך אליין, איהר אָבער, געהט איצט אייער יונגערמאן אַוועקוואַרפען צוליעב אַ קאַפריז וואָס איהר ווילט שפילען געגען אַן אַנדערען. איז עס דאָך אין דער בחינה פון „טוביה חטא וזיגוד מינגד״ ? (ר׳ טוביה האָט געזינדיגט און ר׳ זיגוד קריגט די שטראָף).

און וואָס פאר אַ הארץ וועלען טראָגען אויף אייך די עלטערען פון יענע אומגליקליכע פרוי וועלכע איז צוליב אייך, ווען אפילו ניט צוליב אייער שולד, געפאלען אַ קרבן ? וועלען זיי דען אייך ניט נאָכ-קוקען מיט גיפטיג שטעכיגע בליקען פון וועלכע עס וועט ארוים-שטאַרטשען דער פאָרוואורף פון „הרצחת וגם ירשת״ ? (האָסט גע-מאָרדעט און ווילסט נאָך אויך אָפּ׳ירשנ׳ען ?); שוין ניט רעדענדיג פון דעם פאקט וואָס אייער איצטיגע האַנדלונג האָט אויך ניט די הסכמה פון אייערע אייגענע עלטערען, וועלכע האָבען מעהר ערפאַ-רונג און פארשטעהען די זאך בעסער אָפּצושאַצען ווי איהר מיט אייער פייגלינגשען און נאַרישען פארשטאַנד.

פאָלגט דעריבער אונזער אויפריכטיגע עצה און טרייבט אַרוים דעם גיפטיגען שלאנג פון אייער הויז און פון אייער געדאנק; זאָל ער אַליין באַצאָלען דעם פרייז פון זיין אונמענשליכע און פארברעכערשע האַנדלונג. געהט אין אַ גליקליכער שעה צו דער חופה מיט אייער איצטיגען חתן, און אייער לעבען וועט אימער זיין אַ גליקליכער און צופרידענער.

יב

פיזישע און גייסטיגע שעהנקייט

פיעל איז שוין געשריבען געוואָרען וועגען פרויען ליעבע. גאַנצע מאסען ווערק אין אלערליי מענשליכע שפּראַכען זיינען געווידמעט געוואָרען דער דאָזיגער פראגע. די מיינונגען זיינען צוטיילט איבער דעם אורשפּרונג און קוואל פון וואַנען די ליעבע שטאַמט אָפּ.

אורטיילענדיג פון די צענדליגער, הונדערטער און טויזענטער ליעבעסליעדער וואָס פּאָעטען פון אלע ראסען און נאַציאָנען און אין אַלע תקופות און דורות, האָבען געשריבען און באַזונגען, שאַפּט זיך נאַטירליך דער איינדרוק אַז די ליעבע איז ווירקליך אַ „בת השמים״, און קוים איז עס אַ הימעל פּראָדוקט האָט דאָך עס שוין במילא מעהר צו טאָן מיט נשמה ווי מיט׳ן גוף.

דער פאקט ווידער אַז די ליבע האָט פארכאַפּט די פּאָעטישע טעריטאָריע און איז געוואָרען אזוי צו זאָגען די מאניפּאָליזאציע פון אונזערע דיכטער און פּאָעטען, דיזער פאקט אַן און פאר זיך, איז ווי־דער אַ טיילווייזיגע באַשטעטיגונג אז די ליעבע איז אַ נשמה פּראָדוקט, דען פּאָעזיע גופא איז דאָך דורכאויס נשמה׳דיג; די פּאָעזיע איז דאָך דער נשמה ווינקעל פון דער מענשליכער ליטעראטור, און אויב די ליעבע האָט קונה שביתה געווען גראדע אין יענעם ווינקעל איז דאָך משמעות אַז זי געהער אַהין און האָט דאָרטען מעהר שייכות ווי אַנ־דערשוואו.

איז אָבער דאָ נאָך אַ צד אין טיש, און ניט קוקענדיג וואָס די אידעען פון יענעם צד שמעקען, פּשוט גערעדט, מיט אפּיקורסות און מיט כפירה בעיקר, יענער צד גלויבט פּשוט ניט אין ליעבע מן השמים און נידערט ארונטער די ליעבע פון די הויכע הימלען צו די טיעף נידעריגע אָפּגרונטען, ער טהוט איהר אויס איהרע זיידענע העמדלאך און הילט איהר איין אין פּשוט׳ע האָריפּאַשנע „אָווערָאלס״;

ציהט פון איהר אין גאַנצען אַרוים די נשמה און מאַכט איהר כולו גוף... כאַטש דאָס איז, ווי געזאָגט, אַ שטיק „אַפּיקורסות", האָט מען פונדעסטוועגען דיזע אידעען ניט אונטערדריקט; מען האָט זיי ניט בויקאָטירט און ניט דן געווען מיט קיין „לאקאוט" פון דער מענשליכער ליטעראַטור. אין דעם פּרט איז די ליטעראַטור געווען זעהר ליבעראַל און ניט גענומען קיין פּאַרטייאישע שטעלונג, האָט געמאַכט פּלאַץ פאַר אלע אידעאישע באַהויפּטונגען און פּראָמינענט געפּיטשורט די אידעאישע אנשויאונגען פוןביידע זייטען.

האָבען מיר דעריבער געהאַט די געלעגענהייט זיך צו באַקענען מיט אַזעלכע געוואגטע באַהויפּטונגען ווי למשל די פון דעם פילאָזאָפישען מהבר פון די „פּאַראַדאָקסען", לויט וועמען עס קומט אוים אַז ליעבע איז דורכאוים אַ פּראָדוקט פון ליידענשאַפט און איז פאַלגליך דורכאוים פּראָזאאיש, ערדיש און ניט פּאָעטיש, הימליש.

ווילען מיר דעריבער ניט „אריינשטעלען דעם קאָפּ צווישען אזעלכע גרויסע בערג" כדי מכריע זיין אויף וועמעס זייט עס איז די גערעכטיגקייט. מיר פיהלען זיך בכלל ניט קאָמפּעטענט גענוג אין אזעלכע פראגען, און מיר האָבען בכלל אַ גלייכגילטיגע און נעגאַטיווע באַציהונג צו דער גאנצער אָנגעלעגענהייט; ביי אונז איז עס לא מעלה ולא מוריד דער פּסק הלכה אין דער דאָזיגער פראגע, און עס ארט אונז לחלוטין ניט וועלכער צד עס זאָל ניט געווינען...

אַזוי צו אַזוי, אָבער איין זאך איז קלאָהר אז דער „מין היפה" וואָס איז אַ סוביעקט פון דער דאָזיגער ליעבע, איז ניט אלעמאָל זיין פיזישע שעהנקייט דער הויפּט מאָטיוו און צוציהונגס קראַפט פון דער ליעבע. די פּראַקטישע ערפאהרונג פון לעבען האָט אונז איבערצייגט אז עס איז לכל הדעות פאראן אזא זאך ווי נשמה שעהנקייט וואָס רופט אויך מאַנכעס מאָל ארוים די ליעבע, און מיט ניט ווינציגער אימפּעט און אייפערקייט ווי די פיזישע ליעבע. זעהען מיר דאָך בחוש ווי עס טרעפט גאנץ אָפט אז יונגעלייט פארליעבען זיך אין מיידלאך וועלכע זיינען פון דער נאַטור גראָדע ניט באַגאַבט מיט פיזישען רייץ און קערפּערליכע שעהנקייט; פון דיזען שטאַנדפּונקט זיינען זיי גראדע כמעט אָפּשטויסענד, און דאָך פארליעבט מען זיך אין זיי „איבער די אויערן".

וואָלט די דאָזיגע ערשיינונג אייגענטליך יאָ געקענט דיענען אַלס הכרעה אין די דערמאָנטע מיינונגס פאַרשידענהייטען, און וואָלט אונטערשטיצט מעהר דעם ערשטען צד וואָס האַלט אז די ליעבע איז יאָ אַ בת השמים. אָבער, ווי געזאָגט, ווילען מיר ניט אריין בעובי הקורה אין דער טעהאָרעטישער זייט פון דער פראַגע. די משמאילים וואָלטען מעגליך געפונען אַ וועג ווי אָפּצואווענדען אויך די דאָזיגע ראיה.

פאַקטיש אָבער, קען קיינער ניט באַשטרייטען אז אזעלכעס געשעהט און אז גייסטיגע קוואַליפיקאַציעס און נשמה אייגענשאַפ־טען באַזיצען פונקט אזא קראַפט אויף ארויסצורופען ליעבע ווי פי־זישע מעלות און קערפּערליכע קוואַליטעטען. מען קען זיך פונקט אַזוי פאַרליעבען אין אַ שעהנע נשמה ווי אין אַ שעהנעם קערפּער; גוטע זיטען, אַ נאָבעלער כאַראַקטער און גייסטיגע ווערטען, פאַר־נעהמען ביי מאַנכע מענשען פונקט אזא פּלאַץ ווי באַגאַבטע פיזישע אייגענשאַפטען.

און רעדט מען וועגען ליעבע דאַרף מען אויך ניט פאַרגעסען אַז דאָס דאָזיגע איז אַ געגענזייטיגער געגענשטאַנד וואָס באַציהט זיך ניט בלויז אויף די ליבע פון א י ה ם צו א י ה ר נור אויך אויף די ליבע פון א י ה ר צו א י ה ם; און דאָ מוז מען צוגעבען איז שוין די גייסטיגע זייט אין מעהרסטע פעלע אַ מעהר דאָמינירענדער פאַקטאָר ווי די פּיזישע.

ניט אומזיסט האָט מען בלויז דעם פרויען געשלעכט באַצייכענט מיט'ן נאָמען מין היפה, משמעות אז ביים מאַנספאַרשוין, דאַרף ניט פּיזישע שעהנהייט פאַרנעהמען דעם אויבענאַן. אזוי האָט די נאַטור געוואָלט און אויף נאַטור פרעגט מען קיין קשיות ניט.

עס איז אמת אז אין אונזערע צייטען איז שוין די זאַך אביסעל אַנדערש, און די טעכטער פון היינטיגע דורות זוכען ביז אַ געוויסער מאָס פיזישע שעהנקייט אויך ביי די מענער. דאָס דאַרף אָבער צו־געשטעלט ווערען צו געוויסע סיבות וואָס האָבען צו טאָן מיט מאַנכע ענדערונגען אין דער נאַטור גופא.

אָט זעהען מיר דאָך צום ביישפּיעל ווי דאָס לעבען האָט בכלל געענדערט די היינטיגע פרוי און איהר געמאַכט ביז אַ היבשע מאָס

מענעריש. די אַמאָליגע עקרת הבית, די שטוב זיצערין, איז היינט געוואָרען אַ „ביזנעס ליידי״; היינטיגע פרויען פאַרנעמען מענערשע פּאָזיציעס אין פאַבריק, אין קראָם, אין אָפיס און אויף אַלע אַנדערע שטחים פון דעם עקאָנאָמישען און אינדוסטריעלען לעבען. די היינ־טיגע פרוי איז אויך אין דעם קולטורעלען און פּראָפעסיאָנעלען לעבען ניט פיעל אָפּגעשטאַנען פון דעם מאַן. די היינטיגע פרוי האָט דאָך אויך אַדאָפּטירט אַזעלכע געוואוינהייטען וועלכע זיינען פון אייביג אָן געווען אויסשליסליך מענערשע, ווי צום ביישפּיעל דאָס רויכערען, קאָרטען שפּיעלען א. ד. ג.

און אויב די נאַטור האָט די פרוי טיילווייז „פּאַרמענערט״, קען דאָך שוין רעכט זיין אַז דער מאַן זאָל אויך טיילווייז „פאַר׳פרוי׳ט״ ווערען, און די פרוי זאָל דעריבער אין איהם שוין איצט זוכען אַביסעל „פרויען״ שעהנקייט... וואו די מחיצות ווערען פאַנאַנדערגענומען, מען פאַרמישט די יוצרות און מען בייט זיך מיט די ראָלען, איז דאָך ניט שייך...

אָבער סיי ווי איז נאָך אויך היינט דער הויפּט סוביעקט פון פיזישער שעהנקייט די פרוי. ביים מאַנספּאַרשוין זוכט מען נאָך אויך היינט דער עיקר גייסטיגע שעהנקייט און מענערשע קוואַליפיקאַציעס.

די דאָזיגע אָפּהאַנדלונג, דאַרף אפשר אונז דינען אלס לייט־מאָטיוו צו דער לעזונג פון אַ פּראָבלעמע וואָס האָט צו אונז געבראַכט אַן אנשטענדיגע אינטעליגענטע אידישע טאָכטער, וואָס געפינט זיך, אַזוי צו זאָגען, אויף דעם „פרשת הדרכים״ און קען זיך אליין ניט אַנטשיידען ווי אַזוי צו האַנדלען.

אונזער העלדין געהט ארום שוין אַ לענגערע צייט מיט אַ יונ־געמאַן, אַן אדוואָקאַט ביי זיין פּראָפעסיע, פאָרלויפיג נאָך ניט גוט עטאַבלירט אָבער מיט גוטע אויסזיכטען פאַר דער נאָהנטער צוקונפט. דער יונגערמאַן, גיט די מיידעל צו, איז זעהר אַ פיינער מיט אַ נאָבע־לעם כאַראַקטער און מיט אַ גאַר גרויסער מאָס בילדונג, איז אויך פון אַ שעהנע אידישע אינטעליגענטע פאַמיליע, נור איין חסרון האָט ער, וואָס פיזיש איז ער ניט איבעריג שעהן. איהרע עלטערען רעדען איהר צו מיט איהם צו הייראַטען, נור זי אליין קען זיך ניט באַשליסען ווי צו האַנדלען, און פרעגט דעריבער אונזער עצה. זי זאָגט אַז דער יונ־

גערמאַן איז אין איהר שרעקליך פאַרליעבט, און ווען ניט זיין פיזי־שער חסרון וואָלט זי איהם זיכער אויך געווען געליעבט מיט דער זעלבער מאָס.

אין פאַרלויף פון אונזער געשפּרעך האָבען מיר ביי דאָס מיי־דעל אויסגעפונען אַז דאָ איז נאָך עפּעס פּאַרמישט אין דער דאָזיגער פּראָבלעמע. זי האָט נעמליך צוגעגעבען, אַז זי איז באַקאַנט מיט אַ צווייטען יונגערמאַן וואָס איז ווייט ווייט הינטערשטעלינג גע־גען דעם ערשטען אין אַלע הינזיכטען, אויסער וואָס ער איז פיעל שעהנער פאַר איהם. זי מאַכט דעריבער דורך אַן אינערליכען נשמה ראַנגעל און ווייסט ניט ווי אַזוי זיך צו באַשליסען.

אויף אונזער פראַגע ווי עס האַלט מיט דעם צווייטען יונגער־מאַנס ליעבע צו איהר, האָט זי טרויעריגליך און אביסעל פאַרשעהמט צוגעגעבען אַז מיט יענעם איז די ליעבע פאַרלויפיג נור איינזייטיג, דאָס הייסט פון איהר צו איהם, אָבער ניט פון איהם צו איהר...

וואָס מיר האָבען צו זאָגען אין דיזער אַנגעלעגענהייט איז פאָל־גענדעס:

עס איז בכלל דאָ ניט קיין פראַגע פון מעסטען איין ליעבע מיט דער צווייטער. אַזעלכעס איז נור שייך ווען עס ליגט די ברירה ביי זיך אין די הענט אויסצוקלייבען די אָדער יענע. אין דיזען פאַל איז דאָך דאָס אָבער ניט אַזוי. זי גיט דאָך אליין צו אַז ליעבע „נומער צוויי" איז דאָך ניט קיין געגענזייטיגע און פאָלגליך דאַרף דאָך עס כלל ניט גענומען ווערען אין אַנבאַטראַכט.

האַנדעלט זיך דאָך דאָ בלויז פון איין ליעבע. איז כאָטש להלכה האָט אונזער לענגערע הקדמה אין דיזען קאַפּיטעל שוין ארויסגע־בראַכט דעם פסק דין און דער ענטפער וואָלט געדאַרפט זיין אַ פּאָזי־טיווער און ראַטען דאָס מיידעל אויסצופאָלגען איהרע עלטערענס עצה, איז אָבער דאָס אַלץ להלכה, למעשה איז שוין אביסעל אנדערש; דען ליעבע איז דאָך אַ זאַך פון הארץ און געפיהל, און אַזעלכע זאַכען קענען נישט אַלעמאָל באַהאַנדעלט ווערען בלויז דורך לאָגיק און שכל.

דאָך ערלויבען מיר זיך אין דיזען פאַל יאָ צו עצה'ן דאָס מיידעל ניט אָפּצובּרעכען מיט דעם ערשטען יונגערמאַן, און דאָס איז דערפאַר

וואָס זי אליין האָט ניט קיין זיכערע נעגאטיווע שטעלונג אין דער זאך. אָט דער פאקט גופא וואָס זי קומט פרעגען אן עצה און וויל הע־רען אַ זייטיגען אומפארטייאישען מיינונג, דאָס אליין איז אַ באַווייז אַז טיעף אין איהר הארץ און נשמה טליעט א פייערעל פון אמת'ע ליעבע און זי קוקט נור אויס אז מען זאָל איהר געבען ערמוטיגונג כדי דאָס פייערעל זאָל פאַרוואַנדעלט ווערען אין אַ גרויסען ליעבעס פלאם.

אזוי שאַצען מיר אָפּ די לאַגע פון דער פסיכאָלאָגישער זייט, און דערפאר קענען מיר מיט פולער זיכערהייט אויספאָלגען איהר ווּאונש און איהר געבען די הונדערט פראָצענטיגע מאָס פון ערמו־טיגונג.

איהר שטעלט דאָ גאָרניט איין, ליעבעס קינד, אייער צוקונפטס גליק איז אַ געזיכערטער. פארבינדט זיך מיט'ן יונגערמאַן און בויט צוזאמען אַ אידישע גליקליכע היים אין די הויז פון ישראל.

יג

אינגלישער לייכטזין מיט ערנסטע פאָלגען

אַ פּאָלקס ווערטעל זאָגט: אַז מען האָט ליעב דאָס ווייב האָט מען אויך ליעב איהר משפחה; אָבער אַז מ׳האָט ליעב אַ מיידעל זאָל מען אויך ליעב האָבען איהר חבר׳טע, דאָס איז שוין אַביסלע צופיעל. ליעב האָבען דער ווייב׳ס משפחה איז ניט נור קיין קאָנקורענציע ניט צו דער ווייבס ליעבע נור פאַרקעהרט, עס מאַכט נאָך די ליעבע שטאַרקער; די ליעבע צו דער מיידעלס חבר׳טע, שמעקט אָבער יאָ מיט קאָנקורענציע און מוז אומפאַרמיידליך בריינגען צו גאַנץ ערנסטע פאָלגען.

אָט ווי עס צייגט דער פאָלגענדער פאַל פון אַן עהרליכער מוטער וואָס איז געקומען נאָך אַן עצה פאַר איהר „פיינעם" זוהנ׳עלע, וועלכער האָט זיך פאַרפּלאָנטערט אין אזא מין טאָפּעלע ליעבע און ווייס ניט ווי אַרויסצוקריכען פון דער בלאָטע.

לאָמיר אָבער לאָזען די מוטער אליין דערציילען:

„מיין זוהן איז זעהר אַן אָנשטענדיגער און געבילדעטער בחור (ביי יעדער מאַמען נאַטירליך איז דער זוהן אָנשטענדיג און פיין). ווען די עקאָנאָמישע אומשטענדען זיינען געווען גינסטיגער, האָבען מיר ערווארט צו זעהן אונזער קינד אַ הויך אויסגעשטודירטען מיט אַ גאַר פיינע פּראָפעסיע אין האַנט. ליידער האָט זיך אָבער די צייט געביטען און אונזער זוהן האָט זיך געמוזט נעהמען צו געשעפט; ס׳איז אָבער אוועק ניט שלעכט. ער האָט זיך ניש׳קשה׳דיג אַרויפגעארבייט, באַזיצט שוין אַן אייגענע „קאַר" און מאַכט זעהר אַ שעהנעם לעבען. זייענדיג שעהן, געבילדעט און פעהיג, איז איהם נאַטירליך ניט אָנגעקומען שווער צו שליסען חבר׳שאַפט מיט אַ ליבליכע מיידעל וועמען ער האָט נאָך געקענט פון די סקול יאָהרען. זיי האָבען אָנגעהויבען ארומגעהן צוזאמען, און אלעס איז זיי געגאַנגען כשורה.

האָט אָבער די מיידעל געהאַט א חבר'טע צו וועמען זי איז געווען שטאַרק צוגעבונדען און האָט זיך פון איהר פשוט ניט געקענט שיי־דען. דער בחור, וועלענדיג צופרידענשטעלען דער מיידעל, האָט דע־ריבער אַלעמאָל, ווען זיי זיינען אַרויס צוזאַמען, אויך איינגעלאַדען די דאָזיגע פריינדינע איהרע און מען פלעגט זיי כמעט שטענדיג זעהן אלע דריי צוזאמען. אַזוי איז עס געווען פאַר אַ היבשער צייט, און דער דאָזיגער דריי בונד האָט געטראָגען דעם כאראקטער פון אַ ריין חבר'שע באַציהונג געגען וועלכעס עס איז נאַטירליך ניט געווען וואָס אויסצווזעצען.

דער לעבען אליין טהוט אָבער דאָס זייניגע און פון סתם חבר'שאַפט איז עס ענדליך אריבער צו אמת'ע ליעבע, דאָרט וואו קיין דריי בונדענקייט קען שוין נאַטירליך ניט זיין, און אין אַ געוויסען טאָג האָט זיך אונזער בחור'ל ערקלעהרט אין ליעבע צו זיין „אָריגי־נעלע" מיידעל וועלכע מיר וועלען שוין איצט אָנרופען כלה, ווייל ער האָט איהר שוין אויך געגעבען דעם „ענגיידזשמענט רינג". די ליעבעס ערקלעהרונג איז אויפגענומען געוואָרען מיט גרויס צופרי־דענהייט, און די כלה האָט עס מיט שמחה מיטגעטיילט איהרע על־טערען און אויך איהר פריינדינע, די מיידעל נומער צוויי.

ווי אונאַנגענעהם איבערראַשט איז אָבער די כלה געוואָרען ווען זי האָט דערזעהן די ווירקונג וואָס די דאָזיגע בשורה האָט גע־מאַכט אויף איהר חבר'טע, ווען די לעצטע האָט הערענדיג דערפון שיעור ניט אוועקגעפאַלען אין חלשות.

פאַר אַ שטיקעל צייט נאָך דער דאָזיגער געשעהעניש, האָבען זיך די צוויי חבר'טעס געהאַלטען פון דערווייטענס. דאָס האָט אָבער פאַרשאַפט די כלה היבש קריינקונג און זי איז ענדליך אַוועק צו איהר פריינדינע אום אויסצוגעפינען פאַר וואָס איהר כלה'שאַפט האָט איהר פאַרשאַפט אַזוי פיעל אַנגסט און שמאַרץ.

און ווי נאָך מעהר איבעררואשט איז די כלה געוואָרען ווען זי האָט אויסגעפונען אַז די זעלבע ליעבעס ערקלעהרונג, באַשמאָל־צען מיט אַ הייליגען צוזאָג אויף צו הייראַטען בקרוב, האָט אונזער זוהנ'עלע שוין נאָך פריהר געמאַכט צו איהר, די פריינדינע, נור זי האָט עס פון איהר געהאַלטען בסוד אום איהר ניט וועה צו טאָן. איצט

אָבער זעהט עס דאָך אויס אַז דער חתן-דנן האָט זיי ביידען גענאַרט, און ס'איז דערפאר קיין וואונדער ניט וואָס די דאָזיגע ערפאהרונג האָט אָנפאנגס אַזוי שאקירט איהר פריינדינע און איצט אויך איהר די כלה אליין".

דער פאקט איז טאַקע, לויט די מוטער גיט אונז איבער, אַז די כלה איז פון ערגערניש קראנק געוואָרען און דער דאָזיגער פּלאַנטער האָט אריינגעבראַכט קאָנפליקטען און קריגערייען ביי די אַלע דריי פאַמיליעס.

די מוטער איז אַלזאָ געקומען צו אונז נאָך אַן עצה ווי צו טאָן אויף ארויסצוקריכען פון דיזען פּלאָנטער.

אין אמת'ן אָבער האָט זי אליין מיט זיך געבראַכט אַן עצה וועמעס „ערפינדער"איז טאַקע איהר „וואוילער" און „פיינער" זוהנ'עלע. צו אונז איז זי בלויז געקומען נאָך אַן עצה אויף די עצה, דאָס הייסט, א ראטיפיצירונג אויף איהר זוהנ'ס „קלוגע" עצה, וואָס שטיצט זיך קענטיג אויף די נאַרישע לאָזונג פון יענע פרוי אין שלמה המלך'ס צייטען וואָס האָט געזאָגט: „גם לי גם לך לא יהיה". אויך אונזער חתן איז געקומען צו אַזאַ באַשלוס אַז היות ער האָט ביידע מיידלאַך ליעב און וויל קיינעם פון זיי ניט וועה טאָן, איז דאָס גלייכסטע דעריבער ער זאָל זיי ביידען אַוועקוואַרפען און זיך גאָר אויסזוכען אַ דריטע, אַ מין „דארק האָרס", ווי מען רופט עס אין פּאָליטישען לשון, און עס וועט זיין: הכל שריר ובריר וקיים.

די מוטער וויל דעריבער וויסען, צי איז טאַקע די דאָזיגע עצה די ריכטיגע און צי עס איז טאַקע אין איינקלאַנג מיט'ן אמת'ן יושר.

מיר קענען זעהן אויף די געזיכטער פון אונזערע חשוב'ע לעזער דעם איראָנישען שמייכעל אויפ'ן חשבון פון חתן דנן'ס „קלוגע" און „יושר'דיגע" עצה. מיר וואָלטען אפשר אויך מיט-געלאכט ווען ניט דאָס טראגישע דערין וואָס שטייגט איבער דאָס קאָמישע.

מיר האָבען אויפריכטיג זיך געווענדעט צו דער מוטער און געזאָגט: אייער זוהנ'ס עצה וואָלטווירקליך געווען אַ קלוגע און אַ יושר'דיגע אויך, ווען זי וואָלט געקומען, ניט פון איהם נור פון זיינע „צוויי כלות". קומט זי אָבער פון איהם, איז זי ניט נור ניט קלוג און ניט יושר'דיג נור אויך פארברעכעריש. ער האָט געהאַנדעלט מיט

אינגלישען לייכטזין, ניט האָבענדיג אויסגערעכענט צו וואָס אזא האנדלונג קען פיהרען. ליעב האָבען צוויי מיידלאך מיטאמאָל, מיינט אַ זעלבסט נאַרעריי; זיך אליין שטעלט מען אַוועק אין אַ לעכערליכע לאגע, און פאר די אנדערע ווערט מען פאררעכענט פאר אן אידיאָט און פארברעכער.

אויב אָבער די מיידלאך זיינען נאָך אלץ ניט גלייכגילטיג צו איהם, דארף זיין אויסוואהל זיין די ערשטע, די צו וועלכע ער איז אָפיציעל „ענגיידזשט" געוואָרען. די צווייטע דארף אָפטרעטען דעם וועג אויף וועלכען זי האָט גאָר לכתחילה ניט געדארפט איהר פוס שטעלען; און זאָל עס פאר איהר דינען אלס לעסאָן אַז דאָרט וואו עס זיינען דאָ צוויי געשלעכטער קען נור זיין איין ליעבע; אין ליעבע זיינע אלע מודה אז עס קען ניט זיין קיין דריי אייניגקייט...

עס איז אָבער די פליכט פון די עלטערען דארויף געהעריג אויפ־צופאסען און ניט דערלאָזען צו אזעלכע שריט וואָס מוזען דערפיהרען צו אַזעלכע ערנסטע פאָלגען.

יד

שור המזיק ברשות הניזק

„כנסת ישראל נמשלה ליונה". אונזערע חכמים האָבען פאַרגליכען די כנסת ישראל, די אידישע אומה, צו אַ טויב. „מה יונה אינה מזדווגת אלא למינה, כך ישראל". די טויב איז זעהר באַשיידען און צניעות'דיג. זי פאַרט זיך ניט מיט פרעמדע וואָס געהערען ניט צו איהר מין, און אַזוי אויך די כנסת ישראל.

שלמה המלך אין זיין שיר השירים האָט דעם דאָזיגען פאַרגלייך מעהר דעטאלירט. ער רעדט ניט סתם פון דער טויב נור פון דער טויב'ס א ו י ג ע ן, ווען ער זאָגט „עיניך יונים", דיינע אויגען זיינען טויבען אויגען. משמעות אַז דער חכם מכל אדם האָט געפונען אַ פאַרגלייך צווישען דעם איד און די טויב וואָס איז פון אַ באַשטימטען ספּעציפישען כאַראַקטער און וואָס קריגט זיין סימבאָלישען אויסדרוק אין די אויגען.

דערמאָנט עס אונז אין אַ געשיכטע וואָס מען דערצעהלט אויפ'ן פאַרשטאָרבענעם גאון הרב חיים ברלין ז"ל פון דער צייט ווען ער איז געווען רב אין מאָסקאווע.

אַ איד קומט אַמאָל אריין צו ר' חיים'ן און דערציילט איהם, אַז היות ער וואוינט אין זעהר אַ ווייטען דאָרף וואו ער איז דער איינציגער איד, און איצט איז ביי איהם געבוירען געוואָרען אַ זוהן וואָס מען דאַרף איהם מל זיין, איז ער געקומען פאַרבעטען דעם רב אויפ'ן ברית, און ער האָפט אַז דער רב וועט זיך ניט אנטזאָגען פון דער דאָזיגער מצוה, כאָטש עס איז פאַרבונדען מיט היבש טרחא.

עס פאַרשטעהט זיך אַז ר' חיים האָט גלייך איינגעוויליגט און איז מיט'ן אידען אַוועקגעפאָרען אין דעם ווייטען דאָרף. קומענדיג אַהין האָט ר' חיים באַמערקט אַז אין הויז פון דעם דאָזיגען דאָרפס אידען איז ניטאָ קיין סימן פון קיין אידישקייט, אפילו קיין מזוזה אויפ'ן טיר ניטאָ, שוין אָפּגערעדט פון כשרות, תפילין, שבת א. ד. ג.

ווען ר' חיים האָט זיך מיט דעם אידען פאַנאַנדערגערעדט, האָט ער אויסגעפונען אַז אפילו אויף יום כפור קומט דער איד ניט אריין אין שטאָדט, און טהוט זיך זיין אַרבייט אויפ'ן דאָרף פונקט ווי אין אַ געוועהנליכען וואָכען טאָג. האָט ר' חיים'ן שטאַרק געוואונדערט אַז אַזאַ סאָרט איד, וואָס האָט שוין אָפּגעבראָכען מיט דאָס גאַנצע אידישקייט, זאָל פונדעסטוועגען נאָך וועלען האָבען זיין קינד גע'מל'ט און זיך דערצו אַזוי פיעל מיה געבען.

ווען ר' חיים האָט איהם וועגען דעם אויפמערקזאַם געמאַכט, האָט איהם דער איד דערקלעהרט בזה הלשון: רבי, זאָגט ער, עס איז אמת און איך גיב צו, אַז איך האָב שוין אָפּגעשלאָסען אַלע חשבונות מיט אונזער טראַדיציאָנעלער אידישקייט, און מיר קימערט לחלוטין ניט קיין מצוה פון דער אידישער תורה. מיט מל זיין מיין קינד איז אָבער עפּעס אַנדערש. איך גלויב אין אינדיווידועלע פרייהייט, און באַטראַכט עס פאַר אַ גוואַלדיגען פאַרברעכען ווען איינער וויל פון דעם צווייטען די דאָזיגע פרייהייט אוועקרויבען, אָהן אונטערשיד צי דאָס איז ביי אַ פרעמדען אָדער אפילו ביי אן אייגען קינד.

איך האָב פאָלגליך געטראַכט אַז מיט ניט מל זיין מיין קינד, באַרויב איך איהם פון דער פּריווילעגיע פון קענען זיין אַ איד ווען דאָס וועט זיין זיין אויסוואַל, וועהרענד אַ „גוי" וועט ער דאָך קענען זיין אפילו ווען ער וועט זיין אַ גע'מל'טער.

דארויף האָט ר' חיים געזאָגט, אַז איצט פאַרשטעהט ער בעסער דעם זין פון שלמה המלך'ס „עיניך יונים". דען ביי אַ טויב זאָגען אונזערע חז"ל אין בבא בתרא ביי די סוגיא פון „שובך", אַז דער שטייגער פון דער טויב איז, אַז ווען זי דערווייטערט זיך פון איהר נעסט דרעהט זי אַלעמאָל אוים דעם קאָפּ אויף צוריק, און כל זמן זי זעהט נאָך איהר נעסט ערלויבט זי זיך נאָך ווייטער צו געהן, קוים אָבער פיהלט זי אַז זי האָלט שוין ביים פאַרלירען דעם נעסט, דאַן געהט זי שוין ניט ווייטער און פאַרקירעוועט זיך אויף צוריק.

און דאָס זעלבע איז אויך מיט'ן איד. ער קען זיך ערלויבען אַוועק זעהר ווייט פון אידישקייט, אַזוי ווייט אָבער אַוועקצוגעהן אַז ער זאָל שוין דעם נעסט פאַרלירען, דאָס ניט...

קומט אונז דער דאָזיגער אנעקדאָט ארויף אויפ'ן געדאנק אין

פארבינדונג מיט אן אויסטערלישען טראגישען פאל וואס מיר געהן דא דערצעהלען:

עס קומט צו אונז אריין א מוטער און מיט טרערען אין די אויגען גיסט זי פאר אונז אויס איהר צובראכען הארץ און דערצעהלט אונז פאלגענדע געשיכטע:

זי האט א זוהן וועלכער איז שטענדיג געווען א געהארכזאמע קינד, טריי און איבערגעגעבען צו דער פאמיליע, און האט זיך זעהר אנשטענדיג אויפגעפיהרט, אזוי אז זי האט קיין אורזאכע ניט געהאט איהם מיט עפעס צו פארדעכטיגען.

זייענדיג א יונגערמאן שוין אין די יאהרען, און דערצו א גוטער פארדינער, איז זי צוגעשטאנען צו איהם אז ער זאל זיך שוין „סעטלען" און ערנסט טראכטען פון חתונה האבען. ער האט איהר אבער אלץ מדחה געווען און ערקלעהרט אז ער האט נאך צייט.

ענדליך אבער האט זיך צו איהרע אויערען דערטראגען א גאר ניט־שעהנע געשיכטע וועגען איהר קינד. שכנים האבען איהר דערציילט אז עפעס חבר'ט זיך איהר זוהן'על צופיעל מיט א יונגע שכנ'טע וואס וואוינט אין זעלבען הויז, א באווייבטע, און א מוטער פון צוויי קליינע קינדער.

זי האט אנפאנגס די דאזיגע קלאגעס ניט גענומען ערנסט. זי האט אויף איהר אנשטענדיגען קינד אזעלכעס ניט געוואלט גלויבען, און ס'איז ביי איהר אויסגעקומען אז עס איז ניט מעהר ווי רכילות טרייבעריי פון בייזע צינגער. ווען אבער די שכנים זיינען צו איהר דרינגליך צוגעשטאנען, און האבען איהר אונאויפעהרליכע פארווירפע געמאכט, האט זי באשלאסען אליין צו נעהמען די זאך אין איהרע הענט, און האלטען א וואכזאמע אויג אויף איהר קינד, כדי זיך איבערצייגען אויף ווי וויט די פארדאכטען האבען א גרונט.

און צו איהר גרויסען טראגישען אומגליק, דערצעהלט די פרוי ווייטער, האט זי ליידער אויסגעפונען דעם גאנצען טראגישען אמת. זי האט אזוי לאנג נאכגעשפיאנירט ביז זי האט איינמאל געטראפען איהר קינד אין דער שכנה'ס הויז אין א זעהר אונמאראלישע פאזיציע.

מען קען זיך פארשטעלען ווי די אומגליקליכע מאמע האט דערמאלט געפיהלט. דער עיקר אבער איז וואס סיי דער זוהן און סיי

יענע אומפאַרשעהמטע פרוי האָבען איגנאָרירט די מוטער'ס טענות און מוסר'זאָגעריי, און האָבען איהר ערקלעהרט אַז דאָס האָט מיט איהר ניט צו טאָן, און זי דאַרף זיך דערין ניט מישען.

די זאַך האָט אָבער זעהר שווער געווירקט אויף די שכנים, און זיי האָבען באַשלאָסען אויפצודעקען די געשיכטע פאַר דער ווייבעלם מאַן, ניט רעכענענדיג זיך מיט די אומפאַרמיידליכע טראַגישע קאָנסעקווענצען וואָס קענען ערוואַרטעט ווערען.

ווי ערשטוינט אָבער זיינען די שכנים געוואָרען ווען אַנשטאָט צו ווערען אויפגעבראַכט און שאָקירט פון אַזאַ שטוינענדע געשיכטע, איז זיך דער מענש געבליבען גאַנץ רוהיג און מיט אַ געלאַסענעם טאָן האָט ער געגעבען צו פאַרשטעהן זיינע שכנים אַז ער ווייסט פון אַלעס און עס הויבט איהם לחלוטין ניט אָן צו קימערען, און „אַז מיך אַרט ניט דאַרף אייך אודאי ניט אַרען.”

די שכנים נאַטירליך האָבען זיך פון אַזאַ ענטפער ניט געקענט צופרידענשטעלען, און זיי האָבען געוואָרענט דעם שכן זייערען אַז זיי וועלען דאָס ניט דולדען און וועלען אַננעהמען דראַסטישע מיטלען אויף צו באַזייטיגען דעם דאָזיגען שרעקליכען איבעל.

אָט דאָס איז אין קורצען די געשיכטע. מיר האָבען פאָלגליך פאַר זיך דריי אַנגעקלאָגטע אויף דער באַשולדיגונגס באַנק: דער בחור, דאָס ווייבעל און דער ווייבעלס מאַן.

עס איז קיין פראַגע ניט אַז אַלע דריי זיינען שולדיג אין דעם שרעקליכען און שענדליכען פאַרברעכען. דער הויפט שולדיגער, נאָך אונזער מיינונג, איז אָבער דער פאַרהייראַטער באַלעבעסעל. עס איז דער אַלטער כלל אַז „לאו עכברא גנב אלא חורא גנב”. די אונפאַרצייליכע גלייכגילטיגקייט פון דעם פאַרשווינדעל, איז מעהר פון אַלעס פאַראַנטוואָרטליך פאַר דער דאָזיגער נבלה. זיין פאַרברעכערישע שטעלונג געהט פשוט איבער אַלע גרעניצען.

עס זיינען פאַראַן רעליגיעזע זינד, ראַסען זינד און אַלמענשליכע זינד. צו דאָס ערשטע געהער סתם הולטייסטווע, וואו דער באַטרעפענדער בעל עבירה'ניק זינדיגט געגען זיין תורה און רעליגיע. צו דאָס צווייטע געהער געמישטע הייראַטען, וואָס טראָגען מיט זיך אַרוים זינד און פאַרברעכען געגען דער אידישער ראַסע, און

שטייגט פיעל איבער דאָס ערשטע. אונזער פאל אָבער איז דאָס סאמע שרעקליכסטע וואָס לאָזט זיך גאָר ניט פארטיידיגען. דען דאָס איז שוין ארויס פון אַלע מענשליכע גרעניצען און אפילו די וואָס פריי־דיגען פרייע ליעבע, קענען אזעלכע עקעלהאַפטיגע פארברעכענס אויך ניט בארעכטיגען. אַזאַ סאָרט אַפּרייסען זיך פון דעם נעסט, שטייגט שוין ווייט אריבער אפילו אזא פאל פון דער אויבענגעבראַכטער אנעקדאָטע. מוותר זיין אויף מילה וואָלט געווען ממש נול אַנטקעגען דיזען שענדליכען אַקט, ווייל וועהרענד אין דעם מילה פאל, וואָלט עס געהייסען בלויז בארויבען דעם קינד פון דער פריווילעגיע צו זיין א איד, הייסט עס אין אונזער פאל, באַרויבען דעם קינד פון דער פריווילעגיע צו זיין אַ מענש, דען וואָס פאר אַ מענש איז מען אַז מען ווייסט ניט פון וועמען מען שטאַמט און ווער דער טאַטע איז ? . . .

מיר באַרעכטיגען דעריבער פולשטענדיג די געפּלאַנטע האַנ־דלונג מצד די שכנים. אלע סאָרטען דראסטישע מיטלען מעגען און דארפען באַנוצט ווערען אום אויסצוראָטען אַזעלכע געמיינהייטען פון מענשליכען לעבען. אין דעם פאל איז דער „ובערת הרע מקרבך“ אַ בוכשטעבליכער פליכט פון וועלכען מען טאָר זיך ניט ארויסדרע־הען מיט גלייכגילטיגקייט און מיט „וואָס געהט עס מיך אָן“. גלייכ־גילטיגקייט אין אַזאַ פאל, מאַכט דעם באַטרעפענדען פאר אַ גלייכען שותף אין דעם העסליכען פארברעכען.

ניט בלויז דעם שכנ׳ס „אַפּאַרטמענט“ איז אין דיזען פאַל דער רשות הניזק נור אויך די הייזער פון אלע שכנים וואָס וואוינען אין דער זעלבער הויז, און ניט בלויז אונזער העלד, דער בחור, איז דאָ דער „שור המזיק ברשות הניזק“, נור אויך דער באַלעבעסעל, וואָס מיט זיין ערלויבען אזעלכע פארדאָרבענהייטען פארפעסטעט ער דאָס גאנצע הויז און אפילו דעם גאנצען מענשליכען ישוב אויסערהאַלב די מחיצות פון זיין וואוינונגס אָרט.

עס גלויבט זיך קוים אז אזעלכע אומפארגלייכליכע עקעלהאַפ־טיגע פאַרברעכענס זאָלען נאָך האָבען אַ פּלאַץ אין דער ציוויליזירטער מענשהייט, און די שאַנדע איז נאָך פיעל גרעסער אַז אזעלכעס זאָל קענען פאָרקומען צווישען אידען וועלכע זיינען, אין וואָס אַנבאַלאַנגט

די ריינליכקייט פון פאמיליע לעבען, אלעמאָל געווען דער מוסטער פאר דער אלגעמיינער וועלט.

עס ווילט זיך ניט רעכטפערטיגען דאמיט וואָס אויך אידען זיינען בארעכטיגט צו אַ געוויסען פּראָצענט פון מענשליכען אָפּפאַל. אויף אזעלכע „זכויות״ וואָלט זיך דוקא וועלען פארציכטען . . .

טו

שכנים

דער ענין „שכנים״ איז דאָ אין אמעריקא ניט אזוי פּאָפּולאַר ווי אין דער אלטער היים. ווער פון אונז געדיינקט ניט די באַציהונגען פון איין שכן צום אנדערען דאָרט אין אונזער אלטער היים! עס איז געווען עפּעס מעהר ווי שכנה׳שאַפט, אפילו מעהר פון געוועהנליכע חבר׳שאַפט, עס האָט עפּעס געטראָגען אַ כאַראַקטער פון משפחה׳שאַפט. גלייך אויפ׳ן צווייטען טאָג ווי אַ נייער שכן האָט אריינגעצויגען אין הויף, איז שוין געשלאָסען געוואָרען באַקאַנט־שאַפט מיט אלע אנדערע שכנים פון זעלבען הויז. מ׳האָט זיך שוין געפיהלט ווי פארוואנדעט איינער צום אנדערען, ווי מען וואָלט געווען מיטגלידער פון איין משפחה. דעם ערשטען שבת, פלעגען די שכנים אריינקומען אויף „קידוש״ צום נייעם שכן, און פאראיינוועגס מיט־געבראַכט פלעשער וויין, טאָרטען און אפילו קוגלען. מ׳האָט געפּרא־ווועט אַ גרויסע שמחה, אַ גאַנצער יום־טוב געווען.

און אזוי איז דער שכנה׳שער פריינדשאַפט־בונד פארקניפּט געוואָרען און האָט שוין כמעט אָנגעהאלטען אויפ׳ן גאַנצען לעבען. אפילו ווען אַ שכן האָט זיך ארויסגעצויגען פון הויז, איז נאָך אלץ גע־בליבען די אינטימע פריינטשאַפט, און פון צייט צו צייט פלעגט מען אָפּשטאַטען וויזיטען אויך צו די אלטע געוועזענע שכנים.

די שכנים האָבען געדינט איינער דעם אַנדערען סיי אין פריי־דען און סיי חלילה אין ליידען. איז ביי איינעם פון זיי פאָרגעקומען אַ שמחה, אַ בר מצוה, אַ חתונה א. ד. ג., זיינען אלע שכנים איינגע־לאַדען געוואָרען און זיי האָבען זיך געפיהלט ווי אמת׳ע מחותנים. האָט חלילה עפּעס פּאַסירט אַן אומגליק ביי אַ שכן, האָבען אלע מיט־געפיהלט דעם צער און יעדערער האָט זיך אויף זיין שטייגער געגע־בען די גרעסטע מיה צו לינדערען דעם שכנ׳ס שמערצען. ניט איין

שלאָפלאָזע נאַכט האָבען שכנים דורכגעמאַכט אין פאל ווען עפּעס אַ מיטגליד פון דעם שכנ'ס פאמיליע איז חלילה קראַנק געוואָרען, אקוראט ווי דאָס וואָלט חלילה געשעהן ביי איהם אליין.

איז געקומען למשל אַ פורים, זיינען די ערשטע שלח-מנות'ן געשיקט געוואָרען צו די שכנים. מאַנכעס מאָל פלעגען שכנים זיך צוזאמענגעהמען און פראווען אינאיינעם דעם פסח'דיגען „סדר". מ'האָט דערביי דעמאָנסטרירט אויף אַ זעהר סימבאָלישען אופן דעם „ולקח הוא ו ש כ נ ו הקרוב אל ביתו" וואָס איז געשריבען געוואָרען ביי די מצוה פון קרבן פסח. איז געקומען סוכות, האָבען עטליכע שכנים מיטאַמאָל זיך אויפגעשטעלט אַ בשותפות'דיגע סוכה און געפראוועט אַ מין קאָאָפּעראַטיווען „זמן שמחתנו".

עס פלעגט אמת אויך טרעפען אַמאָל ווען שכנים האָבען זיך צוקריגט, און ס'איז אָנגעהאלטען געוואָרען פאר אַ געוויסער צייט אַ שטיקעל ברוגז, אָבער אזעלכע זאַכען טרעפען דאָך אויך צווישען איי-גענע פאמיליעס. אנדערע שכנים פלעגען זיך אין אזא פאל „אריינ-לייגען" און געוואָרען די פארמיטלער צוריק צוברייגגען דעם שלום.

דאָרט אין דער אלטער היים, איז טאַקע פארווירקליכט גע-וואָרען דער פּסוק פון: „טוב שכן קרוב מאח רחוק".

און די שכנה'שאַפט פלעגט אַ סך מאָל אויך אויסברייטערען איהרע גרעניצען; און ניט נור צווישען די שכנים פון זעלבען הויף האָט געהערשט אזא אהבה וידידות נור אפילו אויך צווישען די שכנים פון דער גאַנצער נאַכבארשאַפט, וועמעס באַקאַנטשאפטען פלעגען גע-שלאָסען ווערען ביים באַגעגענען זיך אין שפּייז קראָם, ביים קצב אין יאַטקע אָדער סתם אַזוי אין גאַס.

איז טאַקע יענע אַמאָליגע שכנה'שאַפט געווען אַזעלכעס וואָס פלעגט ארויסרופען עהרליכע געפיהלען, עס האָט אָפּגעשפּיגעלט די אמת'ע אידישע אחדות און איז געווען לשם ולתפארת.

דאָ אין אַמעריקא, האָט אָבער דאָס שכנה'שאַפט פארלאָרען איהר אַמאָליגען באַדייט; דאָ איז גאָר במציאות ניטאָ אָט דער מין שכן וואָס אין דער אלטער היים. דאָ מיינט שכנה'שאַפט אבסאָלוט גאָר נים. עס איז רעכט אָפּצוואווינען מיט אַ שכן, ממש טיר צו טיר, גאַנצע יאָהרען און איינער מיט'ן אנדערען זאָלען זיך אפילו ניט באַ-

גריסען ווען מען באַגעגענט זיך אין „האָל" אָדער „דאון סטעירז אויפ'ן סטופּ". דאָ איז מען לגמרי אָפּגעפרעמדט איינע פון די אנדערע; און ווען עס ווערט יאָ אַמאָל געצויגען שכנה'שע אויפמערקזאַמקייט, איז עס בלויז אין אַ כאראקטער פון תרעומות און אומצופרידענהייט.

יאָ, עס טרעפט גאַנץ אָפט ווען אייער שכן פון „דאון סטעירז" זאָל אייך ארויפקלאַפּען מיט זיין בעזים אין אייער פאָדלאָגע, און דאַמיט געבען אַ ברוגז'ע אָנצוהערעניש אויף זיין אומצופרידענהייט דערפאר, וואָס אייערע שטוב מענשען טרעטען צו־שווער אויפ'ן „פלאָר" וואָס איז אויך זיין דאך און שטערען איהם דאדורך זיין רוה. אדער, ווען ער שיקט אייך ארויף דעם „דזשעניטאָר" מיט אן אָרדער צו פארמאַכען אייער ראדיאָ אָדער ניט לאָזען אייער בייבי צו־פיעל וויינען וואָס לאָזט איהם ניט איינשלאָפען...

זעלטען אָבער ווען איהר געניסט פון אייער שכנה'שאַפט עפּעס אַזעלכעס וואָס זאָל זיין עהנליך צו דאָס וואָס איהר פלעגט געניסען אין דער אלטער היים.

עס איז ניט שווער צו געפינען די ריכטיגע אורזאכע פון דעם דאָזיגען אונטערשיד פון דאָרטען ביז דאָ.

די הויפט סבה נעהמט זיך דערפון, וואָס דאָרטען אין דער אַלטער היים איז די באַפעלקערונג געווען מעור אחד. איז עס געווען אַ שטאָט אָדער שטעטעל אין גאליציע,זיינען אלע איינוואוינער געווען איינגעבירגערטע גאליציאנער מדור דורות וועלכע האָבען זיך אַדאַפּטירט די זעלבע מנהגים, די זעלבע זיטען און געוואוינהייטען; אין מעהרערע פעלע, זיינען זיי אפילו אין זייערע טראדיציאָנעלע אָנשויאונגען אויך שייך געווען צו איין ריכטונג, און עס איז דעריבער ניט שווער געווען פאר זיי צו קענען פארטראָגען איינע די אנדערע. ווער שמועסט אין די קלענערע שטעטלאך, וואו אלע אידען און אידענעס האָבען זיך פשוט פערזענליך געקענט איינער מיט דעם צווייטען, מ'האָט געקענט די טאַטעס, די זיידעס און די גאנצע משפחה.

דאָס זעלבע איז געווען אין פוילען, אין ליטע און אין אלע אַנדערע היימישע מדינות.

דאָ אין אמעריקא אָבער, די לאנד פון קבוץ גלויות, און וואו עס געפינען זיך אידען פון אלע ווינקלען פון ערד קוגעל, איז דאָך

רעכט אז אין איין הויז זאָלען זיך געפינען גאנצע מדינות און אז אויף איין „פלאָר" זאָל זיין לעמבערג מיט קאָוונע, סאכאטשאוו מיט בודא־פעסט און מינסק מיט קאָנסטאַנטינאָפּאל, און בלויז די טיר־מזוזות זיינען די גרעניצען וואָס טיילען אָפּ דעם דאָזיגען מיש־מאַש פון לענדער, איז דעריבער גאַנץ שווער אז פון אזא ערב־רב זאָל מיטאמאָל ווערען איין „אינטערנאַציאָנאל"... און אז „איך" און „יאך" ; „איהר" און „עטץ" און „שכן" מיט „סאָכן" זאָלען זיך אזוי גיך קענען צוזאַמענשמעלצען...

איז אפשר אונטער אזעלכע באַדינגונגען גאָר ניט אזוי שלעכט אז מ'האלט זיך פון דערוויטענס.

שלעכט איז אָבער דאַן ווען אַז מ'טרעפט שוין יאָ אַמאָל און מען „שווארצט דעם גרעניץ" און מ'געהט אריבער „את הגל הזה ואת המצבה הזאת" און דאָס איז גאָר — „לרעה"... דאַן ווערט שוין דאָס שכנה'שאַפט פארוואנדעלט אין אַ סם המות און עס קריגט שוין דעם אויסדרוק אין דעם שלעכטען שכנה'שען פסוק וואָס זאָגט : „אוי לרשע אוי לשכנו"...

אָט דאָ ניט לאַנג איז פאר אונז פאָרגעקומען אזאַ מין טראַגישער פאל פון אמעריקאַנער שכנה'שאפט.

אַ פרוי, שוין פארהייראט מיט איהר מאן, א קצב ביים טרייד, גאנצע פופצעהן יאָר ; האָבען אויפגעבראכט דריי שעהנע קינדער־לאך און האָבען זיך געלעבט גאַנץ גליקליך, און פלוצלונג איז געקומען די שכנה'שאַפט און אריינגעטריפט ביטערען סם אין דעם פרייַדענס בעכער פון זייער גליקליכען פאמיליע לעבען.

די „נעקסט־דאָריגע" האָט אָנגעהויבען אריינצוגעהן צום בוטשער, ניט אין הויז חלילה נור פשוט אין „בוטשער שאָפּ", געוואָרען אַ „קאָסטאָמער" הייסט עס ; האָט זי זיך אָבער אָנגעהויבען צו־פיעל חנ'דלען מיט'ן קצב און זייער „האנדעלשאַפט" האָט אָנגעהויבען צו ווערען „ברודערשאַפט" ; פון די צ ו ו י י וויטע איז געוואָרען א י י ן נאָנטער, לקיים מה שנאמר : „והיו לבשר אחד", די דאָזיגע פלייש ביזנעס האָט זיי געמאַכט פאר איינס ; האָט זיך טאַקע די ב ש ר געמעגט זיין „בשר כשר", דער א ח ד אָבער איז שוין אין דעם פאל געווים ניט אַזוי כשר געווען...

פון דעם „אחד״ איז אויך געקומען דער „על כן יעזוב״, און דער דאָזיגער קצב אונזערער האָט אָנגעהויבען זעהר אָפט צופאַר־לאָזען זיין הויז און פאַרברייגנען גאַנצע טעג און נעכט ביי זיין נייע פריינדינע, די שכנה קאָסטאָמערקע, און ס׳איז געוואָרען „פרעהליך אין שטעטעל״. דעם קצב׳ס פרוי, א העכסט אָרענדטליכע אידישע טאָכטער, קלאָגט און וויינט אויף איהר בראָך וואָס איז צו איהר גע־קומען ווי אַ דונער פון לויטערען הימעל, און איז געקומען אין איהר גרויס פאַרצווייפלונג צו אונז זיך אן עצה האלטען ווי צו ראַטעווען איהר הויז פון חורבן און רואינע.

מיר האָבען נאַטירליך איינגעלאַדען צו זיך דעם מאַן, דעם קצב. אויף אונזער פאַרציע מוסר, האָט ער זיך גענומען פאַרטיידיגען אַז ער איז חלילה קיין שלעכטס ניט באַגאַנגען און אַז ס׳איז ניט מעהר ווי איינפאַכע פריינטשאַפט, און אַז ער האָט אויך איצט ליעב זיין ווייב און קינדער פונקט ווי פריהער א. א. וו. א. א. וו.

ער האָט אָבער גלייכצייטיג צוגעגעבען אַז די דאָזיגע שכנ׳טע איבט אויס אויף איהם אַ גוואלדיגען איינפלוס און אַז עס וועט איהם ניט אזוי לייכט אָנקומען אַז ער זאָל זיך קענען פון איהר אזוי שנעל דערווייטערען.

עס פארשטעהט זיך, אַז זיין פארטיידיגונג האָט צו אונז ניט אזוי שטאַרק אַפּעלירט, און מיר האָבען איהם אויפריכטיג געגעבען צו פארשטעהן אַז וואָס שנעלער ער וועט מיט זיין שכנ׳טע ליקווידי־רען, אַלץ בעסער וועט ער אָפּשניידען און פארהיטען זיך און זיין הויז, אזוי גוט ווי דער שכנ׳טע און איהר הויז, פון גרויס אומגליק.

עס איז אונז גראדע ניט אָנגעקומען צו־שווער צו באַזייטיגען דעם איבעל ווייל אין דעם פאַל איז עס נאָך געווען ביים סאַמען אָנ־הויב, ס׳איז נאָך ניט געהאַט אַוועק צו־ווייט און אַלעס האָט זיך צו־ריק איינגעשטעלט אין בעסטען אָרדנונג.

אָבער סיי ווי, איז צו זעהן פון דעם דאָזיגען פאַל אַז די טעג־ליכע תפלה אונזערע: „שתצילנו היום ובכל יום ויום — — — מאדם רע — — — **ומשכן** רע״, דאַרף דאָ אין אַמעריקא געזאָגט ווערען מיט מעהר כונה ווי אין דער אלטער היים ווייל דאָ איז דער: „טוב

לצדיק טוב לשכנו" ניט אזא אָפּטע ערשיינונג ווי דאָרט; דאָ איז גיכער שכיח די צווייטע העלפט פון דעם דאָזיגען פסוק...

און דעריבער טאַקע נאָכאמאָל מיט גרוים כונה דעם „יהי רצון — שתצילנו"!...

מז

א הוהן, א יאיכעל און א — שוויגער...

ביי מאַנכע פוילישע חסידים איז איינגעפיהרט צו מאכען אויף שבת צוויי קוגלען; איינעם עסט מען ביים קידוש און איינעם פאר די פלייש. שטאַמט דער דאָזיגער מנהג, לויט א חסידי־שע מסורה, פון אַ מעשה וואָס האָט פּאַסירט ביי אא"ז דער „איד הקדוש". אַ פּאָר־פאָלק איז אַריינגעקומען צום „איד" און זיך געוואָלט ביי איהם גט'ן. אויספאָרשענדיג די סבה וואָס האָט געפיהרט צום גט, איז קלאָהר געוואָרען אַז דאָס האָט געהאַט צו טאָן מיט'ן שבת'דיגען קוגעל. דער יונגער באַלעבעסעל האָט געוואָלט האָבען מ'זאָל עסען קוגעל ביים קידוש, באשר אזוי האָט זיך געפיהרט ביי זיין טאַטען אין הויז. די פרוי דאגעגען האָט ניט געוואָלט משנה זיין דעם מנהג פון איהרע עלטערען וואו מען פלעגט עסען דעם קוגעל ערשט אין מיטען דער סעודה בעפאָר די פלייש. דער איד הקדוש האָט געשליכ־טעט דעם ענין מיט אַ פשרה צו מאכען צוויי קוגלען, איינעם צו עסען ביים קידוש און דעם צווייטען פאר'ן פלייש.

און זעהענדיג אז אזא קלייניגקייט האָט געקענט פיהרען צו אַ גט, האָט דער „איד" דעם דאָזיגען מנהג איינגעפיהרט אויף לדורות אין גאַנץ פוילען צו מאַכען צוויי קוגלען.

וואָלט די גאַנצע זאך טאַקע געקלונגען ניט מעהר ווי עפּעס אַ לעגענדע פון אַ פארצייטיגע קליין שטעטעל אין פוילען. לעבען מיר דאָך אָבער היינט שוין אין אַ ציוויליזירטער וועלט, און אין דער גרוי־סער אמעריקא, און דאָך האָט זיך אויך דאָ אָפּגעשפּילט אַן עהנליכע געשיכטע וועלכע איז כדאי איבערצוגעבען פאר אונזערע לעזער.

אין אונזער פאַל האָט זיך עס געהאַנדעלט וועגען אַ הוהן מיט אַ יאיכעל, פאַרבראָקט מיט אַ שוויגער, פון וועלכעם עס איז געוואָ־רען אַ גאַנצע קאָשע . . .

קומט אריין צו אונז אַ מאמע מיט אַ טאָכטער,ביידע מיט גע־דריקטע געמיטער און פארכמורטע געזיכטער, און די מאַמע פאנגט אָן צו דערציילען וועגען די פאמיליע טראגעדיע וואָס האָט איהר און די טאָכטער געבראכט צו אונז.

די טאָכטער איהרע, הויבט אָן די מוטער, איז ארומגעגאנגען מיט אַ בחור דריי יאָהר נאָכאנאנד. די ליעבע האָט דערגרייכט די העכסטע שטופע. אַלע האָבען איהר מקנא געווען מיט איהר גליק, און געזעהן אין דאָס פּאָרעל אַ צוגעפּאסטען זיווג מששת ימי בראשית. אַזוי שנעל ווי דער יונגערמאן האָט זיך פּראָפעסיאָנעל גוט איינגע־אָרדענט, האָט מען באַשלאָסען גלייך חתונה צו האָבען און זיך טיילען מיט דער פרייד פון לעבען.

ביידע באַלעבאַטישע קינדער, האָט מען זיך אויסגעארבייט אַ לעבענס סטאַנדארד וואָס זאָל זיין צוגעפּאסט צו זייערע פארדינ־סטען און מעגליכקייטען, און ווען אַלעס איז איינגעריכטעט געוואָרען אויפ׳ן בעסטען אופן, האָט מען אין אַ מזל׳דיגער שעה געפּראוועט די חתונה.

די ערשטע עטליכע מאָנאַטען נאָך דער חתונה האָט מען זיך געלעבט צופרידען און גליקליך, טאַקע ווי אין „האָניג מאָנאַטען״; אָבער פלוצלונג איז געקומען אַ שטיקעל ענדערונג; און פאראנט־וואָרטליך פאר אָט די ענדערונג איז ניט קיין אנדערע ווי — די שוויגער.

די שוויגער, זייענדיג פון צווייטען זייט אויך אַ מאַמע צו איהר טאָכטער, און וועלכע מאַמע איז עס ניט געטריי איהר קינד, האָט זי געוואָלט איהר אונערפארענע טאָכטער ארויסהעלפען אביסעל אין הלכות באַלעבאָסטעשאַפט, פלעגט זי זיך דעריבער אריינמישען אין טעפּעל, און דיקטירט די טאָכטער ניט נור ווי צו קאָכען נור אויך ווי צו סערווירען. לויט די שוויגער, איז אויסגעקומען, אז ווען מען קאָכט אָפּ אַ הוהן, דאַרף מען סערווירען די הוהן באַזונדער און די יויך באַ־זונדער; דער איידעם אָבער, איז געקומען פון אזא הויז וואו דער מנהג איז געווען צו סערווירען די הוהן מיט דער יויך צוזאמען; האָט ער דעריבער פארלאנגט אז מען זאָל איהם דאָ ביי זיך אין דערהיים אויך אַזוי סערווירען. דאָס איז אָבער ביי דער שוויגער אויסגעקומען

ווי אַ מין רעוואָלוציאָנערער אויסברוך. סטייטש, האָט זי גע'טענה'ט, וואו איז עס געהערט געוואָרען אַזעלכעס? נאַ דיר גאָר אַ הוהן מיט יויך צוזאַמען! אַ הוהן עסט מען און יויך זופּט מען, איז ווי שיקט זיך עס אַזאַ מין שעטנז, עסען און זופּען אין איינער און דער זעלבער צייט? אָדער מען עסט אָדער מען זופּט! דער איידעם האָט אָבער גע'טענה'ט, אַז יויך מיט הוהן קען ער פיעל בעסער פאַרדייען ווי יויך מיט שוויגער . . . האָט ער זיך אַזוי לאַנג גע'כעס'ט ביז ער האָט טאַקע מיט אַן אמת רעוואָלטירט, און האָט אין אַ געוויסען מאָנטאָג אַלץ מיט אַמאָל איבערגעלאָזען, די הוהן, די יויך, די שוויגער מיט דער שוויגערס טאָכטער, געטאָן אַ קלאַפּ מיט דער טיר — והילד איננו, אַנטלאָפען אָהן אפילו אַ זיי־געזונט.

דאָס ווייבעל איז דערפון שטאַרק געטראָפען געוואָרען, ווי דער הימעל מיט אַלע שטערען וואָלטען מיט אַמאָל צו דר'ערד אַרונטערגעפאַלען. די לאַגע איז געוואָרען טראַגיש; ניין, מעהר ווי טראַגיש, ממש קאַטאַסטראָפאַל. די מלחמה מיט אַלע איהרע מיליטערישע אָפּעראַציעס האָבען אויסגעקוקט נול אַנטקעגען איהר אייגענע טראַגעדיע. געוויינט האָט זי טאַקע ניט, דאַרויף איז זי צו שטאָלץ געווען, דערפאַר האָט זי אָבער אָוועקגע'חלש'ט אַז מען האָט זי קוים אָפּגעמינטערט . . .

ווען זי איז אַביסעל געקומען צו זיך, האָט זי גלייך איינשטימיג אָנגענומען אַ רעזאָלוציע, אַז מעהר וועט זי דעם דאָזיגען רעוואָלוציאָנערען באַלעבעסעל איהרען ניט אָנקוקען פאַר די אויגען, אויב די ליעבע צו די הוהן מיט'ן יאיכעל האָט געקענט באַזיגען די ליעבע צו זיין ווייבעל, טאָ וויל זי איהם מעהר ניט קענען.

עס פאַרשטעהט זיך אַז דאָס רעדט זיך נור אַזוי, און אַזוי שנעל ווי דעם מאַנ'ס בויקאָטירטע הוהן האָט זיך אָפּגעקיהלט, האָט זיך די ווייב'ס בויקאָטירטע ליעבע אָנגעוואַרעמט, און די היץ האָט זיך דראָטענלאָז שנעל איבערגעטראָגען פון דער אַנדער זייט טיר און דערגרייכט דעם שוין איצט אָפּגעקיהלטען רעוואָלוציאָנער. אַ בענקשאַפט האָט זיך אָנגעהויבען פון ביידע צדדים, דער וואָס האָט פריהער געקלאַפּט מיט דער טיר האָט איצט געקאַלפּט מיט'ן טעלעפאָן, ער האָט געהאַלטען אין איין „קאָל'ן", ס'איז אָבער געווען „יש „קאָל"

ואין עונה... זי, די שטאָלצע ווייבעל, האָט ניט געקענט אַזוי גיך שלום מאַכען מיט'ן געדאַנק און זיך לאָזען אַזוי שנעל איבערבעטען, האָט זי איהם דעריבער ניט געענטפערט אויף זיינע „קאָלס".

דאָ האָט זיך שוין אָבער די מאַמע ארייגעמישט, ניט געוואָלט ס'זאָל קומען צו „לייטישע געלעכטער", און גע'עצה'ט דער טאָכטער אַז זי זאָל צוזאַמען מיט איהר אַרונטערפאָרען צו אונז און זיך באַראטען וועגען די ווייטערדיגע שריט וואָס דארפען גענומען ווערען אין דער דאָזיגער טראַגישער יויך-און-שוויגער אפערע. די טאָכטער, איז דער מאַמעס עצה גרייליך געפעלען, און א קורצע צייט שפעטער האָבען שוין מאַמע און טאָכטער אויסגעגאָסען זייערע ביטערע הערצער אויף דער „תרנגולא ותרנגולתא" וואָס האָבען נעבאך געבראַכט אַזא ביטערען „חורבן" אויף די זיסע האָניג מאָנאַטען פון דער שוויגערס איידעם און דער מאַמעס טאָכטער.

מוזען מיר זיך מודה ומתודה זיין, אז צו אונז אליין האָט עס גראדע אויסגעקוקט מעהר קאָמעדיע ווי טראַגעדיע; ס'האָט גיכער געררייצט צו געלעכטער ווי צו געוויין. אַזוי שנעל אָבער ווי דער שמייכעל האָט זיך געוואָלט באַזעצען אויפ'ן פנים, האָט ער גלייך געמוזט מאַכען פליטה צוליב די טרעהרען באַמבעס פון דעם צד שכנגד.

„איהר שמייכעלט רבי?" — אַטאַקירט מיך די פארטרויערטע מאַמע — „קען מען פון אַזא טראַגעדיע שמייכלען? איז שוין ווען עס איז געהערט געוואָרען אַזא זאַך ווי עסען די „טשיקען" מיט די זופּ צוזאַמען, און אַזא טשיקענאָווע-זופּענאָווע באַשעפעניש, זאָל עס זיין מיין איידעם? עס ווילט זיך אמת ניט מאַכען קיין לייטישע געלעכטער, אָבער שוין בעסער יענער זאָל לאַכען איידער איך זאָל וויינען; און כ'וועל בנאמנות בעסער זעהן ווי מאַן און ווייב געהען זיך פאַנאַנדער איידער זעהן ווי טשיקען מיט זופּ קומען זיך צוזאַמען"...

די טאָכטער, נאָך מעהר פארטרעהרט ווי די מאַמע, ווען זי איז געקומען צום וואָרט, איז גראדע געשטאַנען אביסעל אין אפּאָזיציע צו דער מאַמען. מעגליך, האָט זי גע'טענה'ט, אז אין דער עצם טשיקען-זופּ פראַגע, איז אפשר די מאַמע ניט אַזוי שטאַרק גערעכט, אפשר איז עס מיין מאַנ'ס פּריווילעגיע פיינט צו האָבען טשיקענלאָזיגע יויך

און יויכלאַזיגע טשיקען, אָבער מה ענין טשיקען לווייב ו„טיר״ לשוויגער? ווי קומט עס אז מען אַנטלויפט פון די טשיקען זאָל מען אויך אַנטלויפען פון ווייב און אז מען איז אין כעס אויף דער שוויגער זאָל מען גאָר קלאַפּען — אין טיר? . . .

נישט אַנדערש, רבי, קאַכט זיך דאָס ווייבעל, אַז „דהער אים סאמטהינג אין איט״; עפּעס מוז דאָ זיין; אפשר איז דאָס גאָר ווי דאָס ווערטעל געהט אז מען זאָגט די שוויגער און מען מיינט — די שוויגערס טאָכטער... אפשר, וועה איז מיר, האָט ער מיך גאָר אין גאַנצען ניט ליעב, און די טשיקען מיט די שוויגער איז נור אן אויס-רייד, אַנדערש וואָלט ער דאָך אזוי ניט אָפּגעטאָן? ״

מיר האָבען שוין געמוזט מאַכען אן ערנסטע מינע אום אונזער צוטרוי ניט פארלירען, און ערשט ווען מאַמע-טאָכטער האָבען זיך אַ ביסל באַרוהיגט, האָבען מיר זיי גע-עצה׳ט אַז צום אַלעם ערשטען לאָמיר אקאָרשט אראָפּרופען דעם בעל דבר אליין, דעם יונגענמאַנ-טשיק הייסט עס, און הערען וואָס ער האָט צו זאָגען, וועלען מיר דאַן ערשט קענען געבען די ריכטיגע עצה.

מיר האָבען די ערשטע שלאכט געוואונען. ביידע, אי מאַמע, אי טאָכטער, האָבען זיך אונטערגעגעבען, אָפּגעשטעלט די בליץ-קריעג און איינגעוויליגט צו וואַרטען ביז מיר וועלען אויסהערען דעם צווייטען צד אויך.

וכך הוה: „אָפּגערופען״ דעם יונגערמאַן און יענער איז געקו-מען צופליהען פייל פון בויגען, טאַקע ווי מען פליהט צו אַ געליעבטע. מיר האָבען מיט׳ן יונגערמאַן געהאַט אַ הארץ צו הארץ געשפּרעך, און דאָ האָבען מיר זיך ערשט איבערצייגט ווי ער געהט פשוט אויס פאר דאָס ווייבעל; די ליעבע ברענט, און אין דעם ליעבעס פייער וואָלט ער גרייט געווען אפילו צעהן שוויגערס צו פארברע-נען... ס׳האָט שוין לאנג ניט געדויערט און מיר האָבען דעם ענין ערליידיגט. דער פּסק איז געווען אַז די הוהן בלייבט ליגען אין דער יויך נור די שוויגער זאָל מען פון דאָרט ארויסנעהמען. מעגען אפשר אלע שוויגערס ברוגז זיין אויף דעם דאָזיגען פּסק דין, אָבער ליבערשט אַ שלום פון איין ווייב איידער אַ ברוגז פון צעהן שוויגערס...

מיר האָבען אמת דעם יונגערמאַן אויך אַ היבשע פּאָרציע מוסר

געגעבען, און געזאָגט אז דאָס ווייבעל האָט רעכט מיט איהר באַהויפּ־טונג אַז ווען מען איז אין כעס אויף דער שוויגער קלאַפּט מען ניט די — טיר . . .

און זאָל דער דאָזיגער אינצידענט דינען אַ לעסאָן צו אלע שוויגערס אַז זיי זאָלען זיך וואָס ווייניגער מישען ביי זייערע קינדער, וועט שטענדיג הערשען שלום בית. צווישען זיך, וועלען שוין די קינדער ווי עס איז אויסקומען; מען קריגט זיך אַביסעל אָבער מען בעט זיך אויך איבער; ווען אָבער אַ שוויגער מישט זיך אריין איז שוין גאָר עפּעס אַנדערש. ניט אומזיסט האָט דער אויבערשטער דאָס ערשטע פאָרפאָלק קיין שוויגער ניט געגעבען... מיר האָבען חלילה גאָר ניט צו די שוויגערס אדרבה זאָלען זיי זיך מישען וויפיל זיי ווילען, אָבער נור אין שווערס געשעפטען, ניט אין איידעמס אָדער שנורס און ס׳וועט זיין — ושלום על ישראל.

יז

א מעשה מיט א אידיאָט א וויצלינג

דער וויץ איז דער אינסטרומענט וואָס שאַפט געלעכ־טער, און „לאכען איז זעהר געזונט”, לויטעט אן אלטע הומאָריסטישע מימרא; עס טרייבט ארוים דעם אומעט פון מענשען, פאַריאָגט די מרה שחורה; האָבען מיר פאָלגליך היבש צו פאַרדאנקען דעם וויץ וואָס פראָדוצירט דעם געלעכטער.

אָבער ווי עס איז דער פאל מיט אַנדערע טויזענטער גוטע זא־כען איז אויך דער פאל מיט'ן וויץ; עס געווענדט זיך וואו עס שטעהט איין, אין גוטע אָדער אין שלעכטע הענט, ביים קלוגען אָדער ביים אידיאָט. דער קלוגער וויים ווי זיך דאמיט צו באַנוצען, ווען און וואו, און ווי אזוי, דעם וויץ צו זאָגען, זאָגט ער עס טאַקע אין דער ריכטי־גער צייט און אין ריכטיגען פלאַץ, און עס דינט דעם ריכטיגען צוועק. דער אידיאָט אָבער וואָס ווייס לײדער ניט ווי און וואו און ווען, טרעפט עס דעריבער זעהר אָפט אז זיין וויץ אַנשטאָט צו דינען דעם צוועק פאר וועלכען ער איז באַשאַפען געוואָרען ברייגגט עס גאָר דעם הפך; אַנשטאָט ארויסצוטרייבען אומעט און מרה שחורה, ברייגגט עס דאָס דאָזיגע גאָר אריין און אַנשטאָט צו פארזיסען דעם לעבען פארבי־טערט ער עס גאָר.

אָט וועגען אזא פאל פון אַ אידיאָט כלומר'שט אַ וויצלינג, ווי־לען מיר דאָ איצט דערציילען, און זאָל עס טאַקע דינען אלס מוסר השכל פאר פיעלע אנדערע.

„מרבה דברים מרבה שטות”, האָבען אונז געלערענט אונזערע אַלטע חכמים. דער צונג טאָר ניט זיין הפקר, נישט פלוידערען אַלץ וואָס קומט אַרויף אויף דער מחשבה. „סיג לחכמה שתיקה”, שווייגען איז דער צוים פון חכמה. עס פערזערוויערט די קלוגשאַפט אז עס זאָל ניט אויסרינען. און אויב אפילו דאָס רעדען האָט מען אויך געגעבען

אַ געוויסע חשיבות, דען די זעלבע געלעהרטע האָבען דאָך געזאָגט אַז „מלה בסלע", א וואָרט האָט די ווערט פון א טאָלער, האָבען זיי דאָך תוך כדי דבור פאַרכאַפּט און אויסגעפיהרט אַז „משתוקא בתרין", אַז דאָס שווייגען איז נאָך צוויי מאָהל אַזוי פיעל ווערט.

אָבער דאָס דאָזיגע ווערטעל גופא געוועגדט זיך אויך וואו עס שטעהט איין, און ניט די זעלבע שליסע וואָס דער קלוגער ציהט דער־פון, ציהט אויך דער נאַר. דער קלוגער פאַרשטעהט אַז אונזערע גע־לעהרטע האָבען דאמיט געמיינט צו לערנען דעם מענש זיך ניט צו ווארפען מיט'ן וואָרט, נור יעדעס וואָרט זאָל ביי איהם באַטראכט ווערען ווי אַ ווערטפולע זאַך וואָס מען היט עס שטאַרק אָפּ, און מען ווארפט זיך דערמיט ניט ארום. דער נאַר אָבער דיינקט אַז אויב יאָ אַ רענדעל אַ וואָרט, איז וואָס מעהר ווערטער ער וועט אויספּאַקען אַלץ מעהר רענדלאַך וועט ער דאָך באַקומען, און דערפאַר מאַכט ער לויז זיינע צונג בענדער, און ווערטער ווי באָב קייקלען זיך נאָכאַנאַנד אָהן שום קאָנטראָל און אָהן שום טאַקט, און ניט זעלטען ווען די דאָ־זיגע גרעניצלאָזע רייד ברענגען מיט זיך אויך גרעניצלאָזע צרות און יסורים.

מיר קומען אָבער צוריק צו אונזער געשיכטע פון אונזער איד־יאָט דעם וויצלינג.

דער דאָזיגער העלד אונזערער וואָס האַלט זיך פאַר אַ גאַנצען קנאַקער, און מיינט אַז ער איז דער גרעסטער חכם און אַז אַלע קוקען איהם אין מויל אריין צו הערען זיינע דברי חכמה, פאַרליעבט ער זיך אין אַ מיידעל, א זעלטענע שעהנהייט און זעהר אַן אָנשטענדיגע קינד פון גאָר פיינע עלטערען. נאַטירליך, קומט דאָך דער בחור זעהר אָפּט אריין צו דער מיידעל אין הויז, און, ווי זיין שטייגער איז רעדט ער נאָכאַנאַנד אויף טיש און אויף ביינק, האַקט און בראָקט אויף וואָס די וועלט שטעהט, און מיינט אַז ער שאָרט פּשוט די רענדלאַך... איז זיך מיישב אונזער בחור און פאַלט אויף אַן המצאה צו טרייבען כלומר'שט אַ שפּאָס אויפ'ן חשבון פון זיין צוקונפטיגער שולמית, און נאָכדעם ווי ער מאַכט איהר אַלע שעהנע שיר השירים קאָמפּלימענ־טען, מערקט ער איהר אָן בלויז איין קליינעם חסרון, און דאָס איז ווע־גען איהרע האָר; די האָר איהרע, געפעלען איהם ניט, זיי זיינען

ניט קיין שעהנע. די מיידעל, ניט וויסענדיג אז דאָס איז אזא מין איד־יאַטישער שפּאס ביי איהם, האָט עס אַנגענומען פאר ערנסט; און זייענדיג איינגעגלויבט אין דעם דאָזיגען בחור, און טאַקע שטאַרק פארליעבט אין איהם אויך, מיינענדיג אז ער איז ווירקליך דער שיר השירים העלד וואָס „חכו ממתקים וכולו מחמדים״; אָט אַזאַ איינעם, האָט זי געטראַכט, דאַרף מען זעהן צופרידענשטעלען. איז זי אַוועק און זיך געלאָזט די האָר אָפּפארבען אויף אַן אַנדער קאָליר כדי איהם בעסער צו געפעלען.

ביי דער צווייטער באַגעגעניש, דערזעהענדיג אַז זיין שפּאס האָט „געארבייט״, טראַכט ער ביי זיך אז עס איז כדאי אַנצוגעהן ווייטער מיט׳ן דאָזיגען שפּאס און האָבען דערביי אַביסעל „פּאַן״. גיט ער איהר צופארשטעהן, אז זי האָט מיט דעם דאָזיגען קאָליר נאָך פיעל מיאוס׳ער די האָר געמאַכט. האָט זיך דאָס מיידעל דערפון נאַטירליך געערגערט און האָט פּרובירט אַן אַנדער פארב. דער פארברע־כערשער אידיאָט אונזערער וואָס האַלט זיך פאר א חכם האָט אָבער ניט אָפּגעלאָזט. דער אַפּעטיט איז ביי איהם געקומען מיט׳ן עסען, און אַזוי האָט ער פארמוטשעט דאָס אומשולדיגע מיידעל וועלכע האָט אַלע פּאָר טעג געקראָגען אַן אַנדער אויסזעהן. דען עס פארשטעהט זיך דאָך אז אויב די האָר איהרע האָבען זיך געביטען אין שווארץ, וויים און בלאָנד האָט זיך דאָך פון בושה דאָס פּנים איהרס אויך גע־ביטען אין רויט, בלוי און גרין, און אין וואָס ניט?

ווען דאָס מיידעל איז צוגעשטאַנען צו איהם ער זאָל איהר זאַ־גען פון וואָס פאר אַ קאָליר ער וואָלט יאָ געווען צופרידען, האָט ער איהר ערקלעהרט אז ווי עס זעהט אוים וועט איהר קיין שום קאָליר ניט פּאסען ווייל די שולד ליגט אין די האָר גופא, עס הייסט אין זיי־ער פאסאָן און שייפּ.

קורץ, דער שפּאס איז שוין אַוועק אביסעל צו ווייט. דאָס מיי־דעל וואָס איז געווען אַזוי איבערמענשליך פארגלויבט אין איהר בחור, איז געקומען צום באַשלוס אז איהרע האָר זיינען ווירקליך אומגע־לומפּערט, און אז דאָס בעסטע וואָלט געווען, זיי אין גאַנצען ארונ־טער צונעהמען און זיך אַנטאָן אַ פּארוק וואָס מען וועט שוין יאָ קע־נען צופּאסען צום געליבטענס געשמאַק... בינו לבינו, איז דאָס מיי־

דעל פון ערגערניש גאָר קראנק געוואָרען און האָט אַ היבשע צייט גערארפט פארברייגגען אין אַ נערוועז שפיטאַל אונטער שטרענגען אויפזיכט.

דער בחור האָט אָבער קענטיג גראדע הנאה געהאַט דערפון וואָס זיין וויץ האָט אזוי גוט „געארבייט", און פון דער מיידעלס לאגע האָט ער זיך געמאַכט אַ קנאַפּען צימעס. אָנפאנגס פלעגט ער איהר נאָך ווען עס איז באַזוכען אין שפיטאַל, נאָכהער האָט ער איהר אין גאַנצען אויסגעמיטען און זוכט שוין קענטיג אנדערע קאָסטאָמער אויף זיינע „וויצען".

די מיידעל איז שוין צוריק אין דערהיים, אָבער די איינרעדע־ניש אַז זי מוז פון איהרע האָר פּטור ווערען איז שוין ביי איהר פאר־בליבען אומגעענדערט; און עס איז געקומען אזוי ווייט אז זי סטרא־שעט מיט זעלבסטמאָרד אויב מען וועט עס איהר ניט ערלויבען צו טאָן.

זיצען די עלטערען ביי אונז אין ביוראָ און פארגיסען ביטערע טרעהרען. די מיידעל איז אויך דאָ מיט זיי און טענה'ט אליץ אז דער פארוק איז דער איינציגער אויסלייזער איהרער, און וועט איהר העל־פען צוריק געווינען איהר געליעבטען.

מיר האָבען קוים גע'פועלט ביי דער מיידעל צו פארלענגערען די צייט פון איהר זעלבסטמאָרד אולטימאטום אויף נאָך עטליכע וואָ־כען, און אין דער צווישענצייט קענען געפינען עפּעס אַ שטיקעל מי־טעל ווי פון איהר די דאָזיגע פארפאַלגונגס מאַניע ארויסטרייבען. דען אויסער די דאָזיגע איינרעדעניש איז דאָס מיידעל פאָלקאָם נאָרמאל און עכט אינטעליגענט.

דעם פאָטער האָבען מיר נאַטירליך געראטען אונטער אלע אומשטענדען צו פארהיטען די טאָכטער פון דעם דאָזיגען שריט וואָס קען האָבען נאָך פיעל ערגערע פאָלגען, ווייל עס איז ניט אויסגע־שלאָסען אז ביים ערשטען אָנבליק אין שפיגעל, ווען זי וועט זיך דער־זעהן אן אָפּגעשאָרענע, זאָל זי קריגען אַ נערוועז ערשיטערונג פון אַ פאַטאַלען כאַראַקטער. עס איז דעריבער ראַטזאַם מיט איהר אוועק־צופאָרען פאר א געוויסער צייט אנדערשוואו און איהר ברייגגען אין

פאַרקעהר מיט אנדערע געזעלשאַפט וואָס קען מעגליך האָבען אַ ראַ־דיקאלע ווירקונג.

דער מוסר השכל אָבער פון אַט די שרעקליכע געשיכטע איז שוין גראדע ניט קיין וויציגער נור א טראגיש טרויעריגער; און ניט אומזיסט זאָגט מען אז אַ מענשענס לעבען הייננט אויף אַ האָר. אין אונזער פאל איז עס ניט קיין פראזע נור טאַקע בוכשטעבליך; איבער אַ האָר האָט אַ אידיאָטישער וויצלינג געשטעלט אין סכנה דעם לעבען פון אַ ליעבענסווירדיגע אָרענדטליכע אידישע טאָכטער.

יאָ, מלה בסלע שתוקא בתרין!

דער וואָס ווייסט דעם ווערט פון ריידען, דער ווייסט אויך דעם ווערט פון שווייגען.

חכמים הזהרו בדבריכם!

יח

ארבייטסנעהמער און ארבייטסגעבער

(דורך די אויגענגלעזער פון א זייטיגען באָבאַכטער)

אַן אלטער, כמעט שוין באַנאַלער אנעקדאָט:

צוויי אידען האָבען צווישען זיך אַ סכסוך און קומען אריין צום רב ער זאָל צווישען זיי אויסלאַדען. הויבט איינער אָן פאַרצוליי־גען זיינע טענות. דער רב הערט זיך צו מיט דער גרעסטער אויפ־מערקזאמקייט און אז דער איד האָט געענדיגט מאַכט צו איהם דער רב: איך מוז אייך זאָגען מיין ליעבער איד, אז איך זעה איין אז איהר זיינט ווירקליך גערעכט, אָבער נאַטירליך דארף מען דאָך אויך אויס־הערען וואָס אייער בעל דבר האָט צו זאָגען. הויבט דער צווייטער צד אָן צו ריידען און לייגט פאַר זיינע טענות צו וועלכע דער רב הערט זיך אויך צו מיט פולער אויפמערקזאמקייט; און נאָכ'ן פארענדיגען, ווענדעט זיך דער רב אויך צו איהם מיט'ן פזמון אז בכן, ער זעהט איין אז ער, דער צווייטער איד, איז דורכאויס גערעכט.

די רבי'צין מישט זיך דאן אריין און פרעגט דעם רב: „סערצע לעבען, ווי קען דאָס געמאָלט זיין אז צוויי בעלי דינים זאָלעןביידע זיין גערעכט?" „כ'לעבען" — ענטפערט דער רב — אַז דו, מיין ווייב, ביסט אויך גערעכט...

דארף אָבער דערצו צוגעגעבען ווערען אז ניט אלעמאָל איז די רבי'צין גערעכט. אויבערפלעכליך זעהט עס טאַקע אויס אז וואו עס זיינען פאראן צוויי צדדים שיקט זיך ניט אז ביידע מיטאמאָל זאָלען זיין גערעכט. דאָך, קען עס אמאָל טרעפען אז מען זאָל דוקא יאָ האַלטען מיט'ן רב און ניט מיט די רבי'צין. פאראן אמאָל אז צוויי געגענזעצטע צדדים זאָלען פאָרט ביידע זיין גערעכט. ביידענס טענות קענען אמאָל זיין אמת'ע, און וואו אמת דאַרט מוז אויך זיין גערעכטיגקייט.

אמבולט׳סטען געשעהט דאָס דאָזיגע, דאָרט וואו עס האַנ־דעלט זיך אין די גענענזעצטע טענות פון די צוויי אייביג קעמפּפענ־דיגע צדדים: די אַרבייטסגעבער און די אַרבייטסנעהמער, אָדער אין דעם מעהר פּאָפּולערען אויסדרוק: דער „באָס" און דער ארבייטער.

קאַפּיטאל און ארבייט, זיינען פון אייביג אָן שונאים איינס צו דאָס אַנדערע; און טראָצדעם וואָס די רעפּרעזענטאַנטען פוןביידע צדדים געפינען זיך שטענדיג אין איין מחיצה און שטעהען אין ענגען קאָנטאקט גאַנצע אכט שטונדען יעדען טאָג, איז פונדעסטוועגען די דאָזיגע נאָהענטקייט בלויז פאר׳ן אויג, וועהרענד אין אמת׳ן הערשט צווישען די צוויי באַטרעפענדע עלעמענטען א הימעל־ערדישע אָדער מזרח־מערב׳דיגע ווייטקייט. איינער וואָלט דעם אנדערען, ווי מען זאָגט, אין א לעפעל וואסער דערטרונקען; מען האָט זיך אמת פיינט, אַ שנאה כבושה. דאָס איז אַ מין „פינף קאָלומדיגער" שונא, זיך באַנו־צענדיג מיט די היינטיגע פּאָפּולערע טערמינען; אַ שנאה וואָס עג־בערט אונאויפערליך אינעווייניג, ביז עס שפּאָרט צייטענווייז אויך ארויס אין דרויסען און קריגט אויסדרוק אין די באַקאַנטע „סטרייקס"; „סטאָפּעדזשעס" און „לאקאוטס" וואָס ווערען באַגלייט מיט „פּי־קעטס"; פּראָטעסטען; דעמאָנסטראַציעס א. ד. ג.

אין דיזע סאָרט סכסוכים, מוזען מיר מעהר מסכים זיין מיט׳ן רב ווי מיט דער רבי׳צין, און אַז מען הערט אוים די טענות פון ביידע צדדים, געפינט מען אויף ביידע זייטען היבשע אמת׳ן וואָס שטעלען די גערעכטיגקייט אונטער יעדער צווייפעל, אויף יעדער זייט פון די באַטרעפענדע צדדים.

פון אילוסטראַציע וועגען, וועלען מיר ציטירען געוויסע אויס־צוגען פון אָט די פארשידענע גענענזעצטע טענות מצד דעם „באָס" און מצד דעם ארבייטער.

טענה׳ט דער באָס:

אריינגענומען אַן אָפּגעריסענעם ארבייטער וואָס איז אויסגע־גאנגען פאר הונגער, ניט געהאט מיט וואָס אַ טאָג איבערצוקומען; ער האָט אָפּגעהאַקט מיינע טירען, בעטענדיג זיך איהם צו געבען אַ געלעגענהייט צו פארדינען אַ שטיקעל ברויט פאר זיך און פאר ווייב און קינד; ער איז וויליג, האָט ער געזאָגט, צו ארבייטען פאר די מאָ־

גערסטע געהאַלט אַבי צו האָבען מיט וואָס צו שטילען דעם הונגער. נו, זיין וואונש איז דערפילט געוואָרען; איהם צוגענומען צו דער אר־בייט, ארויפגעשטעלט איהם אויפ׳ן „פעיראַל" און ער „מאַכט אַ לעבען".

אָבער אַנשטאָט ארויסצוצייגען דאנקבאַרקייט, צאָלט ער גאָר אָפּ מיט שטיינער. ער האָט נאָך רעכט דעם פּרעס אין האַנט ניט גע־נומען, און ער פּרעסט מיר שוין אויף מיין נשמה. איך דערקען שוין אין איהם אַ שונא וואָס פאַרגינט מיר ניט דעם לעבען, און זוכט מיט אַלע מעגליכקייטען צו פאַרשווערען מיין אַזוי אויך גענוג פאַרשווער־טע ארבייט. ער וויל זיך גאָר ניט רעכענען מיט מיינע דאגות און טראָבעלס. כ׳דאַרף אָנהאַלטען אַ „גרויסע שאָפּ" מיט ריעזיגע עקס־פּענסעס; צאָהלען הויכען רענט; דרעהען דעם קאָפּ גוט צו מאַכען די פּעהליגע וועקסלען; דאַרף צאָהלען הויכע צינזען פאַר מאַשינערי, פאַר סחורה, פאַר דאָס און פאַר יענעס; שלאָף ניט קיין נעכט; דער מאַרק טריקנט אויס וואו צו שאַפען די ריעזיגע סומען פאַר די דרייערליי טעקס צאָלונגען: פעדעראל, סטייט און סיטי. איך ווער פּשוט גראָה און אַלט פאַר דער צייט; כ׳בין מיעד און ערשעפּט, און ער, דער ארבייטער מיינער, ווייסט ברוך השם ניט פון די אַלע קאָפּ־דרעהעני־שען; ער באַקומט זיין וועכענטליכען געהאַלט אין צייט אָהן בויך וועהטאָג און אָהן גרימעניסען. אָבער נאָכדעם אַלעמען איז ער מיר אַ דם שונא — טאָ פאַר וואָס קומט עס מיר? ווי קען מען זיין אַ „משלם רעה תחת טובה"?

אָט אַזוי אומגעפעהר, וועט איהר שטענדיג הערען רעדען אונ־זערע קאַפּיטאַל פאָרשטעהער, טענות וועלכע לאָזען זיך ניט אַזוי גרינג אָפּפרעגען, און איהר מוזט, אויסהערענדיג אַזעלכע טענות, זיך שטעלען אויף זייער זייט, מסכים זיין און זאָגען: יאָ, בעלי בתים טייערע, איהר זיינט ווירקליך גערעכט. דען, ווי געזאָגט, דאָרט וואו ס׳איז פאַראַן אמת דאָרט מוז אויך זיין גערעכטיגקייט; און אַז די אַלע אויסגערעכענטע קאָפּ־דרעהענישען זיינען דעם ארבייטגעבערס און ניט דעם ארבייטנעהמערס, דאָס קען מען דאָך ניט אָפּלייקענען.

קומט אָבער דער ארבייטער, פון צווייטען זייט, און לייגט פאַר

זיינע טענות, און דאַ הערט איהר שוין גאַר אַן אנדער נוסח, אַן אנדער טאָן און אַן אנדער נגון.

טענה'ט דער ארבייטער:

דער באָס האָט מיר אַריינגענומען צו דער אַרבייט. יאָ, געווים. אָבער האָט ער דאָס דען געטאָן צוליב מיין טובה? דאַרף ער מיר ניט האָבען פונקט ווי איך דאַרף איהם? קען מען דען אָנפיהרען אַ „שאָפּ" אָהן „הענט"? האָט דאָך דער באָס מיינער געדאַרפט פיהלען, אַז פונקט ווי איך דאַרף פון איהם „מאַכען אַ לעבען", אַזוי דאַרף ער דאָך אויך פון מ י ר „מאַכען א לעבען", און אויב ער וואָלט דאָס דאָזיגע ווירקליך געפיהלט, וואָלטען דאָך זיינע באַציהונגען צו מיר לחלוטין אַנדערש געווען. ער וואָלט דאָך מיר באַטראַכט טיילוויז ווי אַ שותף און ניט ווי אַ שקלאַף, וואָס דאַרף ארבייטען לאַנגע שטונדען און קריגען אַ הונגער לוין. איך בין אָבער יאָ ווי אַ שקלאַף; דאַרף אויסשטעהן אַלע זיינע קאַפּריזען און אפילו אויך די קאַפּריזען פון דעם „פאָרמאַן" וועלכער יאָגט פון מיר די נשמה ארויס פונקט ווי אַמאָל פרעה'ס שוטרים; איך ווער ביי איהם פאַררעכענט, ניט ווי אַ מענש נור ווי איינע פון די פאַבריק „טולס" און די מאַשין שרויפען.

אמת, איך לייקען ניט אַז דער באָס מיינער ארבייט אויך זעהר שווער. איך וויל כלל ניט באַשטרייטען זיינע טענות. ווער אָבער פאַרמאָגט אַ שעהנע „קאר", איך אָדער ער?; פאַר וועמען ווארט דער שאָופער אויף אהיים צו נעהמען, מיך אָדער איהם? איך דאַרף זיך „הענגען" אויף די „סטראַפּס" אין די שטיקענדיגע סאַבוויים, און אין די „ראַש אוערס" ווי אין אַ פאַס הערינג. איהם, דעם באָס מיינעם, ברייננט זיין קאר צו אַ פּרעכטיגע היים וואו עס ווארט פאַר איהם אַ פעטער יום-טוב'דיגער מאָלצייט, אפילו אין אַ „מיטען מיט-וואָך"; מיר אָבער ברייננט די סאַבוויי ערגעץ צו אַן אלטער איסט סיידיגע טענעמענט הויז, אַ „סלאָם", וואו איך דאַרף מיינע מיעדע קראַנקע פיס ארויפטאַשקען פינף אָדער זעקס שטיגען כדי צו דער-גרייכען מיינע דריי נאַסע, סטימלאָזע „רומקעס" וואו איך, דאָס ווייב און די דריי אָדער פיער קינדערלאך דארפען זיך צונויפשטיקען און איינאָטעמען איינער דעם אנדערענס לופט... און וואָס פאַר אַ קלאָ-

געדיגער „סאַפער" ערוואַרטעט מיך דאָרטען נאָך מיין מיט שוויים־אָפּגיסענדיג ארבייטס טאָג ?

און אזוי מאָהלט פאר אייך דער אָרעמער ארבייטער אַ טראַגישע בילד פון זיין מיזעראַבעלען לעבען; און אז איהר הערט אויס זיינע טענות, מוזט איהר מיט איהם אויך מסכים זיין און זאָגען אז ער איז אויך גערעכט, דען אויך ער, האָט דאָך אַרויסגעבראַכט אמת'ן וועלכע קענען ניט אָפּגעלייקענט ווערען.

עס פארשטעהט זיך אז מיט צוויי גערעכטע איז אַ פּיעל שווערער עסק ווי מיט איין גערעכטען.

און דאָך, וואָלט גאָר ניט געדאַרפט זיין אַזוי שווער די לאגע צו פארבעסערען פארביידען, ווען נור דער צוגאַנג וואָלט זיין אַן אַנדערער ביי יעדערען פון די באַטרעפענדע צדדים.

די אַרבייטסגעבער מיט די אַרבייטסנעהמער, וואָלטען זיך געוועהן געדאַרפט בייטען מיט זייערע ראָלען. דער „באָס" האָט געדאַרפט פארטרעטען די אמת'ן פון זיין ארבייטער, און דער ארבייטער, די אמת'ן פון זיין באָס, וואָלט זיך דעמאָלט די סיטואַציע אין גאַנצען געביטען.

עס איז פאַראַן אַ וואונדערבאַרע אויסטייטשונג אויפ'ן פסוק אין משלי: „עיניך לנוכח יביטו ועפעפיך יישירו נגדך" (דיינע אויגען קוקען אריבער צום צווייטען און דיינע ברעמען גלייכען זיך אויס אַנטקעגען דיך אליין). אויגען און ברעמען, האָבען צוויי געגענזעצטע פונקציעס. די אויגען זיינען געמאַכט געוואָרען כדי מיט זיי צו קענען זעהן; די ברעמען אָבער זיינען געמאַכט אויף צו פארדעקען די אויגען און פארשטעלען די ראיה. זיינעןביידע פונקציעס נויטיג. אַמאָל דאַרף מען יאָ זעהן און אמאָל דאַרף מען דוקא ניט זעהן. האַנדעלט זיך עס וועגען דיך אליין, איז דעמאָלט גוט צו באַנוצען די אויגען אויף צו זעהן דיינע אייגענע פעהלערען, און די ברעמען אויף צו פארדעקען די מעלות. דאַגעגען ווען עס האַנדעלט זיך וועגען אַ צווייטען דאַרף שוין זיין פארקעהרט: מיט די אויגען זאָל מען זעהן יענעמס מעלות און מיט די ברעמען פארדעקען יענעמס חסרונות.

אין דער פראַקטיק אָבער טהוט מען ליידער פארקעהרט: אויף זיך אליין זעהט מען נור די מעלות און אויף יענעם זעהט מען נור די

חסרונות. מוסר׳ט דעריבער דער חכם מכל אדם „עיניך לנוכח יביטו״ — דיינע אויגען האַלסטו אָפען כדי צו קוקען צום צווייטען און זעהן רק זיינע חסרונות, וועהרענד, „ועפעפיך יישירו נגדך — דיינע ברע־מען אָבער ווענדסטו אָן דוקא אויף דיר אַליין צו פאַרדעקען דיינע אייגענע חסרונות.

וואָלט מען אָבער אויסגעפאָלגט די עטהישע לעהרע פון אונזע־רע גרויסע וועג-ווייזער, וואָלט די גאַנצע געזעלשאַפט אַן אנדער פנים געהאַט.

געווים זיינען דאָ אויסזעצונגען סיי געגען דעם ארבייטסגעבער און סיי געגען דעם ארבייטסנעהמער, אקוראַט ווי ביי ביידען פון זיי זיינען פאַראַן גערעכטיגקייטען, אָבער אַנשטאַט דער באַס זאָל זעהן ביים ארבייטער די שאַטענדיגע זייט און ביי זיך די ליכטיגע, האָט געדאַרפט זיין פאַרקעהרט, ביי זיך דעם שאַטען און ביים ארבייטער די ליכט. דאָס זעלבע אויך אין באַצוג צום ארבייטערס זייט; יעדע־רער פון זיי וואָלט געדאַרפט ביי זיך זעהן די בעקוועמליכע זייט פון לעבען און ביים צווייטען די אומבאַקוועמליכע, וואָלט זיך דאַן יעדע־רער געגעבען די מיה צו העלפען פאַרבעסערען דעם צווייטען; עס וואָלט געקומען צו געגענזייטיגע פאַרשטענדעניסע און געגענזייטיגע סימפּאַטיע, און די שאַטענס פון ביידע זייטען וואָלטען באַלויכטען גע־וואָרען. ווען אָבער יעדערער האָט בלויז זיך אין זינען און ביי יענעם זעהט ער בלויז חסרונות, העלפט ער אליין צו שאַפען די גרויסע מחיצה וואָס טיילט אָפּ צווישען זיי ביידען, און שאַפט, אויף אַן אומ־פאַרמיידליכען אופן, די אלע קאָמפּליקאַציעס וועלכע ברייגגען ניט קיין גוטס צו קיינעם פון זיי.

די וועלט זאָגט אפילו אז האַנדעלשאַפט איז ניט קיין ברודער־שאַפט, אין דעם פאַל אָבער, גלויבען מיר, וואָלט גראַדע ניט געשאַט אַז עס זאָל יאָ אריינגעבראַכט ווערען אַביסעלע ברודערשאַפט אָדער חבר׳שאַפט אין דעם דאָזיגען האַנדעלס לאַגער, וואָלט דאַן געווען אַביסעל מעהר איינזעהעניש פון איין צד צום אנדערען און מעהר פאַרשטענדעניס, און דער גאַנצער סאָציאַל עקאָנאָמישער לעבען וואָלט באַקומען אַן אנדער אויסזעהן.

יט

די פארקערפערונג פון „באַס" און ארבייטער אין איין פערזאָן

דער תנא אין אבות זאָגט: „אין לך אדם שאין לו שעה ואין לך דבר שאין לו מקום". לויט אַ פרייע איבערזעצונג מיינט עס צו זאָגען אַז יעדער מענש האָט זיך זיין שטונדע ווען ער ווערט אויפגעריכט און יעדער געגענשטאַנד האָט זיך אַ באַשטימטען אָרט וואו עס קריגט אַ באַזונדער אויפפּאַסונג.

אילוסטראַציעס פון לעבען וואָס באַשטעטיגען עס, זיינען פאַראַן זעהר אַ סך. מיר וועלען זיך באַנוגנען מיט איינע פון זיי, צו וועלכעם דיזער קאַפּיטעל איז, טיילוויי דירעקט און טיילוויי אינדירעקט, געווידמעט.

דער ארבייטער און דער קרעמער; זייער ראָלע אַמאָל און היינט; אין דער אַלטער היים און דאָ אין דער נייער:

דער ארבייטער, אָדער אין היימישען נוסח, דער בעל מלאכה, האָט אין דער אַלטער היים ניט געהאַט קיין וואַזשנע מערכה; עפּעס האָט מען געקוקט אויף איהם פון אויבענאַראָפּ און ער איז באַטראַכט געוואָרען ווי אַ נחות דרגא'ניק. אין די אַזוי גערופענע אריסטאָקראַטישע קרייזען, איז אַ בעל מלאכה געווען פאַררעכענט ווי אַ פּסול אין דער משפחה. אַזוי איז עס געווען אין פאַל פון שידוכים און אַזוי אויך אין דעם סתם געזעלשאַפטליכען לעבען.

אַזא באַציהונג האָט זיך געשפּירט אפילו אין די פרימסטע תורה קרייזען, כאָטש די תורה גופא האָט גאָר געהאַט אַ גאַנץ אַנדער באַציהונג צו דעם דאָזיגען אַרבייטער, ווי עס איז צו זעהן פון די אונצאָלרייכע דינים און געזעצען וואָס זיינען געשאַפען געוואָרען אַלץ כדי צו באַשיצען און פראָטעקטען דעם אַרבייטער, דעם בעל מלאכה.

די חכמים ווידער זיינען געגאַנגען אַזש אַזוי ווייט ווי צו זאָ-

גען: „אהב את המלאכה ושנא את הרבנות", און האָבען אזוי ארום אוועקגעשטעלט די מלאכה אויף אַ גאָר הויכער מדרגה.

למעשה אָבער זיינען די דאָזיגע עטהישע לעהרען ניט אזוי שטאַרק אַקצעפּטירט געוואָרען אין פּראַקטישען לעבען; און אפילו די אויפריכטיגע תורה טרעגער, האָבען זיך אויך באַצויגען נעגאַטיוו צו דער מלאכה און צום בעל מלאכה. טאַטעס און מאַמעס פלעגען שטענדיג פאַרוואַרפען זייערע קינדער, וואָס האָבען ניט ארויסגעוויזען קיין שטאַרקען חשק צום לערנען, און פלעגען זאָגען צו זיי: „וואָס וועט זיין דער תכלית פון דיר זוהנ'עלע אז דו ווילסט ניט לערנען, וועסט דאָך נאָך מוזען ווערען אַ בעל מלאכה און פאַרשעהמען דיין גאַנצע משפחה". אזעלכע, און עהנליכע אויסדריקע, זיינען דאָרט אין דער אלטער היים ניט געווען קיין זעלטענהייט צו הערען אין דעם טאָג טעגליכען פאמיליען געשפּרעך.

דער בעל מלאכה האָט זיך טאַקע דעריבער געפיהלט זעהר געפאַלען און דיסקרימינירט. דערפון האָט זיך גענומען די באַזונדערע בעל מלאכה'שע קלויזען און בתי מדרשים, כדי צו האָבען אַן אייגענעם רשות היחיד, וואו מען זאָל זיך קענען פיהלען אַ ביסעל דערהויבענער.

דער קרעמער דאָגעגען, איז שוין אין יענע היימישע ספערען פאַררעכענט געוואָרען פאַר אַ גאַנץ חשוב'ען בעל הבית. די קרעמעל זיינע, האָט ניט געמעגט דערוועגט האָבען קיין דריי גראָשען, אָבער דאָך אַ סוחר, אַ געשעפטסמאַן; האָט מען שוין צו איהם ארויפגעקוקט פון אונטען ארויף, און ער האָט שוין געקראָגען דעם געהעריגען כבוד סיי אין שוהל און סיי אין אלע אנדערע געזעלשאפטליכע קרייזען.

דאָ אין אמעריקא האָט זיך איבערגעדרעהט דאָס רעדעל. דאָ איז דער מקום וואו דער א ר ב י י ט ע ר האָט געקראָגען זיין ש ע ה — וחילופיהן ב„קרעמער"... דער אָנגענומענער כלל אז אין אמעריקא איז „עליונים למטה ותחתונים למעלה" איז אמשטאַרקסטען בולט אויף דיזען שטח פון האָרעפּאַשנע ארבייט און קליין קרעמעריי. דאָ האָט דער ארבייטער עולה לגדולה געווען; מען האָט איהם פשוט אָנגעהויבען ווי פאַרגעטערען. נאַטירליך איז עס ניט אָנגעקומען אזוי

לייכט און ס'איז ניט געגאַנגען מיט אזא שנעלע טעמפּע. עס האָט געדארפט דורכמאַכען א גאַנצען עוואָלוציאָנס פּראָצעס פון „יוניאָנס" מיט „סטרייקס" און „פּיקעטס"; אָבער ענדליך האָט די ארבייט, מיט איהרע פּאַהנען טרעגער, דערגרייכט די העכסטע שטופע אין דער געזעלשאַפט אזוי גוט ווי אין דער פּאָליטיק.

דאָ איז שוין דער ארבייטער, כלל ניט קיין נחות דרגא'ניק. מ'האָט שוין פאַר איהם היבש דרך ארץ און זיין יחוס קורס האָט שוין גאַר הויך געשטיגען.

איז עס אן און פאַר זיך, ווירקליך אן ערהאָבענע ערשיינונג, און איז אין פולער איינקלאַנג מיט'ן אידישען גייסט וואָס ווייסט ניט פון קיין קלאַסען דיפערענצען און פון קיינע דיסקרימינאַציעס.

און אויב די וואָגשאָל פון ארבייט האָט שוין דאָ אין לאַנד זיך אַ הויב געטאָן, איז שוין געוועזען נאַטירליכערוויזע אז די צווייטע וואָגשאָל פון קאַפּיטאַל זאָל זיך ארונטערלאָזען. אזוי פיהרט זיך שוין די וועלט אז פון איין עקסטרעם געהט מען איבער צו אַ צווייטען; כאָטש למעשה איז דאָס גופא אויך ניט קיין פרעהענדע ערשיינונג. דען פון דיסקרימינאַציע האָט מען זיך נאָך אויך איצט ניט באַפרייט. די דיסקרימינירטע ביהנע איז אלץ געבליבען, בלויז די העלדען האָבען זיך געביטען, עס איז נאָך אָבער אלץ פאַראַן „עליונים" און „תחתונים"; ווייט נאָך פון דעם אמת'ען תקון העולם . . .

פון דעסטוועגען מוז מען אָבער צוגעבען, אז אָט די געביטענע ראָלע איז דאָך מעהר צופרידענשטעלענד. די דיסקרימינאַציע פון דעם האָרעפּאָשנעם בעל מלאכה איז זיכער געוועזען מעהר פּיינליך ווי די דיסקרימינאַציע פון דעם סוחר און קאַפּיטאַליסט. דער לעצטער קען נאָך ווי עס איז אויסשטעהן די דיסקרימינאַציעס פון דער ארבייטער וועלט, ווייל מיט אלע דיסקרימינאַציעס קען ער נאָך אלץ ניט ארונטער פון דער סצענע. פאַר דעם זאָרגט שוין זיין קאַפּיטאַל, וואָס איז טראָץ אַלעמען נאָך פאַרבליבען אַ זיכערע שוץ וואַנט געגען די שטאַרקסטע אַנגריפע און די שווערסטע באָמבאַרדעס.

דער, אויף וועמען עס איז יאָ אַ רחמנות, און וועלכער פאַרדינט יאָ מענשליכע סימפּאַטיע, איז דער קליינער קרעמער. ער, האָט ווירקליך דאָ געקראָגען אַן אמת'ע ירידה; און ווען מ'וויל מאַכען

אַ ריכטיגען אנאליז דאן צייגט זיך ארויס אז ער, דער קליינער קרע־מער, איז אין דער בחינה פון „קרח מכאן וקרח מכאן". די גדולה פון ארבייטער האָט צו איהם ניט דערגרייכט, און די שויץ וואנט פון קאַפּיטאַל האָט ער אויך ניט, איז ער ממילא אויסגעזעצט צו דער שמערצליכער זייט פוןביידע צוזאמען. דער קליינער סוחר שטעהט צווישען צוויי פייערען. אין די הויכע ספערען פון קאַפּיטאַל ווערט ער ניט אריינגענומען, און פון די רייהען פון ארבייט איז ער ארויס־געשטויסען, איז ביי איהם געבליבען בלויז דער חלק גיהנום פון ביידע קלאסען, אַ מין „תרתי לריעותא" און דאָס איז ווירקליך אַ פיינליכע סיטואציע.

און אנאליזירענדיג דעם קרעמערשען צושטאַנד, זעהט זיך ניט ארויס מיט וואָס ער דארף זיין אַנדערש פון דעם פשוט'ן האָרע־פּאַשנעם ארבייטער. דען וואָס אַנבעלאַנגט שווערע אַרבייט, איז ער, דער קרעמער, דוכט זיך נאָך אַ פיעל שווערערער ארבייטער פאַר דעם ערשטען. ביי איהם איז דאָך ניטאָ אזא זאך ווי אַ אכט שטונדיגער אר־בייטס טאָג. זיין ארבייטס טאָג באַשטעהט דאָך פון כמעט פולע פער־צעהן אָדער נאָך מעהר שטונדען, און קען וועגען דעם אויף זיין „באָס" קיין קלאגע ניט איינרייכען, פונקט ווי ער קען ניט סטראשען זיין „באָס" מיט סטרייקס און פיקעטס... הייסט עס אזוי: וואָס אַנבאַ־לאַנגט ארבייט, ארבייט ער פיעל שווערער פאַר אַ דורכשניטליכען ארבייטער, ווערענד פון דעם לעצטענס פּראַטעקציעס איז ער גענ־צליך באַרויבט. אין געגענטייל, פאַר דער ארבייטער וועלט ווערט ער דאָך אויך פאררעכענט פאַר אַ קאַפּיטאַליסט ווען עס איז אַ מצוה יורד לחייו צו זיין, און מען איז טאַקע די דאָזיגע מצוה מקיים מיט אלע הידורים; מען איז טאַקע אַ יורד לחייו פון אלע זייטען. יאָ, פון אלע זייטען! דען ניט נור ווערט ער געקריוודעט מצד דער ארבייטער וועלט וואו זיין אמת'ער פּלאַץ וואָלט, צוליב די אַנגעגעבענע אורזא־כען, געדארפט זיין, נור ער ווערט דאָך אויך דערדריקט און דער־קוועטשט טאַקע מצד דער קאַפּיטאַליסטישער וועלט אליין. גרויס קאַ־פּיטאַל האָט דאָך, אַ דאנק די „טראַסט" און „טשיין־סטאָרס", פשוט געמאַכט אַ תל פון דעם קליינעם סוחר.

קומט אויס אין לעצטען סך הכל אזוי: די שויץ פון קאַפּיטאַל

האָט ער ניט; די שוץ פון ארבייט אויך ניט. וואָס ער האָט יאָ, איז, ווי געזאָגט, די צרות און יסורים פוןביידע זייטען: צרות מיט קאָפּ־דרעהעניש אלס מישטיינסגעזאָגטער „באָס" און האָרעפּאשנע „הארד לייבאָר" אלס פערצעהן שטונדיגער ארבייטער.

דער קליין קרעמער איז דעריבער דער אמת'ער שעיר לעזאזל אויף דעם מזבח פון דער נייער סאָציאליסטישער אָרדנונג.

און אויב מען דיינקט אז לפּחות איין שטיקעל מעלה האָט דער קרעמער יאָ דאָדורך וואָס ער איז דאָך זיין אייגענער באָס און האָט ניט אויף זיך די אויבערהערשאַפט פון פרעמדע באָסעס, ווי עס איז דער פאל מיט דעם אמת'ן ארבייטער; איז אָבער אין גרונטגענומען דאָס אויך אַ טעות. ער האָט שוין אויף זיך גראדע יאָ אַ באָס און ניט איינעם נור א סך. יעדער קונד איז זיין באָס; יעדער אידענע באָסע־ וועט אויף איהם, ווען זי קומט איינהאַנדלען פאַר איהר „ניקעל" אָדער „דאַים". זי ווארפט דורך דעם גאנצען זאק קאַרטאָפעל כדי אויסצו־ קלייבען איהרע דריי פונט; טרייסעלט איבער די ציבאלעס, די עפּעל, די אַראנדזשען און שאר ירקות און מאַכט דאָרט א גאנצען „פּאַ־ גראָם"... און זאָל דער אָרעמער קרעמער איהר וואגען אַ קרום וואָרט צו זאָגען, אזוי ווארפט זי איהם גלייך דעם גט פאר די פיס, און גיט איהם אַנצוהערען אַז פאַר „איהר געלט" קען זי אומעטום קריגען אזעלכע מציאות... היינט טאָמער קומט איהר אוים צו ווארטען אַ וואָסערע איבעריגע פינף מינוט, ווערט זי אַן אַנגעבלאָזענע און סטרא־ שעט שוין ווידער אז פאר „איהר כשר געלט" — — —

אָט דאָס איז די מערכה פון דעם קליינעם קרעמערעל דאָ אין אונזער גליקליכער מדינה. דאָס טראַגישסטע דערפון איז, וואָס פאר איהם איז ניטאָ קיינער ווער ס'זאָל זיך אָננעהמען, זיין זיפץ איז אַ שטילער און דערגרייכט ניט צו קיינעמס אויערען.

מיר וואָלטען מיט רעכט געקענט באַצייכענען דעם אָרעמען קרעמערעל מיט דעם אלט באקאנטען רוזוועלטיאנישען נאָמען: דער „פאַרגעסענער מענש". יאָ, דער קרעמער איז ווירקליך דער פאַרגעסע־ נער און פארשטויסענער מענש. און אויב מיר קענען זיין מערכה ניט דערהויבען, ניט אין די קאַפּיטאַליסטישע קרייזען און ניט אין דער

ארבייטער וועלט, וואָלט מען אמווייניגסטענס פאר איהם יאָ געקענט אַ שטיקעל תקון קריגען אין דער „באַלעבאַסטישער" וועלט. די באַ־לעבאַסטעס אונזערע האָבען יאָ געמעגט האָבען אביסעל איינזעהעניש מיט דעם אָרעמען קרעמער. ז י י ע ר ביסעלע סימפּאטיע פארדינט ער געוויס; און אויב דער דאָזיגער קאַפּיטעל וועט עפּעס האָבען ביי־געטראָגען דערצו — והיה זה שכרנו!

כ

די סביבה און איהר השפעה

דער איד אין גלות האָט זיך אַדאַפּטירט אַ נאָמען אלס „לופט מענש". דאָס איז דערפאר, וואָס די מעהרסטע אידישע פּרנסות אין די גלות לענדער זיינען לופט פּרנסות. ער איז אָפּגעריסען געוואָרען פון די ערד, פון זיין באָדען, און הענגט אַזוי צו זאָגען אין דער לופטען, בין השמים והארץ.

איז עס נאַטירליך ניט קיין גרויסער שבח, ווייל אַזאַ לעבען איז ניט נאָרמאַל. ס'איז אַ לעבען אהן אַ יסוד, אָהן אַ זיכערען באָדען אונטער זיך.

דאָס איז אָבער בלויז בנוגע צום עקאָנאָמישען לעבען. אנדערש אָבער ווען עס האַנדעלט זיך וועגען גייסטיגען לעבען. דאָ איז שוין אַ לופט מענש דוקא א שבח און א מעלה. אין גייסטיגען זין אַ לופט מענש, מיינט, דער וואָס לייגט גרויס געוויכט אויף דער לופט, אויף דער אטמאָספערע, אויף דער סביבה און אומגעבונג. דען פונקט ווי אין פיזישען לעבען מיינט די לופט זעהר פיעל; דער קלימאַט האָט זעהר פיעל צו זאָגען אין פארבינדונג מיט דעם מענשענס געזונדס צושטאַנד, און מעהרערע מאָל ווערען שוואכע מענשען פאראָרדענט צו בייטען דעם קלימאַט, אזוי איז עס אויך מיט דעם גייסטיגען צושטאַנד וואו דער אָרט, די סביבה, האָט זעהר פיעל צו זאָגען.

גלייך אין ערשטען קאַפּיטעל תהילים ווערט געלויבט דער מענש „אשר לא הלך בעצת רשעים ובדרך חטאים לא עמד ובמושב לצים לא ישב". עס האַנדעלט זיך דאָ ניט וועגען טאָן רשעות און פּראקטיצירען זינד, נור אפילו פון בלויז געפינען זיך אין דער סביבה פון רשעים: צו געהן, זיצען אָדער שטעהן אין דער געזעלשאַפט פון שלעכטע מענשען. דאָס אליין איז שוין אויך געפעהרליך. די לופט אין

יענער אומגעבונג איז א פאַרגיפטעטע און עס איז כמעט אומפאַר־מיידליך ניט אַנגעגריפען צו ווערען.

עס איז טאַקע אמת אז „לא המקום מכבד את האדם אלא האדם מכבד את המקום", דער מענש איז משפיע אויפ'ן אָרט און ניט פאַר־קעהרט; אָבער טאַקע דערפאַר ווייל דער מענש איבט אוים זיין איינ־פלוס אויפ'ן אָרט, געוועגדט זיך דאָך שוין ווער די מענשען פון יענעם אָרט זיינען, און אויב זיי זיינען פאַרדאָרבען, פאַרדאָרבען זיי דאָך דעם אָרט און פאַרפעסטען די אטמאָספערע.

אויף ווי ווייט דער אָרט איז משפיע, האָבען עס אונזערע חכמים אַרויסגעבראַכט מיט אַ פּאַרטרעפליכען משל: ווען איינער געהט אַריין אין אַ קראָם פון שמעקענדיגע בשמים און געווירצען, איז אפילו ווען ער האָט דערפון גאָר ניט איינגעהאַנדעלט, פונדעסטוועגען שמעקט פון איהם ווען ער געהט אַרוים פון דאָרטען, ווייל די לופט אינעווייניג איז אָנגעפילט מיט די שמעקענדיגע ריחות און דאָס ווערט נקלט און איינגעזאַפּט אין זיינע קליידער. דאָגעגען, ווען ער געהט אַריין אין אַ גאַרבאַרניע וואו די לופט איז אָנגעפילט מיט שלעכטען גערוך, זאַ־פּען זיינע קליידער איין דעם שלעכטען ריח און עס שפירט זיך פון איהם שטאַרק ווען ער פאַרלאָזט דעם פּלאַץ.

אויב ארץ ישראל ווערט באַטראַכט פאַר דעם הייליגסטען אָרט אין דער וועלט, איז עס דאָך דערפאַר ווייל דאָרטען איז די לופט אָנ־געפילט מיט קדושה און דער דגש חזק איז טאַקע אוועקגעשטעלט געוואָרען אויף דעם א ו י ר א דארץ ישראל, ווען אונזערע חכמים האָבען געזאָגט „אוירא דארץ ישראל מחכים"; און דער גרויסער משורר רבי יהודה הלוי האָט באַצייכענט די ארץ ישראל לופט אלס „חיי נשמות א ו י ר ארצך".

אזוי ווייט איז די תורה געגאַנגען אין דעם ענין לופט און סביבה אז זי האָט אוועקגעשטעלט א דין פון טומאת אוהל. מען דאַרף גאָר ניט קומען אין באַריהרונג מיט'ן מת; גענוג בלויז אַריינצוקומען אין געצעלט וואו דער טויטער געפינט זיך און מען ווערט שוין אַליין אַן אב הטומאה, דער אוהל איז מטמא.

דער „בהתחברך לרשע" האָט פון אייביג אַן געשפּילט אַ באַ־

דייטענדע ראָלע אין אידישען לעבען. „ווילסטו קענען אַ מענשען זאָל־סטו זעהן ווער זיינע חברים זיינען", לויטעט אַ אידישער שפּריכ־וואָרט, און: „טוב לצדיק טוב לשכנו, אוי לרשע אוי לשכנו", לויטעט דער אידישער פּסוק.

דאָס איז דוכט זיך פּשוט'ע עברי וואָס יעדער פּשוט'ער מענש קען עס פאַרשטעהן און באַגרייפען, און דאָך ווילען עס ניט אַלע פאַר־שטעהן און ניט אַלע ווילען צו געבען אַז מען דאַרף זיין זעהר קלייבע־ריש אין באַצוג צו סביבה און חברים. מאַנכע זעהען אין דעם ניט קיין גרויסע סכנה אויב זייערע קינדער געפינען זיך פון צייט צו צייט אין געזעלשאַפטען וואָס זיינען ניט פון דעם סאָרט צו וועלכען זיי באַ־לאַנגען. זיי גלויבען אַז קוים קומט דאָס קינד פון אַ עכט אידישע הויז, וואָס פיהרט זיך אויף לויט אַלע אידישע תורה געזעצען, טראַדיציעס און מנהגים, איז עס ניט ריזיקאַליש אויב דאָס קינד וועט זיך וועג עס איז אויך געפינען אין אַן אנדער קרייז. ניש'קשה, זאָגען זיי, די פרעמדע סביבה וועט אויף איהם קיין השפּעה ניט האָבען. ער וועט דאָס שלעכטס פון דאָרטען ניט איינזאַפּען.

צו איינע פון יענע סאָרט מענשען וואָס נעהמען עס אויף זיכער, און האָבען אַזוי פּיעל צוטרוי צו זייערע קינדער געהער אַ געוויסע פרוי, אַ העכט אידישע טאָכטער, וועלכע האָט אונז לעצטענס אָפּגע־שטאַט אַ וויזיט און האָט אַזוי צו זאָגען איינגערייכט אַ קלאַגע געגען איהר מאַן וועלכער ארגומענטירט מיט איהר אין אַ פראַגע פון דיזען דערמאַנטען סאָרט. זי האַלט אַז דער מאַן איז לחלוטין אומגערעכט און זי וויל נאַטירליך ביי אונז קריגען די הסכמה דאַרויף.

די פרוי דערצעהלט וועגען איהרם אַ זוהנ'עלע, אַ בן יחיד'ל, זעהר אַ לייטיש קינד, גוט ערצויגען, עכט אידיש און אמת פרום. האָט דער בחור'ל אַ קאָזין וועלכער באַלאַנגט צו אַ געוויסער קלאַב און באַזוכט איהם אין די פרייטאָג־צו־נאַכטען. רופט ער אויך דעם זוהן צו געהן מיט איהם; און דאָ קומט עס צו ארגומענטען צווישען טאַטע און מאַמע.

„איך בין מיט דער מיינונג" — זאָגט די מוטער — „אַז מען דאַרף דעם קינד ניט אָפּהאַלטען, און כאָטש עס איז פאַר מיר קיין

סוד ניט אַז אין יענעם קלאַב זינגט מען ניט קיין שבת'דיגע זמירות, קיין משניות לערנט מען דאָרט אויך ניט, און עס „קלאַבט" זיך דאָרט ווי אין אלע קלאַבס, מיט סיגארעטלאַך, מיט גיימס און אנדערע סאָר־טען חלול שבת, האַלט איך פונדעסטוועגען, אַז די עטליכע שטונדען וואָס מיין זוהן וועט דאָרטען פאַרברייינגען קען איהם חלילה גאָר ניט שאטען צו זיין אידישקייט. ער קומט פון אן עקסטרעם רעליגיעזע היים מיט אַ עכט אידישע אַטמאָספערע, אַזוי אַז זיין אידישקייט איז אַ פונדאַמענטאַלע און שטעהט דעריבער ניט אין קיין סכנה. אַזוי האַלט איך, און דאָס איז מיין פעסטע איבערצייגונג. מיין מאַן אָבער, איז מיט מיר ניט איינשטימיג. ער האַלט אַז אונזער קינד דאַרף אין יענעם קלאַב ניט געהן, ווייל עס קען איהם יאָ פאַרשאַטען. די אַט־מאָספערע, זאָגט ער, איז דאָרט אַ קראַנקע און מען קען לייכט פון איהר פאַרגיפטעט ווערען. איך האַלט אָבער אַז מיין מאַנס שטעלונג שמעקט מיט פאַנאַטיזם, און פון קיין פאַנאַטיקער האַלט איך ניט. איך בין דעריבער זעהר פאַראינטערעסירט צו הערען אַ זייטיגען אומ־פאַרטייאישען מיינונג, ווער פון אונז ביידען האָט רעכט, מיין מאַן אָדער איך".

יאָ, חשוב'ע פרוי און טרייע מאַמע, דער פאַקט אַז איהר ווילט אויסהערען אַ דריטע מיינונג, צייגט אַז איהר מיינט עס ערנסט און אויפריכטיג, און אַז דאָ איז ניט קיין פראַגע פון עקשנות, איינגע־שפאַרטקייט און אַמביציע, ווי עס טרעפט זעהר אָפט ביי פאַמיליע אַר־גומענטען. און אויב אַזוי, ווילען מיר אייך אויך זאָגען אויפריכטיג און ערנסט אַז גערעכט איז אייער מאַן און ניט איהר.

ווי עס איז צו זעהן פון אייערע אייגענע טענות, זיינט איהר אַליין אויך אַ היבשע אַנהענגערין פון אַטמאָספערע; דען איהר נוצט דאָך אליין אוים אייער הויז אַטמאָספערע, וואָס איז עכט פרום און אידיש, אלס ארגומענט אז אָט די דאָזיגע אטמאָספערע וועט איהם שוין שיצען און פראַטעקטען פון שלעכטען איינפלוס.

טאָ אויב אזוי, לאָזט זיך דאָך פרעגען: אויב אטמאָספערע האָט יאָ אַ ווירקונג, טאָ מיט וואָס זשע זיינט איהר זיכער אז דאָרט וואו די היימישע און פרעמדע אטמאָספערען וועלען זיך באַגעגענען, וועט

די היימישע האָבען די אויבערהאנט און באַזיגען די פרעמדע? קענ־טיג, אז אייער זיכערקייט נעהמט זיך דערפון וואָס אין דער היימישער אַטמאָספערע געפינט זיך אייער קינד פיעל מעהר צייט ווי אין דער פרעמדער. אין דעם אָבער ליגט דער טעות. מיר וועלען עס אייך גע־בען צו פארשטעהן מיט אַ קליינעם משל. ווען עס פאלט צוםביישפיל אריין אַ שטיקעל טרפה פלייש אין אַ טאָפּ מיט כשר'ע פלייש, און איהר געהט צום רב פרעגען אַ שאלה, מאכט דער רב דאָס גאנצע געקעכטס טריף, אפילו ווען אין די כשר'ע איז פאראן גאנצע ניין און פופציג מאָל אזוי פיעל ווי אין די טריפה. זעהט איהר פאָלגליך דער־פון אַז איין קליין שטיקעלע טריפה האָט בכח צו פאר'טרפ'ענען גאַנ־צע ניין און פופציג מאָל די גרוים פון דאָס כשר'ע. פארקעהרט ווי־דער, זאָל עס טרעפען אז אַ שטיקעל כשר'ע פלייש זאָל אריינפאלען אין אַ טריפה'ן טאָפּ, וועט דאָס שטיקעל כשר'ע בשום אופן ניט קע־נען כשר'ן דאָס טריפה, אפילו ווען די טריפה זאָל זיין פיעל ווינציגער ווי ניין און פופציג מאָל אזוי פיעל... דערפון איז צו זעהן אז דער כח פון טריפה און פון טומאה איז אַ פיעל שטאַרקערער ווי דער כח פון כשרות און קדושה.

אָדער, אָט האָט איהר אַ צווייטען ביישפיל. אַ קראנקער שווינד־זיכטיגער מענש, ווען ער געפינט זיך אפילו צווישען הונדערט געזונ־טע מענשען, דראָהט עס אַ געפאהר פאר די גאנצע הונדערט אז זיי זאָלען ניט אָנגעגריפען ווערען פון דעם קראנקען. עס האָט אָבער נאָך ניט געטראָפען אז הונדערט, אָדער פיעל וויינִיגער שווינדזיכטיגע, זאָלען געזונט ווערען דערפאר וואָס צווישען זיי געפינט זיך איינער אָדער אפילו מעהר געזונטע מענשען.

יאָ, אזוי איז עס. קראנקע זיינען אַ געפאהר פאר די געזונטע, געזונטע זיינען אָבער ניט קיין רעטונג פאר די קראנקע... די קראנקע קלאָב אַטמאָספערע, איז דאריבער יאָ אַ געפאהר, און טאָקע אַ גרויסע געפאהר, פאר אייער קינד, ניט קוקענדיג דארויף וואָס אין דער מעהרערער צייט געפינט ער זיך אין אַ היימישע געזונטע אטמאָס־פערע.

דער טאַטע איז אין דעם פאל גערעכט, און ניט די מאמע. דערווייטערט אייערע קינדער פון שלעכטע חברותא. שליסט זיך אָן אין דעם קאָלעקטיווען כאָהר פון דעם נעים זמירות ישראל און צוזאמען מיט איהם רופט אוים:

אשרי האיש אשר לא הלך בעצת רשעים ובדרך חטאים לא עמד ובמושב לצים לא ישב!

כי יודע ה׳ דרך צדיקים!...

כא

די השפעה פון שוהל אויפ׳ן הויז אַמאָל און היינט

אין דער אלטער היים איז געווען צווישען די שוהל און די הויז זעהר אן ענגער קאָנטאַקט; ס׳איז געווען עפּעס געמיינ־שאַפטליכעס צווישען ביידען. די הייליגקייט פון שוהל האָט היבש משפּיע געווען אויף דער וואָכענדיגקייט פון הויז און די לעצטע האָט געקראָגען אַ געוויסע מאָס הייליגקייט דורך די ערשטע.

דאָס איז געווען דערפאַר וואָס אין אמת׳ן זיינען די באַגריפען פון קודש און חול וואָס האָבען אָפּגעטיילט די שוהל פון דער הויז, געווען בלויז רעלאַטיוו און ניט אבסאָלוט. די הויז איז אן פאר זיך אויך געווען ביז אַ געוויסער מאָס הייליג. די גאַנצע אַטמאָספערע איז געווען דורכגעדרונגען מיט קדושה, דער שטעמפּעל פון הייליג־קייט איז געווען אויסגעגאָסען אויף יעדער געגענשטאַנד מיט וועלכע מען איז געקומען אין באַריהרונג; דער עס־צימער איז געווען גע־שטעמפּעלט מיט די הייליגקייט פון כשרות, אזוי אויך די קיך; די שלאָף־צימערען, מיט די הייליגקייט פון טהרת המשפחה. פון די ספרים שראַנקען האָבען ארויסגעשיינט אלע אוצרות פון אונזער הייליגער קולטור. זיינען געקומען די הייליגע טעג פון שבת און יום טוב האָט יעדער ווינקאלע פון דער אידישער היים געאָטעמט מיט נשמה יתירה׳־דיגקייט.

דערצו איז ווי געזאָגט, די שוהל און די היים געשטאַנען אין ענגען פאַרבינדונג איינע מיט די אנדערע; ס׳איז ניט אריבער קיין איין איינציגער טאָג ווען די הויז מאַנשאַפט זאָל ניט באַטרעטען דעם שוהל באָדען; תפלה בצבור, ניט נור אין דער פריה נור אויך צו מנחה־מעריב, איז געווען אַ פליכט וואָס איז פּינקטליך אויסגעפילט געוואָ־רען סיי דורך די גרויסע און סיי דורך די קליינע.

עס איז דעריבער געווען אַ נאַטירליכקייט, אז קומענדיג פון שוהל אהיים האָט מען מיטגעטראָגען אַ שטיק שוהל קדושה אין הויז אריין. די טעאָרעטישע לעהרע פון שוהל האָט געקראָגען איהר פּראקטישען תקון אין הויז. די שוהל איז אזוי ארום געווען אַ מין רעזערוואואר פון וואנען עס האָבען זיך געצויגען רעהרען ביז'ן הויז און דאָרטען אויסגעגאָסען דעם מים חיים פון יענעם הייליגען מקור.

דאָ אין אמעריקא צום באדויערען, הערשט אַ טיעפער תהום צווישען די שוהל און די היים. ראשית איז דער אונטערשיד דאָ ניט קיין רעלאַטיווער נור אַן אבסאָלוטער. די היים איז גאלע וואָך, כמעט ווי אָפּגעווישט אין איהר די אלע סימנים פון קדושה. די יסודות פון כשרות און טהרת השפחה, די סאמע עיקרים פון אידענטום, זיינען אין היבשע הייזער גענצליך רואינירט און אין די בעסערע פון זיי, אויב ניט אין גאנצען רואינירט זיינען זיי אָבער היבש וואקעלדיג. שוין אָפּגערעדט וועגען שבת וואָס איז צו אונזער גרויסער שאַנדע געוואָרען אַ מכת מדינה, פעהלט ממילא דאָ דער קירוב הנפש צווישען די שוהל און די היים.

פון צווייטען זייט ווידער פעהלט דאָ אויך די פיזישע פארבינדונג צווישען זיי. פון באַזוכען די שוהל בלויז געציילטע טעג אין יאָהר ווי ראש השנה, יום כפור און אין די יזכור טעג, קען ניט געשאַפען ווערען אַזאַ נאָהנטע פארוואנדשאפט צווישען זיי, אזוי אז די השפעה פון שוהל זאָל זיין שטאַרק קענטיג אויך אויף דער הויז און אז די ערשטע זאָל קענען זיין דער רעזערוואואר פאר די לעצטע.

איז עס ווירקליך צום באדויערען, און קיין וואונדער ניט אז די דאָזיגע לאגע יאָגט אָן א שרעקליכען יאוש און פעסעמיזם אויף די בעסערע אידען פון אונזער טראדיציאָנאלען לאגער, וועמעס הערצער שרעקען זיך שטאַרק פאר דעם גורל פון אידישקייט דאָ אין לאנד אין דער צוקונפט.

אָבער וואָס נאָך מעהר צום באדויערען איז, ווען מיר טוען אַ טראַכט וועגען יענע אידען וואָס קומען שוין יאָ אָפטער אין שוהל, די וועלכע מען זעהט שוין אין שוהל יעדען שבת און זיי זיינען דאָך עס אייגענטליך די וואָס טראָגען די שוהל קדושה אויף זייערע פּלייצעס; זיי דארפען דאָך עס זיין די עמודי בית הכנסת, די שווער וואָגיגע

זיילען אויף וועלכע דער שוהל קיום זאָל זיך קענען אויפהאלטען, פון אַט יענע אידען האָט מען דאָך אַמווייניגסטענס געמעגט ערוואַרטען אז זיי זאָלען מיטנעהמען און טראנספערירען אַ שטיק שוהל קדושה אין זייערע היימען. לסוף אָבער, מוזען מיר ווידער פעסטשטעלען מיט אונזער גרעסטער באַדויערונג, אַז מיט דער אויסנאַמע פון אַ גאַנץ קליינעם פראָצענט פון דעם דאָזיגען טיפּ אידען, קומען די מעהרסטע פון זיי ניט נאָך די דאָזיגע פליכטען, און דער תהום צווישען די שוהל און די היים איז אויך ביי זיי אזוי טיעף ווי ביי די פריהער דערמאָנטע.

און אויב מען טרעפט זיך אַמאָל יאָ פנים אל פנים מיט אזא מין השפעה, איז עס ליידער אַן השפעה אויף דער לינקער זייט, אַן השפעה לרעה און ניט לטובה, וואָס מוז נאָך אומפארמיידליך בריינ־גען א חלול השם אויך, און האָט נאַטירליך זעהר אַ שלעכטע ווירקונג אויף דאָס גאנצע הויזגעזינד.

אלס אילוסטראַציע וועלען מיר דאָ איבערגעבען אַ פאַקט אין וועלכען עס שפּיגעלט זיך אַמשטאַרקענס אָפּ די טרויעריגע לאגע, און דאַרף דעריבער דינען אלס מוסר השכל פאר גאָר א סך פון אונזערע שוהל פיהרער און שוהל עסקנים, פאר וועמען עס וואָלט געווען זעהר כדאי אליין אונטערזוכען זייער רעקאָרד און זיך אליין מאכען אַן אמת'ען שטיקעל חשבון הנפש.

אין דער מעשה וואָס מיר געהען דאָ דערציילען, זיינען פאַר־מישט: אַ שוהל פרעזידענט; אַ שוהל בעל הבית פון די סאמע טיכ־טיגסטע עסקנים; און אַ יונג פארליעבטע פּאָרעל, ער א זוהן פון דעם פרעזידענט און זי, אַ טאָכטער פון דעם חשוב'ען בעל הבית. די סצענע פאנגט זיך אָן אין שוהל אין סאמע מזרח וואנט, טראָגט זיך נאָכהער איבער אין די הייזער פון די באַטרעפענדע העלדען, און דראָהט מיט אַ קאטאַסטראָפאלע ענדע וואָס קען ברייננען פון איין זייט אַ מורא'־דיגען חלול השם, חלול הקודש און חלול בית הכנסת; פון צווייטען זייט רואינע און צושטערונג אין עהרליכען בונד פון צוויי אָרענד־טליכע יונגע קינדער; און פון דריטען זייט אַ רעוואָלטירענדיגען אויס־ברוך פון קינדער געגען עלטערען.

ומעשה שהיה כך היה:

אויבענאָן אין מזרח וואנט פון שוהל זיצען זיך אין אַ געוויסען

שבת דער פּרעזידענט מיט זיין סגן, דער וויים פּרעזידענט, און שמו־
עסען געמיטליך דורך דער גאַנצער צייט פון קריאת התורה. פאַר דעם
סוביעקט פון זייער געשפּרעך, האָבען זיי אויסגעקליבען דעם חשוב׳ען
בעל הבית און טיכטיגען עסקן, וועלכער איז געזעסען ניט ווייט פון
זיי, און אריינגעקוקט כלומר׳שט אין חומש, האָט ער אָבער אָנגע־
שפּיצט די אויערען כדי גענוי אויפכאַפּען דעם דאָזיגען געשפּרעך וואָס
איז, ווי געזאָגט, געווען געצילט געגען איהם.

דער אינהאַלט פון געשפּרעך איז געווען רכילות און לשון הרע
פון ערגסטען סאָרט אויפ׳ן חשבון פון דעם דאָזיגען בעל הבית. עס
פאַרשטעהט זיך אַז דער לעצטער איז דערפון שטאַרק אויפגערעגט
געוואָרען, אָבער עס האָט ניט געפּאַסט פאַר יענע צוויי צו מאַכען
דעם איינדרוק פון אַ מין שפּיאָנירענדען אונטערהערער, האָט ער זיך
מיט אַלע כחות קאָנטראָלירט ביז ער איז אַהיים געקומען, און ערשט
דאָרט האָט ער אויסגעלאָזט וואָס איהם אויפ׳ן הארצען, פאַר זיינע
אייגענע הויז מענשען, אָנרופענדיג דעם פּרעזידענט מיט אַלערליי
זידעל ווערטער און זלזולים, און פאַרזיכערענדיג אַז ער וועט זיך מיט
איהם ווי געהעריג אָפּרעכענען ביי דער ערשטער געלעגענהייט.

ווי איבערראַשט איז ער אָבער געוואָרען, ווען די דאָזיגע דבורים
זיינע אויפ׳ן פּרעזידענט׳ם חשבון, האָבען ארויסגערופען אַ באַשיי־
דענעם פּראָטעסט ביי זיין עלטסטע טאָכטער. אַ פיינע אינטעליגענטע
געבילדעטע און אָנשטענדיגע קינד, וועלכע האָט זעהר שטאַרק גע־
בעטען דעם פאָטער ער זאָל אויפהערען אַזוי צו רעדען וועגען יענער
פּערזאָן. עס האָט איהר, די טאָכטער, ממש געקאָסט געזונט און האָט
עס ניט געקענט דולדען.

דאָס נאַטירליך האָט נאָך מעהר אויפגערעגט דעם פאָטער.
ער האָט אָבער באַלד אויסגעפונען די סבה פון זיין טאָכטערס באַשיי־
דענעם פּראָטעסט. יאָ, זי, די טאָכטער זיינע, געהט שוין אַ היבשע
צייט אַרום מיט דעם פּרעזידענטס זוהן, אויך אַ וואוילער אינטעלי־
גענטער און אָנשטענדיגער בחור׳ל, און זיי האָבען זיך שוין די הענט
געגעבען און געהערען שוין נאַטירליך איינער צום אנדערען; ווילט
זיך דעריבער ווי געוועהנליך ניט הערען קיין שלעכטס אויף דעם

פארליעבטענס פאַטער. עס ווירקט ניט גוט. עס מאַכט אַ פּגימה אין דעם הייליגען בונד...

דער פאַטער אָבער, אזוי שנעל ווי ער האָט עס אויסגעפונען, האָט זיך ערשט ריכטיג צוקאָכט און צופלאַקערט, און ניט אנדערש דאָס מיידעל מוז גלייך אָפּברעכען אלע באַציהונגען מיט'ן בחור. כל זמן ער וועט לעבען, וועט ער דאָס ניט צולאָזען. עס איז פאר איהם אַ גרויסע שאַנדע אז זיין אייגענע טאָכטער זאָל זיך פארבינדען מיט זיין שונא'ס זוהן. עס איז געוואָרען חושך אין הויז, די שבת'דיגע סעודה פארשטערט; דעם שלום בית צוטרייסעלט און עס קעהרט זיך וועלטען.

און אָט קומען זיי, די צוויי ליעבליכע און אומשולדיגע קינדער, אריין צו אונז אין ביורא און פארלאַנגען אַן אויפריכטיגע עצה אין זייער טרויעריגער לאגע.

דעם בחור'ס פאַטער אליין האָט שוין דערפון אויך היבש עגמת נפש. דער סקאַנדאל האָט שוין דערגרייכט אין שוהל, און ס'האָט זיך געבילדעט אַן אָפּאָזיציע צום פרעזידענט פאר באַליידיגען אזא חשוב'ען און רייכען בעלהבית. דער פרעזידענט פארזיכערט אז ער האָט גאָר ניט געמיינט, אז די מעשה איז צופיעל איבערטריבען, אָבער דער אָנגעגריפענער לאָזט זיך באין אופן ניט איבעררעדען און האָט שוין אפילו אָפּגעטאָן הלכה למעשה און דערוייל פארלאָזען די שוהל אויך.

די יונגע קינדער פארזיכערען אונז אז קיין זאך אין דער וועלט קען זיי ניט צושיידען. זיי וואָלטען אָבער באין אופן ניט וועלען אז עס זאָל צוגעהן אויף אזא וועג, און עס זאָל אויפגעשטעלט ווערען אַ מחיצה צווישען זיי און זייערע עלטערען.

זיינען מיר זיך מודה אז מיר האָבען די קינדער ערמוטיגט אין זייער באשלוס, כאָטש מיר האָבען זיי אויך אַ היבש ביסעל אויסגע־מוסר'ט דערפאר וואָס זיי האָבען ביז איצט געהאַלטען זייער פריינד־שאַפט אין געהיים. אזעלכעס דארף בכלל קיינמאָל ניט פּאַסירען. עלטערען האָבען אַ רעכט צו וויסען מיט וועמען זייערע קינדער האַל־טען אָן געזעלשאַפט, און מען דארף קיינמאָל ניט אוועקשטעלען די עלטערען פאר אַ פארטיגע זאך און פאר אַ געשעהענעם פאקט, אַ

מין לאחר המעשה. דאָס איז אַ באַליידיגונג און ערנידערונג פאַר עלטערען.

פון צווייטען זייט אָבער דארפען עלטערען ניט זיין די אור־זאכע אז צוליב זייערע זינד זאָלען זייערע קינדער אומשולדיגערווייזע זיין די קרבנות.

א „חשוב׳ער שוהל בעל הבית״ דארף איבערהויפּט וויסען און איבערטראכטען ווי אזוי קינדער רעאגירען אויף אזעלכע זאכען, און טאָר נישט געבען קיין געלעגענהייט זיי, די קינדער, צו קענען פרעגען: סטייטש, מען געהט דאָך אין שוהל כדי זיך איינזאפּען מיט קדושה, טאָ ווי שיקט זיך עס אז גראדע די שוהל זאָל ברייננען דעם געגענזאץ? איז דאָס די השפּעה וואָס די שוהל האָט אויף דער היים?

ניין, ליעבער שוהל בעל הבית, ניט פאר דעם צוועק געהט מען אין שוהל אריין. אמת, אייער צוקונפטיגער מחותן, (איך וויל האָפען אז אזוי וועט עס זיין) דער שוהל פּרעזידענט, האָט זעהר ניט ריכטיג געהאַנדעלט, א פיהרער פון א הייליגע שוהל דארף דינען אלס ביי־שפּיעל פאר דעם „עמך״ אז ביי קריאת התורה דארף מען זיך איינ־הערען וואָס דער בעל קורא זאָגט, וועט מען אליין פארשפּאָרען רעדען לשון הרע און איינשפּאָרען אנדערע צו הערען לשון הרע. דער פּרע־זידענט אָבער האָט שוין זיין פּאָרוואורף באַקומען. ער שלאָגט זיך שוין „אשמנו״ און האָט שוין אויף אן אמת חרטה, דארפט איהר חשוב׳ער שוהל בעל הבית, ניט זיין קיין עקשן און ניט צושטערען דעם גליק פון אייער ליעבעם קינד. גיט זיי אייער האַרציגע ברכה און זייט אַ פרעהליכער מחותן אויף זייער חתונה און פאַרגעסט אין אלעם.

יאָ, פארגעסט אין אלעם; געדיינקט אָבער אז די השפעה פון שוהל אויף די היים דאַרף זיין אַ השפעה פון קדושה און נ י ט חלילה דאָס פארקעהרטע.

אין דעם פּרט דארף געוויס זיין „חדש ימינו כקדם״; מען דארף קאָפּירעןביידע זאכען פון דאָס אמאָליגע, סיי די היים און סיי די שוהל, און דאן וועט איןביידען הערשען די אמת׳ע קדושה.

כב

מחשבה און מעשה אין א מצוה אדער עבירה

אן אויסדרוק פון אונזערע חז"ל לויטעט אז „אין הקב"ה בא בטרוניה עם בריותיו", דער רבונו של עולם באהאנדעלט ניט זיינע מענשענקינדער מיט צו פיעל שטרענגקייט. אין געגענטייל, ער זוכט אונז אלץ צו פארגרינגערען.

דיזע געטליכע הנהגה קומט אמבעסטען צום אויסדרוק אין פאל פון מצוות און עבירות. ווען עס האנדעלט זיך אין א מצוה איז דא א כלל אז „מחשבה טובה הקב"ה מצרפה למעשה". מיט א גוטע מחשבה אליין, מיט בלויז וועלען טאן א מצוה, איז מען אמאל אויך יוצא, און עס ווערט פאררעכענט ווי מען וואלט טאקע די מצוה געטאן בפועל. אמאל ווידער, פארנעהמט מעשה אהן מחשבה אויך א פלאץ און ווען עס טרעפט אז די כונה פון דער מצוה איז ניט געווען אזא אויפריכטיגע, קוים איז דער עצם טאט געוועזן א גוטער, רעכענט זיך דער אויבערשטער מיט דער מעשה אליין און מען פסק'נט אפ „מצוות אינן צריכות כונה".

דאגעגען אין פאל פון אן עבירה איז שוין פונקט דער הפך: פון איין זייט איז: „מחשבה רעה אין הקב"ה מצרפה למעשה", א שלעכטע מחשבה ווערט ניט פאררעכענט ווי ער וואלט טאקע די זאך געטאן במעשה; און פון דער אנדער זייט אז מען טהוט אן עבירה אהן כונה ווערט עס בלויז פאררעכענט ווי א שוגג.

דאס אלעס איז, ווי געזאגט, א קלאהרער באווייז וואס מא־ניפעסטירט די געטליכע מילדקייט.

דאך טרעפט אמאל אז ביים טאן א מצוה דארף די כונה יא שפילען א גרויסע ראלע; מען דארף טויזענט מאל איבעררעכענען צו די דאזיגע מצוה וואס מען פלאנט צו טאן איז טאקע ווירקליך א מצוה, און צי זי וועט באמת דינען דעם צוועק צוליב וועלכען זי איז

באַשטימט געוואָרען. עס קען אמאָל זיין אז אין דעם וועג און אופן ווי אזוי מען וויל טאָן די מצוה, וועט זי גאָר ערשט דאַן ווערען אוים מצוה און ס'וועט גאָר זיין „יצא שכרה בהפסדה". אין אזעלכע פעלע, איז דעריבער זעהר ווינשענסווערט אז מען זאָל פריהער בודק זיין בשבע חקירות ובשבע בדיקות איידער מען באַשליסט די באַטרעפענדע מצוה אָנצוואווענדען אין דער פראַקטיק, לויט דעם פאָרם וואָס מען האָט פאר איהר באַשטימט.

אַלס אילוסטראַציע פון דאָס אויבענגעזאָגטע, וועלען מיר פרעזענטירען דעם פאָלגענדען אינטערעסאַנטען פאל:

אַן אלטע מוטער פון צוויי וואוילע און איבערגעגעבענע טעכטער, האָט איהרע לעצטע יאָהרען געוואוינט ביי איינע פון זיי, ביי די וואו זי האָט זיך געפיהלט מעהר באַקוועם. די צווייטע טאָכטער האָט זיך אפילו דערפון היבש געערגערט דערפאר וואָס זי האָט ניט געהאַט די זעלבע פריווילעגיע מקיים צו זיין די מצוה פון כבוד אם, אָבער די מוטער האָט זיך פאָרט געפיהלט באַקוועמער ביי איהר שוועסטער.

מאַכט זיך א פאל אז די טאָכטער ביי וועמען די מוטער האָט געוואוינט, האָט זיך געדאַרפט איבערציהען אין אַן אנדער וואוינונג, האָט זי מורא געהאַט אַז די פרישע פארב פון דער נור וואָס אויסגעפארבטער נייער וואוינונג זאָל מעגליך שעדליך זיין פאר דער מוטערס שוואכען געזונט, האָט זי דערפאר איבערגעפיהרט די מוטער צו איהר שוועסטער אז זי זאָל דאָרטען פארבלייבען אַ שטיקעל צייט ביז דער נייער וואוינונג וועט זיין אויסער יעדער פאַרדעכטיגטער געפאהר.

צום אומגליק אָבער, איז די מוטער, אַזוי שנעל ווי זי איז אַריבער צו דער צווייטער טאָכטער אין הויז, גלייך קראַנק געוואָרען און אין אַ שטיקעל צייט שפעטער געשטאָרבען.

האָט די דאָזיגע פאַסירונגביידע שוועסטער נאַטירליך פאַרשאַפט היבש קריינקונג. ביידע האָבען געליטען פון געוויסענסביסע, און ביידע האָבען זיך געהאַלטען טיילוויז שולדיג אין דעם אומגליק. מעגליך, האָבען זיי געטראַכט, אז ווען מען פיהרט ניט אריבער די

מוטער צו דער צווייטער טאָכטער וואָלט אפשר דער אומגליקספאַל ניט געווען פּאסירט.

די דאָזיגע זעלבסט פּאָרווירפע, האָט אָבער מיט זיך געבראכט אויך אַנדערע קאָמפּליקאַציעס און נאָכוועהענישען וואָס דראָהען צו שטערען דעם שלום בית פון די צוויי שוועסטער.

די, אין וועמעס הויז די מוטער איז געשטאָרבען, וועלענדיג אביסעל שטילען איהר געוויסען, האָט זיך מקדים געווען און באַצאָלט אלע אויסגאבען פון לויה און קבורה און האָט אויך געאָרדערט דעם שטיין פאר דער מצבה אויף איהר חשבון. די שוועסטער איהרע פיהלט זיך אָבער געקריוודעט און טענה'ט אז ס'איז ניט יושר'דיג פון איהר אַוועקצונעהמען דעם זכות פון האָבען אַ חלק שותפות לפּחות אין איהר מוטערס מצבה.

דער דאָזיגער סכסוך האָט פארשאַרפט די באַציהונגען צווישען די שוועסטער און ס'איז געקומען אזוי ווייט אז איצט ווען איינע פון זיי גרייט זיך חתונה מאכען אַ קינד, וויל די צווייטע בויקאָטירען די שמחה און אזוי ארום דעם פאמיליען ריס מאַכען נאָך טיעפער.

און אָט וואָס מיר האָבען צו זאָגען וועגען דעם:

בכלל איז אַזאַ סכסוך אַן און פאר זיך ניט פון די טאָג טעגליכע ערשיינונגען אין אונזער אמעריקאַנעם אידישען לעבען. מיר זיינען געוואוינט צו הערען אז קינדער זאָלען זיך ארומקריגען צוליב פאר־שטאָרבענע עלטערען, אָבער גראדע אין א פארקעהרטער ריכטונג. די אידישע געריכט הייזער האָבען פאר זיך גאַנץ אָפט סכסוכים צווי־שען קינדער איבער אַ „שטיין" און עהנליכעס, וואו די באַטרעפענדע צדדים זוכען זיך דוקא צו באַפרייען פון אזעלכע פליכטען און יעדער קינד וויל אז דער צווייטער זאָל עס טאָן. דאָ איז גאָר די מעשה פאר־קעהרט, איין טאָכטער וויל עס די צווייטע נ י ט לאָזען טאָן, זי וויל אז זי אליין זאָל עס טאָן. איז אזא סאָרט סכסוך, פארשטעהט זיך פון אַ מעהר נאָבעלעם כאראקטער; עס צייגט אז מיר האָבען דאָ צו טאָן מיט אַ בעסערען עלעמענט קינדער, אָבער טאַקע דערפאַר ווילט זיך האָפען אז מיט אזעלכע קינדער זאָל עס ניט אָנקומען שווער זיי אי־בערצייגען אז אזא האנדלונג איז ניט קיין ריכטיגע.

ביידע שוועסטער זיינען דאָ אויסען מקיים צו זיין די מצוה

פון כבוד אם; אָבער אין דעם דאָזיגען פאַל איז דוקא נויטיג אָנצוא־ווענדען דעם „מצוות צריכות כונה”, און די שוועסטער וואָס וויל אויסכאַפּען די גאַנצע מצוה פאַר זיך, דאַרף אויסרעכענען אויב די דאָזיגע מצוה וועט אין אַזאַ וועג טאַקע דינען דעם צוועק פאַר וועל־כען זי איז באַשטימט געוואָרען. זאָל דידאָזיגע שוועסטער פאַרשטעהן אַז דער צוועק פון די מצוה איז צו פאַרשאַפען כ ב ו ד די פאַרשטאָר־בענע מוטער; אַזאַ כבוד אָבער וואָס קען ברייגנען צו מחלוקת צווי־שען צוויי געטרייע און ליבענסווירדיגע קינדער, איז שוין סיי ווי מעהר קיין כבוד ניט נור א ח ל ו ל הכבוד, ווייל עס איז שטענדיג דער אויפריכטיגער וואונש פון אַ מוטער אַז עס זאָל הערשען שלום ושלוה צווישען די קינדער און ניט מחלוקת און רייסערייען.

דאָ האַנדעלט זיך וועגען אַ קריג איבער אַ שטיין, איז דאָך שוין אָבער געשיכטליך פאָרגעקומען אמאָל אַזאַ סאָרט שטיין קריג, מיט דעם איינציגען אונטערשיד וואָס דאָ קריגט מען זיך צ ו ל י ב אַ שטיין, און דאָרטען האָבען זיך די שטיינער א ל י י ן געקריגט און יעדער פון זיי האָט גע׳טענה׳ט: „עלי יניח צדיק את ראשו”. יעדער שטיין פון די וואָס יעקב אבינו האָט זיך ארומגעלייגט צו קאָפּענס, האָט געוואָלט אַז בלויז אויף איהם זאָל דער צדיק אָנשפּאַרען זיין הייליגען קאָפּ.

אָבער פאַר וואָס זאָל יענער פסק דין פון דעם גרעסטען ריכ־טער, פון רבונו של עולם אליין, אויך ניט זיין גילטיג אין אונזער פאַל? יענער פסק דין האָט געלויטעט אַז פון אַלע שטיינער זאָל ווערען איין שטיין כדי אַלע זאָלען האָבען אַ חלק אין דעם „יניח צדיק את ראשו”, און פאַר וואָס זאָל יענער פסק דין אויך ניט זיין אָנווענדבאַר אין אונזער פאַל? אויב שטיינער צוליב מענשען האָבען געקענט מאַ־כען שותפות, דאַרפען דאָך מענשען צוליב שטיינער אודאי קענען מאַכען שותפות?

ניין, ליעבע שוועסטער, מיט אויסכאַפּען די מצוה פאַר זיך אליין וועט איהר ניט דערגרייכען דעם צוועק; איהר ווילט מקיים זיין כ ב ו ד אם און עס וועט גאָר אַרויסקומען ח ל ו ל אם. פאָלגט זשע בעסער אויס דעם געטליכען פסק דין און זאָל ביי אייך אויך ווע־רען איין שותפות׳דיגער שטיין און עס וועט צוריק ווערען שלום

ושלוה אין אייערע געצעלטען און איהר וועט דאמיט געבען אַ רעאַ-לען אויסדרוק צו דער תפלה פון: „ותנוח בשלום על משכבה", מיט אייער שלום וועט אייער מוטער האָבען די אמת'ע מנוחה.

דער אידישער דין לויטעט אז „מעבירין את המת מלפני הכלה". אין דיזען פאל מיינט עס אז איהר זאָלט צוליב די כלה באַזייטיגען די סכסוכים וואָס זיינען ארויסגעקומען צוליב'ן מת. בויקאטירט ניט די כלה און געהט מיט פרעהליכע הערצער איינע צו די אנדערע אויף שמחות און זאָל שטענדיג הערשען ביי אייך דער אמת'ער שלום.

כג

די פילאָזאָפישע באַדייטונג פון „שכר מצוה מצוה״

מרס. א. מ. פון ברוקלין גיסט פאר אונז אויס איהר ביטער הארץ אין אַ צוועלף זייטיגען בריף, אין וועלכען זי באַקלאָגט זיך אויף איהר שוואָגער און שוועגערין וועמען זי האָט אזוי האַרציג און עהרליך געדינט און איצט צאָלען זיי איהר אָפּ מיט שטיינער.

דער שוואָגער מיט די שוועגערין, האָבען זיך געפונען אין זעהר אַ שווערער לאַגע אין דער אלטער היים. מרס. א. מ. און איהר מאַן, אליין ניט קיין רייכע מענשען, האָבען זיך פּשוט מקריב געווען פאר זיי בכדי זיי ערמעגליכען אריבערצוקומען קיין אמעריקא. דאָ גופא האָבען זיי פאַר זיי אויך זעהר פיעל געטאָן און זיי געהאָלפען זיך איינאָרדנען און זיך שטעלען אויף די פיס.

אָנשטאָט אָבער צו געבען אָנערקענונג צו דאָס וואָס זיי האָבען געטאָן פאר זיי, איז גאָר געווען פארקעהרט; זיי זיינען גאָר געוואָרען די ביטערסטע שונאים, און ווען מרס. א. מ. איז איינמאָל פלוצלונג קראַנק געוואָרען און איז אָפּגעלעגען מאָנאַטען לאַנג אין שפּיטאָל, האָט די שוועגערין ניט געפונען פאר נויטיג אפילו איהר איינמאָל קומען באַזוכען. אַ צייט שפּעטער, ווען די שוועגערין האָט חתונה געמאַכט אַ טאָכטער, האָט מען איהר מיט איהר מאַן אפילו צו דער חתונה ניט געלאַדען; און נאָך און נאָך פיעלע עוולות וואָס די פאַרביטערטע פרוי רעכענט אויס אין איהר לאַנגען בריף, און פרעגט ביי אונז: פון וואַנען נעהמען זיך אַזעלכע פאַרדאָרבענע כאַראַקטערע מיט אַזאַ אומפאַרשעהמטהייט, אַזאַ נידערטרעכטיגקייט און אזא ברוטאַליטעט.

זיינען מיר זיכער אז מרס. א. מ. ערוואַרטעט ניט פון אונז אז מיר זאָלען געפינען א למוד זכות און פאַרטיידיגונג וואָס זאָל רעכט-

פערטיגען ברוטאַליטעט און פאַרדאָרבענהייט. אום דאָס צו געפינען דאַרף מען דאָך אליין אויך זיין ברוטאַל און פאַרדאָרבען, און צו אַזעלכע קומט מען דאָך ניט זיך אַראָפּריידען פון הארצען.

מיינט זי ווידער ניט קיין פאַרטיידיגונג נור אַן אויפקלעהרונג פון וואַנען דער מקור פון שלעכטס נעהמט זיך, איז דאָס דוכט זיך אויך אַזוי פּשוט אַז יעדער איינער קען אליין פאַר זיך דעם ענטפער געפינען. דער אַלטער ענטפער פון: „כי יצר לב האדם רע מנעוריו", וואָס מיינט אַז שלעכטקייט און פאַרדאָרבענהייט איז כמעט ווי אַ נאַטור; פאַרקעהרט, אויף גוטסקייט און נאַבעלקייט קען ערשט אָנגעווענדעט ווערען די פראַגע: פון וואַנען נעהמט זיך עס? ווייל דאָס איז שוין גראַדע ניט קיין נאַטור אייגענשאַפט, נור אדרבא אַ געגענזאַץ צו דער נאַטור. מען דאַרף איבערשמידען די נאַטור כדי איהר צו פאַרוואַנדלען פון שלעכטס אין גוטס, און אימער ווען עס האַנדעלט זיך אין אָט די ביידע געגענשטענדע ווערט שטענדיג דאָס שלעכטע אַרויסגעשטעלט פריהער. פריהער קומט דער „סור מרע" און ערשט דערנאָך „ועשה טוב", און דער יצר הרע קומט צום מענשען מיט גאַנצע דרייצען יאָהר פריהער פאַר דעם יצר טוב. און האָט דאָך שוין דער פסוק לאַנג געזאָגט: „כי עיר פרא אדם יולד", אוים געבורט, איז דער מענש אַן עיר פרא, אַ ווילדע באַשעפעניש, און ער דאַרף ערשט נאָכהער זיך אויסבילדען און ענדיגען אַ פולען אקאַדעמישען קורס אין „הלכות מענש."

און דערפאַר, אויב מען באַגעגענט מענשען וואָס זיינען אויסגעוואַקסען אין יאָהרען און דאָך געבליבען פאַרדאָרבען, מיינט עס פּשוט אַז זיי האָבען דעם דאָזיגען אקאַדעמישען קורס ניט דורכגעמאַכט, און ס'איז זיך דעריבער ניטאָ אויף זיי וואָס צו וואונדערען; עס בלייבט נור זיי צו באַדויערען.

איז דערפאַר וועגען ביידע זאַכען דאָ קיין פראַגע ניט, ניט וועגען פאַרטיידיגען ברוטאַליטעט און פאַרדאָרבענהייט און אויך ניט וועגען זייער אורשפּרונגליכען מקור.

זיינען מיר דעריבער גענויגט צו גלויבען אַז דער פאַל פון מרס. א. מ. איז גאָר פון יענעם מין וואָס „מ'זאָגט די טאָכטער און מען מיינט די שנור". מרס. א. מ. רעדט טאַקע פון דער שוועגערין אָבער

מיינען מיינט זי גאָר זיך. אין די שורות שטעלט זי זיך טאַקע אָפּ אויף יענעמס שלעכטסקייט, פון צווישען די שורות אָבער שרייט אַרויס איהר אייגענע גוטסקייט. פון איהר אָנקלאַגע אויף יענעם קלינגט אַרויס אַ מין פּתח חרטה אויף זיך אַליין. עס קומט עפּעס אויס ווי זי וואָלט וועלען געפינען אַ וועג ווי אַזוי אַרום אויסצורייסען מיט'ן וואָרצעל דאָס גאַנצע גוטעס וואָס זי האָט צו איהר געטאָן, און אויב אפילו זי זאָגט עס ניט מיט איהר באַוואוסטזיין, פיהלט זי עס אָבער משמעות אין איהר אונטערבאַוואוסטזיין.

און דאַרויף, זעהט איהר, איז טאַקע יאָ כדאי זיך אָפּצושטעלען; ווייל אין אָט דעם פּרט האָבען מיר ווירקליך זעהר אַ סך צו לערנען. עס איז אַן אַקאַדעמישע לעקציע וואָס באַהאַנדעלט דעם „ועשה טוב". עגאָאיזם איז זעהר אַ העסליכע זאַך. אַן עגאָאיסט ווערט פאַראַכטעט פון יעדער אָרענדטליכען מענש. דער יסוד פון אונזער תורה אין דער „ואהבת לרעך כמוך", זאָלסט ליעב האָבען דיין חבר ווי זיך אַליין. דאָס איז אויך דער פונדאמענט פון דעם סאָציאַלען לעבען, דער גרונטשטיין פון דער ציוויליזאַציע. דער מענש דאַרף שטענדיג פיהלען אַז קיין אַבסאָלוטע אינדיווידואַליטעט איז גאָר ניט פאַראַן. יעדער אינדיווידיאום איז אַ רינגעלע אין דער לאַנגער קייט פון דעם גאַנצען צבור און רייסט זיך די דאָזיגע קייטעלע אָפּ, מאַכט עס אַ ברוך אין דער געזעלשאַפט. דער יחיד איז אַ פּועל און אַ פּעול ביידע אין איינער און אין דער זעלבער צייט. ער ווירקט אויף דער געזעלשאַפט און ווערט אויך פון איהר באַווירקט. דער איינצעלנער מענש קען זיך דעריבער ניט אויסשיילען פון דער געזעלשאַפט און זיך „מאַכען שבת" פאַר זיך.

עגאָאיזם איז דערפאַר אַן אָפּשטויסענדע זאַך, אָבער ניט אַלע ווייסען ווי אויסצוטייטשען דאָס דאָזיגע וואָרט „עגאָאיזם". אויבערפלעכליך קוקט עס אויס אַז דער עגאָאיסט איז דער וואָס אינטערעסירט זיך בלויז מיט זיך אַליין, דער צווייטער געהט איהם ניט אָן, און ער קימערט זיך ניט וועגען איהם.

דאָס איז אָבער בלויז דער אלף בית פון עגאָאיזם, דער אויבערפלעכליכער. ס'איז אָבער אויך דאָ אַ טיעפערער עגאָאיזם וואָס האָט שוין אַ ברייטערען פאַרנעהם. מ'קען זיין אַן עגאָאיסט אַפילו דאַן

ווען מען איז ניט אָפּגעזונדערט פאר זיך און מען אינטערעסירט זיך דוקא יאָ מיט'ן צווייטען, אָבער די דאָזיגע אינטערעסע אין יענעם שטאַמט אויך פון אן עגאָאיסטישען מקור.

לאָמיר נעהמען פאר אַ ביישפיל דעם ענין פון צדקה. אן און פאר זיך אַ נאָבעלער טאַט וואָס ציינט אז דער באַטרעפענדער בעל צדקה לעבט ניט בלויז פאר זיך, ער איז ניט קיין עגאָאיסט. איז אָבער אַמאָל פאראַן אזא מין צדקה וואָס שטאַמט דוקא פון אן עגאָאיסטישען מקור. דער בעל צדקה איז אַ סענסיטיווער מענש, זעהר עמפּפינדליך, אַ רך הלבב וואָס קען ניט פארטראָגען קיין קרעכץ. יענעמס קרעכץ מאַכט איהם פּיהלען שלעכט און עס שטערט זיין רוה. זוכט ער דעריבער דיזע אונאַנגענעהמליכקייט צו פארמיידען. העלפט ער יענעם אָבער מיינען מיינט ער, גאָר ניט איהם, נור זיך אליין, עס זאָל איהם אליין ניט וועה טאָן, עס זאָל זיין אייגענע רוה ניט שטערען. איז דער טאַט אליין טאַקע פאר יענעם, די כונה פון דעם טאַט איז אָבער אן עגאָאיסטישע.

טייטשט מען טאַקע אויס אין אַט דעם זין דעם פּסוק פון צדקה: „נתון תתן לו ואל ירע לבבך בתתך לו"; גיב יענעם צדקה אָבער טהו עס ניט צוליב'ן „אל ירע לבבך", כדי דו זאָלסט ניט פּיהלען שלעכט, ווייל דאן הייסט דאָך אז דו טהוסט עס צוליב דיר מעהר ווי צוליב יענעם, ביסטו דאָך שוין ווידער אן עגאָאיסט ווען אפילו פון אן עדעלערען כאַראַקטער.

איז דאָך דאָס טאַקע דער זין פון דעם תנא'ס מאָראַלישע לעהרע אין פּרקי אבות: „אל תהיו כעבדים המשמשין את הרב על מנת לקבל פרס", (זייט ניט ווי די קנעכט וואָס באַדינען זייער האַר כדי באַלוינט צו ווערען) ווען ביים טאָן אַ מצוה האָסטו אין זינען דעם שכר וואָס דו וועסט קריגען פאר איהר, איז עס דאָך שוין ווידער עגאָאיזם. דאַרף עס דעריבער אזוי ניט זיין, נור ווי דער זעלבער תנא לערנט אויף אן אַנדער פּלאַץ, נעמליך: „שכר מצוה — מצוה". אין דער באַטרעפענדער מצוה אליין געפין דיין שכר, דעם עצם טאָן פון דער מצוה, דאָס גופא דאַרף שוין אויך באַטראַכט ווערען אלס אַ שכר. די מצוה אליין, דער באַוואוסזיין אז דו האָסט עפּעס געטאָן פאר יענעם, אַט דאָס אליין דאַרף שוין באַטראַכט ווערען אלס דיין שכר.

דערציילט מען דאָך אויף איינעם פון די גאַר גרויסע צדיקים אז ווען ער האָט אמאָל געהערט אז מ'האָט אין הימעל אויסגערופען אויף איהם אז פלוני בן פלוני האָט אָנגעוואוירען זיין חלק עולם הבא, זאָל ער האָבען אויפגעהויבען זיינע הענט צום הימעל און געזאָגט: רבונו של עולם, ווי גליקליך איך בין! פון איצט אָן וועל איך דאָך שוין קענען דיר דינען מיט'ן גאַנצען הארצען, מיט אמת און פולער אויפ־ריכטיגקייט, דען איך ערוואַרטע דאָך שוין ניט קיינע באַלוינונ־גען, וועט דאָך שוין מיין עבודת השם זיין „לשמה" אהן וועלכע עס איז פניות.

וואַרפען די דאָזיגע אילוסטראַציעס אַ העלע ליכט אויף דעם גאַנצען ענין און באַווייזען, ווי געזאָגט, אז מען קען אמאָל זיין אַן עגאָאיסט אפילו ווען מען טהוט דוקא יאָ פאַר'ן צווייטען, און יענעמס אינטערעסען רופען יאָ אַרויס אַ פּאָזיטיווע באַציהונג ביים אַנדערען.

און וויל אמאָל איינער זיך איבערצייגען ווי עס האַלט מיט איהם אליין און צו געהער ער אליין אויך ניט צו יענער קלאַס עגאָ־איסטען פונ'ם בעסערען סאָרט, קען ער דעם דאָזיגען טעסט מאַכען ביי פאַרשידענע געלעגענהייטען.

איינע פון די דאָזיגע געלעגענהייטען איז איצט געקומען אונ־זער חשוב'ע מרס. א. מ. ממש אין די הענט אַריין. סימנים פון חרטה האָבען זיך ביי איהר איצט אָנגעהויבען צו צייגען אויף אַלע איהרע גוטע מעשים וואָס זי האָט געטאָן צוזאַמען מיט איהר מאַן בשעתם פאַר זייערע קרובים, דער שוואָגער מיט די שוועגערין. די חרטה קומט דערפון וואָס זי זעהט איצט באַשיינפּערליך אז די דאָזיגע גוטע מעשים האָבען ניט געקראָגען קיין אָנערקענונג און אָנשטאָט באַ־לוינט צו ווערען דערפאַר, באַצאָלט מען גאַר מיט שטיינער.

דאַרף אָבער די מרס. א. מ. אין דעם גופא געפינען איהר טרייסט און צופרידענהייט. זאָל זי אדרבא אין אָט דעם פאַל איהרען זעהן א מין טעסט קיים אויף איהרע אַמאָליגע מעשים טובים. זאָל זי פיהלען אז זי ווערט דאַמיט געשטעלט צום נסיון אויב יענע מעשים איהרע זיינען געווען אמת אויפריכטיגע, מיט ריינע כוונות און אָהן פניות, אָדער זיי זיינען גאַר געווען אונטערגעצויגען מיט אַן עגאָאיסטישען אונטערשלאַג. אין לעצטען פאַל איז ווירקליך דאָ

אַ פלאַץ פאַר חרטה, אין ערשטען פאַל אָבער איז פאַר דעם קיין פלאַץ ניטאָ.

דער שטן פון עגאָאיזם אַנטפּלעקט זיך אין צווייערליי געשטאַלטען. אַמאָל קומט ער צום אויסדרוק איידער מען טהוט דעם גוטען טאַט; ער לאָזט עס ניט טאָן. אין אַזאַ פאַל איז עס דער איינפאַכער גראָבער עגאָאיזם. ניט אויף אַלעמען קען אָבער דער דאָזיגער שטן פון עגאָאיזם האָבען אַ שליטה. צו מענשען מיט אַ מעהר עדעלען כאַראַקטער קען ער מיט אַזאַ עגאָאיזם קיין צוטריט ניט האָבען. זוכט ער דעריבער פאַר אַזאַ קלאַס מענשען אַן אַנדער מעטאָדע, און אויב ער קען אויף זיי ניט אָנווענדען זיין עגאָאיזם איידער זיי טוען דעם טאַט, פּרובירט ער אויף זיי עס אָנווענדען נאָכ'ן טאַט; ער זוכט אַריינצוברייגנען אין זיי דעם חרטה געפיהל אויף דעם זעלבען טאַט און איבערצייגען זיי אַז עס איז בכלל ניט כדאי געווען פאַר יענעם אַזאַ טאַט צו טאָן.

אָט דער דאָזיגער שטן נומער צוויי, איז נאָך ביז אַ געוויסער מאָס געפעהרליכער פאַר שטן נומער איינס, ווייל ער איז מעהר פראָוויצירענד פאַר'ן ערשטען.

בעטען מיר דעריבער טאַקע אין אונזערע תפלות: „והסר שטן מלפנינו ומאחרינו" מיינענדיג דערמיט די ביידע סאָרטען שטנ'ס, דער שטן נומער איינס וואָס קומט מלפנינו איידער מען טהוט דעם נאָבעלעם טאַט, און דעם שטן נומער צוויי וואָס קומט מאחרינו נאָכדעם ווי מען האָט שוין דאָס גוטע אָפּגעטאָן און וויל עס דורך חרטה מעטאָדען עוקר מן השורש זיין. דאַרף מען זיך אָבער ניט לאָזען פּראָוויצירען און זאָגען ווי יענער צדיק האָט געזאָגט אַז דוקא איצט בין איך ערשט צופרידען מיט מיינע מעשים, ווייל טאַקע דערפאַר וואָס זיי זיינען געבליבען אָהן אַ באַלוינונג, אָהן אַ שכר, איז דאָך ערשט אַ באַווייז ווי ערנסט און אויפריכטיג זיי זיינען געווען.

יאָ דאָס איז דער זין פון „שכר מצוה — מצוה"; און עס איז כדאי אַז די מרס. א. מ. און טויזענטער אַנדערע פון איהר טיפּ זאָלען זיך דעריין ערנסט פאַרטראַכטען.

כד

„עבירה גוררת עבירה"

די דאָזיגע תלמוד'ישע ציטאַטע וואָס מיר האָבן ארויפגעשטעלט אויף דיזען פרק, מאַהנט אייגענטליך ביי אונז אַ שטיקעל ערקעלהרונג. דער פסיכאָלאָגישער „בעל דין" האָט פאר זיך דאָ אַ שטיקעל „מקום" אויב ניט „לחלוק" איז לפּחות צו פרעגען. דען פון אַ פסיכאָלאָגישען שטאַנדפּונקט קען זיך אויסדוכטען אז עס דארף גאָר זיין פארקעהרט.

יעדער פארברעכערשער אקט רופט דאָך געוועהנליך ארוים ביים מענשען געוויסענסביסע, נאָכדעם ווי דער דאָזיגער אָקט איז שוין אָפּגעטאָן געוואָרען, ווען אפילו פריהער האָט ער זיך ניט גע־קענט קאָנטראָלירען בייצושטעהן דעם נסיון פון ניט טאָן די עבירה.

זאָגט מען טאַקע נאָך פון בעל שם הקדוש אז ער זאָל אין אָט דעם זין האָבן אויסגעטייטשט דעם פסוק אין תהילים: „ועוד מעט ואין רשע והתבוננת על מקומו ואיננו". דער משורר האָט דערמיט געמיינט איבערצוציינען דעם מענשען ווי גרינג עס דארף זיין פאר איהם אָפּצושטעהן פון אן עבירה און זיך קענען באַהערשען איהר ניט צו טאָן. דען באמת איז דאָך די תאוה פון אן עבירה בלויז אַ מאָמענטאַלע, פאר דעם מאָמענט ווען דאָס ווערט געטאָן, וועהרענד „ועוד מעט" נאָך איין ביסעלע, אַזוי שנעל ווי דער דאָזיגער מאָמענט געהט אוועק איז דאָך שוין „ואין רשע", דער „רשע" איז שוין ניטאָ; עס פיהלט זיך שוין אַ הרהור תשובה אין געשטאַלט פון „מוסר כליות", אָדער ווי עס הייסט אין אידיש „געוויסענסביסע", טאָ אויב אזוי, איז דאָך שוין גלייכער „והתבוננת על מקומו ואיננו", זיך מתבונן זיין גלייך אויפ'ן אָרט און בייקומען דיזען מאָמענט...

סיי ווי, איז דאָך די באַפרידיגונג פון אן עבירה נור אַ זאַך פון מאָמענט, דערנאָך איז מען שוין מהרהר בתשובה און מען האָט

שוין חרטה, טאָ ווי זאָגט זיך גאָר אז „עבירה גוררת עבירה" וואָס מיינט אז נאָכ'ן באַגעהן איין עבירה ציהט עס גלייך צו אַ צווייטער?

לאָזט זיך אָבער דארויף אָנווענדען דער תלמוד'ישער אוים־דרוק פון „הוא מותיב לה והוא מפרק לה", די זעלבע פסיכאָלאָגיע וואָס מאַכט צו פרעגען די דאָזיגע פראַגע, גיט אויך דעם ענטפער צו איהר. פאר דעם יצר הרע לוינט זיך ניט אז נאָכ'ן אָפּטאָן די עבירה זאָל קומען א הרהור תשובה; אין אזא פאל וואָלט דאָך זיין גאנצע ארבייט געווען ארויסגעוואָרפען, ווייל עס איז דאָך אַ כלל אז „במקום שבעלי תשובה עומדים אין צדיקים גמורים יכולים לעמוד", ווערט דאָך דורך תשובה די עבירה אין גאנצען אָפּגעמעקט; גיט זיך דע־ריבער דער יצר הרע אַן עצה און ניצט גראַדע אוים דעם דאָזיגען „מוסר כליות" פון נאָך דער עבירה אויף צום שלעכטען. ער וואַרפט אָן אויפ'ן מענשען אַ מרה שחורה אז מיט דער דאָזיגער עבירה האָט ער זיך שוין סיי ווי אומגליקליך געמאכט; עס וועט שוין אויף איהר קיין תשובה אויך ניט העלפען און ער איז שוין סיי ווי אַ פארלאָרע־נער; און אויב אזוי איז דאָך שוין קיין אונטערשייד ניט צי ער האָט בלויז געטאָן די עבירה אָדער ער וועט נאָך טאָן אויך אנדערע עבירות. שטויסט איהם שוין דיזער פסיכאָלאָגישער שטאַנדפונקט צו ווייטערדיגע עבירות און עס ווערט שוין אַ פאַקט אז „עבירה גוררת עבירה".

אין אָט דעם זין טייטשט מען אויך אוים די כונה פון אונזער טעגליכע תפלה: „והסר שטן מלפנינו ומאחרינו". עס זיינען פאראן צוויי סאָרט שטנ'ס, אָדער א שטן מיט צוויי סאָרטען מעטאָדען פאר זיין שטנ'דיגע טעטיגקייט, אַ שטן מ ל פ נ י נ ו, וואָס קומט פ ר י ־ ה ע ר איידער מען זינדיגט; דעמאָלט רעדט ער דעם מענשען איין אז ס'איז גאָר ניט אַזאַ שטאַרקע עבירה און ס'איז ניט אזוי מאָלעריש אויב ער וועט איהר עובר זיין. און דאַן איז אויך דאָ דער שטן פון „מאחרינו", נ אָ כ ' ן אָפּטאָן די עבירה. דאָ ווערט שוין באַנוצט אַן אנדער מעטאָדע וואָס איז שוין דער געגענזאַץ פון דער פריהער־דיגער. איצט נאָכ'ן טאָן די עבירה פארנעהמט זיך שוין דער שטן דוקא אין אַ געגענזייטיגער ריכטונג. א י צ ט רעדט ער שוין איין דעם מענשען אז די עבירה וואָס ער האָט נור וואָס אָפּגעטאָן אין שוין

גראַדע יאָ אַ גרויסע עבירה וואָס קיין תשובה אויף איהר קען שוין אויך ניט העלפען. אזוי ארום פארדינט דער שטן אין צווייען: ערשטענס וואָס ער לאָזט אויף ד י ז ע ר עבירה קיין תשובה ניט טאָן; און צווייטענס וואָס דערמיט טרעט ער אוים אַ וועג און עפענט אַ טיר פאר נייע עבירות, ווייל דער מענש, ווי געזאָגט, באַטראַכט זיך שוין סיי ווי ווי אַ פארלאָרענער...

איז די דאָזיגע אויפקלערונג אָן און פאַר זיך פון אַ גאָר גרויסע חשיבות און באַדייטונג. דאָס באַקעמפען זיך מיט דעם יצר הרע'ם מעטאָדען איז אַ מין גייסטיגע דיאגנאָזע וואָס צייגט אָן פון וואנען די קראנקהייט קומט און ממילא ווייסט מען שוין ווי איהר צו באַקעמפפען.

אין דיזען פאל געפינען מיר נעמליך אוים אז דער בעסטער וועג ווי אזוי זיך פארהיטען פון ווייטערדיגע עבירות ווען מען איז איין מאָל נכשל געוואָרען, איז, ניט אריינצופאלען אין יאוש צוליב די באַגאַנגענע עבירה; ניט קוקען אויף איהר מיט קיין פארגרעסערונגס גלאָז וואָס זאָל גלייכצייטיג אויך פארגרעסערן די מעלאַנכאָליע. פארקעהרט, עס לוינט גראַדע בעסער די עבירה אביסעל רעדוצירען, איהר מינימיזירען כדי דער וועג פאַר תשובה זאָל בלייבען אָפען און דער וועג פאַר נייע עבירות זאָל זיין פארמאַכט...

און אויב אין מצות דאַרף דער חשבון געמאַכט ווערען אַנדערש, עס דאַרף זיין „והוי זהיר במצוה קלה כבחמורה", גרינגע מצות דאַרפען אויך מעהר וואָגיג זיין, איז אָבער ביי עבירות דער חשבון אַן אַנדערער. דאָ לוינט זיך דוקא אַמאָל די שווער וואָגיגע עבירות אַביסעל אָפּצוצעהרען כדי דאַמיט ניט פארשטעלען דעם וועג וואָס פיהרט צו תשובה.

ווער שמועסט ווען עס האַנדעלט זיך ווירקליך אין אַן עבירה פון אַ מינדערווירדיגען כאראַקטער, דאַרף מען איהר געוויס ניט אוועקשטעלען אין דערזעלבער רייהע מיט די עבירות חמורות און דאַמיט געבען אַ פתחון פה צום שטן ער זאָל קענען זאָגען: וואָס איז דער אונטערשיד פון ד י עבירה ביז יענע, און אז דו האָסט שוין געטאָן ד י קענסטו שוין אויך טאָן י ע נ ע. ווען מען איז אָבער קיין עם הארץ ניט און מען ווייס י אַ אונטערשיידען פון איין עבירה צו דער

צווייטער, דאַן לאָזט מען זיך שוין ניט אַזוי לייכט פּראָוויצירען פון שטן.

אַ קליינעםביישפּיל: צוויי תעניתים זיינען פאַראַן אין יאָהר וואָס קוקען אויבערפלעכליך אויס צו זיין פון איין כאַראַקטער — תשעה באב און יום כפור. איןביידע איז דער תענית אַ פולער רונ־דער מעת לעת און אין ביידע באַציהט זיך דער תענית אויף אַלע חמשה ענוים וואָס ווערען אויסגערעכענט אין דער גמרא און שלחן ערוך.

פאַר דעם אונוויסענדען מענשען קען עס ווירקליך אויסקוקען אַז ניט פאַסטען תשעה באב איז די זעלבע עבירה ווי ניט פאַסטען יום כפור, און אויב ער איז צוליב אַ געוויסע אורזאַך נכשל געוואָרען אין דאָס ערשטע קען ער זיך שוין אויך מורה היתר זיין אין דאָס צווייטע. דער וואָס איז אָבער ניט קיין עם הארץ, ער ווייסט שוין אַז דער אונטערשיד איז ממש ווי פון טאָג צו נאַכט — יום כפור מיט אַן איסור כרת און תשעה באב בלויז אַ „דרבנן" און מיט אַ הוראת היתר אויף תשעה באב לאָזט זיך נאָך ניט פּראָוויצירען אויף יום כפור...

לוינט זיך דעריבער אַמאָל, ווי געזאָגט, בעסער אונטערשע־צען די עבירה איידער איהר איבערשעצען, כדי אויסצומיי־דען דעם בנין אב אָדער היקש פון קלענערע עבירות אויף גרעסערע.

דאַרף די דאָזיגע אָפּהאַנדלונג דינען אַלס ענטפער צום יונגערמאַן וואָס איז צו אונז געקומען מיט אַ דערשלאָגענעם געמיט צוליב אַן ענין וואָס האָט ביי אונז די דאָזיגע אָפּהאַנדלונג אַרויסגע־רופען.

דערציילט דער יונגערמאַן:

„איך האָב קיינמאָל ניט מחלל שבת געווען. אַלעמאָל גע־קעמפפט פאַר שמירת שבת מיט דער גרעסטער מסירת נפש. לעצ־טענס אָבער צוליב אומשטענדען און באַדינגונגען, קומט מיר אויס פרייטאָג פאַר נאַכט גאַנץ שפּעטליך אָוועקלייגען די אַרבייט; ס'איז נאָך אמת היבש פאַר ליכט צינדען און איך לויף טאַקע פון „שאָפּ" גלייך אין שוהל אַריין, אָבער איך קום שוין אַן שפּעט ווען מען האַלט

שוין כמעט נאָך קבלת שבת. מיין עגמת נפש, איז אַ צווייענדיגער. ערשטענס וואָס איך קען שוין ניט באַווייזען צו קומען אהיים זיך אי־בערטאָן לכבוד שבת איידער איך געה אין שוהל אריין; און צוויי־טענס טאַקע דעם קומען אין שוהל נאָך קבלת שבת וועהרענד ביי מיר איז נאָך וואָך און דארף דאוונען אַ וואָכעדיגע מנחה.

„די שוהל וואו איך דאווען, זאָגט וויטער דער יונגערמאַן, איז פון די גאָר פרומע און אַ סך פון מיינע שוהל חברים קוקען דע־ריבער קרום אויף מיר און באַטראַכטען מיר, ניט ווי אַן אמת'ן שומר שבת. מאַנכעס מאָל פיהל איך זיך אליין אויך ניט ווי קיין הונדערט פּראָצענטיגער שבת איד; און לאָמיר זיך מודה זיין אז אמאָל גנב'עט זיך מיר אריין אַ געדאנק אז אויב קיין ריכטיגער שומר שבת בין איך ניט, טאָ צו וואָס האַלטען נאָכאַנאַנד אין איין קעמפּפען מיט מיינע בעלי בתים פון שאַפּ וועלכע זיינען זעהר אומצופרידען מיט דעם וואָס איך נעהם זיך די פּריווילעגיע אוועקצוגעהן פון שאַפּ פרי־הער ווי די אנדערע ארבייטער; אויב סיי ווי ניט קיין אמת'ער שבת, טאָ צו וואָס די יסורים און עגמת נפש אין צווייען, פון די בעלי בתים אין שאַפּ און פון די חברים אין שוהל? אפשר, טראַכט איך מיר, איז שוין גלייכער גאָר אין שוהל ניט צו געהן און פארשפּאָרען דורכגע־נומען צו ווערען מיט די שפּיזיג שטעכיגע בליקען פון אַ טהייל פון מיינע מיט־דאוונערם?"

אָט אזוי האָט דער יונגערמאַן גע'טענה'ט, און איז דעריבער נייגעריג געווען צו הערען וואָס מיר האָבען דארויף צו זאָגען און ווי ער זאָל האַנדלען.

האָבען מיר אין דעם יונגערמאַנס טענות דערהערט די עכאָ פון שטן נומער צוויי, דער שטן פון „מאחרינו" און מיר האָבען דערצו גלייך געצויגען זיין אויפמערקזאַמקייט.

פאַרשטעהט זיך אז מיר האָבען דעם יונגערמאַן שטאַרק ערמו־טיגט און איהם געוואָרעגט זיך צו היטען פון אזעלכע שטן פּראָוואָ־קאַציעס, אפילו ווען זיי אַנטפּלעקען זיך אין געשטאַלט פון פרומע גאָטספאָרכטיגע בליקען מצד די עהרליכע שוהל אידען...

עס איז איבעריג צו זאָגען אַז עס איז פאַר אונז געווען אַן אמת'ער נחת רוח ווען מיר האָבען געזעהן ווי דעם יונגערמאַנס גע־זיכט האָט אויפגעשטראַלט פון שמחה און איז אַוועק א פולשטענדיג צופרידענער און באַרוהיגטער.

כה

אידישע טויטקייט און טויטע אידישקייט

(עטליכע ערנסטע ווערטער וועגען אַן ערנסטען ענין)

מיט דיזער לאַזונג וואָלט מען געקענט באַצייכענען אַ באַדייטענדען טייל פון אונזער אמעריקאַנער אידישקייט. אויפ'ן פראַנט פון אונזער אידישקייט הערשט דאָ אין לאַנד לײַדער אַ געוויסע מאָס טויטקייט. די מעהרסטע געביטען פון אידישקייט זיינען ווי אָפּגעשטאָרבען; ס'פעהלט אין זיי לעבען, זיי זיינען בלאָס, בלוטלאָז און פּאַראַליזירט. אַזוי איז עס מיט שבת, מיט כשרות, מיט טהרת המשפחה, מיט'ן חנוך און מיט עהנליכע אַנדערע אידישע זאכען. דער צוגאַנג צו די דאָזיגע ענינים איז אַ „מהיכי תיתי'דיגער", אַ מין „מצות אנשים מלומדה". מען דאַרף בלויז יוצא זיין; ניטאָ די הייםישע אינספּיראַציע און די היימישע התרוממות הנפש.

אויב אָבער אין לעבעדיגע אידישקייט פיהלט זיך אַ טויטקייט, פיהלט זיך דערפאַר אין טויטע אידישקייט אַ לעבעדיגקייט... עס מאַכט דעם איינדרוק ווי אין אמעריקאַ וואָלט דאָס גאַנצע אידישקייט קאָנצענטרירט געוואָרען אויפ'ן טויט, אַזוי אַז פון די צעהן מאָס אידישקייט וואָס זאָל האָבען אַראָפּגענידערט אין אונזער אַמעריקאַנער אידישע וועלטעל, זאָל גאַנצע ניין מאָס דערפון האָבען צוגענומען דער טויט און בלויז איין מאָס קוים איבערגעלאָזט פאַר'ן לעבען...

יאָ, אַזוי שנעל ווי מען קומט אין באַריהרונג מיט'ן טויט, אַזוי ווערט מיטאַמאָל דאָס אידישקייט אויפגעלעבט... דער טויט דערנענטערט צו אידישקייט אַזעלכע וואָס וואָלטען זאָנסט שוין לאַנג פאַרגעסען אַז זיי זיינען אידען. די אַטריבוטען פון טויטע אידישקייט האָבען דאָ מעהר מזל פאַר די פון לעבעדיגע אידישקייט. דער „קדיש",

דער „יאָהרצייט", דער „יזכור" האָבען אַ פיעל גרעסערע צוציהונגס קראַפט אויף צו ברייננען דעם דורכשניטליכען אמעריקאַנער אידי־שען יונגערמאַן אין שוהל אריין ווי דער שבת, דער יום טוב און אנדערע עניני קדושה. מען וועט זיך אויך פיעל מעהר לאָזען קאָסטען אויף אויסריכטען אַ שעהנע לויה אָדער אויפשטעלען אַ רייכע קאָסט־בארע מצבה ווי למשל אויף איינהאנדלען זיך א שעהנעם אתרוג, אַ פּאָר גוטע תפילין וכדומה אנדערע מצוות.

געהען מיר דאָ ניט אריין אין דעם עצם ענין, און מיר זיינען דאָ ניט אויסען אָנצוצייגען ווי ניט ריכטיג אזא באַציהונג צו אידיש־קייט איז, און ווי ווייט די דאָזיגע באַציהונג שמעקט מיט עם הארצות און איגנאָראַנץ.

אויף וואָס מיר ווילען זיך יאָ אָפּשטעלען איז, וועגען דעם איבעל וואָס הערשט ליידער אפילו אויף אָט דעם געביט וואָס מיר רופען טויטע אידישקייט.

אויב שוין יאָ געמאכט פונ'ם טויט אַ מין קולט, האָט דאָך עס לפּחות געדאַרפט זיין אין דער בחינה פון „מצוה שהחזיקו בה" אויף וועלכעם ס'ווערט געזאָגט „הרבה מדקדקין בה"; האָט מען דאָך גע־דארפט היבש מדקדק זיין אז אמווייניגסטענס אין די דאָזיגע טויט ענינים זאָל מען זיך ניט ערלויבען אזוי שטאַרק מזלזל זיין און אָפּ־נויגען פון אידישען דין. דער כבוד און רעספעקט וואָס דער דין טיילט אוים דעם מת, האָט דאָך געדאַרפט מיט דער גרעסטער פּינקטליכ־קייט אָפּגעהיט ווערען.

צום באדויערען ווערען אָבער באַגאַנגען אזוי פיעל עוולות אויף דיזען געביט אַז מאַנכע פון זיי זיינען איינפאך הימעלשרייענד.

מיר וועלען זיך דאָ באַנוגענען בלויז מיט איינע פון זיי וואָס האָט צו טאָן מיט אריבערפיהרען א מת פון איין קבר אין צווייטען.

דער דאָזיגער איבעל איז געוואָרען אַ צו אָפטע ער'שיינונג אין אונזער אידישען לעבען דאָ אין לאנד. סאָסייעטי מיטגלידער צו־קריגען זיך צוליב עפּעס אַ שטיקעל כבוד פון אַ געוויסען אמט אין דער פאַרוואלטונג פון די „סעמעטערי" ענינים; די „טויטע" מחלוקת ווערט שטאַרק „לעבעדיג"; עס קומט צו אַ שפּאלטונג צווישען די מיטגלידער און עס ענדיגט זיך מיט אַ ניי געגרינדעטע סאָסייעטי

דורך די אָפּגעשפּאָלטענע חברים. די נייע סאָסייעטי קויפט אַ נייע סעמעטערי און מען פיהרט אריבער די מתים (די פארשטאָרבענע קרובים פון די בעלי מחלוקת) פון דעם אלטען בית עולם צום נייעם.

אזעלכעס פּאסירט אויך ניט זעהר זעלטען אין איינצעלנע פּאַלען ווען אַ יחיד ווערט ברוגז אויף זיין סאָסייעטי און טהוט דאָס אייגענע מיט זיין פארשטאָרבענעם קרוב, אַ טאַטע אָדער אַ מאַמע, אַ שוועסטער אָדער אַ ברודער.

רעדט זיך שוין דאָ ניט פונ׳ם שטאַנדפּונקט פון אידישען דין וואָס ערלויבט ניט אזעלכע זאכען סיידען אין אויסערגעוועהנליכע באַרעכטיגטע פּאַלען. אָבער אפילו גענומען בלויז פון עטהישען שטאַנדפּונקט איז עס דאָך פּשוט פארברעכעריש. פאר וואָס זאָל דער כבוד פון מת ליידען צוליב אַ קאפּריז פון זיין לעבעדיגען קרוב? פאר וואָס זאָל מען די מתים ארויסשלעפּען פון זייערע קברים און זיי מאַכען אַ סוביעקט פאר אינטעריגעס און קריגערייען? וואָרום שטערען זייער רוה און זיי מאַכען אַ צווייטען מאָל פיהלען דעם טעם קבורה? בעט מען דען ניט אין די תפלות פאר א מת „וינוחו בשלום על משכבם״, טאָ פאר וואָס לאָזט מען זיי נישט אמוויניגסטענס געניסען פון דעם דאָזיגען „שלום״ און מען וויל אויך זיי פארמישען אין העסליכע מחלוקת׳ן פון די קליינליכע סאָסייעטי אינטעריגעס?

און דאָ האַנדעלט זיך דאָך ניט בלויז אין דעם כבוד פון די איבערגעפיהרטע מתים אליין, עס ריהרט דאָך אויך אָן דעם כבוד פון די אנדערע פארבליבענע מתים? עס קוקט דאָך אויס ווי עס פּאַסט ניט צו לאָזען אויף איין בית עולם איין טייל פון די מתים צוזאמען מיט די אנדערע? האָט מען דאָך אמאָל געמאַכט אַ תקנה וואָס איז פארבליבען א געזעץ איינצופיהרען אוניפאָרמירטע תכריכים פאר אַלע מתים גלייך כדי ניט מבייש צו זיין די אָרעמע וואָס קענען ניט באַהויפּטען נקבר צו ווערען אין רייכערע בגדים. אזוי ווייט האָט מען חס געוועזן אויפ׳ן כבוד המת; ווי זשע אַלזאָ קען מען זיך ערלויבען אזא סאָרט זלזול וואָס ריהרט אָן דעם כבוד פון אלע מתים, די פארבליבענע אזוי גוט ווי די אריבערגעפיהרטע? און ווי קען מען בכלל אויסנוצען אָן אומבאַהאָלפענעם פאר עוולות געגען וועלכע ער קען ניט פּראָטעסטירען און קען זיך געגען זיי ניט וועהרען?

עס קומט אונז אויפ'ן געדאנק אַ באַקאַנטער מאמר חז"ל וואָס דערציילט אונז אַז בעת דער רבונו של עולם האָט געוואָלט באַשאַפען דעם מענש האָבען זיך די הימלישע מלאכי השרת צוטיילט אין דער דאָזיגער פראגע אין פארשידענע גרופען. די כיתה פון „חסד" איז געווען צו גונסטען דעם מענש'ס באַשאַפונג דערפאַר וואָס זי האָט גע־פונען אין איהם אַ טרייעם נאָכפאָלגער פון די מדת החסד; אזוי איז אויך געווען די שטעלונג פון די כתה וואָס רעפּרעזענטירט די מדה פון „צדק". „יברא"! — האָט זי געזאָגט — זאָל מען יאָ באַשאַפען דעם מענש ווייל ער וועט זיין אַ אוהב צדקות. דאַגעגען זיינען געקו־מען אַנדערע צוויי כתות, די וועלכע רעפּרעזענטירען „שלום" און „אמת" און האָבען זיך געשטעלט אין דער אָפּאָזיציע. שלום האָט געזאָגט: „אל יברא שכולו קטטות", ניט כדאי באַשאַפען דעם מענש ווייל ער איז גאַלע מחלוקת, און „אמת" האָט געזאָגט: „אל יברא שכולו שקרים"; עס לוינט זיך דעם מין מענש ניט באַשאַפען דער־פאַר וואָס ער איז גאַלע שקר.

„מה עשה הקב"ה"? וואָס האָט דער רבונו של עולם געטאָן? „השליך אמת ארצה", ער האָט דעם אמת צו דר'ערד געוואָרפען און צדק וחסד זיינען ממילא געוואָרען די מאַיאָריטעט אנטקעגען דעם פאַרבליבענעם „אָפּאָזיציאָנער", דער „שלום", און אזוי ארום האָבען זיי גובר געווען און דער מענש איז יאָ באַשאַפען געוואָרען.

איז מילא דער עצם געדאַנק פון אַרונטערוואַרפען דעם אמת צו דר'ערד, לאָזט זיך עס סימבאָליש אויסטייטשען אַז מיט דעם זאָל האָבען געגעבען געוואָרען דער ריכטיגער ענטפער צו די אמת פּרע־דיגער וואָס וואָלטען געוואָלט זעהן אַ מענשהייט וואָס זאָל זיך האַל־טען שטריינג ביים אמת, און אויב ניט איז כדאי אַז די דאָזיגע מענש־הייט זאָל בעסער אין גאַנצען ניט באַשאַפען ווערען. האָט זיי דער רבונו של עולם געוואָלט באַווייזען אַז דאָס איז שוין אביסעל צו פיעל פאַרלאַנגט: „השליך אמת ארצה", בלויז אין דר'ערד צווישען די שוכני עפר, ד אָ ר ט קען זיין אַ הונדערט פּראָצענטיגער אמת, דען זיי, די מתים, געהערען דאָך שוין צום „עולם האמת". ביי די לעבע־דיגע אָבער קען ניט זיין קיין פולשטענדיגער אמת.

האָט דער דאָזיגער אַקט פון וואַרפען דעם אמת אין דר'ערד

גערינגט ווי געזאָגט, אלס תשובה נצחת צו דער אָפּאָזיציאָנאַלער סעק־
טע פון אמת.

אָבער פאר וואָס האָט דער רבונו של עולם פאַר דעם צוועק
גראדע אויסגעקליבען דעם אמת און ניט דעם שלום? ער האָט
דאָך מיט׳ן שלום אויך געקאָנט דעמאָנסטרירען דעם זעלבען געדאנק;
ווייל צווישען די טויטע עקזיסטירט דאָך אויך אַ הונדערט פּראָצענ־
טיגער שלום פונקט ווי א הונדערט פּראָצענטיגער אמת?

אז מיר קוקען זיך אָבער צו צו די איבלען פון די סעמעטערי
מענשען וואָס שלעפּען די מתים פון זייערע קברים און נוצען זיי אויס
פאר זייערע מחלוקת׳ן, ווערט שוין דער ענין אביסעל קלערער און
פארשטענדיגער. מיט׳ן שלום איז קענטיג דער רבונו של עולם נאָך
ניט זיכער געווען אפילו מיט די טויטע; די אמעריקאַנער אידישע
סאָסייעטי לייט, וועלען שוין זאָרגען דאפיר אז זייערע מחלוקת׳ן
זאָלען אזש אין די קברים אריינדרינגען און עס איז דעריבער פאר׳ן
שלום קיין פּלאַץ ניט געווען וואו איהם צו ווארפען. אפילו אויפ׳ן
בית עולם קען ער אויך קיין תקון ניט געפינען...

וואָלטען זיך אונזערע סעמעטערי לייט ווירקליך געמעגט אריינ־
טראַכטען אין דער דאָזיגער זאַך, ווייל עס איז אַ צו ערנסטער ענין
און מען קען זיך קוים ערלויבען איהם צו באהאַנדלען מיט אזא סאָרט
גרינגשעצונג וואָס גרעניצט זיך כמעט מיט וואולגאריטעט...

עס מוז נעהמען אן ענדע מיט אזעלכע איבלען וואָס פארשא־
פען זעהר ווייניג כבוד אונזער געזעלשאַפטליכען לעבען. מען טאָר
ניט לאָזען אונזערע קליין קלייזעלדיגע צאַנקערייען אריבערשפּרייזען
דעם „גדר” פון אונזער בית עולם. לאָמיר צאמען אונזערע מחלוקת׳ן
און א געצאַמטע מחלוקת וועט ברייגען אן אויסגעברייטערטען שלום
ושלום על ישראל!

כו

חברה קדישא

פאראנען פארשידענע חברות אין אידיש געזעל־שאפטליכען לעבען, כמעט אלע פון דעם סארט וואס זייער טעטיג־קייט איז פארבונדען מיט א געוויסער מצוה, ווי למשל: חברה גמילות חסדים; חברה לינת הצדק; חברה בקור חולים, חברה לחם עניים, און נאך עהנליכע; אבער קיינע פון זיי טראגט ניט אויף זיך דעם שטעמפעל פון קדושה. די איינציגע וואס טראגט יא אזא שטעמפעל איז די חברה וואס גיט זיך אפ מיט די טויטע. בלויז זי אליין האט זוכה געווען צום נאמען „חברה קדישא".

כאטש אין אמת'ן איז דער דאזיגער נאמען א שטיקעל סתירה צום אינהאלט און כאראקטער פון דיזער חברה. ק ד ו ש ה איז דאך דער געגענזאץ פון ט ו מ א ה, און דארט וואו עס איז געשריבען „קדושים יהיו", דארט שטעהט אויך „ולא יטמאו", און דא באשטעהט דאך די גאנצע ארבייט פון די חברה, דוקא אין דעם וואס מען איז זיך יא מטמא צום מת, און דאך רופט זי זיך מיט'ן נאמען „חברה קדישא"?

משמעות אז טאקע צוליב דעם גופא וואס די באשעפטיגונג פון די אנשי החברה איז אזא וואס ברייננגט אויף זיי טומאה, און דאס וואלט אפשר מאנכע אפעגאהלטען פון אנשליסען זיך אין אזא חברה, האט מען דערפאר דוקא די דאזיגע חברה געשטעמפעלט מיט דעם נאמען „קדושה", אום דאמיט צו דעמאנסטרירען אז דארט וואו א געוויסע טעטיגקייט איז פארבונדען מיט א מ צ ו ה, מעג עס אפילו זיין דורך דער פארמיטלונג פון טומאה, ווערט עס אלץ באהויכט פון קדושה. דער עצם ענין מעג זיך זיין פון דעם העכסטן גראד טומאה, ווי עס איז פאקטיש די טומאה פון א מת, אבי אבות הטומאה; דער

חלק מ צ ו ה וואָס איז אָבער מיט דעם ענין פארבונדען, דאָס איז שוין דורכאוים קדושה.

אגב איז טאַקע דער נאָמען „חברה קדישא" א דערמאָהנונג פאר איהרע מיטגלידער, אז דער דאָזיגער ענין זאָל ביי זיי קיינמאָל ניט וואָכעדיג ווערען. זיי זאָלען אוים געוואוינהייט חלילה ניט אָנ־הויבען מזלזל זיין אין דעם כבוד פון דעם מת, און זאָלען זיך שטענדיג באַציהען דערצו מיט יראת הכבוד, וויסענדיג אז זיי האָבען דאָ צו טאָן מיט קדושה און פון קודש טאָר מען קיין חולין ניט מאַכען.

געדענקען מיר טאַקע ווי אזוי עס האָבען אויסגעקוקט די חברה קדישא׳ס אין דער אַלטער היים; ווער עס זיינען געווען זייערע חברה לייט און ווי אזוי זיי האָבען זיך אויפגעפיהרט מיט די נפטרים.

די מעהרסטע פון די חברים אין חברה קדישא זיינען געווען די „ישיבה לייט", וועלכע זיינען געזעסען יומם ולילה על התורה ועל העבודה. יראת שמים האָט אַראָפּגעשטראַלט פון זייערע געזיכטער, און זיי זיינען געווען דורכגעדרונגען מיט אלע שעהנסטע אידישע מדות, אַזוי, אַז עס איז ווירקליך געווען אַ כבוד פאַר׳ן מת אַזעלכע עדעלע יונגעלייט זאָלען זיך מיט איהם מטפל זיין.

אין גרעסערע שטעט וואו די צאָהל מתים איז נאַטירליך אויך געווען א גרעסערער, איז די חברה קדישא געווען איינגעטיילט אין „דגלים". יעדער דגל איז גערופען געוואָרען לויט זיין רייהע, און אין געוויסע ערטער איז די דאָזיגע הייליגע אַרבייט טאַקע אויך ניט גע־ווען קיין גרינגע. מען האָט דעם מת ניט געפיהרט אין קיין וואָגען נור געטראָגען אויף די אַקסלען, און דער וועג ביז׳ן בית עלמין איז געווען אַ גאַנץ וויימער. דערצו איז דאָך דער וועטער אויך ניט געווען אלעמאָל מילד, האָבען די נושאי המטה וועלכע זיינען באַשטאַנען אויך פון די זעלבע „חברה לייט", געהאָט מאַנכעס מאָל זעהר פיעל אויסצושטעהן פון שטורעמדיגע ווינטען, פּלייצענדיגע רעגענס, ברע־נענדיגע פראָסטען, שנעען און זאַווערוכעס. אין די קלענערע שטעט אויך פון די געדיכטע בלאָטעס און זומפּען.

נעהמט אשטייגער ארץ ישראל וואו דער מנהג איז, ניט צו לאָזען א מת איבערנעכטיגען נור מקבר זיין גלייך עטליכע שטונדען נאָך דער פּטירה, אפילו ווען דאָס קומט אוים אין מיטען דער נאַכט

אָדער עטליכע שעה פאַרטאָגס, פלעגען די חברה קדישא לייט ניט איינ־מאָל געשטערט ווערען פון זייער שלאָף און האָבען געטאָן זייער פליכט ממש מיט מסירות נפש. יענע האָבען באמת פאַרדינט דעם נאָמען חברה קדישא, ווייל קדושה איז געווען אויסגעגאָסען אויף זייער יעדער קעהר און ווענד אין זייער באַשעפטיגען זיך מיט'ן מת.

יעדער חברה קדישא האָט זיך געהאַט אַ באַשטימטען טאָג אין יאָהר וואָס איז געווען געווידמעט פאַר דעם כבוד פון די מתים וואָס זיינען געשטאָרבען אין פאַרלויף פון יאָהר. ביי אנדערע איז דער טאָג געווען ט"ו כסלו און ביי אנדרע ז' אדר, יעדער אָרט לויט זיין מנהג. דער דאָזיגער טאָג איז געווען איינגעפיהרט אלס יום תענית פאַר די חברה קדישא לייט. זיי האָבען זיך אַלע פאַרזאַמעלט אין שטאָט שוהל וואו עס איז געזאָגט געוואָרען אין דער פריה צום דאַווענען ספּעציעלע „סליחות"; מען האָט געלייענט „ויחל" און נאָכ'ן לייענען געמאַכט אַ „מלא" פאַר די מתים פון יענעם יאָהר. דער צער־מאַניאַלער טעקס פון'ם דאַוונען האָט געדויערט עטליכע שעה.

נאָכ'ן דאַוונען, זיינען אַלע געגאַנגען אויפ'ן „הייליגען אָרט" וואו מען האָט אין אַ עהרען פּראָצעסיע מאַרשירט אַרום די קברים. נאָכדעם האָט מען זיך אָפּגעשטעלט ביי די קברי צדיקים וואו מען האָט געזאָגט תהילים און מתפלל געווען. ספּעציעלע תפלות האָבען אויך ענטהאַלטען אַ נוסח פון „בקשת מחילה" ביי די מתים טאָמער האָט מען חלילה וועמען פון זיי ניט אַזוי שטאַרק נוהג כבוד געווען.

עס איז שוין געווען שפּעט נאָך האַלבען טאָג, ווען די חברה קדישא האָט פאַרלאָזען דעם בית עלמין און זיך צוריקגעקעהרט אין שטאָט. מען האָט ווידער אַריינמאַרשירט אין דער גרויסער שטאָט שוהל, און נאָכדעם ווי מען האָט זיך אַביסעל אָפּגערוהט פון וועג, איז מען צוגעטראָטען צום צווייטען טהייל פון דער „עבודת היום".

די ראשי חברה קדישא וועלכע זיינען על פי רוב געווען די שטאָט רבנים, האָבען געהאַלטען לאַנגע דרשות פון מוסר און התעוררות לתשובה. דאָס האָט זיך אַזוי געצויגען ביז מנחה ווען מען האָט ווידער געלייענט „ויחל" און דער גאַנצער עולם, אָנגעטאָן אין טלית ותפילין און געריהרט פון די רבנ'ישע מוסר דרשות, האָט גע־דאַווענט מיט אַזאַ חרדת קודש ווי יום כפור צו נעילה.

ערשט אין אָוונט נאָך מעריב איז געפּראוועט געוואָרען אַ סעודה של מצוה, די „חברה קדישא סעודה" וואָס איז געווען אַ שם דבר אין אלע אידישע קהלות.

דאָ אין אַמעריקא האָט דער גאַנצער ענין אַן אַנדער פּנים באַקומען. דער מין חברה קדישא איז מיט זעהר ווייניג אויסנאַהמען כמעט ווי פאַרשוואונדען געוואָרען. ניטאָ דער ספּעציפישער טיפּ פרומע אידען וואָס האָט צוזאַמענגעשטעלט די חברה קדישא אין דער אַלטער היים. די גאַנצע זאַך איז כמעט ווי איבערגעגעבען געוואָרען אין די הענט פון דעם „אַנדערטייקער" (קברן) וועלכער מאַכט שוין אַ „קאָמפּליט דזשאָב" דורך זיינע אייגענע מענשען, און ס'איז אַ גרויסער ספק אויף ווי ווייט זיי, די „אַנדערטייקערס", קומען נאָך די אידישע דינים און טראַדיציעס אין פאַרבינדונג מיט דער „טהרה", און אלע אנדערע ענינים וואָס האָבען צו טאָן מיט דעם טפּול המתים ביז נאָך דער קבורה.

בכלל האָט מען דאָ אדאַפּטירט אזעלכע מנהגים וואָס זיינען דורכאויס געגען די אידישע טראַדיציעס און וואָס שמעקט מיט אימיטאַציע פון די מנהגי הגוים. אזוי צום ביישפּיל האָבען די „אַנדערטייקערס" איינגעפיהרט אַ מנהג אַז איידער מ'נעהמט אַרויס דעם מת פון דעם „פיונעריל טשאַפּעל", דעקט מען אויף דעם „ארון" און די אָנוועזענדע דרעהען זיך ארום און „כאַפּען א קוק" אויף דעם אָפּגעדעקטען פּנים פון דעם טויטען, אַ זאַך וואָס איז לחלוטין ניט אין איינקלאַנג מיט'ן גייסט פון אונזער טראַדיציע.

נאָך מעהר חלול כבוד המת איז דאָס וואָס מאַנכע פאַרבען אָפּ דעם פּנים פון נפטר מיט אַזעלכע קאָלירען אַז עס זאָל איהם מאַכען אויסזעהן ווי לעבעדיג.

היינט דער ענין פון „קריעה" וואָס איז כמעט אויך א טהייל פון דעם „אַנדערטייקערס דזשאָב" און דער זלזול אין דעם איז פּשוט מבהיל את הרעיון. ניטאָ קיין זכר פון דער קריעה לויט'ן דין פון שלחן ערוך. דער אַנדערטייקער מאַכט עס אויף זיין אייגענעם שטייגער און איז יוצא מיט איינרייסען א שטיקעל פון דעם אבל'ס האַלז-בענדעל...

און אזוי זיינען פאַראַן נאָך אנדערע איבלען אויף וועלכע מען

קען זיך ניט אזוי אויספיהרליך אפשטעלען, אבער וואס זיינען ניט אין אידישען גייסט און פארשאפען פאלגליך ווינציג כבוד דעם בר מינן.

דער איינציגער „כבוד" באשטעהט דא אין דער צאהל פון די „קערידזשעס" וואס באגלייטען דעם נפטר צום בית עולם און אויך אין די „הספדים" וואס מען מאכט אויף איהם.

דער דאזיגער ענין פון הספדים איז א פרשה פאר זיך, אבער דאס האט שוין נאטירליך ניט צו טאן מיט'ן אנדערטייקער נור איז א טהייל פון א סך אנדערע אייגענארטיגע מנהגים וואס אמעריקא האט איינגעפיהרט, און פון וועלכע מען האט אין דער אלטער היים כלל קיין אהנונג ניט געהאט.

הפנים אז דער הספד וואס איז דא א מנהג צו מאכען אויף י ע ד ע ר נפטר, צי ער איז יא ראוי דערצו צי ניט, איז געקומען אלס ערזאץ צום חלול כבוד המת פון אנדערע זייטען. מען וויל הייסט עס, מיט'ן הספד דאס דאזיגע גוט מאכען, ווערהרענד אין אמת'ן איז מען ערשט דערמיט גופא מחלל דעם כבוד המת, דען ס'איז דאך פשוט לעכערליך ווען דער „רעווערנד" שטעלט זיך אוועק און הויבט אן דער־ציילען אויפ'ן נפטר אזעלכע שבחים וואס לא היו ולא נבראו, און בלויז א דאנק יענעם ערנסטען און טראגישען מאמענט, וואס די אנ־וועזענדע, וועלכע האבען דעם נפטר גוט געקענט, פלאצען ניט אויס מיט א הילכיגען געלעכטער הערענדיג די גרויסע שבחים וואס מען זאגט אויף איהם נאך...

עס דערמאנט אין פאלגענדען אנעקדאט:

א געוויסער דרשן האט אין זיין הספד אויף א רייכען אידען גענומען שטארק לויבען דעם נפטר: „אזא וואוילער איד געווען; אזא גוטען כאראקטער באזעסען" א. א. וו. איינער פון די אנוועזענדע וואס האט דעם נפטר גאנץ גוט געקענט און געוואוסט אז ער איז גראדע ניט געווען אזא וואוילער איד און ניט באזעסען אזא גוטען כאראק־טער, האט נאכ'ן הספד דעם דרשן אויפמערקזאם געמאכט אויף זיין טעות. האט איהם דערויף דער דרשן געענטפערט: איהר האט מיך ניט ריכטיג פארשטאנען; איך האב געמיינט צו זאגען אז ער האט

זעהר וואויל געטאָן וואָס ער איז איצט געשטאָרבען כדי איך זאָל קענען קריגען א „צעהנערעל" פאר מיין דרשה. דען וואָס אשטייגער וואָלט איך געטאָן ווען ער עקשנ'ט זיך איין און וויל דוקא לעבען כאָטש נאָך אָ צעהנדליג יאָהר? נו, צייגט עס דען ניט אז ער איז ווירקליך באַזעסען א גוטען כאַראַקטער? . . .

יאָ, דאָס „צעהנערעל" איז טאַקע א חשוב'ער ענין און עס קען זיין אז די דאָזיגע הנאה פון א תלמיד חכם איז טאַקע אן און פאר זיך א שטיקעל זכות פאר'ן נפטר; אָבער דאָס מיינט ניט אז צוליב דעם דארף מען „צוטראַכטען" שבחים וואָס זיינען ניט געשטויגען און ניט געפלויגען. אַ קלוגער דרשן קען שוין געפינען אן עצה און רעדען וועגען אלגעמיינע ענינים וואָס האָבען צו טאָן מיט'ן טויט און ניט סתם פלאפלען אין דער וועלט אריין וואָס איז בלויז א חוכא וטלולא און פאַרשאַפט זעהר ווייניג כבוד דעם נפטר.

מיר גלויבען אז א טהייל פון די אחריות אין די אלע אויסגע־רעכענטע זאכען קען מען ווארפען אויף אונזערע רבנ'ישע קערפער־שאַפטען, וועלכע האָבען דעם דאָזיגען ענין אין גאַנצען אַרויסגעלאָזען פון זייערע הענט און דעריבער איז עס געוואָרען צו הפקר'דיג. עס וואָלט נאָך אויך דאָ אין אמעריקא געווען אַ מעגליכקייט צוריק אויפ־לעבען די היימישע „חברה קדישא" אונטער וועמעס אויפזיכט און יורידיקציע עס זאָל דורכגעפיהרט ווערען די אלע ענינים וואָס האָ־בען צו טאָן מיט'ן כבוד המת. עס וואָלטען דאן א סך פון די איבלען באַזייטיגט געוואָרען און עס וואָלט זיכער פאַרשאַפט פיעל כבוד די אידישע קהלות דאָ אין לאנד.

כדאי מען זאָל זיך דערין אביסעל פארטראַכטען.

כז

אידישקייט און מענשליכקייט

פאראן מאַנכע מענשען, און זיי צעהלען דוקא אַ היבש באַדייטענדע צאָל, וואָס דענקען און ווילען אנדערע אויך מאַכען צו דענקען, אז אידישקייט און מענשליכקייט זיינען צוויי גאנץ באַזונדערע זאכען וואָס זיינען ניט אָפּהענגיג איינס אין דאָס אנדערע. מען קען זיין, באַהויפּטען זיי, א גאַנץ פיינער איד און קיין „מענש" זאָל מען דאָך ניט זיין; דאָס הייסט, ניט באזיצען אין זיך קיין מענשליכקייט, ניט האָבען קיין פיינע מאניערען און קיין עדעלען כאראקטער. פון דער צווייטער זייט ווידער, קען מען זיך זיין אַ גאנץ פיינער מענש מיט א שעהנעם און נאָבעלעם כאראקטער, כאָטש פון אָפּהיטען אידישקייט זאָל מען זיין גענצליך וויט.

אָט די טעהאָריע, וואָס טיילט אָפּ איד פון מענש און מענש פון איד, שטיצט זיך אויף אַ באַקאַנטען שלאָגוואָרט, אַ פּראָדוקט פון דער השכלה פעריאָדע, וואָס זאָגט: „היה אדם בצאתך ויהודי באהליך" — זיי אַ מ ע נ ש אין גאס און א א י ד אין דערהיים.

איז די דאָזיגע טעהאָריע ניט בלויז פאלש, נור איז אויך געבויט אויף וויסטע עם־הארצות. דען אויב, לויט אָט די טעהאָריע, קען מען זיין א איד אפילו ווען מען באַזיצט ניט אין זיך קיין מענשליכקייט, באַווייזט עס אז די טרעגער פון דיזער אידיאלאָגיע ווייסען פּשוט ניט דעם אלף־בית פון אידישקייט. וואָלטען זיי עס יאָ געוואוסט, וואָלטען זיי אזא עם הארצות'דיגע באַהויפּטונג ניט געוואגט צו מאַכען, ווייל אפילו א בר בי רב דחד יומא וואָס האָט נור עטוואָס אַ באַגריף פון אידישקייט און וואָס האָט נור אַ שטיקעלע חומש געלערנט, דער ווייסט שוין אז אונזער תורה לערנט דעם אידען ניט בלויז אידישקייט נור אויך מענשליכקייט, און אז אלע ריין מענשליכע זיטען וואָס זיינען קלאסיפיצירט אין דעם טהייל מצוות וואָס

ווערען באַצייכענט אלס „מצוות שבין אדם לחבירו", זיינען פונקט אזא גלייכער טייל פון דער אידישער תורה, ווי יענער טייל מצוות וואָס געהער צו דער קלאַס פון „בין אדם למקום".

נאָך מעהר דערפון: דער „ואהבת לרעך כמוך" וואָס איז דער יסוד פון מענשליכקייט, איז פון די גרעסטע תורה אויטאָריטעטען, ווי רבי עקיבא און הלל הזקן, באַטראַכט געוואָרען אלס דער יסוד פון דער גאַנצער אידישער תורה. „לא תונו איש את עמיתו" איז פונקט אזא „לא תעשה" ווי דער „לא תבשל גדי בחלב אמו"; און דער „פתוח תפתח את ידיך" איז פונקט אזא מצות עשה" ווי דער „וקשרתם לאות על ידיך". מען קען דעריבער באין אופן קיין אמת'ער איד ניט זיין אויב מען באזיצט ניט קיין מענשליכקייט, און ממילא נעהמט דאָך שוין דאָס וואָרט „איד" אין זיך אריין דעם „מענש", טאָ ווי לאָזט זיך עס זאָגען אז עס קען זיין אידישקייט אָהן מענשליכקייט? דאָס איז פשוט אן אבסורד!

אויף וואָס מען דאַרף זיך יאָ אָפּשטעלען, איז דוקא אויף דער צווייטער העלפט פון דער דאָזיגער טעהאָריע, לויט וועלכע עס קומט אויס אז עס קען זיין „מענשליכקייט" אָהן „אידישקייט". דאָ, זעהט איהר, איז שוין יש מקום לבעל דין לחלוק אויף אונזער באהויפּטונג אז אויך אזא זאַך קען ניט זיין.

טעהאָרעטיש וואָלטען מיר אליין אויך געמוזט צוגעבען אז עס איז פאַראַן פּלאַץ פאר אזא סאָרט באַהויפּטונג. דען עס קען דאָך גאַנץ גוט מעגליך זיין אז דער וואָס איז אפילו מזלזל אין דעם טייל אידישקייט וואָס האָט צו טאָן דירעקט מיט דעם אידען, ווי צום בייּשפּיל: שבת, כשרות, תפילין, ציצית, מזוזה א. ד. ג. זאָל פונדעסטּוועגען באַזיצען אן עדעלעם כאַראַקטער מיט א פיהלענד מענשליכע האַרץ, וואָס זאָל איהם באַוועגען אויסצופילען און נאָכקומען די אלע אַנדערע געזעצען וואָס האָבען צו טאָן מיר דער מענשליכער סאָציאַלער זייט פון לעבען. איז קיין איד קענען מיר איהם אפשר ניט אָנּרופען, כל זמן ער קומט ניט נאָך אויך יענעם טייל פון דער תורה וואָס איז ספּעציפיש אידיש; אָבער אלס מענש לפחות קען מען דאָך איהם יאָ פאַררעכענען, און פון דאָס מענשליכע אמווייניגסטענס דאַרף מען דאָך איהם ניט באַרויבען.

איז טאַקע טעהאָרעטיש אפשר יאָ פאראן א פלאץ פאר אזא באהויפטונג; לפחות לאָזט זיך עס דיסקוטירען. פּ ר א ק ט י ש אָבער קענען מיר דארויף אויך ניט באשטעהן, און מיר מוזען אויך ד ע ם טייל פון דער באהויפטונג אָפּפרעגען און ערקלעהרען אלס ניט ריכ־טיג.

די פּראקטישע זייט פון לעבען האָט באוויזען, אז דאָרט וואו עס פעהלט דאָס וואָס מיר רופען א י ד י ש ק י י ט, קען מען שוין אויך ניט לייגען קיין געוויכט אויף דאָס וואָס מיר רופען מ ע נ ש ל י כק י יט.

פאראן א שעהנער וואָרט פון דעם גאון רבי משה טייטעל־בוים, באקאנט אלס דער אוהעלער רב און מחבר פון דעם באריהמטען ספר „ישמח משה”. זאָגט דער דאָזיגער גאון אויף דעם פסוק אין דער תורה: „ומעלה מעל בה׳ וכחש בעמיתו”, אז אין דיזען פסוק איז דאָ א סימבאָלישע אָנדייטונג אז דאָרט וואו ס׳איז „ומעלה מעל ב„ה׳”, וואו עס איז דאָ פעלשונג אין דעם „בה׳”, אין דעם חלק מצוות פון בין אדם למקום, דאָרט איז אויך „וכחש בעמיתו”, איז אויך פאראן פעלשונג אין דעם חלק פון בין אדם לחבירו. אין אונזער שפּראך מיינט עס אז דאָרט וואו עס פעהלט א י ד י ש ק י י ט, דאָרט פעהלט אויך מ ע נ ש ל י כ ק י י ט.

און אויב פון פסוק לערנען מיר עס נור אָפּ בדרך רמז; איז פון לעבען אָבער זעהען מיר עס אָרויס באשיינפּערליך.

די גאנצע מענשליכע געשיכטע, איז א באשטעטיגונג דארויף. אָבער נאָכוואָס בלעטערען די געשיכטע אויף צוריק און זיך גריבלען אין די אַרכיוועז פון דער אוראלטער פאַרגאַנגענהייט, ווען די געגענ־וואַרט איז אזא הויך שרייענדיגער עדות וואָס „שטעכט אוים די אוי־גען” אָט די אַלע פאַלשע טעהאָרעטיקער וואָס ווילען, זיך און אַנדערע איינשמועסען, אַז עס קען זיין מענשליכקייט אָהן אידישקייט.

אָט לעבען מיר היינט אין אזא צייט ווען די גאנצע מענשליכע וועלט האָט שוין דוכט זיך דערגרייכט דעם העכסטען שטאפעל פון ציוויליזאציע, און וואָס הייסט דען ציוויליזאציע אויב ניט מענש־ליכקייט? דאָס וואָרט „מענשליכקייט” ווערט דאָך דוכט זיך געטראָ־גען אויף אלעמענס ליפּען. אלע פּרעדיגער, פון דעם גייסטליכען אין דער קירך ביז דעם „טאוסט רעדנער” ביים „לאָנטשעאָן”; פון דעם

פּאַרלעמאַנטאַריער אין די „האוז אָף רעפּרעזענטעטיווס" ביז דעם „עלעקשאָן קאָמפּיינער" אויפ'ן „סטריט קאָרנער" און פון דעם „סאַשל וואָירקער" ביז דעם „פראַטוירניטי לאדזש ברודער" — אַלע, אַלע, טוען זיך דאָך פּשוט ניט קיין ריהר אָהן די שעהנע גאָלדערנע פראַזען פון „בראָדערהוד" און „יומאַניטי" (ברידערליכקייט און מענשליכקייט). עס דוכט זיך אוים אַז די מאָדערנע ציוויליזירטע וועלט איז פאַר אונז געוואָרען אַ „בית שכולו תכלת"; אַז די „מענשליכקייט" האָט אונז אלעמען איינגעהילט אין איהר דאָזיגען תכלת-טלית; מיר זיינען אריינגעקראָכען אין איהר מיט דער קוטשמע און מיט די שטיבעל, להבדיל ווי דער באַרדיטשעווער פלעגט זאָגען מכח דער אידישער סוכה.

דערלאַנגט מען אָבער אַ קוק יעדער פריהמאָרגען אויף די גרויסע סענסאַציאָנעלע „קעפּ" פון די „פראָנט פּיידזשעס" פון די ציטונגען און מען האָט פאַר זיך לעבעדיגע אילוסטראַציעס פון „ציוויליזאַציע" און פון „מענשליכקייט"...

וואָרום וואָס דען קענען די „מעסערשמידס", די „באָמבערס", די לופט מחבלים און די ים משחיתים פאַרזייהען אויב ניט „ציוויליזאַציע" און „מענשליכקייט"? און מיט וואָס דען קען מען באַצייכענען די מיליאָנען מענשען שקלאַפען אין אייראָפּעאישען גיהנום אָדער די האָלסייל שחיטות אין רומעניע, אין ליטע, אין פראַנקרייך און אנדערשוואו, אויב ניט מיט ציוויליזאַציע און מענשליכקייט?... און מיט וואָס אנדערש קענט איהר אָנרופען די קאָנצענטראַציע לאַגערען, די געלע לאַטעס, די הונדערטער געטאָס אין ווארשא, לובלין, קאָוונע און לעמבערג און די טויזענטער הרוב געוואָרענע שוהלען, פאַרניכטעטע שפּיטאָלען און פאַרברענטע הייזער, אויב ניט מיט די שעהנע ווערטער פון ציוויליזאַציע און מענשליכקייט?...

איז נאָך דאָס אלעס ניט קיין גענוגענדע איבערצייגונג אז אויף „מענשליכקייט" אליין קען מען קנאַפּ וואָס בויען? און איז נאָך דאָס אלעס ווייניג באַוויז אז מענשליכקייט אליין איז ניט מעהר ווי אַ פּוסטע פראַזע, אַ פּסול'ע מטבע פון אַ לאַנג באַנקראָטירטער פירמע?...

איז קוים נויטיג, גלויבען מיר, נאָך אנדערע ראיות צו באַווי

זען די פאַלשקייט אויך פון דער צווייטער העלפט פון דער דערמאָנ־טער השכלה פראַזע, וואָס פּרעדיגט די זייט פון מענשליכקייט, און מאַכט עס אלס אן אומאָבהענגיגער טייל פון דעם „יהודי באהליך".

ניין, מענשליכקייט אליין, אויב עס איז ניט געבויט אויף די יסודות פון אידישקייט, אויף די פונדאמענטאַלע פּרינציפּען פון תורה און רעליגיע, קען זי קיין קיום ניט האָבען, זי צופאַלט ווי אַ קאָרטען שטיבעל, פאַרשווינדט אין דעם באָמבען רויך און פּלאַצט ווי אַ זייפענבלאָז.

און דאָס דאַזיגע לאָזט זיך טאַקע אויך לאָגישערווייזע ערקלערען פאר וואָס עס איז אזוי:

דער אונטערשיד פון מענשליכקייט און אידישקייט באַשטעהט אין דעם, וואָס ווערענד דאָס ערשטע ווערט קאָנטראָלירט און דיקטירט פון דעם מענש אליין און האָט גאָר ניט צו טאָן מיט אמונה, ווערט דאָס צווייטע דורכאויס קאָנטראָלירט און דיקטירט פון געטליכער אמונה, פון געטליכער דיסציפּלין. דער אונטערשיד איז אַ גאַנץ גרויסער. דאָרט וואו דער מענשליכער שכל איז דער דאָמינירנדער פאַקטאָר, קען מען דארויף קיין גרוים געוויכט ניט לייגען. דער מענשליכער שכל איז א באַגרעניצטער, איז ער דעריבער אויך באַגרעניצט אין זיין דיקטאַציע. היינט דיקטירט דער שכל אזוי צו טאָן, אזוי צו האנדלען, און מאָרגען קומען אנדערע ווינטען, אנדערע אומשטענדען און אַנדערע לעבענסבאַדינגונגען און דער שכל דיקטירט שוין אנדערש; און ממילא דער יעניגער מענש וואָס דינט נור צום שכל, בויגט זיך נאַטירליך אויך אין יענער ריכטונג וואו דער בויגזאמער שכל האָט זיך איצט אוועקגעשטעלט; און דאָס וואָס איז נעכטען און אייערנעכטען אויסגעקומען צו זיין ניט־שכל'דיג, קומט היינט און מאָרגען גראדע אוים צו זיין יאַ־שכל'דיג.

שכל'דיגע האנדלונג איז דעריבער בלויז אַ מין שטימונגס האנדלונג. דען פונקט ווי שטימונגען וועלכע זיינען סענטימענטאַלע הארץ פּראָדוקטען, האלטען זיך שטענדיג אין איין אומבייטען, אזוי איז אויך דער שכל וואָס איז אַ פּראָדוקט פון מארך, ווייל אויך דער מענשליכער דענקונגס אַפּאַראַט איז ניט קיין פעסטגעשטעלטער און לאָזט

זיך אומבייטען הין און הער לויט לעבענסבאַדינגונגען און אומשטענ־
דען.

דאָרט אָבער וואו אמונה איז דער דאָמינירענדער פאַקטאָר, דאָרט איז שוין די לאַגע אין גאַנצען אַנדערש. אמונה איז שוין ניט אַ זאַך פון שכל, און דאָרט וואו עס איז דאָ אמונה ווערט שוין דער שכל אין גאַנצען באַזייטיגט. דער שכל ווערט אַ שקלאַף צו דער אמונה און מוז זיך אונטערוואַרפען איהר דיסציפּלין און איהרע דיק־טאַציעס, אָהן אונטערשיד צו ער, דער שכל, איז יאָ מסכים אָדער ניט.

אידישקייט איז דער יסוד פון אמונה, און דערפאַר דאָרט וואו עס איז פאַראַן אידישקייט מוז אויך זיין מענשליכקייט. וואו עס איז אָבער קיין אידישקייט ניטאָ און דער פונדאַמענט פון אמונה האָט זיך ארויסגעגליטש פון אונטער די פיס, דאָרט איז דאָס מענשליכקייט ווערטלאָז און איז יעדער מינוט עלול צו פאַלען אַ קרבן טאַקע פון דער מענשליכקייט אליין...

דער „יהודי״ ענטהאַלט אין זיך דעריבער אויך דעם „אדם״ וועהרענד דער ״אדם״, ניט נור וואָס ער ענטהאַלט אין זיך ניט דעם „יהודי״, נור אפילו זיין אייגענעם „אדם״ אויך ניט...

דאָס דאָזיגע וואַרפט שוין אויך אַ ליכט אויף דער טראַגי־שער געשיכטע וואָס ווערט באַשריבען אין איינעם פון די ווייטער־דיגע קאַפּיטלאַך (זעה קאַפּיטעל לא) וואו עס איז ארויסגעבראַכט גע־וואָרען דער אומפאַרשטענדליכער פאַל ווי אַן אייגענע מוטער זאָל קע־נען זיין אזוי ברוטאַל און אזוי אוממענשליך צו איהר אייגען קינד, איהר אייגען פלייש און בלוט און ניט באַזיצען אין זיך קיין פונק פון רחמנות.

מיר האָבען געזוכט דעם „באַציל״ צו דער דאָזיגער געהיימער קראַנקהייט. אין דיזען קאַפּיטעל געפינען מיר דעם ענטפער. דען מיר דאַרפען ניט פאַרגעסען אַז דאָס וואָס מיר געפינען אין כלל, קען מען אויך געפינען אין פרט; און דעריבער מוז די מענשליכקייט פון דעם פרט, פון דעם איינצעלנעם מענשען, אויך געשטעלט ווערען אונטער דער שטרענגער דיסציפּלין פון אמונה. די העלדין פון יענעם קאַפּי־טעל איז אָבער קענטיג ווייט געווען פון דער דאָזיגער אמונה, און

דעריבער איז איהר אַזוי גערופענע מענשליכע זייט אויך געוואָרען באַנ־קראַט, און געפאלען אַ קרבן פון איהר אמונה׳לאָזיגקייט.

דער פועל יוצא פון דעם אלעמען איז אז מיר דארפען זיך אָנ־האלטען מיט פעסטע קייטען אין אונזער טראדיציאָנעלער אידיש־קייט. לאָמיר זיין גוטע א י ד ע ן וועלען מיר שוין ממילא אויך זיין גוטע מ ע נ ש ע ן.

כח

בילדונג און כאַראַקטער

מען דערציילט פון אַ גרויסען רבי'ן וואָס האָט אמאָל באַמערקט ווי זיין תלמיד איז שטאַרק אויפגעלייגט; עפּעס האָט זיין פּנים געשטראַלט מיט פרייד און איז געוועזן זעהר „בגלופינ'דיג". דער רבי רופט איהם צו און פרעגט איהם: „לשמחה מה זו עושה?", וואָס ביסטו עפּעס היינט אזוי פרעהליך?

אָה, רבי, ענטפערט דער תלמיד, דאָס איז דערפאַר וואָס איך האָב היינט פאַרענדיגט און אויסגעלערנט די מסכת ברכות.

אזוי גאָר! — זאָגט דער רבי צו איהם — דו האָסט אויסגעלערנט די מסכת ברכות, וואָס אָבער האָט די מסכת ברכות דיך אויסגעלערנט?...

איז דעם רבינ'ס פראגע ווערט פאַרצייכענט צו ווערען, עס איז קלאַסיש.

יאָ, ניט ווייניג זיינען זיי אָט יענע יונגעלייט פון אונזער שטודירענדער יוגענט וואָס געהען זיך ארום שטענדיג מיט אַ מינע פון „שישו בני מעי" און ווייסען אליין ניט מיט וואָס זיך צו קאָמפּלימענטירען פאַר זייער גרויסער עררייכונג אויף דעם געביט פון בילדונג. מען קען כמעט אין זייערע דלד אמות ניט שטעהן, זיי קוקען אויף אלעמען פון אויבען אראָפּ. עפּעס אַ קלייניגקייט! כ'האָב שוין מיין „בעטשלערס דיגרי"; אָט נאָך אַ יאָהר און איך באַקום אויך מיין „מאַסטערס דיגרי" — איז, מי ידמה לי ומי ישוה לי!

היינט ווער שמועסט פון יענע וואָס טראָגען זיך שוין ארום מיט עטליכע דיפּלאָמען אין קעשענע; ביי זיי ליגט דאָך שוין געוויס די גאנצע וועלט אונטער'ן קנאַפּעל...

אָט צו אַ גרויסען טייל פון אזעלכע יונגעלייט, וואָלט, גלויבען

מיר, געווען אין פלאץ זיי צו שטעלען די אויבענציטירטע רבי'שע פראגע: דו פרעהסט זיך יונגערמאן מיט דיין גרויסע ערררייכטע עד-יוקאציע, מיט דיין גרויסע וויסענשאפט וואס דו האסט אויסגעלערנט און מיט דיין גרויסע חכמה וואס דו האסט ערוואָרבען. זאג נור אבער, טייערער, וואס האט די וויסענשאפט דיך אויסגעלערנט?! ביסטו געוואָרען א שעהנערער און בעסערער מענש ווי פריהער? האט דיין בילדונג אויך אויסגעשליפען דיין כאראקטער אזוי ווי עס האט אויס-געשליפען דיין שכל? ביסטו אויך רייכער געוואָרען אין מענשליכע זיטען אזוי ווי אין מענשליכען וויסען? האט דיין מענשליכע הארץ אויך געגאָסען פון דיין שטודירען?

מיר גלויבען קוים אויב דער גרעסטער טייל צו וועמען די דאָזיגע פראגען וואָלטען געשטעלט געוואָרען, אויב זיי וואָלטען גע-קענעט געבען צופרידענשטעלענדע ענטפערם...

יאָ, עס שיינט אז בילדונג און כאראקטער זיינען ניט קיין שמות נרדפים, אז וויסענשאפט און נאָבעלקייט געהען ניט אָפט האנט און האנט, און אז נאָך דעם ווי מען האט זיך שוין ערוואָרבען אזוי פיעל ידיעות, איז מען נאָך אלץ געבליבען בארויבט פון איין ידיעה וואס איז וויכטיגער פון אלע ידיעות צוזאמענגענומען, ניט קו-קענדיג ווי אומבאַדייטענד און אומוויכטיג די דאָזיגע ידיעה זאָל ניט אויסזעהן אויף דער אויבערפלעכע.

מיר מיינען דערמיט די ידיעה פון „דע את עצמך"; דער מענש זאָל זיך קענען, זיך אליין האָבען אויסגעשטודירט. דיזער שטודיום שיינט צו זיין דער שווערסטער פון אלע, אָבער דער וויכטיגסטער פון אַלע, ווען אפילו מען באַקומט דערפאַר ניט קיין אוניווערזיטעט די-פלאָמע...

און ווי שעהן קלינגט, אין פארבינדונג דערמיט, דעם תנא'ס ווערטער ווען ער זאָגט: „מוטב שיהיה שוטה גמור כל ימי חייו ובלבד שלא יהא רשע שעה אחת לפני המקום", בעסער צו זיין אַן אייביגער שוטה, אַן אונוויסענדער איידער צו זיין אפילו איין שטונ-דע אַ שלעכטער און פאַרדאַרבענער.

מיר טרעפען גאנץ אָפט יונגעלייט וואס זיינען אָנגעגורט מיט

אַ סך וויסען, באוואפענט מיט א גרויסען באַגאַזש פון געלערזאמ־קייט אָבער זיינען דורכאויס פארדאָרבען אין כאראקטער, און ניט נור באַגעהען זיי זיך ניט עדעל און מענשליך אין דער געזעלשאַפט נור אפילו אויך אין זייערע אייגענע היימען; ניט נור איז זייער באַ־ציהונג צו פרעמדע מענשען ניט אזא עדעלע נור אפילו די באַציהונג צו אייגענע עלטערען אָדער צו דער אייגענער פרוי איז דורכאויס אַ גראָביאנסקע.

און ניט איינמאָל טרעפט עס ווען אַן אָרעמער טאַטע, אַ פּראָס־טער בעל מלאכה, וואָס ארבייט מיט שוויים און בלוט אויפ'ן ביסען ברויט, איז זיך פונדעסטוועגען מוסר נפש אויף צו געבען דעם קינד אַ גוטע ערציהונג, איהם מאַכען פאר אַ מענשען; שפּאָרט אָפּ פון דעם אָרעמען ביסען, אנטזאגט זיך פון אלע מענשליכע פארגעניגענס און לוקסוס אום צו קענען געבען דעם קינד א קאלעדזש בילדונג, איהם געבען די מעגליכקייט אויסצושטודירען פאר אַ דאָקטער, אַ לאָיער אָדער וועלכע עס איז אנדער פרייע פּראָפעסיע. און ווי גרויס איז דעם טאַטענס פרייד און דער מאַמעס גדולה ווען זיי האָבען שוין ענדליך דערלעבט צו זעהן דעם זוהנ'עלע אַן אויסגעשטודירטען, איהם שוין פאר אַ מענש געמאַכט, כאָטש צו דער זעלבער צייט זיינען זיי אַליין שוין אוים־מענשען געוואָרען . . .

און טאַטע־מאַמע טראַכטען ביי זיך: נו, געלויבט דער וואָס לעבט אייביג, שוין אַ שטיקעלע נחת דערלעבט; דער זוהנ'עלע וועט אונז שוין איצט אָפּצאָלען פאר אונזער מיה און פּראַצע; ער וועט אונז שוין צו טיילען כבוד וואָס וועט זיין אַ באלוינונג פאר אונזער פּיין און שמערץ וואָס מיר האָבען אזוי פיעל געהאַט דורכצולייִדען אויפ'ן חשבון פון זיין איצטיגער גדולה.

יאָ, אזוי טראַכטען זיך די אָרעמע עלטערען. דאָס איז זייער באַרעכטיגטער וואונש, אָבער ניט זעלטען אז זיי ווערען שרעקליך אנטוישט; ניט זעלטען אז פון אלע זייערע גאָלדענע חלומות וועלכע זיי האָבען אזוי פיעל יאָהרען געוועבט און געשפּינט, לאָזט זיך דער־נאָך אויס גאָר אַ טייך, און אָנשטאָט אָפּצוצאָלען טאַטע־מאַמע דעם געהעריגען לוין פאר דאָס וואָס זיי האָבען געטאָן פאר זיי, צאָלט

מען זיי גאַר אָפּ מיט שטיינער. דער אויסגעשטודירטער זוהנ'על הויבט זיך גאַר איצט אָן צו שעהמען מיט די פּראָסטע אומגעבילדעטע טאַטע־מאַמע, עס שטעהט איהם גאַר ניט אָן מיט זיי צו פארקעהרען און באַטראַכט זיי גאַר פאַר אַ לאַסט אויף זיינע פּלייצעס און עפּעס ווי אַן אָנשיקעניש אויף זיין לעבען.

זייטיגע קוקען עס צו און גאַפען מיט פארוואונדערונג פון וואַנען נעהמט זיך עס? סטייטש, פרעגען זיי, איצט אז דער זוהן איז שוין אַן אויסגעשטודירטער, אַן אויסגעבילדעטער, האָט ער דאָך ערשט דוקא מעהר געדאַרפט וויסען ווי צו שעצען און רעספּעקטירען די עלטערען, ניט נור דערפאַר וואָס נור א דאנק זיי, זיינע עלטערען, האָט ער די דאָזיגע בילדונג עררייכט נור טאַקע פּשוט צוליב די בילדונג גופא אָן און פאַר זיך וואָס האָט דאָך איהם מעהר קלוגשאַפט און מעהר אינטעליגענץ געגעבען.

מאַכען אָבער די דאָזיגע מענשען אַ קארדינאַלען טעות אין גאַנצען פשט. וויסענשאַפט און אינטעליגענץ זיינען גאַר צוויי באַזונדערע זאַכען, און איינס מיט דאָס צווייטע האָט גאַר קיין שייכות ניט. בילדונג און כאַראַקטער האָבען גאַר ניט קיין געמיינשאַפטליכעס צווישען זיך, און מען קען זיך זיין העכסט געבילדעט און דאָך בלייבען אַ כאַמוליע אין וואָס אָנבאַלאַנגט מאַניערען און זיטליכקייט.

און אָט האָבען מיר פאַר זיך איינעם פון הונדערטער פאַלען וואָס אילוסטרירט אמבעסטען די ריכטיגקייט פון דער דאָזיגער הנחה.

אַ פרוי האָט אַראָפּגעבראַכט פון אייראָפּא אַ שוועסטערס א קינד, א יתומה, און האָט עס אַדאָפּטירט און ערצויגען ביי זיך אין הויז ווי אַן אייגען קינד. דאָס מיידעל איז געווען זעהר אַ געראָטענע סיי פיזיש און סיי גייסטיג; האָט גוט געלערנט און זיך וואונדערבאַר אַנטוויקעלט. ווען זי איז אויסגעוואַקסען האָט זיך אין איהר פאַרליבט טאַקע איהר אייגען שוועסטערקינד, איהר טאַנטעס בחור'ל מיט ועמען זי האָט זיך צוזאמען אויפגעהאָדעוועט. די עלטערען פון דעם בחור זיינען גראדע ניט געווען שטאַרק צופרידען פון דעם דאָזיגען שדוך; ביי זיי איז אויסגעקומען אז די מיידעל איז ניט אמעריקאַניש גענוג פאַר זייער זוהנ'על, און אגב האָבען זיי ערוואַרטעט

צו קריגען פאר זייער זוהן א כלה מיט א פעטען נדן, אָבער דער בחור אליין האָט זיי אולטימאַטיוו ערקלעהרט, אז טראַצדעם וואָס ער איז גרייט זיי געהאָרכזאַם אויסצופאָלגען אין אַלע אַנדערע ענינים, קען ער אָבער אין אָט דעם ענין זיך בשום אופן ניט אונטערוואַרפען זייער באַגעהר, ווייל ער איז שטערבליך פארליבט אין זיין קוזינע, און דיינקט אז קיין שעהנערם און בעסערם איז גאָר אויף דער וועלט ניטאָ.

צו פיעל דאַגעגען האָבען די עלטערען ניט געוואָלט זיין, ווייל נאָכאלעמען איז דאָך דאָס מיידעל אויך געווען זייער אייגענס; זיי האָבען זיך דאָך פאר איהר אזוי פיעל אויסגעבראכט און האָבען דאָך איהר טאַקע אויך זעהר ליב געהאט, האָבען זיי דערפאַר ענדליך געגעבען זייער צושטימונג, און מיט טאַטע-מאַמעס ברכה זיינען די צוויי געראָטענע פארליבטע קינדער געגאנגען מיט מזל צו דער חופה.

דער יונגערמאַן וועלכער האָט שוין דאָ געהאַט געענדיגט זיין שטודיום, האָט נאָך דער חתונה אויסגעדריקט זיין וואונש צו פאָהרען אין ענגלאנד זיך צו פארפאָלקאָמען אין א העכערען קורס. דאָס יונגע ווייבעל האָט איהם אפילו פּרובירט אָפּריידען דערפון, און גע'טענה'ט אז אין די אמעריקאנער אוניווערזיטעטען איז נאָך אויך דאָ גענוג פּלאַץ אויף אויפצונעהמען העכערע קורסען, און עס איז לחלוטין ניט נויטיג פאר דעם צוועק צו פארלאָזען אויף עטליכע יאָהר די היים און אזש לויפען מעבר לים; אָבער זעהענדיג אז דאָס איז איהר מאנס פעסטער באַשלוס, האָט זי באין ברירה מסכים געווען און דער יונגערמאַן האָט זיך גענומען גרייטען צו דער רייזע. ביז וואָס-ווען, איז שוין דערווייל אונטערגעקומען א ניי געבאָרען מיידעלע, און אונזער ליעבע-העלד האָט שוין זיך געדארפט אָפּשיידען צייטווייליג ניט נור פון זיין ליעבע פרוי נור אויך פון זייער ליעבעס קינד. אָבער אז מען רעדט וועגען בילדונג און דיפּלאָמען איז דאָך ניט שייך. אזעלכע אמביציעס וועגען אלצדינג אריבער; און אונזער באַלעבעסעל, גע-טרייער מאן און ליעבער פאָטער, איז מיט מזל אוועקגעפאָהרען קיין לאָנדאָן.

עס איז איבעריג צו זאָגען אז די ערשטע צייט פלעגט ער ממש פארפלייצען מיט בריף, און די אלע ברענענדיגע ליעבעס גע-

פיהלען צו וועלכע ער האָט ניט געהאט קיין מעגליכקייט צו געבען שריפטליכען אויסדרוק אין דער צייט ווען זיין ליעבע האָט אַנגעהויבען צו בליהען און צייטיג צו ווערען, דערפאר וואָס ער איז דאָך דעמאָלט פאקטיש געווען מיט זיין „שולמית״ אין איין הויז, האָבען די דאָזיגע ליעבעס געפיהלען איצט געקראָגען זייער תקון אין די טאָג טעגליכע בריף וועלכע האָבען געשטראָמט פון לאָנדאָן קיין נויאָרק, און געוויס האָט דאָס ווייבעל אַנגעקוואָלען און געשעפט אַהן אַ שיעור נחת. זי האָט שוין אפילו געטראכט אז אפשר איז שוין צו־ליב דעם אליין כדאי געווען זיין נסיעה... און האָט שוין געהאט אַביסעל פארדרוס אויף זיך אליין למאי זי האָט איהם דערפון גע־וואָלט אָפּריידען.

מיטאמאָל אָבער איז „וישוכו המים״. דער גרויסער בריף־מבול האָט פלוצלונג אָנגעהויבען אראָפּגעהן, פריהער, פון יעדען טאָג צו איינמאָל אין דריי טעג, דערנאָך צו איינמאָל אַ וואָך, איינמאָל אין צוויי וואָכען, איינמאָל אַ חודש ביז עס האָט שוין דערגרייכט צו איינ־מאָל אין דריי חדשים...

עס איז געוואָרען אַביסעל קאלמוטנע אויפ׳ן הארצען סיי ביי דאָס ווייבעל אליין און סיי ביי די טאַטע־מאַמע. עפּעס האָט מען פאר־שטאַנען אַז דער עסק איז דאָ ניט אזוי גלאַט; די אָנגעגעבענע תירו־צים אין די בריף זיינען ניט געווען איבעריג אַפּעלירענד, און בים־לעכווייז איז די קאַץ אַרויס פון זאַק און דער סוד איז כמעט אַנטפּלעקט געוואָרען.

דאָס איז גראדע געקומען אין אַ צייט ווען דער יונגערמאַן איז נור וואָס געהאט געווען צו גאַסט אהיים אויף זיין וואקאַציע, און בלויז איניגע טעג נאָך זיין צוריק רייזע וואו ער האָט נאָך געהאַט בלויז אַ האלב יאָהר צו ענדיגען זיין „פּאָסט גראַדואייט״ קורס, איז דאָס דאָזיגע געשעהן, ווען דאָס ווייבעל האָט געפונען אַ ליעבעס בריף וואָס דער יונגערמאַן האָט אומפאַרזיכטיג פארלאָרען. דער דאָזיגער בריף איז געווען געשריבען פון זיינע אַ לאָנדענער קלאַס חבר׳טע וואָס שטודירט צוזאַמען מיט איהם און קענטיג אַז אויך ניט קיין אידישקע, און פון דעם דאָזיגען בריף איז מיטאַמאָל אַלץ קלאָהר געוואָרען.

מיר ווילען דאַ איבערהיפּען אויף אַ שטיק געשיכטע וואָס איז אין דער צווישען-צייט פאַרגעקומען. דאָס איז ניט אזוי וויכטיג. די אונטערשטע שורה איז געווען אז ביים צוריקקומען פון לאַנדאָן האָט ער טאַקע מיטגעבראכט מיט זיך א גרויסע דיפּלאָמע אָבער גלייכ-צייטיג מיט׳ן געווינען די גרויסע דיפּלאָמע האָט ער פארלוירען דאָס גאנצע ביסעל מענשליכקייט, ער איז שוין מעהר ניט געווען דער לי-בענדער געטרייער מאן פון מיט זעקס יאָהר צוריק און אין שטוב האָט שוין געהערשט ממש חושך. יענער לאָנדאָנער „עץ הדעת״ פון דעם גרויסען אוניווערזיטעט, האָט ארום זיך אויך אויסגעהאָדעוועט אַ „שלאנג״ אין געשטאַלט פון אַ שיקסע און די דאָזיגע שלאנג האָט שוין אין איהם איהר גיפט אריינגעבלאָזען און עס האָט שוין געהאל-טען ביי א פולשטענדיגען חורבן.

גליקליכערווייזע, און מיט דער הילף פון השם יתברך, האָט אונזער אַריינמישונג אין דער זאַך געענדערט די סיטואַציע. מיר האָ-בען געהאַט מיט דעם יונגערמאַן אַ רייהע פון געשפרעכען און וויל בעצם איז דער יונגערמאַן אליין ניט געווען פון די פארדאָרבענע כא-ראַקטערע, און ס׳איז אין זיין פאַל בלויז געווען צופעליגע אומשטענדען וואָס האָבען איהם דערפיהרט דערצו, האָט זיך אונז דעריבער, ווי גע-זאָגט איינגעגעבען איהם מחזיר למוטב צו זיין. עס איז אמת ניט אזוי גרינג אָנגעקומען; עס האָט געקאָסט פיעל צייט, מיה און אָנשטרענ-גונג, אָבער אלץ האָט זיך געלוינט אום אָפּצוראַטעווען אזא באמת שעהנע און נאָבעלע פאמיליע פון רואינע און אונטערגאנג.

מיר האָבען אָבער די דאָזיגע געשיכטע דערציילט און פאר-צייכענט, כדי עס זאָל דינען אלס באַשטעטיגונג צו די הנחות און אמת׳ן, וואָס זיינען אין דעם דאָזיגען קאפּיטעל ארויסגעבראכט גע-וואָרען, און נעמליך, אז בילדונג און כאראקטער, וויסענשאַפט און מאָראל, געלערזאמקייט און מענשליכקייט, שטאַמען ניט פון איין קוואל און געהען ניט תמיד האַנט און האַנט. מען קען אויסלערנען גאַנצע תורות און דאָך זאָלען די דאָזיגע תורות דעם מענשען גאָר ניט אויסלערנען...

געדעכט איז געווען יענער רבי מיט זיין נאאיווע און תמימות׳-דיגע פראגע:

„דו האָסט אויסגעלערנט מסכת ברכות אָבער וואָס האָט מסכת ברכות דיך אויסגעלערנט?" עס דאַרף נור צוגעגעבען ווערען אז גראַדע מסכת ברכות אזוי גוט ווי אונזער גאַנצע אידישע תורה ביל־דעט שוין דוקא יאָ אוים דעם מענשליכען כאַראַקטער. פון אונזער תורה קען מען שוין גראַדע יאָ איבערשמידען די מענשליכע נשמה אָבער נאַטירליך נור ווען מען טרעט צו צו איהר מיט אַזאַ רצון און מיט אַזעלכע זויבערע כוונות.

כט

ג ע ו ו י ס ע נ ס ב י ס ע

געוויסענסביסע, אָדער ווי עס רופט זיך אין העב־רעאיש „מוסר כליות" איז אַ עכט שעהנע מדה. דאָס איז אייגענטליך אביסעל אנדערש פון אַנדערע שעהנע מדות, דערפאר וואָס דאָס איז אויך פארבונדען מיט אַ שאָטענדיגער זייט. רחמנות צום ביישפּיל איז ניט קיין פּראָדוקט פון שלעכטס; אדרבה עס איז א פּראָדוקט פון אַ נאָבעלע נשמה, פון א מיטפּיהלענדע הארץ און עס איז אזוי צו זאָגען „הורתה ולידתה בקדושה". אזוי אויך מיט אנדערע מדות טובות ווי: ביישנות, צניעות, ענוה וכדומה.

מיט „געוויסענסביסע" איז שוין די זאך אנדערש. דאָס איז שוין ניט כולו קודש און איז דוקא ניט פון קיין שעהנעם אָפּשטאַם; ס'איז אַ מין „טהור היוצא מן הטמא"; דען עס קען דאָך ניט זיין קיין געוויסענסביסע וואו פריהער זאָל ניט האָבען געוועזען עפּעס אַ שלעכ־טע האַנדלונג, א מיאוס'ער אקט. איז דעריבער, אויב ביי די אנדערע אויסגערעכענטע מדות מעג מען זיך ווינשען זיי צו באַזיצען און זיי זיינען גוט אפילו לכתחילה, איז אָבער מיט געוויסענסביסע ניט אזוי דער פאַל. ביי דעם איז ניט שייך זיך צו ווינשען מיט דעם; דאָס וואָלט הייסען ווי מען ווינשט זיך פריהער צו באַגעהן אַ פאַרברעכען כדי עס זאָל נאָכהער קענען קומען דאָס געוויסענסביסע... איז עס דעריבער נור אַ מין ד י ע ב ד זאך.

איז עס פונקט ווי מיט „תשובה" למשל וועלכעס איז דאָך אייגענטליך איינע פון די תרי"ג מצות, פונדעסטוועגען וואָלט פיעל גלייכער געוועזען אז מען זאָל גאָר ניט דארפען קומען צו דער דאָזיגער מצוה. בעסער גאָר ניט צו זינדיגען ווען מען פארשפּאָרען תשובה טאָן.

מיר זיינען דאָך אָבער ניט מעהר ווי זינדיגע בשר ודם'ניקעס,

ערדישע מענשענקינדער און ניט קיין הימלישע מלאכים, און עס איז כמעט אן אוממעגליכקייט אז א מענש זאָל זיין כולו זכאי. עס איז דאָך „כי יצר לב האדם רע מנעוריו" און „כי אין אדם צדיק בארץ אשר יעשה טוב ולא יחטא"; האָט אונז דער רבונו של עולם דערפאר אין פאָראויס באַזאָרגט מיט גייסטיגע הייל מיטלען דורך וועלכע דער מענש זאָל זיך קענען גייסטיג אויסקורירען אין פאַל ער האָט זיך מיט עפּעס פארזינדיגט.

און דאָס וואָס „תשובה" איז צווישען מ צ ו ת, דאָס זעלבע איז „געוויסענסביסע" צווישען מ ד ו ת; און אקוראט ווי תשובה זאָגט עדות אויף דעם באַטרעפענדען בעל תשובה אז ער איז נאָך ניט אין גאנצען פארדאָרבען, און אז די באַגאַנגענע עבירה איז גיכער געוועזען אַ פראָדוקט פון נאַרישקייט איידער פון רשעות, אזוי איז געוויסענסביסע אויך אַ באַווייז אז מען האָט דאָ צו טאָן מיט אַ מענשען וואָס איז ניט כולו חייב נור מיט אַ גייסטיגען שוועכלינג וואָס איז צייטווייליג נכשל געוואָרען, אָבער ס'איז נאָך ניט כראָניש.

און אויב מיר טיילען אָפּ געוויסענסביסע פון תשובה כאָטש אויבערפלעכליך קוקען זיי אויס צו זיין איינס און דאָס זעלבע, דען תשובה קומט דאָך אייגענטליך אויך פון געוויסענסביסע און די פאַרמולע פון תשובה, לויט די גמרא און רמב"ם, איז דאָך „חרטה לשעבר וקבלה להבא" און חרטה און געוויסענסביסע איז דאָך היינו הך, און אויב מיר טיילען זיי דאָך פאנאנדער איז עס דערפאר וואָס מיט תשובה קומט דער אמת'ער תקון צו דער באַגאַנגענער עבירה סיי ווען דאָס איז געווען אן עבירה פון בין אדם למקום און סיי אן עבירה פון בין אדם לחבירו. אין ערשטען פאל איז אין דער חרטה גופא שוין פאַראַן דער תקון אויב נאַטירליך עס איז אויך דאָ די קבלה להבא. אין צווייטען פאל ווידער פון בין אדם לחבירו באַשטעהט דאָך די תשובה אין צוריק גוט מאַכען די עוולה וואָס מען איז באַגאַנגען. סתם תשובה איז דאָך ביי אזעלכע זאכען ניט שייך און אפילו יום כפור איז דאָך ניט מכפר אויף אזעלכע עבירות „עד שירצה את חבירו".

איז דעריבער תשובה, ווי געזאָגט, ניט בלויז אַן אַבסטראַקטיווע זאך, אן ענין פון בלויז געפיהל, נור עס דאַרף אויך נאָכגעפאָלגט ווערען פון קאָנקורעטען טאַט אין וועלכען עס געפינט זיך דער

אמת׳ער תקון, סיידען אין בין אדם למקום וואו אין געפיהל אליין איז שוין, ווי געזאָגט, פאַראַן דער תקון אויך.

די געוויסענסביסע פון די תשובה איז דעריבער ניט מעהר ווי דער אָנהויב פון דער זאַך, דער פּרוזדור צום טרקלין; ענדיגען אָבער דאַרף עס זיך מיט׳ן טרקלין גופא. דער תקון מוז זיין פון אַ קאָנקרע־טען כאַראַקטער.

דאָס איז וואָס תשובה מיינט. געוויסענסביסע אָבער איז שוין ניט דאָס. געוויסענסביסע, ווי דער נאָמען אליין זאָגט עדות איז אַ זאַך וואָס דערביי בלייבט עס, ניטאָ די מעגליכקייט צו געהן ווייטער ווי עס איז דער פאַל אין תשובה. געטאָן דאָס פאַרברעכען און ס׳זעהט זיך ניט קיין וועג אויף צוריק, אויף קענען עס גוט מאכען; בלייבט מען דעריבער בלויז ביי דאָס געוויסענסביסע. קיין תשובה קען מען דאָס ניט אָנרופען ווייל דאָס וואָרט „תשובה” מיינט צו געהן צוריק, און צוריקשטעלען די זאַך אין אָרדנונג און דאָס קען אין דעם פאַל ניט זיין צוליב געוויסע ספּעציפישע אומשטענדען.

אָבער טאַקע דערפאַר וואָס דער מענש זעהט ניט דעם וועג אויף צוריק, פלאָגט איהם דעריבער זיין געוויסען אונאויפהערליך; איז דעריבער דאָס גופא דער עונש פון וועלכען ער ווערט טיילווייז אָדער אין גאַנצען געלייטערט לויט׳ן כלל אַז „יסורים ממרקין עונותיו של אדם”.

אזוי צו אזוי, געוויסענסביסע איז זיכער אַ שעהנע מדה און דעם וואָס די דאָזיגע מדה פעהלט און במקום געוויסענסביסע איז ער גאָר געוויסענסלאָז, אזעלכער נאַטירליך שיילט זיך אליין אויס פונ׳ם בעסערען מענשען קרייז און שטעלט זיך אליין אוועק מחוץ למחנה.

לויט אונזער אנאליז, קומט אייגענטליך אויס אַז דאָרט וואו עס טרעפט אַמאָל, אַז מען קען דאָס געוויסענסביסע יאָ פאַרוואַנדלען אין תשובה; עס איז למשל פלוצלונג אזא מעגליכקייט געקומען און דער וועג פון תקון האָט זיך באוויזען, וואָלט דאָך געוויס קיין ספק ניט געווען אַז דער באַטרעפענדער וואָלט דעמאָלט געדאַרפט איבער־געהן פון דער קאַטעגאָריע פון געוויסענסביסע אין דער קאַטעגאָריע פון תשובה וואו ער קען דעם אמת׳ן תקון געפינען.

איז בדרך כלל דאָס דאָזיגע טאַקע ריכטיג. עס זיינען אָבער אויך פאַראַן יוצאים מן הכלל וואו עס לאָזט זיך לאָגישערווייזע זאָגען אז ס'איז ראַטזאַמער צו בלייבען ביים געוויסענסביסע און עס נ י ט פּרובירען פאַרוואַנדלען אין ריכטיגע תשובה כאָטש די טיר פון תשובה, פון תקון איז דוקא אָן אָפענע.

פאַר אַזאַ סאָרט יוצא מן הכלל האָבען מיר געמאַכט דעם פאָלגענדען כאַראַקטעריסטישען פאַל מיט וועלכען מען האָט זיך צו אונז געווענדעט נאָך אַ ראַט.

און אָט איז די געשיכטע:

אַן אַלמנה אין די מיטעלע יאָהרען מיט פינף שעהנע קינדערלאַך דערציילט ווי זי האָט געלעבט גליקליך מיט איהר מאַן וואָס איז ערשט ניט לאַנג געשטאָרבען. ער האָט איהר ניט איבערגעלאָזט אין קיין פאַרצווייפעלטער לאַגע. עקאָנאָמיש איז זי אויך איצט גוט באַזאָרגט און עס פעהלט איהר חלילה גאָר ניט, אויסער איהר ליעבענסווירדיגער איבערגעגעבענער לעבענסבאַגלייטער, וואָס איז פון איהר אַזוי פריצייטיג אוועק און איבערגעלאָזט אין איהר הארץ אַ טיעפע אונהיילבאַרע וואונד. דער איינציגער טרייסט איהרער נאַטירליך, זיינען איהרע טייערע און שעהנע קינדערלאַך.

אָבער, זאָגט זי, זי ליידעט שמערצליך פון אַ געוויסען סאָרט געוויסענסביסע, און דאָס האָט איהר געבראַכט צו אונז זיך צו האָלטען אַן עצה.

איהר געוויסענסביסע איז פאַרבונדען מיט אַן אַלטע געשיכטע פון איהרע מיידעלשע יאָהרען. עס איז נאָך געווען אין דער אַלטער היים ביי אַלטמאָדישע פרומע עלטערען ווען מען האָט איהר גערעדט אַ שידוך מיט אַ יונגערמאַן וואָס איז איהר ניט געווען צום הארצען. די עלטערען זיינען אָבער דורכאויס באַשטאַנען אויף דעם דאָזיגען שידוך און האָבען איהר כמעט געצוואונגען איינצוגעהן דאַרויף און מיט איהם חתונה האָבען. ס'איז געקומען אַזוי ווייט אַז זי האָט די היים פאַרלאָזען נאָכדעם ווי זי איז שוין פאַר יענעם יונגערמאַן געצוואונגענערהייד אַ כלה געוואָרען, און ס'איז שוין געווען בלויז עטליכע וואָכען פאַר דעם זמן החתונה.

זי האָט נאָכהער פאַרלאָזען די אַלטע היים און אויסגעוואַנ-

דערט נאָך אַמעריקא, איבערלאָזענדיג איהר חתן אַ פארביטערטען און פארשעהמטען. זי האָט אָבער אנדערש ניט געקענט האַנדלען ווייל זי האָט ניט געקענט איינגעהן דארויף אז זי זאָל אָפּפּערען איהר לעבען און זיך פארבינדען מיט א מענשען וועמען זי האָט ניט גע־ליבט.

די יאָהרען זיינען געלאָפען און זי האָט דאָ אין אמעריקא זיך אָפּגעזוכט איהר לעבענסבאַגלייטער מיט וועמען זי האָט חתונה גע־האָט און האָט, ווי געזאָגט, מיט איהם געלעבט זעהר גליקליך און צופרידען ביז עס האָט נעבאָך געטראָפען דער אומגליק און דער טויט האָט איהם פון איהר יונגערהייט אוועקגערויבט.

די גאנצע צייט אָבער פלאגט איהר דער געוויסען פאר האָבען אָפּגעטאָן אזוי מיאוס איהר ערשטען חתן. דאָ לעצטענס איז זי גע־וואויר געוואָרען אז דער געוועזענער חתן איהרער געפינט זיך דאָ אין אמעריקא, האָט א פרוי מיט קינדער און עס געהט איהם זעהר גוט.

דאָ, טראכט זי, האָט זי איצט א גוטע געלעגענהייט צו מאַכען א סוף פון איהר געוויסענסביסע. זי וויל אָפּזוכען דעם מאַן און בע־טען זיין פארצייהונג. זי דיינקט אויך אז איהר אומגליק איז אפשר געקומען אלס שטראָף פאר איהר היימישע האנדלונג, און האָט גע־זאָלט זיין אַן אָפּצאָהל פאר דעם בזיון וואָס זי האָט פארשאַפט איהר געוועזענעם חתן. זי וויל אָבער הערען א זייטיגען מיינונג איידער זי באַשליסט זיך דאָס צו טאָן.

האָבען מיר דאָ פאר זיך, הייסט עס, אַן ענין וואו אַ לאנג יאָהריגע געוויסענסביסע האָט זיך ענדליך דערשלאָגען אַ וועג צו תשובה, א וועג צום אמת׳ן תקון, און איבערפלעכליך שיינט עס אז מען וואָלט געדאַרפט גוט הייסען דער פרוי׳ס וואונש און פול־שטענדיג מסכים זיין מיט איהר.

מיר האָבען אָבער בהחלט איהר דאָס ניט געהייסען טאָן, און איהר געראטען בעסער ווייטער צו בלייבען ביים געוויסענסביסע איי־דער זיך צו באַגעגענען מיט יענעם מאַן וועלכער, ווי זי אליין באַ־הויפּטעט, לעבט זיך דאָ גליקליך מיט ווייב און קינדער.

די אורזאכע פון אונזער נעגאטיווען באַשלוס איז אַ גאַנץ פשוט'ע און אַ ריין פּסיכאָלאָגישע.

די פרוי איז איצט אַן אלמנה. יענער מאַן האָט איהר אַמאָל היים געליעבט און זי איז ביי איהם געווען דאָס וואָס מען רופט „די ערשטע ליעבע". ווער קען דעריבער פאַראויסזאָגען וואָס פארא אנט־וויקלונגען עס קענען נאָכפאָלגען אזא באַגעגעניש. ווער קען עס פאַר־זיכערען אז אזא באַגעגעניש זאָל ניט זיין דער אָנהויב פון אַ דראַ־הונגס געפאר פאר דעם יונגערמאַנס איצטיגען פאמיליע לעבען?

מעגען זיך די פרוים'ס כוונות פאַרלויפיג איצט זיין גאנץ אויפ־ריכטיגע; אָבער דער שטן האָט זיך זיינע דרכים און עס איז ניט אויסגעשלאָסען אז אזא סאָרט באַגעגעניש זאָל מיט דער צייט ניט פיהרען חלילה צו גאנץ ערנסטע קאָנסעקווענצען וואָס קענען גענ־צליך רואינירען יענעמס שלום בית. און דאן, אויב אונזער העלדין וועט אויך דעמאָלט בלייבען אויפריכטיג, וועט איהר מצב הנפש נאָך פיעל ערגער ווערען; און אָנשטאָט צו מאכען מיט דער דאָזיגער באַ־געגעניש אַ סוף צו איהר געוויסענסביסע, קען עס נאָך דערפיהרען צו אַ פיעל ערגערע שטופּע פון געוויסענסביסע...

דאָס איז, ווי געזאָגט, אפילו אין פאל ווען פון דער ווייבעלס זייט אַליין וועט דורך דער באַגעגעניש קיין ענדערונג ניט קומען אין איהר לעבען. אָבער ווער קען אפילו דאָס פארזיכערען אונטער די אומשטענדען פון איהר אלמנה'שאַפט?...

אָט דערפאר האָבען מיר דעם דאָזיגען פאל באַטראכט אלס דאָס וואָס מיר רופען אַן אַ יוצא מן הכלל און האָבען אויפריכטיג געראַ־טען אז ס'זאָל בעסער בלייבען ביים אַלטען און ניט אַוועקשטעלען זיך במקום סכנה. עס וואָלט געווען צו פיעל ריזיקירט און אַ צו גרוי־סען שאַנס גענומען.

ל

אבערגלויבען

אייגענטליך וואָלט „אָבערגלויבען" געדאַרפט זיין אַ פּראָדוקט פון שטאַרקע פרומקייט. דען פּונקט ווי למשל אין יעדער מצוה זיינען פאַראַן פאַרשידענע וועגען ווי די מצוה מקיים צו זיין, און ס'איז אינו דומה דער אופן ווי אַ פּשוט'ער איד איז מקיים אַ מצוה צו דעם אופן ווי עס איז איהר מקיים אַ גאָר פרומער איד, אַ חסיד און אַ צדיק; פאַראַן מהדרין און אויך מהדרין מן המהדרין. אזוי וואָלט עס, זאָגען מיר, אויך געדאַרפט אויסקוקען אין דעם ענין פון אמונה וועלכעס איז דאָך אויך א מצוה ווי אלע מצוות. „אָבערגלויביגע" וואָלטען פאַלגליך געדאַרפט באַצייכענט ווערען אלס מהדרין מן המהדרין אויף דעם דאָזיגען געביט, און דאָס „אָבערגלויבען"וואָלט אזוי ארום געדאַרפט באַצייכענט ווערען אלס שבח, אַלס הידור מצוה.

אין אמת'ן איז אָבער די זאַך גראַדע פאַרקעהרט. אין ענין פון אמונה גילט ניט דער דאָזיגער כלל. אונזער אידישע אמונה צייכענט זיך גראַדע אויס מיט צמצום און ניט מיט הרחבה. די אידישע אמונה איז קאָנצענטרירט אויף דעם אחד, און אויב עס געהט אריבער דעם דאָזיגען גבול הצמצום איז עס שוין ניט אידיש. דערביי גילט דער כלל פון „יתר כנטול". מעהר ווי איינס הייסט ניט מעהר נור ווייניגער.

דאָס איז פון דער טעהאָרעטישער זייט. פון דער פּראַקטישער זייט ווידער זעהען מיר דאָך טאַקע בחוש אז „אָבערגלויבען" שטעהט גראַדע איין אין די הענט פון די ניט-פרומע אידען; אמת פרומע אידען האַלטען עס גאָר פאַר א זינד. ביי זיי גרעניצט זיך „אָבערגלויבען" מיט מעשי כשפים וקסמים, און איז גאָר אַ פּגימה אין דער אידישער אמונה.

נעהמט צום ביישפּיל דעם דורכשניטליכען אמעריקאַנער אי־דען פון די ברייטע מאסען, און איהר וועט זעהן, אז וועהרענד אין וואָס אַנבאלאנגט אמונה הינקט ער דערין היבש אונטער און איז וויט הינטערשטעליג אין איהר, איז אָבער ווען עס קומט צו אָבער־גלויבען, דאָ איז ער שוין דער גרעסטער פאנאטיקער און באַציהט זיך דערצו מיט זיין גאַנצער ערנסטקייט. אויפ׳ן „לא תבערו אש ביום השבת״ איז ער ניט אזא שטאַרקער מקפיד, אָבער אויף ניט אָנצינ־דען דריי סיגאַרעטלאך פון איין ברענענדיגע שוועבעלע, איז ער שוין דוקא גאָר א גרויסער מקפיד. א מזוזה אויף זיין טיר — לאו דוקא, אָבער להבדיל א פערדס פּאָטקאווע איבער זיין משקוף — דוקא ודוקא...

אָט ערשט ניט לאַנג, זייענדיג אויפ׳ן בית עולם ביי אַ הקמת מצבה, קומט צו מיר צו אַ איד מיט אַ פערדס פּאָדקאָווע אין זיין האַנט און פרעגט מיר אַ שאלה: היות ווי ער ווייסט אַז פון בית עולם טאָר מען קיין זאך ניט אַוועקנעהמען, האָט ער אָבער דאָ געפונען דעם דאָזיגען פערדען שיכעל, און היות דאָס איז דאָך אַ „גרויסע סגולה״ אויפצוהענגען איבער׳ן טיר, מיינט ער דעריבער אז ד אָ ס אפשר וואָלט מען איהם יאָ געקענט מתיר מאַכען אוועקצונעהמען אפילו פון בית עולם...

און וויפיעל נאָך אַנדערע נאַרישקייטען פון אָבערגלויבעניש, וואָס אונזער אמונה׳לאָזיגע אידען היטען אָפּ מיט דער גרעסטער פּינקטליכקייט, אָט ווי למשל דאָס ארונטערציהען זיך פון אַ וואוי־נונג פון א העכערען שטאָק צו אַ נידעריגערען און נאָך כדומה אזעלכע זאַכען. אפילו אין זייער קאָרטען־שפּיל רופען זיי אויך דעם אבער־גלויבען צו הילף, און אַ גאנצע רייהע קאָרטען געזעצען האָבען זיי אַדאָפּטירט ווי אזוי אויסצומישען די קאָרטען, ווער און ווי אזוי זיי פאנאנדערטיילען און נאָך עהנליכע „מנהגים״ וואָס זיינען געבויט אויף אָבערגלויבען און וואָס די פּראָפעסיאָנעלע קאָרטען שפּילער היי־טען זיי אָפּ מיט דער גרעסטער זהירות.

אמת׳ע עהרליכע אידען אָבער ווייסען בלויז פון אמונה און ניט פון קיין אמונה טפלה. און דעריבער ווען מען קומט צו אונז מיט אזעלכע סאָרט „שאלות״ וואָס געהען אריין אין סוג פון אָבער־

גלויבען, בייזערען מיר זיך גאַנץ גוט אויס אויף די פרעגער און דער־לאנגען זיי אַ היבשע פּאַרציע מוסר. מיר ערקלעהרען זיי אז דאָס איז ניט אידיש, ס'איז אַ שטיק עבודה זרה פון וואָס מען דאַרף זיך מרחק זיין בתכלית הרחוק, און זיך האלטען פעסט אין די ראמען פון אונזער תורה אמונה און מסורת אבות. מען דאַרף שטענדיג געדיינקען דעם „תמים תהיה עם ה' אלקיך".

מיר גיבען דאָ איבער אַ פאל וואָס האָט אויך אַ שייכות מיט אָבערגלויבען און דאָך האָבען מיר צוליב אַ געוויסע אורזאכע, וואָס מיר ווילען שפּעטער אויפקלעהרען, גענומען אן אנדער שטעלונג אין אונזער אנטשיידונג.

אַ יונגע פרוי וועלכע האָט געוואָלט איבערבייטען איהר וואוי־נונג אין אן אנדער הויז וואו זי האָט נאָך שווערער זוכעניש קוים געפונען א באקוועמען אַפּאַרטמענט, איז צוזאמען מיט איהר שוויגער געגאַנגען אָוועקטראָגען דעם דעפּאזיט, און אגב זאָל די שוויגער זעהן וואָס פאר אַ שעהנע דירה זי האָט זיך אָפּגעזוכט.

די „לענדליידי", וועלכע האָט הפנים געוואָלט „משביח מקחה" זיין און אויסלויבען די דירה, האָט צווישען אַנדערעס זיך באריהמט אז אין דער דאָזיגער דירה האָט זי אליין געוואוינט א סך יאָהרען נור ווייל לעצטענס האָט איהר דאָ אן אומגליק געטראָפען און איהר ליעבער מאן איז דאָ רחמנא ליצלן געשטאָרבען, האָט זי דאָ מעהר ניט געוואָלט בלייבען וואוינען און האָט דערפאר זיך ארויסגעצויגען.

נו, מעהר האָט די שוויגער ניט געדאַרפט. געהערט פון דעם דאָזיגען אומגליק האָט זי אָנגעהויבען פארברעכען מיט די הענט און זיך בעטען ביי דער שנור בכל לשון של בקשה צו האָבען ג־ט אין האַרצען און למען השם ניט נעהמען אויף זיך אזא ריזיקע אריינצו־ציהען אין אזא הויז.

די ווייבעל איז געבליבען אַ צוטומעלטע, האָט אליין ניט גע־וואוסט ווי צו רעאַגירען דערויף, אַ ביסעל שרעקט זי זיך אויך ; פון דער אַנדערער זייט אָבער זשאַלעוועט זי איינלאָזען אַזעלכע שעהנע פּרעכטיגע „רומס" וואָס איז איהר אָנגעקומען מיט פיעל שווערינקיי־טען ביז זי האָט זיי באַקומען.

קומען דעריבער שוויגער און שנור, און פרעגען ביי אונז ווי

צו טאָן. אָבער עס איז גרינג צו דערקענען אַז כאָטש די פראגע איז בייביידען איינע און די זעלבע, האָט אָבער יעדערע פון זיי אַ באַזונדער באגעהר און וואונש ווי דער ענטפער צו דער פראגע זאָל זיין. די שוויגער וואָלט דורכאויס וועלען אַז אונזער ענטפער זאָל זיין אַ נעגאַטיווער, דאָס הייסט מיר זאָלען באין אופן ניט מסכים זיין אריינצוציהען אין דער דאָזיגער דירה, וועהרענד די שנור וואָלט דוקא וועלען מיר זאָלען איהר יאָ מתיר מאַכען דאָס צו טאָן.

פארשטעהט זיך אַז לויט אונזער פריהערדיגער איינלייטונג וואו מיר האָבען קלאָהר געמאַכט אונזער שטאַנדפונקט וועגען אָבערגלויבען, וואָלטען מיר געדארפט גיכער צוליעב טאָן די שנור ווי דער שוויגער.

ווייל אין אמת׳ן איז דאָך דאָס אויך אַ מין אָבערגלויבען וואָס האָט קיין יסוד ניט, ניט אין אידישען דין און ניט אין אידישען מנהג. נאָך מעהר דערפון, דאָס איז דאָך פשוט לעכערליכקייט און אבסורד. דען אויף אזא אופן וואָלט דאָך געדארפט אויסקומען אַז אין א טויטען פאל חלילה זאָל מען די דאָזיגע הויז וואו דאָס האָט פאַסירט דארפען אין גאנצען איינווארפען; און אויב לאָמיר זאָגען דאָס פאַסירט אין האָספּיטאָל וואו אזעלכע פאַסירונגען טרעפען זאָגאַר אייניגע מאָל אַ מאָנאַט, וואָלט מען באַדאַרפט עטליכע מאָל אַ מאָנאַט איינווארפען אלע שפּיטאָל געביידעס און אויפשטעלען אויף זייער פּלאַץ אנדערע... און ווי טרויעריג דער פאל פון טויט זאָל ניט זיין, מוז דער דאָזיגער שמועס אָבער ארויסרופען א הילכיגען געלעכטער.

יאָ, עס איז קיין פראגע ניט אַז די שוויגערס מורא איז א פשוט׳ע נאַרישקייט; און פונדעסטוועגען האָבען מיר, ווי געזאָגט, דוקא אנדערש געהאַנדעלט אין דער דאָזיגער פראגע און אונזער אנטשיידונג איז דוקא געווען גינסטיג פאר דער שוויגער, און אָט פאר וואָס:

פאראן אַ מדרש וואָס קאָמענטירט אויפ׳ן פסוק: „והסיר ה׳ ממך כל חולי" און זאָגט דערויף „כל חולי — זה הרעיון". דאָס מיינט צו זאָגען אַז אין יעדער מין קראנקהייט שפּילט דער געדאנק די הויפּט ראָלע. די מורא פאר דער קראנקהייט, דאָס ציטערניש וואָס

שטעלט אוים צו געפאהר אפילו די מינדערוויכטיגע און באַדייטונגס-לאָזע קראַנקהייט.

און קוים האָט דער דאָזיגער צופאל פון דער ניט איבעריג קלוגע „לענדליידי" ארויסגערופען אַ נערוועזן צוטרייסלונג ביי דער עלטערער פרוי, וואָלט ניט געווען ראטזאם און פראקטיש מען זאָל די דאָזיגע געלעגענהייט געבען די סאַטיספאַקציע זיך נאָך מעהר צו אַנטוויקלען, און לאָזען פלאץ פאר אַ געוויסער מרה שחורה ארום-טאַנצען אין הויז און אזוי ארום מאַכען די באַקוועמליכקייט אום-באַקוועם און שטערען דעם פאמיליען פרייד וואָס די ווייבעל דיינקט און ווינשט צו געפינען אין דער דאָזיגער הויז.

דאָ איז שוין אַן ענין פון א „דיעבד". די מורא און נערוועזי-טעט האָבען דאָ שוין קונה שביתה געווען און טעהאַרעטישע אויפ-קלערונג קען שוין דאָ ניט זיין פיעל ווירקזאם. איז עס פשוט פאר דער שנור אַליין ניט ראַטזאַם צו שאַפען אַזאַ אומאַנגענעהמע לאַגע וואָס קען זיך גאַנץ שנעל אָפּרופען אויף דעם שלום בית און צוליב שלום בית איז אלץ כדאי; איבערהויפּט אז די גאַנצע זאַך איז נור אַ פראַגע פון נאָך אביסעל טרחא און זי וועט געווים געפינען נאָך אזא סאָרט וואוינונג מיט די נויטיגע באַקוועמליכקייטען.

סיי ווי אָבער, זאָל די שוויגער און אנדערע ווייבער פון איהר קלאַס וויסען אז אזעלכע און אנדערע מינים אָבערגלויבענישען זיינען ניט אידיש און כמעט נאריש פארברעכעריש.

לא

רחמנות

רחמנות איז איינע פון די דריי הויפּט מדות מיט וועלכע די קינדער פון אברהם יצחק און יעקב זיינען באַצייכענט און געלויבט געוואָרען: „רחמנים, ביישנים וגומלי חסדים".

דאָס איז אין באַצוג צו רחמנות אין אלגעמיין, צו אלע מענ־שענקינדער. רחמנות אָבער פון עלטערען צו קינדער איז שוין א פּרשה פאר זיך. דאָס איז שוין אַ מין רחמנות וואָס איז כולל אלע סאָרט עלטערען אָהן אויסנאהמען און דארויף באַציהען מיר זיך אין אונזערע תפלות און זאָגען: „כרחם אב על בנים כן תרחם ה' אלקינו עלינו".

אמת דער דאָזיגער כרחם אב על בנים רופט ארויס א שטיקעל תרעומת מצד אונזערע ווייבער. זיי טייטשען אין דעם אריין אז דעם טאַטענס רחמנות אויף קינדער האָט מען געשטעלט העכער ווי דער מאַמעס, און דאָס פארשטעהט זיך, ווילען זיי ניט צוגעבען; און טאַקע מיט רעכט אויך. דען אוים נאַטור ווייסען מיר דאָך אַז די פרוי וועלכע איז בכלל מעהר סענטימענטאל פאר'ן מאן, איז מעהר גענויגט צו רחמנות וואָס איז א סענטימענטאלער פּראָדוקט.

איז אָבער אין אמת'ן די גאנצע אויסטייטשונג א פאַלשע. דער כרחם אב על בנים, מיינט לגמרי ניט דעם פאָטערס רחמנות צו שטע־לען העכער פאר דער מוטערס, אָבער אין דער דאָזיגער תפלה פּאסט זיך גראדע אריין כרחם אב ווייל דאָס פיהרט דאָך צו דעם „כן תרחם ה' עלינו" און דער רבונו של עולם איז דאָך דער פּאָטער פון די מענשענקינדער; לאָזט זיך עס דאָך אין דיזען פאל ניט משל'ן מיט דער מוטערס רחמנות. מעגען דעריבער אונזערע מאַמעס רוהיג בליי־בען, און דארפען ניט פארדעכטיגען אז מען איז דאָ אויסענגעוועזן

אָוועקצושטעלען זייער מוטערליכע רחמנות נידעריגער פאַר דעם פאַ־טערליכען.

פאַראַן נאָך עהנליכקייטען וואו עס לאָזט זיך אריינלייגען פאַל־שע אויסטייטשונגען, און דורכדעם קומען ארויס אומבאַרעכטיגטע קריטיקען אָדער קשיות.

אַזוי צום ביישפּיל פרעגט די וועלט אַ קשיא אויף דעם נוסח אין די שבת זמירות, וואו עס ווערט געזאָגט: „המאחרים לצאת מן השבת וממהרים לבא״; וואָרום שטעהט פריהער „המאחרים לצאת״ ווען ערשט פראַקטיש איז דאָך דער אר ײנקום אין שבת פריהער אין צייט ווי דער ארויסגעהן? מען פאַרגעסט אָבער אז די דאָזיגע פערזען אין די זמירות זיינען צוזאַמענגעשטעלט געוואָרען אין פאָרם פון גראַמען און דער „וממהרים לבוא״ דאַרף קאָרעספּאָנדירען מיט דעם „אברהם אוהבו״ פון פריהער און מיט דעם „ונשמחה בו״ פון דערנאָך, און ממילא פאַלען אראָפּ אלע קשיות.

נור סיי ווי, פאָטערליכער אָדער מוטערליכער רחמנות, טיילט זיך אויס פון סתם רחמנות. דאָס איז אַ מין ספּעציפישער רחמנות, אַ רחמנות מיט א ה״א הידיעה.

אויב יאָ עפּעס צו פרעגען אין פאַרבינדונג מיט׳ן כרחם אב, וואָלט זיך לאָזען פרעגען: ווי פּאַסט אין גאַנצען צוצושטעלען דעם רחמנות טערמין אין די באַציהונגען פון עלטערען צו קינדער. רחמנות דריקט דאָך מיט זיך אויס אַ מין „לפנים משורת הדין״, דאָרט וואו מ׳טהוט די זאַך מצד רחמנות און ניט מצד חוב; דאָס וואָס עלטערען טוען צו קינדער איז דאָך אָבער ניט קיין פרייוויליגער אקט; דאָ איז דאָך אויך פאַראַן פליכט, טאָ ווי פּאַסט זיך דאָ צו רעדען אין רחמנות טערמינען?

משמעות אז דאָ איז דער פייטן אויסענגעוועז טאַקע צו ווייזען דעם אונטערשיד פון סתם רחמנות ביז דעם רחמנות פון עלטער־ען צו קינדער, און האָט דעריבער מיט אַ ספּעציפישע כונה אָנגע־שלאָגען דעם דאָזיגען רחמנות טאָן פון כרחם אב צו קומען צום שלום פון „כן תרחם״.

דער דורכשניטליכער רחמנות וואָס מענשען האָבען איינע צו די אנדערע, איז על פּי רוב נור איז אזעלכע פעלע וואו עס קומט

אוים אז דער אומגליקליכער פארדינט ניט די ליידען און יסורים וואָס ער מאַכט דורך און דערפאר רופט עס ארוים רחמנות. ווען אָבער עס איז פאר דעם זייטיגענם אויג פאראן א באַרעכטיגונג פאר די דאָ־זיגע ליידען, דאַן איז שוין ניט אַזוי גרינג אַז די דאָזיגע יסורים זאָלען ארויסרופען מיטלייד און רחמנות; אין געגענטייל, אין אזעלכע פאלען הערען מיר גאָר ווי מענשען זאָגען: „אַ מצוה אויף איהם, ס'איז אסור לרחם"; קיינער איז ניט שולדיג אויסער ער אליין און ער פארדינט קיין סימפּאַטיע ניט". אזעלכע און עהנליכע אויסדריקע, וועט איהר גאַנץ אָפט הערען דעמאָלט ווען עס האַנדעלט זיך ביי רחמנות צו פרעמדע מענשען.

אנדערש, גאָר אנדערש, איז עס שוין ווען עס האַנדעלט זיך אין רחמנות פון עלטערען צו קינדער. אין דער פּאַטערליכער און מו־טערליכער הארץ איז שטענדיג פאראַן פלאַץ פאר רחמנות צו זיי־ערע קינדער; מעגען אפילו די קינדער האָבען באַגאַנגען אַ שווערע זינד וואָס איז פאראנטוואָרטליך פאר זייערע איצטיגע ליידען, וועט דאָס פונדעסטוועגען ניט דינען אלס רעכטפערטיגונג פאר'ן קינדס יסורים. דער רחמנות געפיהל אלס טאַטע-מאמע, וועט ניט לאָזען מצדיק את הדין זיין, און סימפּאַטיע און מיטלייד וועלען אימער גע־פינען פלאַץ אין די עלטערענס הערצער.

און בשעת אז מיר קומען בעטען ביים רבונו של עולם רחמנות און מיטלייד, און מיר שפירען אז מיר זיינען אליין שולדיג פאר אונ־זערע ליידען, ווי מיר גיבען עס נאָכאנאנד צו אין אונזערע „אשמנו'ס" און „על חטא'ס", קענען מיר זיך דעריבער ניט באַנוצען מיט אַ סתם רחמנות אַפּיעל, וועלכער איז, ווי געזאָגט, אין אזעלכע פעלע ניט אַזוי גילטיג, און מוזען דעריבער זיך באַציהען אויף דעם פ אַ ט ע ר־ל י כ ע ן רחמנות, כרחם א ב על בנים וועלכער איז אלעמאָל אם פלאַץ אפילו ווען די קינדער זיינען זינדיג.

פון דאָס פריהער געזאָגטע איז קלאָהר, אז אויב סתם רחמנות איז אָפּהענגיג אין די געוויסע אומשטענדען און באדינגונגען, און ניט אלעמאָל און ניט אויף יעדען איינעם קען אָנגעווענדעט ווערען איינע און די זעלבע מאָס, איז דעמאָלט ווען עס האַנדעלט זיך אָבער אין רחמנות צו אייגענע קינדער, איז שוין די מדה פון רחמנות יאָ

מאַסגעבענד פאַר אַלע טאַטעס און פאַר אַלע מאַמעס, און דאָ לאָזט זיך שוין ניט זאָגען אַז עס זאָלען זיין אויסנאַהם פאַלען, יוצאים מן הכלל.

איז דעריבער, אויב מיר באַגעגענען זיך אַמאָל יאָ מיט אַזאַ פאַל וואָס ריהרט אָן דעם רחמנות פון עלטערען צו קינדער, און דוקא דאָרטען וואו דאָס קינד וואָלט געדאַרפט אַרויסרופען רחמנות אפילו ביי ווילד פרעמדע, און דאָך טרעפט מען אָן אַ פאַרשטיינערטע האַרץ אפילו ביי דער אייגענער מאַמען, בלייבען מיר ממש געפּלעפּט און מיר ווייסען פשוט ניט אויף וואָס פאַר אַ וועלט מיר געפינען זיך. מיר מוזען עס צושרייבען צו יענע סאָרט געהיימע קראַנקהייטען פאַר וועלכע די וויסענשאַפטליכע מעדעצינישע וועלט איז לגמרי בלינד, און קען באַין אופן ניט מאַכען די דיאַגנאָזע אום פעסטצושטעלען פון וואַנען די דאָזיגע קראַנקהייט האָט זיך גענומען, כדי מען זאָל אויך קענען וויסען ווי די קראַנקהייט צו באַהאַנדלען און וואָס איהר קור־ראַציע דאַרף זיין.

מיט אַזאַ פאַל האָבען מיר זיך לעצטענס אָנגעטראָפען, און מיר פאַרצייכענען עס מיט טיעפען צער אין דיזען קאַפּיטעל.

אַ יונגערמאַן האָט זיך באַקענט מיט אַ שעהנער מיידעל און איהר שעהנקייט האָט איהם גלייך פאַרבלענדעט די אויגען ; און ניט קוקענדיג אויף די וואָרנונגען פון זיינע עלטערען, וועלכע האָבען אין איהר דערקענט ניט קיין שעהנע נשמה, האָט ער דאָך מיט איהר חתונה געהאַט. עס האָט אָבער ניט געדויערט לאַנג און דער יונגער־מאַן האָט גלייך אויסגעפונען אַז זיינע עלטערען האָבען רעכט גע־האַט. דאָס יונגע ווייבעל האָט זיך אָנגעהויבען צו פיהרען ניט ווי עס דאַרף צו זיין. דעם מאַן אין הויז האָט זי אין גאַנצען פאַרנאַכלעסיגט ; די סיגאַרעטלאַך מיט די קאָרטען, זיינען געוועהן איהר געצען קולט ; זי פלעגט גלייך נאָך נאַכטמאָל פאַרלאָזען די הויז, אוועקגעגאַנגען ערגעץ הוליען און ערשט צוריקגעקומען פיר אַזייגער פאַרטאָג. דאָס איז געוועהן ביי איהר אַ טאָג טעגליכע אָדער ריכטיגער געזאָגט, אַ נאַכט נאַכטיגע ערשיינונג.

עס האָבען ניט געהאָלפען דעם מאַנ׳ס פאַרוואורפע און ניט

זיינע געבעטען און געוויינען; זי האָט אלעמען געהערט ווי דעם קאַ-
טער און האָט זיך געפיהרט ווי זי האָט געוואָלט.

אונטער דער צייט האָט זי געבוירען אַ קינד, אַ מיידעלע, און
דאָ האָט דער יונגערמאן געמיינט איז שוין זיין הילף געקומען; דען
אויב ניט ע ר, וועט דאָך אמווייניגסטענס דאָס קינד איהר מוזען
האלטען צוגעבונדען צום הויז. אָבער ווי שרעקליך אנטוישט איז דער
יונגערמאן געוואָרען, ווען ער האָט זיך שנעל איבערצייגט אז מיט דעם
געבורט פון קינד איז נאָך אלץ זיין פאמיליען לעבען ניט געהיילט
געוואָרען. דאָס ווייבעל פלעגט דאָס עופה'לע אריינוואַרפען צו איהר
מוטער און אליין ווידער פארשווינדען אויף גאנצע נעכט.

דער יונגערמאן האָט פּרובירט איינוועגדען געגען איהר ביי
איהרע עלטערען, אָבער אָנשטאָט צו געפינען ביי זיי שטיצע פלעגט
נאָך די מוטער איהרע אויף איהם אָנפאלען און געגעבען די טאָכטער
גערעכט, וועהרענד דער פאָטער האָט דעם איידעם געגעבען צו פאר-
שטעהן אז די מאַמע, דאָס הייסט די שוויגער, איז נאָך ערגער פאר
דער טאָכטער און זיי זיינען שתי כפרות ביום אחד, און ס'איז אומ-
זיסט זיינע פּראָטעסטען.

ניט וועלענדיג מאַכען קיין „לייטישע געלעכטער" האָט נע-
באַך דער יונגערמאן אלץ מיט ביטערניש פאַרטראָגען און שוין שלום
געמאַכט מיט זיין אונערטרעגליכער פארצווייפעלטער לאגע; געלי-
טען און געשוויגען, און ווידער געליטען און ווידער געשוויגען.

אָבער צו ליידען און סבלנות איז דאָך אויך דאָ א גרעניץ, און
דאָ איז עס שוין אריבער אלע גרעניצען. דעם יונגערמאן איז פשוט
דער לעבען נמאס געוואָרען. דערווייל איז שוין דער שווער אויך גע-
שטאָרבען, און ער האָט זיך געפונען צווישען צוויי פייערען, די טאָכ-
טער מיט דער מאַמען; האָט ער געמוזט פארלאָזען די הויז און ענ-
דליך איז עס אויך געקומען צו א גט.

איצט, איז דאָס קינד שוין אלט זעקס יאָהר און עס צייגט זיך
ארויס אז מאַמע און טאָכטער זיינען שוין געוואָרען שותפים אין זיי-
ערע הוליאנקעס, און געהען אוועק ביידע צוזאמען אויף גאנצע נעכט
און דאָס קינד לאָזט מען איבער אליין אין הויז.

ארויסגעקומען אין דער עפענטליכקייט איז עס צוליב אַ פּאַ-

סירונג מיט'ן קינד אין אַ געוויסע נאַכט. דאָס קינד האָט זיך קענטיג אויפגעכאַפּט אין מיטען דער נאַכט, און זעהענדיג אז זי איז איינע אַליין אין הויז האָט זי זיך שטאַרק דערשראָקען און מורא האָבענדיג אליין צו בלייבען אין הויז איז זי ארוים אויפ'ן „פייער עסקייפּ" און האָט זיך דאָרט געלייגט שלאָפען. דאָס איז באַמערקט געוואָרען פון אַ פּאָליציאַנט און ער האָט דאָס קינד אוועקגענומען אין דער פּאָליציי סטאַנציע, וואו, ערשט פארטאָג האָבען זיך מאַמע און טאַטער גע־מאָלדען ווען זיי האָבען קומענדיג אהיים דאָס קינד ניט געפונען.

אינטערעסירט דאָ אונז איצט ניט וואָס פאר אַ פּאָרציע די צוויי „חשוב'ע" פרויען האָבען באַקומען אין פּאָליציי הויז, און אויך ניט צו וואָס די וויטערדיגע אנטוויקלונגען האָבען דערפיהרט און אין וועלכע מיר האָבען „צוגעלייגט א האַנט" מיט ראַט און טאַט צום אומגליקליכען יונגערמאַן, דער פאָטער פון קינד. וואָס מיר זיינען דאָ ביי דעם מאָמענט אויסען איז, די פּסיכאָלאָגישע זייט פון דער עצם המעשה. פּועל'ן ביי זיך איבערצולאָזען אַן איינציגע קינד, אַן עופה'לע פון זעקס יאָהר, איינע אליין אין הויז און אוועקגעהן אַ גאַנצע נאַכט הוליען, דאָס איז אַ גאָר אויסערגעוועהנליכע ערשיינונג.

נאָך מעהר דערפון: פון דעם געשפּרעך וואָס די פּאָליציי האָט געהאַט מיט'ן קינד, האָט זיך ארויסגעצייט אז דאָס קינד פלעגט זיך אלעמאָל בעטען ביי מאַמע און באָבע אז מען זאָל עס ניט איבער־לאָזען איינע אליין, ווייל זי האָט מורא, אָבער אלע איהרע קינדערשע רחמנות געבעטען זיינען געפאלען אויף טויבע אויערען, ביז עס איז געקומען דער צופאל און די געשיכטע איז דערטראָגען געוואָרען צו דער פּאָליציי.

און עס שטעלט זיך די פראגע: מיט וואָס לאָזט זיך אזא אונ־מענשליכע מוטערליכע האנדלונג ערקלערען? וואו איז דאָ אהין גע־קומען דער מוטערליכער רחמנות געפיהל וואָס דאַרף אָנגעווענדעט ווערען אפילו אויף שולדיגע פארברעכערשע קינדער, בפרט אויף אזא אונשולדיגע מינדעריעהריגעס קינד?

ווי אזוי שטעלט מען די „דיאגנאָזע" צו געפינען דעם געהיי־מען געפעהרליכען באציל וואָס זאָל האָבען פאראורזאכט אזא אונ־ערקלעהרבאַרע שרעקליכע קראַנקהייט?

זאָל דאָס אויך ווירקליך זיין אזא מין געהיימנים פון דער נאַטור צו וועלכעס מיר זיינען נאָך פאקטיש בלינד?

סיידען מיר זאָלען קומען צום באַשלוס, אז אפילו אזא זאך ווי רחמנות וואָס קוקט אויס צו זיין דורכאויס אַ מ ע נ ש ל י כ ע מדה, איז עס פונדעסטוועגען אויך פארבונדען מיט א י ד י ש ק יי ט און מיט רעליגיע, און דאָס זאָל דינען ווי אַ באווייז אז אויף „מענשליכקייט״ אַליין קען מען נאָך גאָר ניט בויען.

דאָס וואָלט זיך אויך געקענט שטיצען אויף דעם אויבענציטירטען זאץ, לויט וועלכען אונזערע חכמים האָבען צוגעשטעלט די מדה פון רחמנות צו די קינדער פון אברהם יצחק און יעקב און ניט סתם אלס אן אלגעמיין מענשליכע מדה.

אָבער די דאָזיגע פראגע פון מענשליכקייט און אידישקייט האָבען מיר שוין געגעבען אַ באַזונדער אָפּהאַנדלונג אין איינעם פון די פריהעריגע קאַפּיטלען (זעה פרק כז).

לב

לאָגיק און סענטימענטאַליטעט

אַן אַלט באַוואוסטער כלל: יעדער זאַך וואָס איז עקסטרעם שלעכט; עקסטרעם רעכטס אָדער לינקס, קוים איז עס נור אין עקסטרעמער ריכטונג, איז עס שוין ניט לויבענסווערט.

דער רמב״ם איז געווען איינער פון די ערשטע וואָס האָבען דאַרויף אָנגעוויזען, שטיצענדיג זיך אויפ׳ן פסוק: „ועץ החיים אשר ב ת ו ך הגן״ וואָס זאָל זיין אַ סימבאָלישע אָנדייטונג, אַז דער אמת׳ער לעבענסבוים איז דער וואָס געפינט זיך ב ת ו ך ה ג ן, אין סאַמע מ י ט ע ן פון גאָרטען, און ניט דער וואָס שטעהט אין אַן עק־סטרעמען פונקט. אין רמב״ם׳ס שפּראַך, רופט זיך עס דער „שביל הזהב״, דער „גאָלדענער וועג״.

האָט דאָך טאַקע דער „חכם מכל אדם״ אויך געזאָגט: „רוש ועושר אל תתן לי״. ער האָט פאַרלאַנגט ניט קיין צופיעל רייכקייט און ניט קיין צופיעל אָרעמקייט, ווייל ביידע זאַכען געהערען צום עקס־טרעמיטעט און דערפאַר קענען זיי ביידע זיין שעדליך פאַר׳ן מענשען.

מיר ווייסען אַז פונקט ווי עס טויג ניט צו זיין צו הונגעריג, אַזוי טויג אויך ניט צו זיין צו זאַט. אין ערשטען פאַל קען עס ברייג־גען צום „וגנבתי״; אין צווייטען פאַל קען עס ברייגגען צום „וכחשתי״...

אַלץ איז גוט מיט אַ מאָס. מען טאָר די מאָס ניט איבערכאַפּען. אין שפּייז למשל, האַלט אויך אוים דער זעלבער כלל. צו ביטער טויג ניט, אָבער צו זים אויך ניט.

אין דין אפילו ווערט געבראַכט, אַז וויין וואָס איז ניט צונויפ־געמישט מיט אַ געוויסען פּראָצענט וואַסער, זאָל מען דאַרויף די ברכת הגפן ניט מאַכען. אין נאַטור אויך דאָס זעלבע, צו היים טויג ניט,

צו קאַלט, אויך ניט. פון דאָס ערשטע קען מען זיך אָפּבריהען; פון דאָס צווייטע קען מען פאַרקעלטערט ווערען.

אלץ דארף זיין פשרה'דיג. ביידע עקסטרעמען דארפען זיך צונויפשמעלצען, דאן ווערט דערפון דאָס ריכטיגע און דאָס געווינשטע.

אין מענשליכע נאַטור אייגענשאַפטען דארף דאָס דאָזיגע אימער זיין דער לייט-מאָטיוו אין לעבען. ניט לאָזען אריינדרינגען קיין עקסטרעמע נייגונגען, נור אלעמאָל קאָמבאַנירען צוויי אין איינס.

מיר ווייסען אז די קאָפּ און די הארץ, זיינען צוויי הויפּט אָרגאנען אין דעם מענשליכען אָרגאניזם, וועמעס פונקציעס טיילען זיך אוים אין צוויי עקסטרעמע ריכטונגען. די קאָפּ, אלס דיינקונגס אַפּאַראַט, פּראָדוצירט שכל און לאָגיק; די האַרץ ווידער אַלס פיהלונגס-אַפּאַראַט, פּראָדוצירט סענטימענטאַליטעט און געפיהל.

און ביידע, קאָפּ און האַרץ, פונקציאָנירען מיטאַמאָל אין איינעם און דעם זעלבען קערפּער. ביידע זיינען פון דעם וועלט באַשעפּער באַשטימט געוואָרען צו זייערע ספּעציפישע פונקציעס, און דער מענש דארף פון ביידע צוזאמען מאַכען דעם געהעריגען געברויך; ער דארף אַפּעירירען מיט ביידע צוזאמען און שטענדיג זעהן אָנצוהאַלטען זייער באַלאַנס.

וואָלט זיך דער מענש לאָזען פיהרען בלויז פון קאָפּ, פון זיין מוח און שכל, וואָלטען אַ סך איבלען אין לעבען ניט פארמידען געוואָרען. דער קאָפּ ווייסט ניט למשל פון קיין מיטלייד און רחמנות. לויט'ן שכל קען אויסקומען אז דער „שלי שלי, שלך שלך" איז דער ריכטיגער קו המדה אין סאָציאלען לעבען. לויט קאָפּ לאָגיק קומט אוים אַז דער „יקוב הדין את ההר" דארף זיין דער דאָמינירענדער כח אין ציווילען לעבען, און אזוי נאָך צעהנדליגער אַנדערע זאכען, וואָס אויב זיי וואָלטען איבערגעלאָזט געוואָרען צום אורטייל פון מענשליכען שכל, וואָלטען ניט ווייניג חורבנות אריינגעבראַכט געוואָרען אין אונזער לעבען.

דאגעגען, ווען מען וואָלט אין אלצדינג נאָכגעגעבען די הארץ, און זי, די הארץ, וואָלט געוואָרען דער דאָמינירענדער פאַקטאָר און דער מענשליכער שופט אויף אלע געביטען פון לעבען, וואָלטען ניט

ווייניג פאַרדאַרבענהייט און פאַרבראַכערישקייט געפונען פלאַץ און איינהאַלט אין דעם זעלבען מענשליכען לעבען. א סך פון די שטראַף געזעצען וואָלטען ניט אָנגעווענדעט געוואָרען אין דער פּראַקטיק, ווייל דאָס רחמנות אויף דעם שולדיגען וואָלט דערין געשטערט. דאָס האַרץ וואָלט ניט דערלאָזען אָנצונעהמען צו דרייסטע און גרויזאַמע שטראַף מיטלען געגען דעם באַשולדיגטען; די באַרעמהערציגע גע־פיהלען וואָלטען זיך געשטעלט דאַגעגען.

ווען אָבער שכל און געפיהל אַפּערירען צוזאַמען, ווען קאָפּ און האַרץ שמעלצען זיך צונויף, איז עס דאַן א עהרליכע קאָמבינאַציע וואָס באַלאַנסירט דעם לעבען, און אַלעס קומט אויף א געהעריגען אופן אויפ׳ן ריכטיגען פּלאַץ.

דער פאַמיליען לעבען איז דורך די „השגחה״ אויך צוזאַמענ־געשטעלט געוואָרען אויף דעם זעלביגען אופן. מיר ווייסען למשל, אַז אויב יעדער אינדיווידועלער פּערזאָן איז דאָך, ווי געזאָגט, א קאָמ־בינאַציע פון מוח און האַרץ, זיינען אָבער די פונקציעס פון די ביידע אָרגאַנען ניט ביי יעדער איינעם אויף דעם זעלבען מאַסשטאַב. מיר ווייסען אַז ביי דער פרוי פונקציאָנירט פיעל שטאַרקער די האַרץ ווי דער מוח. די פרוי איז מעהר סענטימענטאַל, מעהר געפיהלפול און מעהר עמפּפינדליך. ביים מאַן איז שוין פאַרקעהרט. ער דער מאַנס־פּאַרשוין, אַרבייט מעהר מיט׳ן מאַרך ווי מיט׳ן האַרץ. ביי איהם האָט די לאָגיק די אויבערהאַנט און איז פּראָפּאָרציאָנעל מעהר פאַרטראַ־טען אין דעם אָרגאַנישען אַפּערירונגס פּראָצעס. האָט דעריבער די השגחה ביידען מזווג געווען אַז דורך ביידען צוזאַמען זאָל זיך אויפ־בויען דאָס מענשליכע פאַמיליע לעבען, וועט עס דאַן זיין ריכטיג באַ־לאַנסירט.

קענען אָבער ניט אַלעמאָל די ביידע געגענזעצטע כחות שלום מאַכען צווישען זיך. אמאָל טרעט אריין עקשנות ביי איינעם פון די צדדים, אָדער טאַקע ביי יעדער איינעם פון זיי, און איינער וויל ניט מוותר זיין קיין קוצו של יוד צו זיין נאָכגעביג צום צווייטען, ליידעט דאדורך נאַטירליך דער שלום בית, און א סך מאָל ענדיגט זיך עס מיט סעפּעראַציע דאָרט וואו די עקשנות איז אזוי שטאַרק אז עס ריהרט זיך ניט פון אָרט.

אלס אילוסטראַציע פון ביידע סאָרטען עקשנות, וועלען מיר פּרעזענטירען צוויי פאַרשידענע „קייסעס" פון וועלכע יעדערע פון זיי טראָגט מיט זיך ארויס געוויסע עקסטרעמע האַנדלונג פון איינעם פון די צוויי געשלעכטען. אַ האַנדלונג וועלכע איז טאַקע כאַראַקטעריסטיש צוגעפּאַסט צו ביידע געשלעכטליכע פונקציעס, אָבער וואָס לאָזט זיך באַין אופן ניט בויגען צו דער צווייטער זייט. אין איין „קייס" לאָזט מוח ניט שלום מאַכען מיט הארץ. דאָרט איז עס די שולד פון דעם מוח מענש, דער מאַן; און אין דער צווייטער קייס איז עס פאַרקעהרט, די שולד פון דער פרוי וואָס לאָזט איהר מוח ניט צו צום „עמוד" און גיט די אויבערהאַנט נור צום הארץ, צו דאָס סענטימענטאַלע.

אָט זיינען די ביידע געשיכטעס:

געשיכטע נומער איינס:

אַ פרוי וועלכע איז אָנגעשלאָסען אין אַ פרויען געזעלשאַפט, אַ „ליידיס סאָסייטי" וואָס גיט זיך אָפּ מיט פילאַנטראָפּישע טעטיגקייט, טראָגט אריין אַ קלאָגע אויף איהר מאַן אַז ער האַנדעלט אין אַ געוויסער זאַך גאָר ניט ריכטיג לויט איהר מיינונג, און פאַרלאַנגט דעריבער אונזער אריינמישונג דערין, האָפענדיג אַז אונז וועט זיך עס יאָ איינגעבען איהם צו איבערצייגען אַז ער האַנדעלט ניט ריכטיג, און אַז ער איז לחלוטין אומגערעכט.

די „סאָסייעטי", זאָגט די פרוי, איז טאַקע אַ פרויען סאָסייעטי, דער פּרעזידענט איהרער איז אָבער דוקא אַ מאַן. דאָס האָבען זיי מיט אבזיכט געטאָן כדי אויסצומיידען קנאה-שנאה און פּערזענליכע רייבונגען צווישען די פרויען, פון וועלכעס דער פאַראיין וואָלט אַ סך געקענט ליידען.

דער פּרעזידענט איז טאַקע דער מאַן פון דער פרוי וואָס האָט געגען איהם די קלאָגע אריינגעבראכט. און איצט צו דער עצם קלאָגע:

די סאָסייעטי, ווי אויבענגעזאָגט, איז אַ פילאַנטראָפּישע, העלפט ארויס אומגליקליכע און הילפלאָזע, ניט דוקא פון איהרע מיטגלידער אַליין נאָר אויך פון פרעמדע וואָס ווערען רעקאָמאַנדירט דורך די סאָסייעטי מיטגלידער.

צוויי מאָל אַ מאָנאַט אומגעפעהר, ווערט אָפּגעהאַלטען אַ גע-

נעראל פאַרזאַמלונג פון אלע שוועסטער, און עס ווערט פּרעזענטירט צו דער פיהרערשאַפט אַ ליסט פון פאַרשידענע נויטבאַדערפטיגע, און עס ווערט אויפ'ן אָרט אויסגעטיילט געוויסע סומען פאר יעדען נצרך, לויט דעם באשלוס פון דעם באטרעפענדען מיטינג, וואָס רעכענט זיך נאַטירליך מיט די אומשטענדען און באדינגונגען פון יעדען איינצעל־נעם פאל באזונדער.

דעם פּרעזידענטס דעה איז אַזוי צו זאָגען אַ כח מכריע ווייל זיין השפעה אויף די מיטגלידער איז זעהר גרוים.

טענה'ט דעם פּרעזידענטס פרוי, אז, היות זי איז דאך אויך א שוועסטער אין דער סאָסייעטי, דאַרף זי דאָך געוועהנליך אויך האָבען די פולע רעכט גלייך מיט אַלעמען צו רעקאָמענדירען איהרע אָרעמע פאַרוואַנדטע, וועלכע נויטיגען זיך אין שטיצע. אָבער ווען אַזא רע־קאָמענדאציע קומט אריין דורך איהר, ווארפט עס איהר אייגענער מאַן גלייך דורך, און מיט גוואלדיגע עקשנות לאָזט ער עס דעם מי־טינג ניט גוט־הייסען. זיינע מאָטיווען זיינען דערביי, אַז אלס פּרעזי־דענט וויל ער ניט באַשטעטיגען קיינע פילאַנטראָפּישע טובות וואָס ווערען רעקאָמענדירט פון זיין אייגענע ווייב און פ א ר איהרע אָדער זיינע פאַמיליען קרובים, כדי מען זאָל ניט פאַרדעכטיגען אין אומעהרליכקייט און אין מיסברויכען זיין פּרעזידענט אַמט וואָס איז איהם איבערגעגעבען געוואָרען מיט אַזוי פיעל צוטרוי.

די פרוי זיינע אָבער טענה'ט אַז דאָס איז ניט עהרליך און ניט יושר'דיג, אז צוליב דעם וואָס ער וויל זיך אויספיינען און זיך ארוים־שטעלען פאר אַן אומפּאַרטייאישען אָנשטענדיגען פּרעזידענט, זאָלען די בלוטיגע נצרכים דאַרפען ליידען פון דעם. עס איז כלל ניט יושר'־דיג, טענה'ט ווידער די פרוי, אז די קרובים פון אַזא וואָס גיט אוועק מעהר צייט, מעהר ענערגיע און מעהר ארבייט פאר דער סאָסייעטי, זאָלען ערשט דוקא זיין די ווייניגער פּריווילעגירטע און די מעהר גע־קריוודעטע.

דער מאַן אָבער, האַלט זיך ביי זיינס, אַז כל זמן ער איז פּרע־זידענט וועט ער בשום אופן ניט געבען די מינדעסטע געלעגענהייט אַז אירגענד וועלכער שאָטען פון פאַרדאַכט זאָל אויף איהם קענען געצויגען ווערען.

די דאָזיגע ארגומענטען, האָבען שוין אפילו באוויזען צו שטע־רען אביסעל דעם שלום בית פון זייער פריוואטען פאמיליע לעבען, און אין דער סאָסייעטי גופא איז עס שוין אויך ניט אזוי גלאַט אָפּגע־גאַנגען; דען אזוי שנעל ווי דעם פרעזידענטס ווייב האָט געטיילט איהרע קריוודעס מיט די אנדערע שוועסטער פון פאראיין, האָבען זיך, ווי דער שטייגער איז, געבילדעט צוויי צדדים, איינער וואָס האלט מיט איהר און איינער וואָס גיט דעם פרעזידענט גערעכט, און עס דראָהט שוין די סאָסייעטי אויך מיט אַ „ספּליט״. דער פרעזידענט האָט שוין זאָגאר איינמאָל רעזיגנירט צוליב דעם פון זיין אמט און נאכהער צוריק ארויף אויפ׳ן ביינקעל, און עס איז פרעהליך אין שטע־טעל...

דאָס איז „קיים״ נומער איינס.

אַ פונקט פארקעהרטע געשיכטע שטעלט מיט זיך פאָר „קיים״ נומער צוויי — און אָט איז די צווייטע געשיכטע:

אַ פרוי מיט א גאַנץ עדעלעם אויסדרוק אויפ׳ן פּנים, און וואָס רעדט אויך אַ שעהנעם העברעאיש, דערצעהלט פאר אונז איהר פא־מיליען טראָבעל וואָס איז פאראורזאַכט געוואָרען דורך איהר איי־גענעם ברודער, און זי געפינט זיך דאדורך איצט אין אַ זעהר אונאַנ־גענעהמער לאגע וואָס שטעלט ממש אין סכנה איהר שלום בית. עס איז אמת, זאָגט זי, אז אין איהרע אייגענע הענט ליגט די סכנה צו פארהיטען, ווען זי וואָלט נור געוואָלט צוליב טאָן דעם מאַן און האַנ־דלען לויט זיינע דירעקטיוועז. זי דיינקט אָבער ניט אַז זי דארף און זאָל אזוי טאָן. איהר קומט אויס, אז איהר מאַן דארף בעסער איהר נאָכגעבען. און אָט אין וואָס עס האַנדעלט זיך:

זי איז עטליכע יאָהר אין לאנד, פינף יאָהר פארהייראט, האָט שוין אַ קינד פון דריי און אַ האַלב יאָהר אלט. מאַכט זיך אז איהרער אַ ברודער קומט אראָפּ אהער פון אייראָפּא אין זעהר אַן אָרעמען צושטאַנד, און מען דארף איהם זעהן ווי עס איז איינאָרדענען. איהר מאַן, איז אַן אייגענטימער פון אַ גרויסען סטיישאַן, פועל׳ט זי ביים מאַן, דעם ברודער אריינצונעהמען אלס אַן ארבייטער, און אזוי ארום איהם באַזאָרגען מיט אַ שטיקעל חיונה. דער מאַן האָט ניט דאגעגען און טראַכט ביי זיך, אז אַן אייגענער וועט דאָך אלץ זיין געטרייער

פון אַ פּרעמדען. נעהמט מען דעם ברודער אריין אין די ביזנעס, און אַ שטיקעל צייט געהט זיך אַוועק גאַנץ ניש'קשה'דיג. די ביזנעס שטייגט און ווערט פארגרעסערט, און צוזאמען דערמיט ווערען אויך דעם ברודערס אפּעטיטען פארגרעסערט... אלע „מאָנטאָג און דאָ־נערשטאָג”, קומט ער צו געהן מיט נייע תביעות און איז קיינמאָל קיין באַפרידיגטער ניט. דעם שוואָגער, דאָס הייסט, דעם אייגענטי־מער פון די ביזנעס, ווערט די זאַך אביסעל איבערדריסיג. סטייטש, טראכט ער זיך, דיך אריינגענומען אין אַ ביזנעס, באַזאָרגט מיט חיונה, טאָ וואָס ווילסטו נאָך, וואָס דרעהסטו אלעמאָל אַ ספּאָדעק מיט נייע פאָדערונגען, נייע תביעות; ס'איז דאָך עפּעס ניט עטהיש און ניט יושר'דיג? אָבער זיין שוועסטער מישט זיך אלעמאָל אריין, באַאיינ־פלוסט דעם מאַן און ער, דער מאַן, איז טאָקע אלעמאָל נאָכגעביג און וואָס מעהר זיינע פארלאַנגען ווערען געזעטיגט, אלץ מעהר וואקסען די אפּעטיטען.

עס קומט אזוי ווייט ביז דער דאָזיגער „גרינער” ברודער, ווערט מיט דער צייט אריינגענומען אלס שותף אין אַ צווייטען געזאָלין סטיישאָן וואָס זיין שוואָגער האָט געעפענט און וואָס איז גראדע אויפ'ן ווייבס נאָמען.

אלס שותף איז שוין ניט שייך געווען צו קומען מיט קיין תביעות ווי פריהער, בשעת ער איז געווען בלויז אן אָנגעשטעלטער. דערפאר אָבער, האָט ער געשאפען אזא סיטואציע אז מ'זאָל שוין קו־מען צו א י ה ם מיט תביעות. ער האָט פּשוט, דורך שווינדעל און אונ־עהרליכקייט, רואינירט די גאנצע ביזנעס. עס האָבען איינגעדרונגען געשעפטליכע סכסוכים און קאָמפּליקאציעס וואָס האָבען איניגע מאָל אויך פאראורזאכט דאָס אריינמישונג פון דער פּאָליציי. עס האָט זיך ארויסגעשטעלט, אז דער פארשוין האָט אזוי שווינדלעריש פארדרעהט דאָס געשעפט אז ווען אַ קלאגע זאָל אריינגעבראכט ווערען געגען איהם אין געריכט, וואָלט ער אויף זיך געהאט אַ קרימינעלען פּראָ־צעס, און וואָלט געקענט פארשיקט ווערען פאר שעהנע עטליכע יאָהר אין טורמע.

אויב אָנקלאָגען איהם דארף עס אָבער טאָן זיין אייגענע שוועס־טער אויף וועמענס נאָמען דער צווייטער געזאָלין סטיישאָן איז פאר־

שריבען. פאַדערט איהר מאַן פון איהר אז זי זאָל עס טאָקע טאָן, און נעהמען די נויטיגע געריכטליכע שריט געגען איהר ברודער וועלכער האָט זיי אַזוי מיאוס באַהאַנדעלט און געגען זיי אַזוי פאַרברעכעריש געזינדיגט. דער מאַן טענה'ט, אז אזא פארשוין, מעג ער זיין אן אייגענער ברודער, פאַרדינט ער ניט קיין איינזעהעניש. ער איז אַ נידעריגער נפש, אַ כאַראַקטערלאָזער באַטריגער און אַ משלם רעה תחת טובה פון ערגסטען סאָרט.

די פרוי ווידער טענה'ט: אמת, זי אַליין גיט צו, אַז איהר ברודער האָט זעהר פאַרדאָרבען און פאַרברעכעריש געהאַנדעלט געגען זיי, אָבער ער איז דאָך פאָרט אַ ברודער, טאָ ווי קען די מענשליכע הארץ דערלאָזען איינצוקלאָגען אייגען בלוט און פלייש?

עס איז שוין געקומען אַזוי ווייט, אַז דער מאַן איהרער האָט איהר אָפען געזאָגט אז ער פאַרדעכטיגט איהר אליין אלס אַנטייל נעמערין אין דער דאָזיגער קאָנספּיראציע... ווען ניט, וואָלט זי אליין ניט געקענט בלייבען גלייכגילטיג צו אזא שענדליכען סקאַנדאַליעזען אקט אפילו ווען דאָס איז באַגאַנגען געוואָרען פון איהר אייגענעם ברודער.

האָבען מיר פּרעזענטירט ביידע „קייסעס" זה לעומת זה, און מיר ווילען פּראָבירען מאַכען דעם נויטיגען פּסיכאָלאָגישען אנאליז, לויט וועלכען די געהעריגע אַנטשיידונג זאָל פון אונזער שטאַנדפּונקט אַרויסגעבראכט ווערען.

לאָמיר געהן כסדר:

אין דער ערשטער קיים איז דעם מאַנ'ס, דעם פּרעזידענטס שטעלונג אויף אַזוי ווייט נאַטירליך אויף וויפיעל עס האָט פּסיכאָלאָגיש צו טאָן מיט זיינע פון נאַטור געניי'גטע אייגענשאַפטען. דער מאַנספּערזאָן ביי וועמען די קאָפּ פונקציע איז שטאַרקער ווי די הארץ, קוקט דעריבער אויף יעדער געשעהעניש פון איהר לאָגישער זייט און ניט פון דער סענטימענטאַלער, און לאָגישערווייז קומט ביי איהם אויס אז זיין האנדלונג איז די ריכטיגע, די אמת'ע. דער שכל דיקטירט, אז וויל ער איז דער פיהרער וואָס שטעהט אין שפּיצע פון דער באַטרעפענדער פאַראיין, דאַרף ער היטען זיין רעפּוטאַציע. ער דאַרף זעהן אז זיין רעקאָרד זאָל ניט באַפלעקט ווערען דורך פאַר־

דערכטיגען איהם אין פערזענליכע פניות. ער דארף זיך היטען מען זאָל איהם ניט חושד זיין אין מיסברויכען זיין אמט. אמת, אז דורכ־דעם וועלען נעבאך אומשולדיגע ליידענדע געקריוודעט ווערען פון זייערע עלעמענטאַרע רעכט, און אז מיט זיין פיינקייט, וועט ער גורם זיין אומזיסטע יסורים צו זיין אייגענע פרוי, וועלכע פיהלט אַז זי איז אַ קרבן פון זיינע לאָגישע פרינציפּען. אָבער דאָס האָט דאָך שוין צו טאָן מיט סענטימענטאַליטעט, און דאָס דאָזיגע, איז דאָך ביי איהם ניט אזוי וויכטיג, ער איז דאָך דער רעפּרעזענטאַנט פון ש כ ל און ניט פון ג ע פ י ה ל.

די פרוי ווידער, וואָס ביי איהר פונקציאָנירט מיט מעהר קראפט דוקא דאָס סענטימענטאַלע, וויל זיך מיט קיין לאָגיק ניט רעכענען. ביי איהר קומט אוים אז עס איז אַ קרומע לאָגיק; איהרע געפיהלען זיינען גובר דעם שכל און דערפאר איז זי שטאַרק פארביטערט געגען איהר מאַן.

עס קומט פאָלגיך אוים, לויט דעם דאָזיגען אנאליז, אז איןביידענס טענות זיינען פאראן סיי ליכטיגע און סיי שאָטענדיגע זיי־טען. די פראגע איז נור, וועלכע זייט איז מעהר וואָגיגער כדי צו ווי־סען וואו דער כח ההכרעה דארף זיין.

באַטראכטען מיר אָבער די זאך ריכטיג, דאן מוזען מיר קו־מען צום באשלוס אז אין אָט דעם ספּעציפישען פאל ליגט די גערעכ־טיגקייט אויף דער זייט פון דער פרוי. אָנצואווענדען די טרוקענע לאָ־גיק אין אזא סאָרט פאל, וואָלט געהייסען אוועקגעאנגען צו אן עק־סטרעמע ריכטונג, ווייל אין אזא פאל וואָלט עס הייסען אַז די לאָ־גיק וויל פשוט איינשלינגען דאָס סענטימענטאַלע, אז דער קאָפּ וויל זיין דער שליט היחידי, און דאָס הייסט שוין עקסטרעמיטעט וואָס טאָר ניט טאלערירט ווערען.

נאָך מעהר דערפון: דאָ ווערען בכלל פארביטען די יוצרות און דעם מאַנ׳ס לאָגיק באַקומט דאָ אַ פאלשע אויסטייטשונג. דען לאָגיק ווייסען מיר דאָך שטיצט זיך אויף דעם טרוקענעם דין; אויב מען וויל טאָן עפּעס לפנים משורת הדין, געהט מען שוין אויטאָמאַטיש אריבער די גרעניץ; ווייל לפנים משורת הדין איז שוין ניט אַ זאך

פון דער לאָגיק נור פון געפיהל; עס שמעקט שוין מיט רחמנות, מיט סענטימענטאַליטעט.

אלזאָ, דאָ וועט דאָך דער מאַן אליין מוזען צוגעבען אַז על פּי דין זעהט זיך דאָ ניט איין אַז זיין האַנדלונג זאָל זיין אַ ריכטיגע, ווייל מיט וואָס זיינען באמת זיין פּרוי׳ס קרובים וואָס נויטיגען זיך אין דעם פעראיינ׳ס שטיצע, ערגער פון די פאַרוואַנדטע פון אירגענד וועלכע אַנדערע פעראיין שוועסטער? מיינט דאָך עס, אַז פון דעם דין שטאַנד־פּונקט קען דעם מאַנס האַנדלונג ניט רעכטפערטיגט ווערען. וואָס דען? דער פּרעזידענט וויל זיין אַ פיינער מאַן, ווייל ער האַנדלען לפנים משורת הדין. אויב אַזוי אָבער, געהט ער דאָך שוין איבער אין אַ פרעמדע ראַלע. לפנים משורת הדין, איז דאָך שוין ניט קיין פּראָדוקט פון דער לאָגיק נור פון סענטימענט, און דאָס איז דאָך שוין ניט זיין וואַפען...

און אויב שוין יאָ סענטימענטאַליטעט, איז דאָך שוין ריכטי־גער צו האַנדלען לויט דעם וואונש פון זיין פּרוי. ווייל צופרידענשטע־לען זיך אליין אויפ׳ן חשבון פון אַ צווייטענס ליידען, דאָס איז דאָך שוין קיין לאָגיק אויך ניט. ביי ניט דיסקרימינירען אָבער די פּרוי׳ס קרובים, איז דאָך שוין פאַראַן אי לאָגיק וואָס וואַרצעלט זיך אין זיי־ערע געזעצליכע עלעמענטאַרע רעכט, און אי סענטימענטאַליטעט מצד דעם רחמנות געפיהל וואָס דעם ליידענדעס ליידען רופען אַרויס.

דער סך הכל איז, אַז דעם מאַנ׳ס האַנדלונג קען ניט גוט־גע־הייסען ווערען, ניט מצד דער לאָגיק און ניט מצד דאָס סענטימענ־טאַלע. די לאָגיק איז נור אין זיין כונה אָבער בפירוש ניט אין זיין מעשה. דאָס סענטימענטאַלע ווידער איז איןביידע ניט, ניט אין כונה און ניט אין מעשה. איז דערפאַר קיין ספק ניט אַז די פּרוי׳ס שטע־לונג איז די ריכטיגע. זי איז הונדערט פּראָצענט גערעכט.

אַנדערש איז עס שוין אין קיים נומער צוויי. אויך דאָרטען שטאַמען ביידע געגענזעצטע טענות אָפּ פון די פּסיכאָלאָגישע ניי־גונגען פון ביידע געשלעכטער. אָבער דאָרטען איז שוין דוקא די גע־רעכטיגקייט אויפ׳ן מאַנ׳ס זייט און ניט אויף דער פּרוי׳ס. דאָרט מוז שוין לאָגיק האָבען די אויבערהאַנט און ניט דער סענטימענטאַלער געפיהל.

א קליינער אנאליז און מיר וועלען זיך גאנץ שנעל פאנאנדער־קלייבען אין דער זאך.

דעם מאנ׳ס טענות זיינען באגרינדעט אויף דער לאגיק. יע־דער פארברעכער איז א שולדיגער און יעדער שולדיגער דארף און זאל באשטראפט ווערען, מעג דער דאזיגער זיין אן אייגענער ברודער. אזוי זאגט דער דין, דער אידישער תורה דין אזוי גוט ווי דער ציווי־לער קארט געזעץ.

אמת, די בלוט פארוואנדשאפט, רופט ארויס געוויסע סימ־פאטיע און רחמנות געפיהל. אין דעם פאל איז אבער דער רחמנות ניט בארעכטיגט. דען ער אליין איז דאך צו מיר אויך דער זעלבער קרוב ווי איך צו איהם און ווארום האט ער ניט געפיהלט קיין רחמנות ווען ער האט מיר אזוי באשווינדעלט און באטריבט? איך אמווייניג־סטענס פארקוק דעם רחמנות ווייל עס האנדעלט זיך ווענען א קרוב א פארברעכער; ביי איהם אבער האט זיך עס דאך געהאנדעלט אין א קרוב אן עהרליכער מאן וועלכער האט איהם געשטעלט אויף די פיס, ממש געבראכט צום לעבען, און דאך האט ער געקענט אזוי ני־דערטרעכטיג האנדלען, אזעלכער, פארידנט קיין רחמנות ניט.

די פרוי׳ס זייט וואס איז באגרינדעט אויף די שוועסטער גע־פיהלען, איז דא גאר ניט באקרעפטיגט; דען אויב אויך אין אזא פאל אויסנוצען געפיהל און סענטימענטאליטעט, הייסט עס, זיך אין גאנ־צען געשטעלט אויף דער עקסטרעמער זייט, און עס פארלירט שוין ממילא דעם באדען אונטער זיך.

יא, דא אין קיים נומער צוויי, געווינט דער מאן און ניט די פרוי.

וואו עקסטרעמיטעט, דארט איז פארשפילט. מיר מוזען אלע־מאל אפערירען מיט אלע מענשליכע ארגאנען וואס די השגחה האט געשטעלט צו אונזער פארפיגונג. מען דארף פון זיי אלע מאכען איין מזיגה, איין צוזאמענשמעלצונג, און דאן הארמאנירט עס און דער פראצעס פון לעבען שטעלט זיך איין אין בעסטער ארדנונג.

לג

חולי גוף און חולי נפש

(א שטיקעל פארדינטער מוסר)

א גביר א קמצן, האָט זיך אמאָל באַריהמט אז ער האָט מקיים געווען דריי מצוות מיט איינמאָל. ומעשה שהיה כך היה:

ס'איז געקומען צו איהם אן אָרעמאַן אין אַ געוויסען מאָנטאָג, און האָט זיך באַקלאָגט אז ער איז שטאַרק הונגעריג. אַנשטאָט איהם צו געבען אַ פרישען מאָלצייט, וואָס זיין קמצנות'דיגע נשמה האָט ניט דערלאָזען, האָט ער איהם געגעבען די שיריים פון שבת'דיגען טשאָלענט. דער אויסגעהונגערטער אָרעמאַן, האָט זיך נעבאַך צוגעכאַפּט צום גביר'ישען טשאָלענט טאַקע, ווי מען זאָגט, מיט'ן אָרעמאַנס אַפּעטיט. דער ליידיגער מאָגען האָט אָבער ניט געקענט פערדייען דעם אייערנעכטיגען טשאָלענט, און איז דערפון שטאַרק קראַנק געוואָרען מיט'ן רעזולטאַט אַז צוויי טעג שפּעטער איז ער געשטאָרבען. אַזוי אָרום האָט עס אונזער חשוב'ער גביר מקיים געווען דריי מצוות מיטאַמאָל: הכנסת אורחים, בקור חולים און הלוית המת...

אין דעם דאָזיגען אנעקדאָט האָבען מיר זיך איצט דערמאָנט; ווייל אויך אונז קומט ערשט אוים מקיים צו זיין, אויב ניט גאַנצע דריי, איז לפּחות צוויי מצוות מיטאַמאָל: בקור חולים, און הבאת שלום בין איש לאשתו וועלכע זיינען אויך אין נאָהנטער שכנה'שאַפט מיט יענעם גביר'שען דריילינג אין דער זעלבער משנה פון „אלו דברים שאין להם שעור", און אויך מיר, האָבען דערצו אַ מעשה שהיה.

אַ יונגע פרוי קומט צו אונז אריין זיך אָראָפּריידען פון האַרצען, און אָנקלאָגען איהר אייגענעם מאַן פאַר, נאָך איהר מיינונג, ניט קיין אָנשטענדיגע אויפפיהרונג מצד אזא אינטעליגענטען מענש ווי ער, איהר מאַן, פּרעטענדירט צו זיין.

ער האָט זיך אנומעלטען, דערציילט די ווייבעל, צו ווערטועלט מיט זיינעם אַ גוטען פריינד און עס איז געוואָרען אַ ברוגז צווישען זיי און טאַקע אַ שטאַרקער ברוגז. מעגליך, זאָגט ווייטער דאָס ווייבעל, אז גערעכט איז טאַקע אפשר געווען איהר מאן און זי האָט כלל ניט בדעה צו פארטיידיגען דעם צד שכנגד; אָבער בינו לבינו האָט פּאסירט אז איהר מאנ׳ס געוועזענער פריינד איז פלוצלונג ערנסט קראנק געוואָרען, און געפינט זיך שוין וואָכענלאנג אין האָספּיטאַל.

טענה׳ט זי צו איהר מאַן, אז עס וואָלט געווען יושר׳דיג אז איצט, אונטער אזעלכע אומשטענדען, זאָל ער פארבויגען זיינע קריוו־דעם און זאָל איהם געהן מבקר חולה זיין. ער אָבער זאָגט, אז ער דארף עס ניט טאָן. ברוגז — איז ברוגז, טענה׳ט ער; יאָ קראנק, ניט קראנק,ער דארף איהם ניט געהן באַזוכען. איהר, דאָס ווייב, קריינקט אָבער אזא האַנדלונג. זי באַטראַכט עס אַלס גאָר ניט אנשטענדיג, נידעריג און גראָב. עס איז שוין געקומען אזוי ווייט אז מאַן אוּן ווייב האָבען זיך שוין אַליין אויך שטאַרק צעווערטעלט און זייער שלום בית שטעהט שוין אויך אין אַ שטיקעל סכנה.

אין איהר פארלעגענהייט איז זי געקומען צו אונז, און וויל הערען אונזער מיינונג אין דיזער אַנגעלעגענהייט.

ווי איהר זעהט אלזאָ, האָבען מיר שוין אויך צו טאָן מיט צוויי מצוות מיטאַמאָל: בקור חולים און שלום בית.

ווילט איהר דאָך מסתמא א זאָג טאָן אז דער משל מיט׳ן נמשל שטימען ניט. דען אין משל זיינען דאָך אלע דריי מצוות שייך געווען צו איין פּערזאָן ווערענד אין אונזער פאל זיינען דאָך די צוויי מצוות שייך צו צוויי באַזונדערע פּערזאָנען; „הבאת שלום״, צו אונז, און „בקור חולים״ צום אָנגעקלאָגטען יונגערמאַן.

איז עס אָבער דאָך ניט קיין טעות סופרים, און מיר נעהמען זיך דאָס רעכט צו מאניפּאַליזירען פאר אונז אויך די צווייטע מצוה פון בקור חולים. מיר מיינען אז דער יונגערמאַן האָט אונז אונטערגעטראָ־גען אויף א טעצעל א מצוה בקור חולים נומער צוויי, אלס רעזול־טאַט פון בקור חולים נומער איינס; און דער דאָזיגער שפּאָגעל נייער בקור חולים איז שוין דוקא חל אויף אונז אליין.

וועט איהר פּרעגען ווער זשע איז דער חולה, וועמען מיר דאַרפען איצט מבקר זיין?

ואף אנו נאמר, וועלען מיר דאַרויף ענטפערען אַז אונזער חולה איז טאַקע דער באַטרעפענדער יונגערמאַן אַליין; און אויב ניט קיין פיזישער חולה, איז ער אַ גייסטיגער; אויב ער ליידעט ניט פון חולי הגוף, ליידעט ער אָבער פון חולי נפש; און אַז אַזעלכע חלאים דאַרף מען אויך מבקר חולה זיין, איבערצייגט אונז אַ פרישער אַנעקדאָט וואָס האָט טאַקע אויך צו טאָן מיט אַ גביר אַ קמצן.

דער קעלמער מגיד איז אַמאָל אַריינגעקומען צו אַ קאַרגען גביר. אויף דעם גביר'ס פראַגע וואָס ער פאַרלאַנגט, האָט דער קעלמער געענטפערט אַז ער איז איהם געקומען מבקר חולה זיין. „וואָס הייסט? — קוקט איהם יענער אָן — בין איך דען חלילה קראַנק?" „אָה! געוויס" — ענטפערט דער קעלמער. „געוויס זיינט איהר קראַנק. ס'איז אַ בפירוש'ער פּסוק: „איש אשר יתן לו האלקים עושר ונכסים וגו' ולא ישליטנו האלקים לאכול ממנו וגו' זה הבל וחלי רע הוא" (קהלת ו', ב).

דער גביר אָבער ווייסט נאָך אַלץ ניט וואָס דער מגיד וויל פון איהם.

„רבי" — מאַכט ער — „די מצוה פון בקור חולים, מיין איך, האָט איהר שוין יוצא געווען; וואָס זשע נאָך ווילט איהר?"

„ניין", ענטפערט איהם דער קעלמער, „כ'האָב נאָך די מצוה נישט יוצא געווען. דען די גמרא זאָגט: „המבקר חולה נוטל אחד מששים בצערו" (נדרים לט) און אָט דעם אחד מששים פון אייער קריינק בין איך געקומען נעהמען"...

איז דאָך דייטליך געדרונגען דערפון אַז די מצוה פון בקור חולים איז חל אויך אויף חולי הנפש; און אַז אונזער „אינטעליגענטער" יונגערמאַן ליידעט אויף דער דאָזיגער מחלה, אין דעם קען גאָר קיין ספק ניט זיין. אַ איד מיט אַ געזונטען נפש וואָלט ניט פעהיג געווען אַזוי נאַריש פאַרברעכעריש צו האַנדלען. שטראָפען ברוגז מיט ברוגז לאָזט זיך נאָך ווי עס איז פאַרשטעהן; עס איז אין דער

ליניע פון אזוי צו זאָגען, מדה כנגד מדה; אָבער שטראָפען ברוגז מיט אכזריות, דאָס איז שוין א היבש ביסעל אָפּגענויגט פון דער ליניע; ס'איז שוין ווייט אריבער די גרעניץ.

מיינט הפנים אונזער העלד אז מיט געהן מבקר חולה זיין זיין אלטען פריינד און נייעם „שונא" וועט ער דערמיט ארויסצייגען א געוויסע שוואכקייט, און מיט'ן ניט געהן צייגט ער ארוים שטאַר־קייט, איז עס אָבער גראדע דער הפך. אונזערע חכמים האָבען שוין לאנג געזאָגט: „איזהו גבור הכובש את יצרו", אָבער דער וואָס קען זיין יצר הרע ניט גובר זיין דער איז שוין גאָר קיין גבור ניט; דאָ ליגט ערשט די שוואכקייט.

און ציטירט מען שוין איין מאמר חז"ל, דערמאָנט זיך שוין א צווייטער וואָס זאָגט: „ולא יהא אכזרי מלמחול לו", און אין אזא פאל וואו יענער איז נאָך א חולה דערצו איז דאָך די אכזריות נאָך פיעל גרעסער.

ניין, ליעבער פריינד, מיר זעהן אין אייך ניט קיין אינטעליגענץ, און קיין גבורה און חכמה אויך ניט. מיר באַטראַכטען אייך פאר א זינדיגען אין דיזער הינזיכט, און זינד מיט חכמה פּאָרען זיך ניט צו־זאמען; דען א דריטער מאמר חז"ל לויטעט אז: „אין אדם חוטא אלא אם כן נכנס בו רוח שטות", און שטות, מיינען מיר, איז גראדע דער הפך פון חכמה...

אָבער שוין ניט ריידענדיג פון דעם ענין בקור חולים אן און פאר זיך, זעהט איהר דאָך אליין אז אייער האַנדלונג האָט שוין אויך אָנגעריהרט אייער שלום בית, און דער בקור חולים האָט שוין מיט זיך געבראַכט א פּראָבלעמע פון הבאת שלום בין איש לאשתו, און אויף אייער ווייב זיינט איהר דאָך ניט ברוגז, טאָ פאר וואָס דאַרף זי ליידען צוליב א פרעמדען ברוגז? איהר ווייסט דאָך דעם תלמוד'י־שען אויסדרוק: „טוביה חטא — וזיגוד מינגד?"

יאָ, ר' איד, איהר אליין זיינט א שטיקעל חולה, און מיט פאַר־שוויינען און ניט רעאַגירען אויף אייער אומבארעכטיגטע האַנדלונג, וואָלטען מיר זיך אליין אויך געשטעלט אין דער זעלבער לאגע אין

וועלכע איהר געפינט זיך איצט; מיר וואלטען אויך עובר געווען אויף דער מצוה פון בקור חולים... אט דערפאר אונזער ביסעלע מוסר. אבער ווי זאגט דער קעלמער, אז יוצא זיין בקור חולים קען מען נור דאן ווען מען איז א „נוטל אחד מששים מחליו", ווילען מיר לפחות דעם אחד מששים אוועקנעהמען; און דאס גלויבען מיר, וועט שוין אויך זיין גענוג אז איהר זאלט ענדערען אייער שטעלונג.

לד

געמישטע הייראַטען

איינע פון די שרעקליכסטע מחלות וואָס האָט זיך אריינגעכאַפּט אין אידישען לאגער, און וואָס דראָהט מיט עפּידע־מישען געפאהר, איז די קללה פון געמישטע הייראַטען. עס האָבען זיך אמת אלעמאָל געפונען ביי אידען אברים המדולדלים, פּאראלי־זירטע גלידער אין דעם פאָלק אָרגאַניזם, וואָס האָבען געבראכט שמאַכט און שאַנדע אויפ׳ן גאַנצען פאָלק; אָבער יענע אברים המדול־דלים, זיינען ניט געבליבען הענגען אויפ׳ן אידישען קערפּער. זיי האָבען זיך אליין אָפּגעריסען פון אונז און אוועק.

פאלען פון שמד רחמנא ליצלן, זיינען אלעמאָל פאַרגעקומען אין אידישען לעבען, וואו אין אַ גרעסערע צאָהל און וואו אין אַ קלע־נערע, און דאָס איז געווען ווייניגער אָדער מעהר אַ נאַטירליכע ער־שיינונג, אקוראַט ווי עס איז אויך געווען אַ נאַטירליכע ערשיינונג פאלען פון ג י ר ו ת, ווען קינדער פון פרעמדע פעלקער זיינען אוועק פון זייער שטאַם און זיך אַנגעשלאָסען אין דער מחנה ישראל.

כדאי צו דערמאָנען אַ כאַראקטעריסטישען ענטפער וואָס ווערט איבערגעגעבען אין נאָמען פון גראף פאטאצקי, וועלכער האָט זיך מגייר געווען אין זיבעצענטען יאָהרהונדערט. ווי באַוואוסט, איז דע־מאָלט געווען אן עת צרה ליעקב צוליב די גזירות פון שנת ת״ח; האָט מען דעם גראף געפרעגט, ווי קומט עס וואָס ער האָט זיך מגייר געווען; וואָס פאר אַ גליק קען ער ערוואַרטען פון האָבען געוואָרען אַ איד? זאָל דער גראף האָבען דארויף געענטפערט אומגעפעהר אזוי: ס׳איז דאָך באַוואוסט פון מאמרי חז״ל אז ווען השי״ת האָט געגעבען די תורה צו אידען, האָט ער איהר פריהער אָנגעבאָטען צו די פאַר־שידענע אומות העולם. יענע האָבען אָבער איהר צוריקגעוויזען מיט דער טענה פון „מה כתיב בה״, און יעדער אומה באַזונדער האָט גע־

האָט עפּעס אַנדערש אויסצוזעצען געגען איהר. דאַגעגען ווען דער אַנבאָט איז נאָכהער געמאַכט געוואָרען צו די קינדער פון ישראל, האָבען זיי מיט שמחה געענטפערט „נעשה ונשמע".

עס שיקט זיך דאָך אָבער ניט — זאָגט דער גראַף — אז עס זאָלען ניט האָבען געווען אויסנאַהמען צווישען יחידים פון די אומות העולם וואָס זאָלען דוקא יאָ וועלען אָננעהמען די תורה, פונקט ווי עס זיינען מסתמא געווען אויסנאַהמען אויך צווישען די אידען גופא, וואָס זיינען גראדע ניט געווען אזוי באַגייסטערט פאר דער תורה, ווי עס צייגט דער פאקט פון „כפה עליהם הר כגיגית"...

משמעות, אז אויסנאַהמען זיינען טאַקע געווען איןביידע לאַגערען, אָבער ווייל די דאָזיגע זיינען נור געווען געציילטע, זיינען זיי אלס מעוט, בטל געוואָרען אינ׳ם רוב, און דער רבונו של עולם האָט זיך גערעכענט מיט דער מאַיאָריטעט, האָט ער דערפאַר געגעבען די תורה צו אידען וואו דער רוב האָט איהר יאָ געוואָלט נעהמען, און ניט צו די גוים ביי וועמען דער רוב איז געווען געגען איהר.

ווייל אָבער, פאַרענדיגט דער גראַף, עס זיינען דאָך געווען אַ מעוט אין ביידע לאַגערען וואָס איז ניט געווען נוטה צום רוב, האָט זיך דער דאָזיגער מעוט אין משך פון די קומענדע דורות ארויסגע־גליטשט יעדערער פון זיין אייגענער מחנה. דער מעוט פון די אידען וואָס האָט די תורה ניט געוואָלט אָננעהמען איז איבערגעגאַנגען צו די גוים; דערפון דאָס ביסעל משומדים וואָס אידען האָבען פון זיך אויסגעשפיגען; און דער מעוט פון די גוים וואָס האָט יאָ געוואָלט אָננעהמען די אידישע תורה איז אין פארלויף פון די דורות איבער־געגאַנגען אין אידישען לאַגער, און דערפון דאָס ביסעל גרים וואָס קומען אריין צו אונז. און איך — האָט גראַף פּאָטאָצקי אויסגעפיהרט — געהער צו דעם גוי׳אישען מעוט...

שמד, רחמנא ליצלן, איז דעריבער געווען אזוי צו זאָגען, אַ נאַ־טירליכע ערשיינונג, טראָצדעם וואָס קיין איבעריגען תענוג האָבען מיר דערפון ניט געקענט האָבען און דער דאָזיגער איבעל האָט אונז ווינציג נחת געקענט פארשאפען; געפעהרליך איז עס אָבער קיינמאָל ניט געווען, און מיט קיין עפּידעמיע האָט עס ניט געדראָהט. דער דאָזיגער אומבאַדייטענדער קליינער אָבפאַל איז באַגעגענט געוואָרען

מיט אָפּגעקעהרטען עקעל און מיאוס'ע פּאראכטונג מצד די ברייטע מאַסען, אפילו פון יענע טיילען וואָס האָבען געהערט צום סאמע ראַ־דיקאַלסטען פליגעל, לינקס שבלינקס.

אנדערש איז עס אָבער צום באַדויערען מיט געמישטע הייראַטען. דיזער אומגליק דראָהט יאָ מיט עפּידעמישען געפאהר. דאָס איז אַ מין שמד מיט אַ „הכשר"... די קרבנות פון די נשואי תערובת, באַטראַכטען זיך ניט פאַר קיין אַרויסגעטראָטענע פון דער מחנה ישראל. זיי האַלטען זיך פאַר גאַנץ פיינע און אויפריכטיגע אידען, נור „פאַרשטעהען" אַז מען קען זיין אַ גאַנץ שעהנער איד אפילו אַז מען לעבט מיט אַ גוי'אישע ווייב... אין ערגסטען פאַל, טראַכטען זיי, איז עס אַן עבירה, און לאָמיר זאָגען, טאַקע אַ הארבע עבירה, אָבער, ווערען דען אידען מחללי שבת למשל אַרויסגעשטויסען פון כלל ישראל דערפאַר וואָס זיי טוען אַ האַרבע עבירה?

דאָס איז דער דורכשניטליכער אידעען גאַנג פון די גוי'איש באַווייבטע אידען. זיי נעהמען ניט אין אכט, אַז געמישטע הייראַט איז עפּעס מעהר פון סתם אַן עבירה, אַז דאָס איז פּשוט אָפּגעריסען זיך פון מקור, און מטמא געוועזן די גאַנצע אומה; עס איז ווי מען זאָל אויסעגבערען אַ לאָך אין אַ שיף אונטער דעם אייגענעם זיץ פּלאַץ, און ניט נעהמען אין אכט אַז דערמיט שטעלט מען אין געפאהר די גאַנצע שיף מיט אַלע וואָס געפינען זיך אויף איהר.

געמישטע הייראַטען מיינט, אָפּצואווישען אַלע גרעניצען וואָס טיילען אָפּ צווישען אונז און אַנדערע פעלקער און ראַסען, ווייל די קינדער וואָס ווערען געבוירען פון אַזעלכע טאַטע־מאַמע זיינען דאָך „בני תערובת" וואָס מיינט חצי גוי חצי איד און מישען זיך דאָך אויס אינעווייניג צווישען אונזערע אייגענע קינדער. מען איז זיך משדך איינער מיט'ן אַנדערען און מען פאַרדעכטיגט גאָר ניט, און אַזוי אַרום ווערט מכולה און באַפלעקט די גאַנצע ריינקייט פונ'ם אידישען פאַמיליע לעבען.

עס איז אַ גרויסער חלוק פון אַ אידישע זינד ביז אַ זינדיגען איד. מעג זיך אפילו אַ איד אָנזינדיגען וויפיל ער וויל, איז די ז י נ ד אידישע ז י נ ד און — „ישראל אף על פי שחטא ישראל הוא". דאָס

איז אָבער אלץ ווען די זינד איז אַ פּראָדוקט פון דעם איד אָבער ניט ווען דער איד איז אַ פּראָדוקט פון די זינד, ווי עס איז דער פאל מיט די קינדער פון די געמישטע הייראַטען . . .

* * *

און אַ טעות מאַכען אויך די דאָזיגע „תועים בדרכי החיים" ווען זיי מיינען אַז געזעלשאַפטליך אַמווייניגסטענס קען עס אויסהאַלטען. די ערפאַהרונג צייגט עפּעס אַנדערש. מעהר ווי ניינציג פּראָצענט פון אזעלכע חתונות זיינען אַן אמת'ער דורכפאל. די נאַטור אליין איז ניט צופרידען מיט אזעלכע שידוכים. דער „משפחותם ללשונותם לארצותם בגוייהם" איז אַ נאַטור געזעץ און געגען דער נאַטור קען מען ניט קעמפפען.

דער עירוב רב איז פון אייביג אַן געווען אַן אומגליקליכע אַנ־טשעפּעניש פאר אונז, אפילו ווען דאָס האָט כלומר'שט געטראָגען אויף זיך דעם שטעמפּעל פון גירות. די אידישע טראַדיציע האָט אויך אין אזעלכע פאלען עס פאראַכטעט און ארויסגעטראָגען דעם משפּט פון „קשה גרים לישראל כספחת". און אויב סתם גירות האָט ניט געקענט קריגען די שטיצע און גוטהייסונג פון דאָס טראַדיציאָנעלע אידענטום, איז דאָך שוין אָפּגערעדט פון אזא גירות וואָס קומט די־רעקט אלס פּראָדוקט פון, און צוליב, די געמישטע הייראַטען. אין אזא פאל איז דאָך דער גאַנצער גירות ניט מעהר ווי קאַמופלאַזש, און איז פונקט ווי נעהמען און אַנקלעפּען למשל א „כשר לייבעל" אויף אַ חזיר'ל און ווען דאמיט דאָס חזיר'ל כשר'ן...

ניין, ביי אונז קען קיין געמישאַכץ ניט זיין. אפילו ביי ניט־מענשליכע באַשעפּענישען איז דאָס דאָזיגע פארבאָטען געוואָרען מיט אַ לאו פון „בהמתך לא תרביע כלאים", אזעלכעס איז אויך פאַרזאָגט געוואָרען ביים „צומח" — „שדך לא תזרע כלאים" און אפילו אויך ביים „דומם" האָט די תורה געזאָגט: „ובגד כלאים שעטנז לא יעלה עליך".

היינט די שאַנדע וואָס ווערט דורכדעם ארויפגעלייגט אויף טאַטע־מאַמע און אויף די גאַנצע משפחה, און מאַנכעס מאָל פיהרט עס צו גאָר ערנסטע און פאטאלע רעזולטאַטען.

ווי געזאָגט, זיינען די געמישטע הייראַטען ביז אַ געוויסער מאָס פּיעל ערגער נאָך פון שמד ר"ל, דערפאר ווייל דאָס איז מעהר אָנ־שטעקענדיג, מעהר עפּעדעמיש; איינער קוקט אויפ'ן אַנדערען און עס ווערט ביסלעכוויז אריינגעבראכט אין דער „מאָדע".

דארפען אָבער דארין באַשולדיגט ווערען, ניט נור די קינדער נור ביז אַ געוויסער מאָס אויך די עלטערען. עס איז אין טויזענטער פּעלע, די קורצזיכטיגקייט און שמאָלקעפּיגקייט פון די עלטערען וואָס איז פאראנטוואָרטליך פאר דיזע פארברעכערשע איבלען. טאַטע־מאַ־מע גיבען ניט גענוג אכטונג אויף זייערע קינדער אום צו וויסען מיט וועמען זיי חבר'ן זיך, און אין וועלכע געזעלשאַפט זיי געפינען זיך. על פּי רוב פאנגט זיך די צרה אָן אין דער סאמע פריהעסטער יוגענד, אין דער סקול פעריאָדע, ווען די קינדער זיינען נאָך קליין און די ניט וויטזעהענדע עלטערען פארדעכטיגען גאָר נישט אז פון אזא קינ־דערשע חברותא זאָל זיך עפּעס ערנסטעס קענען אנטוויקלען.

אונזערע וויטזעהענדע חכמים האָבען אָבער יאָ געזעהן אז פון גאנץ מינדערוויכטיגע זאכען קענען ארויסקומען גאָר ערנסטע קאָמפּליקאַציעס. זייערע ווארנונגען אין געשטאלט פון זייערע „תקנות" און „גזירות", זיינען דער בעסטער באַוויז דערצו. פּשוט'ע גוי'איש ברויט וואָס איז ניטאָ דארויף קיין חשש טריפות, האָבען אונזערע חכמים פונדעסטוועגען גע'אסר'ט, און דערביי אָנגעגעבען אלס מאָטיוו דעם „גזרו על פּתם משום שמנם, על שמנם משום יינם ועל יינם משום בנותיהם". פון עסען ברויט צוזאמען, קען עס קומען צו טונקען דאָס ברויט אין אַ בשותפות'דיגען בוימעל קרוג; פון בוימעל קען עס קומען צו וויין, און פון וויין — צו געמישטע הייראטען. עס קען זיך אָנהויבען פון אַ גאנץ קליינגקייט, עס וועט אָבער דערגריי־כען צו גאָר ערנסטע זאכען.

אין דיזער הינזיכט זיינען גייסטיגע קראנקהייטען, אין זייער אנטוויקלונגס פּראָצעס ניט אנדערש פון פיזישע וואו פון אַ פּשוט'ער „פארקיהלונג" קען עס קומען צו „אינפלוענציע" און דאן צו לונגען אנטצינדונג א. ד. ג. דאָס זעלבע אויך מיט גייסטיגע מחלות. און וואָל־טען עלטערען אויסגעפאָלגט די ווארנונג פון אונזערע חכמים, וואָלטען

זיי אליין אויך געוואָרען „חכמים הרואים את הנולד” און וואָלטען ניט דערלאָזט צו די מינדערוויכטיגע זאכען, וואָלט עס ממילא ניט געקענט קומען צו גרויסע אומגליקען.

די פאראנטוואָרטליכקייט פאלט אויףביידען, אויף די עלטערען פונקט ווי אויף די קינדער, און ביידע דאַרפען זיך דערין ערנסט פאר־טראכטען.

לה

געבורטקאָנטראָל

עס דערמאָנט זיך אין אַ ווערטעל וואָס האָט צירקו־לירט אין ארץ ישראל אין דער צייט ווען עס זיינען ארויסגעקומען די „ספרי לבן", די „ווייסע ביכער" פון דעם ענגלישען קאָלאָניאַל מי־נעסטעריום אין לאָנדאָן, בימי פאַספיעלד און מעקדאָנאַלד, און האָ־בען ארויסגעטראָגען די גזירה פון „סטאָפּ אימיגריישאָן". פארשטעהט זיך אז די דאָזיגע גזירה איז געווען, און איז נאָך טיילווייז ביז היינט, אַ שטאַרקער קלאַפּ פאַר דעם ישוב און האָט דעריבער ארויסגערופען פארביטערונג און ענטריסטונג געגען דער מאַנדאטען מאַכט.

מיט איין זאַך האָבען זיך אָבער אידען געטרייסט, און דאָס איז, מיט די צאָלרייכע געבורטען מיט וועלכע ארץ ישראל האָט זיך אויסגעצייכענט. דאָס איז — האָט מען זיך געווערטעלט — אונזער שטאַרקסטער וואַפען געגען דער בריטישער קאָלאָניאַל מאַכט. אָט די דאָזיגע נייע „אימיגראַנטען" קענען אריינקומען אונגעשטערט אין לאַנד. זיי דאַרפען ניט קיין וויזעס מיט קיין סערטיפיקאַטען...

משמעות אז אין אמעריקא אָבער דאַרפען אזעלכע אימיגראַנ־טען אויך האָבען וויזעס און אויך אויף זיי איז דאָ אַ קאָנטראָלירטע מאַכט וואָס באַגרעניצט זייער „איינוואַנדערונג"...

די דאָזיגע מאַכט רופט זיך „געבורטקאָנטראָל" און ליגט דוקא אין די הענט פון די נאָהנטסטע קרובים פון דעם דאָזיגען אימיגראַנט, אין די הענט פון זיינע אייגענע טאַטע־מאַמע...

און וואָס עס איז נאָך מעהר כאַראַקטעריסטיש, איז דער פאַקט אז די זעלבע ארגומענטען מיט וועלכע די אימיגראַנטען פרעסער באַ־נוצען זיך אין זייער אונאויפהערליכען קאַמפּיין פון „סטאָפּ אימיגריי־שאָן", באַנוצען זיך אויך די אָנהענגער פון געבורטקאָנטראָל. ווי די ערשטע, אזוי אויך די געבורט־קאָנטראָלער, האַלטען אין איין טענה'ן

אז פונקט ווי די נייע ערוואקסענע „אימיגראנטען" זיינען אן אומ־געווינשטער עלעמענט דאָ אין לאנד, ווייל זיי שאַפען עם דעם קריזים מיט די „דעפּרעשאָן", וואָס איז אַ רעזולטאַט פון ארבייטסלאָזיגקייט. זיי, די נייע אימיגראנטען, נעהמען צו דעם ביסען ברויט ביי די אלטע אָרטיגע, אזוי — טענה'ן זיי — איז אויך מיט די נייע קליינע אימי־גראַנטלאך, די ניי געבוירענע ווייסע חברה'ניקעס, וועלכע שאַפען אויך אַ קריזים אין זייערע געבורט היימען. די הוצאה ווערט צוליב זיי גרעסער, ווייל זיי האָבען אַ טבע אז ווי נור זיי ווערען געבוירען אזוי ווילען זיי גלייך שוין עסען, און אפילו מיט קליידונג דארף מען זיי שוין באַזאָרגען; און ווער האָט עס בכח היינטיגע צייטען אזוינס צו באַווייזען? דארף מען דעריבער די דאָזיגע אימיגראנטלאך דער־קלעהרען פאר „אומלעגאל" און זייער „איינוואנדערונג" דארף שטרענג קאָנטראָלירט ווערען. ס'טאָר ניט זיין הפקר, סתם אין דער וועלט אריין נעהמען און געבוירען ווערען. עס מוז געהן מיט אַ סדר, מיט אן אָר־דנונג. אַ פּראָצענט נאָרמע דארף זיין. איינס אָדער צוויי פון אַ הויז איז גענוג. פאַר מעהר פון אַזאַ צאָל טאָר מען קיין „וויזע" ניט געבען...

קוקענדיג דערויף פון אַ תורה שטאַנדפונקט, איז עס פשוט אַ פאַרברעכערשע זינד. עס איז אַ פאַרלעצונג פון די סאַמע ערשטע מצוה פון „פרו ורבו" וואָס איז ניט קיין פּריווילעגיע נור אַ געבאָט. די „מפתחות של יולדות", די שליסלען פון אָט דעם מין „אימיגראַ־ציע", זיינען אין די הענט פון דעם אלמעכטיגען אליין „בידיו של הקב"ה". נור ער, דער רבונו של עולם אליין, האָט די פולע קאָנטראָל אויף דאָס מענשליכע געבורט. און דאָרט וואו דער רבונו של עולם שליסט אויף די טירען און עס קומט דער מענש און שטעלט זיך אנט־קעגען און וויל דוקא האלטען צוגעמאַכט, פארשלאָסען, איז עס פשוט אַ רעוואָלט געגען דער אלמעכטיגער הערשאַפט און אן אלערהעכ־סטער שרעקליכער פארברעכען וואָס איז אָהן צווייפעל אונפארצייה־ליך.

זיינען אויך די טענות און ארגומענטען מצד די געבורט קאָנ־טראָלער פאַלש און אומבאַרעכטיגט; און דער כלל פון „מאן דיהיב חיי יהיב מזוני" איז דאָ בוכשטעבליך צוגעפּאַסט און אָנגעמאָסטען.

דען אויב דער דאַזיגער „חיי" קומט צוזאַמען מיט זיין „מזוני" איז ער שוין דאַן מעהר ניט קיין „אימיגראַנט"; ער פאַלט שוין אויטאָ-מאַטיש ארוים פון דער דאַזיגער קאַטעגאָריע און געהט אריין אין דער קאַטעגאָריע פון רייכע „טוריסטען" וואָס קומען אריין מיט קאַ-פיטאל און אויף וועמען די אימיגראַציע גזירות זיינען לגמרי ניט חל.

פארשטעהט זיך אז די פּרעדיגער און אַנהענגער פון געבורט-קאָנטראָל באַלאַנגען ניט צום טראַדיציאָנאַלען „חדר" וועמעס תלמי-דים האָבען זיך ערצויגען אויף'ן שוים פון דער ריינער אמונה. אמת גלויביגע אידען (און דאָ רעדט זיך פארשטעהט זיך נור וועגען א י-ד י שע געבורט קאָנטראָלער) ווייסען אז פּונקט ווי דער „מפתח של יולדות" איז איבערגעגעבען „בידיו של הקב"ה" אַזוי איז עס אויך מיט דעם „מפתח של פּרנסה".

די דאַזיגע אמונה אידען ווייסען וואָס אונזערע חז"ל זאָגען אז „קשה מזונותיו של אדם יותר מן הגאולה, דאילו בגאולה נאמר המלאך הגואל אותי מכל רע ובמזונותיו של אדם נאמר ה א ל ק י ם הרועה אותי מעודי עד היום הזה". מזונות הייסט עס, איז ניט אי-בערגעגעבען צו קיין מלאך נור איז אין די הענט פון רבונו של עולם אליין.

הייסט עס דאָך אלזאָ אז טאַטע-מאַמע מוזען פאר זייער א יי-גענעם לעבענסמיטעל אויך אָנקומען צום „הזן ומפרנס מקרני ראמים עד ביצי כנים"; און אויב שוין יאָ אָנקומען צו השם יתברך אליין, איז דאָך שוין קיין אונטערשיד ניט פאַר וויפיעל נפשות די מזונות זיינען נויטיג. דער אוצר המזון פון הקדוש ברוך הוא פארמאָגט דאָך גענוג פּראָוויאַנט צו שפּייזען גאַנצע מיליאָנען מענשען פּונקט ווי פאַר איינציגע און געציילטע . . . צו וואָס אַלזאָ זאָל מען וועלען דעם רבונו של עולם איינשפּאָרען? וואָצו אזא סאָרט עקאָנאָמיע אויף דעם אויבערשטענס רעכענונג? . . .

עס דערמאָנט אונז א שעהנעם וואָרט פון דעם דובנער מגיד ז"ל אויף'ן פּסוק: „השלך על ה' יהבך והוא יכלכלך". כדרכו בקודש, טייטשט דער דובנער אוים אויך דעם דאָזיגען פּסוק בדרך משל: גע-גאנגען אמאָל אַן אָפּגעריסענער אָרעמאַן אין וועג, פון איין שטעטעל אין דער צווייטער. אויף הוצאות הדרך האָט ער דאָך ניט געהאַט,

איז ער באַין ברירה געגאַנגען צו פוס, און געשלעפּט דאָס אָרעמע פּעקעל זיינס אויף די פּלייצעס. פאַהרט פאַרביי אַ רייכער עקיפּאַזש אין וועלכען עס איז געזעסען רחבות'דיג אַ אידישער גביר. דערזע־הענדיג דעם אָרעמאַן מיט'ן פּאַק אויף די פּלייצעס שלעפּענדיג זיך צו פוס, האָט עס אונזער גביר פאַרכאַפּט ביים הארצען, און האָט גלייך אָפּגעשטעלט זיין עקיפּאַזש. ער האָט צוגערופען דעם אָרעמאַן און איהם געפרעגט: וואוהין שלעפּט זיך עס אַ איד צו פוסען? דער אָרעמאַן האָט איהם געזאָגט צו וועלכע שטעטעל ער געהט; און היות דער גביר איז טאַקע אויך געפאָהרען אין יענע שטעטעל, האָט ער איהם פאַרבעטען זיך אַריינצוזעצען אין זיין עקיפּאַזש און זיך פאַר־שפּאָרען שלעפּען צו פוס.

דעם אָרעמאַנ'ס אויגען האָבען אויפגעלויכטען, און נאָכדעם ווי ער האָט הארציג אָפּגעדאנקט דעם גביר פאַר זיין חסד, איז ער אריין אין עקיפּאַזש און די רייזע איז פאָרטגעזעצט געוואָרען.

אין אַ ווייַלע ארום באַמערקט דער גביר ווי שוין זיצענדיג אין עקיפּאַזש טראָגט נאָך אַלץ דער אָרעמאַן דעם פּאַק זיינעם אויף די פּליי־צעס. דער גביר האָט זיך דערויף שטאַרק גע'חידוש'ט און געמאָנט ביים אָרעמאַן אן ערקלעהרונג פאַר וואָס ער טהוט עס. דערויף האָט איהם דער אָרעמאַן הכנעה'דיג געענטפערט: ניט גענוג וואָס איהר האָט געטאָן מיט מיר אזא חסד און אייער עקיפּאַזש שלעפּט מיך אַליין, זאָל ער נאָך מיין פּאַק אויך שלעפּען? . . .

דער גביר האָט זיך שטאַרק צולאכט און רופט זיך אָפּ צו איהם: זעהט סאַ'שוטה איהר זיינט. צי דען איצט, אז דער פּאַק איז אויף אייערע פּלייצעס, שלעפּט דען ניט דער עקיפּאַזש אייך ביידען, וואָלט דאָך פאַר'ן עקיפּאַזש ניט שווערער געווען ווען די משא ליגט אויפ'ן דנא און איהר וואָלט זיך פאַרשפּאָרט מאַטערען?

דאָס זעלבע פּיהרט אוים דער דובנער, זיינען פאַראַנען פיעל נאַרישע מענשען וואָס שמאַיען אַרום און האָווען נאָכאַנאַנד אויף זייער שטיקעל פּרנסה; ווערען אָפּגעגאָסען מיט שוויים און מיינען אז אָט די שווערע פּראַצע זייערע, ברייננט עס זיי זייער פּרנסה. זיי פאַרגעסען אָבער אז אָהן דעם רבונו של עולם'ס הילף וואָלט זיי זייער שמאַיען און האָווען וויניג וואָס געקענט העלפען, און אַז זייער גאַנ־

צער פיזישער קיום הענגט אויך נור אויף דעם הימלישען רייטוואַגען. טאָ אויב אזוי, נארישער מענש, נאַכוואָס שלעפּען אזא שווערען פּאק אויף דיינע אויסגעמאַטערטע פּלייצעס. ממה נפשך: דער וואָס שלעפּט דיך אליין, דער וועט אויך דיין פּעקעל שלעפּען... השלך על ה׳ יהבך, ווארף דיין פּעקעל ארויף אויפ׳ן רבונו של עולם׳ס עקיפּאזש והוא יכלכלך, ער וועט דיך שוין שפּייזען; „ער" וועט שוין דיין פּעקעל אויך טראַגען! אמת, עס איז דער ווילען פון ג־ט אז דער מענש זאָל ניט זיצען בטל; עס דארף זיין „וברכתיך בכל אשר תעשה", מען דארף אליין אויך עפּעס טאָן, אָבער וואו שטעהט עס אז דאָס דאָזיגע „טאָן" דארף זיין אהן אָטעם, און מ׳זאָל טאַקע מיינען אז אלץ איז אָפּהענגיג אין דאָס אייגענע „טועכטיץ" און ניט אין דעם „וברכתיך"...

פּאסט זיך טאַקע דער דאָזיגער משל זעהר גוט פאר אונזערע געבורט קאָנטראָל פּרעדיגער, וואָס ציטערען אויך אז טאָמער מעהר אַ קינד, געהען זיי חלילה באַנקראָט...

לאָמיר ניט זיין דעם רבונו של עולם׳ס פאַרזאָרגער. לאָמיר ניט ווערען זיינע עקאָנאָמישע מענעדזשערס און פינאַנץ פארוואל־טער. לאָמיר איבערלאָזען די לעזונג פון די שפּייז פּראָבלעמען פון די ניי געבוירענע נפשות׳לאך פאר „איהם" אליין, און אלעס וועט זיכער זיין אין בעסטען אָרדנונג...

השלך על ה׳ יהבך והוא יכלכלך!!!

לו

שטיפמוטערשאַפט

דער נאָמען „שטיפמאַמע" איז כמעט ווי אַ שם נרדף מיט'ן נאָמען אכזריות און פאַרדאַרבענקייט. וואָלט עס אייגענטליך געדאַרפט פאַררעכענט ווערן פאַר אַ שטיקעל עולה, ווען מען ברענגט ארויס אזא אורטייל געגען אלע שטיפמאַמעס, און דער פאַרגלייך צו אכזריות איז דאָך בכלל ניט קיין ריכטיגער. דען דאָס וואָרט „אכזריות", איז דאָך דער שם־עצם פון שלעכטקייט, וועהרענד דער נאָמען שטיפמאַמע אן און פאַר זיך, האָט דאָך ניט די דאָזיגע אויסטייטשונג. ניט מעהר עס איז ווי אַן אָנגענומענער כלל אַז אַ שטיפמאַמע איז אַ שלעכטע אָבער מאַכען דערפון אַ שם נרדף מיט שלעכטקייט, קוקט אויס ווי שוין אביסעל אַריבערגעכאַפּט די מאָס. דאָס איז שוין עפּעס ווי אַן אלגעמיינער אורטייל אז אלע שטיפמאַמעס זיינען שלעכט און ווי דאָס וואָרט „שטיפמאַמע" אליין זאָל שוין מיט זיך אויסדריקען ברוטאַליטעט און אכזריות.

דער בעסערער עלעמענט פון די שטיפמאַמעס וואָלט דעריבער מיט רעכט געמעגט פאַראיבעל האָבען פאַר וואָס מען האָט זיי אויך אריינגענומען אין כלל און אויך זיי באַצייכענט מיט'ן זעלבען נאָמען.

די וועלט רעכענט זיך אָבער הפנים ניט מיט אזעלכע פאַר־איבעלס און פּראָטעסטען... אזוי איז עס, און געה טהו עפּעס! מיט דער וועלט קען מען ניט האָבען צו טאָן; מעג די „וועלט" האָבען אָפּ־געטאָן די גרעסטע עוולה, קען מען געגען איהר קיין פּראָטעסטען ניט מאַכען. אפילו יורידיש קען מען לויט'ן אידישען געזעץ ניט איינ־רייכען קיין קלאַגע געגען אַ וועלט, אפילו ווען די וועלט איז ווירק־ליך באַגאַנגען אַ פאַרברעכען וואָס אַ יחיד וואָלט יאָ געקענט דערפאַר אָנגעקלאָגט ווערען. אזוי צום ביישפּיל איז פאַראַן א דין אז „מיצר שהחזיקו בו רבים אסור לקלקלו"; אויב אַ רבים עראָבערט זיך אַ

שטיקעל באַדען וואָס געהער צו אַ יחיד, דער רבים האָט עס אָבער מחזיק געווען און געמאַכט דערפון אַ וועג פאַר זיך, איז פאַרפאַלען און מען קען מיט׳ן רבים קיין פּראָצעס ניט פאַרפיהרען.

מוזען מיר נאַטירליך איבערלאָזען דאָס וואָרט „שטיפמאַמע" אויסגעטייטשט צו ווערען אין זעלבען גייסט ווי די מאַסען פון פאָלק פאַרשטעהען עס . . .

מיר מעגען אָבער, גלויבען מיר, זיך נעהמען די פרייהייט זיך אַביסעל צו פאַנאַנדערקלייבען אין דער זאַך, און ווי ווייט מעגליך פון דער פּסיכאָלאָגישער זייט צו געפינען די סבה פאַר דעם דאָזיגען וועלטס אורטייל אין באַצוג צו דער שטיפמאַמע. פון וואַנען, הייסט עס, האָט זיך גענומען די דאָזיגע ברוטאַליטעט מצד דער שטיפמאַמע צו איהר שטיפקינד וואָס זאָל האָבען דערפאַר ארויסגערופען דער וועלטס אורטייל?

עס איז דאָך אומגלויבליך אז דאָס זאָל פשוט האָבען צו טאָן מיט׳ן אינדיווידועלען כאַראַקטער פון די אָדער יענע פּערזאָן, דאָס הייסט אז א פרוי וואָס איז ב ט ב ע ניט קיין גוטע ווערט זי ממילא אַ שלעכטע שטיפמאַמע. אויב דאָס וואָלט געווען דער פאַל וואָלט דאָך דאָס וואָרט „שטיפמאַמע" ניט געדאַרפט ווערען קיין שם כולל צו שלעכטקייט; און אָט זעהען מיר דאָך אין הונדערטער פאַלען, וואו די אָדער יענע פרוי זיינען דוקא בארופען מיט זייער גוטסקייט און נאָבעלעם כאַראַקטער, און דאָך, אלס שטיפמאַמעס, זיינען זיי אויף אַ האָר ניט בעסער פאַר די געוועהנליכע דורכשניטליכע שטיפ־מאַמע? איז דאָך דאָס גופא אַ באַווייז אז די שטיפמוטערשאַפט אליין איז פאַראַנטוואָרטליך פאַר די דאָזיגע שלעכטקייט אַזוי אַז דאָס לעצ־טע איז אַ רעזולטאַט פון דאָס ערשטע און ניט פאַרקעהרט. וואָס זשע אלזאָ ליגט פאַרט אין שטיפמוטערשאַפט וואָס זאָל דינען אלס „באַציל" צו פאַראורזאכען די דאָזיגע קראנקהייט?

אין פלוג שטימט עס ניט מיט׳ן שכל הישר. די לאָגיק שיינט צו זיין געגען דעם. עס איז דאָך אַן אָנגענומענער כלל, אז דאָרט וואו מען ליעבט דעם מאַן, ליעבט מען אויך זיין משפחה; וואָלט מען דאָך פאָלגליך זיינע אייגענע קינדער אודאי און אודאי געדאַרפט לי־עבען, אמווייניגסטענס ניט האסען זיי, די שטיפמאַמע אָבער, האסט

דאָך איהר מאַנס קינדער, טאָ מיט וואָס ערקלעהרט זיך דאָס?

לויט אלע וואַרשיינליכקייטען, האָט דער ענין פשוט צו טאָן מיט — א יי פ ע ר ז ו כ ט, אייפערזוכט אויף די ערשטע פאַרשטאָרבענע אָדער געג'גט'ע פרוי. עס איז דאָ ניט דער פּלאַץ צו דיסקוטירען די אייפערזוכטס פראַגע אין פאַרבינדונג מיט טויטע; אָבער דאָס איז שוין לאַנג פעסטגעשטעלט געוואָרען אַז אייפערזוכט מאַכט ניט קיין אונטערשייד צווישען אַ לעבעדיגען אָדער אַ טויטען סוביעקט.

די אייפערזיכטיגע פרוי (און וועלכע פרוי איז ניט אייפערזיכטיג?) וואָלט וועלען אָפּווישען אלע שפורען וואָס קענען מעגליך פיהרען אפילו צו די שוואַכסטע און בלאַסטע ליעבעס געפיהלען צו אַן אנדער פרוי, מעג יענע ליעבעס-קאָנקורענטקע שוין אפילו לאַנג זיין אויף יענער וועלט. די קינדער פון דער פריהעריגער פרוי שטעהען איהר דעריבער אין וועג. זיי, די קינדער, זיינען די שטאַרקסטע בענדער וואָס האַלטען נאָך זייער פאָטער אין פאַרבינדונג מיט זייער מוטער, זיין פריהעריגע פרוי. וואָלט זי, די צווייטע פרוי, געוואָלט אַז די דאָזיגע שפורען זאָלען פאַרשווינדען און אָפּגעווישט ווערען; דערפון דער ב ר ו י ז י ג ע ר כעס; דערפון די שלעכטקייט און דערפון די ברוטאַליטעט און אכזריות.

מעג זיך טאַקע דער דערמאָנטער כלל וועגען מאַן און מאַנס משפחה זיין אויסגעהאַלטען אפילו אין דיזען פאַל; מעג טאַקע די זעלבע שטיפמאַמע ליעב האָבען איהר מאַנס ברידער און שוועסטער און אפילו אויך זיינע שוועסטערקינדער און גליד-שוועסטערקינדער, זיינע אייגענע קינדער אָבער, ניט. אלע אַנדערע קרובים האָבען מיט דער דאָזיגער אייפערזוכט גאָר ניט צו טאָן, די קינדער אָבער האָבען דערמיט יאָ צו טאָן, און דערפון די שנאה.

איז דערפאַר קיין חדוש ניט פאַר וואָס בלויז שטיפמוטערשאַפט איז פאַראורטיילט געוואָרען צו שלעכטקייט און ניט שטיף-פאָטערשאַפט. ווייל אויב, ווי געזאָגט, איז אייפערזוכט פאַראַנטוואָרטליך דערפאַר, ווייסען מיר דאָך אַז די דאָזיגע מחלה שטעהט איין ביי פרויען מעהר ווי ביי מענער.

און קוים האָבען מיר אין אייפערזוכט געפונען דעם באַציל וואָס פאַראורזאַכט די דאָזיגע שנאה, קען דאָס דאָזיגע שוין אויך דינען

אלס יסוד פאר אנדערע סאָרט פיינטשאַפטען וואָס צירקולירען אין משפחה קרייזען.

אזוי למשל ווייסען מיר, אז אין אַ סך פאלען הערשט נישט קיין איבעריגע פריינטשאַפט צווישען שוויגער און שנור, כאָטש ניט אין אזא געפעהרליכער מאָס ווי אין שטיפמוטערשאַפט. דער יסוד איז אָבער דער, זעלבער. עס איז די אייפערזיכטיגקייט אויף דער שנור וועלכע האָט, לויט דער מוטערס אינסטינקטיווער געפיהל, באַרויבט אין אַ געהעריגער מאָס איהר קינדס ליעבע צו איהר; און ווייל קינדער-ליעבע, טראָגט ניט דעם זעלבען כאַראַקטער פון געשלעכטס-ליעבע, איז דערפאר די דאָזיגע אייפערזיכטיגקייט אויך ניט די זעלבע און נעהמט אָן אַ שוואַכערען פאָרם, אָבער דאָך שטאַרק גענוג צו פאראורזאכען היבש טראָבעל און פאמיליע קאָמפליקאציעס.

און דאָס וואָס שוויגער-האָס דריקט זיך מעהר אוים אין שנור ווי אין איידעם, כאָטש אין לעצטען פאל קען דאָך עס אויך הייסען אז דער איידעם האָט אוועקגערויבט אַ שטיק ליעבע פון טאָכטער צו מוטער, איז עס אָבער דאָך ניט אזוי, ווייל על פי רוב איז דער טאָכטערס צוגעבונדענקייט צו דער מוטער אויך שטאַרק גענוג אפילו נאָך דער חתונה. דאָס איז אָבער ניט דער פאל מיט'ן זוהן.

אגב, זיינען שוין אין די צוויי פאלען אויך פאראן אנדערע סבות, ווי צום ביישפיל, דער פאקט וואָס דער זוהן האָרעוועט פאר דער שנור, ווערהענד די טאָכטער האָרעוועט דאָך ניט פאר'ן איידעם. אין ערשטען פאל פיהלט דעריבער די מוטער ווי איהר קינד, איהר אייגען פלייש און בלוט, גיט נעבאָך אוועק זיינע כחות פאר אַ „פרעמד מיידעל״; אין צווייטען פאל אָבער איז דאָך פארקעהרט, אַ „פרעמ-דער״ גיט אוועק זיינע כחות פאר איהר אייגען קינד, פארדינט ער דעריבער געאכטעט צו ווערען.

מיר קומען אָבער צוריק צו שטיפמוטערשאַפט. די פראגע איז: וואָס אלזאָ קען עפּעס געטאָן ווערען אין אָט דער אַנגעלעגענהייט וואָס זאָל אויסבעסערען די לאַגע און אין וועמען געווענדט זיך עס?

נאָך אונזער מיינונג איז עס הויפּטזעכליך געווענדט אין מאַן אליין, אין פאָטער פון די קינדער. עס איז ליידער אַ באַדויערענס-ווערטער פאקט אז אין מעהרערע פעלע געהט שטיפמוטערשאַפט

מיט „שטיף-פאַטערשאַפט" האַנט און האַנט; דאָס הייסט אז דאָרט וואו עס איז דאָ אַ שטיפמאַמע דאָרט איז אויך דאָ אַ „שטיפטאַטע"; דער אמת'ער טאַטע ווערט פארוואנדעלט אין אַ שטיפטאַטע... איז עס נאַטירליך ניט דערפאר וואָס דער טאַטע ווערט אומגעטריי זיינע אייגענע קינדער; אויף אזעלכעס קען מען קיין טאַטען ניט חושד זיין. עס קומט אָבער דערפון וואָס ער זוכט אויסצומיידען שטוב קריגע־רייען מיט שטענדיגע מחלוקת'ן, זוכט ער דעריבער נאָכצוגעבען דער ווייב, זי זאָל קריגען איהר סאַטיספאַקציע אום דאמיט אויפצוהאלטען דעם שלום בית. ער ברייננגט דעריבער זיינע אייגענע קינדער אלס קרבן אויפ'ן מזבח פון פרידען.

מעגען זיך די כוונות זיין עהרליכע, מינערט עס אָבער אויף אַ האָר ניט די ברוטאַליטעט וואָס איז דערמיט פארבונדען. ער איז מיט אזא טאַקטיק א נותן יד לפושעים און העלפט אליין אויסהאָדע־ווען די שלאַנג אין הויז, און דער שלום בית גופא ווערט דאמיט אויך ניט געלייזט; ווייל דאָרט וואו ס'איז פאראַן אַ שטן המשחית איז דער דאָזיגער שטן שוין ניט מבחין פון איינעם צום אנדערען, און מיט'ן פארגרעסערען דעם צער פון זיינע קינדער ווערט זיין אייגענער צער ניט פארקלענערט.

די אמת'ע טאַקטיק דאַרף גאָר זיין אַן אנדערע. דער מאַן דאַרף זוכען אלערליי מיטלען דורך וועלכע צו געבען אויפ'ן שטאַרק־סטען אופן אויסדרוק צו זיינע ליעבעס געפיהלען צו זיין ווייב, אום דאמיט אָפּצוטויטען דעם אייפערזוכטס באַציל וואָס איז אין דיזען פאַל, ווי געזאָגט, די הויפּט סבה צו דער קראנקהייט. די קינדער קע־נען איהם אין דיזער הינזיכט גראַדע פיעל באַהילפיג זיין. זיי, די קינ־דער, קענען און דאַרפען דינען אלס הויפּט מיטעל צו דעם דאָזיגען צוועק. ער זאָל שטענדיג האלטען אין איין לויבען דאָס ווייב פאַר איהר גוטהארציגקייט און איבערגעגעבענהייט צו די קינדער, צו ווע־מען זי באַציהט זיך ניט ווי קיין שטיפמאַמע נור ווי אַן אמת'ע מאַמע. פּרויען האָבען בטבע ליעב צו הערען קאָמפּלימענטען אויף זייער חשבון און איבערהויפּט ווען אזעלכע קאָמפּלימענטען קומען פון אַן אייגענעם מאַן...

די דאָזיגע ליעבע, טרייהייט און איבערגעגעבענהייט, מצד

דעם מאן מוז אומפארמיידליך ענדערען די לאגע. קוים וועט די פרוי זיין איבערצייגט אין איהר מאנס טריישאפט און איבערגעגעבענ־הייט, וועט דאך שוין ממילא ניט זיין קיין פלאץ פאר פאנטאסטישען אייפערזוכט, און זאל נור די אייפערזוכט פארשווינדען וועט זיך שוין פון זיך אליין הויבען די מערכה פון די שטיפקינדער וועלכער זיינען בלויז א קרבן פון דער שטיפמאמעס אייפערזוכט.

יא, שטיפמוטערשאפט איז ווירקליך אן ערנסטע קראנקהייט, זי איז אבער ניט אומהיילבאר. אומהיילבאר זיינען בלויז יענע סאר־טען קראנקהייטען וועמעס באצילען זיינען נאך ניט אנטדעקט גע־ווארען. אין דעם פאל אבער האבען מיר דעם „באציל" יא געפונען. די דיאגנאזע איז א ריכטיגע און די מעדיצין איז אויך דא. מען דארף נור די דאזיגע מעדיצין א יי נ ג ע ב ע ן און די קוראציע איז כמעט א געזיכערטע.

פרעטענדירען מיר ניט אויף האבען אנטדעקט נייע וועלטען, אדער האבען ממציא געווען האר־שפאלטענדע חידושים. ס'איז אפשר טאקע ניט מעהר ווי פשוט'ע עברי, אבער עס טרעפט א סך מאל אז גראדע דאס פשוט'ע פארזעהט מען, איז עס דעריבער א פליכט אנ־צואווייזען און זאגען: זוהי הדרך, לכו בה! אט איז דער וועג אין וועלכען מען דארף געהן. מיט אט דעם וועג וועט מען אנקומען לשלום צום געווינשטען פונקט, און אנשטאט די שטיפמוטער זאל פון אייך מאכען שטיפ־פאטער וועט גאר זיין פארקעהרט, איהר וועט פון דער שטיפמוטער מאכען אן אמת'ע מוטער, און אלע וועלען געניסען פון דער ברכה פון שלום. עס וועט זיין ווי אין פסוק שטעהט: אתה שלום וביתך שלום וכל אשר לך שלום.

לז

דער אייגענער זוהן און די „פרעמדע" שנור

פאראן א פאלקס סאטירע: א נארישער זוהן וועמען מען האט גע'שדכנ'ט א מיידעל האט אויסגעזעצט געגען איהר דעם איינציגען חסרון וואס זי איז דאך א פרעמדע. סטייטש, האט דער זוהן דער „חכם" גע'טענה'ט, ווי קען איך געהן חתונה האבען מיט א ווילד פרעמדע מיידעל? ווען זיין מאמע האט איהם אנגעוויזען אז זיין אייגענער טאטע האט דאך אויך חתונה געהאט מיט א פרעמדע מיידעל, האט דארויף דער זוהן טריאומפפירענדיג אויסגעשריען: וואס פאר א משל? דער טאטע האט דאך גענומען מ יי ן מ א מ ע ן און ניט קיין פרעמדע!...

משמעות אבער אז עד היום געפינען זיך נאך אזעלכע „חכמים" וואס באטראכטען נאך אלץ די איידימס אדער די שניר פאר פרעמדע. זיי קענען זיך ניט צוגעוואוינען צום געדאנק אז הייראט ווישט אפ דעם גרעניץ פון פרעמדקייט און פארוואנדעלט פרעמדע אין אייגענע. זיי קענען ניט פארדייהען די תורה לעהרע פון „והיו לבשר אחד" אז נאך דער חתונה ווערט מען איינס און אז די געווארענע קינדער דארפען באטראכט ווערען ווי געבארענע. עס הערשט עפעס א מין צרת עין, א ניט-פארגינערריי אויף דעם ניי צוגעקומענעם קינד ווי ער וואלט זיך עפעס אריינגע'גנב'עט אין א פרעמדע טעריטאריע און וויל אין איהר מחזיק זיין שלא כדין...

איבערהויפט ווען עס טרעפט נאך אז דער דאזיגער „פרעמדער" איז דורך זיין חתונה אויפגעריכט געווארען, איז אריינגעפאלען אין א „שמאלץ גרוב", פריהער געלעבט אין ארמוט און מיטאמאל אנגעהויבען לעבען אין רחבות, קענען דאס שווער און שוויגער ניט פארטראגען. וואס הייסט, טראכטען זיי, א פרעמדער זאל זיך גאר טיילען מיט זייער עשירות! ערשט מיט איין יאהר פריהער אזוי

אָרעם געווען אַז ער האָט פשוט אַרויסגערופען רחמנות, און מיטאַמאָל איצט נאַדיר אַזאַ גדולה!

דערמאָהנט עס אין דעם אנעקדאָט פון יענעם אָרעמאַן וואָס האָט האַסטיג געקלאַפּט ביים נגיד אויפ׳ן טיר אין אַ פראָסטיגע נאַכט, און געבעטען מ׳זאָל איהם אריינלאָזען אין הויז, כדי ער זאָל ניט אומקומען אין דרויסען פון דער שרעקליכער קעלט. פון זיין קלאַפּען האָבען זיך אויפגעכאַפּט פון שלאָף דער נגיד מיט דער נגידיסטע, זיי זיינען אָבער ביידע געבליבען ליגען אין זייערע רייכע בעטען, און דער נגיד הויבט נעבאַך אָן שטאַרק צו קרעכצען. אוי, זיפצט דער נגיד, נעבאַך אַזאַ רחמנות אויף דעם אָרעמאַן ביי דער טיר, ער קען דאָך נעבאַך אויסגעהן פון קעלט אין אַזאַ ביטערען פראָסט; אוי, ס׳שניידט די הארץ, נעבאַך אַזאַ רחמנות, אַזאַ רחמנות!!!

טאָ וואָס זשע ליגסטו אין בעט — שרייט אויס די נגידיסטע — פאַר וואָס געהסטו ניט אַרונטער איהם עפענען די טיר, און אריינ־לאָזען אין הויז, אויב ס׳איז יאָ אַזאַ רחמנות?

פארשטעהסטו מיך, ענטפערט דער נגיד, אַז כ׳וועל איהם אריינלאָזען, וועט דאָך שוין מעהר קיין רחמנות ניט זיין...

יאָ, פאַראַן אַזאַ נגיד׳ישע פּסיכאָלאָגיע אַז קוים דערשפּירט מען אַז איינער ווערט אויפגעריכט און רופט שוין מעהר ניט אַרויס קיין רחמנות, קען מען עס ניט פארטראָגען, עס באַקומט ניט...

אָבער אַז די זעלבע פּסיכאָלאָגיע זאָל אויך אָנגעווענדעט ווע־רען אויף אַן אייגען קינד, אַן אײדים אָדער שנור, אויף וועלכע נאָך דער חתונה איז שוין געוואָרען „אויס רחמנות” און אַז אויך אין אַזאַ פאַל זאָל עס ניט באַקומען די רייכע שווער און שוויגער און זאָלען קוקען מיט פארדרוס און קנאה אויף זייער, איצט שוין אייגען קינד, דאָס רופט שוין יאָ אַרויס באַוואונדערונג. דאָס איז שוין ניט קיין גע־וועהנליכער עגאָאיזם; אַזאַ סאָרט עגאָאיסט קען שוין צווישען עגאָ־איסטען גופא הייסען אַן עגאָאיסט...

און דאָך טרעפען מיר אָן אין לעבען אויך אַזעלכע סאָרט מענ־שליכע טיפען, אויב דאָס וואָרט „מענשליכע” קען נאָך בכלל אויף זיי אָנגעווענדעט ווערען...

און אַט אַ לעבעדיגע אילוסטראַציע:

אַ גביר׳יש קינד, א גאַר פיינער בחור׳ל, ווערט באַקאַנט מיט אַ מיידעל פון אָרעמע עלטערען, אָבער זעהר א שעהנע און זעהר אַ געראָטענע, אַ מיידעל מיט אלע מעלות. די באַקאַנטשאַפט געהט אי־בער אין ליעבע און ס׳ענדיגט זיך מיט וואָס די מעהרסטע עהרליכע און אויפריכטיגע ליעבעס ענדיגען זיך — מיט אַ חתונה.

די גביר׳ישע טאַטע־מאַמע איז אמת דער שידוך ניט אזוי גע־ווען צום הארצען. זיי וואָלטען ליבערשט געוואָלט זייער זוהן זאָל חתונה האָבען מיט אַ רייכערע מיידעל, אָבער די ליעבע האָט גובר געווען, און עלטערען האָבען ניט ווילענדיג געמוזט געבען זייער הסכמה — והכל שריר ובריר וקיים.

אָבער דער טראָבעל האָט זיך ערשט אָנגעהויבען דוקא נאָך דער חתונה, און ניט חלילה צווישען דאָס יונגע פּאָר־פּאָלק נור צווי־שען שנור און שווער־און־שוויגער.

די לעצטע, די שוויגער הייסט עס, איז עס די אָנקלעגערין. זי איז געקומען צו אונז זיך אויסריידען איהר ביטער הארץ, און גע־פינען ביי אונז עפּעס אַ שטיקעל טרייסט צו איהר פאַרוועהטאָגטע נשמה.

סטייטש, קאָכט זיך די שוויגער, ווי קען דאָס הארץ ניט צו־פלאצט ווערען צוקוקענדיג ווי אַ ווילד פרעמדע אָרעמע מיידעל, איז מיטאַמאָל אַזוי רייך געוואָרען, באַוואוינט אַזאַ שעהנע רייכע היים, ממש א פּאלאַץ; האָט פון אלעם בעסטען, דינסטען און משרתים,און אייגענע קאר מיט אַ שאָפער, און דער מאן געהט פשוט אוים נאָך איהרע טריט... ערשט איין יאָהר נאָך דער חתונה און שוין גאַר־ניט צו דערקענען אויף איהר אז ערשט ניט לאנג נאָך אַ שלעפּערקע געוועזן...

כ׳האָב אמאָל געלערנט חומש, האָט די נגידישטע פאַרטגע־זעצט, ווייס איך אז ביי פּרעה׳ן אין מצרים האָט עס געדארפט נעה־מען גאנצע זיבען הונגער יאָהר כדי די זעטיגע יאָהרען זאָלען פאַר־געסען ווערען, מיין איך אַז פאַרקעהרט האָט אויך אַזוי געדאַרפט זיין, לסוף, האָט מיין שנור, ווייזט אוים, געוויזען אַ גרעסערע בריה׳שאַפט; ביי איהר האָט עס בלויז איין יאָהר געמומען און שוין קיין סימן פון

אַרעמקייט ניט פאַראַן, סיידען צרות לאָזען זיך שנעלער פאַרגעסען ווי וואוילקייטען...

אָבער נאָך מעהר, קאָכט זיך די שוויגער ווייטער, זי, די שנור'ל מיינס, איז שוין ביי זיך אַזוי גדול'דיג אַז זי קען שוין ניט פאַרטראָ־גען טאָמער זאָגט מען איהר עפּעס אַ קרום וואָרט; זי ענטפערט גלייך אָפּ צוריק, און לאָזט זיך ניט שפּייען אין קאַשע... אפילו איהר מאַן, מיין זוהן זאָל לעבען, האָט זי, וועה איז מיר, אַזוי אַריינגעכאַפּט אין איהרע לאַפּעס, אַז אויך ער, קען ניט דולדען אויב מיר רעדען אוים אַ קרום וואָרט אויף זיין ווייבעל. ער בלאָזט זיך גלייך אָן און פאַר'ברוגז'ט זיך אויף מי יודע ווי לאַנג.

אין פאַרלויף פון דער נגידיסטעס „האַקען און בראָקען" האָבען מיר אויסגעפונען אַז אויך איהר מאַן, דער שווער, טיילט זיין ווייבס בייזוויליגקייט און אויך ער איז מלא חימה אויף דאָס יונגע ווייבעל, למאי זי איז פּלוצלונג, דורך איהם, רייך געוואָרען און שוין אויך באַ־קומען די גביר'ישע חוצפה אַזוי אַז אויף יעדער אַטאַקע באָמבאַדירט זי גלייך אָפּ מיט אַ קאָנטאַר אַטאַקע...

ער, דער שווער, שטייגט נאָך אַריבער די שוויגער מיט זיין פאַרביטערקייט. עס איז געקומען אַזוי ווייט, דערצעהלט די נגידיסטע, אַז איצט ווען די שנור קלייבט זיך אין קימפּעט אַריין, האָט דער מאַן איהרער, דער שווער הייסט עס, באַצייטענס פאַרזאָגט מיט'ן הארבען וואָרט למען השם זיך ניט צו באַטייליגען אין דער שמחה, ניט זי און ניט ער, כאָטש דאָס וועט זיין זייער ערשטער איינִיקעל; און אָט וועגען דעם טאַקע איז זי צו אונז געקומען, זאָגט זי. באשר עס געהט איהר פשוט אוים דאָס הארץ. ווי הייסט, נישט געהן צו דער שמחה פון דאָס ערשטע איינִיקעל, פאַרט אַ מאַמעס הארץ! וואָלט זי טאַקע וועלען אַז מיר זאָלען זעהן ווירקען אויף איהר מאַן אַז א י ן ד ע ם זאָל ער ניט זיין אַזוי איינגעשפּאַרט.

פאַרענדיגט האָט די גביר'טע מיט אַ טיעפען קרעכץ באַ־גלייט פון דעם אַלט באַקאַנטען פּזמון: „קליינע קינדער, קליינע צרות — גרויסע קינדער, גרויסע צרות"...

מיר האָבען די גאַנצע צייט געשוויגען, און אין געדאַנק, אַליין ניט געוואוסט ווי דאָס אָנצורופען, קאָמעדיע אָדער טראַגעדיע, נור סיי

ווי, איז עס פאַר אונז געווען אַ רעטעניש און ניט געוואוסט מיט וואָס עס צו ערקלעהרען. אָבער דאָ איז ווידער ארויף אויפ'ן זכרון אן אל־טער אנעקדאָט וואָס איז אונז אביסעל צו הילף געקומען.

מ'דערצעהלט אַז אַ אידענע איז אַמאָל אריינגעקומען צו אַ „גוטען אידען" זעהר טרויעריג און פארוויינט צוליב אַ שלעכטען חלום וואָס האָט זיך איהר די נאַכט גע'חלום'ט. האָט זי געבעטען דעם רבי'ן איהר פותר חלום זיין.

וואָס האָט זיך אייך גע'חלום'ט, פרעגט דער פרומער צדיק.

אָה, רבי'ניו, ענטפערט די אידענע אַ פארכליפעטע, ס'זאָל נור פאלען אין טיעפען ים אריין, און עס זאָל אויסגעהן צו אַלע שונאי ישראל. ס'האָט זיך מיר גע'חלום'ט אַז מיין מאַן, פוי זאָל עס ווערען, איז פאַר קיין אידיש קינד געדאכט — משוגע געוואָרען.

זייט רוהיג, אידענע, טרייסט איהר דער רבי, ס'איז דוקא אַ גוטער חלום. דאָס ווייזט אַז אייער מאַן וועט באלד ווערען אַ גרוי־סער גביר, ווייל די מעהרסטע גבירים זיינען משוגע . . .

דאָס זאָל הפנים אויך זיין די איינציגע ערקלעהרונג צו אונזער זאנדערבארע געשיכטע. מענשען ווערען פשוט משוגע פון גרויס וואוילטאָג, ווערען ווילד און אבנאָרמאַל, און אַז זיי האָבען ניט צו קלאָגען אויף „מי ימות", קלאָגען זיי אויף „מי יחיה"; עס פארדריסט זיי למאי דער צווייטער איז מיטאמאָל דורך זייער „שולד" צום לעבען געקומען . . .

אין אונזער ענטפער צו דער שוויגער, וואָס איז נאַטירליך אויך געצילט צום שווער, האָבען מיר בכלל אָנגעוויזען אויף דעם נארישען שטאָלץ פון די גבירים אונזערע, וואָס מיינען ווירקליך אַז געלט איז אלעס און אַז אויסער געלט איז גאָר אויף דער וועלט קיין רייכטום ניטאָ. מיר האָבען אָנגעוויזען אויף פאַקטען פון לעבען, וואו מען זעהט אַז עס זיינען פאראַן מענשען גאנץ רייכע און זייער פאמיליען לעבען איז אַן אומגליקליכער, און זיי וואָלטען מיט פרייד און פאַר־געניגען אויסגעביטען זייער אומגליקליכע רייכקייט אויף גליקליכע אָרעמקייט . . .

אין העברעאיש זיינען פאראַן צוויי ווערטער וואָס האָבען כמעט דעם זעלבען שפּראַכליכען אויסדרוק נור מיט אַ קליינעם אונ־

טערשיעד אין דער „אויסלייגאכץ". דאָס זיינען די ווערטער „עושר" און „אושר". דאָס ערשטע מיינט רייכקייט און דאָס צווייטע מיינט גליק. אין ווערטער בוך איז אָבער א מרחק רב פון איין וואָרט צום אנדערען. עושר, רייכקייט, געפינט זיך ערשט אין דעם בוכשטאב „ע", ביים סאמען סוף, ווערענד אושר, גליק, פארנעהמט דעם אויבען־אָן אין דעם ערשטען בוכשטאב „א". משמעות אַז ג ל י ק איז דער אל"ף פון לעבען, ניט ר י י כ ט ו ם. און האָט דאָך טאקע דער חכם מכל אדם געזאָגט: „אל יתהלל העשיר בעשרו". עשירות איז א נארישע בארימעריי, ווייל עס איז דאָך בכלל ניט קיין פערמאַנענטע און אייביג זיכערע זאך; עס איז דאָך, ווי אונזערע חכמים באצייכענען עס, א „גלגל החוזר בעולם", הייסט ביי דעם און מאָרגען ביי יענעם.

האָבען מיר דען ניט בייגעוואוינט, טאקע דאָ אין אונזער רייכער מדינה, וואו איין קראַך אין „וואָל סטריט" האָט איבערנאכט פארוואנדעלט גבירים און אפילו מיליאָנערען אין פשוט'ע אביונים...

ג ל י ק — דאָס איז דער אמת'ער גענוס פון לעבען און דאָס איז מיט וואָס ס'איז דאָ מקנא צו זיין.

עס איז דערפאר כלל ניט אמת אז די ארעמע שנור, אין אונזער געשיכטע, האָט דעם מאַן גאָר ניט אריינגעבראכט. זי האָט איהם יאָ אריינגעבראכט, אויב ניט ע ו ש ר איז א ו ש ר; זי האָט איהר מאַן געבראכט די גרעסטע רייכטום וואָס איז דאָ אויף דער וועלט און וואָס איהר שווער און שוויגערס גאַנצער פארמעגען קען דאָס ניט אָפקויפען. זי האָט געבראכט גליק אין הויז, ליכט און ברכה, ליעבע און טרייהייט, און מיט אָט די זאכען האָט זיך די שנור פיעל מעהר איבערצונעמען ווי איהרע שוויגער־עלטערען מיט זייערע פראַזאַאישע מטבעות און קאלטע דאלארען...

אונזערע חכמים האָבען אונז געלערנט: „קנה לך חבר", א חבר דארף מען קויפען פאר געלט, און אויב אייער שנור געניסט איצט פון אייער זוהנ'ס געלט, איז עס דער פרייז פאר דער חבר'שאפט וואָס אייער זוהן האָט איינגעהאַנדעלט, און ער האָט געווים איינגעהאַנדעלט א גרויסע מציאה, ווייל קיין פרייז איז ניט צו גרויס פאר אזא שאַצבאַרע „סחורה".

אייער זוהן פארשטעהט עס טאַקע, און דערפון זיין ברוגז ווען

ער זעהט אז איהר ווילט צושטערען זיין גליק. אייער שנור׳ס האנד־לונג איז ניט קיין „חוצפה” ווי איהר ווילט עס אָנרופען. ס׳איז זעלבסטרעספעקט. זי קוקט אויף אייך מיט בטול און קען מיט רעכט ניט טאָלערירען אייער פוסטען און נארישען שטאָלץ.

אָבער ועל הכל, דארף מען וויסען אז א שנור איז בכלל ניט קיין פרעמדע, און איצט אז זי ווערט שוין מיט מזל א מאמע, קענט איהר דאָך שוין אויך זאָגען ווי יענער בחור׳ל אז „דער טאַטע האָט דער מאַמען גענומען” . . . טאָ ווערט זשע בעסער איהר אויך קלוגע טאַטע־מאַמע איידער נארישע שווער און שוויגער . . .

לח.

חליצה

מיר האָבען פאר דיזען קאפיטעל אויסגעקליבען א טהעמע וואָס לאָזט זיך ניט אַזוי לייכט באַהאַנדלען. עס איז זעהר קאָמפליצירט, און די לאָגיק שטעהט דאָ נישט אזוי נאָהענט צו אייך אום איהר זאָלט זיך מיט איהר קענען באַהעלפען.

מיר האלטען אבער פאר א הייליגע פליכט דעם דאָזיגען ענין יא צו באריהרען און ווי וויים עס וועט זיך לאָזען אויך פּרובירען עס באלייכטען אין א פּאָפּולערען צוגענגליכען וועג; ווייל ליידער, ליידער, צו אונזער גרויס באדויערען, באציהען זיך צו דער דאָזיגער מצוה א טייל פון די מאַסען מיט גרינגשעצונג און מיט זלזול, און אַ סך תקלות און מכשולים קענען דערפון ארויסקומען.

און וואָס עס איז נאָך מעהר טרויעריג און פיינליך, איז דער פאקט וואָס אפילו צווישען די אזוי גערופענע אידישע אינטעליגענציע, איינגעשלאָסען זאָגאָר א טייל וואָס טראָגען אויף זיך דעם טיטול „ראביי", געפינען זיך אויך אזעלכע וואָס קוקען דארויף מיט בטול און איגנאָרירונג און ערלויבען זיך אפילו צו ווערען „פוסקים" איבער דער דאָזיגער פראגע. איז איבעריג צו זאָגען אז דאָס איז פשוט סקאנדאליעז, און אז דערמיט ווערט געשאַפען א פּרעצעדענט וואָס פיהרט צו דער אונטערגראָבונג פון די יסודות התורה און צו חוצפה'דיגע הפקרות אין אונזער קדש קדשים, די הייליגקייט פון טהרת המשפחה בישראל.

לאָמיר צוגעהן צו דער זאך מיט פשוט'ער איינפאכקייט און עס באַהאַנדלען אין ליכט פון אונזער טראדיציאָנעלער אמונה.

וואָס איז חליצה!

ווען א מאן שטארבט און לאָזט ניט איבער קיין קינדער, לויטעט דער דין פון דער תורה, אז די פרוי טאָר ניט חתונה האָבען צו וועמען עס איז פון דער גאַס, נור בלויז צו איהר שוואָגער, איהר פארשטאָר-

בענעם מאַנ׳ס ברודער כדי „להקים לאחיו שם בישראל״, דער לע־בעדיגער ברודער זאָל דאמיט אויפשטעלען זיין פארשטאָרבענעם ברודער א נאָמען אין ישראל.

אין אנדערע ווערטער הייסט עס, אז די תורה האָט געזאָרגט דאפיר אז דעם פארשטאָרבענעם קינדערלאָזענ׳ס נאָמען זאָל ניט אָפּגעמעקט ווערען (ולא ימחה שמו מישראל). עס זאָל בלייבען א זכר צו איהם דורך די קינדער, וואָס זיין ברודער, דער יבם, וועט מעגליך מאַכען געבוירען זיין ברודערס ווייב.

אלזאָ, דיזער דין פון יבום איז דוכט זיך אזוי שעהן און עטהיש וואָס קען שעהנער און עטהישער ניט זיין. עס איז קיין ספק ניט, אז עס איז דער ווּאונש פון יעדען שטערבליכען מענש איבערצולאָזען נאָך איהם א דור וואָס זאָל איהם פאראייביגען אין דער געשיכטע, און איהם מאַכען אומשטערבליך, אזוי אז מיט זיין טויט זאָל ער ניט פארגעסען ווערען.

די דאָזיגע אומשטערבליכקייט וואָס קומט, ווי געזאָגט, צו פארווירקליכונג דורך די איבערגעלאָזענע דורות, איז געוואָרען א פּראָבלעמע פאר די קינדערלאָזע מענשען וואָס זיינען לוידער ניט באגליקט געוואָרען מיט דיזער פּריווילעגיע. אָט פאר די דאָזיגע, האָט עס די תורה געזאָרגט און געשאפען דעם געזעץ פון יבום וואָס פארזיכערט אויך ז י י ע ר אומשטערבליכקייט.

האָט אָבער די תורה ניט געוואָלט בהחלט אָרויפצווינגען אויף דעם יבם אז ער מוז אומבאדינגט חתונה האָבען מיט זיין שוועגעריך, האָט זי דעריבער אין אזא פאַל, וואו דער יבם וויל איהר ניט מיבם זיין, געשאפען דעם דין פון ח ל י צ ה וואָס זאָל זיין אזוי צו זאָגען אַן ערזאַץ צום יבום.

און דאָ שטעלט זיך נאטירליך די פראגע: ווי אזוי קען דער צערעמאָניאַלער טעקסט פון חליצה דינען אַלס ערזאַץ צום יבום? ווי אזוי קען די דאָזיגע פּראָצעדורע פון ארונטערציהען דעם שוך פון שוואָגערס פוס און אין זיין געגענוואַרט א שפּיי טאָן, ווי קען דורכדעם געגעבען ווערען אומשטערבליכקייט צום קינדערלאָזען?

דער בעסטער ענטפער דערצו, גלויבען מיר, וואָלט געווען, דער ניט געבען קיין ענטפער. דען פון ווען־אָן זיינען מיר עס געוואָרען

אזעלכע חכמים צו נעהמען אויף זיך די פליכט צו פארענטפערען אַלע קשיות און ערקלעהרען אלע אומפארשטענדליכע מצוות? ווער האָט דאָס דאָזיגע אונז אנפארטרויט, און ווער האָט אונז דעם דאָזיגען מאנאָפּאָל געגעבען?

עס איז דאָך פּשוט לעכערליך. ווייסען מיר דאָך אז צווישען די תרי"ג מצוות פון אונזער תורה זיינען פאראן אזעלכע מצוות וואָס ווערען קלאַסיפיצירט אונטער דעם סוג פון „חוקים", דאָס הייסט אומ־פארשטענדליכע מצוות. נו, וועט דען איינעם איינפאלען צו באהויפּ־טען אז ער קען זיין א גאַנץ שעהנער איד, א שומר תורה ומצוה, ווען אפילו ער וועט זיך באַגרעניצען בלויז מקיים צו זיין די פאַרשטענד־ליכע מצוות, און די אונפארשטענדליכע, די חוקים, וועט ער אויס־קאַסירען און באזייטיגען? דאָס וואָלט דאָך איהם באצייכענט ניט בלויז אלס ניט עהרליך און ניט כשר, נור אויך אלס ניט קלוג און ניט פארשטענדליך.

דען דאָרט וואו די תורה באַצייכענט אונז אלס עם חכם ונבון: „רק עם חכם ונבון הגוי הגדול הזה", דוקא דאָרט ווערט גלייך דער דאָזיגער טיטול ערזעצט און מאָטיווירט מיט דעם „ומי גוי גדול אשר לו ח ק י ם ומשפטים צדיקים ככל התורה הזאת". איז דוקא, הייסט עס, דאָס אָפּהיטען פון דעם חלק ה ח ו ק י ם, מאַכט אונז פאר דעם עם חכם ונבון, משמעות אז אָהן די חוקים איז מען ניט בלויז קיין צדיק ניט, נור אפילו קיין חכם אויך ניט...

און דאָס לאָזט זיך דוקא לאָגישערווייז לייכט ערקלעהרען. עס וואָלט דאָך געווען די גרעסטע דומהייט, ווען אַ מענש זאָל וועלען מיט זיין מענשליכען באַגרעניצטען שכל דערגעהן און פאַרשטעהן דאָס וואָס איז איבער זיין מענשליכער השגה, דאן וואָלט עס דאָך געהייסען צו ווערען אויס־מענש. דארויף האָט דאָך שוין ר' יהודה הלוי געזאָגט דאָס קלאַסישע וואָרט פון „אילו ידעתיו — הייתיו"; משיג צו זיין די גאָטהייט וואָלט מען אליין געדארפט זיין אַ ג־ט...

איז דאָך דאָס טאקע איינער פון די עקרים פון אמונה וואָס איז אריינגענומען געוואָרען אין דעם רמב"ם'ס שלשה עשר עקרים: „אני מאמין באמונה שלמה שהבורא יתברך שמו אינו גוף ולא ישיגוהו משיגי הגוף ואין לו שום דמיון כלל".

עס דערמאָנט זיך דאָ אַ פאַרטרעפליכער וואָרט, כמעט אַ מין מסורה, וואָס דער אלטער צדיק רבי אהר'לע קארלינער זצ"ל זאָל אמאָל האָבען געזאָגט וועגען חסידים מיט מתנגדים. סטייטש, האָט איינער פון זיינע מקורבים זיך פאַר איהם פאַרקלאָגט, פאַר וואָס זאָלען די מתנגדים אונז ניט קענען פאַרשטעהן? זאָל דארויף ר' אהר'לע האָבען געענטפערט מיט דער דאָזיגער „מסורה": „וואָס פאַר אַ פּנים וואָלטען חסידים געהאַט ווען מתנגדים וואָלטען זיי געקענט פאַרשטעהן; וואָס פאַר אַ פּנים וואָלטען צדיקים און רביים געהאַט ווען חסידים וואָלטען זיי געקענט פאַרשטעהן, און וואָס פאַר אַ פּנים וואָלט כביכול, קודשא בריך הוא, געהאַט ווען צדיקים און רביים וואָלטען איהם געקענט פאַרשטעהן"...

יאָ, עס וואָלט געוועזען מעהר ווי לעכערליך ווען מען וואָלט זיך דאָס דאָזיגע אונטערגענומען, צו מאַכען אַלע מצוות התורה צוגענג־ליך און פאַרשטענדליך צו אונזער קורצקעפּיגע מענשענקינדער.

געוויס זיינען מיר מחוייב מיט אונזער מענשליכען שכל, וואָס איז אויך אַ געטליכער געשאַנק, זיך צו פאַרטיעפען אין די טעמי המצוות, און זעהן, ווי ווייט עס לאָזט זיך נור, פאַרשטעהן דעם הינ־טערגרונט פון די אָדער יענע מצוה, פון דעם אָדער יענעם געבאָט, שטענדיג אָבער דאַרף מען געדיינקען, אז די דאָזיגע פאַרטיעפונג און פאַרשונג האָט לחלוטין גאָר ניט צו טאָן מיט'ן עצם מקיים זיין פון דער באַטרעפענדער מצוה. מקיים זיין די מצוה דאַרף מען סיי ווי סיי, צי דו פאַרשטעהסט יאָ איהר באַדייטונג, צי ניט. דו קענסט קיינמאָל ניט ערוואַרטען מיט דיין מענשליכען באַגרעניצטען שכל אַריבערצו־שפּרינגען דעם פּלויט און „אַריבערשוואַרצען" דעם גרעניץ. נאַריש, דום און לעכערליך.

טאָ מיט וואָס זשע איז אַשטייגער די דאָזיגע מצוה פון חליצה אַנדערש פון פיעל אַנדערע מצוות פון די תרי"ג, וועלכע לאָזען זיך מיט'ן פּשוט'ן מענשליכען שכל אויך ניט אַזוי לייכט ערקלעהרען? מיט וואָס אַשטייגער לאָזט זיך דער „לא תלבש שעטנז" אָדער דער „לא תחרוש בשור ובחמור יחדו" בעסער און לייכטער ערקלעהרען ווי די מצות חליצה? און וואָרום גראַדע צו דער דאָזיגער מצוה זיך באַ־ציהען מיט אַזוי פיעל זלזול און הפקרות?

גענוג צו וויסען אז דאָס איז אַ מצות עשה פון דער תורה, איינע פון די תרי"ג און מוז דורכגעפיהרט ווערען מיט דער זעלבער הייליג־קייט ווי למשל לייגען תפילין, בלאָזען שופר, בענטשען אתרוג, עסען מצה און זיצען אין סוכה, אָדער וועלכע עס איז אַנדער מצות עשה צו וועלכען סאָרט זי זאָל ניט געהערן.

אין געגענטייל, די דאָזיגע מצוה פון חליצה, דאַרף נאָך ביז אַ געוויסער מאָס אַרויסרופען אַ מעהר ערנסטע באַציהונג; דאָס איז דער־פאַר וואָס זי האָט צו טאָן מיט דער טהרת המשפחה בישראל פאַר וועלכעס אידען האָבען געקעמפפט מיט דער גרעסטער מסירות נפש אין אַלע דורות און אין אַלע צייטען. טהרת המשפחה איז פון אייביג אָן געוועזן דער אידישער שטאָלץ וואָס האָט אַרויסגערופען דעם רעס־פעקט פון די גרעסטע שונאי ישראל, אָנפאַנגענדיג מיט דעם אָריגי־נאַלען בלעם, וועלכער איז ממש אין עקסטאַז אריינגעפאַלען ווען ער איז געקומען צו דעם „מה ט ו ב ו אהליך יעקב" און צום „וירא ישראל שוכן לשבטיו". דאַרף מען דעריבער וויסען, אז אָנריהרען אַ מצוה וואָס איז פאַרבונדען מיט דער קדושה פון דעם אידישען פאַמיליען לעבען, איז ממש ווי אָנריהרען דעם שוואַרצאַפּעל פון אויג.

זאָגען מיר דעריבער נאָכאמאָל, אַז דער בעסטער טעם און די בעסטע ערקלעהרונג וועגען חליצה איז, ווען מען זאָגט גאָר קיין טעם ניט און מען מאַכט גאָר קיין ערקלעהרונג ניט.

אָבער דוקא איצט, נאָכדעם ווי מען וואַרפט שוין פון זיך אַראָפּ יעדער פאַרפליכטונג פון מאַכען ערקלעהרונגען, דוקא איצט קען מען שוין מיט אַ גרינגערע האַרץ און לייכטערען געמיט צו־טרעטען צו דעם דאָזיגען ענין, און יאָ פּרובירען איהם עטוואָס צו באַלייכטען, ווייל נאָך די פריהעריגע הקדמה האָבען מיר דאָך שוין ניט קיין מורא פאַר קיין דורכפאַל. געלינגט עס — מהיכי תיתי; געלינגט עס ניט, איז הונדערט מאָל מהיכי תיתי...

טאָ לאָמיר זשע פּרובירען עטוואָס זיך פאַנאַנדערקלייבען אין דעם דאָזיגען ענין.

ווי שוין דערמאָהנט פריהער, איז דער חליצה טעקס אַ שטעל־פאַרטרעטער פון די מצוה פון יבום. אמת, אין היינטיגע צייטען איז

יבום איין גאַנצען באַזייטיגט געוואָרען און חליצה איז די איינציגע מצוה וואָס איז פאַרבליבען אין דער פּראַקטיק.

איז דאָ ניט דער פּלאַץ זיך אויספיהרליך אָפּשטעלען דארויף און ערקלעהרען וואָרום דאָס איז אַזוי. די דאָזיגע ערקלעהרונג ווערט געננוי געגעבען אין תלמוד, אין מסכת יבמות.

סיי ווי אָבער, דוכט זיך אַז דער צערעמאָניאַלער טעקס פון חליצה ענטהאַלט אין זיך זעהר אַ שעהנעם געדאַנק. דער דאָזיגער געדאַנק ווערט געבראַכט צום אויסדרוק אין איין זאַץ פון דער תורה, אין יענע פּרשה פון חליצה — „ככה יעשה לאיש אשר לא יבנה את בית אחיו" (אַזוי זאָל מען טאָן צו דעם מאַן וואָס וועט ניט אויפבויען זיין ברודערס הויז).

עס הייסט אַלזאָ, אַז די חליצה איז אַ מין דעמאָנסטראַטיווער אַקט וואָס דריקט מיט זיך אויס אַ העפטיגען פּראָטעסט געגען דעם יבם פאַר ניט שוינען דעם כבוד פון זיין פאַרשטאָרבענעם ברודער, און ניט זאָרגען פאַר אַ מאָנומענטאַלען דענקמאָל, וואָס האָט דורך איהם געזאָלט און געקענט אויפגעשטעלט ווערען, אויף צו פאַר־אייביגען זיין ברודער׳ס געדעכעניש מיט אַ זכר עולם.

קומט דער דאָזיגער פּראָטעסט צו זיין קלימאַקס מיט דעם „וירקה בפניו" וואָס איז דער העכסטער אויסדרוק פון פאַראַכטונג, עהנליך צום „ואביה ירק ירק בפניה" ביי דער פּרשה פון מרים׳ן.

ולולא דמיסתפינא וואָלטען מיר געזאָגט אַז אין דער חליצה גופא, דאָס הייסט, אין אַראָפּציהען דעם שוך פון יבם, איז אויך פאַראַן אַ דעמאָנסטראַטיווער אַקט פון זעהר אַ סימבאָלישען כאַראַקטער. עס קען מעגליך מיינען אַז אַזוי ווי דער יבם איז ניט מקיים די מצוה פון „להקים לאחיו שם" דורך וועלכעס ער וואָלט איהם געמאַכט אונ־שטערבליך; און איצט אַז די דאָזיגע מצוה פעהלט, פעהלט דאָך דאַ־דורך אויך די אומשטערבליכקייט, איז דאָך דער יבם גורם צו מאַכען זיין ברודער פאַר ווירקליך טויט, אויב אַזוי, קען נאָך די אבלות ניט אַוועק פון יבם און ער דאַרף דעריבער בלייבען מיט אַראָפּגעצויגענע שיך וואָס איז אַ צייכען פון אבלות . . .

דאָס איז נאַטירליך ניט מעהר ווי אַן השערה, אָבער עס שיינט צו זיין אַ לאָגישע השערה. יעדענפאַלס דאַרף מען אויף דער חליצה

ניט קוקען ווי חלילה אויף אַן אבסורד אָדער פאַנאַטישע צערעמאָניע.

אָבער מיר קומען צוריק צום פּונקט. מען דאַרף לחלוטין קיין טעמים ניט זוכען. גענוג צו וויסען אז חליצה איז איינע פון די הייליגע תרי״ג מצוות און די יעניגע וואָס וואגען מזלזל צו זיין אין דעם, זיי־נען עתיד ליתן את הדין; און זאָל די אלמנה וואגען חתונה האָבען איידער זי האָט גענומען חליצה, איז זי עובר אויף אַ „לאו" פון „לא תהיה אשת המת החוצה" וועלכער איז ניט אנדערש פון אנדערע לאווין פון דער תורה, און דערצו איך עובר אויף די מצות עשה פון יבום וחליצה, כאָטש וואָס אַנבאַלאַנגט די מצות עשה איז נאָך אַ קלעהר צו אויך ז י איז עובר דארויף אָדער בלויז דער יבם (דאָ איז נאַטירליך ניט דער פּלאַץ צו פאַרהאַנדלען אלע פּרטים פון אַן הלכה שטאַנדפּונקט).

מיר ווילען דאָ אויך ניט אריינגעהן אין דער פראַגע, צי דער ענין פון חליצה האָט אויך צו טאָן מיט׳ן תקון הנפש פון דעם פאַר־שטאָרבענעם, ווי עס זעהט אויס פון די ספרי קבלה ומוסר.

עס איז אָבער אַ טעות פון די וואָס דיינקען אז די גאַנצע חליצה איז נור אַ מין מיטעל אז די אלמנה זאָל מעגען חתונה האָבען, און אויב למשל, זי האָט ביי זיך געפּאַסט אַ באַשלוס מעהר ניט חתונה צו האָ־בען, זאָל די חליצה שוין אין גאַנצען זיין אַן איבעריגע זאַך. די דאָ־זיגע פראַגע איז שוין גוט אויסגעדראָשען געוואָרען אין די ספרי הפּוסקים און שאלות ותשובות, און כולם בפה אחד שטימען איין אז כאָטש דורך די חליצה ווערט די פּרוי מותר לשוק, איז אָבער די מצוה, אַן און פאַר זיך, אַ מצוה ווי אלע מצוות און מען דאַרף איהר מקיים זיין אונטער אלע אומשטענדען, צי זי וועט דערנאָך יאָ חתונה האָבען צי ניט.

עס איז אויך צום באַדויערען וואָס מאַנכע נוצען זיך אויס מיט דעם דאָזיגען אומגליק אויף אויסצוצאַפּען געלט ביי דער אלמנה, אנ־דערש ווילען זיי איהר קיין חליצה ניט געבען. אָבער דאָס קומט אויך פון דעם דאָזיגען פאַלשען איינדרוק אז די גאַנצע חליצה איז בלויז אַ מיטעל אז די אלמנה זאָל מעגען חתונה האָבען און ניט א חוב וואָס פאַלט אויפ׳ן יבם ניט ווייניגער ווי אויף די אלמנה.

נור סיי ווי, איז דאָס געלט צאַפּעניש אין אַזאַ פאַל אַ העס־

ליבער איבעל וואס דארף אויסגעראטען ווערען. דאס צייגט די כא־ראקטערלאזיגקייט פון דעם חלוץ אז ניט נור וויל ער דעם ברודער ניט אויפבויען נור פארקעהרט, ער וויל גאר אז דער ברודער זאל איהם אויפבויען... איז עס ניט בלויז ניט עטהיש נור פשוט געדעדט נידערטרעכטיג און פארדארבען.

דער דאזיגער ענין וואלט זיך לאזען באהאנדלען פון נאך פיעל שטאנדפונקטען, אבער מיר האלטען עס ניט פאר נויטיג. מיר זאגען נאכאמאל: די מצוות פון אונזער תורה דארפען ניט אונזער הסכמה און מען טאר זיך מיט זיי ניט חכמה'נען. מען דארף זיי מקיים זיין אט אזוי ווי זיי זיינען אונז געגעבען געווארען, און שטענדיג געדיינ־קען אז דער לייטמאטיוו ביי אלע מצוות התורה דארף זיין דער תמים תהיה עם ה׳ אלקיך!

לט

„אל תקרא שמות אלא שמות"

מיר האָבען שוין אין אַן אַנדער קאַפּיטעל ציטירט ביי אַ געלעגענהייט די באַקאַנטע שעקספּיריאַנישע פראַזע וואָס מאַכט די באַדייטונג פון אַ נאָמען צו קליין געלט. „וואָס איז אַ נאָמען?", זאָגט דער גרויסער ענגלישער דיכטער.

ביי אונז אידען אָבער שפּילט גראדע אַ נאָמען יאָ אַ באַדייטענדע ראָלע. סיי אין תנ"ך און סיי אין חז"ל, ווערט פון אַ נאָמען געמאַכט אַ היבשער וועזען. אָט האָט איהר דעם ציטירטען מאמר חז"ל, וועלכען מיר האָבען ארויפגעשטעלט אויף דיזען קאַפּיטעל, און וועלכער באַציהט זיך אויפ'ן פּסוק אין תהלים: „אשר שם שמות באדם" און אונזערע חז"ל ענדערען די נקודות פון דאָס וואָרט שמות פון אַ פּתח צו א צ י ר י, און פון „שַמות (ווּיסטעניש) ווערט גאָר „שֵמות" (נעמען). זיי צייגען דערמיט אָן אז מען דאַרף יאָ לייגען געוויכט אויף אַ נאָמען.

דער נאָמען האָט אַמאָל אויך געשפּילט אַ גרויסע ראָלע ביי דער ענטשטעהונג פון אונזער פאָלק ישראל. עס האָט, אזוי צו זאָגען, פיעל בייגעטראָגען צו אונזער פאָלקס געבורט וואָס איז געקומען צוזאמען מיט דער גאולת מצרים. לויט חז"ל איז דער „שלא שנו את שמם" געווען איינע פון די הויפּט זאכען וואָס האָבען דערנענטערט די אידישע גאולה.

גלייך ביים ערשטען איד, אברהם אבינו, האָט שוין דער נאָמען היבש פיגורירט. פון א ב ר ם איז געוואָרען א ב ר ה ם. אזוי אויך ביי דער ערשטער אידישער פרוי שרה, וועמעס נאָמען עס איז פריהער געווען ש ר י און איז געענדערט געוואָרען צו ש ר ה. שפּעטער ביי יעקב אבינו, איז אויך דער שנוי השם געקומען צום אויסדרוק

פון י ע ק ב צו י ש ר א ל. דער נאָמען י ה ו ש ע איז אויך געווען אַן ענדערונג פון זיין אָריגינעלען נאָמען ה ו ש ע.

אויף די נעמען פון די מרגלים, איז פאַראַן אין מדרש אַ גאַנצע אָפּהאַנדלונג וואו חז״ל ווילען אין יעדען נאָמען געפינען אַן אָפּשפּיגלונג פון דעם כאַראַקטער פון יענע באַטרעפענדע פּערזאָן. מאַנכע פון די נביאים, האָבען גערופען זייערע קינדער מיט אַזעלכע נעמען וואָס האָבען געדינט אלס סימבאָלען פאַר זייערע ווייטזעהענדיגע נבואות.

און ווען יעקב אבינו האָט פאַר זיין טויט געבענטשט זיינע אייניקלאך האָט ער אויך שטאַרק באַטאָנט דעם „ויקרא בהם שמי ושם אבותי״.

און גראַדע אויף דאָס לעצטע איז זיך כדאי אַביסעל ברייטער אָפּשטעלען. מעגליך אז דערפון שטאַמט טיילווייז דער מנהג ביי אידען צו רופען די קינדער אויף די נעמען פון זייערע פאַרשטאָרבענע עלטערען אָדער אורעלטרען.

האַלט טאַקע דער דאָזיגער מנהג אַן בכל תפוצות ישראל, אַמעריקא אויך איינגעשלאָסען. אָבער דאָ צום באַדויערען קומט עם מעהרערע מאָל אוים ווי עפּעס אַ חוזק. ביים „ברית״, אָדער (ווען אַ מיידעל) שבת אין שוהל, גיט מען טאַקע דעם אָריגינעלען נאָמען ווי דער זיידע אָדער די באָבע האָבען געהייסען; גלייך אויף מאָרגען אָבער, איז מען דאָס קינד שוין משנה שם. פון יצחק ווערט אוירווינג, פון יעקב — דזשעק; פון אברהם — אייבי; פון שמואל — סעם; פון משה מאָררים; פון אהרן — הערריי א. א. וו. א. א. וו.

האַלט מען משמעות דעם דאָזיגען שנוי השם פאַר אַ סגולה צו פּאַטריאָטיזם. מען וויל דאמיט דעמאָנסטראַטיוו פּראָקלאַמירען די פּאַטריאָטישע געפיהלען און לאָיאַליטעט צו אַמעריקא. עס געהט דערנאָך אזוי ווייט אז דער דאָזיגער אַמעריקאַנער אַדאָפּטירטער נאָמען פאַרשלינגט שוין לגמרי דעם אידישען און דער לעצטער ווערט כמעט ווי פאַרגעסען.

זיינען מיר דאָך עדות צו די קאָמישע, בעסער געזאָגט, קאָמיש-טראַגישע סצענעם וואָס שפּילען זיך אָפּ שבת אין שוהל ווען מען דאַרף אַמאָל אויפרופען צו דער תורה אַ חתן און ער אליין, דער

חתן, ווייסט ניט ווי אזוי מען רופט איהם אין אידיש. ער ווייסט נור אַז ער הייסט אוירווינג און זיין טאַטע אלבערט. טאַ געה און רוף אויף: יעמוד ר׳ אוירווינג בר׳ אלבערט, ש־ש־י!...

עס גרעניצט זיך מיט אנדערע קאָמישע סצענעס פון דעם מין. אַזוי צום ביישפיעל ווערט מען זיך וועגען אונזערע אַמעריקאַנער אידישע פראַסטאַקעס וואָס ווייסען נישט פון זייער לייב און לעבען, און אז דער שמש קומט צו צו איינעם פון זיי און גיט איהם א פרעג צי ער איז א כהן, אַ לוי אָדער אַ ישראל, קוקט ער איהם אָן ווי אַ האָן דעם „בני אדם״ און ענטפערט: „אה נאָו, איך ניט דאָס וואָס דו פרעגסט, איך אַ קארפענטער״...

די פראגע איז אלזאָ: נאָכוואָס דער דאָזיגער פורים שפיל, צו געבען אַ נאָמען נאָכ׳ן זיידען אָדער באָבען בלויז אויף איין טאָג אָדער איין שעה? דערמיט וויל מען עס מקיים זיין דעם „ויקרא בהם שמי ושם אבותי״? און צוליב אָט די נישטיגע שטונדע לויפט מען עס נאָך דעם רב מיט שאלות, ווי מען קען ענדערען פון יאַכנע דוואָשע אָדער פון באַשע זלאַטע אויף אָן אינגלישען נאָמען כדי צו פאַראייביגען די פאַרשטאָרבענע באָבע?! איז עס נישט, ווי געזאָגט, אַ פשוט׳ער חוזק?

די איינציגע ערקלעהרונג דערצו קען זיין, אז מיט וואָס זאָל די נאָמען פראגע זיין בעסער ווי מיט אלע אנדערע טראַדיציעס אין דעם אַמעריקאַניש אידישען לעבען? מיט וואָס אַ שטייגער זאָל אַ „נאָמען״ האָבען מעהר חשיבות פאר תפילין למשל, וואָס מיט די אַלע צערעמאָניעס און גרויסען פּאָמפּ מיט וועלכעס דער בר מצוה יו״ט ווערט דאָ געפייערט, איז עס נאָכאלעמען אויך ניט מעהר ווי אַ פראגע פון איין אָדער עטליכע טעג; אַזוי אז מיט דעם „ברוך שפטרני״ האָט מען אין זינען נישט נור דעם עבר נור אויך דעם עתיד... טאָ מיט וואָס אלזאָ זאָל די פראגע פון אַ נ אָ מ ע ן שטעהן העכער פאר אַ געבאָט פון דער תורה?

נו, מהיכי תיתי! אפשר טאָקע אַ ניש׳קשה׳דיגע „ערקלעה־רונג״ און אַ „כשר׳ע״ רעכטפערטיגונג...

נור נישט דאָס זיינען מיר אויסען. וואָס מיר ווילען ארויס־

ברייגנגען איז, אז אין אַמעריקא משמעות זיינען נאָך אויך פאראַן פאַמיליעס, וואָס כאָטש עכט אַמעריקאַניזירט, האַלטען זיי נאָך פונ־דעסטוועגען פון דעם „שלא שנו את שמם", און די „משה'לאך" און „שלמה'לאך" בלייבען ביי זייערע אָריגינעלע נעמען אפילו דערנאָך אויך.

דאָס דרינגען מיר פון אן אילוסטרירטען ביישפּיל פון אַ יונג פּאָר־פּאָלק, אמת'ע אַמעריקאַנישע יענקים, אָבער זעהר אידישע פרומע קינדער, צווישען וועמען עס איז פאָרגעקומען אַ שאַרפער סכסוך צו־ליב אַ נאָמען און מען איז געקומען צו אונז פאר אן אויסגלייך.

דאָס פּאָר־פאָלק לעבט זיך זעהר גליקליך. ס'איז ביי זיי ווי מען זאָגט: אידיש און נגיד'יש. אָבער גלייך ווי עס איז ביי זיי גע־בוירען געוואָרען דאָס ערשטע קינד, אַ אינגעלע, איז ענטשטאַנען אַ שטיקעל רוגזה'לע צווישען זיי, און טאַקע צוליב'ן נאָמען פונ'ם קינד. דאָס ווייבעל האָט גע'טענה'ט אז לויט'ן אידישען מנהג, באַ־לאַנגט דער ערשטער נאָמען צו איהר; האָט זי דעריבער געוואָלט דאָס קינד אַ נאָמען געבען נאָך איהר פארשטאָרבענעם זיידען. דער יונ־גערמאַן ווידער האָט עס ניט געוואָלט נאָכגעבען און דוקא געוואָלט דאָס קינד א נאָמען געבען נאָך זיין טאַטען. ס'איז אָבער דעמאָלט גע־קומען צו אן אויסגלייך און מען האָט דאָס קינד געגעבעןביידע נע־מען מיטאַמאָל.

דאָס ווייבעל איז קענטיג דערימט ניט אין גאַנצען צופרידען געווען; און איצט אַז זי האָט צו מזל געבאָרען אַ צווייטען אינגעלע וויל זי דורכאויס אז מען זאָל דאָס קינד געבען נאָכאַמאָל איהר זיי־דעג'ס נאָמען כדי עס זאָל ניט זיין קיין שותפות'קייט מיט אַנדערע נעמען. לויט איהר וואונש, וואָלטען איצט איהרע ביידע קינדער גע־טראָגען דעם זעלבען נאָמען, מיט'ן איינציגען אונטערשיד וואָס דאָס ערשטע קינד וועט מען רופען מיט ביידע נעמען און דאָס צווייטע בלויז מיט איין נאָמען, דער פון איהר פארשטאָרבענעם זיידען.

אָט וועגען דעם, האָט מען זיך עס צו אונז געווענדעט טעלע־פאָניש ווייל עס איז שוין נאָהנט צום ברית און עס האַלט ווידער ביי אַ שטיקעל מחלוקת.

איז די דאָזיגע ערשיינונג אַן און פאר זיך אַן ערפרעהענדע,

ווייל, ווי געזאָגט, זעהט עס דאָך אוים אז די דאָזיגע פאַמיליע איז טאַקע יאָ ענטשלאָסען צו רופען די קינדער ביי די אָריגענעלע נעמען, זאָנסט וואָלט דאָך דער גאנצער סכסוך געווען אָן איבעריגער.

צו דער עצם פראַגע איז אָבער אונזער אַנטשיידונג געווען אַ נעגאַטיווע. מיר האָבען נ י ט געקענט מסכים זיין צו דער ווייבעל׳ס פארלאנג. דען נאָכאַלעמען האַנדעלט זיך דאָך דאַ וועגען אויספאָלגען אַ טראַדיציאָנעלען מנהג. קיין דין אזא אז מען מ ו ז רופען אַ קינד אויפ׳ן זיידענס אָדער עלטער זיידענס נאָמען, איז דאָך ניטאָ; און אויב נור אַ מנהג וואָלט עס געווען ניט ראַטזאַם און ניט פראַקטיש אז אויפ׳ן חשבון פון וועלען אָפּהיטען איין מנהג זאָל מען ברעכען אַ צווייטען. מיט׳ן צווייטען מנהג מיינען מיר דאָס וואָס עס איז איינ־געפיהרט ביי אונז ניט צו רופען צוויי ברידער מיט די זעלבע נעמען.

בכלל טאָר צוליב אַזעלכע מינדערוויכטיגע זאַכען ניט צוגע־לאָזען ווערען צו קיין מחלוקת וואָס זאָל דראָהען דעם שלום בית.

מיר האָבען דיזען קאַפּיטעל באַטיטעלט מיט׳ן מאמר חז״ל פון „אל תקרא שמות אלא שמות״, און אין אָט דעם ציטירטען זאַץ ליגט אויך אונזער ענטפער. אונזערע חכמים האָבען פון שמות(וויסטעניש) געמאַכט שמות (נעמען); און דאָ האלט עס פארקעהרט אַז פון שמות נעמען) זאָל חלילה קומען צו שמות (וויסטעניש און פאַמיליע קריגע־רייען) דאָס איז געווים ניט ריכטיג. מען טאָר ניט געבען דעם שטן קיין דריסת הרגל אין אזא נאָבעלע הויז וואו עס פיהרט זיך אַזאַ שעהנער מוסטערהאפטער אידישער פאמיליע לעבען.

און מיר זאָגען צו דאָס פּאָר־פאָלק: איהר זיינט דאָךביידע אַמעריקאַניזירטע קינדער, וואָלט דעריבער גראַדע ניט געשאַט אַז אין אזא פאַל זאָל אייך דער ענגלישער שעקספּיר יאָ קומען צו הילף; בפרט נאָכדעם ווי ביידענס וואונשען זיינען דאָך שוין נאָכאַלעמען פארווירקליכט געוואָרען ביים געבורט פון אייער ערשטען זוהנ׳עלע, מאַכט שוין דערפאַר ניט אוים אויב איצט וועט איהר אויך מיט־זינ־גען אין שעקספּיר׳ס כאָהר און זאָגען: „וואָס איז אזוינס אין אַ נאָ־מען?!״

שלום בית שטעהט העכער פון אלץ, אפילו פון אַ נאָמען אויך!...

מ

הייליגע פרנסות

(ערשטער קאפיטעל פון דער סעריע: „אַמעריקאַנער כלי קודש")

רבנות אין אַמעריקא

דאָס מין „כלי קדש" אין אמעריקא שרייבט אַ באַזונדער קאַפּיטעל אין דעם אמעריקאַנער אידישען לעבען. עס ענטהאַלט אין זיך ליכט און שאָטען אָבער דאָס לעצטע איז ליידער מעהר ווי דאָס ערשטע.

עס איז דעריבער כדאי אויספיהרליך זיך אָפּשטעלען דארויף און אָביעקטיוו באַהאַנדלען די דאָזיגע טעמע; אָנצייגען אויף איהרע ליכטיגע און שאָטענדיגע זייטען, אויף דאָס פּאָזיטיווע און דאָס נעגאַטיווע; אויף דאָס שעהנע און דאָס העסליכע, אויפ'ן „עומד" און אויפ'ן „פּרוץ".

מיר גלויבען אז דאָס אלעס איז ווערט פארצייכענט צו ווערען, און אפשר וועט נאָך קומען אַ צייט ווען אויך אויף דעם דאָזיגען פעלד וועלען די נויטיגע אויסבעסערונגען געמאַכט ווערען און די כלי קדש פּראָפעסיע וועט אויך איהר תקון באַקומען.

זעלבסטפאַרשטענדליך, אַז כאָטש דער נאָמען „כלי-קדש" נעהמט אין זיך אַריין אַלע דריי הויפּט פּראָפעסיעס מיטאַמאָל: רבנות, חזנות און שמשות, לאָזען זיי זיך אָבער ניט אַלע „סוקר" זיין „בסקירה אחת"; זיי לאָזען זיך ניט באַהאַנדלען קאָלעקטיוו. ווייל כאָטש דאָס וואָרט „כלי-קדש" איז דער „צד השוה שבהן", איז אָבער פאַרט „לא הרי זה כהרי זה" און יעדערע פון זיי פאַרדינט אַ באַזונדער אָפּהאַנדלונג.

מיר וועלען טאָן ווי דער דין זאָגט: „חולקין כבוד לרב", און מיר וועלען געבען דעם משפט הבכורה צו רבנות.

נאַטירליך, רעדט זיך דאָ וועגען דאָס אָרטאָדאָקסישע רבנות וואָס פאַרדינט דעם דאָזיגען נאָמען. דאָס „רבנות" פון די אַנדערע לאַגערען איז דאָך אַ רבנות מיט אַ „מרכא כפולה", מיט „קוואָטיישאָן מאַרקס", וואָס איז דאָך אין אמת'ן ניט מעהר ווי אַן אימיטאַציע פון רבנות, רבנות אין נאָמען אָבער ניט אין אינהאַלט; איז דאָך וועגען יענע בכלל ניטאָ וואָס צו ריידען. מיר מיינען די אמת'ע רבנות, די ניט-געפעלשטע און דאָס פאַרשטעהט זיך איז ניט קיין אַנדערע ווי די פון פרומען לאַגער, פון דאָס אָרטאָדאָקסישע אידענטום.

אַז מען קומט אריין אין אַ שטאָט אין אַמעריקא, אַ גרעסערע אָדער א קלענערע, און מען באַטראַכט פון אויבענאויף דעם לעבען אין דער באַטרעפענדער אידישער קהלה, שאַפט זיך דער ערשטער איינדרוק אַז אַמעריקא איז דאָס פרומסטע לאַנד אויף דער וועלט. דאָס דרינגט זיך פון דער אומבאַשריען גרויסער צאָהל רבנים מיט וועלכע די לאַנד איז געבענטשט.

דען, ווערהענד אין דער אַלטער היים האָט יעדער שטאָט געהאַט בלויז איין רב, עטליכע דיינים און מורי הוראות, האָט דאָך דאָ אין אַמעריקא יעדער שוהל אַ רב. דאָ איז ניטאָ אַזאַ זאַך ווי אַ דיין אָדער מורה הוראה; א רב איז א רב „רב ואב"ד, ד"ץ ומ"ץ", פולרונדיג ארום און ארום. יעדער רב'ס שטוב איז אַ „בית-דין אַפּים", אַזוי שטעהט בפירוש געשריבען מיט גאָלדענע אותיות אויף דער שילד וואָס הענגט איבער דעם רב'ס פענסטער.

אין דעם זין איז אַמעריקא אַנדערש פון די אַמאָליגע אַלטע היים. דאָרט צום ביישפּיל האָבען מיר געזעהן אַן אונטערשיד צווישען מלאכת-חול און מלאכת הקדש. אין וואָכעדיגע טריידס ווי שניידעריי, שוסטעריי, סטאָלעריי א. ד. ג. איז ניט געווען קיין „חצאיות", קיין האַלב-טריידיגע; ניט געווען קיין האַלבע שניידערס, פערטעל שניידערס אָדער גאָר אכטעל'דיגע. אַ שניידער איז געווען אַ שניידער, ווי מען זאָגט דאָ „פראָם טאָפּ טו באָטהעם". דאָס זעלבע אַ שוסטער, אַ סטאָלער א. א. וו.

דערפאַר, ביי מלאכת הקדש להבדיל איז שוין יאָ געווען „העלפטלאַך", „דריטלאַך" און אויך "פערטלאַך". ניט אַלע זיינען געווען גאַנצע רבנים. אַזעלכע זיינען געווען צו איינציגע אין יעדער

שטאָט; לכל היותר צוויי, א מתנגד׳ישער און אַ חסיד׳ישער. די אי־בעריגע, איז זייער רבנות געווען בלויז אַ טיילווייזיגע, וואָס האָט זיך באַגרעניצט נור ארום אַ געוויסען אָפּגעצווייגטען טייל פון דאָס גאַנצע רבנות. מאַנכע האָבען זיך ספּעציאַליזירט אויף „הוראה״; פּסק׳נען שאלות איז געווען זייער ספּעציאַליטעט; אנדערע, איז זייער געביט געווען „גיטין״ און אנדערע האָבען זיך אָפּגעגעבען מיט דין־תורה׳ס. דאָס רבנ׳ישע פעלד איז געווען אזוי צו זאָגען פאנאַנ־דערגעטיילט אין טעריטאָריעס פון וועלכע יעדער רב האָט זיך אריינ־געקראָגען אַ געוויסען געביט; ס׳איז געווען אַ מין „דעפּארטמענ־טאלע״ רבנות.

דאָ אין אמעריקא איז אויך דאָ אַן אונטערשיד פון מלאכת חול און מלאכת הקודש, אָבער פּונקט אין אַ פאַרקערטער ריכטונג. גראדע די וואָכעדיגע מלאכות, די זיינען דעפּארטמענטאַל. זעלטען ווען אז מען זעהט דאָ אַ ג א נ צ ע ן שניידער. שניידעריי אין אמעריקא איז פאַנאַנדערגעטיילט אין פארשידענע אָפּטיילונגען. ס׳איז רעכט אז איינער וואָס באַשעפטיגט זיך דאָ מיט דער שניידער מלאכה, זאָל מעהר ניט קענען ווי מאַכען קעשענעס, אַ צווייטער מאַכט נור ארבעל; אַ דריטער קען נור אָננעהען קנעפּלאך; א פערטער קען אויסמאַכען די לעכלאך פאר די קנעפּלאך, און א א פינפטער קען נור אויספּרעסען דעם אָנצוג און מעהר גאָר ניט; אלע געהערען אָבער צו דער שניי־דער פּראָפעסיע. ס׳איז אונז אפילו ניט באַקאַנט אז עס זאָלען זיין באַזונדערע „טרייד יוניאָנס״ אויף יעדער פון די אויבענאויסגערע־כענטע ארביימס געביטען.

אַזוי איז עס אין די וואָכעדיגע טריידס. קומט עס אָבער צו מלאכת הקדש להבדיל, צו רבנות, דאָ איז שוין גיטאָ קיין אָפּצוויי־גונגען, קיין דעפּארטמענטאַליטעט. איז איינער א רב איז ער אַ גאנ־צער רב, און נאַטירליך, נאָך מיט אַן אב״ד דערצו.

איז עס לכאורה אָביסעל אומפארשטענדליך. עס קוקט אויס ווי איירָאָפּא און אמעריקא זאָלען זיך פּשוט האָבען פארביטען מיט די ראָלען. לויט׳ן פּשוט׳ן שכל, האָט דוכט זיך געדארפט זיין פאר־קעהרט. מלאכת החול האָט דאָך צו טאָן מיט גשמיות, און להבדיל, מלאכת הקדש, מיט רוחניות. אמעריקא ווידער איז דאָך מעהר

גשמיות'דיג און אייראָפּא מעהר רוחניות'דיג; טאָ האָט דאָך גע־דארפט אויסקומען אז אויף דעם רוחניות געביט זאָלען די אייראָפּע־אישע אידען זיין מעהר אויסגעברייטערט, און גשמיות'דיג מעהר באַ־שרענקט. אין אַמעריקא וואו די גשמיות האָט די אויבער האַנט האָט געדארפט זיין אומגעקערט: מעהר רחבות אין גשמיות און מעהר דחקות אין רוחניות. לסוף איז פונקט פארקערט, דוקא אין רוחניות זעהט זיך דאָ קיין עין הרע אַזאַ גרויסע שפע אַז יעדער רב האָט באַ־וויזען צו פאַרכאַפּען אַלע טעריטאָריאַלע געביטען, און אין גשמיות גראַדע זעהט זיך אַן איינגעשרומפּטקייט; ווערהענד דאָרט אויפ'ן אייראָפּעאישען קאָנטינענט האָט דוקא דאָס גשמיות'דיגע זיך אויס־געברייטערט מיט וויטע האָריזאָנטען און דאָס רוחניות'דיגע איז היבש איינגעשרומפּען געוואָרען...

נור מילא, בלייבט אַ קשיא.

ס'יי ווי אָבער, פון אָט דיביידע זאכען צוזאמען, ערשטענס פון דעם וואָס יעדער שוהל אין אמעריקא האָט זיך איהר אייגענעם רב; און צווייטענס דאָס וואָס יעדער רב איז ניט קיין שטיקעל רב נור אַ גאנצער, א פול רונדיגער רב. פון אָט די ביידע זאכען האָט זיך, ווי געזאָגט, געקענט שאַפען דער איינדרוק אז אמעריקא איז א פיעל פרימערע לאנד ווי אייראָפּא און אז דאָ איז מעהר מקום תורה ווי דאָרט.

דאָס איז אָבער ניט מעהר ווי לכאורה'דיג; באַקענט מען זיך אָבער בעסער מיט דער לאגע, און מען ווערט מעהר דורכגעדרונגען מיט'ן אידישען לעבען דאָ אין לאנד, דאן בייט זיך שוין דאָס בילד אין גאנצען און מיר קומען שוין צו לגמרי אנדערע מסקנות.

עס ציינט זיך ארויס, אז דוקא אָט די אויסברייטערונג איז גאָר אַ צייכען פון פארשמעלערונג, אז אין די דאָזיגע ר ח ב ו ת ליגט גאָר דער ס ו ד ה צ מ צ ו ם, און אַז עס איז גאָר אין ד י בחינה פון „יתר כנטול דמי" . . .

דאָס וואָס דאָ איז די רבנות אַ שוהל־רבנות און ניט קיין שטאָט־רבנות, איז עס דערפאַר וואָס די גאַנצע רבנ'ישע געשטאַלטונג איז דאָ אַן אנדערע. דאָס אמעריקאַנער רבנות איז אין די מעהרסטע פאַלען מעהר מ ג י ד ו ת ווי ר ב נ ו ת. אין דער אלטער היים האָבען

מגידות מיט רבנות אַ קנאַפּען שייכות געהאַט איינס מיט דאָס אנדע־רע. דער רב איז ניט געווען קיין מגיד. ער פלעגט מעהר ווי צוויי מאָל אין יאָהר, שבת שובה און שבת הגדול, כמעט ניט האלטען קיין דרשות פאר׳ן ברייטען עולם. א גאנץ יאָהר פלעגען בלויז מגידים האלטען דרשות און די זיינען קיין רבנים ניט געווען. דעם רב׳ס פונק־ציעס זיינען געווען אנדערע. דער רב איז געווען דער „מרא דאתרא״ אין פולען זין פון דאָס וואָרט; צו איהם, צום רב, האָט מען געקוקט פון אונטען ארויף, ער איז באַטראַכט געוואָרען פאר אַ מין אדם העליון. ער איז געווען דער אמת׳ער מ נ ה י ג; ער האָט געפיהרט די שטאָט מיט אלע איהרע קהל׳שע ענינים; געשטאַנען אין דער שפּיצע פון ועד הכשרות, פון חברה קדישא און פון אלע אנדערע שטאָטישע אינסטיטוציעס.

זיין געהאַלט פלעגט דער רב באקומען פון דער שטאָטישער קאסע, און איז ניט געווען אָפּהענגיג אין יחידים. אויפגענומען האָט מען איהם ניט אויף געציילטע טערמינען, אַ יאָהר, צוויי אָדער דריי. האָט מען איינמאָל אויפגענומען דעם רב איז עס געווען „אבי גע־זונט״, אן אייביגקייט. עס וואָלט גאָר קיינמאָל קיינעם אויפ׳ן גע־דאנק ניט געקענט ארויף אז עס איז גאָר מעגליך אזא זאך ווי אנט־זאגען דעם רב, סיידען דער רב האָט זיך אליין אנטזאגט דערפאר וואָס אַ גרעסרע שטאָט האָט איהם „אויסגעכאַפּט״, זאָנסט האָט ער זיך אויסגעלעבט אויף זיין כסא רבנות דאָס גאנצע לעבען זיינס, און אין מעהרערע פעלע איז נאָך זיין רבנות זאָגאר אויך איבערגעגאנגען בירושה צו אַ קינד, אַ זוהן אָדער אַן איידעם, וועלכע זיינען געווען ראוי צו דעם דאָזיגען אַמט.

עס איז דעריבער דאָרטען ניט נויטיג געווען אז יעדער שוהל זאָל זיך האָבען אַ באַזונדער רב. די לאָקאלע שוהל פונקציעס זיינען דורכגעפיהרט געוואָרען דורך באַשטימטע פּערזאָנען וואָס יעדער שוהל האָט זיי געהאַט. די חברה ש״ס האָט זיך געהאַט איהר רבי׳ן, אזוי אויך די חברה משניות, חברה חיי אדם אָדער עין יעקב. קלע־נערע און גרעסערע מגידים האָבען געזעטיגט דעם המון־עם מיט זיי־ערע דרשות.

דער רב האָט טאַקע דעריבער געהאַט גענוג צייט צו זיצען און

לערנען און האָט אזוי ארום געהאַלטען אין איין שטייגען אויף דעם לייטער פון זיין רבנ'ישע גדלות.

אַט אזוי איז געווען דער רב דאָרטען אין דער אלטער היים.

דאָ אין אמעריקא איז עס גאָר אנדערש. דאָ איז די הויפּט פונקציעס פונ'ם רב, ווי געזאָגט, ניט דאָס רבנות נור דאָס מגידות, אָבער דאָס מגידות גופא איז דאָ אויך אנדערש ווי דאָרט. דאָרט האָבען עטליכע געצעהלטע מגידים געקענט זיין גענוג פאר דער גאנצער שטאָט. דער דורכשניטליכער שוהל איד האָט זיך געהאָט, אויסער דרשות, אויך אנדערע גייסטיגע שפּייז וואָס האָבען געזעטיגט זיין נשמה הונגער. ווען אין דער אלטער היים איז עס ניט געזעסען ביי אַ פרק משניות, ביי אַ שטיקעל שלחן ערוך, חיי אדם, קצור שלחן ערוך? און דער פּראָצענט גמרא לומדים איז דאָך דאָרט אויך געווען אַ גאָר גרויסער. איז דעריבער די דרשה ניט געווען דער איינציגער מזון רוחני פאר דעם אלט היימישען אידען, אפילו ניט פאר דעם דורכשניטליכען „עמך" טיפּ, און מיט איינעם אָדער מיט אייניגע מגידים האָט מען זעהר לייכט געקענט ערגענצען און זעטיגען דעם דרשה דאָרשט, ווייל מען האָט ניט געדארפט שטעהן נאָכאַנאַנד אויף דער בימה און האַלטען דרשות.

אין אמעריקא איז אָבער די דרשה געבליבען די איינציגע גייסטיגע שפּייז פאר דעם געוועהנליכען שוהל אידען. די צאָהל פון יענע אידען וואָס זיינען נאָך שייך צו גמרא, משניות, שולחן ערוך א. ד. ג. איז דאָ צום באַדויערען זעהר אַ באַשרענקטע.

אַט דערפאַר איז די דרשה אין אַמעריקא געוואָרען דער הויפּט „אייטעם" פון די שוהל פונקציעס; דער עמוד התוך אויף וואָס די שוהל אידישקייט האַלט זיך אויף; דארף מען דערפאר שטענדיג האַלטען אין איין ריידען. דאָס איז דער איינציגער גייסטיגער „געריכט" צום סערווירען און אויב מען דאַרף מיט דעם דאָזיגען געריכט יוצא זיין פאַר פיש, פלייש, יויך און צימעס, מוז מען נאַטירליך פון דעם דאָזיגען „סטאָק" האָבען זעהר אַ סך כדי דערפון דערלאַנגען דעם עולם זיין טעגליכע שפּייז, מוז שוין דעריבער פאַלגליך יעדער שוהל האָבען איהר אייגענעם „דברן", מען קען שוין ניט יוצא זיין מיט א „ד ב ר אחד לדור"...

און דער דאָזיגער שוהל ד ב ר ן וואָס איז באַטיטעלט געוואָרען מיטן' נאָמען „רב", איז שוין נעבאַך דעריבער פּאַרנומען ממש יומם ולילה אויף צוצוגרייטען די אונצאָהלרייכע דרשות, וואָס שעפּען זיך קיינמאָל ניט אויס און עס נעהמט צו זיי קיין סוף ניט.

האָט טאַקע אמת צוליב דעם, דער מקצוע הדרוש אין אמע־ריקא זיך זעהר שטאַרק אנטוויקעלט. עס האָט זיך דאָ אויסגעפאָ־רעמט אן אייגענארטיגער אָריגינעלער טיפּ דרשה וואָס אין אייראָפּא האָט מען דערפון כמעט ניט געוואוסט. ס'איז ניט יענער סאָרט מגידות וואָס אין דער אלטער היים; ס'איז מעהר מאָדערנע און מעהר קלאַ־סיש סיי אין פאָרם, סיי אין אינהאלט און סיי אין שפּראך. די אמע־ריקאנער דרשה שטעהט אויף א גאָר הויכער ניוואָ און האָט דער־גרייכט די מדרגה פון גאָר שעהנער קונסט.

דאָס האָט אָבער, ווי געזאָגט, איינגעשפּאַנט דעם רב צו דער בימה, און האָט איהם בארויבט פון אלע אנדערע רבנ'ישע פונקציעס אויף וועלכע עס זיינען אגב אין אמעריקא בכלל ניטאָ קיין גרויסע אָנפראגעס...

זאָל עס אָבער שטאַרק אונטערשטראָכען ווערען, אז מיר מיי־נען לחלוטין ניט צו זאָגען אַז די אַמעריקאַנער שוהל רבנים זיינען בלויז דברנים פון וואָס עס קען זיך שאַפען דער איינדרוק אז דאָ פעהלט גאָר דער אמת'ער טיפּ רב. חלילה! ניט דאָס מיינען מיר. מיר האָבען נור געמיינט צו זאָגען אז דעם וואָס מיר האָבען אין דער־היים געקענט אלס „מגיד" קענען מיר איהם דאָ אלס „רב". מען האָט איהם דאָ משנה שם געווען און דער נאָמען „מגיד" עקזיסטירט דאָ מעהר ניט. אָבער געווים זיינען דאָ פאַראַן אמת'ע רבנים, און טאַקע גאַנץ גרויסע אויך, און ס'פעהלען שוין אונז היינט דאָ אויך ניט אפילו אמת'ע גדולים און גאונים אין אַ גאַנץ באַדייטענדער צאָל, כן ירבו.

אָבער אפילו די אמת גרויסע רבנים איז זייער הויפּט פונקציע דאָ אין אמעריקא אויך ניט מעהר ווי מגידות.

קומט שוין ממילא אוים אז דער דאָזיגער פאקט וואָס דאָ איז אָהן עין הרע פאראַן אזא שפע אויף רבנות, און דאָס וואָס יעדער שוהל האָט אן אייגענעם באזונדער רב, איז שוין ניט מעהר קיין באַ־וויז אז אמעריקא איז פרימער פון אייראָפּא און אז דאָ איז אַ גרע־

סערער מקום תורה ווי דאָרט. פאַרקעהרט, עס איז גאָר, ווי געזאָגט, אין דער בחינה פון „יתר כנטול״, די צו־פיעל שפע, ווייזט גאָר אויף אן איינגעשרומפּענקייט; עס ווייזט אז דער מאַנגעל אין גייסטיגע שפּייז איז דאָ אזוי גרויס אז מען מוז קאָרמענען דעם עולם בלויז מיט איין געריכט און אלע גייסטיגע „קוכערס״ דאַרפען דעריבער תמיד זיין באַשעפטיגט מיט דעם דאָזיגען „מאַלצייט״.

פון דעם צווייטען זייט ווידער האָט די שוהל רבנות היבש פאַרקלענערט דעם כבוד הרבנות און דאָס איז געקומען אלס נאַטיר־ליכער קאָנסעקווענץ.

די הכנסה פון דעם שוהל רב, קומט דאָך זעלבסטפאַרשטענ־דליך פון דער שוהל אליין. די שוהל איז דאָך אָבער ניט קיין שטאָט און האָט ממילא ניט יענע אינקאָם קוועלען פון אַ שטאָט, געפינט זי זיך דעריבער קיינמאָל ניט אין קיין גאָר גלענצענדען צושטאַנד און קען זעהר זעלטען באַוויייזען צו געבען דעם רב אזא געהאַלט וואָס זאָל איהם געבען גענוג אויף חיונה, מוז דעריבער דעם רב׳ס הכנסה ערזעצט ווערען פון אנדערע קוואלען, טאַקע אויך ד ו ר ך דער שוהל אָבער ניט דירעקט פון דער שוהל קאַסע. צו די אנדערע קוועלען גע־הערען די שנדר׳ס פון דער בימה, בר מצות, חופות, מכירת חמץ, הקמת מצבות א. ד. ג. דאָס איז שוין אן ענין וואָס האָט צו טאָן מיט יחידים און דער רב ווערט שוין ממילא אָפּהענגיג אין דעם יחיד און ווערט שוין, ניט ווילענדיג, אַ נכנע צו יעדער בעל הבית באַזונדער.

דער בעל הבית פון זיין זייט ווידער, וויסענדיג אז ער איז כביכול דעם רב׳ס ברויט־געבער, איז שוין ביי זיך דערהויבענדיג, און אַנשטאָט וואָס אין דער אלטער היים איז דער רב געווען דער שטאָל־צער און דער בעל הבית דער נכנע, איז דאָ אומגעקעהרט, דער בעל הבית דער שטאָלצער און דער רב דער נכנע און די רבנ׳ישע אויטאָ־ריטעט איז שרעקליך געפאַלען.

און ווייל דאָס אמעריקאַנער רבנות אלס אַ לאָקאַלע שוהל רבנות, ליגט דאָך אין די הענט פון אַ הייפעלע יחידים פאַר וועמעס אויגען עס ווייזען זיך קיין עין הרע אזוי פיעל רבנים אין איין שטאָט, איז די דאָזיגע רבנות ממילא באַדענלאָז און האַלט זיך, ווי מען זאָגט, אויף הינערשע פיסלאַך. מעהר ווי אויף איין יאָהר אָדער צום העכ־

סטענס צוויי־דריי יאָהר, גיט מען דעם רב קיין קאָנטראַקט ניט; און זאָל זיך דער רב חלילה פארטשעפען מיט וועמען עס איז פון די דאָזיגע שוהל־מאַכער, אזוי הויבט שוין גלייך אָן זיין כסא רבנות צו שאָקלען... רבנ'ישע קאנדידאטען פעהלען דאָך ניט, און בכלל ווערט אביסעל צוגעגעסען צו הערען אלעמאָל דרשות פון איין רב און עס גלוסט זיך לפחות איינמאָל אין עטליכע יאָהר איבערבייטען דעם רב, איז אויב עס איז נור דאָ אַ שטיקעל טשעפּקאלע צום רב, נוצען דאָס די שוהל פיהרער גלייך אוים און מען הייסט איהם געהן... טאָ ווי קען די רבנ'ישע אויטאָריטעט אונטער אזעלכע מיזעראבעלע באדינגונגען ניט געפאלען זיין?

עס קומט דערפאר גרויס קרעדיט די פארשידענע רבנ'ישע קערפערשאַפטען, ובראשם די „אגודת הרבנים דארצות הברית וקנדה", אַ דאנק וועמען דער כבוד הרבנות האָט זיך דאָ אין לאנד אין די לעצטע יאָהרען אַ היבש ביסעל דערהויבען.

ראשית האָט מען א דאנק די דאָזיגע רבנ'ישע לאנדס קערפערשאַפט אָנגעהויבען מבחין צו זיין בין תכלת לקלא אילן. עס איז שוין איצט ניט „כל הרוצה ליטול את השם יבוא ויטול". מען ווייסט שוין ווער עס איז אַ ריכטיגער רב און ווער ניט. ניט קיין ריכטיגער רב קען ניט אריינקומען אלס חבר אין די אגודת הרבנים. דער ריכטיגער רב ווידער איז אַ חבר אין דער דאָזיגער אגודה, ווייסט מען שוין ממילא ווער איז ווער...

שנית, באַמיהט זיך די אגודת הרבנים מיט אַלע כחות צו באַשיצען דעם כבוד הרבנות בכלל און דעם כבוד פון איהרע חברים בפרט. איז א דאנק אָט דיזע גרויסע רבנ'ישע קערפערשאַפט אין וועמעס שפּיצע עס שטעהען ווירקליך גאונים מפורסמים, דער רבנ'ישער פּרעסטיזש אין די לעצטע יאָהרען באַדייטענד דערהויבען געוואָרען און עס פארשפּרעכט נאָך אַ גרעסערען פּאָרשריט אין דער צוקונפט.

דאָס וואָס לעצטענס האָבען אויך אָנגעהויבען אַריינצושטראָמען אַהער אין אַ גאַנץ גרויסע צאָהל (כן ירבו) די גדולי התורה וגאוני הזמן פון אייראָפּא, איז אויך אַ שטיק ערמוטיגונג און פארשפּרעכונג

פאר דעם הרמת קרן התורה וכבוד הרבנות דאָ אין אונזער מדינה.
און אויב ביז איצט איז אויף דעם געביט פון רבנות אין אמע־ריקא געווען „הצללים מרובים על האורות” איז פאראן גענוג גרונט צו האָפען אז פון איצט אָן זאָל שוין ווערען „האורות מרובים על הצללים”.

הבה נקוה!

מא

הייליגע פרנסות

(צווייטער קאפיטעל פון דער סעריע: „אמעריקאנער כלי קודש")

חזנות אין אמעריקא

חזנות, איז איינער פון די דריי זייל'ען אויף וועלכע עס האלט זיך אויף דער קיום העולם. חזנות איז דער „עמוד העבודה" וועלכער איז דער צווייטער אין דער רייהע נאכ'ן „עמוד התורה". דען פונקט ווי דער עמוד התורה ווערט רעפרעזענטירט דורך די רבנות, אזוי ווערט דער עמוד העבודה רעפרעזענטירט דורך די חזנות. „עבודה שבלב זו תפלה", זאגען אונזערע חז"ל, קומט די דאזיגע עבודה, אין געשטאלט פון תפלה, צום אויסדרוק דורך די שליחי צבור וואס רופען זיך אויך מיט דעם נאמען „חזנים". האט דעריבער חזנות פון אייביג אן פארנומען א גאר חשוב'ען פלאץ אין אידישען לעבען. פאר דעם המון עם האט עס נאך ביז א געוויסען גראד איבערשטיגען די פונקציע פון רבנות און איז געווען מעהר פאפולאר ווי דאס לעצטע. רבנות וואס דריקט זיך אויס אין לומדות האט ניט געקענט זיין אזוי פאפולער ביים פראסטען עולם ווען עס פעהלט די מבינות אויף לומדות און קען דעריבער עס ניט געבען די געהעריגע אפשאצונג. צו זיין א מבין אויף לומדות, דארף מען אליין אויך זיין א למדן. רבנות האט צו טאן מיט'ן ק א פ, מיט'ן מוח, פונקציעס וועלכע אפערירען ניט אזוי שטארק ביי די געוועהנליכע דורכשניטליכע פאלקס מאסען. חזנות אבער וואס איז עבודה ש ב ל ב האט שוין צו טאן מיט'ן ה א ר ץ און ניט מיט'ן קאפ, ס'איז א זאך פון געפיהל; סענטימענטאליטעט, און דאס איז שוין שייך צום געוועהנליכען פאלקס מענש אויך. א פיהלענדע נשמה האט לגמרי ניט צו טאן מיט א „גוטען קאפ", און דערפאר דארף מען

די דאָזיגע נשמה אידען ניט זוכען דוקא צווישען די יחידי סגולה פון דער לומד׳ישער וועלט, מען געפינט זיי אין גאַנץ גרויסע צאָלען אויך צווישען דעם „עמך״. און דעריבער האָט חזנות תמיד געקענט האָבען אַ גרעסערע אָנהענגערשאַפט ווי רבנות, דער עולם האָט זיך צו דאָס לעצטע גיכער געצויגען ווי צו דאָס ערשטע. דאָס ערשטע האָט ער געדאַרפט פ א ר ש ט ע ה ן, דאָס לעצטע האָט ער געדאַרפט פ י ה ־ ל ע ן, און בעלי הרגשה זיינען אַלעמאָל דאָ מעהר אין צאָל ווי בעלי הבנה.

איז דאָך דאָס גאַנצע חסידות געשאַפען געוואָרען צוליב דעם פשוט׳ן פאָלקס איד, וועלכער האָט זיין תקון ניט געקענט געפינען אין די נשמה שבמוח, און מען האָט פאַר איהם געדאַרפט עפענען אַ וועג וואָס פיהרט צו די „נשמה שבלב״.

איז טאַקע דעריבער קיין חדוש ניט וואָס דאָס חזנות האָט גע־האַט מעהר „אָפגאַנג״ אין דער חסידישער וועלט ווי אין דער עולמ׳־שער. עס זיינען געווען חסיד׳ישע דינאַסטיעס וועלכע האָבען אין זייערע „רבי׳שע הויפען״ געהאַט די גאָר גרויסע וועלט באַריהמטע חזנים. צו זיי געהערען אַלע צווייגען פון דער רוזינער דינאַסטיע, פון דער טשארנאָבעלער, די פרידמאַנס און די טווערסקים, און פיעל נאָך אנדערע. דאָס איז דערפאַר וואָס אין דער חסיד׳ישער וועלט איז דער טראָפ געשטעלט געוואָרען אויף „עבודה״, איז דאָרט דערפאַר געווען מעהר אָרט פאַר די רעפּרעזענטאַנטען פון עבודה, פאַר דאָס חזנות.

האָט חזנות אין משך פון דורות טאַקע עהרליך געדינט דעם דאָזיגען צוועק. געווען גרויסע עמוד קינסטלער וועלכע האָבען מיט זייערע הארציגע תפלות אוועקגעטראָגען זייערע צוהערער ווייט ווייט אין די הויכע הימלען. זייער לירישע געזאַנג, אַרויסגעבראַכט אין יענע דראמאַטישע טענער וואָס האָבען אין זיך געטראָגען די טויזענט יאָהריגע אידישע גלות קרעכצען, האָבען איינגעדרונגען טיעף טיעף אין די נשמות פון דעם המון המתפללים און יענע זיינען הינגעריסען געוואָרען פון דעם עקסטאַז און אינספּיראַציע פון זייער שליח צבור, און צוזאַמען מיט איהם געשוועבט הויך הויך אין יענע

„ספירות העליונות" וואו דער היכל התפלה און דער היכל הנגינה באַגעגענען זיך צוזאמען.

געוועזן חזנים וואָס האָבען זיך טאַקע מיט זייער האַרציגע „זאַגאכץ" פאַראייביגט אין דער געשיכטע און פארבליבען אומשטערבליך. זייערע באַריהמטע „זאכצן" ווערען נאָך ביז היינט איבערגעזונגען ניט נור פון חזנים נור אויך פון פשוט'ע אידען און מען „קוויקט" זיך נאָך מיט זיי עד היום.

אזוי צום ביישפיל דערמאָנט מען נאָך עד היום מיט עהרענפורכט די נעמען פון אַ ירוחם באַרדיטשעווער, בצלאל אדעסער, ברוך קאַרלינער, ווילנער באַלעבעסעל, ניסן בעלזער און להבדיל לחיים אונזער ר' זיידעל ראָוונער און צעהנדליגער אנדערע פון דעם מין.

יאָ, דאָס חזנות איז געווען אַ געוואלדיג גרויסער בייטראָג צו אידישקייט און איז געווען זעהר פּאָפּולאַר אין אידישען לעבען פאַר אַ צייט פון לאַנגע דורות און תקופות.

דער חזן אלס דער באַנער טרעגער פון דיזען צווייג פון אידישקייט, האָט געוואונען דעם רעספּעקט און דרך ארץ פון די גרויסע פאָלקס שיכטען, מען האָט צו איהם ארויפגעקוקט ווי צו אַ כהן גדול כאָטש ער האָט קיין „בגדי כהונה" ניט געטראָגען בעת זיין „עבודה"... און ווען ער פלעגט שטעהן ביים עמוד ארומגערינגעלט מיט זיינע „משוררים" האָט מען פאַר זיך געזעהן אַ רעפלעקציע פון די „לויים בדוכנם לשירם ולזמרם".

דאָס גאַנצע חזנות האָט געאָטעמט מיט קדושה און איז געווען דורכאויס נשמה'דיג.

אין אמעריקא האָט דאָס חזנות געליטען אַ געוואלדיגע ירידה. דאָ אין דיזער מדינה האָט דאָס חזנות כמעט ווי אויפגעהערט צו זיין דער אמת'ער רעפּרעזענטאַנט פון די „עבודה שבלב" פאַר וועמעס צוועק זי איז אורשפּרינגליך געשאַפען געוואָרען. פון ה אַ ר ץ חזנות איז זי פאַרוואַנדעלט געוואָרען אין ה א ל ז חזנות. מיט זעהר ווייניג אויסנאַהמען זיינען די נושאי דגל החזנות, לויט זייער אויפפיהרונג, ניט די פּאַסענדע שליחי צבור וואָס זאָלען זיין ראוי צום דאַוענען אמת. זיי זיינען עס ליידער ניט, ניט אינערליך און ניט אויסערליך. דער „זקנו מגודל" וואָס איז תמיד געווען איינע פון די הויפּט

פאַדערונגען פון דעם אידישען שליח צבור, און וואָס האָט איהם ווירק־ליך געגעבען זיין אויסערליכען פאַטריאַרכאַלישען הדרת פנים, איז דאָ אין אַמעריקא כמעט ווי אין גאַנצען פאַרשוואונדען געוואָרען. מעהר ווי ארום זיבעציג פּראָצענט פון די אמעריקאַנער חזנים זיינען מגולחי זקן. די עם הארצות הערשט אין דעם חזנ׳ישען לאַגער אויך זעהר שטאַרק. דער עמוד איז געוואָרען הפקר פאַר יעדען גראָבען נפש וואָס מעג זיין ווייט פון אידישקייט כרחוק מזרח ממערב, קוים האָט ער נור אַ שטארקע און אַ שעהנע שטימע, איז ער שוין ווילקאָ־מען. דער נעכטיגער ביהנע אַ ק ט י אָ ר איז אין געוויסע פעלע דער היינטיגער ב י מ ה ח ז ן און עס ווערען טיילווייז אָפּגעווישט די גרעניצען צווישען דאָס טעאַטרעלע און דאָס חזנ׳ישע.

די מעהרסטע חזנים, אפילו די מעהר אידישע צווישען זיי, האָבען אַדאָפּטירט אזעלכע מנהגים וואָס זיינען דורכאויס געגען דעם גייסט פון דער דאָזיגער עבודת הקודש. זעהר זעלטען צום ביישפּיל צו זעהן אַ חזן אריינקומען אין שוהל ביים אָנהויב דאַווגען. אין יענער צייט פאַרברייננגט ער מיט זיין כאָהר אונטען אין בית המדרש, וואו מען „ריהוירסעלט”, און ערשט צו „שוכן עד” ערשיינט ער אין שוהל צוזאמען מיט דער „קאַפּעליע”; צו קריאת התורה פאַרשווינדט ער ווידער ביז צום יקום פורקן. איז דאָס דאָזיגע זיכער ניט אין פולער האַרמאָניע מיט די חזנ׳ישע פונקציעס, און חזנות ביי וועלכעם „האַר־מאָניע” איז איינע פון די הויפּט יסודות אויף וואָס נגינה איז באַגרינ־דעט, האָט די דאָזיגע האַרמאָניע געדאַרפט ביי איהר הערשען אויף אַ ל ע געביטען, און איידער מען זוכט מ ו ז י ק אַ ל י ש ע האַר־מאָניע צווישען איין משורר און דעם אַנדערען, האָט מען פריהער גע־דאַרפט איינשטעלען אַ י ד י ש ע האַרמאָניע ביים חזן אליין, שלום מאַכען צווישען דעם ק אַ נ ט אָ ר און ש ל י ח צ ב ו ר, צווישען ז י נ ג ע ר און ב ע ל ת פ ל ה...

מיר רעדען שוין ניט פון באַנוצען די „פּיפּעל” וואָס איז שוין פשוט פאַרבונדען מיט חלול שבת און וואָס מיר האָבען עס ניט געזעהן ביי ר׳ יאָסעלע ראָזענבלאַט און ניט ביי ר׳ זיידלען, משמעות אַז מען קען זיך ביים עמוד אָן עצה געבען אָהן דעם אויך.

מען מוז אָפּטיילען דעם חזן פון דעם זינגער, דעם קאָנצער־

טיסט פון דעם בעל תפלה; מען דאַרף אויך מאַכען אַ מחיצה צווישען פאָלקס ליד און שוהל געזאַנג. עס טאָר ניט זיין קיין ערובי תחומין דורך וועלכעס די עבודת הקדש ווערט אַזוי שענדליך פאַר־שוועכט.

אויב דער חזן וויל געווינען דעם רעספּעקט פון די מאַסען, דאַרף ער פריהער פאַר אַלץ זיך אַליין רעספּעקטירען. ער דאַרף ווי־סען אַז ער איז דער רעפּרעזענטאַנט פון דער עבודת הקודש און ניט פון דאָס וואַכעדיגע טעאַטראַלע.

מען האָט אויך געמעגט זיין אַביסעל מעהר פאָרזיכטיג אין באַצוג צו די חזנ'ישע כאָהרען. אויך אין דעם פּרט האָט ניט גע־טאָרט הערשען אַזא הפקרות אַז פון „פּרעס אייזען" זאָל מען לויפען צום עמוד און פון עמוד צום פּרעס אייזען. דאָס איז איינע פון די עקעל־האַפטסטע איבלען וואָס מוז אויסגעראָטען ווערען.

לעצטענס האָבען מיר גראָדע אליין בייגעוואוינט די פאָלגענדע העסליכע סצענע. עס האָט זיך געהאַנדעלט וועגען אַנגאַזשירען אַ חזן מיט זיין כאָהר צו דאַווענען שבועות אין אַ געוויסער נויאָרקער גרויסער שוהל. אין אַ באַשטימטען אָוונט איז דער חזן געקומען צוזאַמען מיט זיינע זינגערס אין דער באַטרעפענדער שוהל וואו זיי האָבען צוזאַמען געזונגען עטליכע „זאַכען" און האָבען גאַנץ פיין „אויסגענומען". ביים פאַרשטענדיגען זיך האָט דער חזן, אלס עהר־ליכער מאַן, ערקלעהרט די שוהל פיהרער אַז היות ווי שבועות איז היינטיגעם יאָהר (תש"א) אויסגעפאַלען זונטאָג און מאָנטאָג און דער ערשטער מעריב, שבת-צו-נאַכט, וויל ער זיי ניט נאַרען און זאָגט זיי פאָראויס אַז איינער פון זיינע זינגערס, און טאַקע פון די חשוב'סטע, וועט צום ערשטען מעריב קענען זיין אין שוהל ווייל אין זיין טרייד איז שבת אָוונט די גרעסטע „ביזי".

גראָדע זיינען די פיהרער פון יענער שוהל געווען פיינע אידען און אַז זיי האָבען דאָס דערהערט האָבען זיי גלייך משלח געווען דעם חזן מיט זיינע משוררים. ליידער אָבער איז עס אַ גאַנץ געוועהנליכע זאַך אַז די כאָריסטען זאָלען זיין מחללי שבת בפרהסיא און גלייך נאָך

אַ שבת׳דיגען דאַוונען זאָל מען שנעל "כאַפּען" די סאָבווײ און לױ־פען אין שאָפּ אַרײן.

די ירידה פון חזנות אין אמעריקא איז אָבער ניט בלויז אַ גײסטיגע, נור אויך אַ מאַטעריעלע. די שוהלען האָבען אין די לעצטע יאָהרען אויפגעהערט צו מאַכען פון דאָס חזנות אַזאַ געברויך ווי אַמאָל אין די פריהעריגע יאָהרען; קלאָגען זיך טאַקע די חזנים אויף זײער מערכה און זײנען שטאַרק באַזאָרגט וועגען דעם.

דענקען מיר אָבער אַז ס׳איז הא בהא תליא. די עקאָנאָמישע ירידה איז אַ רעזולטאַט פון דער גײסטיגער ירידה. אויב חזנות האָט אויפגעהערט צו געבען דעם עולם דאָס וואָס עס דאַרף און זאָל איהם געגעבען ווערען; אויב דאָס חזנות איז געוואָרען אַ רײן מוזיקאַלישע פּראָפּעסיע און האָט אין גאַנצען אָפּגעגויגט פון טראָפּ, ס׳האָט אויפגעהערט צו זײן דער אויסדרוק פון דער עבודה שבלב, עס געהט ניט אַרויס פון האַרץ נור פון האַלז, קען דאָס שוין מעהר ניט זײן יענע צוציהונגס קראַפט וואָס איז געווען אַמאָל; עס קען ניט אַרײנדרינגען אין האַרץ אויב עס געהט ניט אַרויס פון האַרץ. סתם צו געפינען מוזיקאַלישע באַפרידיגונג, איז גראַדע ניט נויטיג דערצו די שוהל. דאָס קען מען אויך געפינען אין אַנדערע פּלעצער. אין שוהל זוכט דער איד עפּעס אַנדערש. אין שוהל זוכט ער נ ש מ ה באַפרידיגונג און ניט מ ו ז י ק א ל י ש ע; און אויב ער געפינט ניט וואָס ער וויל, שטעהט ער אַוועק פון שוהל. פּוסטעווען דעריבער די שוהלען און פון לײדיגע שוהלען ווערט אויך אַ לײדיגע קאַסע, איז פּשוט ניטאָ מיט וואָס אויפצוהאַלטען דעם חזן.

חזנים באַהױפּטען אַז שולדיג אין דער מאַטעריעלער ירידה פון חזנות אין אמעריקא איז אויך די קאָנקורענציע. דער עמוד איז געוואָרען, זאָגען זײ, צו הפקר׳דיג. יעדער אינגעל וואָס קען נור אָבי־סעל „קרעהען" כאַפּט זיך צום עמוד און ווערט אַ חזן.

איז עס טאַקע אמת; אָבער אין דעם גופא איז אויך שולדיג די גײסטיגע ירידה. וואָלט דאָס חזנות אַלײן ניט געוואָרען הפקר׳דיג וואָלטען ממילא ניט געקענט זײן קײן הפקר חזנים; בײ ניט קײן הפקר׳דיגען עמוד וואָלטען הפקר יונגען קײן פּלאַץ ניט געהאַט.

וואָס עס איז נויטיג בײם איצטיגען מצב צו דערהויבען צוריק

דאָס חזנות צו איהר געהעריגער הויך, איז, צוריק מחזיר עטרה ליושנה זיין. מען דארף דאָס חזנות צוריקגעבען איהר אידישע נשמה, וועט זי ווידער אויפשטעהן תחית המתים און צוריק לעבעדיג ווערען. א רעוויזיע דארף און זאָל געמאַכט ווערען אין חזנ׳ישען לאגער. עס איז אויך פאראַן דער נויטיגער כח וואָס זאָל די דאָזיגע רעוויזיע אונ־טערנעהמען. מיר מיינען דערמיט די „אגודת החזנים דארצות הברית וקנדה”. דער דאָזיגער חזנים פארבאנד קען ווירקליך אויפטאָן גאָר גרויסעס. ער איז אן אָרגאַניזירטער כח פון ערשטען ראנג און קען זיך גאנץ גרויס פארמעסטען. מיר ווייסען אויך אז צווישען די לייטענדע פיגורען אין דער אגודת החזנים זיינען פאראנען, אין אַ גאנץ חשוב׳ער צאָל, חזנים וואָס זיינען פון אלע שטאַנדפונקטען ראוי צו זייער באַרוף. זיי האָבען געדארפט נעהמען די דאָזיגע „שטרויכלונג” אין זייערע הענט. אויב זיי ווילען אז עס זאָל ניט זיין ביים עמוד „כל הרוצה ליטול את השם יבוא ויטול”, דארפען זיי פריהער זעהן דאָס זעלבע אַנצואווענדען ביי זיך אליין. זאָל די אגודת החזנים גופא ניט זיין קיין הפקר פּלאַץ אַזוי אַז דער וואָס קען נור שעהן זינגען זאָל שוין קענען אריינקומען אין איהר אלס חבר. זאָל מען בודק זיין דעם מיטגליד־קאנדידאט ניט נור אין זיין חזנ׳ישקייט נור אויך אין זיין אידישקייט; זאָל מען אונטערזוכען ביי איהם ניט נור זיין „קולו ערב” נור אויך זיין „פרקו נאה”.

יאָ, אזא מין רעוויזיע דארף געמאַכט ווערען. דאָס גאנצע מענשען מאַטעריאל אין חזנ׳ישען לאגער דארף איבערגעשמידט ווע־רען, וועט דאן דאָס חזנות גופא קריגען איהר תקון. די אגודת החזנים האָט ניט געטאָרט שלום מאכען מיט׳ן געדאנק אז אקטיאָרען זאָלען זיך קענען אַנשליסען אין איהר משפחה. זי מוז אויך פון דאָס ניי אוועקשטעלען מחיצות אויף אַפּצוטיילען די קאָנצערט ביהנע פון דער שוהל בימה, און אז אַ חזן זאָל אויסשליסליך געהערען נור צום עמוד. זאָל מען אויך איינפיהרען קורסען פאר תורה און אידישקייט און ניט בלויז פאַר פּירוש המלות; און אַזוי שנעל ווי חזנות וועט קריגען איהר עלית נ ש מ ה וועט שוין איהר ג ו ף אויך נתעלה ווערען. דער אידישער עולם וועט וויסען אז קיין חזן קען ער אין קיין אנדער אָרט ניט הערען אויסער ביים עמוד אין שוהל, און נור ביים

עמוד און ניט ביי קיין קאָנצערטען. די שוהל קאָנצערטען מוזען אומ־באַדינגט באַזייטיגט ווערען. דאָס ביסעלע הכנסה וואָס די דאָזיגע קאָנצערטען ברייגען אריין הרג׳עט אין גאַנצען אוועק די הכנסה וואָס דער עמוד האָט געקענט אריינברייגען; מען איז יוצא מיט׳ן קאָנצערט און צום דאווענען קומט מען שוין ניט. דער דאָזיגער צמצום וועט בריינגען רחבות און דער קרן החזנות וועט ווידער דער־הויבען ווערען.

ס׳איז כדאי אַז די אגודת החזנים זאָל דאָס ערנסט באַטראַכ־טען און האַנדלען אין דער דאָזיגער ריכטונג. דער שליסעל צו דער אַנגעוועהטאָגטע חזנות פּראָבלעמע ליגט אין איהרע אייגענע הענט און עס איז גאָר קיין צווייפעל ניט אז אזא חשוב׳ע אגודה איז ווירקליך אימשטאַנד צו ענדערען ראדיקאל די גאנצע לאגע.

דאָס וואָס די „אגודת הרבנים״ מיינט פאר דעם מצב פון רבנות אין אמעריקא, דאָס קען מיינען די „אגודת החזנים״ פאר דעם מצב החזנות.

מב

הייליגע פרנסות

(דריטער קאפיטעל פון דער סעריע: „אַמעריקאַנער כלי קודש״)

שמשות אין אמעריקאַ

שמשות אין אַמעריקאַ איז אַ פּרנסה ווי אַלע אַנדערע פּרנסות. אין דעם אונטערשיידעט זיך לגמרי אמעריקאַ פון דער אַל־טער היים. דאָרטען איז די שמשות ניט פאררעכענט געוואָרען פאר אַ פּרנסה פון וועלכע מען האָט געקענט ציהען חיונה. פון שמשות האָט מען אין דער אלטער היים ניט געקענט „מאכען קיין לעבען״. אפילו אַן אָרעמען לעבען אויך ניט, סיידען אפשר אין די גאָר גרויסע שוהלען אין די גרויסע שטעט וואו עס האָט זיך שוין געפיהרט מעשה אינסטיטוציע מיט מיטגליד שטייערען, פארקויפען „שטעט״ אין שוהל, און נאָך כדומה אזעלכע הכנסות פון וועלכע די שוהל האָט גע־צויגען איהר יניקה אויף אַ פּערמאַנענטען אופן. אלע אנדערע שוהלען האָבען אזעלכעס ניט געהאַט, און זייער גאנצער קיום איז אָפּהענגיג געוועזן פון צופעליגע הכנסות פון נדרים ונדבות וואָס קיין מאַיאָנ־טיקעס האָט מען דערפון ניט געקענט מאכען; און אז עס איז קיין הכנסה ניט געוועזן איז שוין קיין הוצאה אויך ניט געוועזן. מעהרסטע שוהלען אָדער שוהל׳כלאך זיינען געוועזן געבויט און אוועקגעשיינקט פון בארופענע גבירים אזוי אז קיין „מאָרטגיידזש״ פּראָבלעם איז דאָרט ניט געוועזן. נר למאור, בוימעל און ליכט, איז געוועזן לרוב. דאָס האָבען אידענעס געטראָגען בשפע פון אלע זייטען. איבערפאר־בען די שוהל האָט מען אויך ניט געדארפט, יענע ווענט האָבען דאָס ניט געפאָדערט; די שווארצע פאדזשע וואָס די ברענענדיגע בוימעל לאָמפּען און ליכט האָבען פּראָדוצירט האָבען זיך אליין פּריווויליג געצויגען צו די ווענט און צום דאך און האָבען זיך דאָרט בכבוד׳יג

באַזעצט אָהן די הילף פון באַצאָלטע פּאַרבערס און קאַלכערס...
וואָשען די פּאָדלאָגע איז געווען בלויז אַ יום־טוב׳דיגער לוקסוס, אַ גאַנץ
יאָהר האָט מען זיך געקענט באַגעהן אָהן דעם.

מיט אזא מין חשבון האָט די הוצאה מיט די הכנסה אלעמאָל
באַלאַנסירט, איינס איז ניט געווען גרעסער פאַר דאָס צווייטע, האָט
מען ממילא פון קיין דעפּעציטען ניט געוואוסט און מען האָט קיינ־
מאָל ניט גענדאַרפט מאַכען קיין „קאַמפּיינס” און „דרייוווס” אַז די שוהל
זאָל זיך ניט דאַרפען צו שליסען.

האָט מען זיך בדיעבד דעריבער אין גאַנצען געקענט באַגעהן
אָהן אַ שמש. לכתחילה אָבער האָט מען יאָ צוגענומען אַ שמש, אָבער
זעהר ווייניג ארבייט האָט ער געהאַט. קיין טלית מיט קיין סדור
האָט ער זיינע בעלי בתים ניט גענדאַרפט דערלאַנגען; יעדער היי־
מישער באַלעבאָס האָט געהאַט זיין אייגענעם טלית און זיין אייגענעם
סדור. וואָשען די פּאָדלאָגע, איז דאָך ניט אַלע טאָג יום טוב . . .
אַרויסשיקען אַ פּאָסטעל קאַרד צו דערמאָנען ר׳ יהושע, ר׳ אריה
מרדכי׳ס אַז ער וועט האָבען יאָהרצייט בכך וכך לחודש פעברואַר,
האָט ער אויך ניט גענדאַרפט; ר׳ יהושע האָט שוין אַליין געפיהרט
זיין יאָהרצייט לוח. אָנפיהרען די „קדיש קאַפּעליע” מיט די אבלים
און יתומים האָט ער אויך ניט גענדאַרפט, ווייל יענע האָבען אַליין
געקענט באַשטעהן זייער שטעטעל. קיין יאַרמולקעס ביים שוהל טיר
האָט ער יענע יתומים אויך ניט גענדאַרפט צוטראָגען . . . צו „קאָלעק־
טען דיוס”, איז דאָך ניט געווען פון וועמען. איז ממילא דעם שמש׳ס
אַרבייט באַשטאַנען בלויז אין געציילטע קלייניגקייטען ווי: אָנצינדען
די ליכט; אויפשטעלען אַ יאָהרצייט; קלאַפּען אין בימה פאַר
„יעלה ויבא” און „טל ומטר”; אויפשליסען און צושליסען די שוהל
און — אונז איז זיך שווערליך צו דערמאָנען פון נאָך וועלכע עס איז
וויכטיגע „דיוטיס” — אפשר ווייסט איהר, חשוב׳ער לעזער?!

על כל פנים, אָט פאַר די אלע „שווערע” מלאכות האָט זיך
ניט געלוינט אויפצונעהמען אַ שמש כהלכה אזוי אַז די שוהל זאָל
איהם באַזאָרגען מיט חיונה. האָבען זיך דעריבער אין דער אלטער
היים גענומען צו שמשות ענטוועדער אזעלכע וואָס האָבען מעהר
ניט באַדאַרפט ווי אויף וואַסער צו די קאַשע ווערענד אויף ברויט

מיט בולבעס האָבן זיי געהאַט פון אנדערע קוועלן, אָדער גאָר אזעלכע פעהיגע וואָס די שוהל שמשות האָט זיי נור גדארפט געבן דעם „נאָמען", דאָס איבעריגע האָבן זיי שוין געטאָן אין אַ וועג פון אַ מין „העלפּ יור סעלף" על פּי נוסח אייראָפּא. זיינען טאַקע געווען פעהיגע שמשים וואָס וואָלטען נאָך אפשר צוגעצאָלט דער שוהל פאַר געבן זיי די פּריווילעגיע צו זיין איהרע משמשים בקודש און דורכ־דעם זיך שאַפען אַ שעהנעם מעמד.

אזוי צום ביישפּיל איז דער שוהל שמש אויך געווען אַ שמש אויף חתונות ועמעס ארבייט איז באַשטאַנען אין: פאַנאנדערטראָ־גען די חתונה בילעטען; זיין דער הויפּט סאַרוועער אויף דער חופּה וועטשערע; אויסרופען „דרשה געשאנק" און אמאָל טאַקע אויך דינען אלס שטיקעל בדחן פרעהליך צו מאַכען חתן־כלה, מחותנים און דעם גאנצען עולם. אָט דאָס, זעהט איהר, האָט זיך שוין גראדע ניש'קשה'־דיג באַצאָלט; און וואָס מעהר דער שמש האָט זיך אויסגעטויגט, איבערהויפּט ביים אויסטיילען די שעהנע אידען דעם געהעריגען כבוד וועגן ער האָט אויסגערופען זייערע דרשה געשאַנקען, אָדער ווען ער האָט זיי אויפגערופען צום „כשר טאַנץ", אַלץ בעסער איז עס פאַר איהם געווען. איין חתונה פלעגט שוין ברייגנען אַ צווייטע, אַ דריטע א. א. וו.

דער שוהל שמש איז אויך געווען איינער פון די שמשים ביי דער חברה קדישא, און מעהרערע מאָהל האָט די דאָזיגע ט ו י ט ע ביזנעס געגעבען אויף אַ שעהנעם ל ע ב ע ן. מען האָט זיך נור גע־דארפט אויסטויגען צום עסק.

דער שוהל שמש פלעגט אויך אין די נאַכט פון „כפּרות" באַ־גלייטען דעם שוחט מיט זיין גרויסע לאַמטערנע צו די נגיד'ישע הייזער און האָט דערפון אויך אָפּגעלעקט אַ ביינדיל.

.היינט טאַקע די „סייד ליין" וואָס איז געווען פארבונדען מיט דער שוהל גופא ווי למשל: דאָס „וועקען צו סליחות"; אויסבינדען הושענה'ס פאַר די בעלי בתים; שלאָגען „מלקות" ערב יום כפּור צו מנחה און נאָך אזעלכע און עהנליכע פונקציעס פון וואָס א פע־היגער שמש האָט זיך גאָר ניט גענאַרט...

די שוהל שמשות אין דער אלטער היים איז דעריבער פאַר זיך

אַליין קיין פּראָבלעמע ניט געווען, ניט פאַר דער שוהל און ניט פאַר דעם שמש. דער שליסעל פון שוהל האָט געדינט דעם שמש פאַר אַ שליסעל צו עפענען אנדערע טירען פון שפע...

דאָ אין אמעריקא איז שוין אָבער די שמשות אַ גאַנץ אנדער זאַך. דאָ איז, ווי געזאָגט, שמשות אַ פּרנסה ווי אלע אנדערע פּרנסות, ניט מעהר וואָס זי געהט אַריין אין דער קאַטעגאָריע פון די „כלי קדש" און פאַרמאָגט דעריבער אלע חסרונות פון די דאָזיגע „הייליגע" פּרנסות.

דאָ קען זיך שוין קיין שוהל ניט באַגעהן אָהן אַ שמש. אַ שמש איז נאָך געוויסערנמאסען נויטיגער ווי די אנדערע כלי קדש. מען קען זיך אפשר באַגעהן אָהן אַ רב, אָהן אַ חזן אָבער ניט אָהן אַ שמש. דאָס איז אַ „מוז" זאַך; נעהמט אוועק דעם שמש און די שוהל ווערט אוים-שוהל.

לאָמיר געהן כסדר:

קדיש און יאָהרצייט: אָט די צוויי זאַכען זיינען פון די הויפּט „אסעטס" אויף וואָס די שוהל האלט זיך אויף. ווען ניט די קדיש זאָגערס און די יאָהרצייטען וואָלט רעכט געווען אז אין שוהל זאָל קיין „מנין" ניט זיין. קוקט זיך צו גוט, וועט איהר זעהן אז די מחנה קדיש זאָגערס שטעלען צוזאמען מעהר ווי נייינציג פּראָצענט פון די מתפּללים; און דער שמש דאַרף עס זיין אזוי צו זאָגען דער „כאָהר דיריגענט" אָנצופיהרען מיט דעם „קדיש כאָהר" און זעהן אז עס זאָל זיין אַ פולשטענדיגע הארמאָניע; מען זאָל חלילה ניט אריינפאָהרען מיט'ן „בעגלא" אין דעם „בחייכון" און עס זאָלען זיך ניט פאַרפּלאָנטערען דער „יהא שמיה רבא" מיט דעם „יהא שלמא רבא". מיט'ן שמש, געהט עס שוין אַ גאַנג; ער זאָגט פאַראויס און דער כאָהר אבלים נאָך איהם און ס'איז אלץ כשורה. זאָל מען אָבער איבערלאָזען דעם קדיש טעקסט צו די אבלים אליין, שטעלט מען פּשוט דעם קדיש אין גרוים סכנה. זיי, די אבלים, קענען נאָך דעם קדיש אזוי אוועק'הרג'ענען אז מען זאָל שוין נאָכ'ן קדיש אליין דאַרפען זאָגען קדיש...

וואָס אָנבאַלאַנגט די יאָהרצייטען, דאַרף שוין דער שמש אויך פיהרען אַ גאַנצע בוכהאַלטעריע און טאָקע אַ טאָפּעלע בוכהאַלטעריע,

אַ גוי׳אישע און אַ אידישע, עס הייסט, לויט דעם גוי׳אישען און, להבדיל, דעם אידישען חודש; און מיט אַ גאַנצע וואָך פריהער, פאַר׳ן יאָהרצייט, דאַרף ער ארויסשיקען „נאָטים״ צום בעל יאָהרצייט און איהם „סאָמענסען״ אין שוהל אריין פאר דעם און דעם טאָג. נו, דאָס פארשטעהט זיך, איז שוין אַ גאנצע שטיק ארבייט.

יאַרמולקעס, טליתים און סדורים: אויך דאָס איז אַ מין זאַך וואָס דער אלטער היימישער שמש האָט דערפון קיין אָהנונג ניט געהאט. אין אמעריקא איז אַ מנהג אזוא אז דער אינגע־רער דור טראָגט ניט קיין היטלען אויף די קעפּ, אפילו ניט אין גאַס. אוים געוואוינהייט קומט שוין דער יונגערמאַן אין שוהל אויך אָהן אַ היטעל. די שוהל דאַרף דעריבער האַלטען אין „סטאָק״ גאנצע „דאָ־זענס״ מיט יארמולקעס און דער שמש דאַרף שטענדיג האלטען די אויגען געווענדעט צו דער טיר אז אזוי שנעל ווי עס באַווייזט זיך דאַרטען אַ קדיש־נפש זאָל ער איהם גלייך צוטראָגען אַ יארמולקע כדי ער זאָל קענען אריינקומען אין שוהל...

מעהרסטע פון די אידען, אפילו די עלטערע, קומען שבת אין שוהל אָהן טליתים, ניט חלילה דערפאר וואָס זיי טראָגען ניט אום שבת, נור פשוט ווייל מען שעהמט זיך צו טראָגען אַ טלית זעקעל אונטער׳ן אָרעם, דאַרף דעריבער די שוהל אויך האלטען אַ „סטאָק״ פון טליתים און אזוי שנעל ווי דער חשוב׳ער באַלעבאָס טרעט איבער די שוועל פון שוהל דאַרף עס איהם דער שמש צוטראָגען דעם טלית און אגב שוין אויך אַ סידור און אַ חומש. האַלט דאָס דאָזיגע דעם שמש אויך היבש „ביזי״.

דער עמוד און די בימה: מעהרסטע שמשים דארפען אויך ערפילען די פונקציעס פון בעלי תפלה און בעלי קריאה. דער שמש דאַרף זיין דער אַ גאַנץ יאָריגער בעל תפלה און אויך דער בעל קורא. איז מען נאַטירליך דערמיט אויך פארנומען, איבערהויפט מיט די קריאה וואָס מען דאַרף פריהער איבערקוקען.

צוזאמען מיט דער „קריאה״ קומט אויך דער „מי שברך״ וואָס דאָ אין אונזערע אַמעריקאַנער שוהלען איז עס גאָר פון די חשוב׳ע „פיטשורס״. דאָ איז מען ניט יוצא מיט איין איינציגען מי שברך. דער „עולה״ קריגט דאָ אַ גאנצע „סעריע״ מי שברך׳ס וואָס געהען אומ־

געפער אין פאָלגענדער רייהע: 1) דער געוועהנליכער מי שברך; 2) א מי שברך פאר׳ן פרעזידענט, וויים פרעזידענט, טרעזשורער, גבאים און די אַנדערע פון די סאַמע שוהל „סמעטענע״; 3) א מי שברך ווייב און קינדער; און יעדען פון זיי, פארשטעהט זיך, אויס־גערעכענט מיט די נעמען; און אויב ס׳איז נאָך פאראן איידעמס און שניר, טאָר מען דאָך זיי אויך ניט אויסלאָזען פון צעטעל, אייניקלאך אודאי און אודאי ניט; און דאָס אלץ איז דעם שמש ארבייט. עס איז אָבער אן ארבייט וואָס באַצאָלט זיך ניט שלעכט, ווי מיר וועלען עס שפּעטער זעהן.

בר מצות, חתנים און אַנדערע שמחות: אַזעלכע זאַ־כען ווערען „געבוקט״ אין שוהל מיט לאַנגע חדשים אין פאָראוים. מעהרסטענס ליגט דאָס אַננעהמען פון א שמחה אויך אין די הענט פון דעם שמש. ער דארף עס זעהן דורכקומען מיט׳ן בעל שמחה וועגען פרייז און מאַכען מיט איהם אלע אנדערע אראנדזשמענטס אין פארבינדונג דערמיט. און דאן, ווען דער שבת פון דער באַטרעפענדער שמחה דערנעהנטערט זיך שוין, דארף דער שמש אריבערגעהן צום בעל שמחה און אויסמאַכען מיט איהם די ליסט מיט די נעמען פון אלע משפחה מיטגלידער: די זיידעס מיט די באָבעס; די פעטערס מיט די מוהמעס; די ברידער מיט די שוועסטער; די שוואָגערס מיט די שוועגערינס; די קאַזינס מיט די קאַזינעס און אויך די נעמען פון סתם אזוי גוטע פריינד און פריינדינעס, אלע די וועמען דער שמש וועט עס דארפען מאַכען מי שברך׳ס יענעם שבת פון דער שמחה.

דער ימים נוראים סעזאָן: אמעריקא האָט פאר יעדער זאך א באזונדער סעזאָן. דער „שוהל סעזאָן״ זיינען עס די ימים הנוראים. דער סאַמע עקזיסטענץ פון דער גרעסטער טייל פון די אַמעריקאַנער שוהלען איז באַזירט אויף דעם דאָזיגען סעזאָן. אין די דריי טעג פון ראש השנה און יום כפור קומען אלע אידען אין שוהל, אפילו אויך די וואָס א גאַנץ יאָהר טרעטען זיי ניט איבער די שוועל פון שוהל. עס פארשטעהט זיך אז אין די דאָזיגע טעג קען מען אין שוהל ניט אריינקומען אויב מען באַזאָרגט זיך ניט פריהער מיט אַ שוהל־טיקעט. די דאָזיגע טיקעטס זיינען נאַטירליך ניט אלע פון איין פרייז; פאַראַן גאָר הויך געפרייזטע, מיטעלמעסיגע און גאָר ביליגע,

עס ווענדט זיך וואָס פאר א „סיט" עס איז, אויבענאָן אין מזרח וואנט; אין שפיגעל וואנט; אין צענטער; לעבען אַ פענסטער, אויף די זייטיגע ביינק אָדער גאָר אונטען ביים טיר. די טיקעטס פון די פיר אָדער פינף ערליי פרייזען טראָגען נאַטירליך אויך פיר אָדער פינף ערליי קאָלירען כדי זיי ניט פארטוישען. דארף מען די טיקעטס געבען דרוקען, דערנאָך דארף מען זיי סאָרטירען; מען דארף אויך מאַכען דעם „טשארט" (דער געצייכענטער פלאן פון די סיטס), דאָס איז אלץ דעם שמש ארבייט; שוין ניט ריידענדיג וועגען דעם סיט פארקויף גופא וואָס כאָטש דארויף איז אויך פאראַן אַ ספעציעלע „סיט קאָמיטע", איז אָבער דעם שמש מיטארבייטערשאַפט מיט דער דאָזיגער קאָמיטע אַן אומבאדינגטע נויטיגקייט, דען דער שמש ווייסט דאָך מעהר ווי די קאָמיטע אין די דאָזיגע ענינים און אהן איהם קען מען זיך ניט באַגעהן. אגב דארף דאָך יעדער סיט פארשריבען ווערען ווער עס האָט פאַר איהם באַצאָלט און דאָס, געוועהנליך פאַלט אויך אויפ'ן שמש.

מ י ט י נ ג ע ן: יעדער שוהל אין אמעריקאַ האַלט אָפּ דורכ'ן יאָהר עטליכע צעהנדליג מיטינגען (אסיפות). כמעט צוויי מאָל אַ מאָנאָט ווערט אָפּגעהאַלטען אַ „רעגולאר" שוהל מיטינג פון די מעמבערס; אויסער די „ספעציעלע" מיטינגען און אויסער די „באָרד" מיטינגען. הייגט די מיטינגען פון דער „ליידיעס אָקזילערי" און די „סיסטערהודס". אין מאַנכע שוהלען אויך די מיטינגען פון די „יאָנגפאָוקס קלאָבס", און דער שמש, פארשטעהט זיך, מוז זיך געפינען אין שוהל ביי אלע מיטינגען כדי ער זאָל „זיין צום האנט" ווען באַדערפיג.

פון בינדען הושענה'ס איז דאָך אָפּגערעדט. דאָס האָט דאָך דער אַמאָליגער היימישער שמש אויך געדארפט טאָן.

די איינציגע זאכען פון וועלכע דער אמעריקאַנער שמש איז יאָ פּטור, זיינען: דאָס וועקען צו סליחות און דעם שלאָגען מלקות ערב יום כפור. די דאָזיגע מנהגים זיינען אין אמעריקא „ארויס פון סטייל"... זיינען אָבער דאָ צוויי אנדערע זאכען אלס אַן ערזאַץ. דאָס זיינען: באַזאָרגען די בעלי בתים מיט חנוכה ליכט, און ארומטראָגען דעם אתרוג מיט'ן לולב אין די סוכות טעג צו די חשוב'ע באַלעבאָסטעס און בענטשען מיט זיי אתרוג.

אַט די אלע ארבייטען האַלטען דעם אמעריקאַנער שוהל שמש צוגעשמידט דעם גאַנצען יאָהר צו זיין „דזשאָב", און מיט קיין אַנ־דערע פרנסות קען ער זיך שוין ניט אָפּגעבען. אונטער אַזעלכע אומ־שטענדען מוז ער שוין פאָלגליך ציהען זיין גאַנצע חיונה פון די שמשות.

וואָס זשע איז אַלזאָ די מאַטעריעלע באַלוינונג פאַר אמעריקאַ־נער שמשות, און פון וואָס פאַר אַ קוועלען קומט די דאָזיגע באַלוי־נונג ?

און דאָ קומען ארויף אויף דער פלעכע די ליכטיגע און שאָ־טענדיגע זייטען פון דער דאָזיגער פרנסה.

די וועכענטליכע געהאַלט פון דעם שמש איז אין די מערהסטע שוהלען זעהר אַ קליינע. דער דורכשניטליכער געהאַלט באַשטעהט בערך פון אַ פופציג דאָלאַר א מאָנאַט, אָדער ארום צוועלף און אַ האלב דאָלאַר א וואָך. דער עיקר איז דאָ דער זייטיגער אינקאָם: פינף פראָצענט פון קאָלעקשאָן; יאָהרצייט געלט; שנדר׳ס פון דער בימה; הכנסה פון בר־מצוות, חופות און אנדערע שמחות; הכנסה פון חנוכה ליכט, פון הושענה׳ס, פון אתרוג בענטשען; מגילה געלט; אַ געוויסע באַלוינונג פון די מיטינגען. אמאָל פאַלט אויך צו אַ זיי־טיגער דאָלאַר פון קדיש זאָגען נאָך אַ קינדערלאָזען. אין אַ סך פעלע איז דער חודש אלול, איבערהויפט די וואָך פון סליחות, אויך אַ באַ־דייטענדער הכנסה קוואל פאַר׳ן שמש. עס ווערט איהם איבערגעגע־בען אין מאָניפּאָל די שוהל „סעמעטערי" וואו דער שמש געפינט זיך אין די מערהסטע טעג פון יענעם מאָנאַט ווען אַ גרויסע צאָל באַזו־כער קומען אויף קברי אבות, און דער שמש מאַכט פאַר זיי די „מלא׳ס" פאַר די פאַרשטאָרבענע, און באַקומט אַ געוויסע באַלוינונג פאַר יע־דער „מלא". פעהיגע שמשים מאַכען דערפון אַ „גאַנצען פארמע־גענס"...

זיינען פון איין זייט די דאָזיגע הכנסות באמת אַ גוטער יסוד פאַר דעם שמש חיונה, און אַ גאַר גרויסער טייל פון די שמשים האָבען זיך גאַנץ פיין פרנסה. פון צווייטען זייט אָבער איז די דאָזיגע שטי־קעל ברויט אַ „נהמא דכסופא" און קומט אָן ניט בלויז מיט מיה און שוויס נור אויך מיט פיעל גייסטיגע יסורים. דער שמש האָט אויף

זיך פאר א „באָס" ניט נור דעם פּרעזידענט נור אויך יעדען איינ־פאַכען מעמבער אָדער אפילו סתם שוהל דאוונער און דער שמש דארף פאר יעדערען פון זיי ארונטערציהען די היטעל און זיין א עבד נכנע צו אלעמען. ער דארף אויסשטעהן יעדער איינעמס קאַפּריזען און מוז אונטערדריקען זיינע אייגענע געפיהלען און מבטל זיין זיין אייגענעם „איך" כדי חלילה ניט אָנצוטרעטען אויפ'ן „היהנער אויג" פון וועמען עס איז פון זיינע בעלי בתים, און דאמיט זיך איינקויפען א שונא וואָס וועט שוין האלטען אין איין אונטערגראָבען אויף איהם און שטעלען זיין שטיקעל ברויט אין סכנה.

די פּסיכאָלאָגישע באַציהונג פון דעם אמעריקאנער דורכשניט־ליכען שוהל איד צום שמש, איז, מילד גערעדט, גאָר ניט קיין לוי־בענסווערדיגע. דער געוועהנליכער שוהל איד באַטראכט יעדען דאָ־לאר פון דעם שמש הכנסה, פאר א מין געשענקטע נדבה וואָס עס ווערט איהם צוגעוואָרפען אלס רחמנות. זיין שווערע מיה און שוויי־סיגע ארבייט ווערט כלל ניט גענומען אין אָנבאַטראכט; און קוים פיהלט דער איד אז זיין דאָלאר וואָס ער גיט דעם שמש איז ניט אב־ליגאַטאָריש נור א „שנדר" זאך, הייסט דאך עס שוין געשענקט דעם שמש א נדבה, קוקט ער שוין דעריבער אויף איהם ווי אויף עפּעס א שנאָרער, א בעטלער א. ד. ג. און פארלירט שוין פאר איהם דעם גאנ־צען רעספּעקט. אָנפאלען אויפ'ן שמש און איהם באַליידיגען פאר יעדער מינדעסטער קלייניגקייט, איז שוין ביי איהם אויך נור א קליי־ניגקייט. דער שמש ווערט שוין דער שעיר לעזאזל און וואָס עס זאָל ניט געשעהן אין שוהל איז ער, דער שמש, דאָס כפרה הינדעל.

אז אזא פּסיכאָלאָגיע הערשט צווישען די מעהרסטע אמערי־קאַנער אידען קען מען זעהן אפילו פון אנדערע מעהר אינטעליגענ־טערע פּרנסות. נעהמט צום ביישפּיל דעם אידישען לעהרער אין תלמוד תורה אָדער ישיבה, זיינען זייער ווינציג דירעקטאָרען פּארא נען וואָס קוקען אויף איהם אַנדערש ווי אויף א שנאָרער און וואָס זאָלען באַטראכטען זיין מאַגערען לוין ניט ווי קיין צדקה געלט.

עס נעהמט זיך נאטירליך דערפון וואָס דער אנשטאַלט אן און פאר זיך ווערט דאך באמת אויסגעהאלטען פון צדקה. נו, מיינען די דאָזיגע קליינע מענשעלאך אז אויב דער לעהרער ווערט געצאָלט פון

די דאָזיגע צדקה געלטער, הייסט עס שוין ממילא אז מען גיט דעם לעהרער אויך צדקה.

וואָלטען די דאָזיגע עוסקים בצרכי צבור ניט געווען אזוי שמאָל־קעפּיג און וואָלטען געהאַט עטוואָס ברייטערע השגות, וואָלטען זיי דאַן פאַרשטאַנען אַז פונקט ווי דער „מארטגיידזשירער" למשל וואָס קריגט פון די זעלבע צדקה געלטער דעם אינטערעס פאַר זיין מאָרט־גיידזש, און פונקט ווי די „עדיסאָן" און „טעלעפאָן" קאָמפּאַניס, דער אָפיס מענעדזשער, דער דרוקער, דער דזשעניטאָר א. א. וו. ווערען „בילס" און געהאַלט ווערען דאָך אויך באַצאָלט פון די זעלבע צדקה געלטער — פונקט ווי אויף זיי, וועט קיינעם ניט איינפאַלען צו זאָגען אַז מ׳גיט זיי אַ נדבה, דאָס זעלבע איז דאָך, פאַרשטעהט זיך, אויך מיט׳ן לעהרער וועלכער ארבייט שווער און ביטער פאַר זיין שטיקעל ברויט. ניט נור נעהמט ניט דער לעהרער קיין צדקה, נור אַז מען וויל ריכטיג באַטראַכטען, ג י ט ער גאָר דעם אנשטאַלט צדקה, און אפשר ניט וויייניגער פאַר יעדערען פון דעם אנשטאַלטס דירעקטאָרען.

דען הכל מודים אז דער אידישער לעהרער אונטער די בעסטע אומשטענדען באַקומט ניט דעם געהאלט וואָס ער וואָלט געווען באַ־דאַרפט באַקומען לויט דעם סטאַטוס פון די אַנדערע לעהרער אין די שטאַטישע סקולס. על פי רוב איז דעם העברעאישען לעהרערס גע־האַלט איינפאַך אַ הונגער לוין; די ארבייט זיינע טהוט ער דאָך בשלמות; איז דאָך דער טהייל געהאַלט וואָס ער איז באַרעכטיגט דערצו און קריגט עס נ י ט, פשוט אַ נ ד ב ה פון זיין זייט צום אנ־שטאַלט, אַ פערמאַנענטע וועכענטליכע נדבה וואָס טרעפט אָן אפשר צעהן מ אָ ל אזוי פיעל ווי דעם דורכשניטליכען דירעקטאָרס יעהרלי־כע ביישטייערונג.

אויב יאָ צדקה נעהמער, זיינען עס דוקא די טאַטעס פון די קינדער, צווישען זיי אויך גאַנץ פאַרמעגליכע געשעפטסלייט. זיי זיי־נען עס די וואָס געניסען פון דעם אנשטאַלטס צדקה. דען נעהמט למשל אַ ישיבה קטנה וואָס מען רופט „פּאַראָקיאַל סקול". לויט׳ן בו־דזשעט קאָסט אָפּ דעם אנשטאַלט ארום אכטצעהן אָדער צוואַנציג דאָלאר מאָנאַטליך יעדער שילער. דאַן געפינען זיך ארום צוואַנציג פּראָצענט פון די תלמידים אין יעדען אנשטאַלט פון דיזען סאָרט וואָס

זיינען אָרעם און צאָלען לגמרי קיין שכר למוד ניט. צווישען די וואָס צאָלען יאָ וועט איהר אפשר געפינען ביי צ ע ה ן א י י נ צ י ג ע בעלי בתים וואָס צאָלען די פולע אכטצעהן אָדער צוואנציג דאָלאר מאָנאַטליך. די איבעריגע, און צווישען זיי, ווי געזאָגט, אויך גאַנץ פארמעגליכע צאָלען אזוי ווענינ ווי אכט דאָלאר, צעהן און צוועלף, מאַנכע דאָס אויך ניט, אזוי אז כמעט ניין און ניינציג פּראָצענט פון די קינדער געניסען דירעקט פון צדקה; און דאָך וועט קיינעם פון די דאָזיגע בעלי בתים גאָר ניט איינפאַלען אז ער נעהמט צדקה, און אויפ'ן לעהרער פון זיין קינד קוקט ער יאָ ווי אויף איינעם וואָס לעבט פון צדקה...

אָבער ווער געהט זיך עם אריינטראכטען אין אזעלכע זאכען? וועמען ליגט עס אין דער „לינקער פאה" צו מאַכען א פארגלייך פון דעם לעהרערס טשעק און די טשעקס פאר געז און עלעקטריק, פאר „פרינטינג" און אָפּים אָנגעשטעלטע; און וועמען קען עס גאָר איינ־פאלען אזא מאָדנע „משוגעת" אז דער לעהרער איז שוין גאָר מיט־אמאָל געוואָרען אָ פילאנטראָפּ וואָס ג י ט גאָר דעם אנשטאָלט צדקה אנשטאָט צו נ ע ה מ ע ן?... געננג דער פאקט אז דער אנשטאָלט עקזיסטירט אויף צדקה אינקאם און דער לעהרער עקזיסטירט אויף דעם אנשטאָלטס אינקאם, איז עס שוין דוכט זיך גאָר פשוט אז דער לעהרער לעבט פון צדקה — דוכט זיך אָ „פשוט'ער" חשבון אָהן דריידלאך...

און אויב דאָס איז דער פאַל מיט אזעלכע אינטעליגענטע פרנסות ווי לעהרעריי, איז דאָך שוין ממילא א קל וחומר אויפ'ן שמש: מה דאָך דער לעהרער וואָס קריגט ניט זיין געהאָלט דירעקט פון דעם „שנדר" ווערט ער פונדעסטוועגען אלס אזעלכער באַטראכט, אָ פשיטא שוין דער שמש וואָס געניסט דירעקט פון דעם „בעבור שנדר בעד השמש"?!...

איז די שמשות אין בעסטען פאל, ווי געזאָגט, א נהמא דכסופא און אסור אויב ס'איז דאָ וואָס מקנא צו זיין אזעלכע פרנסות.

ס'איז אָבער דאָ נאָך אן איבעל אין פארבינדונג מיט די שמשות פאר וועלכעס די שוהלען וואָלטען מיט רעכט געדארפט געטאַדעלט

ווערען, און עס וואָלט שוין כ'לעבען געוועזען צייט דאָס דאָזיגע אויס־צוקאַסירען.

מיר מיינען דערמיט די „סעקיוריטי" מגפה וואָס באַשטעהט אין דעם וואָס אז א שמש דאַרף אָנקומען אויף אַ שטעלע, דאַרף ער געבען עטליכע טויזענט דאָלאַר סעקיוריטי, אַ פאַרזיכערונג הייסט עס אז ער וועט די שוהל ניט באַ'גנב'נען, ווייל אין זיינע הענט קומען דאָך אריין די קאָלעקשאָן געלטער, טאָ וואָס טהוט מען אז דער שמש הויבט זיך אויף מיט די דאָזיגע „ממתקים" און מאַכט גאָר אַ ויברח!...

וואָלט זיך דער דאָזיגער ענין לאָזען גאָר ברייט און גאָר פּראָ־מענענט באַהאַנדלען. מיר ווילען דאָס אָבער ניט טאָן צוליב גאַנץ פארשטענדליכע אורזאַכען. אלעס וואָס מיר ווילען זאָגען איז בלויז אז דאָס איז איינע פון די איבלען וואָס זיינען געוואָרען עפּידעמיש אין דאָס אמעריקאַנישע שוהל וועזען און וואָס גיט ניט קיין צופיעל כבוד אונזערע שוהלען.

דער פאַקט אז די סעקיורישי אין מאַנכע שוהלען דערגרייכט אַזוי הויך ווי צו פינף, זעקס און נאָך מעהר טויזענטער דאָלאַר איז אַ גענוגענדער באַווייז אז דאָ איז אויך פאַרמישט אַ שטיקעל קאָמו־פלאַזש וואָס פּאַסט זיך לגמרי ניט אַריין אין „הייליגע" פּרנסות.

דאַרף מען דאָך אויך ניט פאַרגעסען אז די מעהרסטע שמשים זיינען ניט קיין גבירים און די דאָזיגע סעקיוריטים קריגען זיי גע־באָרגט ערגעץ פון זייערע רייכע קרובים און דאַרפען שטענדיג „האַל־טען די נשמה אין די הענט" און ניט שלאָפען קיין נעכט און טראַכטען וואו נעהמט מען סעקיוריטי אויף די סעקיוריטי... און מי יודע צו וואָס פאַר א מצב די שוהל קען אמאָל קומען, ווי עס האָט שוין באמת געטראָפען אזעלכע פאַלען...

און נאָך א זאך: די דאָזיגע סעקיוריטי טהוט בכלל דעם שמש קיין איבעריגע טובה ניט. עס שאַפט ביים עולם דער איינדרוק אז דער שמש איז א פערמעגליכער מענש והראיה, ער האָט דאָך געהאַט צו געבען טויזענטער דאָלאַרס סעקיוריטי; און קוים, ווי אויבענגע־זאָגט ווערען דעם שמש הכנסות סיי ווי באַטראַכט נור ווי אן אקט

פון צדקה, איז אויב ער איז „רייך״ איז דאָך שוין אין איהם קײן „מצוה״ ניט...

דער סך הכל איז אַז די גאַנצע „כלי קדש״ ביזנעס מיט איהרע אלע ליכטיגע זייטען איז דאָך ניט אזוי ליכטיג. עס איז מעהר שאָטען ווי ליכט און עס איז ווייניג וואָס פאראן מקנא צו זיין אזעלכע פּרנסות.

מג

פאַמיליע סוירקעל

דער „פאַמילע סוירקעל" איז אַן אָריגינאַלע אמע־ריקאַנער אינסטיטוציע און געהער צו יענע סאָרטען אמעריקאַנער אידישע שאַפונגען מיט וועלכע מען קעןווירקליך שטאָלצירען, און זאָגען: „כמותם ירבו בישראל".

ביי אידען האָט פון אייביג אָן די „חיי המשפחה" פארנומען דעם אויבענאָן. דער אידישער פאַמיליע לעבען האָט מיט זיך אַלע־מאָל פאָרגעשטעלט אַ מוסטער פון עפּעס נאָבעלעס וואָס האָט צו זיך קיין גלייכען ניט געהאַט אין דעם פאַמיליע לעבען פון אַנדערע פעל־קער. דער „למשפחותם לבית אבותם" האָט נאָך גלייך ביים סאמען אָנהויב פון אונזער פאָלקס געבורט געשפּילט א גאָר חשוב'ע און באַדייטענדע ראָלע.

עס איז געוועזן אַ דאנק אָט דעם אידישען ריינעם פאַמיליען לעבען וואָס מיר האָבען זוכה געווען צו ווערען דער „עם הנבחר" און געקרוינט ווערען מיט'ן נאָמען „עם סגולה".

ווען די אומות העולם זיינען געקומען מיט א טענה, פאַר וואָס מען האָט נור דעם אידישען פאָלק געגעבען די תורה און ניט זיי, האָט זיי — דערציילען אונזערע חז"ל — דער רבונו של עולם געענטפערט: „לכו הביאו את ספר היוחסין שלכם כשם שבני מביאים". לאָמיר זעהן, איהר זאָלט ברענגען אזא שעהנעם יחוס־בריף ווי מיינע קינדער ברענגען.

דער דאָזיגער פאַמיליע יחוס איז פאָלגליך געווען פאַראַנטוואָרט־ליך דערפאַר אז מען זאָל אונז א תורה אָנפאַרטרויען. די פאַמיליע טראַדיציע איז געווען, אַזוי צו זאָגען, אַ פולשטענדיגע גאַראַנטי אַז מיר וועלען די תורה אָנהאַלטען און פאַרזיכערען איהר קיום ביי אונז.

יחוס המשפחה איז ביי אונז געווען א הייליגקייט, און חלילה

באַפלעקען דעם יחוס, און „פאַרשעהמען די משפחה" איז געווען פאַר־רעכענט ווי צו באַגעהן דעם ערגסטען פאַרברעכען. האָט מען זיך דעריבער אָפּגעהאַלטען פון אַ סך ניט־שעהנע און ניט־עהרליכע טאַטען בלויז כדי ניט פאַרשעהמען די משפחה.

אָט דערציילען דאָך אונזערע חז"ל אז ווען יוסף הצדיק איז שיעור ניט נכשל געוואָרען אין אַן עבירה מיט די אשת פּוטיפר, איז איהם ביי יענעם מאָמענט צו הילף געקומען זיין פאַמיליע יחוס און „ראה דמות דיוקנו של אביו וניצל"; עס האָט פאַר זיינע גייס־טיגע אויגען אויפגעשיינט דער הייליגער געשטאַלט פון זיין טאַטען און ער איז גלייך געראַטעוועט געוואָרען.

דיזע אייגענשאַפט איז אויך איבערגעגאַנגען בירושה צו זיינע קינדער און קינדס קינדער, און די פּראָטעקציע פון כבוד המשפחה האָט שטענדיג געהאָלפען זיך אָפּצוהאַלטען פון טאָן ניט קיין שעהנע מעשים כדי דאמיט ניט שעדיגען די פאַמיליע רעפּוטאַציע.

ווען אַ קליינער אינגעל האָט זיך ניט אזוי גוט אויפגעפיהרט, האָט צו פיעל געשטיפט און צו וועניג געלערנט, פלעגט מען זעהר אָפט הערען אין זיין עלטערענס מוסר דרשה אזעלכע ווערטער ווי: „דו ברענגסט דאָך שאַנדע אויף דער גאַנצער פאַמיליע; ביסט דאָך מבייש דעם זיידען און דעם עלטער זיידען; דו וועסט דאָך זיין דער איינציגער עם הארץ אין אונזער גאַנצע משפחה", וכדומה נאָך אזעלכע אויסדריקע וואָס זיינען געווען קאָנצענטרירט ארום דעם כבוד פון דער פאַמיליע, דאָס איז געווען כמעט דער שטאַרקסטער פּעדאַגאָגישער וואָפען אין די הענט פון אידישע עלטערען אין דער ערציהונג פון זייערע קינדער.

ווער שמועסט אז ס'איז געקומען צו שידוכים, דאָ האָט דאָך שוין די פאַמיליע גאָר געשפּילט די ערשטע פידעל. זיך משדך צו זיין ניט „מיט אונזער גלייכען", איז דאָך געווען דאָס ערגסטע וואָס מ'האָט זיך געקענט פאָרשטעלען. דער „תן עיניך במשפחה" איז גע־ווען זעהר אַ פּאָפּולערע לאָזונג ווען עס איז געקומען צום שליסען אַ שידוך. אַ נחות דרגא'דיגע משפחה האָט מאַנכעס מאָל געהאַט אַ פיעל שטאַרקערע ווירקונג בטל צו מאַכען אַ שידוך ווי אַ פראַגע פון נדן אד"ג.

איז דעריבער קיין חידוש ניט אז אין פארלויף פון דורות האָט זיך די דאָזיגע אייגענשאפט איינגעבירגערט ביי אונז און דער יחוס אבות איז ביי אונז געוואָרען א מין נאציאָנאלער עמבלעם פאר וועמעס עהרע פארטיידיגונג עס ווילט זיך געהן אפילו אויף מסירות נפש.

דער אמעריקאנער אידישער „פאמיליע סוירקעל", איז אויך א פּראָדוקט פון דער דאָזיגער אייגענשאפט וואָס איז ביי אונז געוואָרען א צווייטע נאַטור, און פונקציאָנירט אָרגאניש ביי יעדען איינעם, באַוואוסטזיניג אזוי גוט ווי אומבאוואוסטזיניג.

אין די אלט היימישע אייראָפּע איז אזא מין פאמיליע סוירקעל ניט געוועזן קיין באזונדערע נויטיגקייט. דאָרט איז די משפּחה סיי ווי געוועזן „סירקולירט" אָהן די אויסערליכע אָרגאַנישע פאָרמאליטעט.

פאמיליען מיטגלידער פלעגען זעהר אָפט באזוכען איינע די אנדערע ניט נור אין די יום טוב טעג נור אפילו אויך אין א פּראָסטען וואָכעדיגען טאָג; מען פלעגט זיך צו זעהר נאָהענטע צייטען איבערוועקסלען מיט אזעלכע פאָמיליען וויזיטען און דער פאמיליען פולס האָט נאָכאַנאַנד און אָהן הפסק געהאַלטען אין איין פולסירען. קיין ספּעציעלע „סוירקלען" האָט מען פאר דעם צוועק ניט געדארפט. די אַלטע אייראָפּעאישע שטעדט זיינען ניט געווען אזוי גרוים אז די פאמיליע מיטגלידער פון א געוויסער משפּחה וואָס האָבען אלע געוואוינט אין דער זעלבער שטאָדט, זאָלען וואוינען אזוי צוזייהט און צושפּרייט אז זיי זאָלען ניט קענען האָבען קיין מעגליכקייט זיך אָפט צוזאמענצוטרעפען.

און אויסער וואָס מ'פלעגט זיך טרעפען אין די קרובים'שע הייזער גאַנץ אָפט, פלעגט מען זיך אויך טרעפען אין די שוהלען און בתי מדרשים און דאָס פלעגט כמעט זיין א טאָג טעגליכע באגעגעניש, מעהרערע מאָל אפילו צוויי מאָל א טאָג, ביי די דאַוונענס פון אין דער פריה און פארנאכט.

דער עלטסטער פון דער פאמיליע איז אויך געווען דער „קאָפּ" צו וועמען אלע האָבען ארויפגעקוקט מיט גרוים דרך ארץ און יראת הכבוד. זיין וואָרט איז געווען הייליג. ער איז געווען דער אומגעקרוינטער הערשער וועלכער האָט אויסגעאיבט א גוואלדיגען איינפלוס אויף דער גאנצער משפּחה; און דער אויטאָריטעטיווער און

דאָמינירענדער גייסט וואָס האָט „געפיהרט" דעם גאַנצען פאַמיליען קרייז און אלע זיינען געווען נכנע צו איהם און געהאָרכזאַם.

דאָ אין אמעריקא איז די לאגע פיעל אנדערש. דער לעבענס שטייגער, איבערהויפּט אין די גרויסע שטעדט, איז דאָ אזא וואָס האָט פיעל אפּגעשוואַכט דעם קשר המשפחתי אין אונזער אידישען לעבען. דער לעבענס יאָך וואָס פאַלט דאָ פיעל שווערער אויף יעדען איינעם ווי עס איז געווען דאָרט אין דער אלטער היים; דער פּזור הנפש, און פּזור הגוף פון יעדען אינדיווידואל אין דעם גרויסען קאָכעדיגען און רעש'יגען היגען לעבען, האָט ביסלעכווייז אנגעהויבען צו דערווייטערען איינעם פון דעם אנדערען און די פאַמיליען בענדער זיינען דאַדורך שטאַרק לויז געוואָרען. מענשען וואוינען זעהר ווייט איינער פון צווייטען אפילו ווען זיי וואוינען אין איין שטאָדט; עס דאַרף נעהמען לאנגע שטונדען צו פאָהרען פון איין הויז צו דער צווייטער און די באזוכען קענען דעריבער ניט זיין אזוי אפט אפילו ווען די צייט וואָלט עס שוין יאָ ערלויבט, בפרט אז, ווי געזאָגט, ערלויבט עס אויך ניט די צייט צוליב דעם שטענדיגען טרדת הנפש וואָס האלט דעם מענש נאָכאנאַנד צוגעשמידט צום עול החיים און עול הפרנסה.

דאָ איז דעריבער אזא מין פאַמיליע סוירקעל א פשוט'ע אומבאדינגטע נויטיגקייט אויף אָפּצוהיטען די גאַנצקייט פון דער פאַמיליע און העלפען צעמענטירען אַלע פאַמיליען טיילען פון דער אידישער משפחה. אָהן אַזאַ אָרגאַנישען פאַמיליען סוירקעל וואָלט פשוט איינער דעם אנדערען פארגעסען און די פארוואנדעטע וואָלטען מיט דער צייט גענצליך פארפרעמדט געוואָרען.

דער פאַמיליען סוירקעל איז דאָ אין אמעריקא אויך א גרויסע נויטווענדיגקייט דערפאַר וואָס ער דיענט אינדירעקט אויך אַלס שוץ פעסטונג געגען אסימילאציע. ווי מיר ווייסען איז די סכנה פון אַסימילאַציע אין אמעריקא א פיעל שטארקערע ווי וואו עס איז אנדערשוואו אויף דעם אלט היימישען אייראָפּעאישען קאָנטינענט. איבערהויפּט דראָהט די דאָזיגע סכנה זעהר מורא'דיג אונזער אידישע יוגענט.

דער אַמעריקאַנער יונגער דור איז היבש אָפּגעריסען פון די אידישע טראַדיציעס; ער איז בכלל זעהר ווייט פון אידישען גייסט און א טיעפער תהום טהיילט אָפּ צווישען איהם און דעם עלטערען דור.

טאַטע און זוהן זיינען דאָ ממש צוויי באַזונדערע וועלטען און עס פעהלט פשוט דער בריק וואָס זאָל די דאָזיגע צוויי געגענזעצטע עלע־מענטען קענען צוזאַמענברענגען און באַהעפטען.

דער פאַמיליען סוירקעל איז ביז א געוויסער מאָס דער דאָזיגער בריק וואָס ברענגט צוזאַמען טאַטען מיט זון, מאַמען מיט טאָכטער און אפילו אייניקעל מיט זיידע־באָבע.

ווען עס האנדעלט זיך סתם אזוי אין געזעלשאַפטליכע קרייזען, זיינען די צוויי דורות, אלטע און יונג, אויך צוויי וועלטען און יעדערער פון זיי וויל זיך אויסלעבען אין זיין אייגענער וועלט; דעם טאַטענס געזעלשאַפט אַפּעלירט ניט צום זוהן, ער קען אין זיין טאַטענס געזעל־שאַפטליכען קרייז ניט געפינען זיין גייסטיגע סאטיספאַקציע און צו־פרידענשטעלונג, און דאָס זעלבע אויך פארקערט, דעם זוהנ׳ס קרייז איז ניט דעם טאַטענ׳ס.

קומט עס אָבער צום געזעלשאַפטליכען פ א מ י ל י ע ן קרייז, אין געשטאַלט פון אזא מין פאַמיליען סוירקעל, דאָ איז שוין עפּעס אַנדערש. אלס פאַמיליען מיטגליד פיהלט זיך דער יונגער זוהן פונקט אזוי שייך צום „סוירקעל״ ווי דער אלטער טאַטע און אפילו ווי דער גאָר אלטער זיידע. די גרענעצען פון אלט און יונג ווערען דאָ אווי־טאָמאַטיש אָפּגעווישט; איבער׳ן פאַמיליען סוירקעל פלאַטערט די פאַהן וואָס טראָגט אויף זיך א מין מאָטאָ אויפשריפט פון „ויחזו בך זקנה ובחרות״; דער פאַמיליען סוירקעל רעפּרעזענטירט די אוראלטע היסטאָרישע „מטבע של אברהם אבינו״ אויף וועלכע עס איז געווען אויסגעקריצט: „זקן וזקנה מצד זה ובחור ובתולה מצד זה״. ביידע האָבען אין סוירקעל זייער אַנהאלט און ביידע פיהלען זיך דאָרט היימיש און ניט פרעמד.

דער צוזאַמענקום פון צייט צו צייט אויף די רעגולארע פאַר־זאמלונגען פון פאַמיליע סוירקעל, העלפט, ווי געזאָגט, זעהר פיעל צו דערנעהנטערען אונזער יוגענט צו דער אידישער טראַדיציע.

דער יונגער מיטגליד, דער בחור אָדער די מיידעל, וועלכע זיינען „געטריינט״ דורך זייער „פאַרטוירניטי״ און „ספּאָרט״ קלאָבס, צו דיסציפּלין, טראַנספערירען זייער דיסציפּלינירטע געניוגטע אייגענ־שאַפט אויך אהער אין פאַמיליען סוירקעל. זיי וואַרפען זיך אונטער

די פיהרערשאפט און טאָן געבונג פון די עלטערע מיטגלידער וועלכע שטעהען על פי רוב אין דער שפּיצע פון סוירקעל. זיי ווערען דעריבער אינסטינקטיוו הינגעריסען מיט׳ן גייסט וואָס הערשט דאָרטען וואָס איז געוועהנליך אַ קאָנסערוואַטיווער גייסט און נעהמען אויף מיט דער גרעסטער געהאָרכזאמקייט די דירעקטיווען און אינסטרוקציעס פון די עלטערע.

דאָס איז דעריבער אַ גאָר גרויסער ביטראַג צום אידיש טראַ־דיציאָנעלען גייסט וואָס ווערט דורך דיזען סוירקעל אָריינגעדרונגען אין די יוגענטליכע הערצער און דיענט ווי אַ געגען גיפט צום נאַ־טירליכען אַסימילאַטאָרישען גייסט מיט וועלכען די אַמעריקאַנער לופט איז אָנגעפילט.

אויב דאָס אליין בלויז וואָלט געווען דער אויפטו פון דעם פאמיליען סוירקעל, וואָלט ער שוין פארדינט עהרליך באַגריסט צו ווערען און נאָכאמאָל ווינשען אז „כמותו ירבו בישראל״.

דער פאמיליען סוירקעל ערפילט אָבער נאָך אנדערע פונקציעס וואָס זיינען פון גאָר חשוב׳ער באַדייטונג און דארפען ערמוטיגט ווערען.

איינע פון די דאָזיגע פונקציעס באַשטעהט אין די הילף און מאַטעריעלע שטיצע וואָס דער סוירקעל ליפערט צו די פאמיליען מיטגלידער פון יענער זייט ים. אמעריקאַנער אידען האָבען שטענדיג געפיהלט אַז זיי זיינען די מאָדערנע יוסף׳ס וואָס דארפען אויספילען די פונקציע פון „כי למחיה שלחני״ אין באַצוג צו זייערע אָרעמע קרובים אין דער אלטער היים, און יעדער איד אין אמעריקא האָט זיך טאַקע וועניגער אָדער מעהר אָנגעשטרענגט צו קענען נאָכקומען די דאָזיגע פליכט.

דעם אמת׳ן תקון אָבער האָט די דאָזיגע שטיצע געקראָגען אין דעם פאַמיליע סוירקעל וואו די רעליעף אַקציע פאַר די קרובים מעבר לים ווערט אָנגעפיהרט אויף אַ פערמאַנענטען און זעהר סיס־טעמאַטישען אופן, דורך אַ ספּעציעלען רעליעף פאָנד וואָס יעדער סויר־קעל פון דעם מין באַזיצט. די דאָזיגע צדקה ארבייט ווערט אויך גע־טאָן מיט ענטוזיהאַזם און מיט גרויס שמחה, און דער סוירקעל איז

אזוי ארום אויך געוואָרען אַ פילאַנטראָפּישע אינסטיטוציע וואָס פאַר־דינט שוין דערפאַר אַליין אויך זיין זכות הקיום . . .

פאַראַן אויך אַזעלכע פאַמיליען סוירקעלס אין וועמעס „קאָנ־סטיטוציע" עס געהט אויך אריין די פאַראַנשטאַלטונג פון ספּעציעלע קולטורעלע פאַרזאַמלונגען וואו עס ווערען געהאַלטען גייסטרייכע לעקציעס און פאָרטראַגען איבער פאַרשידענע אידיש קולטורעלע טעהמען. די דאָזיגע פאָרטראַגען ווערען נאָכגעפאָלגט פון אַלגעמיינע דיסקוסיעס אין וועלכע די מעהרסטע פון די מיטגלידער נעהמען אַ חשוב'ן אָנטייל און ווארעמען אינטערעס. ערפילט שוין אזא פאַ־מיליען סוירקעל אויך אַ ערציהערשע פונקציע וואָס גיט שוין צו מעהר פארב און מעהר קאָליר צו זיין וועזענטליכקייט און ווערט שוין דאדורך פון אַ מעהר קאָלאָסאַלער באַדייט און אָפּשאצונג.

נאַטירליך זיינען אויך פאַראַן פאַמיליען סוירקעלס וואָס וואָלט בעסער געווען אז זיי זאָלען ניט זיין. זיי האָבען ניט קיין עקזיסטענץ באַרעכטיגונג און טראָגען ניט ארוים מיט זיך קיין איינע פון די אויבענאויסגערעכענטע פונקציעס. דער צוועק פון אָט די סוירקעלס באַ־שטעהט דורכאוים פון הנאת עולם הזה פאַר זייערע אייגענע מיט־גלידער. מען קלייבט זיך צונויף איינמאָל אָדער צוויי מאָל אַ מאָנאַט צו האָבען אַ „גוד טאַים", עסען, טרינקען, שפּילען אין קאָרטען און נאָך עהנליכע פאַרגעניגענס, וואָס ברענגען זעהר ווייניג נוצען פאַר וועמען עס איז, אויסער ווי פאַר די רעסטאָראַנטען און ביר סאַ־לאָנען . . .

אָבער פון אַזעלכע סוירקעלס רעדט זיך דאָ נישט, און אויב מיר דערמאָנען זיי דאָ איז עס בלויז כדי מבחין צו זיין „בין תכלת לקלא אילן", צו קענען אָנווייזען אויף די גוטע און זאָגען „כזה ראה וקדש".

און אויב דאָס אידישע אמעריקא האָט ווען עס איז געשאפען אָריגינעלע זאכען מיט וועלכע זי האָט אַ רעכט צו שטאָלצירען, איז דער אידישער פאַמיליען סוירקעל אָהן ספק, איינע פון די דאָזיגע זאכען וואָס דאַרף און זאָל עהרליך באַגריסט ווערען.

מד

מאַמע׳ס הויז טריף, טאָכטער׳ס — כשר

עס איז ניט קיין זעלטענע ערשיינונג ווען עלטערען „באַריהמען״ זיך אַז זיי האָבען נאָך ביי זייערע קינדער אין הויז קיין טרונק וואסער ניט געטאָן. אין דער אלטער היים האָט מען אזעלכעס קיינמאָל ניט געהערט, דאָ אין אמעריקא אָבער, הערט מען עס יאָ און טאַקע גאנץ אָפט אויך. עס זיינען ליידער פאראנען פיעלע אידישע הייזער וואָס זיינען ניט כשר און אמת פרומע עלטערען קענען ביי זייערע קינדער וואָס פיהרען אַזעלכע הייזער גאָר ניט טועם זיין.

דאָס „באַריהמען״ זיך אָבער דערמיט לאָזט שוין היבש נאָכ־דענקען. אין דעם איז שוין דאָ אַ ניט-געשמאַקער נאָך־טעם. דען דער אמת איז דאָך אַז יענע עלטערען וואָס פיהלען דערין אַ הארץ וועה־טאָג, „באַריהמען״ זיך דערמיט ניט. זיי שטיקען אין זיך דעם פיינלי־כען שמארץ; עס איז זייער אייגענער וועהטאָג וואָס בלייבט טיעף אין זייער הארצען, אָבער טראָגען עס ניט ארוים אין גאס. זיי ווילען עס פאר קיינעם ניט דערציילען און ווילען זיך דערמיט ניט „באַריה־מען״. נאָכוואָס וואשען זייערע קויטיגע וועש אין דער עפענטליכקייט; פאר וואָס זאָלען נאָך אנדערע וויסען זייער שאַנדע?

די אָבער וועלכע פראָקלאמירען עס יאָ און דערציילען עס יאָ ביי יעדער געלעגענהייט, ביי די טראָגט עס אַ כאראקטער פון „באַריהמעריי״. זיי זיינען דערמיט אויסען ארויסצוצייגען זייער איי־גענע פרומקייט, אַז ניט נור ווילען זיי ביי קיין פרעמדען ניט עסען וואו זיי זיינען ניט זיכער מיט די כשרות נור אפילו ביי זייערע איי־גענע קינדער ווילען זיי „קיין טרונק וואסער ניט טאָן״ דערפאַר וואָס עס איז ביי זיי ניט כשר.

דאָס וואָס פון דער דאָזיגער באַריהמעריי ווערט דערוויל בולט דער פאקט אַז זייערע קינדער פיהרען טרפה׳נע הייזער, דאָס משמעות

טהוט זיי ניט אזוי שטאַרק וועה, אמווייניגסטענס, ניט אויף אזוי פיעל וויפיעל עס האָט מיט זיי אליין צו טאָן. זיי האלטען זיך קענטיג גאָר ניט פאראנטוואָרטליך דערפאר. וואָס, טראכטען זיי זיך, זיינען זיי שולדיג אין דעם וואָס די קינדער פיהרען ניט קיין כשר'ע היימען? ס'איז דאָך פאָרט אמעריקא, טאַטע-מאַמע האָבען דאָ אַ קנאַפּע דעה און קינדער טוען וואָס זיי ווילען און פיהרען זיך ווי זיי אַליין געפעלט.

וואָלטען אזעלכע טענות געקענט גילטען אלס פארענטפערונג, ווען די פראגע פון די עלטערענס „דעה" וואָלט געווען א פראגע פון איצט, ווען די קינדער זיינען שוין אליין עלטערען און פיהרען שוין אליין אַ הויז ווירטשאפט. איצט האָבען שוין די עלטערען געוויס אַ „קנאַפּע דעה" אויף זייערע קינדער און קענען זיי שוין ניט דיקטי־רען ווי זיי זאָלען זיך פיהרען אין זייערע זעלבסטשטענדיגע היימען.

די פראגע איז אָבער ניט פון איצט נור פון פריהער; עס האַנדעלט זיך ניט וועגען דעם היינט נור וועגען דעם נעכטען. אין דעם „פריהער" און אין דעם „נעכטען", איז יאָ נאָך געווען פּלאַץ פאר די עלטערנ'ס דעה. ווען די קינדער זיינען נאָך קליין געווען, האָ־בען טאַטע-מאַמע יאָ געקענט אויסאיבען אַן איינפלוס אויף זיי. און וואָלטען די זעלבע פרומע עלטערען גענוג אכטונג געגעבען אויף זייערע קינדער דעמאָלט, זיי וואָלטען זיך דאן מעהר אָפּגעגעבען מיט זייער טראַדיציאָנעלע ערציהונג און וואָלטען אין זיי איינגע־פלאנצט דעם אמת אידיש טראדיציאָנעלען גייסט, וואָלטען זיי אויך איצט געפיהלט די השפעה פון פריהער; זיי וואָלטען אויך איצט געשניטען די פרוכט וואָס זיי האָבען פריהער פאַרזייהט. דער אלטער כלל פון: „חנוך לנער על פי דרכו, גם כי יזקין לא יסור ממנו"...

חנוך הבנים פאנגט זיך ניט אָן דעמאָלט ווען די קינדער זיינען שוין גרוים, ווען זיי זיינען שוין אליין מענשען. עס פאנגט זיך אָן אין זייער פריהסטער יוגענט, ווען זיי זיינען נאָך קליין, ווען טאַ־טע-מאַמע האָבען נאָך יאָ אַ דעה איבער זיי. יענע געוואוינהייט ווערט ביי זיי אַ נאַטור און עס בלייבט שוין ביי זיי אַן אייביגקייט.

און ווען עלטערען ערפילען די דאָזיגע ערציהונגס פליכט אויף אַ געהעריגען און אויפריכטיגען אופן, קומט עס שוין ממילא ניט דער־

צו אז זיי זאָלען דערנאָך ביי די קינדער אפילו קיין טרונק וואסער ניט קענען טאָן...

אזא סאָרט באַריהמעריי וואָס מיינט, ווי געזאָגט, אונטערצו־שטרייכען די ש ט א ר ק ע אידישקייט פון די עלטערען, אונטער־שטרייכט גאָר אדרבא די ש ו ו א כ ק י יט פון זייער אידישקייט; עס וואַרפט שווארצען שאָטען אָנשטאָט ווייסע ליכט און עס בראַנד־מאַרקט זיי אליין ניט ווייניגער ווי זייערע קינדער.

איז עס טאַקע שטאַרק צום באַדויערען, אָבער דער פאַקט בלייבט אַ פאַקט, און די צאָל עלטערען וואָס קענען ניט עסען ביי זייערע קינדער ציילט דאָ אין אמעריקא אין גאַנץ גרויסע נומערען. עס איז ניט קיין זעלטענע ערשיינונג.

וואָס עס איז אָבער יאָ אַ זעלטענע ערשיינונג, איז דער פאַר־קעהרטער וועג, נעמליך, אז די קינדער זאָלען גאָר זיין פרימער פאַר די עלטערען און כשר׳ער פאַר זיי. דאָס איז שוין מעהר משיחא־ווּעס, אָבער אויך אזעלכעס קען מען דאָ זעהן ווען אפילו מעהר זעל־טענער ווי דאָס פריהעריגע.

איבערהויפּט קען מען דאָס זעהן ביי די אָמעריקאַנער ישיבה קינדער. די ישיבה ערציהונג וועלכעס איז נאָך כמעט ניי אין אמע־ריקא און איז נאָך אפילו ניט רעכט ארוים פון איהר עקספּערימענ־טאַלער שטופע, האָט שוין פונדעסטוועגען באַוויזען צו פּראָדוצירען אַ נייעם טיפּ קינד וואָס פאַרשפּרעכט אַ ראַדיקאַלע גינסטיגע ענדערונג אויפ׳ן פעלד פון אמעריקאַנער אידישקייט.

די הונדערט פּראָצענטיגע אידישע אַטמאָספערע וואָס די ישיבה גיט דעם קינד, העלפט זעהר פיעל אין איבערשמידען דעם קינדס כאַראַקטער און איהם מאַכען לגמרי אנדערש פון זיינע אנדערע אידישע חברים וועלכע האָבען ניט די פּריווילעגיע צו געניסען פון אזא סאָרט ערציהונג. שוין דער פאַקט אליין וואָס דער ישיבה תלמיד לערנט אפילו זיינע וואָכעדיגע לימודים „על טהרת הקדש" איבט שוין אויף איהם אוים אַן אַנדער איינפלוס. לערנען ענגליש מיט אַ יארמול־קע אויפ׳ן קאָפּ; אין אַ חדר מיט אַ מזוזה אויף דער טיר און אין אַ סביבה פון בלויז אידישע חברים און אידישע לעהרער, דאָס גופא איז שוין גענוג צו האָבען אַ ווירקונג אויף זיין גאַנצען מהלך הנפש.

זיין דענקונגס אַפּאַראַט איז שוין לגמרי אַן אַנדערער און ער איז שוין פונדאַמענטאַל פון אַן אַנדער טייג געקנאַטען.

ביי אזא מין קינד קען עס שוין אַמאָל טרעפען אַז ער זאָל זיין פרימער פון דעם טאַטען. און עס האָט שוין טאַקע פּאַסירט ווען אַ אַכט יעהריגער ישיבה בחור׳ל האָט פאַר׳ן געהן שלאָפען, אין אַ פריי־טאַג־צו־נאַכט, געבעטען דעם פאָטער אויסצולעשען די עלעק־טריק, ווייסענדיג אַז ער, דער טאַטע, טהוט דאָס דאָזיגע סיי ווי, אָבער ער אַלס ישיבה בחור קען דאָך אַזעלכעס ניט טאָן...

יאָ, אַ דאַנק דעם ישיבה חנוך קענען מיר שוין זעהן אַזעלכע אומנאַטירליכע ערשיינונגען אַז קינדער זאָלען זיין פרימער פאַר די עלטערען; כאָטש אליבא דאמת איז עס אַן אומגעזונטע זאַך דע־מאָלט ווען דאָס קינד איז אונטערוואָרפען „שתי רשויות" און די לעהרע פון ישיבה און די פראַקטיק פון הויז זיינען אין ווידערשפּרע־כונג איינס צו דאָס אַנדערע. אונטער אַזעלכע אומשטענדען געפינט זיך דאָס קינד אין אַ שטענדיגען קאַמפּף מיט זיך אַליין, אַ קאַמפּף צווישען טעהאָריע און פּראַקטיק, צווישען סקול און היים, צווישען לעהרער און טאַטען, און עס איז שוין קיינמאָל ניט זיכער וועלכער צד עס וועט זיעגען, ווער עס וועט האָבען די אויבערהאַנט.

פאַראַן אַ באַקאַנטער טייטש אויפ׳ן פסוק „וכל העם רואים את הקולות" אויף וועלכעס אונזערע חז"ל קאָמענטירען: „רואים את הנשמע". לויט די דאָזיגע אויסטייטשונג קומט אויס אַז אויסער וואָס דאָס באַצייכענט אַן ערשיינונג פון שלא כדרך הטבע, אַז מען זאָל קע־נען ז ע ה ן קולות וועהרענד זיינען דאָך נור צום ה ע ר ע ן און ניט צום ז ע ה ן, איז אין דעם אויך פאַראַן אַ סימבאָלישע אָנדיי־טונג וואָס איז פון אַ גרויסען פּעדאַגאָגישען ווערט. די ערציהונג פון קינד דאַרף זיין אין אַזא וועג אַז „רואים את הנשמע", אַז דאָס וואָס ער ה ע ר ט אין „חדר" פון זיין רבי׳ן זאָל ער אויך ז ע ה ן אין הויז פון זיין טאַטען. עס זאָל ניט זיין קיין סתירה פון דער ש מ י ע ה מיט דער ר א י ה. נור אַזא מין „מתן תורה" קען האָבען אויפ׳ן קינד דעם אמת׳ן עפעקט און פאַרזיכערען דויערהאַפטיגקייט. און אויסגעהאַל־טענקייט.

לויט דיזען סימבאָלישען טייטש איז שוין דער „רואים את

הנשמע" דוקא ניט אַ זאַך פון נסים, פאַרקעהרט גאַר, אויב עס פעהלט דער „רואים את הנשמע" דעמאָלט קען עס ערשט זיין בלויז דורך אַ נס אז דאָס קינד'ס אידישקייט זאָל ביי איהם קענען אָנהאַלטען...

אָבער, ווי געזאָגט, געשעהט אמאָל אזא נס אויך, אויב אפילו ניט אזוי אפט.

וואָס עס איז נאָך מעהר זעלטענער דערפון איז ווען מען טרעפט אזעלכעס ניט נור ביי זיהן נור אויך ביי טעכטער וועלכע האָבען קיין ישיבה ערציהונג ניט געהאַט און דאָך איז עס אַמאָל אַ געשעהענער פאקט אז די טאָכטער זאָל זיין פרימער פאַר דער מאַמען און די ראָלע האָט זיך געדארפט אומבייטען אזוי אז די טאָכטער זאָל עס דארפען זאָגען: „ביי דער מאַמען קען איך אפילו קיין טרונק וואסער ניט טאָן"...

מיט אזא פאַל האָבען מיר זיך לעצטענס אָנגעטראָפען און עס איז ווערט צו פאַרצייכענען.

א יונגערמאַן פון אַ זעהר פרומע אידישע הויז האָט זיך פאַר־ליעבט אין אַ מיידעל פון אַ זעהר נ י ט־פרומע אידישע הויז. דעם יונגערמאַנ'ס מוטער האָט דאָס דאָזיגע פיעל געקרענקט און איז גע־ווען זעהר באַזאָרגט.

שטערען דעם שידוך האָט זי ניט געוואָלט. דאָס מיידעל איז איהר שטאַרק געפעלען געווען ווייל זי איז געווען אַ קינד מיט אַלע מעלות.

האָט די מאַמע געהאַנדעלט מיט זעהר פיעל טאַקט און האָט איהר צוקונפטיגע שנור באַציימענס אָנגעהויבען איינצולאַדען צו איהר אין הויז פאַר גאַנצע טעג און זאָגאר גאַנצע וואָכען. די אוי־סערגעוועהנליכע ליעבשאַפט און איבערגעגעבענהייט וואָס די צו־קונפטיגע שוויגער האָט ארויסגעוויזען צו איהר זוהנ'ס „באַשערטע", האָט די לעצטע אין גאַנצען געוואונען אויף איהר זייט און האָט אזוי ארום געקענט אויף איהר אויסאיבען איהר גאַנצען איינפלוס.

די מיידעל האָט זיך געלאָזט פון איהר לערנען און די פרוי האָט עס געהעריג אויסגענוצט און איהר מדריך געווען צו ווערען אַן אמת'ע פרומע און כשר'ע אידישע טאָכטער. עס האָט ניט גענומען צו לאַנג און דאָס מיידעל האָט אָנגעהויבען איבעראַנדערשען איהר

מאַמעס הויז און עס פארוואנדלען אין אַ עכט כשר'ע און פרומע היים. דער מאַמען האָט עס אָבער ניט אזוי געשמעקט און האָט זיך פון דער טאָכטער ניט געוואָלט לאָזען „ערציהען"...

דאָס האָט געבראכט דערצו אז דאָס מיידעל האָט אָנגעהויבען צו צו איילען אַז זי זאָל וואָס שנעלער חתונה האָבען כדי זיך צו באַפרייען פון דער מוטער'ס ניט-כשר'ע הויז.

און פון זינט זי האָט חתונה געהאט האָט זי נאָך ביי דער מאַמען „קיין טרונק וואסער ניט פארזוכט"...

מיר האָבען איבערגעגעבען דעם פאקט אזוי ווי „ער שטעהט און געהט" אָהן וועלכע עס איז פירושים און קאָמענטארען.

דאָס באַווייזט ווידער אַמאָל אַז דאָרט וואו עס איז פאראן אַ קלוגע און טאַקטישע הדרכה, קענען אומגלויבליכע ערשיינונגען ווערען גלויבליך, און די השפעה פון אַ צ ו ק ו נ פ ט י ג ע ש ו ו י ג ע ר קען אַמאָל באַזיגען די השפעה פון אַן אייגענער מאַמען.

זאָלען זיך דעריבער עלטערען ניט „באַריהמען" מיט דעם וואָס זיי פארזוכען ניט ביי זייערע קינדער. אזא באַריהמעריי איז ניט קיין שבח און עס גיט זיי קיין קרעדיט ניט. אדרבא, עס דיסקרעדיטירט זיי גאָר. ניט זייערע קינדער שטעלען זיי דערמיט ארויס צו שאַנד נור זיך אליין. וואָלטען זיי געווען די קינדער גוט מדריך זיין, וואָלטען זיי ביי זיי זיכער יאָ געקענט עסען און טרינקען, און מיט ד ע ם וואָלטען זיי זיך טאַקע יאָ געמעגט באַריהמען...

מה

צוליב א פרט טאָר מען ניט באַשולדיגען דעם כלל

פאַראַן אַן אויסדרוק: „עס זינדיגט ר׳ ישראל און מען באַשולדיגט כל ישראל״. איז אין דעם דאַ אַן אָנקלאַגע געגען דער ניט־אידישער וועלט וועלכע האָט שטענדיג באַנוצט אַזא ניט־יושר׳־דיגע מאָס פון גערעכטיגקייט אין באַצוג צו אידען. קוים איז ווען עס איז אַן איינציגער איד עפּעס באַגאַנגען אַן עולה, זיך מיט עפּעס פאַרזינדיגט, האָט מען גלייך געוואָרפען די שולד אויף אַלע אידען. ס׳איז ביי זיי, ביי די אומות העולם, קיין אונטערשיד ניט געווען פון ר׳ ישראל ביז כל ישראל, פון א יחיד ביז אַ רבים; דער כלל האָט געדאַרפט ליידען צוליב דעם פרט.

האָבען מיר אַלעמאָל מיט פאַרביטערונג און פאַראַכטונג צוריק־געשליידערט דיזען העסליכען און אוממענשליכען פאָראורטייל. עס איז נידערטרעכטיג און באַרבאַריש. דער פרט איז אמת א חלק פון דעם כלל אָבער ניט פאַרקעהרט. עס איז „יש בכלל מאתים מנה״, אָבער ניט „בכלל מנה מאתים״. א מעוט ווערט בטל ברוב, ס׳איז אָבער ניטאָ אַזא זאַך אַז אַ רוב זאָל בטל ווערען אין אַ מעוט.

מעהר ווי פּראָטעסטירען האָבען מיר אָבער ניט געקענט, פּונקט ווי מיר האָבען גאָר ניט געקענט טאָן געגען צעהנדליגער און הונדערטער אַנדערע עוולות וואָס זיינען געגען אונז באַגאַנגען געוואָרען און ווערען נאָך באַגאַנגען ביז׳ן היינטיגען טאָג מצד דער ניט־אידישער וועלט. דאָס זיינען גלות איבלען געגען וועלכע מיר זיינען ליידער גאָר ניט אימשטאַנד עטוואָס צו טאָן. מיר האָבען געמוזט און מוזען שלום מאַכען מיט דער דאָזיגער לאַגע און עס אַרויפּשטעלען אויפ׳ן חשבון פון אונזערע יסורי הגלות און וואַרטען מיט אונגעדולד

אויף דער אידישער גאולה ווען די אלע סאָרטען איבלען וועלען באַזייטיגט ווערען.

ווען אָבער מיר האלטען אין איין פּראָטעסטירען און פאַראַכטען אזעלכע פאָראורטיילען מצד דער ניט-אידישער וועלט געגען אונז, דארפען מיר דאָך אָבער אמווייניגסטענס זעהן אז מיר אליין זאָלען ריין זיין פון אזעלכע זינד; אז ביי אונז אליין זאָלען אזעלכע פאָראורטיילען קיין אָרט ניט האָבען, כדי מען זאָל ניט קענען אויף אונז טייטלען מיט די פינגער און קומען צו אונז מיט דער טענה פון: „קשוט עצמך ואחר כך קשוט אחרים"...

ליידער אָבער באַגעגענען מיר אזעלכעס אויך אין אונזער אייגענעם לאַגער. פאראנען מענשען וואָס אויב זיי האָבען נור ווען עס איז געהאַט אַ דורכפאל אין זייער פארקעהרען מיט אן איינציגע פערזאָן, ווערען זיי שוין פארביטערט געגען דעם גאנצען כלל און טראָגען ארוים אַ קאָלעקטיווען אורטייל געגען אלע מענשענקינדער פונקט ווי אלע וואָלטען שולדיג געווען אין דעם דאָזיגען פארברעכען.

אין אַזעלכע פעלע איז עס, גלויבען מיר, אונזער אויפריכטיגע פליכט צו רעאגירען דערויף און אָנווייזען ווי ניט עהרליך און ניט יושר'דיג עס איז צו מעסטען אינדיווידועלען אומרעכט מיט אַ קאָלעקטיווער מאָס-שנור, און די זינד פון יחיד מאַכען מאסגעבענד פאר'ן גאנצען כלל.

איינע פון אזעלכע פעלע איז לעצטענס געבראכט געוואָרען צו אונזער אויפמערקזאמקייט און מיר באַטראַכטען עס פאר וויכטיג גענוג פארצייכענט צו ווערען, ניט נור דערפאר וואָס מיר האַלטען, ווי געזאָגט, אַז דאָס איז די פליכט פון יעדער עהרליך אויפריכטיגען מענשען צו רעאגירען אויף אזעלכע זאכען, נור אויך דערפאר וואָס גראדע אין אָט דעם פאַל האָט קענטיג די השגחה אַליין „רעאַגירט" דערויף און מיט הימלישער מאסשנור פון מדה כנגד מדה גערופען די באַטרעפענדע פערזאָן צו פאראנטוואָרטליכקייט.

אָט איז די געשיכטע אין קורצען:

אַ יונגע מיידעל האָט זיך באַקאַנט מיט אַ יונגען בחור פון איהר עלטער. זיי זיינען אַ צייט ביידע אומגעגאנגען כמנהג אמעריקא, שטופענווייז האָט זיך זייער באַקאַנטשאַפט פארוואנדעלט אין אַ ליעַ-

בע און ביידע האָבען ווי געוועהנליך געשפּינט גאָלדענע חלומות וועגען אַ זיסע גליקליכע צוקונפט.

זיינען אָבער ליידער די דאָזיגע חלומות געבליבען אָהן אַ פּתרון. שולדיג אין דעם זיינען געוועזן די עלטערען פון ביידע צדדים וועמען דער שידוך איז ניט אַזוי שטאַרק געפעלען און האָבען דער־פאַר איהם געשטערט.

די מיידעל האָט אין הארצען געטראָגען אַ כעס אויף איהרע עלטערען אָבער דער הויפּט כעס איז געוועזן אויפ׳ן בחור אליין. זי האָט געפיהלט אַז וואָלט נור דער בחור אליין איהר געוועזן אמת גע־טריי און איבערגעגעבען, וואָלט קיין זאַך אין דער וועלט זיי ניט גע־קענט שטעהן אין וועג, און ניט זיינע עלטערען און ניט איהרע וואָל־טען אימשטאַנד געוועזן זייער גליק צו שטערען און מאַכען צו נישט זייערע זיסע חלומות.

ניט אנדערש — האָט די מיידעל ביי זיך געטראַכט — אַז זיין גאַנצע ליעבע צו איהר איז געוועזן אַ פאַלסיפיקאַציע; אַז ער האָט איהר קיינמאָל ניט געליעבט ערנסט און אויפריכטיג און אַז זיינע לויב געזאַנגען, ליעבעס ליעדער און אייביגע טרייהייט וואָס ער האָט איהר פאַרשפּראָכען, זיינען פון לכתחילה אָן געוועזן אַ קאָ־מופלאַזש.

איז דער דאָזיגער חשד ביי איהר נאָך מעהר פאַרשטאַרקט געוואָרען, ווען זי האָט געזעהן אַז אַ קורצע צייט שפּעטער האָט זיך איהר בחור שוין אָפּגעזוכט אַן אנדער מיידעל מיט וועלכע ער האָט שוין טאַקע אויך חתונה געהאַט, און זיין ערשטע „כלה" איז איהם שוין אפילו אין דער לינקער פּאה ניט געלעגען.

האָט איהר דער דורכפאַל איהרער און אנטוישונג געבראַכט דערצו אַז זי זאָל אין הארצען אַרויסטראָגען אַן אורטייל אויף אלע יונגעלייט, אַז קיינער פון זיי איז ניט קיין אויפריכטיגער, אַז אלע זיינען פאַלש און מען קען צו קיינעם קיין צוטרוי ניט האָבען.

ובכן, איז אונזער מיידעל געגאַנגען אָפּטאָן די גאַנצע מענער וועלט אויף צו׳להכעים, און האָט זיך אָפּגעזוכט ערגעץ אַן אלטען פאַרזעסענעם בחור וועלכער האָט שוין לאַנג פאַרגעסען דעם „נגון" פון די ליעבעס ליעדער, און אַז זי האָט פון יענעם געקראָגען אַן אנ־

באַט מיט איהר חתונה צו האָבען האָט זי דעם אָנבאָט גלייך אקצעפּ־טירט און האָט דעמאָנסטראַטיוו מיט איהם חופה געהאט אום דאַ־מיט, ווי געזאָגט, צו נעהמען „נקמה" אין אלע מענער און זיי ווארפען די באַשולדיגונג אין פּנים אריין, אז ס'איז ניטאָ צווישען זיי איינער אַ רעכטער, און אז ס'איז אומזיסט צו ווארטען אויף זייערע אַ ליע־בעס ערקלעהרונג וואָס אפילו ווען זי קומט שוין, איז זי אויך ניט קיין אמת'ע נור א פאַלשע. זאָל דעריבער די וועלט וויסען, האָט זי צו זיך געזאָגט, אז אויב יאָ חתונה האָבען זאָל מען אין דעם מאַן זוכען בלויז דעם פּראָזאאישען ברויט געבער אָבער ניט דעם פּאָע־טישען ליעבע פארשפּרעכער.

האָט די דאָזיגע חתונה איהר הייסט עס, געטראָגען אַ דע־מאָנסטראַטיווען פּראָטעסט כאַראַקטער געגען די גרויסע „פאַלשע" וועלט וואָס גלויבט אין עהרליכע אויפריכטיגע ליעבע.

אזוי אמווייניגסטענס האָט עס די מיידעל אליין אויסגעטייטשט און האָט אין דיזער „נקמה חתונה" געוואָלט געפינען אַ געוויסע מאָס סאַטיספאַקציע און פארגיטיגונג. פאר זיך אליין האָט זי לפּחות גע־וואָלט דורך דער דאָזיגער חתונה פעסטשטעלען און באַשטעטיגען אז ס'איז ווירקליך ניטאָ אזא זאַך ווי אמת'ע ליעבע.

עס האָט אָבער ניט לאנג געדויערט און זי האָט זיך אליין אָנגעהויבען איבערצייגען אַז זי לעבט אין טעות, אויב זי מיינט אַז אין אַ מאַן וואָס איז בלויז אַ ברויט געבער קען מען שוין געפינען די לעזונג צום פאַמיליען פּראָבלעם.

דער דאָזיגער מאַן איהרער, איהר „ברויט געבער" איז טאַקע ווירקליך געווען אַ „גוטער" ברויט געבער, און אן אמת איבערגעגע־בענער אין וועמעס טריישאַפט עס איז כלל ניט געווען צו צווייפלען. זי האָט אין איהם דוקא אויך געפונען אן אויפריכטיגען ליעבהאָבער אָהן „פילאָסאָפיקאַציעס". זי אליין האָט אָבער גלייך געפיהלט אז זי איז ביי איהם אומגליקליך דערפאר וואָס זי פון איהר זייט קען איהם ניט אָפּצאָלען מיט דער זעלבער מטבע. אין ד ע ם פאַל וואָלט שוין גראָדע א י ה ר ליעבע געווען אַ פאַלסיפיצירטע. אמת, האָט זי זיך אליין געפּרואווט פאַרטיידיגען, זי האָט צו איהם ניט קיין ליעבע אב־ליגאַציעס ווייל זי האָט איהם לכתחילה אזעלכעס ניט פארשפּראָכען.

אָבער, יאָ פארשפּראָכען, ניט פארשפּראָכען, צי מאָהנט ער עס יאָ ביי איהר, צי מאָהנט ער עס ניט, זי אליין מאָהנט עס ביי איהר. זי קען ניט זיין גליקליך קוים קען זי אין דעם הינזיכט ניט זיין געגענזייטיג. זי גאהרט נאָך ליעבע און פיהלט אז אָהן די געהעריגע געוואונשטע ליעבע איז איהר לעבען גאָר ניט ווערט.

זי האָט אָבער באַשלאָסען די דאָזיגע געפיהלען איהרע צו אונטערדריקען כדי ניט צו זיין פאלש צו איהר אייגענער טעהאָריע...

מאַכט זיך אָבער מיט דער צייט אן אומגליקספאל אין איהר פאַמיליע, און דער טויט רייסט פון איהר אַוועק אַ איינגערע פארהייראטע שוועסטער וואָס לאָזט נאָך איהר איבער אַ מאן מיט אן אכט יאָהריגע מיידעלע.

האָט זיך דער שוואָגער איהרער, דער אלמן, אָנגעהויבען דערנענטערען צו איהר, און עס איז געקומען אזוי ווייט אז זי האָט ענדליך אָנגעגעבען אין געריכט אויף א „דיוואָרס" געגען איהר מאן כדי זי זאָל קענען חתונה האָבען מיט'ן שוואָגער, צו וועמען זי האָט טאַקע יאָ געפיהלט ערנסט אויפריכטיגע ליעבע.

אז עס האָט שוין אָבער געהאַלטען דערביי אז זי זאָל אויסביימען דעם „ברויט געבער", אויפ'ן „געליעבטען" איז געקומען דער שיקזאל און האָט איהר איראָניש אָפּגעשפּילט אַ שטוקע. דער שוואָגער האָט פּלוצלונג חרטה געהאָט און זיך פון איהר אין גאנצען דערווייטערט...

פארשטעהט זיך אז אונזער „העלדין" איז איצט זעהר ביטער אנטוישט און פארצווייפעלט, און זוכט שוין איצט אַ וועג ווי צוריק קענען שלום מאַכען מיט איהר מאן צוליב וועלכעס זי איז צו אונז געקומען און פארלאנגט אונזער אריינמישונג און פארמיטלונג.

איז קיין פראגע ניט אז מיר האָבען איהר געגעבען אונזער פולע קאָאָפּעראַציע, און דעם ענין געשליכטעט אויף אַ פארהעלטניסמעסיג צופרידענשטעלענדען אופן אונטער די באַטרעפענדע אומשטענדען.

מיר ווילען אָבער דאָ אָנווייזען אויף דער מאָראַלישער זייט וואָס דיזער קאָמפּליצירטער פאַמיליען פּלאָנטער ברענגט מיט זיך ארוים.

דער אַנטוויקלונגס פּראָצעס אין אָט דער געשיכטע, איז פון אָנהויב ביז׳ן סוף איין ביטערער פאַרוואורף צו די וועלכע האָבען זיך אַדאַפּטירט די ניט-אידישע מדה פון האַלטען דעם כלל פאַראַנט־וואָרטליך פאַר די זינד פון׳ם פּרט.

אונזער העלדין איז די דאָזיגע זינד באַגאַנגען גלייך פון׳ם ערשטען מאָמענט וואָס זי איז אַנטוישט געוואָרען אין איהר ערשטע ליעבע.

וואָלט זי דעמאָלט ניט געצויגען דערפון אַזעלכע נאַרישע און ניט יושר׳דיגע שליסע, לויט וועלכע עס איז אויסגעקומען אַז ס׳איז קיין איין רעכטער מאַנסביל אויף דער וועלט ניטאָ; וואָלט זי דע־מאָלט אַנדערש געווען רעאַגירט אויף דער זאַך און וואָלט געטראַכט וועגען איהר בחור אין אינדיווידועלע טערמינען, אין טערמינען פון ר׳ ישראל און ניט פון כל ישראל, וואָלט זי נאַטירליך געקומען צו אַנדערע מסקנות; זי וואָלט דאַן ניט געקוקט אויף דער מענער וועלט דורך אַזעלכע טונקעלע און פּעסימיסטישע אויגענגלעזער. זי וואָלט באַשלאָסען צו וואַרטען אויף אַ בעסערען שאַנס, אויף אַ בעסערער געלעגענהייט, און דער דאָזיגער שאַנס און די דאָזיגע געלעגענהייטען וואָלטען פריהער שפּעטער זיכער געווען געקומען.

האָט זי אָבער גענומען אַן אַנדער ווענד פּונקט אין דער דאָזי־גער פראַגע; זי האָט צו שנעל און צו האַסטיג אַרויסגעטראָגען איהר אורטייל געגען אַ גאַנצע וועלט, האָט זי דערפאַר געמוזט טייער באַ־צאָלען.

און באַצאָלט האָט זי טאַקע מדה כנגד מדה.

מיט איהר „צו׳להכעים” חתונה מיט וועלכעס זי האָט געוואָלט דעמאָנסטרירען פאַר דער וועלט אַז ליעבע איז פאַלש, האָט זי גראַדע עררייכט דעם הפך. זי האָט גלייך נאָך דער דאָזיגער חתונה אָנגע־הויבען צו פיהלען אַז ליעבע איז טאַקע יאָ אַ גאַר וויכטיגער פאַקטאָר אין פאַמיליען לעבען, און אַז פאַלש איז גאָר אַ חתונה וואו עס פעהלט די ליעבע.

פאַר איהר אַנטוישונג וואָס זי האָט געהאַט מיט איהר ערשטען געליעבטען, האָט זי געוואָלט דעמאָנסטרירען אַז „אין אמונה במאנס־ביל”, לסוף האָט זי מיט איהר אליין גאָר געוויזען אַז „אין אמונה

בפרויענצימער". דען פונקט ווי איהר בחור האָט איהר אַנטוישט, האָט זי נאָכהער אַנטוישט איהר אייגענעם מאַן ווען זי האָט אָנגע־הויבען „פלוירטען" מיט איהר שוואָגער...

און אָט פאר ד י אנטוישונג איז איהר טאַקע גלייך אָפּגעצאָלט געוואָרען מדה כנגד מדה מיט אן אנדער אנטוישונג, מיט די פון איהר שוואָגער...

האָט זיך דאָ אָפּגעשפּילט דער „על דאטפת אטפוך" וואָס איז פון אייביג אָן א נאַטור געזעץ אין מענשליכען לעבען.

דער סך הכל דערפון איז, אז א מענש דאַרף זיך אלעמאָל קע־נען באַהערשען און קאָנטראָלירען; ער טאָר ניט האנדלען צו האַס־טיג. דער „והיו מתונים בדין" איז א מאָראלישער געזעץ וואָס דאַרף אַנגעווענדעט ווערען אויף יעדער איינציגען מענשען ווען עס קומט צו א פאל ווען ער דאַרף אליין ווערען אַ ריכטער און ארויסטראָגען אַ געוויסען אורטייל געגען וועמען עס איז. ער טאָר זיך דאן ניט איי־לען און פאַראורטיילען אומשולדיגע צוזאמען מיט די שולדיגע. ער טאָר ניט „פארלירען דעם קאָפּ" און זיך אין גאנצען איבערגעבען צו די געפיהלען פון זיין הארץ, און דאַרף שטענדיג געדענקען אז אויב עס איז „אין בכלל אלא מה שבפרט" איז אָבער ניט „אין בפרט אלא מה שבכלל"; אזא „כלל" עקזיסטירט ניט, ניט אין דער טעהאָריע און ניט אין דער פראקטיק.

מו

כפוי טובה

אן אלטע קשיא: „האומר סלע זו לצדקה על מנת שיחיה בני הרי זה צדיק גמור" (קדושין), ווען איינער גיט צדקה און זאָגט דערביי אז ער גיט עס מיט'ן באַדינג אז זיין קראנקער זוהן זאָל בלייבען לעבען, ווערט ער פאררעכענט פאר א ריכטיגען צדיק. איז דאָך די קשיא, סטייטש, דער תנא אליין אין פרקי אבות זאָגט דאָך: „אל תהיו כעבדים המשמשים את הרב על מנת לקבל פרס", איהר זאָלט ניט זיין ווי די קנעכט וואָס באַדינען דעם האַר מיט'ן באַדינג צו ווערען באַלוינט דערפאר. טאָ ווי שטימען אָט דיביידע מאמרים, איינער איז דאָך סותר דעם צווייטען?

תוספות אין קדושין זאָגען דארויף אַ געוויסען תירוץ.

ולולא דבריהם, וואָלט זיך לאָזען זאָגען אז עס איז מעגליך פאראנען אן אונטערשיד פון א מצוה וואָס איז „בין אדם למקום", צווישען מענש און ג-ט, און א מצוה פון „בין אדם לחבירו" צווישען מענש און מענש. אין ערשטען פאַל דאַרף טאַקע די מצוה געטאָן ווערען דורכאוים „לשמה", פון ג-ט'ס וועגען אליין און ניט מיט אַ פערזענליכע נגיעה, צו ציהען דערפון אייגענצוציגע באלוינונג. דען אין בין אדם למקום, אויב עס פהלט אין איהר דער „לשמה", פאַרלירט די מצוה איהר גאַנצען ערך, זי ווערט דאַן באַדייטונגסלאָז. ס'איז דאָך „אם תצדק מה תתן לו". דער בענעפיט פון דער מצוה איז דאָך פאר'ן מענשען אליין; דעם רבונו של עולם, טהוט מען דאָך דערמיט קיין „טובה" ניט, אויסער דער נחת רוח פון „שאמרתי ונעשה רצוני". אויב אָבער דער מענש האָט דערביי אין זינען געהאַט זיין אייגענצוציגקייט, איז דאָך דערמיט ניט עררייכט געוואָרען דער צוועק פון „נעשה רצוני"; עס איז דאָך ניט דער רצון פון השם יתברך וואָס האָט איהם באַוואוינגען צו טאָן די מצוה, נור זיין אייגענער

רצון, זוכענדיג דערביי איהם אליין צו פארשאפען א נחת רוח אין גע־שטאלט פון די באלוינונג וואס ער ערוואַרטעט פון דער דאזיגער מצוה.

טייטשט מען דאך אזוי ארום אוים די כונה פון רש"י אויפ'ן פסוק: „ויקחו לי תרומה — לי לשמי"; אז ווייל די תרומה וואס מען האט געגעבען פאר'ן משכן איז דאך געווען דורכאוים פאר א געטליכען און ניט פאר א מענשליכען צוועק, האט זי דע־ריבער געמוזט זיין אין גאנצען „לשמי", און אויב דער „לשמי" וואלט געפעהלט דערביי וואלט עס שוין ממילא געווען אוים מצוה.

אנדערש אבער ווען עס האנדלעט זיך אין א מצוה פון בין אדם לחבירו, ווי צדקה למשל, וואו א צווייטער פערזאן געניסט דער־פון, דא מאכט שוין ניט אזוי שטארק אוים וואס דעם געבערס כונה איז דערביי געווען; דען אפילו ווען דער „לשמה" האט דא געפעהלט, האט דאך אלץ דער ארעמאן גענאסען דעם בענעפיט דערפון, און די מצוה האט עררייכט איהר ציעל; איז דערפאר ביי „סלע זו לצדקה" וואס איז בין אדם לחבירו, דער „על מנת שיחיה בני" ניט קיין פגימה אין דער עצם מצוה און ער קען אפילו אין אזא פאל אויך פאררע־כענט ווערען פאר א „צדיק גמור".

דאס איז אין באצוג צו דעם וואס טהוט די מצוה און וואס זיין כונה דארף דערביי זיין. דא אונטערשיידעט זיך, ווי געזאגט, די מצוה פון בין אדם למקום פון די וואס בין אדם לחבירו.

וואלטען מיר אבער געשטעלט די פראגע, ניט וועגען דעם פועל המצוה נור וועגען דעם נפעל וואס אין בין אדם למקום בא־ציהט זיך עס כביכול אויפ'ן רבונו של עולם אליין, און אין בין אדם לחבירו מיינט עס דעם וואס האט מקבל הנאה געווען דורך דעם צווייטענס מצוה. ווען מיר וואלטען אין באצוג צום „נפעל" געשטעלט די פראגע: ווי דארף זיין דעם דאזיגען נפעל'ס באציהונג צום פועל; איז ער מיט עפעס אבלאגירט און פארפליכטעט צו דעם עושה המצוה, אדער ניט?

דער ענטפער וואלט געדארפט זיין פשוט: עס געווענדט זיך אין וואס יענעמס מצוה איז באשטאנען. איז עס געווען אזא וואס בין אדם לחבירו, וואו די ערוואַרטונג אויף א באלוינונג איז ניט קיין פארלעצונג, דארט דארף דער מקבל הנאה זיך ווירקליך פיהלען פאר־

פליכטעט לפּחות אויף מאָראלישע באלוינונג אין געשטאַלט פון הכרת טובה צו זיין בעל טובה. אויב אָבער דאָס איז אַ מצוה פון בין אדם למקום וואו עס טאָר ניט זיין על מנת לקבל פרס, דאַן איז נאַטירליך ניטאָ קיין געטליכע אבליגאציעס אויף אַ באלוינונג פאַר דער באַטרעפענדער מצוה ווייל די מצוה אליין איז דאָך אבליגאַטאָריש און ס'איז ניטאָ אויף איהר קיינע פּרעטענזיעס אויף וועלכע עס איז באַלוינונגען.

אזוי וואָלט עס ג ע ד א ר פ ט זיין. למעשה איז אָבער ניט אזוי, נור ווי דער פּסוק זאָגט: „ולך ה' ח ס ד כי אתה תשלם לאיש כמעשהו". דער רבונו של עולם באַלוינט יאָ דעם מענשען אפילו פאַר אזעלכע מצות פון בין אדם למקום. דער רבונו של עולם טהוט עס אָבער מצד זיין מדת ה ח ס ד, לפנים משורת הדין[1].

---

1) דערמיט ווערט אויף אַ פּאָרטרעפליכען אופן אויסגעטייטשט פון איינעם פון די גדולי הרבנים (זעה „דברים ככתבם" פון הרב גרויבארד ז"ל) דער פּסוק: „ראה אנכי נותן לפניכם היום ברכה וקללה; את הברכה אשר תשמעו — והקללה אם לא תשמעו" — און דער דיוק איז אויפ'ן אויסדרוק „ראה" וואָס מיינט זיך איינקוקען און באַטראַכטען, כאָטש איי־גענטליך איז עס אַ גאַנץ פּשוט'ע זאַך וואָס לאָזט זיך פאַרשטעהן אָהן באַזונ־דערע באַטראַכטונגען, ברכה אַלס באַלוינונג פאַר גוטס און קללה אַלס באַ־לוינונג פאַר שלעכטס, טאָ וואָס פאָדערט זיך דאָ אַ „ראה"?

איז אָבער אין אמת'ן די זאַך ניט אזוי פּשוט. דען אויב אויפ'ן „אם לא תשמעו" ווערט מען באַשטראָפט, מיינט עס דאָך אז דער קיום המצות איז אָבליגאַטאָריש, עס איז אַ ח ו ב און פאַר אָפּצאָלען אַ חוב קומט דאָך קיין באַלוינונג ניט, טאָ פאַר וואָס זשע קומט דאָ אַ ברכה אויפ'ן „אשר תשמעו"? ס'איז דאָך ממה נפשך: אויב אַ קללה פאַר נ י ט אָפּהיטען די מצות, דאַרף דאָך ניט קומען קיין באַלוינונג פאַר י אָ היטען; אויב ווידער פאַר יאָ היטען באַלוינט מען, איז דאָך אַ סימן אז עס איז ניט קיין חוב, טאָ פאַר וואָס זשע אַ קללה פאַר ניט היטען?

אָט דעריבער זאָגט די תורה „ראה"; זעה און באַטראַכט דעם חסד פון השם יתברך אז כאָטש „והקללה אם לא תשמעו" וואָס מיינט אז דו ביסט פאַרפליכטעט מקיים זיין די תורה, וואָלט דאָך דיר ממילא ניט דאַרפען קומען קיין שכר פאַר דעם דאָזיגען קיום, און דאָך איז „את הברכה אשר תשמעו", פאַר דעם „תשמעו" וועסטו דאָך באַלוינט ווערען מחסדי השם יתברך.

און אויב דאָס איז דער פאַל מיט׳ן בין אדם למקום איז דאָך על אחת כמה וכמה מיט׳ן בין אדם לחבירו וואו ווי אויבען ער־קלעהרט, איז דאָך די באַלוינונג אַ לעגאַל באַרעכטיגטע (הרי זה צדיק גמור) איז אויב דער וואָס האָט פון יענעמס טובה גענאָסען „פאַר־בויגט די טובה״ און דריקט מיט קיין וועג ניט אוים זיין אַנערקענונג און אָפּשאַצונג, באַגעהט ער געווים אַן עולה, און רעפלעקטירט דער־מיט אויף זיין כאַראַקטער. עס איז אגב דערביי אויך פאַראַן אַ מין „נעילת דלת״ סיי פאַר דער באַטרעפענדער פערזאָן וואָס האָט איהם די טובה געטאָן און סיי פאַר אנדערע. עס וועט זיי אָפּהאַלטען פון טאָן טובות צו מענשען; זיי וועלען זאָגען: עס באַצאָלט זיך ניט; יענער אַנערקענט עס ניט.

אָבער טויזענטער מאָל ערגער איז דער וואָס ניט נור צאָלט ער ניט אָפּ מיט גוטס פאַר די טובה וואָס מ׳האָט איהם געטאָן, נור אדרבה, ער צאָלט נאָך אָפּ מיט שלעכטס; ער איז אַ „משלם רעה תחת טובה״. אַזעלכער שטעלט זיך אוועק אין אַ העסליכע ליכט און נאָגעלט זיך אליין צו צום שאַנד קלאָץ. אָבער פון אַזעלכע נאַטירליך רעדט זיך דאָ ניט.

דאָ רעדט זיך בלויז פון אַ כפוי טובה׳ניק פון וועלכען מיר באַגעגענען ניט וויניג אין אונזער געזעלשאַפטליכען לעבען. אָט דער מין פאַרשוין איז פיעל ערגער פאַר אַן עגאָאיסט. אַן עגאָ־איסט איז דער וואָס דרשנ׳ט: „שלי שלי, שלך שלך״, אַ כפוי טובה׳־ניק אָבער דרשנ׳ט שוין „שלי שלי ושלך שלי״; איהם זיינען אַ ל ע שולדיג, ער — קיינעם ניט... און דערפאַר פיהלט ער זיך ניט פאַר־פליכטעט אויסצודריקען אַנערקענונג צו זיין בעל טובה.

און כאָטש דאָס איז פשוט׳ע עברי וואָס יעדער שטיקעל בר דעת קען עס פיהלען און פאַרשטעהן, דאָך איז ניט יעדערער פאַרזיכ־טיג גענוג זיך אויסצוהיטען פון דעם דאָזיגען איבעל און דעריבער איז עס כדאי פאַרצייכענט ווערען אלס אַ דערמאָנונג.

מז

נקמה

נקמה, צו נעהמען ראכע פונ׳ם צווייטען צוליב אן עוולה וואָס יענער איז באַגאַנגען, איז פאַרבאָטען פון אונזער תורה. נקמה איז איינע פון דריי הונדערט פינף און זעכציג לאווין וואָס שטע־לען צוזאמען די שס״ה לא תעשה, און איז פונקט אזא עבירה ווי עסען חזיר, נבלות וטריפות א. ד. ג.

דער ״לאו״ פון נקמה דריקט זיך אוים אין צוויי פאָרמען; די תורה זאָגט: „לא תקום ולא תטור״, און לויט חז״ל ווערט נ ק י מ ה און נ ט י רה אויסגעטייטשט אויף פאָלגענדען אופן. נקימה מיינט, צו טאָן יענעם שלעכטס אלס אקט פון ראכע; דערפאר וואָס יענער האָט מיר שלעכטס געטאָן רעכען איך זיך מיט איהם אָפּ און צאָהל איהם מיט די זעלבע מטבע.

נטירה, וואָס דריקט זיך אוים אין „לא תטור״, מיינט שוין עפּעס אנדערש. עס מיינט שוין נישט יענעם צו טאָן שלעכטס, נור פארקעהרט, איך צאָהל גראדע יענעם אָפּ מיט גוטס, נור בעת איך טהו איהם די גוטס,אונטערשטרייך איך דערביי אז טראָצדעם וואָס דו האָסט מיר שלעכטס געטאָן, טהו איך דיר פונדעסטוועגען גוטס און ווייז דאָ דערמיט דעם אונטערשיד פון מיר ביז דיר. איז אויך דאָס דאָזיגע פארבאָטען פון אונזער תורה; ווייל אויך דערין איז דאָ א געפיהל פון נקמה. אין ד ע ם פאַל אזוי ווי אין דעם ערשטען, באַ־ווייזט עס אז די שנאה צו יענעם איז נאָך אלץ פארבליבען אין האר־צען ווען אפילו די פאָלגען פון דער דאָזיגער שנאה דריקען זיך נישט אוים אויף איינעם און דעם זעלבען אופן.

עס איז אָבער פאראן נאָך א דריטער אופן פון נקמה. דאָס איז שוין אזא סאָרט נקמה וואָס אויך דער נוקם אליין ליידעט דערפון, ניט וויינינגער פון יענעם פון וועלכען ער נעהמט די נקמה און

מאנכעס מאָל, ליידעט ער, דער ראכע נעהמער, נאָך מעהר פון יענעם, ער טהוט עס אָבער ווי מען זאָגט : „בדאי מירביידע אויגען אויסשטעכען אבי יענעם איינע"... אָדער ווי מען דערציילט פון יענע נארישע ווייבעל וואָס האָט זיך צוקריגט מיט איהר מאַן, האָט זי אלס נקמה אין איהם, זיך אָפּגעשניטען איהר נאָז כדי ער זאָל האָבען אַ ווייב אָהן אַ נאָז...

אויב אָבער די ערשטע צוויי סאָרטען נקמות פון „לא תקום ולא תטור" לאָזען זיך נאָך ווי עס איז פארשטעהן פאר וואָס מענשען זאָלען עס וועלען טאָן. עס איז פאראן אין דעם אַ געוויסע סאטיספעקציע וואָס גיט דעם מענשען גענוס און צופרידענהייט און זעהט דערין אַן אָפּצאָל פאר יענעמס שלעכטיגקייט,קען שוין אָבער דאָס ניט זיין דער פאַל מיט נקמה נומער דריי. דען קוים איז ער אַליין אויך דער קרבן פון דער דאָזיגער נקמה, פעהלט דאָך שוין דאָ די סאַטיספאַקציע וואָס נקמה ברענגט מיט זיך ; אין געגענטייל, דערמיט גופא גיט ער דאָך ערשט אַ געלעגענהייט זיין שונא אז ער זאָל אליין שלאָגען קאַפּיטאל פון דעם זעלבען נקמה אקט און זאָל אליין האָבען די סאַטיספעקציע און דעם גענוס.

איז בשעת אַז מען פיהרט דורך אַזאַ סאָרט נקמה אָקט געגען אַ שונא, מוז עס באַטראַכט ווערען גיכער אַלס אָקט פון טפשות ווי פון רשעות, כאָטש לויט דער אויפפאַסונג פון אונזערע חכמים שטאַמען ביידע אָפּ פון איין שורש ; טפשות מיט רשעות געהען שטענדיג האַנט אין האַנט ווייל : „אין אדם חוטא אלא אם כן נכנס בו רוח ש ט ו ת". ניט ביי אַלע סאָרט זינד פיהלט אָבער דער מענש דעם חלק שטות וואָס איז אין איהם פאַרטראָטען. אין אַזאַ סאָרט זינד אָבער שרייט דאָך דער שטות פון איהם אַרוים בקולי קולות, אַזוי אַז דער גרעסטער טפש קען עס פאר קיין חכמה ניט באַטראַכטען . . .

אזא מין פאַל פון נקמה איז פאר אונז לעצטענס פאַרגעבראַכט געוואָרען.

אַ פאָר-פאָלק וואָס האָבען געהייראַט מיט דרייצעהן יאָהר צוריק, אָבער עס איז ניט געווען קיין גליקליכער זיווג. זיי האָבען אָפּגעלעבט אַ גאנצע שמיטה צוזאמען, אָבער זייער צוזאמענלעבען איז ליידער געווען אַ גיהנם פאר ביידען. עס איז קיין אונטערשיד ניט ווער פון

זיי עס איז געווען דער מעהר שולדיגער. נאַטירליך באַטראַכט יעדע־רער פון זיי זיך אלס דעם גערעכטען און דעם צווייטען אלס דעם שולדיגען. למעשה איז אָבער קיין חילוק ניט. ס׳איז ניט געווען קיין געראַטענער זיווג און קיין שלום בית האָט זיך ביי זיי ניט געקענט איינשטעלען.

שוין זעקס יאָהר אז זיי זיינען צושיידט. א ציווילען גט האָט שוין דאָס ווייבעל אויך געקראָגען. דער מאן וועלכער איז פונקט ווי זי, רעליגיעז געזאָגען, וויל איהר אויך געבען אַ אידישען גט כדי זיי זאָלען ביידע ווערען פריי און קענען זוכען זייער אמת׳ן גליק אין זייערע יונגע לעבענס; אָבער דאָ האָט ער זיך אָנגעשלאָגען אין אַן אייזערנע וואנט. דאָס ווייבעל וויל איהם באין אופן ניט באַפרייען אין גאנצען. דאָ איז ניט קיין פראגע פון אַרויסקריגען געלט ביי איהם, ווי עס טרעפט זעהר אָפט אין אַזעלכע פאלען, ווייל גראדע האָט ער איהר אָנגעבאָטען אַ גאנץ גרויסע סומע, אָבער זי זאָגט אז פאר כל הון דעלמא וועט זי איהם ניט פריי לאָזען. זי וויל הייסט עס נעהמען פון איהם ביטערע נקמה און איהם אָנלערנען אויף זיין גאַנצען לע־בען.

זי שפּילט דאָ אויף אַ רעליגיעזע סטרונע, ווייל זי ווייסט אז אָהן אַ אידישען גט וועט ער נישט חתונה האָבען, ניצט זי דאָס דע־ריבער אויס פאר איהר נקמה אקט.

אמת, זאָגט זי, אז פון די דאָזיגע נקמה ליידעט זי ניט ווייניגער פון איהם. דען ווי געזאָגט, איז זי דאָך אויך רעליגיעז און זי וועט דאָך אָהן אַ אידישען גט געווים ניט טאָרען הייראטען, אָבער עס איז איהר אַלץ כדאי אבי פון איהם נקמה צו נעהמען.

האָבען מיר זעהר פיעל איינגע׳טענה׳ט מיט די דאָזיגע פרוי און איהר איבערצייגט ווי פאַרברעכעריש זי האנדעלט און ווי אומגע־לומפּערט נאַריש אזא נקמה אקט איז.

אָבער זי האַלט זיך ביי איהרס. זי נעהמט דעם גאנצען ענין מיט אויסערגעוועהנליכען לייכטזין. עס איז ביי איהר אזא מין סאַדיזם וואָס גרעניצט זיך פשוט מיט משוגעת.

אין פאַרלויף פון אונזערע לאַנגע געשפּרעכען, האָט זיך ביי אונז געשאפען דער איינדרוק אז זי האָט פשוט „מורא״ אז אזוי

שנעל ווי זי וועט פון איהם אין גאנצען געשיידעט ווערען, וועט זי זיך אליין בארויבען פון איהר סאדיסטישע הנאה וואָס זי האָט איצט ווען איהר קרבן צאַפּעלט זיך אין איהרע הענט. איצט, זאָגט זי, איז ער דאָך נאָך כלומר׳שט איהר אידיש געזעצליכער מאַן, האָט זי דאָך נאָך אַ „רעכט" אויף פּייניגען איהם, ווען אָבער זי וועט שוין מיט אַן אמת זיין גע׳גט פון איהם, וועט ער דאָך שוין זיין אַ פרעמדער צו איהר און אויף אַ פרעמדען קען זי שוין, גלויבט זי, די דאָזיגע רעכט ניט האָבען...

דערמאָנט עס אונז אין די באַקאַנטע מעשה׳לע פון יענעם באַשיידענעם מאַן וואָס איז זיך געקומען צום רב גט׳ן מיט זיין ווייב. דער רב נאַטירליך איז געוועזן פאראינטערעסירט צו וויסען וואָס אזוינס האָט געבראכט דערצו אז ער זאָל איהר וועלען אָפּ׳גט׳ן. ער האָט אָבער פון מאַן גאָר ניט געקענט ארויסקריגען. דער מאַן האָט גע׳טענה׳ט: איצט, כל זמן איך האָב איהר נאָך ניט גע׳גט, איז זי דאָך מיין ווייב, און ווי ערוואַרטעט איהר, רבי׳ניו, אז אויף אַן איי־גענע ווייב זאָל מען חלילה רעדען שלעכטס? דער רב האָט גאָר ניט געקענט מאַכען מיט איהם און האָט זיי ענדליך אָפּגע׳גט, זאָגט דער רב צו איהם: נו, יונגערמאַן, איצט איז זי דאָך שוין ניט אייער ווייב, טאָ זאָגט מיר פאַרט, וואָס האָט אייך געבראכט דערצו איהר זאָלט איהר גט׳ן? אָה, רבי! ענטפערט דער יונגערמאַן — איצט איז זי דאָך שוין צו מיר אַ פרעמדע, טאָ וואָס פאַר אַ רעכט האָב איך צו ריידען שלעכטס אויף אַ פרעמדע אידישע טאָכטער?...

דער בעסטער וועג ווען עס לאָזט זיך יאָ רעדען שלעכטס, מאַן אויף ווייב אָדער ווייב אויף מאַן, איז הפּנים אין אַזאַ פאַל ווי מיט אונזער ווייבעל ווען עס איז שוין אין דער בחינה פון „יאָ מאַן" און „ניט מאַן"; עס איז שוין יאָ גע׳גט און ניט גע׳גט, קיין א י י־ג ע נ ע ר מאַן איז ער שוין ניט און קיין פ ר ע מ ד ע ר אויך ניט... וויל זי דערפאַר קיין אידישען גט ניט נעהמען כדי ער זאָל ניט ווערען קיין פרעמדער...

סיי ווי אָבער, אָט דער מין נקמה שטימט כלל ניט מיט דער לאָגיק און מיט׳ן פשוט׳ן מענשליכען שכל.

אמת, נקמה איז בכלל ניט קיין זאַך פון שכל, נור פון געפיהל,

און דער געפיהל, אפּעריִרט נאַטירליך ביי דער פרוי מעהר ווי דער שכל, אָבער אמאָל דאַרף אפילו די פרוי אויך געבען דעם שכל די אויבערהאַנט.

עס איז בכלל זעהר העסליך צו שפּילען אויף רעליגיעזע סטרו־נעס ווי עס איז דאָ דער פאַל. עס קומט אויס ווי מען נוצט אויס דעם רעליגיעזען מאָמענט כדי דורך איהם צו נעהמען נקמה און מען מאַכט אזוי ארום די תורה פאַר א שותף אין דער דאָזיגער נקמה ווערענד די זעלבע תורה שרייט אַזוי הויך אויס: „לא תקום ולא תטור“! דער דאָזיגער פאַרברעכען וועלכער קוקט אויבענאויף אויס צו זיין בלויז אַ פאַרברעכען געגען אַ מענשען, וואָס געהט אַריין אין דער קלאַס פון „עבירות שבין אדם לחבירו“, דורך אַזאַ מעטאָדע אָבער וואו מען נעהמט די תורה גופא אריין אלס ש ו ת ף מיט וועמעס ה י ל ף מען זאָל דעם פאַרברעכען קענען באַגעהן, ווערט שוין די עבירה פאַרוואַנדעלט אויך אין אַ „בין אדם למקום“, און איז לגמרי אונפאַרצייהליך.

מח

קעסט

דער דאָזיגער מנהג פון „עסען קעסט" איז דאָ אין אמעריקא ניט אזוי פאָפולאַר. עס איז אורשפּרינגליך אן אייראָפּעאישער מנהג, א „טראַדיציע" פון דער אַלטער היים.

דאָרט אין דער אַלטער היים איז „עסען קעסט" געווען א געוועהנליכע ערשיינונג אין אַלע באַלעבאַטישע פאַמיליעס. א יונג פּאָרפאָלק נאָכדעם ווי זיי האָבען חתונה געהאַט, זיינען זיי ניט גלייך געוואָרען קיין זעלבסטשטענדיגע בעלי בתים. פאַר עטליכע יאָהר אמוויינינגסטענס זיינען זיי נאָך געווען קעסט קינדער ביי זייערע עלטערען און פון קיין אייגענע הויז ווירטשאַפטליכקייט האָבען זיי נאָך ניט געוואוסט.

און דאָס איז געווען א נאַטירליכקייט. ס'האָט גאָר אנדערש ניט געקענט זיין. די סבות זיינען געווען פאָלגענדע:

על פי רוב פלעגט מען די קינדער חתונה מאַכען גאַנץ יונג. מ'האָט פרום אָפּגעהיט דעם „שמונה עשרה לחופה", אין היבשע פעלע האָט עס נאָך געהאַלטען אפילו פאַר שמונה עשרה...

געוועהנליך האָט אזא יונגערמאַנטשיק, א קינד כמעט, נאָך ניט געהאַט קיין געלעגענהייט זיך צו „סעטלען" פאַר דער חתונה; ער האָט נאָך ניט געהאַט אין האַנט קיין „טרייד" אָדער פּראָפעסיע אויף וועלכעס ער זאָל שוין קענען באַזירען זיין עקאָנאָמישען עקזיסטענץ און קענען פיהרען א זעלבסטשטענדיגע הויז ווירטשאַפט. ער האָט נאָך געמוזט אָנקומען צו דער שטיצע פון זיינע אָדער איהרע עלטערען.

אין פאַל דער יונגערמאַן איז געווען א ישיבה בחור און האָט געוואָלט „בלייבען ביים לערנען", האָט ער נאָך געדאַרפט האָבען די געלעגענהייט אמוויינינגסטענס פאַר נאָך עטליכע יאָהר ביז ער זאָל

זיך פארפאַלקאָמען אין זיין לערנען אז ער זאָל ראוי זיין צו פאַרנעה־מען אַ רבנות שטעלע ערגעץ אין אַ שטעטעלע. דאָס זעלבע אויך ווען עס האָט זיך געהאַנדעלט אין אַנדערע סאָרט מלאכת הקדש ווי שחיטה למשל וכדומה.

איז ווידער דער יונגער באַלעבעסעל ניט געווען קיין „לערנער", נור אַ בעל מלאכה אָדער מיט אַ חוש פאַר געשעפט, האָט ער נאָך אַלץ ביי אזא יוגענטליכער פעריאָדע ניט געקענט באַווייזען צו קענען „שטעהן אויף די אייגענע פיס" און האָט זיך געגויטיגט אין אַן אונ־טערשפּאר פאַר אַ געוויסער צייט ביז אַלעס וועט זיך איינשטעלען ווי עס באדאַרף צו זיין.

אין די דאָזיגע קעסט יאָהרען האָט זיך דערוויל זייער „קאַ־פּיטאל" אויך פאַרגרעסערט. די עטליכע הונדערט רובל נדן וואָס דער חתן האָט באַקומען, זיינען אינוועסטירט געוואָרען אין אַ „זיכערען אָרט, און האָבען געטראָגען אַרום זיבען־אַכט פּראָצענט; דערצו איז אויך „צוגעלייגט" געוואָרען די קליינע פאַרדינסטלאַך וואָס דער יונ־גערמאַנטשיק האָט אין דער צווישענצייט אריינגעטראָגען אלס תמיכה פון דער ישיבה אָדער אַלס לעהרע אינגעל ביי זיין טרייד, און אַזוי אַרום האָט זיך במשך פון די קעסט יאָהרען אָנגעזאַמעלט אַ גאַנץ ניש'קשה'דיגע סומע וואָס איז נאָכהער היבש צונוץ געקומען...

אין „עסען קעסט" איז אָבער אויך געווען אַ פּסיכאָלאָגישער מאָמענט וואָס האָט געהאַט אַ גאָר חשוב'ע באַדייטונג פון אַ ריין פאַמיליאַנטישען שטאַנדפּונקט. די קעסט יאָהרען זיינען אַזוי צו זאָ־גען, געווען אַ מין „אקאדעמישע טריינינג סקול" פאַר די יונגע קינדער וואו זייער פאַמיליע לעבען האָט באַקומען די נויטיגע „איבונגען" וואָס האָבען געדאַרפט דינען אלס פאַרברייטונג פאַר זייער ווייטער־דיגען צוזאַמענלעבען.

די יונגע קינדער וועלכע האָבען לויט'ן אַלט היימישען שטיי־גער ניט געהאַט קיין געלעגענהייט זיך פריהער צו קענען לערנען געגענזייטיג איינער דעם אַנדערען, דען די מעהרסטע שידוכים פלע־גען דאָך דורכגעפיהרט ווערען דורך דער פאַרמיטלונג פון שדכנים און ביז צו דער חתונה האָבען זיך חתן־כלה כמעט רעכט ניט געזעהן און זעהר זעלטען ווען זיי האָבען גערעדט צווישען זיך. אונטער אַזעל־

כע אומשטענדען, האָט עס געדאַפט נעהמען היבש צייט נאָך דער חתונה ביז זיי זאָלען זיך צוגעוואוינען איינער צום צווייטען, און אויס־געפינען איינער ביים אַנדערען די שוואַכקייטען, כדי צו קענען איינ־שטעלען אַ באַלאַנסירטען צופרידענשטעלענדען פאַמיליען לעבען. צאַנקערייען און קאָנפליקטען וואָלטען אונטער אַזעלכע באַדינגונגען געווען אַן אומפאַרמיידליכקייט, און אָט די „קליינינקייטען" וואָלטען געקענט אונטערגראָבען דעם גאַנצען שלום בית.

דאָס „זיין אויף קעסט" האָט אין אַזעלכע פאַלען היבש גע־האָלפען. זייענדיג עטליכע יאָהר צוזאַמען מיט די עלטערען פאַר ווע־מען מען האָט געוועהנליך געהאַט אַ געוויסען „אָפּשיין" און זיך גע־שעהמט ארומקריגען אין זייער אַנוועזענהייט, האָט דאָס דאָזיגע גע־האָלפען צום איבערשמידען די נאַטורען פון די יונגע קינדער. זיי האָבען זיך אַדאַפּטירט סבלנות און טאָלעראַנץ, און אין פאַרלויף פון דער צייט האָבען זיי זיך ביסלעכווייז צוגעוואוינט איינער צום צוויי־טען און זייער פאַמיליען לעבען האָט זיך אָנגהויבען איינצושטעלען אויף אַ געהעריגען אופן, באַזירט אויף גענענזייטיגע פאַרשטענדע־ניס וואָס האָט גענצליך באַזייטיגט די סכנה פון אַ ניט פרידליכען צוזאַמענלעבען.

אין אַמעריקאַ איז דער ענין „קעסט" כמעט ווי אין גאַנצען פאַר־שוואונדען. דער אַמעריקאַנער לעבענסשטייגער האָט פאַר דעם קיין פּלאַץ ניט געמאַכט. דאָ זיינען ניטאָ יענע סבות און מאָטיווען פון דער „אַלטער היים" וואָס האָבען געשאַפען דאָס „עסען קעסט".

כמעט ניין און ניינציג פּראָצענט פון אונזער אַמעריקאַנער יונג־וואַרג, געהען ניט חתונה האָבען איידער זיי זיינען ווייניגער אָדער מעהר איינגעאָרדענט אין זייער עקאָנאָמישען לעבען. זיי נויטיגען זיך שוין דעריבער ניט אין די „קעסט" אַלס אַן אַרוים הילף אין זייער מעמד און מצב הפרנסה. און קוים איילען זיי זיך ניט חתונה האָבען ביז זיי זיינען „געסעטעלט" מאַכט עס שוין ממילא אז זיי זאָלען ניט חתונה האָבען אַזוי יונג ווי אין דער אַלטער היים, זיינען זיי שוין דאדורך אויך ווייניגער אָדער מעהר גייסטיג געסעטעלט; זיי זיינען שוין מעהר קיין קינדער ניט און האָבען שוין אַליין היבשע לעבענס ערפאַרונגען; זיינען זיי דעריבער שוין ניט אַזוי עלול צו זיין די

„קרבנות" פון אונערפאַרענקייט און פון קינדערשע טעמפּעראַמענט־פולע קאַפּריזען וואָס זאָל דראָהען זייער שלום בית.

אגב, ווערען דאָך דאָ די מעהרסטע שידוכים געשלאָסען דורך ליעבע און ניט דורך שדכנים. חתן־כלה האָבען דעריבער זייער פאַמיליען טריינינג קורס שוין דורכגעמאַכט נאָך לאַנג פ א ר זייער חתונה; צו דער חתונה זיינען זיי שוין ניט „פרעמד" איינער צום אנדערען, ווייסען שוין איינער דעם אנדערענס מעלות און חסרונות, „שטאַרקייטען" און „שוואַכקייטען", און די „קעסט" זיינען שוין פאָלגליך פאר אַט דעם צוועק פון אויספורמען אַ ריין פרידליכען פאַמיליען לעבען, אויך ניט נויטיג דאָ אין אמעריקאָ.

שוין ניט רעדענדיג פון דעם וואָס אונזער אמעריקאַנער יוגענט איז כלל ניט גענויגט צו אזעלכע זאכען ווי „עסען קעסט". דאָס איז געגען זייער אידיאָלאָגישען בליק אויפ'ן לעבען. זייער אידעען גאַנג איז אזא וואָס וואָרצעלט זיך אין די יסודות פון אומאָפּהענגיגקייט און פולשטענדיגע זעלבסשטענדיגקייט. נאָך פון זייער סאַמע פריהעסטע יוגענט, ריכטיגער געזאָגט, קינדהייט, הויבט זיך אין זיי אָן צו אַנטוויקלען דער דאָזיגער חוש פאַר זעלבסטשטענדיגקייט. נאָך גע־הענדיג אין סקול הויבען זיי שוין אָן אליין צו פאַרדינען כדי צו קע־נען ארויסהעלפען אין הויז און ניט דאַרפען אין גאַנצען זיין אָפּ־הענגיג אין טאַטע־מאַמעס קעסט. און אויב זיי האָבען אַדאָפּטירט אַ מין אנטי־קעסט אידיאָלאָגיע נאָך פ א ר דער חתונה, טאָ ווי וואָלטען זיי געקענט שלום מאַכען מיט דער קעסט אידעע אויף נ אָ ך דער חתונה ?...

אַט צוליב די אלע אָנגעגעבענע אורזאכען, האָט דעריבער „קעסט" ניט געקענט געפינען פאַר זיך קיין טעריטאָריאַלישען מקום קליטה אויפ'ן אמעריקאַנער באָדען.

און טרעפען מיר זיך אמאָל יאָ אָן מיט אַ פאַל וואָס שטעלט מיט זיך פאַר אַן אמעריקאַנער „קעסט קינד", מעג עס אפילו זיין קעסט פון פאַר דער חתונה, איז דער דאָזיגער פאַל גאַר ניט לויבענסווערט. איירּאָפּאַ קען אין דיזער הינזיכט באַין אופן ניט דינען פאַר קיין ביי־שפּיל. דאָ דאַרף אזעלכעס שטאַרק געטאַדעלט ווערען, ווייל עס צייגט אַז עפּעס איז „פויל אין דענמאַרק", און אַז דער ערציהונגס

סיסטעם פון דער באַטרעפענדער פאַמיליע איז ניט געווען ווי עס בעדאַרף צו זיין. די עלטערען זיינען שולדיג און פאַראַנטוואָרטליך פאַר דעם. זיי האָבען דאָס קינד אָדער די קינדער ערצויגען אין אַזאַ וועג אז זיי זאָלען ניט וויסען פון טראָגען אן אייגענעם יאָך; מען האָט זיי געפּיעשטשעט און געצערטעלט; געציטערט איבער זיי עס זאָל זיי חלילה קיין בייז ניט געשעהן, זיי זאָלען חלילה פון קיין לאַסט ניט וויסען...

האָט זיך אפשר די כונה פון אַזעלכע עלטערען געמעגט זיין אן אויפריכטיגע; אַ פּראָדוקט פון עלטערענס ליעבע צו קינדער; אָבער טאַקע אָט די ליעבע גופא דאַרף און זאָל געטאַדעלט ווערען. מיט אַזאַ סאָרט איבערגעטריבענע ליעבע טהוט מען קינדער קיין טובה ניט. מען מאַכט זיי פאַר פּוילניצעס און מען געוואוינט זיי צו צום געדאַנק אז זיי דאַרפען קיין „פינגער אין קאַלטע וואַסער ניט אריינלייגען"; אז זיי האָבען ווער ס'זאָל פאַר זיי זאָרגען און זיי דאַרפען קומען אויפ'ן גרייטען...

איז אַזאַ מין ערציהונג, דעמאָראַליזאַציע פון ערגסטען סאָרט; עס פאַרדאַרבט די קינדער אויף זייער גאַנצען לעבען און סיי זיי און סיי די עלטערען, זיינען דערנאָך די קרבנות פון דעם דעמאָראַליזירטען חנוך. די קינדער בלייבען קריפּעלס, טויגעניכצען און „מה יעשו'ני־קעס", און די עלטערען דאַרפען ביז זייער טיעפסטען עלטער זיין איינגעשפּאַנט אין דעם „יאָך" און באַזאָרגען זייערע „תכשיטים" מיט דאָס סאַמע נויטיגסטע פאַר זייער לעבענסגעברויך, אנשטאַט עס זאָל זיין פאַרקעהרט...

אַזאַ פאַל איז פאַר אונז לעצטענס פאָרגעקומען, ווען אַן אלטער טאַטע, שוין נאָהנט צו די זיבעציגער, איז זיך געקומען פאַר אונז באַקלאָגען אויף זיין ביטערער מערכה. ער איז אַ פאָטער פון אכט קינדער פון וועלכע בלויז צוויי (טעכטער) זיינען פאַרהייראַט. די עלטסטע צוויי „באָיעלאָך" איינער 36 און דער צווייטער 34 זיינען נאָך „סינגעל" און זיינען שטענדיגע שטוב זיצער; פוילען זיך אפילו צו זוכען ארבייט. ניש'קשה, דער טאַטע ארבייט און באַזאָרגט זיי מיט אלעם נויטיגען. דער טאַטע האָט שוין אָבער קיין כח ניט צו ארביי־טען און פרעגט: עד מתי? ביז ווען איז דער שיעור צו געבען עסען

אַזעלכע ערוואַקסענע מענשען וועלכע האָבען שוין אַליין געקענט האָ־
בען ניט נור קינדער נור אפילו אייניקלאך אויך . . .

אָבער די מאַמע „באַשיצט" איהרע בנים'לאך. צערטעלט זיי
ווי זיי וואָלטען נאָך געוועזן אַכט און צעהן יעהריגע, און איז צופרי־
דען אז דער אלטער אויסגעהאָרעוועטער טאַטע זאָל נאָך האָבען
פאַר זיי און זיי געבען „קעסט".

איז דאָס אמת א זעהר זעלטענער פאַל, אָבער טאַקע צוליב
זיין זעלטענקייט איז ער ווערט פאַרצייכענט צו ווערען; דען דערפון
איז פאַראַן צו לערנען אַ בנין אב אויף פיעל קלענערע און ווייניג
זעלטענערע זאַכען וואו עלטערן פאַרשטעהן לגמרי ניט דעם זין פון
ליעבע צו קינדער און ווענדען עס אָן אויף אַזעלכע קרומע דרכים
וואָס זיינען ממש דער הפך דערפון.

אין אמעריקא זיינען עלטערן על פי רוב אויף קעסט ביי
קינדער און ניט פאַרקעהרט, נור אפילו ווען מען וויל זיך שוין פיהרען
אויפ'ן אייראָפּעאישען שטייגער, איז עס אָבער אויך אַ פאַלשע אי־
מיטאַציע, דען פון אזא מין „קעסט" האָט מען אין דער אלטער איירא־
פעאישער היים אויך קיין אָהנונג ניט געהאַט . . .

און וויפיעל רחמנות מען דאַרף האָבען אויפ'ן אלטען טאַטען,
אזוי פיעל און נאָך פיעל מעהר דאַרף מען האָבען אויף דער אלטער
מאַמען וועלכע האָט אָפּגעלעבט א גאַנצען לעבען ווי אַן אָפּגעריסענער
נאַר און וועט שוין ווי עס ווייזט אויס, קליגער ניט ווערען . . .
ווירקליך אַ רחמנות!

מט

אינשורענס

זעהר זעלטען היינטיגע צייטען צו טרעפען אַ מענש וואָס טראָגט ניט קיין אינשורענס, ווער ווייניגער און ווער מעהר. פאראן מענשען וואָס טראָגען גאָר גרויסע אינשורענס, גאנצע מאיאָנ־טיקס, אָבער אפילו אָרעמע מענשען טראָגען אויך אינשורענס. צו האָבען אַן „אינשורענס פאליסי" ווערט היינט באַטראַכט פונקט אזא נויטווענדיגקייט ווי עסען און קליידונג. עס איז שוין מעהר ניט קיין לוקסוס זאך נור אַ איינפאכע הכרחיות. אָרעמע מענשען שוויצען טאָקע היבש אונטער ווען זיי דארפען מאַכען דעם יעהרליכען אָדער האַלב יעהרליכען „פעימענט"; זיי שוויצען דאָך אָבער אויך ווען זיי דארפען אויסצאָלען זייערע אנדערע מאָנאַטליכע „בילס"; שוויצט מען און מען צאָלט; נאָכהער שוויצט מען ווידער און מען צאָלט ווידער.

אַמאָליגע יאָהרען איז אינשורענס יאָ באַטראַכט געוואָרען פאר אַ לוקסוס וואָס נור רייכע האָבען זיך עס געקענט פארגינען, און אָרעמער און אַפילו אַ מיטעלמעסיגער מענש, האָט גאָר דערצו קיין אפעטיט ניט געהאַט. דאָס איז אָבער געווען אמאָל ווען אַ סך זאכען פון היינטיגע נויטבאַדערפטיגקייטען זיינען דעמאָלט באַטראכט גע־וואָרען פאר לוקסריעזע ארטיקלען, דאן איז אינשורענס אויך געווען איינע פון זיי. היינט אָבער האָט דער לעבען געקראָגען אַן אנדער סטאנדארד, אנדערע באַגריפען און אנדערע השגות, די נעכטיגע מותרות זיינען היינט געוואָרען אומבאַדינגטע נויטיגקייטען. אזוי איז עס אין דער הויז ווירטשאפט, אזוי אין דער קליידונג און אזוי אויך אין דעם טעגליכען שפייז געברויך.

וועלכע מיטעלשטאנדיגע פאמיליע למשל האָט אַמאָל געוואוסט פון באַוואוינען גאנצע פינף, זעקס און אפילו זיבען צימערען? אונ־

זערע זיידעס, און עלטער זיידעס האָבען געווים ניט געוואוסט דערפון, די עלטערע צווישען אונז קענען אין דעם חשבון ארייננעהמען ניט דוקא די זיידעס נור אפילו די טאַטעס אויך.

די היימישע „שטוב" איז דאָך אממעהרסטענס באַשטאַנען פון איין גרויסען צימער, און אַ שטיקעל קאָרידאָר, און אַזאַ וואוינונג האָט געדאַרפט זיין און איז טאַקע אויך געווען, גענוג פאַר אַ גאַנץ היבשע פאַמיליע פון לאָמיר זאָגען זעקס און אַמאָל אויך אַכט נפשות.

דער עסען זאַל, דער מעבעל צימער מיט'ן „ביבליהאטעק", האָבען זיך קאָמבינירט דריי אין איינס און האָבען זיך חלילה ניט „ארומגעקריגט" צווישען זיך פאַר אַ גרעסערען חלק אין דער „טע-ריטאָריאַלע עראָבערונג"... יעדער אָפּטיילונג פון די דאָזיגע דריי איז זיך געווען אַ „שמח בחלקו", און האָט זיך צופרידענגעשטעלט מיט'ן שטיקעל ווינקעל וואָס דער באַלעבאָס און די באַלעבאָסטע האָבען „איהם" אָפּגעגעבען. און טאָמער מיינט איהר חלילה אַז מען האָט די דאָזיגע דריי אָפּטיילונגען אָפּגעגעבען דעם גאַנצען צי-מער, האָט איהר במחילה אַ גרויסען טעות; דען איהר דאַרפט דאָך ניט פארגעסען אַז מען האָט געדאַרפט נעהמען אין חשבון אויך די שלאָף „צימערען" און פאַר זיי אויך לאָזען פלאַץ אין דער דאָזיגער חלוקה...

אָבער מ'האָט זיך מיט די אַזוי גערופענע שלאָף צימערען אויך אַן עצה געגעבען. מען האָט נעמליך אָפּגעצאַמט אַ טהייל פון דעם גרויסען צימער מיט הילצערנע פארוואנקעס און דאָרט איז געווען דער שלאָף צימער פאַר טאַטע מאַמע און די גאָר קליינע קינדער. די ערוואקסענע האָבען זיך אַלע צונויפגעקאָרטשעט אין דעם קאָרידאָר אָדער „ליגאַן" וואו מען פלעגט אויסשפרייטען אַ שטרויענע „ראָגאָ-זשע" און אויף איהר אויסגעלייגט דאָס בעט-געוואנד און עס האָט זיך דאָרט גאַנץ געשמאַק געשלאָפען, אפילו געכראָפּעט אויך...

דאָס מעבעל איז באַשטאַנען פון אַ טיש מיט בענקלאַך, אַ שאַפּע און אַ גרויסען קופּערט און צומאָל אויך אַ שטיקעל הילצערנע סאָפקע, און מיט דעם האָט מען שוין יוצא געווען אי פאַר'ן „דיינינג רום" אי פאַר'ן „פּאַרלאָר", און דער אַלמער ספרים וואָס איז געשטאַ-נען ביי דער זייט האָט שוין אויך משלים געווען די „לייבּרארי רום".

די קיך איז באַשטאַנען פון אַ קליינע הילצערנע „בודקעלע" וואָס איז אויפגעשטעלט געוואָרען אויפ'ן הויף, און האָט געהאַט גע־נוג פּלאַץ פאר א קליינעם אויוועז מיט די קיך געשיר און פאר דעם „ראשה ורובה" פון דער הויז ווירטען, די עקרת הבית.

אָדער נעהמט למשל די קליידונג פּראָבלעמע. דאָ דאַרף מען דאָך כמעט האָבען אַ גאַנצען צימער בלויז פאר שיך און זאָקען און „העטס". מאַנכעס מאָל אז איהר קומט אריין צו אייער שכן וואו עס געפינען זיך בלויז א מאַמע מיט א טאָכטער און אייער בליק פאלט אויף די אָפענע שאַפעס וואו עס געפינען זיך בלויז שיך און העטס, מאַכט עס דעם איינדרוק ווי דאָרט וואָלט געווען אַ שוך סטאָר און אַ „מילינערי". אין יאָהר איז אייגענטליך מעהר ניטאָ ווי פיער סע־זאָנען, אָבער פאר יעדער סעזאָן אליין דאַרף מען האָבען גאנצע טו־צען העטס מיט שיך. סיי די העטס און סיי די שיך דאַרפען זיין צו־געפּאַסט, „מעטשען" הייסט עס, צו די קליידער וואָס מען טראָגט, אַ בלויע קלייד — בלויע שיך, אַ גרינע קלייד — גרינע שיך און אזוי מיט אלע אנדערע קאָלירען. דאָס זעלבע איז אויך מיט די העטס וואָס אלע מאָנטאָג און דאָנערשטאָג קומען ארויס נייע „סטיילס": קייל־כיגע, שפּיציגע; דריי עקיגע און פיער עקיגע; מיט פעדערען און אָהן פעדערען, ברייטע ראַמען און שמאָלע ראַמען, און אָלע מוזען נאָכקומען דעם סטייל מיט אָלע פּינקטליכקייטען, אַז ניט וועט מען איהר באַטראַכטען פאר „אָלד פעשאָנד" און די חבר'טעס וועלען זיך פון איהר דערווייטערען.

בכלל קליידעט מען זיך דאָך דאָ אין דער וואָכען פיעל שעהנער ווי דאָרט אין דער אלטער היים אין א שמחת תורה. און פּרובירט זאָגען אַז דאָס דאָזיגע משונה'דיגע קליידונג איז ניט מעהר ווי אַ לוקסוריעזע משוגעת, וועט מען דאָך אייך פשוט אויסלאַכען. דאַר־טען האָט מען זיך אָבער יאָ געקענט באַגעהן אָהן די אלע זאכען, ווייל, ווי געזאָגט, עס זיינען דעמאָלט געווען אנדערע באַגריפען און אַנדערע השגות...

אפילו אין דעם שפּייז געברויך וואָס דערביי איז דאָך שוין וויניגער שייך אַנצוואוועגדען די מאָדע און רעדען וועגען דעם אין סטייל טערמינען, אפילו דערין איז דאָך פאראַן אַ הימעל־ווייט אונ־

טערשייד פון אַמאָל ביז היינט און פון דאָרטען ביז דאָ.

ווען איהר קומט אריין למשל צו אייער פריינד אין אַ מיטען מיטוואָך, ווען דאָס גאַנצע געזינדעל זיצט זיך ביים טיש ביי אַ פּשוט'ען וואָרמעס און איהר באַטראַכט די מאכלים וואָס מען סערווירט, איז ווען איהר זייט אַ „גרינער" וואָס איז נור וואָס אריבערגעקומען פון יענער זייט ים, וואָלט פאַר אייך געבליבען אַרויסצוטראָגען איינע פון די צוויי אורטיילען, ענטוועדער אז איהר האָט פארלאָרען די צייט רעכענונג און אַז היינט איז גאָר ניט קיין פּשוט'ער מיטוואָך נור סוכות אָדער שמחת תורה; אָדער אז די אלע וואָס זיצען ביים טיש זיינען נעבאָך קראנקע מענשען לא עלינו וואָס נויטיגען זיך אין באַזונדערע פלעגע און עסען לויט די דיעטע וואָס דער דאָקטאר האָט זיי פאַרשריבען... אין אַ פּשוט'ן וואָכעדיגען טאָג זאָלען זיך מענשען לאָזען אַזוי וואוילגעהן מיט פיש און מיט היהנער יאיכלאך, מיט קאָמפּאָט און מיט ביר און וויין געטראַנקען? . . .

איך געדענק נאָך ווי היינט, אז אלס קליינער אינגעל בין איך איינמאָל געגאַנגען מיט'ן טאַטען עליו השלום אין אַ מיטענוואָכיגען טאָג פון דאַווענען, האָט דער טאַטע אויפ'ן וועג געקויפט אַ פערטעל עוף און עס אזוי געטראָגען אין האַנט, טרעפט איהם אָן אַ באַקאַנ־טער און באַמערקענדיג ווי ער טראָגט דאָס שטיקעל עוף, שטעלט ער איהם אָפּ און מיט אַ טרויעריגע מינע פרעגט ער איהם: ר' בעריל, ווער איז עס נעבאָך קראַנק ביי אייך?... אנדערש האָט מיין טאַ־טען'ס באַקאַנטער ניט געקענט אויסטייטשען די דאָזיגע „געשעהע־ניש" פון קויפען אַ שטיקעל הוהן אין אַ פּראָסטען דאָנערשטאָג.

עס קומט מיר אויך ארויף אויפ'ן געדאַנק ווען די באָבע, אַ ליכטיגען גן עדן זאָל זי האָבען, פלעגט פּרעגלען איינגעמאַכטץ, פלעג־גען איהרע ליפּצען שעפּטשען אַ שטילע תפלה צום רבונו של עולם, לאמר, אַזוי צו זאָגען: „אָה גאָטעניו, הלואי זאָל מען עס ניט דארפען געברויכען, לאָמיר בעסער אלע זיין געזונט, נור אַ מענש האָט זיך דאָך ניט אין האַנט, טאָ זאָל דאָס ביסעל איינגעמאַכץ זיין גרייט פאַר אַ נויט, רחמנא יצילנו"...

יאָ, צייטען בייטען זיך און מיט זיי אויך די השגות און די אַפּעטיטען און דאָס וואָס נעכטען איז געווען אַן איבעריגע זאַך איז

היינט געוואָרען אַ מוז אָהן וועלכעס מען קען זיך לחלוטין ניט באַ-געהן.

מיר זיינען אביסעל אַראָפּ פון טראָפּ. עס איז אָבער ווי מען זאָגט: מענין לענין און דאָך באותו ענין.

מיט די „אינשורענס" איז דאָס זעלביגע. אמאָל איז עס געווען אַ לוקסוס און איז ווי אלע מותרות זאכען נור איינגעשטאַנען ביי די גבירים. היינט אָבער איז עס געוואָרען אַ וואָכעדיגער אַרטיקעל און עס שטעהט שוין איין אפילו ביי די גרעסטע קבצנים. די צאָלונגען פאַר די אינשורענס פּאַליסי געהען אַריין אין חשבון פון די לויפענדע הוצאות פון יעהריליכען בודזשעט און ווערען פאַררעכענט אלס א טהייל פון די אנדערע דורכשניטליכע אויסגאַבען פאַר דער פאַמיל-יעס געברויך.

דאָך איז מיט דעם אינשורענס געברויך אביסעל אנדערש ווי מיט די אנדערע נויטבאַדערפטיגקייטען אין דער אידישער פאַמיליען הויז, און עד היום זיינען נאָך פאַראַנען געוויסע מענשען, כאָטש ניט גרויס אין צאָל, וואָס זיינען ניט אַזוי שטאַרק „באַגייסטערט" פאַר דער אינשורענס אידעע, און די אינשורענס אגענטען וועלכע זיינען אַלע כמעט עקספּערטען, „טאַיוואַלים" אין זייער פאַך, האָבען פונ-דעסטוועגען מיט די דאָזיגע אידען אַ גאַנץ שווערען „דזשאב" זיי „איינצוברעכען" און איבעררעדען ארויסצונעהמען אַן אינשורענס פּאַליסי.

די שוועריגקייט באַשטעהט אין צוויי הויפּט סבות, איינע וועל-כע האָט צו טאָן מיט פרומקייט, און די צווייטע וואָס האָט צו טאָן מיט נערוועזיטעט.

פאַראַן אַ געוויסער טיף פרומע אידען וואָס זעהען אין דער אינ-שורענס אידעע א סתירה צו דער אידישער מדה פון בטחון. וואָס הייסט, טענה'ן זיי, ארויסנעהמען אן אינשורענס פּאַליסי און באַזאָר-גען ווייב און קינדער אויף נאָכ'ן טויט! אקוראַט ווי אָהן דיין פאַר-זאָרגאכץ וועט שוין גאָר קיינער ניט זיין, וואָס זאָל זאָרגען פאַר די אלמנה מיט די יתומים ר"ל? און וואו איז עפּעס דער אידישער בטחון אין דעם „הזן ומפרנס לכל"? און וואָס איז מיט דעם „אבי יתומים ודיין אלמנות"? שוין דאַרפסטו זאָרגען פאַר דעם רבונו של עולם און

געפינען פאַר „איהם" אַ פרנסה קוואַל פון וואַנען צו שפייזען זיינע אלמנות און זיינע יתומים?

מיינען זיי, די דאָזיגע פרומע אידען, אַז דאָס באַזאָרגען די פאַמיליע אויף לאחר מאה ועשרים שנה איז אין ווידערשפּרוך מיט די רעליגיעזע טראַדיציעס און דערפאַר באַציהען זיי זיך דערצו נע־גאַטיוו און שטעהען אָפּ דערפון.

גלויבען מיר קוים אויב עס איז שטאַרק נויטיג זיך אָנצוגורטען מיט מעכטיגע כלי זיין כדי אָפּצופּייערען אַ „קאָנטער אטאַקע" אין יענער פאַנאַטישער ריכטונג, און איבערצייגען ווי ניט ריכטיג עס איז אַז אינשורענס איז אַ סתירה צו פרומקייט און שטעהט אין אָפּאָ־זיציע צו דער מדת הבטחון.

אויב דאָס וואָלט געווען דער פאַל, וואָלט דאַן אויך געקענט ענטשטעהן אַ פראַגע, אויב דאָס וואָס אַ מענש האָוועט אזוי שטאַרק אויף זיין שטיקעל פרנסה, אויב דאָס איז אויך ניט געגען די מדה פון בטחון, און אויב דער ענטפער צו דאָס לעצטע געפינט זיך אין דעם באַקאַנטען מאמר חז"ל פון: „יכול יהא אדם יושב ובטל, תלמוד לומר וברכתיך בכל אשר תעשה", פון וועלכעס מען באַקומט ארוים אַז בטחון מיט אייגענע איניציאַטיווע דאַרפען שטענדיג געהן האַנט אין האַנט און צום „וברכתיך" דאַרף אַלעמאַל צוגעטראָגען ווע־רען דער „אשר תעשה"; דאַן זעהט זיך ניט ארוים פאַרוואָס אין דעם פאַל פון וועלען באַזאָרגען ביים לעבען אויף דערנאָך, זאָל אויך ניט קענען אָנגעווענדעט ווערען דער זעלבער „בכל אשר תעשה". און אין וואָס באַשטעהט דאָ דער פאַרברעכען?

דוכט זיך אַז דער „צו לביתך" איז נאָך גאַר אַן אוראַלטע אידישע טראַדיציע, און דאָס איבערלאָזען אַ „צוואה" איז פון אייביג אָן געווען אַ טראַדיציאָנעלער געבאָט, און וואָס מיינט דען אַ צוואָה אויב ניט דעם איינאָרדענען ביים לעבען די זאַכען וואָס האָבען צו טאָן מיט נאָכ'ן טויט, טאָ מיט וואָס זאָל זיין אנדערש די אינשו־רענס פאָליסי וואָס מיינט אויך ניט מעהר און ניט ווייניגער ווי אזא

מין איינאָרדנען, און מיט וואָס זאָל דאָס זיין מעהר געגען די אידישע טראדיציע ווי דאָס ערשטע?

פארקעהרט גאָר, אויב שוין יאָ רעדען פון דעם שטאַנדפּונקט פון רעליגיע, שיינט עס אונז אז די אינשורענס פאליסי ברענגט מיט זיך דוקא ארויס א רעליגיעזען מאָמענט וואָס דאַרף פאר אמת פרומע אידען זיין פון אַ גאָר גרויסער באַדייטונג.

מיר מיינען דערמיט דעם „יזכור לו יום המיתה" וואָס אונזערע חז"ל האָבען אויסגעקליבען אלס דעם בעסטען מיטעל פאר דעם „ירגיז אדם יצר טוב על יצר הרע". און מיט דעם וואָס ער וועט האלטען אַן אינשורענס פאליסי, וועט ער דאָך ביי יעדער איינצאָלונג זיך דער־מאָנען אין טויט, און אלס א פרומער איד וועט דאָך דיזע דערמאָנונג העלפען פארשטאַרקען זיינע רעליגיעזע סענטימענטען.

עס זעהט דעריבער ניט אויס אז דער ענין רעליגיע זאָל אויף וועלכען עס איז אופן זיין אַ סתירה צו דער אינשורענס אידעע.

אַ צווייטער טיפּ מענש איז ווידער פאראן וואָס באַציהט זיך נעגאַטיוו צו אינשורענס אויס אַ נ ע ר װ ע ז ע ר סבה. ביי איהם איז אינשורענס גע'פסל'ט געוואָרען דוקא דערפאר וואָס עס דערמאָנט אין טויט און די דאָזיגע עראינערונג וואַרפט אויף איהם אַרויף אַ מרה שחורה און אַ שרעק.

עס קומט אלזאָ אויס אַז דאָס ניט האָבען קיין אינשורענס איז אַ מין סגולה צו אריכת ימים. די דאָזיגע מענשען פאַרגעסען אַז ניט דער טויט איז אַ רעזולטאַט פון אינשורענס נור פארקעהרט, און ממילא איז ניטאָ קיין אורזאכע פאר וואָס אינשורענס זאָל אָנוואַרפען אַ טויט שרעק...

פאר די דאָזיגע מענשען וואָלט געווען א פשוט'ע עצה, צו נעה־מען דעם מעדעצינישען אינשורענס טעסט וועלכען זיי וועלען וואַר־שיינליך ניט קענען פאַסען. דער אינשורענס דאָקטאָר וועט זיי פסל'ן צוליעב זייער נערוועזען שוועכע, וועט דאַן ערשט, דאָס ניט קענען נעהמען קיין אינשורענס אויף זיי, אַרויפוואַרפען אַ טויט שרעק . . . וועלען זיי זיך דעמאָלט נעהמען ערנסט אויסצוקורירען זייער נערוועזען

שוואַכקייט, און נאָכהער וועלען זיי שוין ממילא אַליין וועלען קריגען אינשורענס . . .

אזוי צי אזוי, אינשורענס איז איינע פון די וויכטיגסטע לע־בענס נויטיגקייטען און די וואָס וואקלען זיך דערין דארפען דערצו ערמוטיגט ווערען פון זייערע נאָהנטע פריינד וועלכע קענען אויף זיי אויסאיבען אַן איינפלוס.

נ

„ויהי בבקר והנה לאה"

מען זאָגט נאָך פון אלטע צדיקים'ס וועגען, אז זיי האָבען שטרענג פארזאָגט זייערע חסידים אז ווען עס האנדעלט זיך אין ענינים פון שידוכים זאָל מען זיך היטען ניט אוועקצומאכען מיט'ן האנט אירגענד וועלכען שידוך וואָס מען שלאָגט פאָר פאר זייערם אַ קינד, ווייל אויב אפילו דער באַשערטער זיווג קען דאָך נור זיין א י י נ ע ר. איז אָבער אמאָל אָנגעצייכענט פון הימעל אַז ביז דער אמת'ער באַשערטער זאָל קומען, דארפען פריהער דורכגעהן פאר־שידענע פאַרגעשלאָגענע אנדערע זיווגים ווען אפילו עס לאָזט זיך פון זיי גאָר ניט אוים. יענע זיינען אין דער בחינה פון אַ „וכי תימא" אין דער גמרא וואָס כאָטש עס בלייבט נישט דערביי, פארנעהמט עס פונדעסטוועגען אַ חשוב'ען פלאַץ אין דעם משא ומתן פון דער סוגיא.

עס פארשטעהט זיך דעריבער אז אויב לויט דיזער חסיד'ישער טראדיציע זיינען אפילו די „הוה אמינא'ס" פון זיווגים אויך בהשגחה, אַ פשיטא שוין די „מסקנא", עס הייסט, דער שידוך ביי וועלכען מען האָט זיך שוין אָפגעשטעלט און איז שוין יאָ צושטאַנד געקומען, אזא איז דאָך געוויס מן השמים, אָהן אונטערשיד צי דאָס איז דורכגע־פיהרט געוואָרען דורך פאַרמיטלונג פון שדכנים אָדער מיט דער הילף פון ליעבע ווי עס פיהרט זיך היינט אין דער מאָדערנער וועלט.

פון אַ טראדיציאָנעלען שטאַנדפונקט לאָזט זיך דאָס דאָזיגע גאָר ניט דיסקוטירען. אַ טראדיציאָנעלער איד גלויבט באמונה שלימה אין דעם מאמר חז"ל, לויט וועלכען עס קומט אוים אז נאָך לאנג איידער דאָס קינד קומט אויף דער וועלט ווערט שוין אין הימעל באַשטימט ווער זיין אָדער איהר זיווג זאָל זיין און „ארבעים יום קודם יצירת הולד מכריזים בת פלוני לפלוני".

אין זיין וואונדערבאַרע ערצעהלונג „די אידישע מלוכה ביים

טייך וואלגא" שילדערט שאול ספיר אויף א קינסטלערישען אופן דעם וכוח וואָס איז פאָרגעקומען צווישען דעם קאליף פון קאָרדאָוואָ און זיין אידישען הויפט מיניסטער חסדאי אבן שפרוט טאָקע וועגען דעם ענין פון באַשערטקייט אין שידוכים. דער אידישער חסדאי איז געשטאַנען פעסט ביי זיין באַהויפטונג אז „שידוכים" איז אַ הימעל זאַך, אַ באַשערטקייט און דער באַשערטער זיווג קומט צום מענשען פון איין עק וועלט צו דער אַנדערער אפילו ווען דאָס דאָזיגע דאַרף גע-שעהן ניט מיט קיין נאַטירליכען וועג נור בדרך נס.

דער קאליף, געשטיצט פון זיינע אנדערע ניט-אידישע מינים-טאָרען, האָט אָבער ניט געטיילט די דאָזיגע מיינונג.

צו יענער צייט איז חסדאי געווען אַ חתן פאַר דער באַריהמ-טער שושנה די טאָכטער פון קאָרדאָווער ראש הקהל רבי שמואל, אין וועמען חסדאי איז געווען שטאַרק פאַרליעבט.

אלס רעזולטאַט פון די היציגע דעבאַטע צווישען דעם קאליף און חסדאי ביי וועלכע דער לעצטער איז, ווי געזאָגט, געווען פעלזען שטאַרק און ניט געוואָלט אויף אַ האָר זיין נאָכגעביג אין באַצוג צו באַשערטקייט, האָט דער קאליף, אויף דער עצה פון זיינע אנדערע מיניסטאָרען, פאַרבאָטען חסדאי'ן זיך צו באגעגענען מיט זיין כלה און איהר אויך ניט לאָזען וויסען אָדער אפילו געבען אַ רמז'דיגע אָנ-צוהערעניש פאַר וואָס ער האָט איהר פלוצלונג פאַרלאָזען. דאָס דאָ-זיגע זאָל אָנהאַלטען אזוי לאַנג ביז חסדאי וועט זיין אימשטאַנד אי-בערצייגען דעם קאליף מיט אונשטרייטבארע באַווייזע, אז זיין באַ-הויפטונג איז אַ ריכטיגע, אָדער ער זאָל זיך אונטערגעבען און עפענט-ליך ערקלעהרען אז זיין באַהויפטונג איז פאַלש. חסדאי האָט זיך גע-מוזט אונטערוואַרפען דעם קאליפ'ס גזירה דורך א שבועה וואָס דער קאליף האָט איהם געגעבען.

וואָכענלאַנג זיינען אריבער, און חסדאי האָט ניט געזעהן זיין ליעבע שושנה. דער צער פון ביידען איז זיך קוים מעגליך געווען פאָרצושטעלען, אָבער א שבועה איז אַ שבועה און מען מוז איהר פינקטליך אויספיהרען. קיין לעבעדיגע אומבאַשטרייטבארע באַווייזע האָט נאָך חסדאי ניט געהאַט מיט וועלכע ער זאָל קענען איבערצייגען דעם קאליף אין דער ריכטיגקייט פון זיין באַהויפטונג, סיידען ער זאָל

צוליעב זיין ברענענדיגע ליעבע צו שושנה'ן באַשליסען זיך אונטער־צוגעבען און צוריקציהען זיין באַהויפּטונג. דאָס וואָלט דאָך אָבער געווען זעלבסטפאַרלייקענונג און אויך אַ פאַרלעצונג פון זיין טראַדיציע און אמונת חכמים, זאַכען וועלכע קענען ניט באַזיעגט ווערען אפילו פון אזא שטאַרקע און הייליגע ליעבע ווי ער, חסדאי, האָט געפיהלט צו זיין שושנה'ן.

האָט ער געליטען און געשוויגען, געשוויגען און געליטען. דער קאַליף אָבער האָט ניט געקענט פאַרטראָגען דעם גרויסען צער פון זיין באַליבטען הויפּט מיניסטער, און האָט אליין געזוכט אַן אויסוועג דורך וועלכען ער זאָל ענדליך קענען ארונטערנעהמען די שבועה פון חסדאי'ן, און אויך דאָ זיינען איהם די אנדערע מיניסטאָרען געקומען צו הילף.

זיי האָבען פאַלגליך דעם קאַליף געראָטען אָפּצוטאָן זיין הויפּט מיניסטער אזא שפּיצעל וואָס וועט מוזען ברעכען זיין עקשנות, און ער וועט אליין מוזען צוגעבען אז זיין באַהויפּטונג וועגען באַשערט־קייט אין שידוכים איז דורכאויס פאַלש.

דער „שפּיצעל" איז באַשטאַנען אין דעם: דער קאַליף זאָל ארויסגעהן אויף זיין גאַניק (באַלקאָן) וואָס קוקט ארונטער צו דער גאַס, און די ערשטע פרוי וואָס וועט דעמאָלט פאַרבייגעהן דעם קאַליפ'ס פּאַלאַץ, זאָל אריינגערופען ווערען אינעווייניג און מיט איהר זאָל דער קאַליף איבערשיקען אַ בריף צו חסדאי'ן אין וועלכען עס זאָל זיין אַ שטרענגער באַפעל צו איהם זאָפאָרט מיט דער דאָזיגער פרוי חתונה צו האָבען, און גלייך נאָך דער חופּה קומען מיט איהר צוזאמען אין קאַליפ'ס פּאַלאַץ וואו אַ גרויסאַרטיגע „חופּה וועטשערע" וועט פאַר זיי זיין צוגעגרייט.

דער חשבון איז געווען אז דורכדעם וועט זיך חסדאי אליין איבערצייגען אז זיין גלויבען אין באַשערטקייט איז א פאַלשער. דען ער, חסדאי, גלויבט דאָך אז שושנה איז זיין באַשערטע און צום סוף וועט ער גאָר אויסגעפינען אז ניט מיט שושנה'ן האָט ער חתונה געהאַט נור מיט אַן אנדערע... ער וועט דאַן מוזען צוגעבען זיין טעות און אזוי ארום וועט די שבועה בטל מאַכען די חתונה מיט דער פרעמדער פרוי און חסדאי וועט צוריק נעהמען זיין געליעבטע.

דער קאליף האָט אזוי געטאָן און די ערשטע פרוי וואָס איז פאַרבייגעגאנגען זיין פאלאץ איז געווען אן אלטע זיבעציג יעהריגע וועשערין. זי איז גלייך ארייגערופען געוואָרען צום קאליף און דער בריף איז דורך איהר, א פארזיגעלטער, איבערגעשיקט געוואָרען צום הויפּט מיניסטער.

מאַכט זיך אָבער אז אין פארלויף פון די לאנגע וואָכען וואָס זיינען דערווייל פאַרבייגעלאָפען זינט דעם קאליפ׳ס פארבאָט איז ארויפגעלייגט געוואָרען אויף חסדאי׳ן זיך ניט צו זעהן מיט שושנה׳ן, האָט צווישען עפּעס געשעהן אן אומגליק מיט ר׳ שמואל׳ן, שושנה׳ס פאָטער. ער, ר׳ שמואל, איז געווען פאררזייט צוליעב געשעפטס אַנ־געלעגענהייטען און איז אויפ׳ן וועג געפאנגען געוואָרען דורך אַ באַנדע שקלאפען הענדלער וועלכע האָבען געשיקט געהיימע שליחים צו ר׳ שמואל׳ס פאמיליע און פארלאַנגט ריעזיגע סומען געלט פאר זיין באַפרייאונג.

די פארצווייפלונג אין ר׳ שמואל׳ס הויז איז געווען אויסער־געוועהנליך מורא׳דיג. דאָס איז געווען א צוגאָב צום גרויסען וועה־טאָג און שאנדע פון חסדאי׳ס פלוצליכען פארלאָזען שושנה׳ן; און כאָטש די וואונדערליכע באַגאבטע שושנה איז געווען צו שטאָלץ ביי זיך אויף געהן צו חסדאי׳ן און אויסגעפינען די אורזאך פון זיין זאָנ־דערבאַרע האנדלונג, ווען עס איז אָבער געקומען דער אומגליקס־פאל מיט איהר ליעבען פאָטער, האָט זי ענדליך באַשלאָסען יאָ צו געהן צו איהר געוועזענעם חתן כדי דורך איהם מעגליך געפינען אַ וועג וואָס זאָל פיהרען צו ר׳ שמואל׳ס באַפרייאונג. עס איז איהר נאַטירליך גאַנץ שווער אָנגעקומען ביז זי האָט זיך דארויף באשלאָ־סען, זי האָט אָבער אין איהר גרויס פארצווייפלונג קיין אנדער ברירה ניט געהאַט.

אין א געוויסען פריהמאָרגען זעהען מיר שושנה׳ן אין דער רייהע צווישען צעהנדליג אנדערע מענשען וועלכע האָבען אומגעדול־דיג געוואַרט ביים הויפּט מיניסטער׳ס פּאַלאַץ, צו קענען אריינקומען און פון איהם אויפגענומען ווערען מיט זייערע פארשידענע בקשות. יעדערער האָט נאַטירליך געמוזט וואַרטען פאר זיין „נעקסט" און די

אונטערשטע אין די רייהע האָבען געקענט אַפּוואַרטען שטונדען לאַנג ביז זייער נעקסט איז געקומען.

אין יענעם פריהמאָרגען האָט זיך אין דער לאַנגער שורה ביים הויפּט מיניסטער׳ס פּאַלאַץ אויך געפונען די אַלטע וועשערקע וועלכע איז געקומען דורכפיהרען איהר שליחות איבערצוגעבען חסדאי׳ן דעם קאַליפ׳ס בריף. עס איז גראַדע אַזוי אויסגעקומען אז איהר פּלאַץ אין דער רייהע איז געווען פונקט אונטער שושנה׳ן און עס וואָלט נאָך געדאַרפט נעהמען גאַנץ לאַנג ביז איהר נעקסט וועט קומען.

איז נעבאַך די אַלטע שוואַכע פרוי געשטאַנען און זיך קוים געהאַלטען אויף איהרע פיס און האָט דערביי פון צייט צו צייט אַ שטאַרקען קרעכץ געטאָן. דאָס האָט ארויסגערופען שושנה׳ס רחמנות און זי האָט דער אַלטיטשקער אָנגעבאָטען איהר אייגענעם פּלאַץ כדי דאַמיט איהר אביסעל פאַרגרינגערען זי זאָל ניט דאַרפען אַזוי לאַנג וואַרטען. די פרוי האָט האַרציג באַדאַנקט די יונגע פריילין פאַר איהר פריינדליכקייט און זיי האָבען זיך געביטען מיט זייערע פּלעצער.

אָבער אויך אויף שושנה׳ס פּלאַץ האָט נאָך די אַלטע געדאַרפט לאַנג וואַרטען ביז איהר רייהע וועט קומען, און זי האָט שיעור ניט צוזאַמענגעבראָכען.

ענדליך האָט זיך די זקנה מיישב געווען און געבעטען שושנה׳ן פּילייכט איז מעגליך, אַז זי זאָל איהר אין גאַנצען איינשפּאָרען דעם שטעהן אין דער רייהע. היות, זאָגט זי צו איהר, זי אַליין האָט קיין פּערזענליכע בקשה ניט צום הויפּט מיניסטער, זי דאַרף איהם בלויז איבערגעבען אַ פאַרזיגעלטען בריף און היות זי דערקענט אין דער מיידעל אז זי איז זעהר אַן עדעל קינד, וועט זי אפשר זיין פריינדליך גענוג און ביי איהר איבערנעהמען דעם בריף פאַר׳ן מיניסטער און דאַמיט איהר אין גאַנצען באַפרייען פון שטעהן אין אנגסטען און וואַר־טען פאַר איהר נעקסט.

שושנה האָט געהרען ערפילט איהר פאַרלאַנג, האָט ביי איהר איבערגענומען דעם בריף און די אַלטיטשקע האָט זיך מאָמענטאַל ארויסגערוקט פון דער רייהע און אַוועקגעגאַנגען אהיים.

ווען שושנה איז ענדליך אריינגעקומען צו חסדאי׳ן איז דער לעצטער אַ פאַרציטערטער געוואָרען און ערשטוינט ביז גאָר אויף

דער פלוצליכער באגעגעניש. ער האָט זיך אָבער אויגענבליקליך דער־מאָנט אין זיין שבועה און האָט זיך מיט אלע כחות קאָנטראָלירט צו בלייבען כלומר׳שט גלייכגילטיג.

שושנה ווידער, האָט געהאט פאראוים באשלאָסען זי זאָל קיין מינדעסטע אָנצוהערעניש איהם ניט געבען וועגען איהר ערשטוינונג אין באצוג צו זייערע פערזענליכע באציהונגען, נור זאָל בלויז איהם איבערגעבען איהר בקשה אין פארבינדונג פון איהר פאָטער׳ס אומ־גליק.

צום אלעם ערשטען אָבער האָט זי איהם דערלאנגט דעם קא־ליפ׳ס בריף וואָס די אלטע וועשערקע האָט איהר איבערגעגעבען. דערזעהענדיג אז דער בריף קומט פון קאליף, האָט חסדאי אָהנע צו רעדען א וואָרט גלייך דעם בריף געעפענט, און אזוי שנעל ווי ער האָט איבערגעלייענט זיין אינהאלט, איז ער ארויפגעפאלען שושנה׳ן אויפ׳ן האַלז און איהר אין קורצען מיטגעטיילט דעם קאליפ׳ס שטרענגען באפויל אז ער מוז מיט איהר גלייך חופה שטעלען און זאָפאָרט צו־זאמען מיט איהר קומען אין קאליפ׳ס פאלאץ.

שושנה איז געבליבען פארגאַפט און שטאַרק צוטומעלט אזוי אז זי האָט אויפ׳ן מאָמענט לגמרי פארגעסען צוליב וואָס אייגענטליך זי איז אהער געקומען, און האָט זיך צוזאמען מיט חסדאי׳ן אריינגע־זעצט אין זיין רייכען עקיפאַזש און שנעל אריבערגעפאָהרען צום קארדאווער רב, וועלכער האָט זיי גלייך געגעבען חופה־קידושין און פון דאָרט זיינען זיי שנעל אָפגעפאָהרען צום קאַליפ׳ס פאלאץ, וואו דער קאליף מיט זיין גאנצער סוויטע האָבען שוין אומגעדולדיג געוואַרט צו זעהן ווי דער אָפגעטאָנענער שפיצעל האָט „געארבייט״, און ווי חסדאי קומט איצט אַ באַזיגטער מודה צו זיין אז זיין באַהויפּטונג איז פאלש.

ווי ערשטוינט איז אָבער דער קאליף געוואָרען ווען ער האָט דערזעהן חסדאי׳ן ארויסשטייגען פון זיין עקיפאַזש אין דער באַגליי־טונג פון זיין געליעבטע כלה שושנה...

עס האָט ניט לאַנג גענומען און דעם קאליף איז קלאָהר גע־וואָרען וואָס דאָ איז געשעהן, און אז ניט חסדאי איז דער באַזיעגטער נור ער אליין, דער קאליף. דער שטאָלצער קאליף האָט מיט שטרא־

לענדער פרייד צוגעגעבען אז חסדאי׳ן איז ענדליך געלונגען איהם איבערצוצייגען אז זיין גלויבען אין באשערטקייט איז טאַקע אמת און אומבאשטרייטבאר.

מיר האָבען די וואונדערבארע געשיכטע פאַרצייכענט, ראשית ווייל זי איז אַן און פאַר זיך זעהר שפּאַנענד און זעהר פאַרטרעפליך ארויסגעבראכט געוואָרען פון דעם שרייבער׳ס קינסטלערשע פעדער. און שנית, דערפאַר וואָס דיזע שילדערונג באַקרעפטיגט דעם שטאַנד־פּונקט פון דער אידיש רעליגיעזער טראַדיציע אז דער ענין שידוכים איז דורכאויס אַ הימעל זאך און אז אויב דער אמת׳ער זיווג קומט דורך באַשערטקייט, איז אויך דאָ געוויסע „באַשערטקייט״ אין דאָס וואָס מיר האָבען אויבען באצייכענט מיט׳ן נאָמען די „הוה אמינא״ אָדער „וכי תימא״ זיווגים. חסדאי׳ס וועשערקע געהער צו דעם דאָזיגען פּראָצעס, דאָס גופא געהער אויך צו באַשערטקייט...

אָבער ווי זאָגט ערגעץ אַ באַקאַנטער אידישער שרייבער: „וואצו ראָמאַנען אז דער לעבען אליין איז דער בעסטער ראָמאַן״.

יאָ, אזוי איז עס טאַקע. עס טרעפען מאַנכעס מאָל אין לעבען אַזעלכע געשעהענישען וואָס זיינען ניט וויניגער שפּאַנענד פאַר דעם שפּאַנענדסטען אויסגעטראַכטען ראָמאַן.

איינע פון אַזעלכע געשעהענישען איז פאַר אונז לעצטענס פאַר־געקומען, וואָס פון איין זייט איז עס א מאָדערנע ווידערהאָלונג פון דער אלטער געשיכטע ביי יעקב מיט לבנ׳ען — „ויהי בבקר והנה לאה״; און פון דער צווייטער זייט באַשטעטיגט עס אויך די טראַ־דיציע פון באַשערטקייט און דעם פּראָצעס פון זיווגים.

מיר גיבען איבער די געשיכטע וואָרט פאַר וואָרט ווי אזוי זי איז אונז דערצעהלט געוואָרען:

„איך בין אָנגעקומען אין אמעריקא אלס יונגער אינגעל — האָט אָנגעפאַנגען זיין דערצעהלונג אַן אַלטער בכבוד׳יגער איד וואָס איז זיך מיט אונז געקומען בעראַטען ווי צו האַנדלען אין א זעהר דעליקאַטען פאַמיליע ענין, — האָב דאָ שטודירט און ס׳איז מיר געגאַנגען גוט אין אלע הינזיכטען. אין איירעָפּאַ האָב איך אי־בערגעלאָזען א כלה וועמען איך האָב שטאַרק געליעבט, און כ׳האָב

גערעכענט ביי דער ערשטער געלעגענהייט נאָך מיין איינאָרדענען זיך אין דער נייער מדינה, איהר אריבערצובערענגען.

איך האָב טאַקע מיינם מקיים געווען און אװעקגעשריבען מיין מחותן, דער מיידעל'ס פאָטער, אז אזוי ווי איך בין שוין דאָ גאַנץ גיש-קשה'דיג איינגעאָרדענט, בין איך וויליג צו שיקען געגוג געלט פאר א שיפס קאַרטע, פאר אויסקליידונג און פאר אלע אנדערע נויטיגע הוצאות און ווארט נור פאר זיין הסכמה. די הסכמה איז טאַקע גע-קומען און אז איך האָב געקראָגען די דאָזיגע צושטימונג, האָב איך ניט געווארט קיין איבעריגען טאָג און האָב זאָפאָרט איבערגעשיקט טעלעגראַפיש א גאָר חשוב'ע סומע וואָס זאָל זיין גענוג פאר דער גאנצער אויסשטאַטונג.

איך האָב דאן געווארט מיט דער גרעסטער אומגעדולדיגקייט פאר דעם גליקליכען טאָג ווען די שיף וועט מיר ברענגען מיין ליעבעס-ווירדיגע כלה. און אז מען ווארט, דערווארט מען זיך. א טעלעגראַ-פישע מעלדונג פון מיין מחותן האָט מיר אינפאָרמירט מיט וועלכע שיף זי איז ארויסגעפאָהרען, און אן איבערגליקליכער פון פרייד האָב איך זיך אויסגעפוצט יום טוב'דיג און געגאנגען עמפפאנגען מיין כלה ווען די שיף איז אָנגעקומען אין נויאָרק.

מיט א קלאָפּענדיגע הארץ, איבערפילט מיט גרעניצלאָזע שמחה, האָב איך געצעהלט יעדער מינוט פון יענע עטליכע מאָרגען שטונדען וואָס איך בין געשטאַנען ביים דיפּאָ און געווארט ביז די שיף וועט אנקערען ביי די ניואָרקער ברעגען, און איך וועל קענען זיין פון די ערשטע ארויפשטייגען אויפ'ן שיף און מקבל פנים זיין די פערזאָן וועלכע איז מיר געווען טייערער פאר מיין אייגענעם לעבען.

די גליקליכע מינוט איז ענדליך געקומען; איך בין ארויף אויף דער שיף, אָבער ווי ערשטוינט און שאָקירט בין איך געוואָרען אז אָנשטאָט צו עמפפאנגען מיין כלה האָב איך עמפפאנגען איהר על-טערע שוועסטער...

איך בין שיעור אין חלשות אוועקגעפאלען. איך האָב אָבער געפיהלט אז דאָ האנדעלט זיך אין שפיכות דמים פון אן עלענדע מיי-דעל, האָב איך דעריבער מיט אלע כחות זיך קאָנטראָלירט און זיך

באַמיהט ארויסצוציינגען אזוי פיעל העפליכקייט וויפיל איך בין נור אימשטאַנד געווען אונטער די אומשטענדען.

די מיידעל האָט אָבער גלייך דערקענט אין מיר מיין ערשטוי־נונג און פאַרצווייפלונג, איבערהויפּט נאָכדעם ווי זי האָט געזעהן אז איך האָב איהר אריינגעפיהרט אין עפּעס א האָטעל, אנשטאט איהר צו ברענגען צו מיינע פריינד און פאַרוואַנדטע.

האָט די דאָזיגע מיידעל „גענומען די לאגע אין איהרע אייגענע הענט" און האָט זיך פאַרמאָסטען מיט אלע כחות מיר צו געווינען. ראשית, האָט זי פאַרזיכערט, אז זי איז אין מיר שוין לאנג פאַרליעבט און אז איהר ליעבע איז א פיעל מעהר אויפריכטיגע ווי די פון איהר אינגערע שוועסטער; אַ באַווייז דערצו וואָס איהר שוועסטער האָט גאָר ניט געוואָלט פאָהרען צו איהם און האָט זיך שוין דאָרטען באַ־קענט מיט אַן אנדער בחור און פון איהם טראַכט זי שוין גאָר ניט; וועהרענד זי האָט געכאַפּט הענדום פענדום און איז יאָ געקומען צו לויפען, כאָטש זי האָט גאַנץ גוט געוואוסט אז זי נעהמט דערמיט א גאָר געוואגטען שאַנס און אז עס קען איהר ערווארטען אַ ביטערע אַנטוישונג. אויף׳ן הונדערטסטען פאַל אָבער, טאָמער וועט זי איהם דאָך קענען געווינען, האָט זי אלץ איינגעשטעלט און דעם שאַנס יאָ גענומען. איז דאָך דאָס אליין דער שטאַרקסטער באַווייז ווי אזוי זי ליעבט איהם. פאַרדינט אזא אויפריכטיגע ליעבע, גלויבט זי, אָפּגע־שאַצט צו ווערען און געענטפערט צו ווערען געגענזייטיג.

והשנית, גלויבט זי אויך, אז אַן און פאַר זיך דאַרף זי אויך ניט איגנאָרירט ווערען, ווייל אויך זי, כאָטש אפשר ניט אזא קראַ־סאַוויצע ווי איהר אינגערע שוועסטער, איז זי אָבער אויך ניט קיין „קטלא קניא" און באַזיצט נאָך גענוג שעהנקייט אויף צו קענען זיך אין איהר פאַרליעבען; שוין אָפּגערעדט פון איהרע אַנדערע מעלות מיט וועלכע זי שטייגט נאָך אריבער איהר שוועסטער.

האָט אזוי האָט מיין כלה׳ס שוועסטער אוועקגעלייגט פאַר מיר אַ מענה לשון וואָס איז על פי שכל געווען שווער אָפּצואווענדען, און אפילו „על פי הארץ" האָבען איהרע ווערטער אויך געפונען אַ היבשען אָפּקלאַנג, ווייל אין אמת׳ן איז זי טאַקע געווען א גאַנץ

שעהנע מיידעל אין וועלכע מען האָט זיך טאַקע געקענט גאַנץ לייכט פארליעבען.

איהר טאַקטיק איז איבערהויפּט געווען קלוג און אינטעלי־גענט. זי האָט נעמליך פון מיר פארלאנגט איך זאָל איהר בלויז ניט מרחק זיין און איהר ניט אורטיילען פון ערשטען אימפּולסיווען איינ־דרוק. איך וויל אויף אייך ניט אויסאיבען —זאָגט זי צו מיר — קיין דרוק פון אן אגרעסיווען כאראקטער. אדרבה פּרובירט אָנהאַל־טען מיט מיר אן ענגען קאָנטאַקט פון א בלויז געגענזייטיגע פריינד־שאַפט פאַר אַ שטיקעל צייט, און אויב איהר וועט אויסגעפינען אז איהר האָט מיר ניט ליעב, וועט איהר מיר דאן פארלאָזען און איך וועל אייך אפילו מיט דאנק ארויסצאָלען אלץ וואָס איהר האָט אויס־געגעבען אין פארבינדונג מיט מיין רייזע.

איך בין טאַקע אמת שטארק אויפגעבראכט געווען אויף מיין מחותן פאר דעם וואָס ער האָט מיר אזוי מיאוס אָפּגענארט אויסבייי־טענדיג „רחל׳ן״ אויף „לאה׳ן״... די דאָזיגע „לאה״ האָט מיר אָבער דאָך מנצח געווען און איך האָב באשלאָסען אָנצונעהמען איהר פאָר־שלאג און אויספּרובירען פאר איינצע מאָנאַטען אויב איך וועל קע־נען גינסטיג ענטפערען אויף איהר ליעבע.

די פּראָבע איז געלונגען. די מיידעל האָט פון טאָג צו טאָג אלץ מעהר געוואונען מיין הארץ, און נאָך איידער עס זיינען פארלאָפען עטליכע חדשים זיינען מיר שוין צו מזל געוואָרען מאן און ווייב כדת משה וישראל.

איך בין מיט מיין ווייבעל געווען אזוי צופרידען אז אָנשטאָט צו מאַכען איהר פאָטער ביטערען פאָרוואורף פאר זיין האנדלונג, האָב איך איהם גאָר געשריבען אַ סענטימענטאלען בריף מיט הארציגען דאנק פאר אריבערשיקען מיר זיין טאָכטער וועלכע האָט אריינגע־בראכט אייביגען גליק און פרייד אין מיין לעבען.

די יאָהרען זיינען דערווייל געלאָפען. אונזער גליקליכער היי־ראט האָט אונז געבראכט טייערע און שעהנע פרוכט. עס זיינען גע־קומען אויף דער וועלט זיסע געראָטענע קינדערלאך וועלכע האָבען נאָך פיעל מעהר געהאָלפען צו פארזיסען אונזער פאמיליען לעבען און אונזער פאמיליען גליק איז גאָר ניט געווען אָפּצושאצען.

די קינדער זיינען אויפגעוואקסען און מיר האָבען דערלעבט פון זיי אמת אידישען נחת ווי נור טאַטע-מאַמע קענען זיך ווינשען.

אָבער דאָ האָט פּלוצלונג געטראָפען אן אומגליק. מיין טייערע פרוי איז מיטאַמאָל קראנק געוואָרען און א קורצע צייט נאָכדעם איז זי אָפּגעשטאָרבען.

עס איז איבעריג צו זאָגען וואָס פאר אַ וואונד דער דאָזיגער בראָך האָט איבערגעלאָזען אין מיין הארצען, אָבער פארפאלען, ה׳ נתן וה׳ לקח. מיר האָבען אלע פיעל געטרויערט און באַקלאָגט אונזער אומגליק, אָבער די צייט וואָס היילט אלע וואונדען האָט אויך אונזער וואונד ביסלעכווייז אָנגעהויבען טהיילווייז פארהיילען.

זייענדיג נאָך אין די מיטעלע יאָהרען און די קינדער זיינען שוין כמעט אלע געווען פארהייראַט, האָב איך אָנגעהויבען דערשפּירען מיין עלענד און איינזאַמקייט און כ׳האָב ענדליך דעריבער באשלאָסען צו זוכען מיין זיווג שני און צוריק אויפבויען מיין פאמיליען הויז. איך האָב דערצו אויך געהאָט די פולשטענדיגע הסכמה פון מיינע קינדער וועלכע האָבען מיט מיר מיטגעפיהלט מיין צובראָכענעם לע-בען און האָבען גענארט מיך צו זעהן צוריק איינגעאָרדענט מיט מיין באַלעבאַטישקייט.

איך האָב ניט געוואָלט אָנקומען צו קיין שדכנים, האָב איך עס געטאָן דורך א צייטונגס נאָטיץ וואו איך האָב אויסגעדריקט מיין וואונש און פארלאנג, און וואָס איך זוך אין דער פרוי מיט וועלכע איך וויל זיך אויסלעבען מיינע רעשטע ביסעל יאָהרען.

אַ מבול פון בריף האָט אָנגעהויבען צו שטראָמען פון צעהנד-ליגער פרויען וואָס האָבען זיך אָפּגערופען אויף דעם נאָטיץ און האָבען זיך באַטראכט פאר פאסענדע קאנדידאטקעס צו ווערען מיין לעבענס באַגלייטער. צווישען די בריף איז געווען איינער פון אן אלמנה פון אויסער נויאָרק וואָס האָט מעהר ווי אלע צוגעצויגען מיין אויפמערקזאמקייט, צוליב זיין אויפריכטיגען טאָן און זעהר אינטע-ליגענטען סטיל. איך האָב זיך אויף יענעם בריף אָפּגעשטעלט און געענטפערט אז איך וועל קירצליך ארויספאָהרען צו איהר. אז איך בין געקומען האָב איך אויסגעפונען אז מיין השערה האָט מיר טאַקע ניט אָפּגענארט. זי איז געווען די פרוי וואָס מיין פאנטאַזיע האָט

פאַר מיר געמאַהלען. דער ערשטער געשפרעך אונזערער איז געווען געענוג אויף מיר צו פאַראינטערעסירען אין איהר. איך האָב אויך גע־קענט זעהן אז די פרוי איז אין מיר אויך ערנסט פאַראינטערעסירט, און עס האָט טאַקע ניט גענומען צו לאנג און מיר האָבען געשטעלט אַ חופּה און מיין אלטע באַלעבאַטישקייט האָט צוריק אָנגעהויבען אויפצולעבען.

איך האָב זיך געפיהלט גליקליך וואָס דער אויבערשטער האָט מיר צוגעשיקט דעם זיווג שני אזא וואָס מיין הארץ האָט געגלוסט און מיין צובראָכענער געמיט איז דאדורך צוריק אויפגעמונטערט און באַלעבט געוואָרען.

אין הויז איז געהאנגען א בילד פון מיין ערשטער פרוי, און עס איז מיר אויסגעקומען אז אפשר איז עס ניט ראטזאם די בילד צו לאָזען הענגען אויך איצט, האָב איך גלייך דעם ערשטען טאָג די בילד אומבאמערקט ארונטערגענומען און איהר פארשטעקט ערגעץ אין א פארבאָרגענעם ווינקעל.

ווי איבערראשט בין איך אָבער געוואָרען אז אויף מאָרגען האָב איך די בילד ווידער געפונען הענגען אויפ'ן פריהעריגען פלאץ. איך האָב ניט פארשטאַנען ווער דאָס האָט געקענט טאָן און האָב זיך דעריבער געפונען אביסעל אין א פארלעגענהייט. מיין פרוי האָט מיר אָבער ארויסגענומען פון דער פארלעגענהייט, און האָט מיר ער־קלעהרט אז אזוי ווי זי פארשטעהט איז די דאָזיגע בילד פון מיין פאַר־שטאָרבענער פרוי, האָט זי דעריבער געפיהלט אז איהר כבוד טאָר ניט פארשוועכט ווערען און האָט דערפאר איהר צוריק אויפגעהאנגען אויפ'ן פריהעריגען פלאץ.

מיט דעם, פארשטעהט זיך, איז מיין פרוי נאָך מעהר דערהויי־בען געוואָרען אין מיינע אויגען און מיין פרייד האָט אלץ מעהר און מעהר געשטיגען.

מיין פרוי וועלכע איז, ווי געזאָגט, געווען פון אַן אנדער שטאָט האָט זי ביים אָנקומען אין נויאָרק נאָך ניט געהאַט באַוויזען מיט־צוברענגען איהרע זאכען און א טהייל פון איהר ווירטשאפט, און ערשט מיט ארום אַ וואָך שפּעטער זיינען איהרע זאכען אָנגעקומען. ביים אויספּאַקען איינעם פון איהרע קופערטס, איז פון דאָרט ארויס־

געפאַלען עפּעס א בילד, און ווי איבערראַשט בין איך געוואָרען צו זעהן אַז דאָס איז די בילד פון מיר מיט מיין ערשטער פרוי.

אויף מיין ערשטוינענדע פראגע, ווי דאָס דאָזיגע בילד קומט צו איהר, האָט מיין פרוי מיר געפּרואווט ערקלעהרען אַז זי האָט עס נאָך פון דער אלטער היים וואו זי האָט עס באַקומען אין יענער און יענער שטאָט. דערהערענדיג אַז דאָס איז טאַקע די שטאָט פון וואַנען מיין ערשטע פרוי איז געקומען, האָב איך מיין פרוי געפרעגט צו האָט זי ניט געקענט דעם און דעם, מיינענדיג מיין שווער ע"ה, דאַרויף האָט זי מיר געענטפערט אז יאָ, זי האָט איהם גאַנץ גוט געקענט און ביי איהם האָט זי טאַקע דאָס בילד באַקומען. סטייטש, זאָג איך, יענער איז דאָך געוועזן מיין שווער. יאָ, ענטפערט זי, זי ווייסט עס און אויב, זאָגט זי, צו דיר איז ער געוועזן אַ שווער איז ער צו מיר געוועזן אַ — טאַטע...

בקצור המעשה, עס איז מיר גלייך קלאָהר געוואָרען אַז די דאָזיגע פרוי איז טאַקע די אינגערע שוועסטער פון מיין ערשטע פרוי און מיין געוועזענע כלה פון דער אלטער היים, די „רחל" וואָס איז אויסגעביטען געוואָרען אויף „לאה'ן"...

מען קען זיך פאָרשטעלען וואָס פאַר אַן איבערראַשונג דאָס איז געוועזן פאַר מיר. איך האָב זיך געפיהלט פּונקט אַזוי גליקליך ווי אין דעם טאָג ווען זי איז מיין כלה געוואָרען מיט עטליכע צעהנדליג יאָהר צוריק. איך מוז אָבער זאָגען דעם אמת אַז אין די גרעסטע פרייד מיינע, האָט זיך אויך אריינגעכאַפּט אַ ביסעלע מרה שחורה טראָפּענס וואָס לאָזען מיר ניט באַקומען מיין שמחה. עס קומט מיר אויפ'ן געדאַנק אַז אפשר האָט מיין פרוי'ס טויט עפּעס געהאַט צו טאָן מיט דעם. איך בין אליין אַ טראַדיציאָנעלער איד, און גלויב אויפריכטיג אין באַשערטקייט פון זיווגים, טראַכט איך איבער אַז אפשר איז צוליב איהר, צוליב מיין ערשטע כלה, מיין ערשטע באַשערטע, מיין פרוי פון דער וועלט געגאַנגען כדי איהר ניט צו שטעהן אין וועג און מעגליך מאַכען אַז די „באַשערטקייט" זאָל ענדליך איהר תקון קריגען. איז כאָטש איך בין דאָך אין דעם גאָר ניט שולדיג, קען מיר פונדעסטוועגען ניט איינגעהן מיין פרייד ווען איך ווייס אַז דאָס איז פאַרבונדען מיט אַן אַנדערענס אומגליק.

מיינע קינדער האָב איך נאָך וועגען מיין „אנטדעקונג” ניט דער־צעהלט, טאַקע אויך מהאי טעמא טאָמער וועט עס אין זיי אויך ארויסרופען אַזעלכע טרויעריגע געפיהלען, און אָט טאַקע וועגען דעם — פארענדיגט דער איד — בין איך זיך געקומען מיט אייך באַ־ראַטען, צי יאָ אויסזאָגען די קינדער אָדער ניט, ווייל נאָכאַלעמען איז דאָך מיין איצטיגע פרוי זייער מוהמע, און עס קען גראדע זיין אז זיי וועלען אנדערש דארויף רעאגירען ווי איך דענק”.

האָבען מיר די דאָזיגע שפאַנענדע געשיכטע איבערגעגעבען, ווי געזאָגט, וואָרט פאר וואָרט אָהן וועלכע עס איז באַפּוצונגען, בלי כחל ובלי שרק. זי דארף קיין פירושים ניט. זי רעדט פאר זיך אליין און באשטעטיגט טאַקע אז „באַשערטקייט” איז עפּעס אַ זאך וואָס לאָזט זיך ניט אוועקמאַכען מיט׳ן האַנט.

דער מסבב הסיבות מאכט שוין אזוי אז די באַשערטע זאָלען זיך צוזאמענקומען פריהער אָדער שפּעטער, אויף אזא אָדער אזא אופן.

דעם אידען האָבען מיר געראטען דוקא יאָ צו אנטדעקען דעם סוד צו זיינע קינדער. מיר זיינען זיכער אז די רעאקציע וועט דוקא זיין אַ גינסטיגע. דען ווי מיר האָבען ארויסגעבראכט איז דאָך רעכט אז אפילו א „וכי תימא” זיווג זאָל אויך ארונטערפאלען אונטער די קאַטעגאָריע פון באשערטקייט, און געוויס איז דאָך ניט געדרונגען אז באַשערטקייט באַשטעהט נור אין א י י ן זיווג און ניט אין אַ זיווג שני אָדער אפילו אין אַ זיווג שלישי? מען דארף דעריבער ניט אָנ־הענגען אז בלויז די איצטיגע פרוי איז דעם אידענס באַשערטע און ניט די פריהעריגע. אויב יאָ גלויבען אין באַשערטקייט דארף דאָס זיין א גלויבען אויף דער גאנצער ליניע, מען דארף דעם גאנצען פּראָ־צעס אָנהענגען אין השגחה; אזוי האָט עס געדארפט און געמוזט זיין פון אלף ביז תיו, איז ממילא ניטאָ קיין אורזאכע פאר וואָס צו זיין באַאומרוהיגט. דאָ זיינען געווען צ ו ו י י באַשטערטקייטען, איינע אין דער עלטערער שוועסטער און איינע אין דער אינגערער, און ביידע באַשערטקייטען האָבען געדארפט פארווירקליכט ווערען לויט דעם ווי די השגחה האָט אין פאָראויס באַשטימט, און אזוי איז עס טאַקע געווען, איינס האָט ניט אָנגעריהרט דאָס צווייטע; יעדער באַ־

שערטע איז געקומען אין דער ריכטיגער צייט און אנדערש האָט עס ניט געקענט זיין.

סיי ווי אָבער האָט דער לעבען אליין אָנגעשריבען אָט דעם שפּאנענדען ראָמאן וועלכער איז זיכער ווערט פערמאנענט פארציי־כענט צו ווערען.

נא.

ולא עם הארץ חסיד

דער דאָזיגער ציטירטער זאַץ פון פרקי אבות, טראָגט מיט זיך אַרוים אַ וואונדערליכע לעהרע וואָס דאַרף דיענען אלס לייט-מאָטיוו אין דער מענשליכער מאָראל. עס ווייזט אונז אָן דעם אור-שפרינגליכען קוואל פון וואנען צו ציהען די רעהרען פאר דעם מאָ-ראליש עטהישען לעבען. עס צייגט אָן אז געזעצען און מדות, געבאָט און עטהיק, זיינען ניט קיין צוויי באזונדערע זאכען נור געהען שטענדיג האַנט און האַנט און איינס אָהן דאָס צווייטע קען ניט האָ-בען קיין אָנהאלט אין לעבען; מען קען ניט פיהרען קיין מאָראלישען לעבען אויב דער דאָזיגער מאָראל איז ניט באַגרינדעט אויף די געזעצ-ליכע פארשריפטען פון אונזער תורה.

דערמיט איז אונזער תורה אנדערש פון אנדערע ניט-אידישע תורות. אונזער תורה איז א תורת חיים, א תורה פון לעבען, איהרע געזעצען זיינען ניט קיין טרוקענע עטהיק. ס׳איז א אידישקייט מיט נשמה פעדים פון דער מענשליכער עטהיק. אידישקייט און מענשליכ-קייט, זיינען שמות נרדפים און זיינען אונטיילבאר. די אידישע תורה גיט דעם לערנער ניט בלויז בילדונג און וויסענשאפט נור אויך כאראק-טער און מענשליכקייט, און דערפאר אז מען לערנט ניט די תורה איז מען ניט נור בארויבט פון וויסענשאַפט נור אויך פון מענש-ליכקייט.

דאָס איז דער זין פון „ולא עם הארץ חסיד", מיט׳ן בעסטען ווילען צו זיין פרום און עהרליך, קען דאָס דאָזיגע ניט געשעהן אויב מען איז אן עם הארץ. אויב מען האָט די תורה ניט געלערנט. פרומ-קייט אָהן תורה איז ווי אויפשטעלען אַ בנין אָהן אַ יסוד וואָס איז צו יעדער צייט עלול איינצופאלען. תורה איז דער יסוד צו פרומקייט, דער פונדאמענט צו אלע מענשליכע גוטע זיטען און נור אזא פרומ-

קייט וואָס איז באַזירט אויף די תורה קען זיין א בת־קיימא און קען מיט זיך ארויסשטעלען דעם מוסטער מענש, דעם אדם העליון, מיט וועמעס ארט לעבען ער קען דיענען אלס ביישפיל פאר אנדערע. עם הארצות'שע פרומקייט אָבער, פעהלט אין איהר ניט בלויז די תורה, נור די פרומקייט אליין אויך — ולא עם הארץ חסיד!!

אילוסטרירטע ביישפילען זיינען פאראן גאַר אַ סך און זיינען צושפרייט אויף די שפאלטען פון אונזער פארצווייגטער ליטעראטור, אין תלמוד, אין מדרש און אין די צאָלרייכע ספרי מוסר.

גענוג צו ציטירען בלויז צוויי אזעלכע ביישפילען, וואָס וואר־פען א העלע ליכט אויף דעם דאָזיגען אמת, אז חסידות מיט עם הארצות קענען זיך ניט פאָרען צוזאַמען.

חסידות ווייסען מיר איז אַ שטאַרקע אָנהענגערין פון „מקוה". חסידים ואנשי מעשה פלעגען אימער זעהר נזהר זיין אין טבילה במקוה, ניט נור אין אזעלכע פעלע וואו דער שלחן ערוך פאראָרדערט עס ווי צום ביישפיל ערב יום כפור און ערב יום טוב, נור אפילו אויך אין אַ פשוט געוועהנליכען טאָג פאר אַ דאַוונען א. ד. ג. נו, וועט זיך קומען סתם א איד וואָס וויל זיך פיהרען בדרכי החסידות און וועט זיך קלעהרען: אויב געהן אין מקוה, דארף דאָך יום כפור פאר'ן דאַוונען אודאי זיין אַ מצוה זיך טובל זיין. וואָלט אָבער דער דאָזיגער איד ניט געווען קיין עם הארץ און וואָלט געווען באַקאַנט מיט'ן דין, וואָלט ער שוין אזא קל וחומר ניט געקענט אויספלעכטען, ער וואָלט געוואוסט אז מיט וועלען געהן יום־כפור אין מקוה, וועט ער ניט נור קיין חסיד ניט זיין נור א פשוט'ער עברין וואָס וואָלט עובר געווען אויף איינעם פון די חמשה ענויים מיט וועלכע דער יום כפור תענית איז פארבונדען.

אָדער דער ביישפיל וואָס די גמרא גיט: דער פרומער איד וועט זעהן ווי א פרוי טרינקט זיך אין טייך, און זיין חסידות וועט איהם דיקטירען איהר לאָזען דערטרונקען ווערען אבי ניט קומען נאָהענט צו איהר און קענען חלליה נכשל ווערען אין א הרהור עבירה...

דארף מען דעריבער, ווי געזאָגט, פריהער זיין באַקאַנט מיט אלע געזעצען פון דער אידישער תורה און ערשט דאן וועט מען קע־

נען פּראַקטיצירען חסידות און פרומקייט וואָס וועלען ניט זיין אין געגענזאַץ צום דין נור לפנים משורת הדין. עס קען ניט זיין קיין „לשמור ולעשות ולקיים” אויב פריהער איז ניטאָ דער „ללמוד וללמד”.

די גמרא זאָגט אז: „נמנו וגמרו תלמוד גדול שמביא לידי מעשה”; מען האָט אָפּגעשטימט און באַשלאָסען אז דאָס לערנען איז גרעסער ווייל עס ברענגט צו מעשה. איז כאָטש אויב תלמוד ברענגט צו מעשה, איז דאָך תלמוד לגבי מעשה בבחינת מיטעל און מעשה דער צוועק, וואָלט דאָך אייגענטליך דער צוועק וואָס איז דער עיקר, געדאַרפט שטעהן העכער פאַר'ן מיטעל? און דאָך איז באַשלאָסען געוואָרען אז תלמוד איז גרעסער. איז עס טאַקע דערפאַר ווייל אָהן דעם דאָזיגען מיטעל קען מען צום צוועק ניט קומען, ווייל — ולא עם הארץ חסיד. ביי אונז קען דער צוועק ניט הייליגען דעם מיטעל, דער מיטעל קען אָבער אין אזא פאַל הייליגען דעם צוועק, און אָהן דעם מיטעל פאַרלירט דער צוועק אויך זיין קדושה.

מיר הערען זעהר אָפט ווי מען באַצייכענט איינעם אלס אַ „רעליגיעזער פאַנאַטיקער”. אונז שיינט אָבער אז אזא באַצייכענונג איז לחלוטין פאַלש; ניטאָ קיין רעליגיעזער פאַנאַטיזם, די אידישע רעליגיע איז דורכאויס ריין דערפון און אויב עס זיינען פאַראַן אידען וואָס זיינען שטאַרק פרום און זיינען מהדר אין טאָן אַ מצוה כתקונה, אזעלכע זיינען ניט קיין פאַנאַטיקער, זייער אמת'ער נאָמען לויט'ן אידישען שולחן ערוך, איז גאָר „מהדרין” אדער אפילו „מהדרין מן המהדרין”, אָבער ניט פאַנאַטיקער. אויב זהירות אין אַ מצוה וואָלט באַטראַכט געוואָרען אלס פאַנאַטיזם, וואָלט געווען חלילה אוים מיט אלע מצות דרבנן, מיט זייער שבות לשבת אָדער מיט זייערע אנדערע גדרים און סייגים. יעדער „חומרא” אָדער אפילו אַ „חומרא דחומרא” אויב נור זיי געהען אריין אין די ראַמען פון די תקנות חז"ל, זיינען זיי אַן אינערליכער אָרגאַנישער טהייל פון די מצוה גופא. די יעניגע אָבער וועמעס איבערטריבענע פרומקייט געהט שוין אַריבער אלע גרעניצען און שטעהט שוין אויסערהאלב די ראַמען פון רעליגיע, אזעלכע דאַרפען באַצייכענט ווערען אלס רעליגיעזע עם הארצים און ניט אַלס רעליגיעזע פאַנאַטיקער...

דער אונטערשיעד פון אָט די צוויי באַצייכענונגען זיינען הימעל

ווייט איינע פון די אנדערע. אַ רעליגיעזער פּאַנאַטיקער וואָלט מיינען צו טאָן איבעריגע זאכען, מעהר ווי דאָס וואָס די רע־ליגיע פּאַראָדערט, וועהרענד אַ רעליגיעזער עם הארץ מיינט צו טאָן ווענינגער, ווייל אין זיין עם הארצות'שע אונוויסענהייט קען ער זיך ניט פאנאנדערקלייבען אין זיין זאָגענאנטע פרומקייט און קען ניט מבחין זיין צווישען תכלת און קלא אילן, לויפט ער יום כפור אין מקוה אריין און מיינט אז דערמיט איז ער מקיים אַ מצוה ווען אין אמת'ן טהוט ער גאָר אַן עבירה.

ניט אומזיסט האָט די תורה אוועקגעשטעלט אין איין זאַץ דעם „לא תוסיפו" מיט'ן „ולא תגרעו"; דאָס צווייטע איז אַ רעזול־טאַט פון דאָס ערשטע, דען דאָרט וואו מען קען מוסיף זיין, דאָרט קען מען אויך גורע זיין, ווייל אויב מען איז מוסיף זאכען וועלכע געהען ניט אריין אין די ראמען פון חז"ל'ס גדרים, איז דאָך אַזא „לא תוסיפו" א פּראָדוקט פון עמי הארצות, קען דאָך די זעלבע עם הארצות אויך פּראָדוצירען דעם „לא תגרעו".

אַ פּאַרטרעפליכען משל זאָגט דערויף דער דובנער מגיד:

איין שכן קומט אמאָל אריין צום צווייטען און פארלאנגט פון איהם ער זאָל איהם לייהען אַ זילבערנעם לעפעל וואָס פעהלט איהם אוים פאר אַן איינגעלאַדענעם גאסט. דער שכן האָט איהם געליהען. אויף מאָרגען ברענגט ער איהם אָפּ צוויי לעפעל פאר דעם איינעם. אויף דעם שכנ'ס פראגע וואָס ער ברענגט איהם אָפּ צוויי פאר איי־נעם, איז געקומען די ערקלעהרונג אז אין דער צווישען־צייט האָט זיך זיין לעפעל „געלעפּעלט" (געקינדעלט בלע"ז) און האָט „געבוי־רען" א צווייטע לעפעל. דעם שכן איז דער שפּאַס גרייליך געפעלען און האָט ביי איהם מיט דאנק צוגענומען ביידע לעפעל.

מיט עטליכע טעג שפּעטער קומט דער שכן ווידער אריין און פארלאנגט ער זאָל איהם לייהען א געשליפענע ווייןֿ פלאַש, ער האָט איהם געליהען און דאָס זעלבע וואָס איז געווען מיט'ן לעפעל איז אויך געוועז מיט דער פלאַש.

אזוי האָט זיך דאָס דאָזיגע ווידערהאָלט מיט פארשידענע אנדערע כלי בית. דער אנטלייהער איז געוועזן אויסער זיך פון גדולה און האָט זיך געטראַכט: ס'איז שוין גאָר ניט קיין שלעכטער געשעפט, לע־

פעל „לעפלען" זיך, פלעשער „פלעשלען" זיך, ניטאָ ביי זיי אפילו קיין געבורט-קאָנטראָל . . . הלואי אזעלכעס אויף אלע טאָג געזאָגט געוואָרען . . .

און עס טרעפט איינמאָל ווען דער שכן דנן איז ווידער געקו־מען פון איהם לייהען עפּעס. דאָס מאָל האָט ער פארלאנגט פון איהם צוויי גרויסע קאָסטבארע זילבערנע לייכטער. דער שכן האָט זיי מיט שמחה אנטקעגען געטראָגען טראכטענדיג ביי זיך אז איצט וועט ער שוין ביי איהם „אָפּלעקען גאָר א שעהנעם ביינדעל".

ווי ביטערליך איבערראשט איז ער אָבער געוואָרען ווען אויף מאָרגען קומט זיין שכן אריין צו איהם און ברענגט איהם אָפּ בלויז איין לייכטער אָנשטאָט צוויי.

סטייטש, אהובי ידידי, פרעגט ער איהם, איך האָב דאָך דיך געליהען צוויי לייכטער, וואָס זשע האָסטו מיר אָפּגעבראכט נור איינעם?

אמת, מיין פריינט, האָסט מיך טאקע געליהען צוויי נור מיט איינעם האָט געטראָפען אן אומגליק און ער איז נעבאך אָפּגעשטאָר־בען...

געשטאָרבען?! סטייטש, היתכן, ווי קען א לייכטער שטאַר־בען, ס'איז דאָך עפּעס שלא כדרך הטבע?

אויב — ערווידערט דער שכן — אויב לעפעל קענען זיך "קינ־דלען" קענען לייכטער „שטאַרבען"...

אזוי, פיהרט אויס דער דובנער, איז עס אויך מיט'ן „לא תוסיפו" ולא תגרעו", דורכ'ן לא תוסיפו קומט מען אויך צום לא תגרעו, דען אויב מצות קענען זיך „קינדלען" און ווערען מעהר, קענען זיי אויך „שטאַרבען" און ווערען וועניגער...

יאָ, עס הארצות'שע פרומקייט קען אונטערגראָבען די סאמע יסודות פון אונזער תורה און מען זאָל דערביי מיינען אז מען איז גאָר מחזק די דאָזיגע יסודות; מען קען אָפּטאָן די גרעסטע עבירות און מיינען אז מען טהוט גאָר די גרעסטע מצות.

פאָלגענדע צוויי פאַלען וואָס זיינען ביי אונז פאָרגעקומען קע־נען אמבעסטען אילוסטרירען דאָס אויבענגעשריבענע און איבער־צייגען ווי ווייט אומוויסענהייט און וויסטע עם הארצות מאכען אמאָל

מענשען פאר איינפאכע דומקעפ, וואָס מיינען ווירקליך אז א פערד׳ס פּאָטקעווע, און להבדיל אלפי אלפים הבדלות א מזוזה שטעהען אויף איין מדרגה; כאפּען זיך אָן אין אַ ווילדע נארישקייט און עס ווערט ביי זיי אַ גאנצע אישו, און אמאָל ווידער פאַרקעהרט, די סאמע עיקרים פון אונזער תורה ווערען פארלעצט און דערפיהרען צו אזעל־כע איסורי תורה וואָס זיינען פארבונדען רחמנא ליצלן מיט א איסור כרת, און אלץ, ווי געזאָגט, אוים פּשוט׳ע עם הארצות.

אַ פרוי קומט אריין צו אונז און מיט אַ יאָמערליכען הארצ־רייסענדען געוויין פארלאנגט זי פון אונז מיר זאָלען „שנעל האנדלען״ און נעהמען די נויטיגע שריט אום צו פארמיידען אַ „קאַטאסטראָ־פאלען״ אומגליק וואָס רוקט זיך ארויף אויף איהר פאמיליע, און אָט דאָס וואָס זי האָט אונז דערצעהלט:

„איך האָב אַ טאָכטערל, אַ בת יחידה, זעהר אַ שעהנע און זעהר אַ געראָטענע. ווען זי איז גאָר א קליין קינד געווען איז זי, ניט היינט געדאכט, שטאַרק פארשלאפט געוואָרען. מען האָט געבראכט די גרעסטע דאָקטוירים אָבער אלע האָבען איהר אנטזאָגט דאָס לע־בען. אונזער פארצווייפלונג קענט איהר זיך אליין פאָרשטעלען. זיי־נען געקומען פרומע ווייבער און אונז גע׳עצה׳ט אלס סגולה אז מיר זאָלען אונזער טאָכטערל „פארקויפען״ צו ווער עס איז, און אויב אפילו אַ בייזע גזירה רחמנא ליצלן, איז עפּעס נגזר געוואָרען אויף אונזער קינד, וועט איצט, נאָכדעם ווי מיר וועלען דאָס קינד האָבען „פארקויפט״ צו אן אנדערען און ס׳וועט שוין מעהר ניט פאררעכענט ווערען ווי אונזער קינד, וועט שוין אויף איהר די גזירה מעהר ניט חל זיין.

„מען האָט אונז פארזיכערט אז די סגולה איז אן אויסגעפּרו־בירטע און האָט זיך אין סך פעלע ארויסגעציים צו זיין ערפאָלג־רייך; און וואָס טוהען ניט עלטערען כדי אָפּצוראטעווען זייער קינד? האָבען מיר טאַקע אויסגעפאָלגט די דאָזיגע עצה און מיר האָבען אונ־זער טאָכטער „פארקויפט״ צו אונזערען אַ שכן מיט וועמען מיר זיי־נען געווען אין זעהר פריינדליכע באַציהונגען. דאָס קינד איז טאַקע פארבליבען ביי אונז, אָבער אפיציעל איז עס שוין „ניט״ געווען אונ־זערס נור דעם שכנ׳ס.

„די סגולה האָט טאַקע געהאָלפען, דאָס קינד האָט זיך גלייך אָנגעהויבען בעסערען און איז קירצליך מיט׳ן אויבערשטענס הילף אין גאַנצען געזונט געוואָרען.

„דער שכן אונזערער צו וועמען מיר האָבען דאָס קינד „פאַר־קויפט”, האָט אויך געהאַט א בן יחיד׳ל אין די זעלבע יאָהרען פון אונזער טאָכטערל און אז די קינדער זיינען אונטערגעוואַקסען זיינען זיי ביידע געגאַנגען אין די זעלבע שוהלע און זייענדיג אויך נאָהענטע שכנים, האָבען זיי זיך שטענדיג גע׳חבר׳ט צווישען זיך.

„און אזוי זיינען די יאָהרען געלאָפען. מיר זיינען נאָך עד היום שכנים און טאַקע אמת׳ע גוטע פריינד אויך. איצט זיינען שוין ביידע קינדער אויסגעוואַקסען און זייער חבר׳שאַפט איז פאַרוואַנ־דעלט געוואָרען אין א —(דאָ האָט זיך ביי דער פרוי פאַרהאַקט דאָס לשון און עס האָט געדויערט א היבשע ווײַלע ביז זי איז געקומען צו זיך און ארויסגערעדט דאָס „שרעקליכע” וואָרט) ל י ע ב ע . . .

„איהר קענט זיך קוים פאָרשטעלען — פאַרענדיגט די פרוי — אונזער איצטיגע פאַרצווייפלונג. ס׳איז דאָך ממש הימעל־שרייענד! א „ברודער” און אַ „שוועסטער” זאָלען זיך פאַרליבען און טראַכטען פון חתונה האָבען! אזא אומגליק, אזא אומגליק”!

ווען די פרוי האָט אונז דערצעהלט וועגען דער דאָזיגער „טרא־געדיע”, האָבען מיר זיך דערמאָנט אין א פיקאַנטע געשיכטע וואָס א א חשוב׳ער רבנ׳ישע קאָלעגע האָט אונז אַנומעלטען דערצעהלט אויך וועגען אַ מין „מכירה” אָבער פון אַביסעל אַן אנדער כאַראַקטער, נור אין ביידע פאַלען, כאָטש פון איין זייט שטעלט עס מיט זיך פאָר אַ קאָמעדיע, איז עס אָבער פון צווייטען זייט אויך אַ טראַגעדיע, ווייל עס איז טראַגיש גענוג צו זעהן וואָס פאַר אַ סאָרט עם הארצות עס הערשט אין אונזערע רייהען.

אונזער חשוב׳ער קאָלעגא האָט אונז דערצעהלט פון אַ פאַל וואָס אַ איד, אויפ׳ן אויסקוק אַ גאַנץ בכבוד׳יגער און מיט באָרד און פיאות, איז געקומען צו איהם דעם חמץ פאַרקויפען. נאָכדעם ווי דער רב האָט ביי איהם מקבל קנין געווען און פאַרשריבען זיין חמץ, רופט זיך דער איד אָן: „רבי, איצט וויל איך פאַרקויפען אין חמץ מיינס אַן אייניקעל, א אינגעלע אכט יאָהר אַלט”. אויפ׳ן רב׳ס

פראגע וואס ער מיינט דערמיט „פארקויפען" דאס איינציקעל אין חמץ, האט איהם דער איד ערקלערט איינפאך אז ווייל דאס קינד קען זיך ניט צוגעוואוינען צו די מצה און אנדערע פסח'דיגע מאכלים, וויל ער איהם דעריבער „פארקויפען" אין חמץ, אז ער זאל שוין דאדורך מע־גען עסען חמץ אין דער פסח וואך...

האבען מיר פאר אונז, ווי געזאגט, צוויי לעבענס בילדער וואס ווייזען אונז אן צו וואס עם הארצות קען דערפיהרען. אין ערשטען פאל איז עס א כאראקטער שטריך פון א „לא תוסיפו", וועלענדיג אומגעלומפערטעווייזע פארוואנדלען א סגולה „טאכטער" אין אן אמת'ע; ווערהענד אין צווייטען פאל האט די דאזיגע וויסטע עם הארצות'שע „מכירה" געוואלט דערפיהרען צו א „לא תגרעו" וואס איז פארבונדען מיט איסור כרת פון חמץ בפסח.

אין אונזער פאל איז עס ניט אזוי לייכט אנגעקומען צו קענען איבערצייגען די אונוויסענדע אידענע אז דאס „פארקויפען" איהר טאכטער צו די שכנ'טע האט נאך ניט געמיינט אז דערמיט ווערט זי טאקע פון דעמאלט אן שוין פאררעכענט ווי די שכנ'טעס קינד, און אז דער לעצטערס זוהנ'עלע זאל טאקע באטראכט ווערען ווי איהרס א ברודער.

זאל אבער דא אויך באטאנט ווערען אז די דאזיגע עם־הארצות פון וועלכעס מיר רעדען, איז ניט בלויז א „באלעבאטישע" נור אויך — ווי שרעקליך עס זאל ניט קלינגען — א „ר ב נ ' י ש ע"...

מיר ווילען אבער גלייך אויפ'ן ארט ציהען די אויפמערקזאמ־קייט פון אונזערע חשוב'ע לייענער אז דאסווארט ר ב נ ' י ש ע, האבען מיר געשטעלט אין „גענזעפיסלאך" כדי גלייך קלאהר צו מא־כען אז דא האנדעלט זיך ניט וועגען קיין אמת'ע רבנים.

מעג זיך דאס גופא אויך קלינגען מאדנע און פאראדאקסאל, דען וואס הייסט אמת'ע רבנים און ניט אמת'ע? אין דער אלטער היים האט מען אזעלכעס ניט געהערט; דארט, א רב איז געווען א רב; מ'האט אפשר אמאל געהערט פון אן אמת'ן אדער פאלשען רו־בעל און וועגען נאך אזעלכע געגענשטאנען אבער וואס שייך רבנות, איז אדער מען איז א רב אדער ניט, קיין אמת'ע רבנים און פאלשע רבנים זיינען אבער ניט געוועזן. אויב עס זיינען געווען „קאזשאנע

רבנים" אדער ווי מען פלעגט זיי רופען א „רב מטעם", האט מען לכתחילה געוואוסט וואס אזא טיפ „רב" מיינט און קיין „אפנארער" אדער „זעלבסט נארער" איז דערביי ניט געווען. צו א „רב מטעם" איז מען ניט געקומען פרעגען קיין רבנ'ישע „שאלות" און זיי האָבען דערמיט לחלוטין ניט געהאט צו טאָן.

אין אמעריקא אָבער איז יאָ דאָ אזא זאך ווי אמת'ע רבנים און פאלשע רבנים. דאָ הערשט אן אמת'ער כאאָס אויף דעם דאָזיגען געביט. עס איז א הפקר לאנד און הפקרות הערשט אויפ'ן גאנצען שטח פון אידישען לעבען. עס איז „כל הרוצה ליטול את השם יבא ויטול". יעדערער וואס קען קוים א שטיקעל עברי, קויפט זיך א רבנ'ישע קאפאטע מיט א „רעווערענד'ס האנד בוך", לאָזט זיך מאכען ביים שילדען קריצער אַ שעהנע „סיין" מיט די ווערטער „דאָ איז דער בית-דין אפים פון פלוני בן פלוני הרב הגאון וכו'" און פטור אן עסק, ער איז שוין א פארטיגער רב און מען קומט שוין צו איהם מיט „אלע רבנ'ישע אנגעלעגענהייטען, א מצבה, א חופה, א לויה און נאָך און נאָך.

דאָ בילדעט דער רח"ש (רב, חזן, שמש) אן איינהייטליכע גרופע, ניט נור אין באצוג צו דער באַלעבאַטישער שטיצע, נור אויך אין אַלע פארצווייגטע ענינים פון קדושה. דער פשוט'ער אמעריקאנער פאָלקס איד איז צו פראָסט אויף צו קענען פאנאנדערקלייבען זיך און וויסען דעם אונטערשיד צווישען אַ רב, א חזן אָדער א שמש. אַלע ווערען ביי איהם פאררעכענט פאר רבנים. געפינען זיך טאקע געוויס שווינדלער וואס נוצען געהעריג אוים די דאָזיגע אונוויסענהייט פון דעם המון עם, קרוינט מען זיך אליין אלס „רבנים" און מען פארנעהמט זיך מיט אלע רבנ'ישע פונקציעס און ניט ווייניג גייסטיגע חורבנות מאכען זיי דערמיט אָן אויף דער אידישער גאס.

עס איז געקומען אין מאנכע ערטער אַזוי ווייט אז די אמת'ע רבנים זיינען פשוט ארויסגעשטופט געוואָרען פון זייערע פאָזיציעס און איגנאָראנטישע פארשוינדלאך אין געשטאלט פון רעווערענדלאך וכיוצא בהם, זיינען געוואָרען זייערע יורשים.

האָבען מיר אמאָל אָנגעטראָפען איינעם פון אָט דעם מין „רעווערענד" און אז ער האָט זיך פאר אונז באַריהמט מיט זיין שפע אויף

חתונות, און וויסענדיג אז אין זיין געגענט זיינען ניטאָ קיין צופיעל אידען, האָבען מיר איהם אזוי גלאט זיך אַ פרעג געטאָן אויב ער האָט ניט קיין שוועריגקייטען אין קריגען אלעמאָל כשר'ע עדות פאר די כתובה און די קידושין.

האָט זיך ביי דעם דאָזיגען רעווערענד צושטראַלט דער פנים פון גרוים שמחה און מיט אַ טריאומפפירענדען טאָן דארויף געענטפערט:

אָה, רבי, ניט ביי מיר! ביי מיר קענען אזעלכע שוועריגקייטען ניט זיין. איך האָב שוין באַצייטענס געזאָרגט דאפיר. איך האָב נעמליך מיין זוהנ'על אויסגעלערנט צו קענען אונטער'חתמ'נען זיין נאָמען אין אידיש, איז איך צוזאמען מיט איהם זיינען מיר די שטענדיגע עדות אויף די כתובות און ביי די חופות...

און ווען מיר האָבען איהם ערשטוינט אַנגעקוקט און געפרעגט: סטייטש, א טאַטע מיט א זוהן זאָלען צוזאמען זיין עדות? האָט זיך אויסגעלאָזט אַז דער דאָזיגער עם הארץ האָט גאָר ניט געוואוסט אז דאָס איז ניט ערלויבט.

און וויפיל מאָהל טרעפט עס אז אזעלכע נפשות גיבען חופה־קידושין צו אַ מאן וואָס הייראט זיין מוהמען און הויבען גאָר ניט אָן צו וויסען אַז דאָס איז אַ ערוה דאוריתא.

און פאַקט מען אמאָל די דאָזיגע פאַרשוינען ביים האנט, ווערט אַ „ויצעקו" און מען פארלוימדט שוין אויף דעם חשבון אלע רבנים באַהויפטענדיג אז אלע רבנים זיינען שווינדלער און גנבים. מען זאָגט ניט אז עס געפינען זיך גנבים און שווינדלער וואָס זיינען געוואָרען „רבנים" נור פארקעהרט אז רבנים זיינען גנבים און שווינדלער...

און אָט איז לעצטענס פאָרגעקומען אזא מין שוידערליכער פאַל:

אַ אידענע קומט אריין און פרעגט זיך נאָך צי עס איז רעכט אַז א מאן זאָל היטען דעם יאָהרצייט פון זיין ערשטער פרוי נאָכדעם ווי ער האָט שוין געהייראט מיט אַ צווייטער.

עפּעס די גאנצע שאלה איז אונז געוואָרען אַביסעל אויפפאַלענד און מיר האָבען די פרעגערין גענומען אויף אַ שטיקעל פארהער.

ערשט דאן האָבען מיר אויסגעפונען אַז די ערשטע פאַרשטאָרבענע פרוי איז געווען טאַקע איהר אייגענע שוועגערין, דאָס הייסט איהר מאַנ׳ס ברודער׳ס פרוי; און אַזוי ווי ביי איהר איז געשטאָרבען דער מאַן און ביים מאַנ׳ס ברודער איז געשטאָרבען די פרוי, האָבען זיי זיך ביידע מיישב געווען און האָבען חתונה געהאַט.

אויף אונזער פראַגע צי זיי האָבען גאָר ניט געוואוסט אַז אַ ברודער טאָר ניט נעהמען זיין ברודער׳ס געוועזענע פרוי, איז געקו־מען דער פרוי׳ס נאַאיווער ענטפער, אַז ס׳איז זיי אמת יאָ ארויף אויפ׳ן געדאַנק אַ טראַכט צו טאָן דערפון, זיינען זיי ביידע אַוועק עפּעס צו א „רב" און יענער האָט זיי ערקלעהרט אַז אדרבא, ס׳איז גאָר אַ מצוה פון דער תורה, און ער אליין האָט זיי טאַקע געגעבען חופה־קידושין...

דער „ועד הרבנים דנויאָרק רבתי" האָט לעצטענס אָנגעהויבען שטאַרק אגיטירען דערפאַר אַז דער עולם זאָל זיך היטען ניט נכשל צו ווערען אין אַזעלכע זאַכען און מען זאָל ניט געהן סתם צו א רב אויב מען ווייסט ניט זיכער צו ער איז טאַקע אַן אמת׳ער רב, אַ רב מובהק. דער ועד הרבנים פיהרט וועגען דעם אַן אונאויפהערליכען אינטענסיווען קאַמפּיין דורך שריפט און וואָרט, און עס ווילט זיך האָפען אַז מיט אַזעלכע אויפקלעהרונגס „קאַמפּיינס" וואָס זאָלען פאַרטגעזעצט ווערען אָהן אונטערברעכונגען, זאָל זיך סוף סוף איינ־געבען צו באַזייטיגען טיילוויז אָדער אפשר טאַקע גאָר אין גאַנצען אַזעלכע שרעקליכע איבלען פון דער אידישער גאַס.

הלואי זאָל אַזעלכעס געשעהן!

סיי ווי אָבער, דער מקור הרעה נעהמט זיך, ווי געזאָגט, פון וויסטער עם הארצות וואָס פון איין זייט „אסר׳ט" עס די הייראַט פון אַ סגולה געוואָרענע „ברודער" און „שוועסטער", און פון דער צווייטער זייט איז עס מתיר אַן ערוה דאורייתא פון „אשת אח" אָדער פון „ערות דודתך"; פון מצות ווערען דומהייטען און פון דום־הייטען ווערען מצות.

און עס קלינגט אָפּ אין די אויערען די קלוגע רייד פון אונזערע חכמים —

ולא עם הארץ חסיד!!

נב

תשובה

תשובה טאָן אויף זינד וואָס מען איז באַגאַנגען, איז איינע פון די אויסערגעוועהנליכע פריווילעגיעס וואָס איז דעם מענ־שענקינד געגעבן געוואָרען פון דער השגחה עליונה.

לויט די גמרא און מדרש קומט אוים אז וועגען די מענשליכע זינד איז געמאַכט געוואָרען אַ מין „אנקעטא" אין וועלכע עס האָבען אַנטהייל גענומען „נבואה", „חכמה", „תורה" און כביכול דער רבונו של עולם אליין. אָבער אלע „ענטפערס" אויסער דעם רבונו של עולם'ס אליין, זיינען ניט געווען קיין גינסטיגע. עס איז געווען השי"ת בלויז וואָס האָט געפונען די לעזונג צו מענשליכע זינד דורך טאָן תשובה:

„שאלו לחכמה, חוטא מהו עונשו?\
אמרה: חטאים תרדוף רעה.\
שאלו לנבואה, חוטא מהו עונשו?\
אמרה: הנפש החוטאת היא תמות.\
שאלו לתורה, חוטא מהו עונשו?\
אמרה: יביא קרבן ויתכפר.\
שאלו להקב"ה, חוטא מהו עונשו?\
אמר: יעשה תשובה, הה"ד טוב\
וישר ה' על כן יורה חטאים בדרך".

(ירושלמי מכות).

זיינען, הייסט עס, חכמה און נבואה גאָר שטרענג געווען מיט זייער אורטייל געגען אַ זינדיגען. לויט זייערע ענטפערס איז אויסגעקומען אַז דער זינדיגער דאַרף צאָהלען די פולע שטראָף פאַר זיינע באַגאַנ־גענע זינד. תורה, איז שוין פיעל מילדער געווען ווען זי האָט גע־פונען אין קרבן די כפרה אויף זינד. מעהר מילדער פאַר אלעמען איז אָבער געווען דער רבונו של עולם אליין ווען ער האָט גאָר לייכט גע־

מאכט דעם וועג פאר'ן זינדיגען און ערפונדען „תשובה" אלס היילמיטעל און זיכערע קוראציע פאר דעם גייסטיג קראנקען.

טייטשען מאנכע דרשנים דערמיט אויס דעם פסוק אין תהלים: „עדותיך נאמנו מאד לביתך נאוה קדש. ה' לאורך ימים".

עדותיך נאמנו מאד" — דיין תורה מיט איהר ענטפער פון „יביא קרבן ויתכפר", וואלט טאקע געווען זעהר צופרידענשטעלענד; אבער דאס איז דאך נור — „לביתך נאוה קדש" — ווען עס איז געווען א בית המקדש און עס איז געווען א מעגליכקייט צו ברענגען קרבנות. וואס טהוט מען אבער ווען עס איז קיין בית המקדש ניטא? ווערהענד — „ה' לאורך ימים" — דעם רבונו של עולם'ס ענטפער פון „יעשה תשובה", דאס איז שוין גילטיג אויף אייביג. תשובה איז ניט אפהענגיג אין קיין בית המקדש. תשובה קען מען טאן צו יעדער צייט און אויף יעדער ארט.

איז תשובה, ווי געזאגט, ווירקליך אן אויסערארדענטליכע פריווילעגיע וואס די השגחה עליונה האט אונז דערמיט מזכה געווען.

און נאטירליך האט דעם רבונו של עולם'ס ענטפער „וועטא־אירט" די פון חכמה, נבואה און תורה. חז"ל זיינען שוין דערנאך געגאנגען אזוי ווייט אז זיי האבען דעם בעל תשובה גאר הויך אוועק־געשטעלט און האבען געזאגט אז: „במקום שבעלי תשובה עומדים אין צדיקים גמורים יכולים לעמוד". שטעהט נאך דער בעל תשובה הייסט עס, אפילו העכער פון א צדיק גמור.

און דאס לאזט זיך טאקע אויך לאגישערווייזע ערקלעהרען. דען אויך אין פיזישען לעבען ווייסען מיר אז עס איז פיעל גרינגער זיך אויסצוהיטען נישט קראנק צו ווערען איידער זיך אויסצוהיילען ווען מען איז שוין קראנק געווארען.

אין גייסטיגע קראנקהייטען, אין חולי הנפש, איז אויך דאס זעלבע. דער צדיק גמור, מיינט דאך דער וואס האט גאר לכתחילה ניט געזינדיגט; דער בעל תשובה אבער איז דאך שוין דער וואס איז שוין קראנק געווארען און דארף זיך איצט אויסהיילען פון זיין קראנק־הייט. דאס איז שוין א פיעל שווערע אויפגאבע, און לויט'ן כלל אז „לפום צערא אגרא" קומט שוין ממילא דעם בעל תשובה א גרעסערען

קרעדיט און גרעסערע באלוינונג ווי דעם צדיק גמור וועלכער האָט ניט געהאַט אזא שווערען נסיון ווי דער בעל תשובה.

איז אפשר טאַקע תשובה גאָר ניט אזא מילדער מיטעל ווי מען שטעלט זיך פאָר. אין תשובה גופא איז אפשר מהיילוויז אויך נכלל די ענטפערס פון חכמה און נבואה. די תשובה אליין קומט דעם מענשען אָן מיט גוואלדיגע יסורים; ער דארף דורכמאכען אַ שרעקליכען אינערליכען קאמפּף אויף צו קענען ברעכען זיינע פריהעריגע געוואוינהייטען; אויף צו קענען איבערשמידען זיין נאַטור און פארוואנדעלט ווערען פון אַ „סור מרע" אין א „עשה טוב".

זיינען טאַקע חז"ל געגאַנגען נאָך ווייטער ווען זיי האָבען געזאָגט אז „אפילו חטא כל ימיו ועשה תשובה באחרונה שוב אין מזכירין לו את רשעו". משמעות אז די הייליגע חז"ל, האָבען די זאך ריכטיג אָפּגעשאצט. זיי האָבען אויסגעפונען אַז א סך מאָהל זינדיגען איז פיעל גרינגער ווי אפילו בלויז איינמאָל תשובה טאָן, פארדינט דעריבער א „עשה תשובה באחרונה", א איינמאָליגע תשובה, גענוג זכות אויף קענען אָפּמעקען גאנצע פעק מיט עבירות.

יאָ, „אין מזכירין לו שוב את רשעו"! עס הייסט, אז פון הימעל וועט מען איהם שוין מעהר ניט דערמאָנען זיינע זינד און מיט זיי איהם פאָרווירפע מאכען.

דארף אָבער ער, דער בעל תשובה אליין, אויך גענצליך פארגעסען אין זיין פארגאנגענהייט? דארף ער זיך אליין שוין אויך ניט דערמאָנען זיינע פארגאנגענע זינד? זאָל אויך ער אין גאנצען אויסמעקען דעם טרויעריגען עבר פון זיינע געדאנקען?

דער ענטפער איז קלאָהר: דער זינדיגער אליין דארף ניט פארגעסען זיין זינד אפילו ווען ער האָט שוין דארויף תשובה געטאָן. ער דארף מקיים זיין דעם „וחטאתי נגדי תמיד", די עבירה דארף שטענדיג שטעהן פאר זיינע אויגען, ווי ער וואָלט איהר נור וואָס באגעגענען. זאָגט דאָך טאַקע דערפאר דער דין אז אפילו אויף אַן עבירה וואָס ער האָט זיך שוין מתודה געוועזן אין דעם פארגאנגענעם יום כפור, דארף ער זיך דעם צווייטען יום כפור אויך אויף איהר מתודה זיין צוליב'ן וחטאתי נגדי תמיד.

כדאי דאָ צו דערמאָנען אַ שעהן „גוט אידיש" וואָרט פון

רבי׳ן רבי משה ליב סאַסאָווער ווי ער האָט אויסגעטייטשט דעם „כי זוכר כל הנשכחות אתה הוא מעולם״ וואָס מען זאָגט אין ראש השנה׳-דיגען דאַווענען:

דעם רבונו של עולם׳ס שטייגער איז, זאָגט דער סאַסאָווער צדיק, צו געדענקען נור דאָס וואָס דער מענש פאַרגעסט, אזוי איז עס ביי מצות און אזוי אויך ביי עבירות. בעת א מענש טהוט א מצוה און ער פאַרגעסט זי, ער מאַכט קיין וועזען נישט פון דער מצוה און ער האַלט זיך ניט גרוים מיט איהר, דאַן געדענקט זי השם יתברך... אויב דער מענש פאַרגעסט נישט די מצוה וואָס ער האָט געטאָן, ער האַלט זיך מיט איהר אין איין אַרומטראַגען, שטאַלצירט מיט איהר און איז צופרידען מיט זיך — אזא מצוה, א מצוה וועלכע איז איינ-געוויקעלט אין גאוה, וויל השם יתברך ניט געדענקען...

און דאָס זעלבע איז פאַרקעהרט מיט עבירות. בשעת א מענש טהוט אן עבירה און ער פאַרגעסט זי, עס אַרט איהם נישט און זי פאַרשאַפט איהם נישט קיין צער און קיין חרטה — געדענקט זי השם יתברך... אויב אָבער דער מענש פאַרגעסט נישט די באַגאַנ-גענע עבירה, ער איז מקיים דעם „וחטאתי נגדי תמיד״, דאַן פאַר-געסט איהר השם יתברך יאָ, זי ווערט אוועקגערוקט אין אַ זייט און השם יתברך וויל זי מעהר ניט געדענקען... וואָרום: „כי זוכר כל הנשכחות אתה״, געדענקען ווילסטו נור דאָס וואָס דער מענש פאַר-געסט...

עס טרעפט אָבער אַמאָל ווען עס לוינט זיך אז דער מענש אליין זאָל פאַרגעסען זיין עבירה. דאָס נישט-פאַרגעסען איז גאָר אַמאָל אויך מעשי שטן אום דאַדורך איהם אריינצופיהרען אין א צווייטע צרה און אינטריגירען אנטקעגען איהם.

דער פאָלגענדער פאַל קען עס אַמבעסטען אילוסטרירען:

מיט יאָהרען צוריק — דערצעהלט אונז דער איד וואָס איז זיך געקומען האַלטען מיט אונז אן עצה — איז ער אַ לענגערע צייט אַרומגעגאַנגען מיט א ניט-אידיש מיידעל און ער האָט זיך שוין כמעט ווי אין איהר פאַרליעבט. ער האָט זיך אָבער אין צייט „אויפגעכאַפּט פון שלאָף״ און זיך געראַטעוועט פון אומגליק. עס איז ניט וויכטיג צו וויסען ווי דאָס איז געשעהן, אזוי איז אָבער געוועזן דער פאַקט. מעגליך אז

דאָס איז געקומען פון זיך אליין דורך אן אינערליכען תשובה געפיהל. ער האָט שנעל זיך איבערגעצויגען פון יענעם געגענט כדי דאָס מיידעל זאָל ניט האָבען קיין שפור פון איהם. מיט דער צייט האָט ער געשלאָסען צופעליגע באַקאַנטשאַפט מיט אן אָרענדטליכע אידישע מיידעל. מען האָט, ווי דער שטייגער איז, אָנגעהויבען ארומגעהן צוזאמען און עס האָט ניט גענומען קיין גאַנץ לאַנגע צייט און פון דער באַקאַנטשאַפט איז מען איבערגעגאַנגען צו ליעבע און אביסעל נאָך שפּעטער איז די ליעבע פארוואַנדעלט געוואָרען אין א חופה, מ׳האָט חתונה געהאַט כדת משה וישראל און ביידע האָבען זיך געפיהלט אמת גליקליך ווייל זיי האָבען זיך אמת ליעב געהאַט.

דער יונגערמאַן האָט זיך געעפּענט א שפּייז קראָם פון וועלכע ער האָט געצויגען גאַנץ שעהן פּרנסה און ער איז געווען צופרידען אין אלע הינזיכטען. ער האָט אין זיין אלטע ניט-אידישע פריינדין שוין לאַנג פארגעסען און אויב ער האָט זיך ווען עס איז ביי א צופאַל יאָ דערמאָנט אין איהר, האָט ער טיעף אין הארצען גלייך געדאַנקט דעם אויבערשטען וואָס ער האָט איהם ארויסגעראַטעוועט פון דער צרה און וואָס ער האָט ענדליך געפונען זיין גליק אין פארבינדען זיך מיט א עכט פיינע אידישע טאָכטער.

היבש יאָהרען שפּעטער טרעפט עס ווען אין א געוויסען פריהמאָרגען, קומט צופעליגערווייזע אריין אין זיין קראָם א „קאָסטאָמערין" אין וועלכע ער האָט אויגענבליקליך דערקענט זיין אַמאָליגע ניט אידישע חבר׳טע. זי, נאַטירליך, האָט אויך איהם גלייך דערקענט, און איהם טאַקע אויפ׳ן אָרט געגעבען א גאַנץ פיינע מוסר פּאָרציע, פאר אָפּטאָן איהר אזוי „אויף אידיש", איהר פארלאָזען אָהן א „גוד ביי" און אזוי אומאַנשטענדיג איהר באַליידיגט.

זי האָט אָבער מיט׳ן מוסר אליין ניט יוצא געווען און האָט איהם טאַקע גלייך אויפ׳ן אָרט געלאָזט וויסען אז זי איז ענדליך גליקליך וואָס דער צופאַל האָט זיי ווידער ביידען צוזאמענגעבראַכט, און זי האָפט אז אויך ער טהיילט מיט איהר דעם דאָזיגען גליק.

זיין אויפריכטיגע און אָפענהארציגע ערקלעהרונג אז ער איז שוין איצט א פארהייראַטער מאַן און לעבט זיך גליקליך מיט זיין פרוי, האָט קענטיג ניט צו שטאַרק „אַפּעלירט" צו איהר און זי האָט

איהם טאַקע ערקלעהרט, אויך „אויפריכטיג” און „אָפּענהערציג”, אז זי קען זיין „אנטשולדיגונג” ניט „גוטהייסען” און אז איינס מיט דאָס אנדערע האָט גאָר ניט צו טאָן און אויב אפילו זי וועט איהם ניט צווינגען אויפצוגעבען דאָס ווייב, קען ער אָבער איהר, די שיקסע, אויך ניט אויפגעבען. איהר „מאַרטגיידזש”, זאָגט זי, איז אַ פריהע־ריגער און אַ „פּוירסט מאַרטגיידזש” איז מעהר „פּערמאנענט” ווי אַ „סעקאָנד מאַרטגיידזש”...

דערהערענדיג די דאָזיגע „דרשה”, איז איהם פינסטער געוואָ־רען אין די אויגען. ער האָט געזעהן אַז זי טרייבט ניט קיין שפּאס און ער האָט מורא געהאָט פאר אַ סקאנדאל און פאר „לייטישע גע־לעכטער”, האָט ער אין זיין פארלאָרענקייט איהר געמאַכט אַ געלט־אָפּפער אין וועלכען זי האָט זיך גריליך אָנגעכאַפּט. ער האָט איהר אויפ׳ן אָרט פארגיטיגט מיט אַ באַדייטענדע סומע כדי פון איהר וואָס שנעלער פּטור ווערען.

די געלט האָט זי צוגענומען, אָבער פּטור געוואָרען איז ער נאָך פון איהר ניט. דאָס שיקסעל האָט דאָ דערזעהן פאר זיך אַ „גאָלד מינע” און האָט אזוי „געבלעקמיילט” און געצאַפּט געלט פון איהם אָהן אן אויפהער; און אויב ער האָט זיך ווען עס איז געקווינקעלט, האָט זי איהם גלייך געסטראַשעט מיט מאַכען איהם אַ סקאנדאל און עהנליכע סטראשונקעס.

אין זיין פארצווייפלונג איז דער איד געקומען צו אונז נאָך אן עצה ווי ארויסצוקריכען פון אזא צרה. ער האלט פשוט ביים רואינירט ווערען. יענע האָט משמעות דערקענט וואָס פאר אַ פויגלינג ער איז, אז ער ציטערט פאר זיין אייגענער שיין און וועט ניט צולאָזען צו קיין סקאנדאלען, איז עס פאר איהר גאָר אַ וואויל געשעפטעל און ס׳גלוסט זיך פשוט ניט עס אזוי שנעל אויפגעבען און ליקווידירען...

האָט דאָ דער איד געגרייזט פון אָנפאנגס אָן. לויט דעם איד׳ס געשיכטע, האָבען מיר דאָך דאָ צו טאָן מיט אן אמת׳ן בעל תשובה; און כאָטש ווי אויבענגעזאָגט דארף דאָך אַ בעל תשובה קיינמאָל ניט פארגעסען אין זיין אמאָליגע זינד און דארף שטענדיג אין זינען האָ־בען דעם „וחטאתי נגדי תמיד”, האָט אָבער דעם דאָזיגען בעל תשובה׳ס „וחטאתי נגדי תמיד” געקראָגען אן אנדער אויסדרוק. עס

איז ניט געווען קיין אבסטראַקטיווער „וחטאתי" נור אַ סוביעקטיווער... זיין זינד אין געשטאַלט פון זיין אַמאָליגע געליעבטע, האָט גאָר אָנגעהויבען צו ערשיינען פאַר איהם, און דערצו האָט דער איד ניט געדאַרפט צולאָזען. אין אָט דעם פּרט האָט ער געדאַרפט אין גאַנצען פאַרגעסען די זינד. ער האָט נישט געטאָרט טראָגען אויף זיך קיין פלעק פון זינד, אפילו ניט קיין שאָטען דערפון. ער האָט זיך געדאַרפט פיהלען געוויסענריין און ניט מורא האָבען טאָמער וועט זיין פרוי אויסגעפינען וועגען זיין פאַרגאַנגענהייט. דען נאָכאַלעמען האָט דאָך דער דאָזיגער איד אנטקעגען זיין פרוי גאָר ניט געזינדיגט, ער האָט דאָך איהר ניט פאַרראַטען. דאָס געשעהענע איז דאָך פאָרגעקומען נאָך אַ סך פריהער, איידער ער האָט נאָך זיין פרוי געקענט. אלס מאַן איז ער דאָךווירקליך אומשולדיג און גענצליך ריין.

האָט ער דעריבער, אזוי שנעל ווי יענע געליעבטע האָט זיך אָנטפּלעקט, געדאַרפט האָבען אַן אויפריכטיגען און אָפענהאַרציגען געשפּרעך מיט זיין פרוי און איהר אלעס דערצעהלען, און לויט'ן כלל אז „דברים היוצאים מן הלב נכנסים אל הלב", וואָלט איהם זיין פרוי אויפריכטיג געגלויבט; ער וואָלט דאַן געהאַט אַ פרייע האַנט און געקענט האַנדלען לויט'ן געזעץ און וואָלט איינס און צוויי פון דער אָנשיקעניש פּטור געוואָרען.

דער חסרון איז אָבער דאָ געווען, און איז נאָך איצט אויך, וואָס דער איד קען משמעות ניט שלום מאכען מיט'ן געדאנק אז איצט לפּחות האָט ער שוין מיט יענער זינד גאָר ניט צו טאָן, אז ער איז שוין לאַנג געלייטערט געוואָרען און דאַרף שוין אין יענער פאַרגאַנגענהייט לגמרי פאַרגעסען.

דער איד איז נאָך אָבער משמעות אנטער'ן איינדרוק אז די זינד הענגט נאָך אויף זיינע פּלייצעעס, ער באַטראַכט זיך נאָך אויך איצט אלס זינדיגער, און אויב ער אליין באַטראַכט זיך אזוי, וועט דאָך איהם, דענקט ער, זיין פרוי געוויס אלס אַזעלכען באַטראַכטען. האָט ער דערפאַר געזוכט, און זוכט נאָך איצט אויך, צו דערשטיקען דעם גאַנצען ענין אז זיין פרוי זאָל חלילה זיך דערפון ניט דערוויסען...

און דערפון זיינע נאָכוועהעענישען און זיינע יסורים.

דערפאר, זאָגען מיר, איז אמאָל בעסער ווען דער בעל תשובה אליין זאָל אויך פארגעסען זיינע פארגאנגענע זינד, און אז ער אליין וועט זיך פיהלען ריין, וועט ער ביי אנדערע אויך זיין ריין און וועט אזוי ארום אויסמיידען אומנויטיגע טראָבעלס און אומנויטיגע קאָמ־פליקאציעס.

אין אונזער ספעציפישען פאל האָבען מיר דעם איד געראטען אז דאָס וואָס ער האָט פריהער ניט געטאָן זאָל ער עס טאָן איצט. ער זאָל נעמליך האָבען אן אָפענעם געשפרעך מיט זיין פרוי און צו־זאמען מיט איהר אריבערגעהן צו זיין לאָיער און איינרייכען אַ „בלעק־מייל" קלאגע געגען זיין פארפאָלגערין און דאמיט וועט די גאנצע פראגע זיין פאסירט. ער וועט ווידער קענען געניסען די פולע מאָס פרייד פון זיין ליעבליכען פאמיליען לעבען.

נג

שמירת שבת

די שבת פראגע איז איינע פון די גאר אנגעוועהטאג־סטע פראגען אין דעם אמעריקאנער אידישען לעבען. דא רעדט זיך ניט וועגען יענע מחללי שבת וואס זיינען בכלל פרייגעזאנענע צו רע־ליגיעזע אידישקייט. מיט אזעלכע האבען מיר סיי ווי גאר ניט צו טאן. זיי האבען זיך אליין אויסגעשלאסען פון כלל און זיך אוועקגע־שטעלט מחוץ למחנה. מיר מיינען אבער יענע אידען וועלכע זיינען ניט קיין שומרי שבת צוליב זייערע עקאנאמישע לעבענס־באדינגונ־גען; זיי היטען ניט קיין שבת אזוי צו זאגען אוים נויט, מחללי שבת באונס, די אומשטענדען צווינגען זיי דערצו.

געהען מיר דא ניט אריין אין דער עצם פראגע, צי זיינען אזעלכע באהויפטונגען אנגעהמבאר צי ניט. דאס דאזיגע לאזט זיך בכלל ניט דיסקוטירען. אויף שמירת שבת דארף מען האבען מסירות נפש.עניני פרנסה האבען קיינמאל ניט געקענט דיענען אלס רעכט־פערטיגונג אויף חלול שבת. אזעלכע זאכען געהען ניט אריין אין דער קאטעגאריע פון פקוח נפש וואס קען דוחה זיין שבת.

אבער צו האבען מסירות נפש פאר אידישקייט, איז שוין א שטיקעל מדרגה, עס איז שוין בגדר נסיון און ניט אלע קענען ביי־שטעהן נסיונות. איבערהויפט ווען מען געפינט זיך צווישען טויזענ־טער אזעלכע וואס זיינען ניט קיין שומרי שבת, פארקוקט זיך איינער אויפ׳ן אנדערען און דער איבעל נעהמט אן אן עפידעמישען כאראק־טער וואס איז ניט אזוי גרינג צו באקעמפפען.

אמת, מען טאר קיינמאל דעם קאמפף ניט אויפגעבען, מען דארף דעם מוט ניט פארלירען און א שטענדיגע אונאויפערליכע פרא־פאגאנדע דארף און זאל אנגעפיהרט ווערען פאר שמירת שבת, און ווען דורך אזעלכע פראפאגאנדע מיטלען זאל זיך איינגעבען אפילו

איין איינציגען פּראָצענט צוריקברענגען צום שבת, איז שוין אויך כדאי די מיה און אָנשטרענגונג. אין דעם זין און אויף דעם געביט קען אויך אָנגעווענדעט ווערען דער „כל המקיים נפש אחת מישראל״.

מיר ווייסען אָבער אז עס זיינען דאָ אין אמעריקא פאראן טוי־זענטער אידען פון דעם מין וואָס זייער חלול שבת קאָסט זיי היבש געזונט, און אפילו נאָכ׳ן „עבר ושנה״ איז עס נאָך אלץ ביי זיי נים „נעשה לו כהיתר״, זיי מאכען קיינמאָל נים שלום מים׳ן געדאנק אז מען קען זיין א איד אפילו ווען מען איז נים קיין שומר שבת, וועה־טאָגען זיי דעריבער נאָכאנאנד און עס באַקומט זיי פשוט דער לע־בען נים. דאָס גופא וואָס זיי קוקען אויף זיך ווי אויף גייסטיגע שוועכ־לינגע וואָס קענען נים ביישטעהן דעם דאָזיגען נסיון, דאָס אליין פארשאַפט זיי זעהר פיעל קרענקונג.

אָט אַזעלכע סאָרט אידען שטעהען נישט מחוץ למחנה און זיינען נאָך נים קיין פארלאָרענע. ווען נים ווען קענען זיי נאָך א תקון קריגען; און טאַקע אָט פאר דעם טיפּ מחללי שבת איז די שמירת שבת אגיטאַציע גאָר פון די נויטיגע זאכען. עס פרישט ביי איהם אלעמאָל אָפּ זיין וואונד, עס דערלאָזט איהם נים שלום מאַכען מים זיין גורל און ממילא שטרעבט ער מים אלע כחות צוריק צו קומען צום שבת, און אין געוויסע פעלע ווערט די דאָזיגע שטרעבונג אויך פארווירקליכט.

מיר האלטען דעריבער אז עס איז א טעות פון די וואָס דענקען אז אין אַמעריקא איז שווער צו רעדען פון דער בימה וועגען שמירת שבת. די דאָזיגע באַהויפּטונג שטיצט זיך דארויף וואָס ווי באלד אַז א היבשער עולם פון די צוהערער זיינען לוידער נים קיין שומרי שבת, וועט עס אויסקומען פאר זיי א באַליידיגונג און דאָס וועט ממילא דעם רב פארשאַפען אונאַנגענעמליכקייטען וואָס קען זיך אויך שלעכט אָפּרופען אויף זיין רבנ׳ישען אמט.

פארגעסט מען אָבער, אז אויב די דאָזיגע צוהערער קומען אין שוהל אריין הערען דעם רב׳ס דרשות טראָצדעם וואָס זיי זיינען נים קיין שומרי שבת, איז עס דאָך א באַווייז אז זיי געהערען צו יענע עלעמענטען וועמען דער חלול שבת פארשאַפט היבש יסורים, און אוים איבערצייגונג וואָלטען זיי אליין דוקא אויך געוואָלט זיין שומרי שבת.

פאַר אזעלכע איז ניטאָ וואָס מורא צו האָבען צו רעדען וועגען שמירת שבת; זייערע גייסטיגע מאָגענס וועלען זיכער קענען פאַרדייהען אַביסעלע שבת מוסר. פאַרקעהרט גאָר, עס וועט זיי גראדע הנאה טאָן וואָס מען דערמאָנט זיי אין דעם און מען פרישט ביי זיי אָפּ דעם זכרון וועגען שבת, וואָס אויב אפילו בפועל זיינען זיי נאָך ניט גרייט זיך אומקעהרען צו איהם, קעהרען זיי זיך אמווייניגסטענס צוריק במחשבה; אויב נאָך ניט קיין „שמור את יום השבת", זאָל לפּחות זיין דער „זכור את יום השבת"... און פון „זכור" קען נאָך אמאָל קומען צו „שמור" אויך.

מען דערציילט: אַ חסיד האָט אמאָל געפרעגט ר' אהר'לע קארלינער פאַר וואָס עס איז איינגעפיהרט ביי זיינע חסידים אז מען שרייט אזוי שטאַרק ביים דאווגען; איז עס דען מעגליך אַז מען זאָל אלעמאָל זיין אזוי אויפריכטיג געשטימט אז מען זאָל פיהלען ווי צו שרייען ביים דאוונען, קען מען דען שטענדיג „האלטען דערביי"?

דארויף זאָל איהם דער קארלינער האָבען געענטפערט: יאָ, מיין קינד, מ'דארף שרייען ביים דאוונען, איז ממה נפשך: האלט מען דערביי און עס שרייט זיך, איז דאָך אודאי גוט, אלא וואָס דען עס שרייט זיך ניט, דארף מען דאָך ערשט דארויף גופא שרייען פאַר וואָס עס שרייט זיך ניט, נו, שרייט מען אזוי לאנג ביז עס שרייט זיך טאַקע...

איז דער דאָזיגער רבי'שער ענטפער טאַקע אַ עכט קלאסישער. מ'דארף אמאָל שרייען אויף דעם גופא וואָס עס שרייט זיך ניט; און מען דארף מעהר ווי אמאָל הערען מוסר דרשות וועגען שמירת שבת ביז וואנען דאָס דאָזיגע זאָל מיט דער צייט טאַקע אריינדרינגען טיעף אין דער נשמה און אויך ברייגגען פראַקטישע רעזולטאַטען.

אַן אינטערעסאַנטער פאַל איז פאַר אונז לעצטענס פאָרגעקומען וואָס איז ווערט פאַרצייכענט צו ווערען, און צו וועלכעס דאָס אויבענגעזאָגטע דארף דינען אלס תשובה נצחת.

עס איז אַ פאַל וואָס האָט אויך צו טאָן מיט דעם דאָזיגען ענין פון שמירת שבת און איז, ווי מיר גלויבען, ניט פון די גאָר אָפטע ערשיינונגען אין אונזער אידישען לעבען.

עס קומט אריין צו אונז אַ בכבוד'יגער איד ערגעץ פון אַ פאַר-

וואָרפענע שטעטעל אויפ׳ן פראָווינץ און דערצעהלט אונז פאָלגענדע געשיכטע:

דער אידישער ישוב אין יענע שטעטעל איז נים קיין גאַנץ אלטער און האָט נאָך דערפאר נים געהאט קיין אייגענע שוהל. מיט דער צייט האָט זיך אָבער געמאכט אָפצוקויפען אַ געוועזענעם טשוירטש, האָט מען אויסגענוצט די געלעגענהייט און פון דעם טשוירטש איז געוואָרען להבדיל אַ זעהר שעהנע שוהל און דער ישוב איז אַזוי ארום דערהויבען געוואָרען. אגב, ווען דער טשוירטש איז אָפגעקויפט געוואָרען, דאָס איז נאָך געווען מיט יאָהרען צוריק, איז נאָך דער ישוב געווען צו אָרעם אויף צו קענען מאכען די קניה, האָט דער דערמאָנטער איד, וועלכער איז אַ גאַנץ רייכער, פון זיין אייגען געלט מסלק געווען די נויטיגע סומע עד לכשירחיב.

די שמחה פון די אידען מיט זייער אייגענער שוהל איז געווען אומגעהייער גרויס, און ווייל די מעהרסטע פון זיי זיינען געווען שומרי שבת, האָט מען די שוהל טאַקע אַ נאָמען געגעבען „אנשי... שומרי שבת״.

די קהלה איז געוואקסען און האָט זיך מיט דער צייט איינגעאָרדענט ווי עס באַדאַרף צו זיין, מיט אַן אייגענע סעמעטערי און מיט אַלע אַנדערע זאכען אין וועלכע אַ אידישער ישוב נויטיגט זיך און אַלעס איז געווען שעהן און פיין.

דאָס יונגוואַרג איז אונטערגעוואקסען און האָבען זיך פאָרמירט אַן אייגענע גרופּע אַלס „דזשוניאָרס״ און זיינען אַלס קאָלעקטיוו אַריינגעטראָטען אַלס מעמבערס אויך אין שוהל.

און דאָ האָט זיך אָנגעהויבען דער „טראָבעל״. זיי, די יונגע חברים, האָבען גענומען אויסזעצען געגען דעם נאָמען „שומרי שבת״ און ווילען דורכאויס אַז מען זאָל דעם דאָזיגען נאָמען אַרונטערנעהמען. זיי טענה׳ן, אַז היות זיי זיינען נים קיין שומרי שבת, שטעהט זיי דעריבער דער נאָמען אין וועג. זיי פיהלען אַז זיי קענען נים אַריינקומען אין שוהל, זיי שעהמען זיך דערמיט וואָס זיי זיינען ליידער נים קיין שומרי שבת און די שילד „שומרי שבת״ יאַטערט אויף די וואונד אין זייער הארצען און דערפאר ווילען זיי דעם נאָמען באַזייטיגען.

דעם בכבוד׳יגען איד, אונזער באַזוכער, טהוט די זאך זעהר וועה. סטייטש, ווי קען מען טאָן אזא זאך, ארונטערנעהמען אזא היי־ליגען נאָמען און דאמיט ווי דעמאָנסטרירען אז מיר זיינען אנטי־שבת אידען, ס׳איז דאָך פשוט א חלול השם, א הימעל געשריי און אַ שאנדע פאר זיך אליין.

פון אנדערען זייט ווידער וואָלט דער איד געוואָלט אויסמיידען אַ דראָהענדע שפּאלטונג אין דער קהלה און פארלאנגט דעריבער אונזער אינטערווענציע אין דער דאָזיגער אַנגעלעגענהייט.

און אָט וואָס מיר האָבען וועגען דעם צו זאָגען:

עס איז קיין ספק ניט אז די יונגעלייט, די „דזשוניאָרס" זיי־נען לגמרי אומגערעכט. אויב זיי ווילען באמת קומען אין שוהל און עס וועהטאָגט זיי ווירקליך דאָס וואָס זיי זיינען ניט קיין שומרי שבת, דארפען זיי דעם דאָזיגען וועהטאָג ניט זוכען צו באַזייטיגען דורכ־דעם וואָס די שילד „שומרי שבת" וועט זיי ניט שטעהן פאר די אוי־גען. פארקעהרט: זאָלען זיי אלעמאָל זיך דערמאָנען אין דעם שבת און, ווי אויבענגעזאָגט, קען נאָך אַמאָל די „זכירה" אויך בריינ־גען צו „שמירה".

אזא האנדלונג ווי ארונטערנעהמען דעם נאָמען שומרי שבת איז אויך גאָר ניט טאַקטיש און האָלט גאָר ניט אוים די לאָגיק. דער מאָטיוו וואָס באַוועגט זיי דערצו און דער רעזולטאַט פון דעם דאָזיגען מאָטיוו, זיינען אַ תרתי דסתרי, איינס איז ממש דער הפך פון דאָס אנדערע און עס קוקט פשוט אוים לעכערליך.

מיר וועלען פאר א קורצער וויילע אוועקנעהמען אונזערע חשוב׳ע לעזער פון דעם דאָזיגען ענין און מיט זיי נעהמען אַ קורצען שפּאציר אין אן אולטראהיסטאָרישען ווינקעל וואָס געפינט זיך אזש ביים סאמע אָנהויב פון דער ענטשטעהונג פון דער מענשליכער גע־שיכטע. דאָרט, אין יענעם ווינקעל, גלויבען מיר, וועלען מיר געפי־נען א פאל וואָס איז גאָר עהנליך צו אונזערען און אין וועלכען מיר געפינען אויך די ריכטיגע תשובה.

מיר געהען אזש ביז צו דער געשיכטע פון קין און הבל.

לויט ווי די תורה גיט אונז איבער יענעם היסטאָרישען ברו־

דער מאָרד, הייסט עס אז דער אמת'ער מאָטיוו פון יענעם מאָרד איז געווען פשוט'ע קנאה, ניט פאַרגינערײ.

קין און הבל, האָבען ביידע געבראַכט מתנות פאַר דעם אל־מעכטיגען וועלט באַשעפער. הבל'ס מתנה האָט אָבער מעהר נושא חן געווען און האָט געקראָגען אַ בעסערען ווילקאָמען ווי די פון קין.

וישע ה' אל הבל ואל מנחתו
ואל קין ואל מנחתו לא שעה.

דאָס האָט קין'ען שטאַרק פאַרדראָסען, עס האָט אין איהם אַרויסגערופען אַ ברוטאַלע קנאה און האָט געפיהרט דערצו אַז „ויקם קין על הבל אחיו ויהרגהו".

דאַן קומט דער הימלישער פאָרוואורף:

למה חרה לך ולמה נפלו פניך
הלא אם תטיב שאת, ואם לא תטיב
לפתח חטאת רובץ.

די דאָזיגע אביסעל פאַרנעבעלטע פסוקים ווערען פאַר אונז פיעל קלעהרער דורך די פאַרטרעפליכע און בריליאַנטענע אויסטייטשונג פון דעם ענק ההטפה פון היינטיגען דור הגאון ר' מ. א. עמיאל (אין זיין הגיונות אל עמי חלק א).

דער מאָטיוו קין'ס וואָס איז, ווי געזאָגט, געווען, די קנאה, איז אַן און פאַר זיך געווען אַ גאַנץ גוטע זאַך. דען כאָטש קנאה אין אלגעמיין איז גראַדע אַ שלעכטע מדה, אָבער א ז א ס אָ ר ט קנאה איז דוקא אַ גוטע מדה. דאָס איז דאָך אַ מין קנאת סופרים, קין האָט דאָך געהאַט קנאה דערפאַר וואָס צו זיין ברודער הבל האָט זיך דער אויבערשטער מעהר מתקרב געווען ווי צו איהם. דאָס איז דאָך שוין אַ גייסטיגע קנאה וואָס דריקט אויס דעם באַטרעפענדענס וואונש ניט צו שטעהן אויף קיין קלענערע מדרגה אין געטליכע זאכען. אזא קנאה איז דאָך ווינשענסווערט און פאַרדינט דוקא לויב געזאַנג, אזוי אז די ערשטע הנחה קין'ס איז דוקא געווען אַ גוטע און דער „ויחר לקין מאד ויפלו פניו" האָט ניט נור קיין קריטיק ניט פאַרדינט נור האָט גאָר אדרבה פאַרדינט אַ קאָמפּלימענט, און האָט געמעגט דיענען אלס לעהרע פאַר אלע שפּעטערדיגע מענשענקינדער צו קאָפּירען די

דאַזיגע קנאה פון קין'ען. גייסטיגע קנאה פון ניט וועלען זיין הינטער־שטעלינג אנטקעגען אַ צווייטען אין אידעאַלע רוחניות'דיגע זאכען, אזא סאָרט קנאה איז העכסט ווילקאָמען און דארף גריילין ערמו־טיגט ווערען.

די התחלה קינ'ס איז פאַלגלין געווען אַ גוטע, דער יסוד אַ שטאַרקער, אַ געזונטער.

דער סוף פון דער דאַזיגער התחלה האָט שוין אָבער ניט גע־טויגט, דער בנין וואָס איז אויפגעשטעלט געוואָרען אויף דיזען יסוד איז שוין געווען אַ שלעכטער. די הנחה מיט דער מסקנא, האָבען זיך שוין ווידערשפּראָכען און סותר געווען איינס דאָס אנדערע.

דען אויב טאָקע „ויחר לקין מאד ויפלו פניו", אויב קין האָט זיך ווירקליך געקימערט דערפאר וואָס הבל איז מעהר נושא חן פאר איהם, וואָס דאָס קען מיינען אז הבל איז אויך מעהר ירא שמים פאר איהם, האָט דאָך דער דאַזיגער געפיהל געדאַרפט ארויסרופען ביי איהם אַ שטאַרקען ווילען אויף צו קאָנקורירען מיט זיין ברודער אויף דעם דאַזיגען געביט; אויף זיך פארמעסטען מיט איהם אין יראת שמים און איהם וועלען איבערשטייגען אויף דעם דאַזיגען שטח כדי ער, קין, זאָל קריגען ביים אויבערשטען מעהר נשיאת חן, ווי עס איז דער געוועהנליכער פּראָצעס פון „קנאת סופרים" וואָס דארף ברענגען צום „תרבה חכמה".

קין האָט אָבער די קנאה זיינע ניט אויסגענוצט אויף דיזען אופן און אָנשטאָט זי, די קנאה, זאָל פיהרען צו מעהר נשיאת חן, האָט עס גאָר געפיהרט צום עקסטרעמען געגענזאץ, צום „ארור אתה"...

און דאָ הערט ער דעם געטליכען פארוואורף:

„למה חרה לך ולמה נפלו פניך" — אויב דיר האָט יאָ פאר־דראָסען פאר וואָס דו האָסט וועניגער לייטזעליגקייט ביי ג־ט ווי דיין ברודער, האָט דאָך דאָס דאָזיגע דיך געדאַרפט פיהרען צום „אם תטיב", זיך צו וועלען אויסבעסערען; ביי דיר האָט עס אָבער געפיהרט צום „אם לא תטיב", אַנגעהויבען האָסטו טאָקע גוט, אָבער „לפתח", ביים טיר, ביים אויסגאַנג, איז גאָר

געווען „ח ט א ת ר ו ב ץ", ביסטו נאָך פארזונקען אין טיעפערע זינד"...

שפּיגעלט, ווי געזאָגט, דער דאָזיגער היסטאָרישער עפּיזאָד פון אונזערע ערשטע מענשענקינדער אמבעסטען אָפּ די עהנליכקייט פון די געשעהעניש אין אונזער פאל. עס קוקט אוים ממש ווי צוויי טראָפּען וואסער.

אונזערע „דזשוניאָרס" מאכען די באַהויפּטונג אַז ווען זיי קו־מען אריין אין שוהל און פאר זייערע אויגען בליצט אויף דער נאָמען „שומרי שבת", שעהמען זיי זיך פאר זיך אליין, זיי פיהלען זיך זינ־דיג, פארברעכעריש. איז די דאָזיגע בושה ווירקליך אַ שעהנע זאך, עס רעפלעקטירט אויף די שעהנע נאָבלע שטריכען פון זייער נשמה, עס רופט ביי זיי ארוים אַ געפיהל פון קנאה צו די אמת'ע שומרי שבת, ווידער אַ מין קנאת סופרים.

אויב אָבער דער דאָזיגער געפיהל דערפיהרט זיי צום גע־דאנק אז מען זאָל די שילד ארונטערייסען, איז דאָך אזא מסקנא ממש דער הפך פון זייער ערשטע הנחה; אַנשטאָט די קנאה און בושה זאָל זיי דערהויבן צום שבת, ווילען זיי גאָר דעם שבת ארונטערני־דערען צו זיי... אַנשטאָט דער „אם תטיב" קומט מען גאָר צום „אם לא תטיב" און מען וויל דערמיט קאַפּירען די מעשה קין...

זיי ווילען דאָך, לויט זייער באַהויפּטונג, ארונטערנעהמען פון זיך די בושה און צום סוף וועלען זיי גאָר מיט אזא שענדליכען און טאַקטלאָזען טאָט ערשט ארויפציהען אויף זיך אַ פיעל גרעסערע בושה...

לא זו הדרך, „דזשענטעלמען אָף די דזשוניאָר"!

ווען אפילו איהר זאָלט די שילד „שומרי שבת" אַרונטערנעהמען, וועט דער „שמור את יום השבת" נאָך אלץ בלייבען אין די ספרי תורה וואָס געפינען זיך אין דער דאָזיגער שוהל; איהר וועט דאָך „ווארשיינליך" ניט וועלען קומען מיט אַ פאָדערונג אז מען זאָל דעם שמירת שבת אויך פון אונזער תורה ארונטערנעהמען... טהוט זשע ניט ווי יענער נארישער פויגעל וואָס פארשטעקט דעם קאָפּ צווישען

די גראָזען און וויל זיך איינריידען אז אויב ער זעהט ניט דעם אָדלער זעהט דער אָדלער איהם אויך ניט...

אדרבה, זאָל דער „שומרי שבת" שילד זיין פאר אייך אין דער בחינה פון „וחטאתי נגדי תמיד" און אנשטאט איהר זאָלט וועלען צו־פּאַסען דעם שוהל נאָמען צו אייך, זעהט בעסער אייך צוצופּאַסען צום נאָמען.

ניין, טייערע יונגעלייט, די גערעכטיגקייט איז ניט אויף אייער זייט, נור אויף דער זייט פון אייערע עלטערען!

נד.

חנוך הבנים און חנוך האבות

אין אמת'ן איז עס אפשר בלויז אַ צופאַל, וואָס גראַדע דער ערשטער קאַפּיטעל אין דיזען בוך און אויך דער לעצטער, באַשעפטיגען זיך מיט דער זעלבער טהעמע וועגען די באַציהונגען צווישען טאַטעס און קינדער. פון אַנדערען זייט אָבער איז דאָס טאַקע אויך סימפּטאָ־מאַטיש. עס איז אַ סימבאָלישע אנדייטונג אז דער דאָזיגער ענין פון טאַטעס און קינדער, איז, און דאַרף זיין, דער א ל ף און ת י ו פון אידישקייט. עס איז אין דער בחינה פון „הפך ביה והפך ביה דכולא ביה".

אַ גאַנצע אידישקייט קען נור זיין די, וואָס טראָגט אויף זיך דעם שטעמפּעל פון בתי־אבות, וואָס נעהמט אַריין דעם גאַנצען אידי־שען פאַמיליען לעבען אין איהרע ראַמען. עס טאָר ניט זיין קיין מחיצות, וואָס זאָלען אָפּטיילען צווישען עלטערען און קינדער. עס מוז זיין „בנערינו ובזקנינו נלך", און דאַרף נאָכפאָלגען דעם היסטאָ־רישען ביישפּיל פון דעם ערשטען אידישען טאַטען מיט'ן ערשטען אידישען זוהן, וואו די לאָזונג איז געווען „וילכו שניהם יחדו"; טאַטע און זוהן זיינען געגאַנגען צוזאַמען, האַנט אין האַנט.

אויפ'ן פסוק „ואברהם זקן בא בימים" זאָגען אונזערע חז"ל אין מדרש אַז: „עד אברהם לא הוי זקנה, מאן דמשתעי בהדי אברהם אידמי ליה דמשתעי בהדי יצחק". מאַנכע פון די קלאַסישע ספרי דרוש, טייטשען אין דעם דאָזיגען מאמר אַריין די דאָזיגע כונה, וואָס דריקט אוים די פולשטענדיגע אידעאַישע אחדות וואָס האָט געהערשט צווישען אברהם'ן און יצחק'ן. ביידע, טאַטע און זוהן, האָבען גע־רעדט איינע און די זעלבע שפּראַך. דער אינהאַלט און כאַראַקטער פון זייערע געשפּרעכען איז געווען דער זעלבער. די שפּראַך איז דאָך דער אויסדרוק פון געדאַנק, זיינען ביי ביידען געווען די זעלבע גע־

דאַנקען, זייער אידעען גאַנג איז געווען בייביידען איינער און דער זעלבער און האָט דעריבער ביי ביידען געקראָגען דעם אויסדרוק אין אַן איינהייטליכער שפּראַך.

אַז מען האָט גערעדט מיט אברהם'ען, איז געוועהנליך די טהעמע פון זיין געשפּרעך געווען אַלץ וועגען אַזעלכע זאַכען וואָס האָבען צו טאָן מיט אידישקייט, מיט קדושה און מיט אמונה; זיינען, אָט די זאַכען אויך געווען דער אינהאַלט פון יצחק'ס געשפּרעכען. מען האָט דעריבער קוים געקענט אונטערשידען צווישען טאַטען און זוהן. זיי זיינען ניט געווען קיין צוויי באַזונדערע וועלטען, האָבען ניט געהאַט קיינע באַזונדערע השקפות אויפ'ן לעבען און זיינען ניט געווען די טרעגער פון צוויי באַזונדערע וועלט אנשויאונגען. איין געדאַנק, איין מחשבה, איין דבור און איין מעשה.

פיזישע זקנה איז אפשר יאָ געווען ביי אברהם'ען, דען ער איז דאָך געווען מיט אַ גאַנצען יאָהרהונדערט עלטער פאַר יצחק'ן; אָבער קיין ג י י ס ט י ג ע זקנה איז ניט געווען. אין וואָס אָנבאַלאַנגט ג י י ס ט, האָבען זיך טאַטע און זוהן, דער אַלטער אברהם און דער יונגער יצחק אויסגעגליכען; אברהם'ס אידעען זיינען ביי יצחק'ן ניט באַטראַכט געוואָרען פאַר צו־אַלט, פאַר עבר זמנם און „ארוים פון דער מאָדע". דאַגעגען זיינען יצחק'ס אידעען ביי אברהם'ן ניט באַטראַכט געוואָרען פאַר צו־יונג, פאַר צו־פאָרגעשריטען און צו־מאָדערנע. זיי זיינען ביידע געווען די פאַרטרעטער פון איין אידעע; ביידע האָבען געפּרעדיגט און פאַרשפּרייט די זעלבע אידעאַלען און זיינען אין אַלע גייסטיגע ענינים געווען פאַראייניגט און געגאַנגען „יחדו", האַנט אין האַנט.

דאָס איז שוין אָבער ליידער ניט דער פאַל מיט היינטיגע טאַטעס און די היינטיגע קינדער. היינט איז שוין ניט אַזוי לייכט צו געפינען אַזאַ גייסטיגע פאַראייניגונג צווישען דעם עלטערען און אינגערען דור. היינט לאָזט זיך שוין ניט זאָגען, אַז טאַטע און זוהן רעדען א י י ן שפּראַך, און היינט דאַרף מען שוין גראָדע ניט זוכען דעם אונטערשייד צווישען די ביידען בלויז אין דער פ י ז י ש ע ר זייט. ג י י ס ט י ג, איז שוין אויך פאַראַן אַ הימעל־ווייטער מהלך צווישען זיי; עס איז שוין ניט מעהר „מאן דמשתעי בהדי אברהם

אידמי ליה דמשתעי בהדי יצחק״ . . . עס ד ו כ ט זיך שוין מעהר ניט, און איהר קענט שוין מעהר קיין טעות ניט מאַכען.

איהר דערקענט שוין גרייליך יאָ אין דער ארט און וויזע פון זייערע געשפּרעכען, ווער עס איז דער טאַטע און ווער דער זוהן. דער אַלטער טאַטע רעדט נאָך אפשר וועגען דברים שבקדושה, דער זוהן אָבער רעדט שוין וועגען עפּעס אַנדערש . . . עס איז טאַקע „וילכו שניהם״, אָבערליידער ניט „יחדו״. דאָרט וואו דער טאַטע געהט, געהט נישט דער זוהן. דער טאַטע געהט אין שוהל, אין בית המדרש, דער זוהן אָבער געהט גאָר אין טעהאטער, אין קלאָב . . . דעם טאַטענס פאַרגעניגען איז דער פּרק משניות, די שטיקעל עין יעקב און די פּרשה חומש; דער זוהן האָט שוין אָבער אַנדערע פאַרגעני־גענס וואָס דריקען זיך שוין אוים להבדיל אין אַ „באַל געים״, אין „ספּאָרטס״ און אין אַנדערע עהנליכע אַמוזירונגען.

דערפון דאָס וואַקלעניש אין אידישקייט אין אונזער היינטיגען לעבען; דערפון דער מכולה׳דיגער צושטאַנד אין אונזער אידישער וועלטעל און דערפון די אַלע איבלען וואָס אַנטפּלעקען זיך פאַר אונז טאָג טעגליך אויפ׳ן פעלד פון אונזער טראַדיציאָנעלען לעבען.

דער „ואהבת לרעך כמוך״ וואָס דריקט אוים דעם געזעלשאַפט־ליכען אחדות, איז פון אייביג אָן געווען דער יסוד פון דער אידישער תורה, דער „פאַראייניגטער פראָנט״, אויף וועלכען עס האָט זיך געהאַלטען דער גאַנצער קיום פון אידישקייט. אָבער איידער מען קומט צום ג ע ז ע ל ש אַ פ ט ל י כ ע ן אחדות, דאַרף מען פריהער פּראַקטיצירען דעם אחדות ביי זיך אַליין, אין אייגענעם פאַמיליען־קרייז. „טשאַריטי בעגינס אט האָום״, לויטעט אַן ענגלישער שפּריכ־וואָרט, און דאָס דאָזיגע באַציהט זיך ניט בלויז אויף „טשאַריטי״, נור אויך אויף אַלע אַנדערע געביטען וואָס דאַרפען אַריינגעהן אין אונזערע שאַצבאַרע אוצרות און גייסטיגע ווערטען.

די גייסטיגע צושפּליטערטקייט אין אונזער אייגענעם פאַמיליע לעבען, איז דער אָנפאַנג פון דער חורבן היהדות וואָס איז אַזוי שטאַרק בולט דאָ אין אונזער מדינה.

אומזיסט צו זוכען דעם תקון פאַר אונזערע קינדערס אידיש־קייט בלויז אין די אידישע ערציהונגס אנשטאַלטען, אין די תלמודי

תורה און אַנדערע מוסדות החנוך. די חנוך אַנשטאַלטען זיינען ניט די ערשטע וואו עס דאַרף זיך אָנהויבען אויספורמען די נשמה פון דעם אידישען קינד. די ה ו י ז קומט פריהער. די אידישע היים דאַרף זיין די ערשטע עקספּערימענטאַלע סטאַנציע פאַר דיזען צוועק, זי דאַרף זיין די ערשטע לאַבאָראַטאָריע פאַר די דאָזיגע עקספּערי־מענטען, און וועלען איבערהיפּען דעם דאָזיגען אל״ף און מאַכען דעם בי״ת פאַר דעם אל״ף, קען זיך עס ניט איינגעבען, עס איז אַ האַסטי־גער שפּרונג, אַ פּסיעה גסה וואָס דראָהט מיט פאַרקריפּלונג . . .

* * *

ווען מיר קומען אָבער צו דער פראַגע פון דער אידישער היים אין אַמעריקאַ, דאַ טרעפען מיר זיך שוין ווידער אָן מיט אַזעלכע שטרויכלונגען פון וועלכע מיר האָבען אין דער אַלטער אייראָפּעאישער היים קיין אַהנונג ניט געהאַט.

עס זעהט אויס, אַז אויב דאָרטען אין דער אַלטער היים וואו דער חנוך איז אויך געווען איינע פון די שווערסטע פּראָבלעמען, איז די הויפּט שוועריגקייט טאַקע באַשטאַנען אין דעם, וואָס די „אברהם׳ס" מיט די „יצחק׳ס" האָבען געהאַט צוויי באַזונדערע „שפּראַכען", איז דאַ אין אַמעריקאַ די צרה גאָר אַן אַנדערע. דאַ איז שוין גראַדע געוואָ־רען „הוחזרה העטרה ליושנה", אַזוי אַז אויבערפלעכליך קען עס מאַכען דעם איינדרוק אַז מיר האָבען זיך שוין ווידער דערשלאָגען צו יענע גליקליכע אברהם׳ס צייטען פון „מאן דמשתעי בהדי אברהם אידמי ליה דמשתעי בהדי יצחק". דאַ איז שוין גראַדע ניטאָ אַזאַ טיעפער תהום צווישען טאַטען און זוהן, זיי רעדען שוין יאָ כמעט א י י ן שפּראַך. וואָלט דאָך שוין אייגענטליך געדאַרפט זיין גוט, איז אָבער די צרה, וואָס דאַ געהט עס אין אַ פאַרקעהרטער ריכטונג. ניט די יצחק׳ס רעדען די זעלבע שפּראַך פון די אברהם׳ס, נור די אברהם׳ס רעדען כמעט די זעלבע שפּראַך ווי די יצחק׳ס . . .

אנשטאַט דער זוהן זאָל באַאיינפלוסט ווערען פון טאַטען, ווערט גאָר דער טאַטע באַאיינפלוסט פון זוהן . . . און אויב די חנוך פּראָב־לעמע אין דער אַלטער היים, איז הויפּטזעכליך געווען אַ פּראָבלעמע פאַר דעם חנוך ה ב נ י ם , איז זי דאַ אין אַמעריקאַ אויך געוואָרען אַ פּראָבלעמע פאַר דעם חנוך ה א ב ו ת . איז אויסער וואָס די

דאזיגע „דאפעלע בוכהאלטעריע" איז שוין ממילא געווארען א פיעל שווערערע ווי דארט, טאקע צוליב איהר צווייענדיגקייט, איז זי נאך אבער פיעל שווערער אויך דערפאר וואס, ווערהענד פאר'ן חנוך הבנים איז כאטש פיעל-וויניגער פאראן א שטיקעל לייזונג אין געשטאלט פון די בתי חנוך, די תלמודי תורה און ישיבות אד"ג, איז אבער פאר'ן חנוך האבות ניטא די נויטיגע בתי חנוך וואו מען זאל זיי קענען מחנך זיין . . . דער טאטע לאזט זיך ניט שיקען אין „חדר" אריין, און אין א סך אונצעהליגע פעלע לאזען זיי אפילו די קינדער אויך ניט געהן אין „חדר" . . . זיי באגנוגענען זיך מיט די „פאבליק סקוהל", מיט דער „היי סקוהל" און מיט'ן „קאלעדזש", וואס זיינען ביי זיי במקום "חדר", במקום תלמוד תורה און במקום ישיבה . . .

* * *

עס איז טאקע אט די זעהר אנגעוועהטאגטע פראגע פון „חנוך האבות" וואס מאהנט פון אונז אן אונאויפהערליכע אגיטאציע אין שריפט אוןווארט; און דאס וואס די שולע און דער לעהרער מיינט פאר דעם חנוך הבנים, דאס דארף די געשריבענע און מונדליכע אגיטאציע מיינען פאר דעם חנוך האבות.

באריהרענדיג דעם חנוך האבות אלס אן אונטיילבארער עלע־מענט פון דעם חנוך בכלל, וואלט זיך, ריידענדיג אין ציפערשע טערמי־נען, לאזען זאגען אז אין אמעריקא איז דער ערציהונגס פראבלעם פ י ע ר מאל אזוי שווער ווי עס איז געווען אין אונזערע אלטע היי־מען. דארטען האבען מיר, ווי געזאגט, אין די ערציהונג פון קינדער געהאט א שותף די טאטע-מאמע. א העלפט פון די ערציהונגס ארבייט איז אויטאמאטיש פון זיי געטאן געווארען. פאר דעם לעהרער אין חדר אדער אין תלמוד תורה, איז בלויז געבליבען די צווייטע העלפט. דא אבער דארף מען געבען א פולען חנוך דעם קינד און א פולען חנוך דעם קינד'ס טאטע-מאמע און צוויי גאנצע מיינט דאך דאס זעלבע ווי פיער האלבע . . .

דערפון די קאמפליקאציעס אויף דעם ערציהונגס פעלד דא אין לאנד; דערפון די פראבלעמען פון מעטאדען און פראגראמען, פון אזא שיטה אדער אזא שיטה, פון וועלכעס אין דער אלטער היים האבען מיר לחלוטין קיין אהנונג ניט געהאט. דארט זיינען אלע מעטאדען

געוועזן גוט און דאָס קינד האָט זיך צו אַלע מעטאָדען זעהר לייכט צוגעפּאַסט, ווערענד דאָ איז ניט קיין פראַגע פון צו־פּאַסען דעם קינד צו דער מעטאָדע נור פון צופּאַסען די מעטאָדע צום קינד . . .

און מעטאָדען זיינען נויטיג ניט בלויז אין דעם חנוך נור אויך אַרום דעם חנוך. מען דאַרף אַנווענדען מעטאָדען אויף צו שאַפען אַ חנוך, ניט ווינציגער ווי אויף זיין פאַרוואַלטונג.

מעטאָדען זיינען אַזוי צו זאָגען, די גייסטיגע נאַרונגס מיטלען פאַר דעם חנוך, אָבער די בעסטע נאַרונגס־מיטלען נויטיגען זיך אין אַ געזונטער לופט, אין אַ ריינער אַטמאָספערע. אָהן לופט, אָהן אויר, קענען זיי ניט פונקציאָנירען. דאָ אין דער נייער וועלט פעהלט אָבער די דאָזיגע לופט, אָט די נויטיגע אַטמאָספּערע, און מען דאַרף ערשט צו דעם גופא אַנווענדען מעטאָדען ווי דאָס צו שאַפען . . .

און דערפאַר וואָס דאָ פעהלען די שותפים פון הויז און גאַס, וואָס האָבען אַזוי עהרליך געדינט דעם אידישען לעהרער, און מיט איהם אַזוי הארציג קאָאָפּערירט, איז דאָ נויטיג געוואָרען איינצושאַפען זיך נייע שותפים וועלכע זאָלען העלפען ביז אַ געוויסער מאָס צוריקצובריינגען די אַלטע שותפים. אָט די נייע „שותפים" זיינען עס: דאָס וואָרט און שריפט, וואָס דאַרפען אָהן אונטערברעכונגען קריגען זייער אויסדרוק דורך דער בימה און דורך דער פּרעסע.

* * *

דער וועג איז אַ שווערער און אַ לאַנגער, און ביז מען וועט דערגעהן צום ברעג מוז מען דערוויל מיט דער גרעסטער פאַרזיכטיגקייט אויפּאַסען, און באַזייטיגען די מכשולים וואָס ליגען אויף דעם דאָזיגען וועג.

מיר האָבען געזאָגט אַז דאָ פעהלט דעם חנוך די שותפות פון היים און פון גאַס. וואָלט טאַקע די דאָזיגע שותפות אין גאַנצען ניט געוועזן, וואָלט נאָך ניט געוועזן אַזוי שרעקליך. די צרה איז אָבער וואָס זי איז גראַדע יאָ פאַראַן, נור ווירקט אין אַ פאַרקעהרטער ריכטונג, אַזוי אַז ניט נור גיט זי קיין הילף ניט, נור איז נאָך אַ שטערונג אויך.

אָט דאָס אַלעס האָט געבראַכט דערצו אַז אונזער חנוך ליידעט

דאָ אויך פון אַ מין מלחמת פנים. עס איז ניט בלויז אַ פראַגע צווישען די אַלגעמיינע סקוהל און די אידישע, נור אויך פון צווישען אידישע און אידישע גופא. עס פיהלט זיך דאָ ניט נור דער המבדיל בין קדש לחול, נור אויך דער בין־קדש־לקדש וואָס קריגט דעם אויסדרוק אין די צוויי סאָרטען ערציהונגס אנשטאַלטען: די תלמוד תורה און די ישיבה.

עס ווילט זיך דאָ מאַכען אַ שטיקעל אַנאַליז וואָס זאָל וואַרפען אַ ליכט אויף דעם דאָזיגען ענין.

עס איז אָנגענומען למשל אַז וואָס גרעסער די צאָל פון אידישע קינדער וואָס באַזוכען די אידישע ערציהונגס אַנשטאַלטען, אַלץ בעסער. נו, דאָס איז דאָך פשוט'ע עברי, וועגען וואָס עס קענען קיין צוויי מיינונגען ניט זיין. עס קענען אָבער יאָ זיין צוויי מיינונגען, ווען דאָס זעלבע באַציהט זיך אויך צו דער היגער ישיבה. דאָ, קען עס שוין ניט גילטען אַלס דבר המוסכם. דאָ, קען עס שוין ניט זיין קיין אַקסיאָמע.

ווייס איך גאַנץ גוט אַז ניט אַלע וועלען טהיילען מיט מיר די דאָזיגע מיינונג. ביי מאַנכע וועט עס נאָך מעגליך קלינגען פּאַראַדאָקסאַל. דען ווי לאָזט זיך עס גאָר זאָגען, אַז אין באַצוג צו ישיבות, וועמעס חנוך שטעהט דאָך אויף אַ העכערער ניוואָ, זאָל דער „כן־ירבו" פון זייערע חניכים גאָר געשטעלט ווערען אונטער אַ פראַגע צייכען?

און דאָך, ווער עס איז מעהר באַקאַנט מיט דעם חנוך אין אַמעריקאַ, קען דוקא יאָ וואַגען אַזאַ באַהויפּטונג צו מאַכען. פאַר די וואָס זיינען פּראָפעסיאָנעל באַהאַוועגט אין דעם ענין, קלינגט עס שוין גראָדע ניט פּאַראַדאָקסאַל. טעהאָריע און פּראַקטיק, אָדער אידיאַלאָגיע און רעאַליטעט, זיינען צוויי באַזונדערע זאַכען און ניט אַלעמאָל קענען זיי געהן צוזאַמען.

פּעדאַגאָגיש ווייסען מיר, אַז דער קינדער מאַטעריאַל אין די חנוך אנשטאַלטען קען קיינמאָל ניט זיין מעור אחד. יעדער קלאַס מוז אומפאַרמיידליך צוזאַמענגעשטעלט ווערען פון פאַרשידענע קוואַליטעטען: בעסערע, ערגערע; גאָר גוטע און גאָר שלעכטע. אַזוי איז עס אימער געווען און אַזוי וועט עס בלייבען. דער אַלטער כלל

פון „אלף נכנסין ואחד יוצא”. מען טאָר דעריבער קיינעם ניט מרחק זיין. פאַר אַלעמען דאַרף די טיר זיין אָן אָפענע. דער גוטער תלמיד דערגרייכט צום מאַקסימום, און דער שלעכטער, צום מינימום, אָבער מינימום מיינט דאָך אויך בעסער ווי גאָר נישט.

איז דעריבער, ווען עס האַנדעלט זיך וועגען אַ תלמוד תורה ערציהונג, איז דער „כן־ירבו” ניט נור ו ו א ו נ ש נור אויך פ ל י כ ט.

אַנדערש אָבער ווען עס רעדט זיך וועגען אַ ישיבה ערציהונג. דאָ, זיינען די נעגאַטיווע שותפים פון הויז און גאַס די הויפּט שטערער צום אלף נכנסים. אַן אומבאַדייטענדער פּראָצענט פון אידישע על־טערען, בלויז עטוואָס איבער נול, שיקען זייערע קינדער אין אַ ישיבה. די גרעסטע צאָל פון זיי פאַרשטעהען ליידער ניט די נויטיקייט פון אַזאַ ערציהונג. פאַר זיי איז גענוג די שטונדע פון דער „אַפטער־נון־היברו” אויף צו שטילען זייער געוויסען, און אויף האָבען יוצא געוועזען זייער חוב. קען דעריבער דאָ די ישיבה, נאָך פאַרלויפיג ניט זיין די פולשטענדיגע לייזונג צו דער אַלגעמיינען חנוך פּראָבלעמע, די פון אַ קאָלעקטיווען מאַסען כאַראַקטער. די ישיבה דאַרף דעריבער דערוויילן בלויז באַ־טראַכט ווערען אַלס דער קדשי קדשים פון דעם היכל החנוך, און אין קדשי קדשים מוז דער איינטריט זיין אַ באַגרעניצטער. אָן אָפענע טיר קען אָניאָגען צופיעל פסולי המוקדשין, און אַזוי אַרום אויך די ישיבה אַראָפּנידערען צום סטאַטוס פון אַ היברו סקול, און אַנשטאָט מעלה זיין דעם חנוך וועט גאָר קומען אַ שרעקליכע ירידה.

יאָהרענלאַנגע ערפאַהרונג האָט באַוויזען, אַז דאָרט וואו דער אויסוואהל פון דעם קינדער מאַטעריאַל פאַר דער ישיבה איז אַ מעהר זהירות'דיגער, דאָרט איז דער פּראָגראַם פון דעם עצם הלמודים הונ־דערטפאַך גרעסער ווי אין די ערטער, וואו מען איז ניט אַזוי שטאַרק מדקדק מיט דער קוואַליפיקאַציע פון די תלמידים.

און אויב אין די אַלע היימישע ישיבות איז יאָ געווען אָן אָפענע טיר, קענען יענע ניט דינען פאַר קיין ביישפּיל, און אָט פאַר וואָס:

דאָס אידיש קינד אין דער אַלטער היים, אויסער וואָס די הויז און גאַס זיינען געווען גינסטיגע שותפים אין זיין ערציהונג, האָבען געצאַמט זיין פאַרשייטקייט און צולאָזענקייט, און די דיסציפּלין פּראַ־

גע האָט דאָרט כמעט ווי גאָר ניט עקזיסטירט; אויסערדעם, האָט דאָס קינד דאָרטען דאָך ניט געוואוסט פון קיין צוויי רשויות. פאַר איהם האָט עקזיסטירט איין תורה, איין לעהרער און איין חדר. ער האָט דעריבער געקענט קאָנצענטרירען זיין געדאַנק דורכאויס אויף די דאָזיגע למודים, וואָס די איין תורה, דער איין לעהרער און דער איין חדר האָבען איהם געגעבען. דאָס איז ביי איהם געווען זיין כל התורה כולה. איז ווען למשל, אין אַ קלאַס האָבען זיך געפונען, לאָמיר זאָגען, צוואַנציג תלמידים (דאָס איז אגב געווען אַ מאַקסימאַלער ציפער), פון וועלכע אפילו אַ גאַנצע העלפט איז געווען דאָס פסולת, האָט פונ־דעסטוועגען די העלפט געקענט זעהר ווינציג שטערען דעם גאַנג פון די למודים, אויף וועלכע די באַטרעפענדע קלאַס איז באַרופען געווען. ראשית: איז דאָך, ווי פריהער געזאָגט, דאָרט קיין שטאַרקע דיסציפּ־לין פראַגע ניט געווען. שנית: האָט דער פסולת עלעמענט אַרויפּ־געקוקט מיט יראת הכבוד און קנאת סופרים צו די בעסערע תלמידים, אַ זאַך וואָס האָט געוויסערנמאַסען טאַקע זיי אַליין אויך אויסגעבעס־סערט, און אפילו ווען ניט, האָבען זיי זיך אָבער געפיהלט שפל'דיג אַנטקעגען די אַנדערע, און יענע זיינען דעריבער געווען דער דאָמיני־רענדער כח אין קלאַס. און קוים זיינען די שוואַכערע ניט געווען קיין שטערונג, איז שוין זייער אַנוועזענהייט ממילא געווען געוואונשען און האָט געשטימט מיט די אלף נכנסים.

דאָ אָבער איז די לאַגע אין גאַנצען אַנדערש. די היים און גאַס ווירקען אויפ'ן קינד נעגאַטיוו, און שאַפען אַ געוואַלדיגע דיסציפּלין פּראָבלעמע. דאַן קומען די צוויי רשויות אין געשטאַלט פון די אידישע און ניט-אידישע למודים, און ניט קענענדיג זיך קאָנצענטרירען אויףביידע מיטאַמאָל, מוז ביי איהם איינס ווערען דער עיקר און דאָס צווייטע דער טפל און זעלבסטפאַרשטענדליך אז דער טפל ווערט דוקא דאָס אידישע. אין דעם פרט, קען ער דאָך ניט זיין בעסער פאַר די עלטערען, ביי וועמען ליידער איז אויך דער זעלבער פאַל . . . איז דעריבער, אָט דער עלעמענט קינדער, איינפאַך גיפט אין קלאַס. זיי פיהלען זיך ניט שפל'דיג אַנטקעגען די אַנדערע, ווייל די אידישע למודים זיינען ביי זיי קיין עיקר ניט, איז ממילא אין דעם קיין קנאת סופרים ניטאָ; און ווען אפילו דער דאָזיגער מין צעהלט נור אַ דריטעל פון

דער גאַנצער קלאַס, ברענגט ער שוין אויך אריין געננג דעמאָראַליזאַ־ציע און רואינע. אַ סך צייט דאַרף פון לעהרער פאַרשווענדעט ווערען אויף אויפצוהאַלטען די אָרדנונג און דיסציפּלין, און דאָס פאַלט נאַטירליך אויפ׳ן חשבון פון די למודים, און דער סך הכל דערפון איז אַזאַ: פאַר דעם דאַזיגען פסולת מין פון די תלמידים מיינט די ישיבה לחלוטין גאָר ניט. דאַגעגען די גוטע, ליידען דערפון זעהר פיעל. דער קורס פון די למודים צו וועלכען זיי זיינען אַלס אַזעלכע באַרופען פאַלט אַראָפּ אויף געוויע פּראָצענט, אויב ניט נאָך מעהר, און דערצו ווערט דער גאַנצער מאָראַל געבראָכען, און די ישיבה פאַרלירט פיעל פון איהר ערך און גלאַנץ.

מוז דעריבער די ישיבה אין דעם זין, זיין אַנדערש ווי די תלמוד תורה. די ישיבה דאַרף זיין דעם עולם הברור אין דער אידישער ערציהונגס וועלט אין אַמעריקאַ; און אויב דער דאָזיגער ברור קען זיך ניט אָנפאַנגען אין די ערשטע קלאַסען, ווען עס לאָזט זיך קוים אונטערשיידען פון איין קינד צום אַנדערען, דאַרף אָבער דער ברור אומבאַדינגט זיין אין די העכערע קלאַסען ווען מען קען שוין יאָ דער־קענען „בין תכלת לקלא אילן״, און פונקט ווי עס איז דאָ אַ טיר פאַר „נכנסים״ דאַרף אויך זיין אַ טיר פאַר „יוצאים״, אויב מען וויל ניט מחלל זיין דעם נאָמען ישיבה.

* * *

איז טאקע די דאָזיגע „יום טוב״ הבדלה בין־קדש־לקדש אין אונזער פאַל, גראדע ניט אַזוי יום־טוב׳דיג, אָבער דאָך מוז די דאָזיגע אָפּעראַציאָן געמאַכט ווערען. און קומען קומט עס אַלס רעזולטאַט פון די ערציהונגסלאָזיגקייט פון די עלטערען. וואָלטען די עלטערען אַליין ערצויגען געוואָרען, און וואָלטען פאַרשטאַנען דעם ריכטיגען ווערט פון אַ ישיבה חנוך, און דאָס אידישע וואָלט ביי זיי ניט געווען קיין טפל, וואָלט דאַן אין זייערע היימען געהערשט די נויטיגע אַט־מאָספערע וואָס וואָלט פאַרברייטעט דעם באָדען פאַר זייערע קינדער. די סיטואַציע וואָלט געווען אַן אַנדערע און די קאָנסעקווענצען וואָל־טען געווען גינסטיגע, סיי אין כמות און סיי אין איכות. די צאָל תלמידים וואָס וואָלטען געקלאַפּט אויף די ישיבה טירען, וואָלט גע־ווען אונגעהייער פיעל גרעסער און דער קוואַליטעט פון דעם קינדער

מאַטריאַל וואָלט אויך געווען אַ פּיעל בעסערער, און ממילא וואָלט זיך דער ישיבה קורס געהויבען און דערגרייכט זיין געהעריגען סטאַ-טוס.

איז דעריבער ווען מען רעדט וועגען ערציהונג דאַרף מען אין זינען האָבען די ערציהונג פון עלטערען אַזוי ווי די ערציהונג פון זייערע קינדער, ווייל עס איז הא בהא תליא.

יאָ, דער חנוך האבות איז דאָ ביי אונז ניט קיין קלענערע פּראָ-בלעמע ווי דער חנוך הבנים. דער „ולב בנים על אבותם" קען זיין תקון ניט קריגען דאָרט, וואו עס פעהלט דער „לב אבות על בנים", און אויב מען וויל אַריינברענגען די אידישע הויז אין דער ישיבָה, כדי די קינדער זאָלען קריגען די ריכטיגע ערציהונג, דאַרף מען פריהער אַריינברענגען די ישיבה אין דער אידישער הויז, כדי די עלטערען זאָלען קריגען די געהעריגע ערציהונג. דער ישיבה געדאַנק דאַרף זיך פריהער דורכשלאָגען אַ וועג צו דער אידישער פאַמיליע הויז און אידישע עלטערען זאָלען אַנהויבער פאַרשטעהן וואָס אַ ישיבה ערציהונג מיינט פאַר זייערע קינדער, וועט ערשט דעמאָלט דער חנוך אויפגעריכטעט ווערען.

* * *

און רעדט מען וועגען דעם ענין פון שותפים אין חנוך, דאַרף מען דערביי אויך ניט פאַרגעסען, אַז אויסער די שותפות פון די על-טערען מיט די לעהרער, זיינען פאַראַנען נאָך צוויי שותפים וועלכע פאַרדינען אויך אַז מען זאָל זיך וועגען זיי אָפּשטעלען, ניט ווייניגער ווי וועגען די פריהעריגע.

מיט דעם מיינען מיר: ד י ק י נ ד ע ר אַליין, די תינוקות של בית רבן, וואָס שטעלען צוזאַמען דעם תלמידים מאַטעריאַל, אָהן וועלכע מען קען גאַר ניט אַנהויבען צו רעדען וועגען חנוך; און פון אַנדערען זייט — די ע ס ק נ י ם פון חנוך, די אידען ביי וועמען די תלמוד תורה אָדער די ישיבה איז דער אידעאַל פון זייער לעבען, זייער גאַנצער נשמה מהות און דער הויפּט טהייל פון זייער גאַנצער וועזענטליכקייט.

דען מען דאַרף נאָך ניט פאַרגעסען, אַז טראָצדעם וואָס די ער-ציהונגס פּראָבלעמע איז דורכאויס אַ ג י י ס ט י ג ע, קען מען אָבער

צו איהר ניט צוטרעטען אויב עס זיינען ניט פאַראַן די נויטיגע מאַטע־ריעלע קוועלען מיט וועלכע מען זאל קענען פינאַנסירען אונזערע חנוך אינסטיטוציעס. דער אַלטער כלל פון: „אם אין קמח אין תורה", אַ נשמה אָהן אַ גוף קען ניט האבען קיין עקזיסטענץ אַנהאַלט אין דעם עולם המעשה.

און אַט־אַ־די פּראָבלעמע איז אויך גאָר אַ האַרבע און פאַרשאַפט אויך ניט ווייניג שוועריגקייטען אויף דעם דאַזיגען פעלד.

קלאָגען זיך אונזערע חנוך עסקנים, די פיהרער פון תלמודי תורה און ישיבות, אַז זיי ווערען פּשוט אויסגעמאַטערט און פאַרלירען זייער מוט, דערפאַר וואָס זיי באַגעגענען זיך מיט אַזוי פיעל שטרויכלונגען אויף דעם פינאַנציעלען געביט. וואָלטען זיי געוועזען געהאַט בענוג געלט מיטלען אויף צו קענען אַנפיהרען די מוסדות החנוך, דאַן, זאָגען זיי, וואָלט מען דעם מצב פון חנוך אויך פיעל געקענט אויסבעסערען. ווען מען וואָלט געקענט בעסער באַצאָלען די לעהרער, וואָלט מען ממילא געקענט באַהויפּטען צו קריגען די אמת'ע פּאַסליים, די ריכטיגע מחנכים און פּעדאַגאָגען. ווען אָבער מען דאַרף זיך האַלטען אין איין מאַטערען מיט די דאַזיגע פינאַנציעלע שוועריגקייטען, און מען דאַרף שטענדיג זאָרגען פאַר דעם מאָרגענדיגען טאָג און אַלעמאָל האָבען צו טאָן מיט דעפיציטען, פאַרשווערט עס נאַטירליך זעהר פיעל די אַרבייט, און די ירידה פון „קמח" ברענגט אויך, אויף אַן אונפאַרמיידליכען אופן, צו דער ירידה פון „תורה".

און ווען מען ריהרט אָן די פינאַנציעלע זייט וואָס איז פאַרבונ־דען מיט'ן חנוך, ווערט ווירקליך קאַלאָסאַלע אויפ'ן האַרצען. עס ציהט זיך ניט ווילענדיג אַ פּאַראַלעל פון ד אָ און ד אָ ר ט ע ן, פון אַמעריקא און די אַלטע אייראָפּעאישע היים.

ווייסען מיר דאָך, וויפיל מסירות נפש עלטערען האָבען געהאַט דאָרטען אין דער אַלטער היים, פאַר די אידישע ערציהונג פון זייערע קינדער. דער חנוך „בודזשעט" פון יעדער אידישער פאַמיליע אויף יענער זייט ים, האָט דאָך פאַרנומען דעם ערשטען פּלאַץ צווישען די אַנדערע בודזשעט טהיילען פון דער הויז פאַרוואַלטונג. מען האָט גע־קענט מוותר זיין, צוליב אָרעמקייט, אויף אַלערליי אַנדערע זאַכען אין וואָס די פאַמיליע האָט זיך בענויטיגט, אָבער ניט אויף די אויסגאַבען

וואס מען האט געדאַרפט האבען פאר'ן קינדס ערציהונג. אין ד ע ם פרט, האט מען ניט געזוכט קיין עקאנאמיע. מען האט אפגעשפאַרט ממש פונ'ם ביסען ברויט אבי מען זאל האבען צו באצאלען שכר למוד.

לויט'ן פשוט'ן שכל וואלט דאך געדאַרפט אויסקומען, אַז אין אַט דעם פרט לפחות, זאל דא אין אַמעריקא די לאַגע זיין אַ פיעל גינסטיגערע. דען נאכאלעמען, איז דאך דא די אָרעמקייט ניט ווי ס'איז געווען אין דער אלטער היים. דא איז דאך זעלטען צו גע־פינען אידישע פאַמיליען הייזער, וואו מען זאל זיך ניט פליישיג מאכען די גאנצע וואך, ווי עס איז געווען גאר ניט קיין זעלטענער פאל דאָרט אין מזרח אייראפע. דער גרעסטער אָרעמאַן דא אין אַמעריקא לעבט דאך אַזוי ברייט ווי די אַמאליגע גאר חשוב'ע בעלי בתים דאָרט אין אייראפא. טא פאר וואס זשע אייגענטליך, קומט דא דער דלות צום אויסדרוק דוקא ווען עס האנדעלט זיך אין שכר למוד?

אמת, מען זעהט דא אין אַמעריקא אויך היבש מסירות נפש ביי עלטערען פאר זייערע קינדערס ערציהונג. דאס איז אַבער נור ווען עס האנדעלט זיך וועגען די א ל ג ע מ י י נ ע ערציהונג, אבער נים וואס אנבאַטרעפט די א י ד י ש ע ערציהונג.

אַמעריקא און אייראפא האבען זיך אין דיזער הינזיכט, ווי עס זעהט אויס, געביטען מיט די ראלען. אין אייראפא למשל, אַז איהר האט געזעהן אַ אידישען דאָקטאר אָדער אַן אנדער פּראָפעסיאָנאל, זיינט איהר געווען זיכער אַז דער דאָזיגער פּראָפעסיאָנאל איז אַ קינד פון גאַנץ רייכע עלטערען. פון דעם אָרעמען שטאַנד און אפילו פון דער מיטעל־קלאס איז אַזא ערשיינונג געווען אַ גאר זעלטענע. דא־געגען, גרויסע געלעהרטע אויפ'ן אידישען געביט, גרויסע לומדים און גרויסע רבנים, זיינען מעהרסטענטייל געווען די קינדער פון אָרעמע־לייט.. דאָרט איז פאקטיש באַשטעטיגט געוואָרען דער „הזהרו בבני עניים שמהם תצא תורה".

דא אין אַמעריקא אַבער, איז שוין דוקא נאָר ניט קיין זעל־טענע זאך צו זעהן קינדער פון בלוטיגע אָרעמעלייט, אַז זיי זאלען אויסוואקסען גרויסע מענשען אויף אַלערליי פּראָפעסיאָנעלע געביטען, כאָטש דאס דאָזיגע איז פאַרבונדען מיט גאַנץ גרויסע קאָסטען.

זעהט זיך טאקע דערפון די גרויסע מסירות נפש וואס עלטערען

האָבען אויך דאָ אין לאַנד פאַר זייערע קינדערס ערציהונג; אָבער, ווי געזאָגט, איז עס בלויז ווען עס האַנדעלט זיך אין אַלגעמיינער ביל־דונג, אָבער ניט ווען עס קומט צו אידישע בילדונג. ד אָ, זעהט מען שוין נישט אַזוי פיעל מסירות נפש.

שוין דער פאַקט אַליין וואָס אין אַזאַ שטאָדט ווי נויאָרק למשל, וואו די צאָהל פון אידישע קינדערלאַך (כן ירבו) איז אומבאַשריען כמעט אַזוי גרויס ווי די צאָל אידישע קינדער אין אַ גאַנצע אייראָפּע־אישע מדינה, איז פונדעסטוועגען דער פּראָצענט פון קינדער וואָס גע־ניסען פון אַ אידישע ערציהונג אַזוי קלאָגעדיג קליין, אַז עס הויבט פּשוט אָן דער פּנים צו פלאַמען פון חרפּה. אָבער אפילו די טאַטעס און מאַמעס וואָס שיקען שוין כלומר'שט יאָ די קינדער אין תלמוד תורה, ווייזען אָבער אַרויס (אַ גאַנץ באַדייטענדע צאָהל פון זיי) אַ גאָר קנאַפּען אינטערעס אין די דאָזיגע אידישע למודים.

זאָל אַשטייגער דזשייקעלע אָדער סעמעלע אַרויסווייזען פאַר־נאַכלעסיגקייט אין זיינע „האום וואָירק", וועט מען אויף איהם אויפ־שטעהן פון אַלע זייטען מיט געשרייען און מיט פאָרוואורף, און מען וועט איהם טאַקע גאַנץ ניש'קשה'דיג באַשטראָפען דערפאַר אויך. און אַלע וועלען נעהמען אנטייל אין דעם דאָזיגען „אויפשטאַנד": די מאַמע, דער טאַטע, די שוועסטער און די ברידער. ווען אָבער דער זעלבער סעמעלע פאַרפעהלט צו מאַכען זיינע „היברו האום וואָירק", דאָ איז אין פוצה פה ומצפצף; און אַז סעמעלע פאַרפעהלט אין גאַנצען צו געהן אין „היברו" איז אויך קיין אומגליק ניט. גענוג אַז דער „באָיטשיקעל" זאָל זאָגען אין אַ געוויסען טאָג די מאַמע זיינע: „מאַ, אי דאָנט פיל לייק טייקינג היברו טו־דעי", איז דאָס שוין גענוג פאַר אָן „עקסקיוז", אַז די „מאַ" זאָל איהם שוין ניט „באַדערען". יאָ, א י ה ם, סעמעלען, וועט זי שוין ניט „באַדערען", דערפאַר אָבער וועט זי שוין גאָר „באַדערען" דעם „היברו טיטשער" און איהם אַראָפּ־נעהמען די וואַסערע נישטיגע עטליכע סענט וואָס מאַכט אויס פאַר דעם דאָזיגען טאָג לערנען . . .

איהר וועט זעהר אָפט הערען דעם באַקאַנטען פזמון פון אַ סך אַמעריקאַנער אידישע מאַמעס, לאמר: „מה רעש אַז מיין סעמעלע וועט אַביסעל פאַרנאַכלעסיגען זיין היברו, קיין רב וועט ער סיי ווי

ניט ווערען״ . . . אָדער: „בעליוו מי, ס׳איז אַ רחמנות אויפ׳ן קינד, ער האָט נעבאך אזוי פיעל לעסאנס צו מאַכען, וואָס איהם מוטשען אזוי פיעל״, וכדומה למשל נאָך אַזעלכע „חכמות״.

פונקט אַשטייגער ווי געהן אין „חדר״ איז פארבונדען דוקא מיט אַ רב צו ווערען, און אַז אויב „ער וועט שוין סיי ווי קיין רב ניט זיין״ איז שוין לחלוטין ניט נויטיג איהם צו שיקען אין תלמוד תורה.

באַווייזט עס אייגענטליך אויף דעם כאַראַקטער שטריך פון די דורכשניטליכע עלטערען דאָ אין לאַנד, וועלכע באַטראַכטען די גאַנצע ערציהונגס פראַגע בלויז פון אַ קאַריעריסטישען שטאַנדפונקט. דער געפיהל פון תורה לשמה איז דאָ אין גאַנצען אויסגעוועפּט געווארען. זיי, די דאָזיגע עלטערען, האָבען משמעות אַ גאַנץ אַנדער פשט אויף דעם „אם אין קמח אין תורה״, לויט וועלכען עס דאַרף הייסען גאָר פשוט: „אם אין קמח״, אויב מען קען פון דער תורה קיין „קמח״ ניט ערוואַרטען, עס פאַרשפּרעכט ניט קיין פּראָפעסיאָנעלע קאַריערע, דעמאָלט איז „אין תורה״, דאַרף מען אין גאַנצען די תורה ניט; און דעריבער אַז סעמעלע „וועט שוין סיי ווי קיין רב ניט ווערען״, איז קיין אומגליק ניט אַז ער וועט אין חדר אין גאַנצען ניט געהן. אַלגעמיינע ערציהונג אָבער, וואָס פאַרשפּרעכט יאָ אַ קאַריערע, דאָס איז שוין עפּעס אַנדערש.

פאַר אידישקייט כשהוא לעצמו, ניט לשם קאַריערע, פאַר דעם משמעות, קען מען יוצא זיין מיט מאַכען סעמעלען אַ שעהנע „בר מצוה״ און — ברוך שפטרני . . .

אַז מען קוקט זיך צו צו די אַרט און ווייזע ווי אַזוי מען פּראַוועט אין אַמעריקאַ אַ בר מצוה, קען עס אויבערפלעכליך מאַכען דעם איינדרוק אַז אידישקייט אין אַמעריקאַ שטעהט גראַדע אויף אַ גאָר הויכע מדרגה, און אַז די אַלטע אידישע אייראָפּאַ האָט זיך ערשט געדאַרפט קומען לערנען פון דער נייער אַמעריקאַ אום צו וויסען ווי צו שעצען אַ מצוה און ווי מכבד צו זיין די תורה.

דען, מען קען דאָך טאַקע ניט אָפּלייקענען דעם פאַקט אַז ווען עס קומט צו אַזאַ יום טוב ווי אַ בר מצוה, האָט דאָך ווירקליך אייראָפּאַ פאַר זיך נאָך ניט געזעהן אַזעלכע שעהנע בר־מצות. ווער האָט עס דאָרטען, אין דער אַלטער היים, געמאַכט אַ וועזען פון אַ בר מצוה,

איז אַ קינד געוואָרען בר מצוה, מהיכי תיתי, האָט מען איהם אין שוהל אויפגערופען, און דוקא אַ פשוט'ע עליה געגעבען און ניט אומבאַדינגט מפטיר. פון קיין צערעמאָניאַלע שוהל „ספיטשעס" האָט מען ניט געוואוסט. דער בר מצוה, אויב אַ גוטער אינגעל, האָט ער זיך אויס-געלערענט אַ שטיקעל פשט'ל און האָט עס איבערגעזאָגט פאַר די עטליכע קלויזניקעס וואָס דער טאַטע האָט פאַרבעטען אין הויז אויף „זיך צו וואַשען" און מקיים זיין די סעודה של מצוה, אָבער ווער האָט עס געוואוסט פון אַזאַ טאַראַראַם און פון אַזעלכע בר מצוה „פּאַרטיס" ווי מען זעהט עס דאָ. עס איז דאָך רעכט אַז אַ בר מצוה זאָל דאָ אָפּקאָסטען אין די שווערע הונדערטערס, און ביי פאַרמעגליכע טאַקע אויך טויזענטערס.

טאָ ווי אַנדערש קען עס אויסגעטייטשט ווערען אויב ניט אַז די אַמעריקאַנער אידען זיינען באמת אַזעלכע שומרי מצוות און זיינען אַזוי שטאַרק מכבד אַ מצוה?

ווען מען קוקט זיך אָבער גוט צו, און מען געפינט אויס אַז דער דאָזיגער חתן דנן, דער בר מצוה, קען אפילו רעכט קיין שטיקעל „סידור" ניט, און אַז עס האָט געדאַרפט נעהמען אַ גאַנץ קיילעכדיגער יאָהר ביז עס האָט זיך איינגעגעבען איהם אַריינצוקלאַפּען אין קאָפּ דעם מפטיר מיט דעם ספיטש, און עס איז רעכט אַז דער ברוך שפטרני וואָס מען האָט אויף איהם געמאַכט איז עס ניט געווען אויף דער פ אַ ר ג אַ נ ג ע נ ה י י ט נור אויף דער צ ו ק ו נ פ ט, ווייל מיט זיין בר מצוה האָט זיך ניט אָ נ ג ע פ אַ נ ג ע ן זיין אידישקייט נור ליידער ג ע ע נ ד י ג ט. מעהר וועט ער שוין אין חדר ניט געהן, ער האָט דאָך שוין די בר מצוה אויסגעלערענט, איז ער דאָך שוין „ברוך השם" איבערגעקומען און קיין „רב וועט ער דאָך שוין סיי ווי ניט זיין" . . .

אַז מען באַטראַכט דאָס אַלעס ווערט מען שוין אַביסעל אָפּגע-קיהלט פון די הייסע באַגייסטערונג וואָס מען האָט געהאַט פון די „שעהנע" און מיט פּאָמפּ-געפייערטע אַמעריקאַנער בר מצוות . . .

איז אין גאַר היבש פאַלען דער גאַנצער בר מצוה שפיל באמת ניט מעהר ווי אַ מין נאָכטאַנצען די מאָדע, און געניסען דעם כבוד וואָס ווערט צוגעטיילט צו טאַטע-מאַמע אין שוהל און אויף דער

פארטי. אין גרונט גענומען קוקט מען דא אויף אלץ, ווי געזאגט, פון א קאריערע שטאנדפונקט, און אלעס ווערט געמאסטען מיט דער מאס־שנור פון דאלארס און סענטען. נאטירליך רעדט זיך דא ניט פון קיין אויסנאהמען. געוויס זיינען דא אזעלכע אויסנאהמען, און טאקע ב"ה אין א גאנץ באדייטענדע צאהל אויך, אבער פראצענטמעסיג איז די דאזיגע צאהל פון די יוצאים מן הכלל, ווייט ווייט פון צו זיין צו־פרידענשטעלענד.

אין דער אלטער היים האט מען פון קיין קאריערעס ניט גע־וואוסט; און כאטש דארט האט מען דאך ניט געהערט אזעלכע פזמונים אז „קיין רב ווערט ער דאך שוין סיי ווי סיי ניט ווערען", ווייל גראדע דארטען איז דאך עס געווען דער וואונש און תפלה פון יעדער אידישער מאמע אז איהר חיים'קע, יענעקעלע און משה'לע, זאל דוקא יא אויסוואקסען א רב, האט אבער דער דאזיגער וואונש באין אופן ניט געמיינט דאס רבנות אלס קאריערע; עס איז מעהר געמיינט געווארען בלשון מליצה, און האט זיך דורכאוים באצויגען אויף דער מאקסימאלער מאס פון תורה וואס דער רב איז פאר דעם דער סימ־באל. דער בעסטער באוויז דערצו איז דאך טאקע, דער קליינער פרא־צענט „רבנים ב פ ו ע ל" וואס פון יענע ישיבה־לייט איז ארויסגע־קומען און די אונגעהייער גרויס צאהל „רבנים ב כ ח" וואס די אייראפעאישע ישיבות האבען פראדוצירט וועלכע זיינען געווען ראוי צו פארנעהמען רבנות שטעלעס אין די גרעסטע קהלות, און זיינען דאך קיין רבנים ניט געווארען.

און דאס אלעס ערקלעהרט זיך מיט די צוויי געצעהלטע ווער־טער „קאריערע" און „לשמה". דאס ערשטע, פאר אמעריקא און דאס צווייטע פאר אייראפא. דיזע צוויי ווערטער, נעהמען ארונטער אלע קשיות און פארענטפערען אלע אבעיות — וחסל!!

דערמיט ווערט שוין פאלגליך אויך פארענטפערט אונזער ארי־גינאלע קשיא וואס מיר האבען אויבען געשטעלט, נעמליך: אויב אין אמעריקא וואו די פראגע פון „קמח" קען, און ווערט טאקע, לייכ־טער פארענטפערט ווי אין די אמאליגע אייראפא, טא האט דאך על פי שכל די פראגע פון תורה דא אויך געדארפט בעסער פארענטפערט ווערען ווי דארט, און לסוף איז דאך גאר אומגעקעהרט?

קוים אָבער אָפּעריערט דאָס אידישע אַמעריקאַ מיט'ן וואָרט „קאַריערע", איז דאָך שוין ממילא אוים קשיא. דער דאָזיגער וואָרט טייטשט דאָך שוין, ווי אויבענגעזאָגט, גאָר אַנדערש אוים דעם דאָזיגען זאָץ. „קמח" מיינט דאָך שוין ניט, לפי פשט זה, „קמח" ממש, נור די קאַריערע פון „קמח" וואָס זאָל קענען דערגרייכט ווערען דורך תורה, און אויב אין אמעריקאַ איז די דאָזיגע קאַריערע ניט אַזוי פּאָפּולאַר ווי די קאַריערעס דורך אַנדערע צנורות, איז דאָך שוין אוים תמיהא און אוים תיקו . . .

* * *

דאָס איז אָבער אַלץ אין באַצוג צו אַ גרויסען באַדייטענדען טהייל פון די אידישע אַמעריקאַנער עלטערען. אַנדערש אָבער ווען עס רעדט זיך מכח די ע ס ק נ י ם פון תורה אין אַמעריקאַ. זיי, די עסקנים, באַלאַנגען דאָך צום בעסערען עלעמענט אידען וועלכע באַזיצען דאָך שוין יאָ דעם אמת'ן תורה אידעאַל, און וואָל־טען דאָך טאַקע יאָ וועלען זעהן אַ אידישען תורה דור אין אַמעריקאַ. און אויב אויך ביי זיי, זעהט מען אַ געוויסע התרשלות און אָפּהענ־טיגקייט, איז עס דאָך שוין צוליב גאָר אַנדערע סבות. ביי זיי נעהמט זיך דאָך די דאָזיגע מוטלאָזיגקייט דוקא דערפאַר וואָס זיי האַלטען זיך ביים אַלטען פשוט'ן טייטש פון דעם „אם אין קמח אין תורה", וואָס מיינט איינפאַך, אַז אָהן די מאַטעריעלע מיטלען וואָס זיינען נויטיג פאַר דעם קיום פון די מוסדות התורה, קענען די לעצטע ניט עקזיסטירען.

און דאָרטען וואו עס איז פאַראַן די פראַגע פון „מה נאכל", מעג עס אפילו זיין בלויז בדרך „ואם תאמר" און ניט בדרך „ותימה", איז עס נאָך פונדעסטוועגען אַלץ אַ גאָר שטאַרקע קשיא, און אַזוי לאַנג ווי עס פעהלט דער תירוץ איז דאָך שוין ממילא דאָס אַליין אַ תירוץ אויף די מוטלאָזיגקייט און פעסעמיזם וואָס האָבען אַרומגעכאַפּט אָט די דאָזיגע עסקני החנוך אונזערע.

דאָך, מיינען מיר, אַז צו קיין יאוש דאַרף עס פאָרט ניט קומען. ווייל אויב אונזערע עסקנים און מחזיקי תורה ווייסען פון דעם „אם אין קמח אין תורה", דאַרפען זיי גלייכצייטיג אויך וויסען פון די צווייטע העלפט פון דעם דאָזיגען זאַץ וואָס זאָגט: „אם אין תורה

אין קמח״. אַט דער טהייל לאָזט זיך שוין גראָדע נ י ט אויסטיי־
טשען אַזוי פשוט ווי דער פריהעריגער. די מציאות און די פאַקטען
זיינען גראָדע געגען דעם. דען פאַקטיש וויסען מיר דאָך אַז אויב
תורה איז אָבהענגיג אין קמח איז אָבער קמח נ י ט אָבעהנגיג אין
תורה, און עס זיינען פאַראַן גענוג אידען וואָס קיין תורה האָבען זיי
נ י ט אָבער קמח גראָדע י א . . .

עס לאָזט זיך דעריבער דענקען, אַז דער דאָזיגער טהייל פון
זאַץ איז אפשר לכתחילה געשריבען געוואָרען טאַקע צוליב אונזערע
עסקנים, און איז אויסענגעווען זיי אַרויסצושלעפען פון זייער תהום
היאוש. עס איז געקומען אַלס אַ מין באַלזום כדי זיי מחזק זיין און
ערמוטיגען. עס מיינט אומגעפעהר אַזוי: איהר עסקנים זייט ניט
פאַרצווייפעלט. עס איז אמת, אַז איהר מוזט האָבען די קמח פאַר
דעם קיום פון די תורה, אָבער אנשטאָט פריהער צו זוכען די קמח און
דערנאָך די תורה, זאָל גאָר זיין פאַרקעהרט, פריהער זוכט די תורה,
די אמת׳ע תורה, שטעלט אויף אַזעלכע אנשטאַלטען וואָס זאָלען זיין
באַרעכטיגט צו זייער באַרוף; תורה אינסטיטוציעס וואָס זאָלען אַלס
אַזעלכע גילטען, ניט בלויז אין נאָמען, נור אויך אין אינהאַלט;
תלמודי תורה וואו עס זאָל געגעבען ווערען זייערע תלמידים תורה
אין ברייטערען זין און אין דער ברייטערער אויפפאַסונג פון דאָס
וואָרט; וואו „ראשית דעת״ און „שפת ילדים״ זאָלען ניט פאַרנעמען
דעם פלאַץ פון סידור און פון חומש; וואו די הייליגע נביאים זאָלען
ניט אויסגעביטען ווערען אויף די אַזוי גערופענע העבראַאישע ליטע־
ראַטור, און וואו גמרא, רש״י און תוספות, זאָלען נאָך אויך הייגט
זיין דאָמינירענד און פאַרנעהמען דעם אויבענאָן. שאַפט אונז אַזעלכע
בתי חנוך, וועלכע זאָלען זיין דורכגעדרונגען מיט דעם אמת אידיש
טראַדיציאָנעלען גייסט, דער גייסט פון יראת שמים און אמת אידישע
פרומקייט.

ווען איהר וועט אַזעלכע מוסטער אַנשטאַלטען אויפשטעלען
פאַר אונזערע קינדער, און די אמת תורה ליעבהאבענדע אידען וועלען
זעהן אַז „יש תורה״, וועט שוין ממילא זיין „יש קמח״. עס וועלען
זיך שוין געפינען גענוג תומכים ועוזרים וועלכע וועלען ניט לאָזען
אַזעלכע מוסטער אנשטאַלטען אַז זיי זאָלען חלילה אונטערגעהן. כי

לא אלמן ישראל, נאָך פאַראַן גענוג אידען אין נויאָרק, און אין אמעריקא בכלל, וואָס זיי וועלען געהן ביז מסירות נפש ממש אויף העלפען תורה, זיי ווילען אָבער תורה, ממש תורה, כפשוטה וכמשמעה, גיט זיי דעריבער דאָס וואָס ז י י ווילען, און זיי וועלען אייך געבען דאָס וואָס א י ה ר ווילט; גיט ז י י די ת ו ר ה און זיי וועלען א י י ך געבען די ק מ ח...

* * *

איך וויל דאָ פאַרצייכענען אַ פאַרטרעפליכען וואָרט, וואָס איז מיר לעצטענס אויסגעקומען צו הערען פון מיין חשוב'ן פריינד הרב יוסף מאיר מרגליות, אין פאַרבינדונג מיט דאָס אויבענגעזאָגטע. עס איז גראדע אויסגעקומען פרשת ויצא, ווען הרב מרגליות האָט אדרעסירט אַ פייערונג וואָס איז אָפּגעהאַלטען געוואָרען אין אַ באַקאַנטען חנוך אנשטאַלט אין נויאָרק. די פיהרער פון אנשטאַלט, האָבען זיך באַקלאָגט איבער די פינאַנציעלע שוועריגקייטען מיט וועלכע זיי באַגעגענען זיך אויפ'ן פעלד פון זייער אידעאַלע ארבייט, און דער ווירדיגער רב, ווענדיג זיי געבען אַ וואָרט פון ערמוטיגונג, האָט ער איינגעלייטעט דעם דאָזיגען געדאַנק וועלכען מיר האָבען דאָ אויספיהרליך אַרומגערעדט, לויט וועלכען עס קומט אוים אַז אנשטאָט צו געהן פריהער צו די קמח און ערשט דערנאָך צו די תורה, זאָל גאָר זיין פאַרקעהרט פריהער צו די תורה און דערנאָך צו די קמח.

הרב מרגליות האָט אין פאַרבינדונג דערמיט געגעבען אַ בילדליכע אַראַטאָרישע שילדערונג וועגען יעקב'ס חלום פון דעם „סולם מוצב ארצה וראשו מגיעה השמימה והנה מלאכי אלקים עולים ויורדים בו". די קשיא איז דאָך, אַז עס וואָלט געדאַרפט שטעהן פריהער „יורדים" און דערנאָך „עולים" ווייל עס האַנדעלט זיך דאָך דאָ וועגען ה י מ ל י ש ע מלאכים?

דער סולם איז דאָך אָבער דער סימבאָל פון תורה. סולם איז דאָך, לויט חז"ל, בגימטריה „סיני", און כדי מען זאָל קענען דורך דעם סולם אַרויפשטייגען צום הימלישען סיני, צו דער געטליכער תורה, דאַרף מען האָבען דערביי צוויי שותפים וועלכע זאָלען זיך איינטיילען מיט דער אַרבייט און זאָלען קאָאָפּערירען צוזאַמען.

מען דאַרף האָבען צום אַלעם ערשטען די תלמידים אַליין, די

תינוקת של בית רבן. זיי, דארפען עס זיין די „עולים", די ארויפ־שטייגערס אויף דעם תורה סולם, וועלכע זאלען געהן פון איין שטאפעל צום אנדערען, ממדרגה למדרגה, ביז זיי וועלען דערגרייכען דעם העכסטען שטאפעל, צום „וראשו מגיע השמימה".

און פון אנדערען זייט, דארף מען האבען די עסקנים און די תומכי תורה, וועלכע זאלען שטעהן א ו נ ט ע ן און זעהן אז דער סולם זאל זיין „מוצב ארצה", ער זאל האבען אן ערדישען י ס ו ד, א מאטעריעלען באזיס. זיי, די עסקנים און תומכים, זיינען עס די מלאכים פון „יורדים" וואס שטעהען אונטען. די לעצטע דארפען עס זיין די וואס זאלען באזארגען די „קמח" און די ערשטע, די וואס דארפען באזארגען די „תורה". זאל מען אבער ניט מיינען אז צום ערשטען קומען די „ י ו ר ד י ם " און דערנאך די „ ע ו ל י ם ", פריהער די „קמח" און דערנאך די „תורה", האט דערפאר דער פסוק פריהער געשטעלט דעם „ ע ו ל י ם " און שפעטער דעם „ י ו ר ד י ם " לויט'ן צווייטען נוסח פון „אם אין תורה אין קמח". „עולם ת ח ל ה ואחר כך „יורדים", ווייל קוים וועט נור זיין דער „עולים", וועט שוין דער „יורדים" ממילא קומען.

יא, אונזערע אמת'ע תורה עסקנים טארען ניט פארצווייפעלט ווערען. אמת גוטע סחורה קריגט שטענדיג איהרע קונים . . . גיט אונז די אמת'ע תורה און די קמח וועט שוין ממילא קומען, ווייל — א ם י ש ת ו ר ה י ש ק מ ח ! !

אַגודת אנשי מעמד ובית ועד לחכמים

אַן איבערבליק און אָפּהאַנדלונג וועגען זיין גרינדונג, זיין באַדייטונג, זיין פאַרגאַנגענהייט און זיין געגענוואַרט.

פון

הרב שמואל אהרן רובין

אידישער „מורה דרך" (וועגוויזער)
מנהל פון אנשטאלט.

שנת תש"ב

נויאָרק

בדפוס האחים שולזינגר

PRINTED IN THE U. S. A. BY

Shulsinger Bros., Linotyping & Publishing Co.

Twenty-three East Fourth Street, New York, N. Y.

ג ע ו ו י ד מ ע ט

די חשוב׳ע פיהרער פון „אגודת אנשי מעמד ובית ועד לחכמים״; די עסקנים און עסקניות וועלכע טוען זייער הייליגע און אידע־אַלע ארבייט בשלמות און שלא על מנת לקבל פרס.

אינהאַלטס פאַרצייכענונג

א.

„אגודת אנשי מעמד ובית ועד לחכמים" 7

ב.

אַ נייע עפּאָכע פאַר „אנשי מעמד" 15

ג.

אנשי מעמד און די ראַדיאָ 25

ד.

„אידיש אַמעריקאַנער באָרד שלום וצדק" 35

ה.

אונזער ביבליאָטעק 45

ו.

די מאָדעלען פון בית המקדש און משכן 53

ז.

אנשי מעמד אין ליידען און אין פריידען 72

ח.

די קוואַלען פון הכנסה פאַר די „אנשי מעמד" 79

א

„אגודת אנשי מעמד ובית ועד לחכמים"

דער אנשטאלט „אגודת אנשי מעמד ובית ועד לחכמים" וואָס געפינט זיך איצט אין 156 הענרי סטריט, ניו יאָרק, איז געגרינדעט געוואָרען אין מאָנאט פעברואר 1922, דורך דער איניציאַטיווע פון אַ גרופּע רבנים גדולי תורה וועלכע האָבען געפיהלט אז אזא סאָרט אנשטאלט דאַרף און זאָל עקזיסטירען, צוליב די טעמים וואָס מיר וועלען דאָ געהן ערקלעהרען, און לויט'ן כלל אז „אין לך דבר העומד בפני הרצון", האָט דער דאָזיגער רצון אריינצוברענגען אָט דעם מין מוסד אין דער משפחה פון אלע אנדערע מוסדות וואָס זיינען געשאפען געוואָרען דורך דער אידישער אָרטאָדאָקסי, אויך אין דעם פאל געווירקט איבערצושטייגען דעם יכולת, און טראָץ די אלע שוועריגקייטען וואָס זיינען געווען פאַרבונדען מיט זיין גרינדונג, איז דער אנשטאלט דאָך געגרינדעט געוואָרען. דער רצון האָט גובר געווען.

וואָס האָט אַרויסגערופען די נויטיגקייט צו גרינדען אַזאַ אַנשטאלט?

אויף דער דאָזיגער פראגע איז דאָ אַ פּשוט'ער ענטפער.

נויאָרק, ווי אלע אנדערע אידישע קהלות אין אמעריקא פאַרמאָגט אַ באַדייטענדע צאָהל „מושבי זקנים" אָדער אין אמעריקאַנער לשון „האָומס" וועלכע דינען אלס שוץ־היימען פאר די עלענדע הילפלאָזע זקנים וועלכע זיינען געבליבען צו דער עלטער אָהן מיטלען און האָבען ניט ווער עס זאָל זאָרגען פאר זייער באַקוועמליכקייט און פאר זייער עקזיסטענץ.

יעדער איינער פאַרשטעהט און פיהלט די נויטיגקייט פון אַ מושב זקנים, און עס קען גאָר ניט געמאָלט זיין אַ אידישער ישוב, ווי קליין אָדער ווי גרויס ער זאָל ניט זיין, וואָס זאָל צווישען זיינע

אַנדערע אינסטיטוציעס אויך ניט האָבען אזא אינסטיטוציע צו באַזאָרגען עלענדע זקנים מיט אַ היים און פארענטפערען דערמיט די אימער אַנגעוועהטאָגטע פּראָבלעמע פון דעם „אל תשליכנו לעת זקנה".

יאָ, דער מושב זקנים איז פון אלעמאָל און איבעראל געווען דער אַנשטאַלט מיט די ה"א הידיעה וואָס האָט ארויסגערופען די אַנערקענונג פון אלע פאָלקס שיכטען, אזוי גוט ווי זייער מיטווירקונג און קאָאָפּעראציע צו זיין גרינדונג און זיין אויפהאלטונג.

ניט אלע זקנים אָבער קענען זיין צוגעפּאסט פאר אַ מושב זקנים; ניט פאר אלעמען קען די „האָום" זיין די לעזונג צו זייערע פּראָבלעמען וואָס די עלטער רופט מיט זיך ארויס.

איבערהויפּט קען די „האָום" ניט פארענטפערען די פּראָבלעמע פון אזעלכע זקנים וואָס געהערען צום אינטעלעקטועלען טהייל פון פאָלק, און שיילען זיך אויס אין אלע הינזיכטען פון די געוועהנליכע דורכשניטליכע פאָלקס מאַסען.

מען דארף ניט פארגעסען אז אַ מושב זקנים, ווי גוט ער זאָל ניט זיין, איז אָבער דאָך ניט מעהר ווי אַן אנשטאַלט און יעדער אנשטאַלט האָט זיך זיינע אייגענע „רולס". אונטער וועלכע זיין מאַנשאפט מוז זיך אונטערוואַרפען מיט דער שטאַרקסטער דיסציפּלין כדי די רוטינע אָרדנונג פון דעם באַטרעפענדען אנשטאַלט זאָל ניט דארפען ליידען און אלעס זאָל זיך קענען פיהרען אונטער נאָרמאַלע אומשטענדען און באַדינגונגען.

דיסציפּלין, כאָטש אַן און פאר זיך אַ גאַנץ נויטיגע און אַ גאַנץ גוטע זאַך, קען עס אָבער ניט אַנגעווענדעט ווערען פאר אלעמען גלייך. עס איז אַ כלל ווי אלע אנדערע כללים וועלכע האָבען אויך „יוצאים מן הכלל". אין מיליטערישען לעבען ווייסען מיר איז דיסציפּלין דער סאַמע וויכטיגסטער יסוד אָהן וועלכען דער מילעטעריזם וואָלט ניט געקענט געדייהען קיין איין אייַנציגען טאָג. אין ציווילען לעבען זיינען אויך פאראַנען פיעלע זאכען וואו דיסציפּלין מוז אומבאַדינגט פארנעהמען דעם אויבענאַן, ווי למשל אין דער לעהרער פּראָפעסיע, וואָס פונקט ווי עס איז נויטיג אז דער לעהרער זאָל זיין קוואליפיצירט און באַוואפענט מיט אלע נויטיגע ידיעות וואָס האָ-

בען צו טאָן מיט זיין פאך, אזוי איז אויך נויטיג, און ביז א געוויסער מאָס אפשר נאָך נויטיגער, אז ער זאָל זיין פעהיג צו דיסציפלינירען זיינע יונגע „ארמייען", און אויב ער איז פון דער דאָזיגער פעהיגקייט בארויבט, מעג ער דאן אפילו זיין דער גרעסטער פאכמאן און מעג אפילו באַזיצען אלע שבע חכמות, איז ער דאָך ניט דער ריכטיגער מאן זיך צו פארנעהמען מיט דער לעהרער פראָפעסיאָן. ער איז לכתחילה א דורכפאל און, עבודתו פסולה.

און אזוי זיינען פאראן אונצאָהלרייכע אנדערע פראָפעסיאָנאלע צווייגען אויפ'ן גאנצען שטח פון לעבען וואו דיסציפלין איז דער אלף פון דעם באטרעפענדען געגענשטאנד און איז דער ערשטער סעיף אין יענעם לעבענס שולחן ערוך.

זאָל מען אָבער אזא דיסציפלין אויך אָנווענדען למשל אויף א זיבעציג יאָהריגען איד וועלכער האָט זיך זיינע אלע יאָהרען אויסגעלעבט פריי און זעלבסטשטענדיג, און דאָ איצט צו זיין דערגרייכטען הויכען עלטער ווערט ער מיטאַמאָל א דיסציפלינירטער סאָלדאט און דארף ערשט אָנהויבען צו נעהמען קורסען אויף דיזען געביט, זיין אונטערוואָרפען די אלע רעגולאציעס און געבאָטען פון די „האָום" וואוהין מען האָט איהם ארייגעגעבען, און נאָכקומען מיט דער גרעסטער פינקטליכקייט אלע דינים און פאראָרדנונגען וואָס די דאָזיגע האָום האָט איינגעפיהרט פאר דעם „וואויל און בעסטען" פון דער אינסטיטוציע, אזא דיסציפלין איז שוין ניט לויבענסווערט.

און אויב אזא דיסציפלין אין א שווערע זאך פאר אירגענד וועלכען זקן, איז זי אָבער הונדערטפאַך שווערער פאר א זקן א בן תורה, א רבנ'ישע פערזענליכקייט וועלכער האָט אין פארלויף פון זיין גאנצען לעבען געטראָגען אויף זיך דעם „כתר הנשיאות", די קרוין פון פיהרערשאפט; ער איז געווען א מנהיג ישראל, ער האָט אנדערע געפיהרט און ניט אנדערע איהם. פאר אזעלכען אויב מען שפאַנט איהם איין צו זיינע לעצטע יאָהרען אין דעם יאָך פון דיסציפלין, מיינט עס פאר איהם פשוט דער גיהנום אויף דער וועלט. עס קומט ביי איהם אין ווידערשפרוך מיט דעם „חרות על הלוחות — אין לך בן חורין אלא מי שעוסק בתורה" און דאָ ווען ער האלט ביים „כל זמן שמזקינין דעתם מתיישבת עליהם" און פיהלט אז אזא סאָרט

„ישוב הדעת" האָט געדארפט געהן האנט און האנט מיט זיין בן חורינ'שאַפט, דען ווי קען זיין דעתן מתיישבת ווען מען איז באַרויבט פון פערזענליכע פרייהייט, און דוקא צו אַט דער עלטער שטופע הערט ער אויף צו פונקציאָנירען און ווערט אין גאנצען א תלוי בדעת אחרים... ער קען זיך פריי ניט באַוועגען, ער מוז עסען ניט ווען ע ר וויל נור ווען ז י, די „דיספיפלין" וויל; שלאָפען, ווען ז י הייסט געהן. אוים בעל הבית געוואָרען אויף זיך אליין; אוים דעה זאָגער אויף זיין „תקון חצות" אויף; זיינע „משמורים", אלץ דארף געהן אויף דיספיפלינ'ס זייגער און ניט אויף זיין אייגענעם...

היינט ווידער די אַטמאָספערע אין אנשטאַלט, זיינע „האָום מייטס", די נייע חברים, די נייע סביבה און די נייע קאָמפאניע. ווער זיינען זיי, די איינפאכע זקנים און ווער איז ער?!... דערווייל איז נאָך ניטאָ אין אמעריקא אזעלכע „האָומס" וואָס זאָלען זיין קלאסיפיצירט אין זייער מענשען מאַטעריאל. דאָרט איז אין דער בחינה פון „קטן וגדול הכל שם", און ווען אַן עדעלער איד וואָס האָט זיין גאנצען לעבען זיך אויסגעלעבט אין די ד' אמות של הלכה, האָט פארקעהרט מיט אידען פון זיין גלייכען, זיך שטענדיג געפונען אין א סביבה פון תלמידי חכמים און גדולי תורה, אלעמאָל געפיהלט אז ער געהער צו די „נקיי הדעת" אויף וועלכע עס איז געזאָגט געוואָרען אז „לא היו מסבין אלא אם היו יודעין מי מיסב עמהן", און איצט דארף ער מיט גוואלד ארויסגעריסען ווערען פון דער דאָזיגער סביבה און איבערגעפלאַנצט ווערען אויף א נייעם באָדען, פארקעהרען מיט נייע „חברים פון וועלכער דער גרעסטער טהייל געהערען אפשר ניט צו יענער קלאַס פון דעתן מתיישב עליהם"...

אונטער אזעלכע באַדינגונגען איז עס גאנץ וויטלויפיג אז אַט דער טיפ היימישער רב זאָל אין א מושב זקנים קענען געפינען זיין רוה און צופרידענהייט, און אַנשטאַט וואָס די דאָזיגע אינסטיטוציע זאָל דינען דעם צוועק צוליב וועלכען זי איז געשאפען געוואָרען, וועט עס אין אַט דעם פאַל זיין גאָר דער הפך, אַנשטאַט צופרידענהייט — אומצופרידענהייט; אַנשטאַט באַקוועמליכקייט — אומבאַקוועמליכקייט און אַנשטאַט חרות — עבדות.

אַט די אויסגערעכענטע סיבות האָבען געבראכט אונזערע גדולי



הרוח זיך צו פֿאַרטראַכטען ערנסט אין דער זאַך און צו פּרובירען געפינען אַ לעזונג אויך פאַר אַט דעם טיף זקנים פּאַר ווען די געוועהנליכע „האָום" קען קיין לעזונג ניט זיין.

מען האָט געטראַכט און געטראַכט ביז מען האָט זיך דערטראַכט און געפונען די געהעריגע לעזונג אין דער גרינדונג פון אַט דעם ספּעציפישען אנשטאַלט וואָס איז כמעט א יחיד במינו און וואָס טראָגט אויף זיך דעם שעהנעם נאָמען: **„אגודת אנשי מעמד ובית ועד לחכמים"**.

דער דאָזיגער נאָמען דאַרף קיין פּירושים ניט האָבען, ער רעדט פאַר זיך אַליין און שפּיגעלט מיט זיך אָפּ די אַמאָליגע „אנשי מעמד ומשמרות", אין צייט פון בית המקדש. עס איז דער לעבעדיגער מאָנומענט פון די טראַדיציאָנעלע „מעמדות" וואָס שטעהען אין שכנה'־שאַפט מיט אונזער טראַדיציאָנעלען „תהלים".

אין דער גאַר לעצטער צייט האָט דער נאָמען „אנשי מעמד" געקראָגען נאָך אַ פיעל גרעסערען באַדייט צוליב דעם וואָס די מאָדעלען פון „בית המקדש" און „משכן" זיינען אריינגעבראַכט געוואָרען אין דער דאָזיגער אינסטיטוציע און פאַר די מענשליכע אויג איז אַט די קאָמבינאַציע אַ עהרליכע רעפלעקציע פון אונזער יענעם גלאַרייכען עבר בזמן שבית המקדש היה קיים.

אָבער צו דעם ווילען מיר זיך נאָך אומקערען אין אַ ספּעציעלען קאַפּיטעל וועגען די דערמאָנטע מאָדעלען.

דער „אנשי מעמד ובית ועד לחכמים" איז, ווי געזאָגט, געגרינדעט געוואָרען אין יאָהר 1922, דאָס הייסט מיט צוואַנציג יאָהר צוריק פון דער צייט ווען דיזע ווערטער ווערען געשריבען.

מען קען זיך אַליין פאָרשטעלען אַז דער וועג פון דעם אנשטאַלט איז ניט געווען אויסגעבעט מיט קיין בלומען; און אויב אירגענד וועלכער אַנשטאַלט פון וועלכען עס איז אַ כאַראַקטער טרעפט אַן אין זיינע ערשטע יאָהרען פיעל שוועריגקייטען און מכשולים. עס דאַרף נעהמען זעהר לאַנג ביז אַן אַנשטאַלט ווערט אָנערקענט און פּאָפּולאַר ביים עולם; אויב דאָס איז דער פאַל מיט יעדער סאָרט אנשטאַלט, איז עס מיט אונזער „אנשי מעמד" געווען נאָך פיעל ערגער. ער, דער „אנשי מעמד" האָט באַגעגענט פיעל גרעסערע

שווערינקייטען און פיעל שווערערע מכשולים אויפ׳ן וועג פון זיין גרינ־דונג. די אידעע פון אָט דעם טיפ אנשטאַלט איז געווען פיעל שווע־רער צו „פארקויפען״ צו די ברייטע פאָלקס מאסען וועלכע האָבען זיך קוים געקענט אידענטיפיצירען מיט איהר.

און טאַקע דערפאר וואָס דעם פשוט׳ן דורכשניטליכען פאָלקס מענש איז לגמרי אומפארשטענדליך די נויטיגקייט פון אזא אינסטי־טוציע דעמאָלט ווען עס זיינען ברוך השם פאראן אזוי פיעל מושבי זקנים און „האָומס״. דער פשוט׳ער איד איז ניט פעהיג צו מאכען יענעם נויטיגען פסיכאָלאָגישען אנאליז וואָס זאָל ארויסברענגען קלאָהר און דייטליך פאר וואָס דער מושב זקנים און די „האָום״ זאָ־לען ניט קענען פארענטפערען די פראָבלעמען פון אויך אזעלכע סאָרט זקנים פאר וועלכע דער „אנשי מעמד״ איז געשאפען געוואָרען.

אום צו „פארקויפען״ די דאָזיגע אידעע צום איינפאכען פאָלק איז דער צו נויטיג געווען אַ גאנצער „לעגיאָן״ פון ספעציאליזירטע „סיילינגס-לייט״ אויף דעם דאָזיגען געביט. עס איז אויך נויטיג גע־ווען אויפצושטעלען אַ גוט מעכאניזירטע פראָפּאָגאנדע מאַשין פאר דעם דאָזיגען צוועק; אוןביידע זאכען האָבען געפעהלט. זיינען טאַקע דערפאר די חבלי לידה פון אנשי מעמד געווען פיעל שווע־רערע פאר די פון אנדערע אנשטאַלטען וועלכע דער פשוט׳ער עולם פארשטעהט בעסער און אָריענטירט זיך מיט זיי פיעל לייכטער.

זיינען די באַדינגונגען פון דעם אנשי מעמד׳ס עקזיסטענץ אין די ערשטע יאָהרען פון זיין גרינדונג געווען גאָר טרויעריגע. עס איז טאַקע נור אַ דאנק דעם גרויסען ר צ ו ן פון אונזערע גדולי הרבנים וואָס איז זיי בייגעשטאַנען ביי דער גרינדונג פון אנשטאַלט, וואָס ער, דער זעלבער ר צ ו ן, איז זיי אויך בייגעשטאַנען ביי דער אַ נ־ה א ל ט ו נ ג פון זיין קיום. אויך אין ד ע ם פרט האָט דער רצון גובר געווען און געקעמפפט מיט אלע מעגליכע און אונמעגליכע כחות ניט צו דערלאָזען אז דער אָנשטאַלט זאָל ניט בלייבען קיין בר קימא און זאָל נאָך אלס „נפל״ אויסהויכען זיין יונגע נשמה...

די סאמע פרימיטיווסטע מיטלען זיינען אָנגעווענדעט און אויסגענוצט געוואָרען פאר דעם דאָזיגען צוועק. די רבנים גרינדער אליין האָבען זיך איינגעשפאנט אין דער „ארבייט״; זיי אליין זיינען

געוואָרען „קענוועסער" און „סאָליסיטער" און האָבען זיך ארומ־געלאָזט בשווקים וברחובות, פשוט געווען חוזרים על הפתחים, גע־קלאפט אויף די טירען פון גוטהערציגע בעלי בתים און נדיבים און אויסגשטרעקט אַ האנט פאר איינפאכע נדבות. זיי זיינען נישט גע־ווען איבערקלייבעריש אין דעם כאראקטער פון די נדבות; זיי האָ־בען צוגענומען וואָס מ'האָט זיי געגעבען, כסף און שוה כסף: ברויט, צוקער, טהע; ציבאלעס און קארטאָפעל און שאר ירקות. אלץ איז געווען אָנגעלייגט און אלץ איז געווען עובר לסוחר...

מיט דעם אלעמען אָבער, פארשטעהט זיך, האָט נאָך דער אנשי מעמד ניט געקענט געבויט ווערען; אזעלכע „יסודות" זיינען צו שוואך אַז מ'זאָל אויף זיי קענען אויפשטעלען אזא גרויס געפלאנ־טען בנין.

צו יענער צייט איז אָבער גליקליכערווייזע נאָך געווען די דמדומי חמה פעריאָדע פון דער אמעריקאנער „פראָספעריטי", איז אַ דאנק יענער שפע, וואָס עס זיינען נאָך אראָפגעפאלען געוויסע „פירורים", „רייכע ברעקלאך" פאר'ן אנשי מעמד...

דער „בין השמשות" איז אָבער שנעל אריבער און די נאכט פון דער „דעפרעסיע" איז אָנגעקומען, און ס'פארשטעהט זיך אז אנשי מעמד איז געווען פון די ערשטע קריזיס קרבנות, און זיין איינציגע „לייזונג" וואָלט נור געקענט געפונען ווערען אין זיין „אויפלייזונג"...

אָבער ר צ ו ן איז אויך דאַ געקומען צו הילף, און דער „יהי רצון" איז דאָך פון אייביג אָן אַ אידיש טראדיציאָנעלער „אסעט" וועמעס „קורס" פאלט קיינמאָל ניט ארונטער...

האָט מען זיך געמאָטערט מיט אלע מאָטערנישען און זיך גע־שטארקט מיט אלע איבערמענשליכע כחות אויף צו לאָזען בלייבען די טויערען פון אנשי מעמד אָפען.

איז עס אמת טאַקע געווען אין דער בחינה פון „נישט געלעבט און נישט געשטאָרבען". די עטליכע צעהנדליג רבנים וואָס האָבען זיך שוין צו יענער צייט געפונען אין אנשי מעמד, האָבען נעבאך זעהר שטאַרק געליטען, זייער געהאלט וואָס זיי האָבען באַקומען איז אויך געווען פון דעם מין וואָס „נישט געלעבט און ניט געשטאָרבען",

אָבער דער „ניט געשטאָרבען" איז שוין אויך געווען א חשוב'ע ער־רייכונג און אַ באַדייטענדער צוטראָג צום „עד יעבור זעם".

א נייע עפּאָכע פאר דעם „אנשי מעמד ובית ועד לחכמים", האָט זיך אָנגעפאנגען ערשט אין יאָהר 1931 ווען מיין וויינינגקייט איז פריווילעגירט געוואָרען אוועקגעשטעלט צו ווערען אין דער שפּי־צע פון דער פיהרערשאַפט אלס מנהל און עקזעקוטיוו דירעקטער פון אנשי מעמד.

ב

אַ נייע עפּאָכע פאַר „אנשי מעמד"

אין יאָהר 1931, פונקט צעהן יאָהר נאָך דער גרינ־דונג פון דעם איצט איבעראל באַריהמטען אנשטאַלט „אנשי מעמד ובית ועד לחכמים", און אַ קורצע צייט נאָך מיין איינוואנדערונג אין אמעריקא, האָב איך געהאַט די געלעגענהייט זיך דעם ערשטען מאָל צו באקענען מיט דער דאָזיגער אינסטיטוציע.

ניט אליין וויסענדיג פאר וואָס, אָבער דער נאָמען „אנשי מעמד ובית ועד לחכמים" האָט מיר עפּעס ווי באַצויבערט. ס'איז עפּעס געווען מיסטישעס אין דעם און קומענדיג נור וואָס פון ארץ ישראל, און די לעצטע צייט פון דער הייליגער שטאָט צפת, די וויגעלע פון מיסטיציזם, די שטאָדט פון דעם פאָטער פון קבלה, דער האר"י הקדוש, האָט עס מיר געצויגען צו באַזוכען דעם דאָזיגען אנשטאַלט און זיך באַקענען מיט זיין אינהאלט און כאראקטער.

אין הארץ פון דער אידישער איסט בראָדוויי, אין איינע פון די דאָרטיגע טענעמענט הייזער, דאָרט האָט זיך געפונען דער „אנשי מעמד". ווען איך בין אריינגעקומען אינעווייניג און פאר מיינע אוי־גען האָט זיך אנטפּלעקט דער אויסערליכער מיזעראבעלער צושטאַנד פון אנשטאַלט, זיין שרעקליכע אָפּגעלאָזענקייט און קלעגליכען אוים־זעהן, האָט עס מיר אזש פארכאַפּט ביים הארצען. איך האָב פאר מיר געזעהן דעם „ישראל ב מ ע מ ד ם", ניט פון יענער גאָלדערנע עפּאָכע פון „ירושלים בבנינה", נור פון יענער צייט ווען דער „ישראל במעמדם" איז שוין חרוב געווען. חורבן האָט אראָפּגעשטראלט פון יעדער ווינקעלע פון דער דאָזיגער הויז וואו דער „אנשי מעמד" האָט קוואַרטירט: פון דאַך, פון די ווענט, פון דער פאָדלאָגע אזוי גוט ווי פון יעדען טהייל פון דעם אנשטאַלט'ס ווירטשאַפטליכקייט, ניט אוים־געשלאָסען אפילו זיינע גרויסע אלמערם מיט ספרים; אלעס האָט

געווינט און אויף אלעם איז געווען אויסגעגאסען דער אייביג אידי־שער גלות טרויער.

עס איז געווען א שרעקליכעס בילד וואס האט דעם באזוכער אויך אריינגעווארפען אין מורא׳דיגען טרויער און איהם איינגע־הילט אין מעלאנכאליע און פעסעמיזם.

פון צווייטען זייט אבער איז געווען גענוג איין בליק צו ווער־פען אויף די רבנים זקנים פון אנשטאלט און די שטימונג זאל זיך מיטאמאל אין גאנצען בייטען.

ארום די לאנגע האלב צובראכענע טישען זיינען זיי געזעסען אט די עטליכע צעהנדליג רבנים ישישים און געשמאק געלערענט. זייערע ליכטיגע געשטאלטען מיט זייער הדרת פנים׳דיגקייט האבען אייך גלייך געמאכט פארגעסען אין דער אויסערליכקייט פון אנ־שטאלט. איהר זענט אויגענבליקליך הינגעריסען געווארען פון די פנימיות. אייערע אויגען זיינען ווי צוגעשמידט געווארען צו די דא־זיגע זקנים פון וועמעס געזיכטער עס האט אראפגעשטראלט שכינה, געטליכקייט, און וועלכע האבען מיט זיך פארגעשטעלט א מיניאטור קאפיע פון די אמאליגע סנהדרין אין זייער לשכת הגזית, און איהר האט מאמענטאל פארגעסען אז דאס געפינט איהר זיך ניט אין ירושלים, נור להבדיל אין נויארק און ניט אויפ׳ן הר הבית נור להבדיל אויף איסט בראדוויי. דאס בילד פון דער אנשי מעמד׳ם חצוניות איז ווי אויטאמאטיש פארשוואונדען געווארען און פאר אייך האט בלויז עקזיסטירט אט די אטעם פארכאפענדע בילד פון איהר פנימיות וואס איז געווען אזוי עהרליך שעהן, אזוי רייצענד.

עס איז דעריבער אפשר קיין חדוש ניט וואס דערנאך ווען דער צופאל האט געבראכט אז מיין קאנדידאטור אלס מנהל פון אנ־שטאלט זאל אזוי ערנסט גענומען ווערען מצד די וואס זיינען גע־שטאנען אין זיין שפיצע, און די פארהאנדלונגען מיט מיר זיינען אנגעפיהרט געווארען האסטיג און ענערגיש, איז מיין באשלוס גע־ווען א גינסטיגער און פאזיטיווער.

איך האב אמת דורכגעמאכט א שטיקעל אינערליכע מלחמה איידער איך האב דעם דאזיגען באשלוס אנגענומען, א מלחמה וואס האט כמעט אפגעשפיגעלט די אייביג מענשליכע מלחמת היצר. דען

פונקט ווי אין מלחמת היצר איז עס אַ קאַמפּף צווישען גוף און נשמה, אזוי איז עס אויך דאָ געווען. אַנקוקענדיג דעם גוף פון די אנשי מעמד, האָט איהר פארלאָרען דעם אַפּעטיט אויף זיך ווערען פאר־בינדען מיט איהם. עס האָט אויסגעקוקט ווי נעהמען אַ צו גרויסען שאַנס און שטעלען אין קאַן אייער אייגענעם עקזיסטענץ. איך וויל ניט זאָגען אז ס'איז געווען אין דער בחינה פון שאפען אַ „יש מאין" צו וועלכעס מען דארף שוין אַנקומען צו „נסים", א „ספּעקולאציע" וואָס טראָגט מיט זיך א ווארנונג פון „אין סומכין על הנס". אָבער אפילו אלס „יש מיש", איז דער יש געווען אזוי אומבאַדייטענד, אז מ'האָט אויך דערצו געדארפט זיין אַ גרויסער ספּעקולאַנט אויף איינ־צושטימען זיך צופארבינדען מיט אזא בלוטלאָזע און פארנאכלאַסיגטע אינסטיטוציע.

דאָס איז אָבער אלץ געזאָגט געווען ווען מען האָט געקוקט אויפ'ן אנשטאלט פון זיין „קערפּערליכער" זייט. אזוי שנעל אָבער ווי מען איז איבערגעגאנגען צו זיין חלק נשמה און די ליכ־טיגע געשטאַלטען פון די רבנים זקנים האָבען א שיין געטאָן פאר אייערע אויגען, האָט שוין די זאַך געמוזט אַנגעהמען אַן אנדער ווענ־דונג. איהר האָט געמוזט היגעריסען ווערען פון דעם דאָזיגען חלק נשמה; אייער קאַלטער פּראָזאאישער מאַטעריעלער חשבון האָט גע־מוזט מאַכען פלאַץ פאר דעם ווארעמען פּאָעטישען גייסטיגען חשבון; דער „שריפת הגוף" האָט געמוזט באַזיעגט ווערען פון דעם „נשמה קיימת". דאָס לעצטע האָט גובר געווען און דאָס פּאָזיטיווע האָט מנצח געווען דאָס נעגאַטיווע *)

* *
*

*) ולטוב יזכרו די פּאָלגענדע חשובים ונכבדים, וואָס זיינען דעמאָלט געשטאַנען בראש ההנהלה: דער דעמאָלדיגער און אויך היינטיגער פּרעזי־דענט פון אנשי מעמד ר' ישעי' אריי ברידזמאן נ"י, ולהל"ח המנוח ר' יצחק הלוי אפּעלבוים ז"ל (הגזבר); די פּאָלגענדע חברים פון דער עקזעקוטיווע: המנוח ר' אליעזר הלוי לעווין ז"ל, ווייס־פּרעז.; ולהל"ח הרב ר' אברהם שארפשטיין נ"י (דער איצטיגער גזבר); ר' אליעזר סילווער נ"י (ערשטער טראָסטי); ר' שמעון בארקין נ"י (צווייטער טראָסטי); ר' ניסן גוטערמאַן נ"י

דער צוטריט צו דער ארבייט איז, ווי געזאָגט, געווען אַ גאנץ שווערער. איך האָב געפיהלט אז דאָס ערשטע וואָס עס דארף געטאָן ווערען אין דיזער ריכטונג איז, דער „כבוש הקהלות״; מען דאַרף „איינגעהמען״ די „פעסטונגען״ פון אונזערע שוהלען און קהלות. דען צו ווענען אנדערש קען אזא סאָרט אנשטאַלט אפעלירען אויב ניט צו אונזערע רעליגיעזע שוהל אידען, און ווער אנדערש דארף זיך דאמיט פאראינטערעסירען אויב ניט די פאקעל טרעגער פון אונ־זערע הייליגע טראדיציעס?

יאָ, די שוהל פּאָזיציעס, האָב איך געטראכט, דארפען צום אלעם ערשטען איינגענומען און ערָאָבערט ווערען. דאָס דארף און זאָל זיין דער ערשטער שריט לטובת הענין.

נעהמען פּאָזיציעס, מעגען זיי אפילו זיין „שוהל פּאָזיציעס״ איז אָבער ניט אזא גרינגע זאך... דער צוטריט צו שוהלען אין אזעלכע ענינים וואָס געוועהנליך מיינט עס דאָך פאר׳ן צוועק פון „מאָכען אפּיעלס״, באגעגענט זיך מיט היבשע שוועריגקייטען, בפרט ווען דאָס באציהט זיך נאָך אויף אזא סאָרט אנשטאַלט וואָס איז ניט פּאָפּולאר געגוג און וואָס ניט יעדערער, שוהל אידען ניט אויס־געשלאָסען, קען זיך דערמיט אזוי שנעל אָריענטירען.

איהר ווייסט דאָך די מעשה מיט יענעם נגיד צו ווענען מען איז געקומען בעטען אויף הכנסת כלה, און עס האָט שוין געהאלטען דערביי אז אָט אָט נעהמט ער ארויס די שעהנע נדבה און דערלאנגט איהר ביד רחבה, ווען פלוצים פאלט איהם איין צו פרעגען אויפ׳ן עצם שידוך, ווער, וואָס און ווען; און אזוי גיך ווי מ׳האָט איהם צוגעשטעלט די נויטיגע אינפאָרמאציע, האָט ער גלייך חרטה גע־האָט, מיט׳ן אויסרייד אז דער שידוך געפעלט איהם ניט . . .

יאָ, דאָרט וואו עס איז דאָ אויסצוזעצען וועגען דעם עצם שידוך, מעגט איהר שוין אפילו האָבען פאר זיך די שעהנסטע און

(מיטגליד פון דער עקזעקוטיווע); מרת העניא רבקה מארקוס (פּרעזידענט פון דער ליידים אָקזילערי). עס איז אַ דאנק אָט די אויסגערעכענטע חשוב׳ע פיהרער, זייער איינפלוס און ערמוטיגונג וואָס איך האָב ענדליך באשלאָסען אָנצונעמען דעם אָנבאָט און זיך פארבינדען מיט די „אנשי מעמד ובית ועד לחכמים״.

חשוב'סטע נגידים, וועט איהר נאָך אלץ האָבען גרויסע שוועריג־קייטען מיט'ן ארויסקריגען זייער הכנסת כלה...

דער „שידוך" פון די „אנשי מעמד" מיט אונזערע שוהלען איז צו יענער צייט געווען אזא אויף וועלכען עס איז בכלל געווען אַ גרויסע שאלה צו דער שידוך וועט געפעלען...

די „סטראטעגיקע" פון מיין שוהל פלאן, האָט דערפאר גע־מוזט נעהמען אַ גאנץ אנדער ווענדונג. מען האָט געדארפט אנדערש מאַנעווירען, און איך בין געקומען צום באַשלוס אז צום אלעם ערשטען דארף מען אונזערע שוהלען אויסנוצען בלויז פאר פּראָפּאַ־גאנדע צוועקען; ניט פארלאנגען פון זיי קיין „אפּיעלס" נור בלויז די ערלויבעניש אויף צו האלטען דרשות פון זייערע בימות; די דרשה אליין, און ניט דעם „דרשה געשאַנק"...

דאָס איז שוין נאַטירליך אָנגעקומען אביסעל גרינגער. קוים איז עס בלויז געווען אַ פרשה פון דרשה, האָבען מיר שוין געקענט הערען אן ענטפער פון „פרשה זו יפה נדרשת"; דיזער זאץ האָט גינסטיגער געקענט פּרעזענטירט ווערען ווי למשל דער זאץ פון „ולא המדרש עיקר אלא המעשה"...

מיר זיינען געשטאַנען אויף דעם שטאַנדפּונקט אז „סוף הכבוד לבוא"; זאָל פריהער קומען די „חרישה וזריעה", וועט שוין שפּעטער אויך קומען די „קצירה", און — „הזורעים בדמעה, ברנה יקצורו".

איז אָבער די מעשה אז מיט פסוקים אליין קען מען נאָך אלץ ניט זעטיגען די פארהונגערטע רבנים, און מיט דער האָפענונג אויף דער צוקונפט קען נאָך דער געגענווארט ניט פארענטפערט ווערען. אמת, ערגעץ ווייט ווייט געפינט זיך אַ קרעטשמע, אָבער „וואָס וועט זיין ביז דער קרעטשמע"...

דער איינציגער אויסוועג צו לעזען דעם פּראָבלעם פון דער געגענווארט איז געווען נור אין קריגען צייטווייליגע הלוואות פון אידעאלע גבירים כדי מען זאָל קענען ווי עס איז דורכשטופען די צייט פון „אקערען און זייהען" און ווארטען „עד יעבור זעם", ווען מען וועט האָפענטליך אויך דערגרייכען צום „שניט".

האָבען מיר זיך געלאָזט געהן אין דער דאָזיגער ריכטונג, און

טראַצדעם וואָס דאָס איז געווען אַ גאַנץ שווערער וועג און גאָר ניט קיין גרינגע אויפגאבע, האָט זיך עס אונז דאָך איינגעגעבען. מיר האָבען מיט פיעל מיה און שוועריגקייטען געקראָגען צוטריט צו א הייפעלע אידישע גבירים פונ'ם בעסערען עלעמענט און עס איז אונז געלונגען זיי צו פאראינטערעסירען אין דער זאך און אונז געבען זייער פולע קאָאָפּעראציע אום מיר זאָלען ווייטער קענען אָנגעהן מיט דער ארבייט.

* *
*

די שוהל פּראָפּאַגאנדע איז פאָרטגעזעצט געוואָרען מיט'ן גרעסטען אימפּעט. עס איז געווען אַ גאָר פריידיגער געַנוס צו זעהן אַז ביסלעכווייז געלינגט עס איינצודרינגען די אידעע פון „אנשי מעמד" צו אונזערע שוהל אידען און אז פריהער שפּעטער וועלען מיר האָפענטליך האָבען מאָבאָליזירטע לעגיאָנען פון דער דאָזיגער שוהל מאַנשאַפט, וועלכע וועלען זיין באהויכט מיט א הערָאאישען גייסט אויף זיך צו שטעלען אין דיענסט פון דעם חשוב'ען אנשטאַלט און ווערען אַן אָרגאנישער טהייל פון איהם. אָט די האָפענונג אליין האָט אונז שוין געגעבען גענוג מוט און הרחבת הדעת אויף צו קענען אין דער צווישענצייט האלטען דעם מוח באַשעפטיגט אין אויסטראכ־טען נאָך אנדערע פּלענער, וואָס זאָלען פיהרען צו דער אויסבעסע־רונג און אויפריכטונג פון אונזער אינסטיטוציע.

און אזוי טראַכטענדיג, האָבען מיר זיך דערטראכט צו נאָך עפּעס וואָס ווי פאנטאַסטיש עס זאָל ניט האָבען אין אָנפאנגס געקלונ־גען, האָט עס שפּעטער־צו דאָך דערפיהרט צו רעאַליטעט און פון דער פאנטאַזיע איז געוואָרען אַ גליקליכע ווירקליכקייט.

מיר מיינען דערמיט אונזער „לופט" פּראָפּאַגאַנדע מיט דער הילף פון די לופט כוואַליעס פון די גאָר חשוב'סטע און פּראָמינענטסטע ראדיאָ סטאַנציעס.

איז דאָס דאָזיגע אָבער געקומען גאַנץ צופעליגערווייזע און עס פאַרדינט פאַרצייכענט צו ווערען.

זיצען מיר זיך אין אַ געוויסען אָוונט אין הויז און מען איז זיך גאָר ניש'קשה'דיג פאַר'דאגה'ט. דער „אנשי מעמד" קריכט ניט

ארוים פון קאָפּ. עס עגבערט אין מוח די אלטעגליכע און אלשטונד־ליכע פראגע: וואו נעמט מען און ווי שאפט מען א „מעמד" פאר די „אנשי מעמד"; ווי נעהמט מען אראָפּ דעם „לא" באלף רבתי פון דעם פסוק „כי לא לחכמים לחם" און דאמיט פארענטפערען די לחם פראַגע אויך פאר אונזערע חכמים פון דעם „בית ועד לחכמים"?

אַט די אלע געדאנקען האָבען זיך מיט גוואלד באַזעצט אין אונזער דענקונגס אפּאראט און האָבען דאָרט קונה שביתה געווען, ווען מיטאמאָל האָט אַ קינד אין הויז געעפענט דעם ראדיאָ אפּאראט פון וואנען עס האָבען זיך געטראָגען אויף איהרע לופט כוואליעס טענער פון געזאנג און לוסטיגקייט, וואָס האָבען צום אויער געקלונגען גאנץ היימיש. עס איז גראדע געווען אויף דעם פּראָגראם, די א י ד י ש ע שטונדע.

האָט דער ראדיאָ אפּאראט אונטערגעבראָכען מיין דענקונגס אפּאראַט, און בין ניט ווילענדיג מיטגעריסען געוואָרען פון דעם שטראָם פון איהרע לופט כוואליעס און זיך מיט היבש אויפמערקזאמקייט צוגעהערט צום פּראָגראם.

האָט יענער פּראָגראם אָבער געמאַכט אויף מיר זעהר ניט קיין גוטען רושם. עס איז געווען דאָס טעהאטראלע וואולגאריטעט וואָס האָט נאָכאנאנד געגרילצט אין די אויערען און געאיבעלט אויף דער נשמה.

אך, האָב איך געטראכט, ווי מען פארביליגט און מען פאר־שוועכט אזא נאָבעלעם נאַטור געשאנק מיט וועלכעם די מאָדערנע טעכניק האָט אונז באגליקט!

עס איז ארויפגעשוואומען אויפ'ן געדאנק דער באַקאַנטער תלמוד'ישער זאץ פון „באתרא דליעול ירקא, ליעול בשרא וכוורא", און האָב זיך געפרעגט: וואצו אויסנוצען דעם דאָזיגען קונסט אפּאַראט אויף אזעלכע נארישקייט אין צייט וואָס דאָס אייגענע קען בעסער אויסגענוצט ווערען אויף פיעל שעהנערעס, אינטערעסאַנטערעס און פיעל באלעהרענדערעס?

שוין זשע, האָב איך געטראכט, האָט זיך ביי אונז אויסגע־

שעפט מיטאמאל אלע אונזערע גייסטיגע קולטורעלע אוצרות וואס זיינען אנגעפילט מיט אזוי פיעל קולטור ווערטען און וועלכע קענען דעם ראדיא צוהערער ברענגען פיעל גרעסערע נוצען ווי די דאזיגע וואולגארישע לידעלאך? נאכוואס פארטעמפען דעם אידישען מוח און צוקאליעטשען זיין עדעלעם געהער, ווען מיט דער הילף פון דער זעלבער ראדיא האט מען גרייליך געקענט ברענגען צו זיין אויער עטוואס וואס זאל זיין מעהר נוצבאר און מעהר ווינשענסווערט.

איך האב געפיהלט אן אפשטויסענדיגקייט צו דער דאזיגער גרילצעריי פון דער אזוי גערופענער „א י ד י ש ע ר שטונדע”; א פיינליכער שמערץ האט מיר ארומגעכאפט צוזאמען מיט א געפיהל פון עקעל צו יענער וואולגארישער „דזשעז” פראגראמע; און אן עהרליכער געדאנק האט זיך דעמאלט ארייגגע׳גנב׳ט אין מוח. איך האב געטראכט: אפשר וואלט טאקע געקענט זיין א מעגליכקייט צו שאפען א אידישע שטונדע וואס זאל זיין אידיש ניט בלויז אין נאמען נור אויך אין אינהאלט און כאראקטער? פאר וואס זאל אזא מעגליכקייט זיין אויסגעשלאסען? זיינען דען אלע בעלי בתים פון די ראדיא סטיישאנס אזוי מבינות׳לאז אז קיין בעסערער און עדעלערער שטאף קען גאר צו זיי ניט אפעלירען? און איז עס דען לחלוטין אויסער ארדער אז אזא פראבע זאל אמווייניגסטענס געמאכט ווערען? עס קען דאך גראדע געמאלט זיין אז ווען מען זאל זיך שטעלען אין פארבינדונג מיט געוויסע ראדיא בעלי בתים און זיי מאכען אזא סארט אנטראג, זאל עס זיי גראדע געפעלען און זאלען זיך ניט באציהען דערצו נעגאטיוו.

אט אזעלכע מחשבות זיינען דעמאלט אין קאפ געקראכען, און — „ממחשבה למחשבה באותה מחשבה”, בין איך זיך מודה ומתודה, איז אויך דער ענין „אנשי מעמד” ארויפגעקומען אויפ׳ן געדאנק. הפנים אז דער „יצר טוב” האט עס מיר אונטערגעטראגען. ער האט מאמענטאל פארמולירט, „אויסגעקאכט” און פארפערטיגט א שפאגעל נייעם געדאנק אויף צו פארבינדען דעם עקזיסטענץ פון די אנשי מעמד מיט די לופט כוואליעס פון דער ראדיא, און האט אונטערגעזאגט אז עס איז גאר ניט אויסגעשלאסען אז די איצטיגע

מיזעראבעלע „לופט הכנסות" פון די אנשי מעמד, זאָלען ערשט אויף די לופט כוואליעם פון דער ראדיאָ קריגען זייער אמת'ן תקון...

יענער אָוועגט איז געווען דער טעהאָרעטישער יסוד וואָס האָט געשלאָסען דעם שידוך צווישען דער „אנשי מעמד" מיט דער ראדיאָ און וואָס איז דערנאָך פארווירקליכט געוואָרען אין פראקטישען רע־אליזם און מיט גאָר צופרידענשטעלענדע רעזולטאטען.

ג

אנשי מעמד און די ראדיאָ

עס קלינגט אפשר אביסעל מאָדנע, מעגליך, גאָר מאָדנע און אפשר אפילו פאראדאָקסאל אויך. די מאָדנעקייט באַשטעהט אין דער דאָזיגער קאָמבינאַציע „אנשי מעמד" מיט ראדיאָ... אן הרכבה פון ישן שבישן מיט חדש שבחדש; יעדענפאלס אן עקספערימענט וואָס איז נאָך צו יענער צייט, מיט צעהן יאָהר צוריק, זעהר ווייניג אויספראָבירט געוואָרען און עס איז געווען שווער צו וויסען אויב אזא עקספערימענט וועט זיך איינגעבען.

מען דארף אָבער פּרובירען, און אפשר וועט דער שטאַרקער רצון אויף וועלכען אונזערע חז"ל האָבען געלעגט אזוי פיעל געוויכט, אויך דאָ ביישטעהן, און אויך דערביי וועט מקויים ווערען דער „אין לך דבר העומד בפני הרצון"...

מאַנכע וואָלטען עס אפשר געקענט באַטראַכטען ווי אַ שטיק משוגעת אין וועלכעם עס ליגט מעהר פאנטאַזיע ווי ווירקליכקייט. דען ווי לייגט זיך עס גאָר אויפ'ן שכל צו באַנוצען די ראדיאָ, דאָס לעצטע וואָרט אין דער מאָדערנער טעכניק פאר תורה מעסעדזשעס, דאָס ערשטע וואָרט אין אונזער אוראלטע אולטרא קולטור?

עס איז דאָך שוין אָבער אן אלטער כלל אז: „אלמלא המשוגעים, לא נתקיים העולם", מוז מען דעריבער די דאָזיגע משוגעת אויך אָנווענדען...

אזוי האָבען מיר באשלאָסען און מיר האָבען זיך גענומען דעם דאָזיגען באַשלוס דורכצופיהרען.

לכתחילה האָבען מיר אמת דעם גאנצען ענין אנדערש אויפגעפאסט. די הויפט כונה אונזערע איז דוקא ניט געווען דער אנשי מעמד. דער צוגאנג צו דער ראדיאָ איז לכתחילה געווען מיט'ן צוועק, אביסעל אויסצורייניגען די „לופט" פון די וואולגארישע מזיקים. עס

איז געווען ביז אַ געוויסער מאָס אַ פשוט'ער ענין פון „לזכות את הרבים". עס האָט זיך געוואָלט פאַרהייליגען דאָס אונהייליגע. אדרבא, האָבען מיר געטראכט, זאָלען טאַקע אידען זעהן אז די נ י י ע ראדיאָ קען אויך ברענגען אן אַ ל ט ע ן מעסעדזש און אז די אומריינע ביליגע וויצען קענען פאַרביטען ווערען אויף ריינער טייערער ערנסטקייט. לאָמיר אדרבה זעהן ווי דער עולם וועט אויפנעהמען די דאָזיגע תורה מעסעדזשעס, ווי ער, דער עולם, וועט זיך צו זיי באַציהען, עס איז דאָך פשוט אביסעל טשיקאַווע אָן און פאַר זיך.

און זאָל זיך דאָס דאָזיגע יאָ איינגעבען, איז דאָך דאָס אליין שוין דער גרעסטער געווינס, קען מען דאָך שוין אויף דעם אליין זאָגען: „והיה זה שכרנו", ניט קוקענדיג צי דער „אנשי מעמד" וועט פון דעם אויך געווינען אָדער ניט.

איז עס, ווי געזאָגט, ווירקליך געווען אן אויפריכטיגער צו־גאנג, מיט ריינע כוונות און מיט אן אמת'ן „לשמה".

איז עס אָבער אונז ניט אזוי גרינג אָנגעקומען. עס איז געווען אַ הארטער נוס צו צוקנאַקען... די בעלי בתים פון די ראדיאָ סטאַנ־ציעס, האָבען מורא געהאַט איינצושטעלען, האָבען געציטערט צו נעהמען דעם שאנס. ווער ווייסט, האָבען זיי געזאָגט, ווי דער עולם וועט זיך דערויף אָפּרופען, וואָס די רעאקציע וועט זיין; עס איז ריזיקאָליש...

קוים האָבען מיר אָבער געזעהן אז ביי זיי אליין, ביי די ראדיאָ בעלי בתים, איז די זאך נאָך ניט לחלוטין אָפּגעפרעגט, ביי זיי אליין איז עס נאָך לפחות בגדר ספק און א ספק איז דאָך א מטבע מיט צוויי זייטען, האָבען מיר שוין ניט אָפּגעלאָזט. מיר האָבען איינגעשפּאַנט אַלע אונזערע פיזישע און גייסטיגע כחות, אייגענע און פרעמדע, ביז עס האָט זיך אונז איינגעגעבען צו „נעהמען דעם פעסטונג". מיר האָבען אויסגעאיבט דרוק און איינפלוס אויף אַ טהייל פון די ראדיאָ אייגענטימער אז זיי זאָלען יאָ איינשטעלען און יאָ פּרובירען נעהמען דעם דאָזיגען שאנס.

מיר האָבען געקראָגען די גוטהייסונג און זייער הסכמה.

האָט זיך ערשט דעמאָלט ביי אונז געשטעלט די פראַגע: מיט

וואָס טרעט מען צו? וואָס פאר א „געריכטען" זאָלען מיר ברענגען צו אונזער ראדיאָ עולם?

מיר האָבען נאטירליך געוואָלט מאַכען דעם עקספּערעמענט מיט לייכטע זאַכען וואָס זאָל זיין א „דבר השוה לכל נפש", און זאָל גלייכצייטיג אויך זיין פון פּראקטישען נוץ פאר די ברייטע אידישע פאָלקס מאַסען פון אלע שיכטען און שאַטירונגען.

מיר זאָגען פון „אלע שיכטען און שאַטירונגען" ווייל דאָס דאָ־זיגע דארף אַ באַזונדער באַטאָנונג. אויב ברענגען אויף דער ראדיאָ תורה מעסעדזשעס, איז עס דאָך אייגענטליך אן ענין בלויז פאר תורה אידען, פאר די פרומע רעליגיעזע עלעמענטען, און מיט זיי אליין, האָבען מיר געטראכט, קענען מיר נאָך אונזער חוב ניט יוצא זיין. דער פרומער איד אָדער די פרומע אידענע איז דאָך סיי ווי פרום און אונזערע פרומע לעקציעס וועלען איהם אדער איהר קיין צופיעל נייעס אויף דעם געביט ניט ברענגען; מיינען מיר דאָך איבערהויפּט אריינצור־ציהען די אויך ניט גאָר פרומע עלעמענטען, דער מאטעריאל וואָס קען זיך נאָך לאָזען אויסבעסערען, איז דאָך דערפאר נויטיג צו געפינען אזא ליפערונגס מאטעריאל וואָס זאָל אויך פאר אזעלכע עלעמענטען זיין צוגעפּאסט.

דאָס ערשטע וואָס איז אונז געקומען אויפ׳ן געדאנק איז גע־ווען — הדלקת הנרות, דאָס ליכט צינדען פון די שבת ליכט.

דאָ האָבען מיר געוואוסט, האָבען מיר אַ ברייטע פעלד און מיר קענען ערווארטען אַ גרויסען „ראדיאָ אוידיענץ" וועלכער זאָל זיך מיט פולער ערנסט צוהערען צו אונזער ראדיאָ שטונדע וואו „הדלקת הנרות" וועט זיין איינע פון אונזערע „פּיטשורס".

ליכט צינדען געהער צו יענע מצוות וואָס ווערען אָפּגעהיט אפילו פון די ניט גאָר פרומע אידישע טעכטער. ליכט־צינדען פאר־נעהמט אויך אין אמעריקא א גאָר חשוב׳ען פּלאץ אין אונזער אידי־שען לעבען. דערין זיינען אפילו די ניט פרומע ווייבער אויך ניט מזלזל. עס איז ביי זיי פון די עיקרים און ווערען ביי זיי אָפּגעהיט מיט גרויס זהירות.

אגב איז „ליכט בענטשען" ניט בלויז אַ ווייבערשער ענין נור אויך אַ מענערשער. פרומע אידישע ביזנעס לייט פון וועלכע אמע־

ריקא פאַרמאָגט ברוך השם אויך אַ היבש ביסעל, דאַרפען אויך זיין געווארנט וועגען די צייט פון ליכט בענטשען, כדי חלילה ניט נכשל צו ווערען אין חלול שבת.

געדענקען מיר דאָך נאָך פון דער אַלטער היים וואָס פאַר אַ פּלאַץ די „אַנאָנסמענט" וועגען ליכט-צינדען האָט פאַרנומען אין אי־דישען לעבען. יעדער שטאָדט און שטעטעל מיט איהרע מנהגים און מיט איהרע מעטאָדען. געווען ערטער וואו דער שטאָדט שמש פלעגט די דאָזיגע מיסיע דורכפיהרען. מיט זיין גראָבען שטעקען איז ער ארומגעגאנגען איבער די קראָמען ווען עס איז נאָך געווען היבש פאַר ליכט צינדען און האָט די קרעמער געגעבען די ערשטע ווארנונג, אָדער ווי מיר וואָלטען עס אָנגערופען אין אמעריקאנער לשון, דעם „פוירסט קאָל" אַז מען דאַרף זיך שוין גרייטען צו פאַר־שליסען די געשעפטען. אין ארום אַ פופצעהן מינוט שפּעטער איז געקומען די צווייטע ווארנונג, דער „סעקאָנד קאָל", און אין נאָך צעהן מינוט שפּעטער איז געקומען די דריטע און לעצטע ווארנונג, „לאַסט קאָל", נאָך וועלכען די פאַרשפּעטיגטע קרעמער האָבען שוין אָהן אַן אָטעם זיך געכאַפּט אריינטראָגען זייער אָרעמע ביסעל סחורה פון דרויסען, מורא האָבענדיג פאַר'ן בייזען בליק פון שמש וועלכער איז עלול געווען פשוט דורס ברגל זיין די ציבעלעס אָדער קאַרטאָ־פעל און שאר ירקות, אויב זיי וועלען אויגענבליקליך ניט אריינגענו־מען ווערען אין קראָם.

אין אנדערע ערטער פלעגט מען באַנוצען אַ שופר פאַר דעם דאָזיגען צוועק און אויך אויפ'ן זעלבען סיסטעם, אַ תקיעה ראשונה, אַ תקיעה שניה און אַ תקיעה שלישית וואָס איז געווען דער „נעילה" סיגנאַל.

דאָ אין אמעריקא קענען די דאָזיגע היימישע מעטאָדען ניט אָנגעווענדעט ווערען. ערשטענס איז עס עפּעס צו אַלט פרענקיש וואָס לאָזט זיך ניט פּראַקטיצירען אין אַזאַ ציוויליזירטע פאָרגעשרי־טענע מדינה; און צווייטענס, זיינען דאָך דאָ די שומרי שבת זעהר אין אַ קליינע, כמעט אונבאַדייטענדע, צאָהל, אחד ב„גאס" וחצי ב„עוועניו", טאָ געה קלייב אוים דעם פּלאַץ וואו דער שמש אָדער

דער שופר בלאָזער זאָל זיך אוועקשטעלען מכריז ומודיע צו זיין אויף הדלקת הנרות...

אגב, וואָלט מען אין אזא שטאָדט ווי נויאָרק צום ביישפיל, געדארפט האָבען אין די הונדערטער אָדער זאָגאר טויזענטער „אנאָנ־סערס" אויף צו קענען מזכה זיין אונזערע שומרי שבת וועלכע זיינען צוזייהט און צושפרייט בארבע כנפות נויאָרק.

די ראדיאָ, זי, וואָלט געקענט דינען דעם דאָזיגען צוועק; זי, וואָלט געקענט ברענגען דעם אמת'ן תקון אפילו אין אזא גרויסע וועלט שטאָדט ווי נויאָרק.

און אז דאָס דאָזיגע איז נאָך דאָ אין נויאָרק מעהר נויטיג ווי דאָרט אין דער אלטער היים, וועגען דעם קען דאָך גאָר קיין ספק ניט זיין. דען צום באַדויערען ווייסען מיר דאָך אז אויב אפילו דאָס ליכט צינדען איז, ווי געזאָגט, אין דעם כלל פון „מצוה שהחזיקו בה", פעהלט פונדעסטוועגען דער אויספיהר פון דעם דאָזיגען זאץ, דער „הרבה מדקדקין בה"... און עס טרעפט ניט זעהר זעלטען אז די פרוי וואָס היט אפילו אָפּ דאָס צינדען פון שבת ליכט, טהוט זי דאָס אָבער אין אזא וועג וואָס דערמיט אליין איז זי ערשט מחלל שבת דערפאר וואָס זי צינד ניט די ליכט אין צייט און היבש מאָל בענטשט זי ליכט ווען עס איז שוין גאַנץ פינסטער.

ווערט דאָס דאָזיגע געטאָן ניט חלילה אבזיכטליך נור, אדער איינפאך דערפאר וואָס די עמי הארצות איז אזוי גרויס אז די פרוי ווייס פשוט ניט אז מען טאָר דאָס ניט טאָן, אָדער אין בעסטען פאל, וואָס זי ווייסט פשוט ניט די צייט פון ליכט בענטשען. ניט אלע ווייבער פאָרשטעהן ארייַנצוקוקען אין לוח, און ניט אלע ווייבער האָבען צום האנט אַ אידישען לוח און ניט אלע לוחות גיבען אָן די צייט פון ליכט בענטשען.

אזוי צו אזוי, די מכשולים אויף דיזען געביט זיינען שרעקליך גרויס, און צו געפינען אַ תקנה דערצו וואָלט געווען איינע פון די הייליגסטע פליכטען וואָס מען קען זיך נור פאָרשטעלען.

האָבען מיר, ווי געזאָגט, געזעהן די אמת'ע תקנה דאפיר אין די ראדיאָ.

פרייטאָג, געפינען זיך די מעהרסטע אידישע פרויען אין זיי־

ערע היימען. זיי דארפען דאָך „שבת מאכען” און רייניגען די הויז. איז דעמאָלט, האָבען מיר געטראכט, די פּאַסענדסטע צייט פאַר די אידישע שטונדע. די פרוי טהוט זיך איהר ארבייט און געניסט נאָך דערביי פון אַ גוטע פּראָגראמע וואָס זי הערט אויף איהר ראדיאָ. דעמאָלט איז די בעסטע צייט מען זאָל איהר אינפאָרמירען ווען מען דאַרף ליכט צינדען, און אגב טאַקע אויך ארומרעדען דעם דאָזיגען ענין, די אָפּשאַצונג פון דער דאָזיגער מצוה, איהר באַדייטונג א. א. וו. מען לאָזט איהר גלייכצייטיג דעמאָלט אויך וויסען די ריכטיגע צייט פון זייגער, איהר קיך זייגער הענגט פאַר איהרע אויגען און זי קען דעריבער אויגענבליקליך זעהן צי ער שטימט מיט׳ן ראדיאָ זייגער און אזוי ארום וועט זי חלילה ניט נכשל ווערען אין קיין חלול שבת.

דעסטגלייכען מיט די געשעפטסלייט, די שומרי שבת, וואו זיי זאָלען ניט זיין, די ראדיאָ איז אלעמאָל אין זייער מיטע און קענען לייכט אינפאָרמירט ווערען אום צו וויסען די ריכטיגע צייט ווען זיי דארפען שליסען זייערע געשעפטען.

ניט נויטיג מעהר די אלט היימישע פּרימיטיווע מעטאָדען; מען קען זיך שוין באַגעהן אָהן דעם שמש מיט זיין גראָבען שטעקען און אָהן זיין שופר מיט די תקיעות, די ראדיאָ „תקיעות” קענען שוין אלעם „דעקען”; זי, די ראדיאָ, וועט שוין פאַרהילכען די לופט מיט איהר שבת פּראָקלאַמאַציע.

מיר זיינען אליין אינספּירירט געוואָרען פון דער דאָזיגער אידעע, און מיר האָבען זיך כמעט אליין קרעדיט געגעבען... מיר האָבען אויך געטראכט אז אלמלא לא נוצרה הראדיאָ אלא בשביל זה — דיינו”!

און קוים האָבען מיר געפיהלט אַ געוויסע סאַטיספעקציע אין דעם עצם געדאנק פון הדלקת הנרות אויף דער ראדיאָ, האָבען מיר שוין מיט אַ רוהיגען געמיט געקענט וויטער ציהען דעם פאָדעם פון מחשבות, און אזוי ארום קענען צוריק קומען צום מקור פון וואנען די צנורות המחשבה האָבען זיך לכתחילה אָנגעהויבען צו ציהען.

דער דאָזיגער מקור איז נאַטירליך געווען דער — **„אנשי מעמד ובית ועד לחכמים”.**

עס האָט באלד אַ בליץ געטאָן אין מוח די פּארוואנדשאַפט

פון „אנשי מעמד" מיט הדלקת הנרות און די סמיכות הפרשיות פון איינם מיט דאָס צווייטע.

און אויך דאָ האָט אונז די פאַנטאַזיע איבערגעטראָגען אין דער אַלטער היים און ביי אונז אָפּגעפרישט דעם זכרון וועגען די פאַר־בינדונג פון די „שבת ליכט" מיט דער פושקע פון ר' מאיר בעל הנס.

ווער פון אונז געדענקט ניט אז די מעהרסטע צדקות פאַר ישיבות, תלמוד תורות, לחם עניים, בקור חולים און אלע אנדערע מוסדות התורה און מוסדות הצדקה והחסד, זיינען געגעבען געוואָ־רען גראדע אין יענער שטונדע פון „ליכט צינדען". עס איז שוין געווען אזא איינגעפונדעוועטע טראדיציע מדור דורות אז פאר ליכט בענטשען איז די עקרת הבית צוגעגאַנגען צו די פארשידענע צדקה פושקעס וואָס זיינען געהאנגען אין א גאנצע רייהע ביי איהר אין קיך אדער אין עס־צימער, האָט אין איטליכע פון זיי אריינ־געוואָרפען אַ פאָר מטבעות, יעדער באַלעבאָסטע לויט איהר מעג־ליכקייט, און האָט נאכהער אין דעם „יהי רצון" פון ליכט בענטשען דערמאָנט די דאָזיגע צדקות און מתפלל געווען אז אין דעם זכות זאָל זי געהאָלפען ווערען מיט איהר מאן און קינדער מיט געזונט, מיט פרנסה, מיט הצלחה און מיט כל טוב סלה.

עס איז טאַקע געווען נור אַ דאנק די דאָזיגע צדקה טראדיציע וואָס די תורה און צדקה אנשטאַלטען איבעראל און אומעטום, האָבען געקענט אָנהאלטען זייער קיום.

פאר וואָס זשע אלזאָ זאָל די דאָזיגע טראדיציע ניט צוריק אויפגעלעבט ווערען אויך דאָ אין אַמעריקא, וואו עס איז דאָך נאָכ־אלעמען פיעל גרינגער צו געבען די נדבה ווי דאָרט אין דער אלטער היים?

און אויב טאַקע מען וועט די אידישע באַלעבאָסטע דערמאָנען אין דעם, גלייכצייטיג מיט די דערמאָנונג אין דער צייט פון ליכט בענטשען, און דערביי אַפּעלירען צו איהר נאָבעלע נשמה און איהר באַקאַנט מאַכען מיט דעם כאַראַקטער פון דער דאָזיגער צדקה פאַר וועלכע מען אַפּעלירט צו איהר, איז דאָך גאָר קיין ספק ניט אַז דער אַפּיעל וועט געפינען דעם געהעריגען אָפּקלאַנג אין איהר אידישע האַרץ און וועט גרייכען דעם ריכטיגען צוועק.

האָבען מיר דעריבער געזעהן אין אונזער געפּלאַנטע „אידישע שטונדע" מיט איהר הדלקת הנרות פּיטשור, אַ פּראַקטישען פּראָפּאַ־גאַנדע מיטעל, פאַר דעם וואוילזיין און עקזיסטענץ פון אונזער הייליגען און חשוב'ן אַנשטאַלט, „אנשי מעמד ובית ועד לחכמים". עס וועט זיין, ווי מען רופט „צוויי אין איינס", אָדער אין דעם תלמוד'ישען טערמין פון „מצוה גוררת מצוה". פון איין זייט וועלען מיר מזכה זיין די ברייטע אידישע פאָלקס מאַסען מיט די זהירות פון די מצות הדלקת הנרות, און פון דער צווייטער זייט וועלען מיר די זעלבע מאַסען מזכה זיין מיט דער מצוה פון צדקה און אונזער אנשי מעמד וועט דאַדורך ווייניגער אָדער מעהר אויפגעריכט ווערען.

עס איז זעלבסטפאַרשטענדליך פאָראויס שווער געווען נביאות צו זאָגען ווי ווייט דאָס דאָזיגע וועט זיך אונז איינגעבען, און צי דער דאָזיגער „פּיטשור" וועט בכלל „אויסנעהמען" ביים עולם אַזוי אַז די ראַדיא בעלי בתים זאָלען דערין טאַקע זעהן אַ נויטיגקייט.

מיר האָבען אָבער געהאַט אַ פאָר־געפיהל אַז דאָס דאָזיגע וועט זיך יאָ איינגעבען און עס וועט יאָ געלינגען.

מיר האָבען זיך אין דעם ניט אָפּגענאַרט. אונזער „ליכט צינדען" האָט געצונדען אידישע הערצער, דערוואַרעמט אידישע נשמות און דער אָפּרוף איז געווען זעהר גינסטיג און זעהר צופרידענ־שטעלענד. מיט איין וואָרט: עס האָט „געגומען" דעם עולם.

מיט דער צייט האָבען מיר אַרויפגעבראַכט אויף די לופט כוואַליעס נאָך עהנליכע אידישע פּיטשורס, ווי: דינים פון זאַלצען פלייש; אַן איבערבליק איבער די סדרה פון דער וואָך; קורצע לעקציעס וועגען אידישער היסטאָריע א. ד. ג.

אונזער ראַדיא משפחה האָט זיך, ג־ט צו דאַנקען, פאַרגרעסערט און פאַרמעהרט מיט יעדער וואָך. אַ מבול פון שריפטליכע באַגריסונגען, סיי צו די ראַדיאָ סטיישאַנס און סיי צו אונז אַליין, האָט גע־פלייצט און געשטראָמט פון אַלע זייטען און דאָס איז נאַטירליך פאַר אונז געווען אַן אמת'ער קורת רוח און אַ געוואַלדיגע ערמוטיגונג פאַר דער ווייטערדיגער פאָרטזעצונג פון אונזער הייליגער אַרבייט.

וואָס אַנבאַלאַנגט דעם ענין פון אונזער „אנשי מעמד", האָבען מיר דאָ איינגעפיהרט אַ שטיקעל „רעפאָרם". די אַלטע היימישע ר'

מאיר בעל הנס פושקע, האָבען מיר אָפּגעשטעלט אין אַ זייט. מיר האָבען געפיהלט אַז קוים טראָגט דער דאָזיגער ענין הויפּטזעכליך אַ לאָקאַלען כאַראַקטער און האָט מעהרסטענס צו טאָן מיט ניו יאָרק און איהר סביבה, איז ניט מעהר ווי רעכט אַז די דאָזיגע נדיבים זאָלען זיך נעהמען די טרחא און מיה און אַליין אַרונטערקומען אין אַנשטאַלט מיט זייערע נדבות, און ניט יוצא זיין מיט וואַרפען די גראָשענס אין דער פּושקע.

מיר האָבען דערביי געהאַט צוויי גוטע כוונות. ערשטענס טאַקע כדי אונזערע נדיבים זאָלען זעהן מיט זייערע אייגענע אויגען דעם אַנשטאַלט מיט זיינע רבנים זקנים און זיך ניט דאַרפען פאַרלאָזען בלויז אויפ'ן וואָרט. זאָל בעסער זיין „ר ו א י ם את הקולות", די שטימע וואָס זיי ה ע ר ען דורך דער ראַדיא, זאָלען זיי דערנאָך דאָס געהערטע אויך קענען ז ע ה ן. דער פּסוק זאָגט דאָך טאַקע: „והיו עיניך ר ו א ו ת את מוריך"...

צווייטענס, דענקען מיר אַז אין דעם ליגט אויך אַ שטיקעל „חנוך למצוה". זאָל אַ מצוה ניט זיין אַזוי ביליג ביי אונז און זאָל זי ניט אָנקומען אַזוי גרינג. ט ר ח א פון א מצוה איז אַן און פאַר זיך אויך עפּעס אַן ענין.

ווייסען מיר דאָך, צום ביישפּיל, אַז ווען אַ איד נויטיגט זיך אין אַ שוהל פאַר זיין טובה וועגען, ווי קדיש זאָגען, אָפּהיטען יאָהרצייט אָדער תפלה טאָן פאַר אַ חולה, קומט ער דאָך אין שוהל און ניט די שוהל קומט צו איהם, טאָ פאַר וואָס זשע זאָל דאָס דאָזיגע זיין נור דעמאָלט ווען די שוהל ג י ט א י ה ם און ניט אויך ווען ער ג י ט ד י ש ו ה ל?...

האָט זיך אויך דאָס דאָזיגע בעזר השם אונז איינגעגעבען. דער עולם האָט אָנגעהויבען צו קומען אין אַנשטאַלט און האָבען זיך אַזוי אַרום נעהנטער באַקענט מיט זיין כאַראַקטער און געוואוסט איהם צו געבען זיין געהעריגער אָפּשאַצונג.

האָט דאָס דאָזיגע פאַר אונז אויך געהאַט אַן עקאָנאָמישע באַדייטונג און האָט געבראַכט היבש בענעפיט דער אנשי מעמד. מיט'ן ברענגען אַליין די נדבות אין אַנשטאַלט פאַרשפּאָרט מען צו שיקען „קאָלעקטאָרס", וואָס איז געוועהנליך פאַרבונדען מיט היבשע

הוצאות. אַט די הוצאות ווערען אויף אַזאַ אופן אין גאַנצען איינגע־שפּאַרט און דאָס נאַטירליך מיינט זעהר פיעל.

אונזערע „עצות"

מיט דער פאַרמעהרונג פון אונזערע ראַדיאָ צוהערער האָבען מיר מיט דער צייט איינגעפיהרט נאָך אַ חשוב'ען פיטשור אין גע־שטאַלט פון אונזערע עצות.

דער עצם געדאַנק דערפון איז כמעט געקומען ווי פון זיך אַליין. עס איז אַ פשוט'ע זאַך: עס קומען מאַסען מענשען (כן ירבו) באַזוכען דעם אַנשטאַלט. מען באַקענט זיך גלייכצייטיג מיט די פּערזאָן וואָס שטעהט אין דער שפּיצע פון דער פאַרוואַלטונג. כאַפּט מען דערווייל אַ זייטיגען שמועסעל און מען רעדט זיך אַ ביסעל אויך אַראָפּ פון האַרצען; דען וועלכער איד האָט עס ניט אויף זיין האַרץ עפּעס וואָס דריקט איהם, טאָ פאַר וואָס טאַקע ניט מקיים זיין דעם „דאגה בלב איש ישחנה" לויט חז"ל'ס קאָמענטאַר — „ישיחנה לאחרים" . . .

אַזוי איינער, אַזוי אַ צווייטער, אַ דריטער, אַ פערטער און — אפילו אַ צעהנטער.

דאָס דאָזיגע האָט ניט ווילענדיג פאַרוואַנדעלט אונזער ביוראָ אויך אין אַ ראַטסגעבונג ביוראָ און איהר אָנפיהרער אין אַ ראַטגעבער, און מיט דער צייט איז דער ענין עצות געוואָרען אַ מין אינסטיטוציע פאַר זיך אַליין.

ליקווידירען עס, האָט זיך ניט געלאָזט, ווייל ערשטענס האָבען מיר עס באַטראַכט פאַר אַ הומאַניטאַרישע פליכט, פון וועלכעס אַ אידישער מענש טאָר זיך ניט באַפרייען; און העלפען יענעם מיט אַן עצה איז אין געוויסע פאַלען נאָך אפשר מעהר ווי העלפען יענעם מיט געלט וכדומה.

און צווייטענס האָבען מיר דאָך דאָ מעהרסטענס געהאַט צו טאָן מיט מענשען וואָס קומענדיג פרעגען די עצה, האָבען זיי דערווייל געגעבען זייער ביישטייערונג פאַר'ן אַנשטאַלט אָדער אפשר גאָר

פאַרקעהרט, קומענדיג געבען די נדבה האָבען זיי דערוויייל אויך גע־פרעגט אַן עצה. אזוי צו אַזוי, מיט אַזעלכע עצות פרעגער האָט מען זיך געמוזט רעכענען, און אַזוי אַרום איז עס דורך אַן עוואָלוציאָנם פּראָצעס אויסגעברייטערט געוואָרען און האָט געבוירען דעם — „אידישען מורה דרך" (וועגווייזער).

מיר האָבען נאָכהער אויך דעם דאָזיגען „פיטשור" טראַנספּע־רירט צו דער ראַדיאָ. ווייל אויסער וואָס מיר האָבען עס געהאַלטען פאַר וויכטיג אַז אונזערע ענטפערס דאַרפען און זאָלען געהערט ווע־רען פון נאָך טויזענטער מענשען, צווישען וועלכע עס געפינען זיך בלי ספק אין גאַר באַדייטענדע צאָהלען אַזעלכע וואָס שלאָגען זיך אויך אָן אין עהנליכע לעבענס פּראָבלעמען און אין אַ סך פעלע קען די ראַדיאָ עצה זיין אין דער בחינה פון „נר לאחד, נר למאה"; אויסער דעם האָבען מיר געפיהלט אַז דער דאָזיגער פיטשור וועט צוציהען אויך אַזעלכע עלעמענטען וואָס קענען צוליב זייערע אייגענאַרטיגע לעבענס באַדינ־גונגען ניט האָבען אַזאַ וויכטיגע אינטערעס אין אונזערע אַנדערע ראַדיאָ פיטשורס. זיי זיינען דאָך אָבער אויך באַרעכטיגט צו געניסען פון אונזער „אידישע שטונדע" אויף אַזאַ אָדער אויף אַן אַנדער אופן.

שוין ניט רעדענדיג וואָס אַ גרעסערע ראַדיאָ נאָכפאָלגערשאַפט, מיינט אויך אַ גרעסערע פּאָפּולאַריטעט פאַר דעם „אנשי מעמד".

די ראַדיאָ עצות אַזוי גוט ווי די פּערזענליכע עצות אין אונזער ביוראָ וועלכע ווערען געגעבען דעם ברייטען עולם גענצליך פריי אָהן אירגענד וולכע באַלוינונג, האָבען טאַקע געשאַפען די געהעריגע פּאָ־פולאַריטעט אונזערע „אידישע שטונדען", און אויף א דירעקטען און אונדירעקטען אופן אויך דעם „אנשי מעמד".

די ראַדיאָ עצות האָבען אויך „געבאָרען" אַ נייעם קינד וואָס איז אין אַ גאַנץ קליינע צייט אויך געוואָרען זעהר פּאָפּולער און אָנגע־נומען דעם כאַראַקטער פון אַ גאַר וויכטיגע און פּערמאַנענטע אינסטי־טוציע.

דערמיט מיינען מיר אונזער אידישע „ראַדיאָ קאורט" וואָס פאַרדינט אַ גענויע און פּראָמינענטע אָפּהאַנדלונג.

ד.

„אידיש אמעריקאנער בארד שלום וצדק״

דאָס איז דער נאָמען פון אונזער אידישער „קאורט״ וואָס דינט אַלס „אַרביטריישאָן באַרד״ צו שליכטען אידישע סכסוכים אָדער סכסוכים צווישען אידען.

מיר טהיילען פאַנאַנדער דיזע צוויי זאַכען, ווייל באמת זיינען זיי טאַקע צוויי גאַנץ באַזונדערע ענינים. „אידישע סכסוכים״ איז איין זאַך און „סכסוכים צווישען אידען״ איז אַן אַנדער זאַך, אָבער פאַר די ערשטע ווי פאַר די צווייטע איז אַזאַ מין אינסטיטוציע ווי אַ אידישע „קאורט״ אַ גאָר נויטיגע באַדערפעניס.

ביי „אידישע סכסוכים״ מיינען מיר אַזעלכע סכסוכים וועלכע זיינען אין זייער כאַראַקטער דורכאויס אידיש, ספּעציפיש אידיש. צו דעם מין געהערען די קאָנפליקטען וואָס קומען פאָר אין אידישע סאָסייעטיס, לאַדזשען און חברות איבער אַזעלכע ענינים וועלכע זיי־נען לחלוטין פרעמד צו דער ניט־אידישער וועלט; סכסוכים וועגען סעמעטערים, דיום און בענעפיט אנגעלעגענהייטען; שוהל סעקיורי־טים, בעאַמטענשאַפט און כדומה נאָך פיעל אַנדערע פון דעם דאָזיגען סאָרט, די מעהרסטע פון זיי וואָס האָבען צו טאָן מיט'ן קהל'שען לעבען און מיט אידיש קהל'שע ענינים.

„סכסוכים צווישען אידען״ נעהמט שוין אין זיך אריין אַלע סאָרטען ציווילע סכסוכים וואָס אין כאַראַקטער זיינען זיי אפשר ניט ספּעציפיש אידיש, אָבער זיי געשעהן צ ו ו י ש ע ן אידען, אָבער פאַר ביידע איז, ווי געזאָגט, פאַראַן אַ נויטיגקייט אויסצומיידען אַז זיי זאָלען ניט דאַרפען אַריינגעבראַכט ווערען אין די אַלגעמיינע גע־ריכטס הייזער און זאָלען בעסער געשליכטעט ווערען אינערהאַלב פון אונזערע אייגענע מחיצות, אין אונזער אייגענעם אידישען רשות היחיד.

לויט דער אידישער טראַדיציע איז דער „ערכאות”, פון ברענגען משפטים אין גוי'אישע געריכטס הייזער, פון אייביג אָן געווען אָפּ־געפרעגט. דער אידישער דין האָט געקוקט דערויף זעהר קרום און האָט עס זאָגאַר אַ היבש ביסעל פאַרדאַמט.

שטאַמען שטאַמט עס דערפון וואָס „חלול השם” איז אַלע־מאָל ביי אונז פאַררעכענט געוואָרען פאַר איינע פון די הארבסטע עבירות; און משפטים און סכסוכים פון אירגענד וועלכען סאָרט זיינען דאָך אונטערוואָרפען אין אַ גאַר גרויסער מאָס אַ געוויסען חלול השם וואָס די דאָזיגע משפטים ברענגען מיט זיך אַרוים.

נאָך ביים סאַמען ערשטען קאָנפליקט וואָס האָט אויסגעבראָכען צווישען די פאַסטוכער פון אברהם אבינו און די פאַסטוכער פון לוט, ווען אברהם האָט אַפּעלירט צו לוט'ן און געזאָגט: „אל נא תהי מריבה ביני וביניך, בין רועי ובין רועיך”, אונטערשטרייכט די תורה: „והכנעני והפריזי אז יושב בארץ” און לויט די קאָמענטאַרען פון די מפרשי התורה איז די דאָזיגע באַטאָנונג געקומען כדי דערמיט אָנ־צוצייגען אויפ'ן חלול השם וואָס דער דאָזיגער סכסוך קען פאַראור־זאַכען ווען דאָס וועט דערגעהן צו די ניט־אידישע איינוואוינער פון לאַנד . . .

האָט מען דאָך טאַקע אין דער אַלטער היים זעהר ווייניג גע־האַט צו טאָן מיט גוי'אישע געריכטס הייזער. ווער האָט עס דאָרטען געוואוסט פון אַ „קאָורט”? די אידישע געריכטס הויז איז געווען דאָס „בית דין שטיבעל” וואָס האָט זיך געפונען אויפ'ן שוהל הויף. אהין פלעגט מען זיך קומען לאַדען; די אַלטע דיינים מיט'ן ראש בית דין אין דער שפּיצע, זיי זיינען געווען די העכסטע יורידישע אויטאָרי־טעטען אין אַלע דיני ממונות פונקט ווי זיי זיינען עס געווען אין ענינים פון גיטין וקידושין אָדער ענינים פון איסור והיתר. זייער פסק דין איז געווען דאָס לעצטע וואָרט אין דער שליכטונג פון דעם סכסוך. עס האָט גאָר ניט אויסגעמאַכט צו ב י י ד ע בעלי דינים זיינען אַרוים צופרידענע אָדער נור איינער. יאָ צופרידען, ניט צו־פרידען, אַ פסק דין פון בית דין איז אַ פסק דין, געפעלט ער דיך יאָ אָדער ניט . . .

די „סאָמאַנסעס” אויף צו רופען יענעם אין בית־דין קאָורט

איז דורכגעפיהרט געוואָרען דורכ'ן ב"ד שמש וועלכער איז געקומען צום באַטרעפענדען נתבע מיט'ן פזמון פון: „ר' איד, איהר האָט אַ הזמנה צו בית דין"; און אויב יענער האָט איגנאָרירט די ערשטע הזמנה, האָט ער געקראָגען אַ צווייטע און אַ דריטע, און אויב ער האָט אויך דעמאָלט ניט געוואָלט ערשיינען צו דין תורה, האָט ער געקראָגען אַ „סירוב", אַ מין „דזשאַדזשמענט" און איז פאַר'משפט געוואָרען אויפ'ן גרונט פון דעם דאָזיגען סירוב.

מיט איין וואָרט: דאָס וואָס די אָפיציעלע רעגירונגס קאורט מיינט היינט, דאָס האָט די בית-דין שטיבעל געמיינט אַמאָל, און זעהר זעהר זעלטען, טאַקע כמעט ווי קיינמאָל ניט, ווען מען זאָל האָבען געהערט אַז אידען לויפען מיט זייערע משפטים אין די גוי'אישע גע־ריכטען.

דער בית-דין האָט טאַקע ניט געהאַט קיין געזעצליכע אנער־קענונג מצר דער רעגירונג, און זיין יורידישע קאָמפעטענץ האָט ניט געהאַט אויף וואָס זיך צו שטיצען זייטענס דער געזעצליכקייט, אָבער אָהן דעם אַלעמען איז דאָך בית-דין געווען דער העכסטער יורידישער כח אין אידישען לעבען, געגען וועמען קיינער האָט זיך ניט געוואַגט אַנטקעגענצושטעלען.

געווען ערטער, און זיי זיינען נאָך דאַ ביז היינט צו טאָג, וואו דער אידישער בית-דין האָט טאַקע יאָ די געזעצליכע אנערקענונג אלס א רעגירונגס קאורט. אזא אויטאָריטעטיווען סטאַטוס האָט דער בית דין אין לאָנדאָן, ענגלאַנד.

זיינען טאַקע דעריבער דאָרטען די אידישע ענינים פיעל בע־סער איינגעאָרדענט ווי למשל דאָ ביי אונז אין אַמעריקא. און פיעלע איבלען אין אידישען צבור'ישען לעבען וואָס דאָ ליידען מיר פון זיי זעהר פיעל, זיינען זיי דאָרטען בהחלט ניטאָ און קענען ניט זיין. גענוג אָנצואווייזען אויף דעם ענין פון כשרות פון וועלכעס מיר ליידען זיך ניט ווייניג אָן דאָ אין לאַנד, איבערהויפט אין נויאָרק, שוין מיט דעם "כשר פוד" סטייט געזעץ; און ניט איין חלול השם האָט שוין דאָס דאָזיגע געבראַכט, שוין ניט רעדענדיג פון די מחלוקת'ן און שפאַלטונגען אינ'ם רבנישען לאַגער וואָס האָט אין די לעצטע יאָהרען אָנגענומען אַזאַ שווידערליכען כאַראַקטער און דער כבוד התורה און

כבוד הרבנות געפינען זיך צוליב דעם אין אזא שרעקליכען צושטאנד.

קומט דאס אלעם דערפון וואס אונזערע רבנ'ישע קערפער־שאפטען זיינען ניט אנערקענט ביי דער רעגירונג און האבען דעריבער ניט קיין געזעצליכע מאכט אפילו אין הונדערט פראצענטיגע ריין רע־ליגיעזע ענינים. הערשט דעריבער גוואלדיגע הפקרות אויף דעם דאזיגען געביט פונקט ווי אויף פיעל אנדערע געביטען אין דעם אר־טאדאקסישען רעליגיעזען לעבען, ווי למשל דער געביט פון אידישער היירא͏ט אויף וועלכען עס איז גאר ניטא קיין גרעניץ צו דער וואול־גאריטעט און הפקרות וואס דארטען געוועלטיגט. יעדערער וואס בשם רעווערענד יכונה איז א מסדר קדושין און אפילו מסדר גיטין אויך, און ניט ווייניג זיינען זיי די תקלות ומכשולים וואס קומען דערפון ארוים.

אויף אן אנדער פלאץ אין דיזען ספר האבען מיר זיך דערויף מעהר אויספיהרליך אפגעשטעלט. דא באריהרען מיר עס נור דרך אגב כדי אנצואווייזען אז דער גאנצער כאאטישער צושטאנד אין אונ־זערע רעליגיעזע ענינים נעהמט זיך דערפון וואס מיר האבען דא ניט קיין געזעצליך אנערקענטע יורידישע אינסטאנצען אין אונזער אידי־שען לעבען.

אין לאנדאן צום ביישפיעל אז בית־דין גיט ארוים א געוויסען באפויל, שאפט א געוויסע תקנה סיי אויפ'ן כשרות געביט, סיי אויף וועלכען עס איז אנדער געביט אויפ'ן שטח פון אידיש־רעליגיעזען לעבען, ווערט דאס דאזיגע גלייך א געזעץ, און ווער עס וואגט דארויף עובר צו זיין דראהט איהם א שטראף פונקט ווי אויף עובר זיין אויף א לאנדם געזעץ. אין לאנדאן וואו עס איז דא א „כח בית דין יפה" קען ניט קומען ווער עס וויל און זיך אנטאן א איצטלא דרבנן, אויפ־הענגען אויפ'ן טיר א „בית דין אפים" סיין און לאזען וויסען אז ער „נעהמט אן אלע רבנ'ישע אנגעלעגענהייטען" . . . אום צו פראקטי־צירען רבנות מוז ער דארויף האבען „לייסענס" פון דער העכסטער רבנ'ישער קערפערשאפט, פון דעם לאנדאנער בית־דין; אהן אזעלכע לייסענס קען ער ניט געבען קיין חופה־קדושין; ער האט אפילו קיין רעכט ניט זיך מטפל צו זיין מיט מכירת חמץ אדער מיט פיעל מינ־דערוויכטיגע אנדערע רבנ'ישע אנגעלעגענהייטען.

ארץ ישראל האָט שוין היינט אויך אַזאַ אויטאָריטעטיווען און געזעצליך אנערקענטען ראַבינאַט אין געשטאַלט פון „די רבנות הראשית לארץ ישראל" וועלכע איז געוואָרען אַ געזעצליך יורידישע אינסטיטוציע נאָך בימי הערבערט סעמועל, דער ערשטער אידישער היי־קאָמישאנער נאָך דער בריטישער אָקופּאַציע.

איז טאַקע די „רבנות הראשית" אַ ציערונג פאַר ארץ ישראל און אַ ציערונג פאַר דאָס גאַנצע אידישע פאָלק; און הלואי וואָלטען מיר געהאַט אַזעלכע אינסטיטוציעס אין אַלע לענדער און אין אַלע אידישע ישובים, וואָלטען מיר דאַן אויסגעמיטען שרעקליכע איבלען אין אידישען לעבען און מיר וואָלטען געהאַט פיעל ווייניגער צו ליידען פון אַזוי פיעל חלול השם פון וועלכע מיר ליידען איצט יאָ אין אונזער טאָג טעגליכען לעבען.

* * *

מיר קומען אָבער צוריק צו אונזער ענין וועגען די אידישע „אַרביטריישאָן באָרד" וואָס, ווי מיר האָבען פריהער געזאָגט, איז אַן אומבאַדינגטע נויטיגקייט אין אונזער אידיש אַמעריקאַנעם לעבען.

און ווי מיר האָבען שוין באַטאַנט דאַרף די דאָזיגע אַזוי גע־רופענע „קאורט" דינען די אינטערעסען סיי פון „אידישע סכסוכים" און סיי פון „סכסוכים צווישען אידען". דען איןביידע פעלע וואָלט געווען פיעל געזינטער פאַר אונז ניט צו וואַשען אונזערע „קויטיקע וועש" אין פרעמדען רשות הרבים וואָס קען אונז ניט צופיעל כבוד פאַרשאַפען און ניט צו וועניג חלול השם ברענגען . . .

וואָלטען מיר אודאי און אודאי געווען צופרידען ווען מיר וואָלטען געקענט מחזיר עטרה ליושנה זיין און צוריק אויפלעבען אונ־זער אַלטע הייליגע אינסטיטוציע, דעם „בית דין צדק", און איהם געבען לפחות דעם מ אָ ר אַ ל י ש ע ן כח וואָס ער האָט געהאַט אין אונזערע אַלטע היימען.

זיינען אָבער דאָ פאַראַנען אַ סך שטרויכלונגען וואָס שטערען דערין און מאַכען די זאַך פאַר אַן אונמעגליכקייט.

די הויפט שוועריגקייט באַשטעהט אין דעם וואָס די רבנות דאָ אין לאַנד, און אין נויאָרק איבערהויפּט, איז, ווי מיר האָבען שוין אויף אַן אַנדער פּלאַץ אָנגעוויזען, אין איהר כאַראַקטער אין גאַנצען אַנדערש

ווי אין דער אַלטער היים, דאַמיט וואָס דאָ איז עס אַ „שוהל רבנות" און ניט אַ „שטאָדט רבנות". עס פעהלט דאָ די אָרגאַ-ניזירטע אידישע קהלה וואָס זאָל קענען געבען די רבנות אפילו דעם געהעריגען מאָראַלישען כח וואָס איז נויטיג פאַר דער ענט-שטעהונג פון אַזאַ מין בית-דין פון וועלכען עס רעדט זיך דאָ.

יעדער שוהל איז זיך אַ קהלה פאַר זיך און יעדער רב איז זיך אַ „עולם מלא בפני עצמו". די רבנ'ישע פונקציעס זיינען צוליב דעם דאָ אויך אין גאַנצען אנדערש פון די רבנ'ישע פונקציעס אין דער אַלטער היים, והדברים עתיקים אַז עס לאָזט זיך נישט מאריך זיין וועגען דיזער אָנגעוועהטאָגטער פראַגע.

כדי אָבער עפּוואָס מתקן זיין אויף דעם דאָזיגען געביט און פאַרמיידען אַמווייניגסטענס אויף אַזוי ווייט ווי עס לאָזט זיך, אַ סך פון די איבלען וואָס דער לעבען ברענגט מיט זיך אַרוים, איז אַזאַ מין אַרביטריישאָן באָרד געוועזען אַן אבסאָלוטע נויטיגקייט.

דער בעסטער באַווייז דערצו איז טאַקע די אונגעהייער גרויסע צאָל פּראָצעסען וואָס ווערען פאַרגעבראַכט פאַר דער דאָזיגער „אידי-שער קאָורט" און די ווייט פארשפרייטע פּאָפּולאַריטעט וואָס די אינסטיטוציע האָט געקראָגען צווישען די ברייטע אידישע מאַסען פון אונזער מיליאָנענדיגע אידישע נויאָרקער באַפעלקערונג.

די ריכטער פון אונזער „אידיש אַמעריקאַנער באָרד שלום וצדק" וועלכע זיינען דריי אין צאָהל און באַשטעהען פון: אַ יורידישע פערזענליכקייט און אַ פּראָפעסיאָנאַל אדער אַ געשעפטסמאַן, אויסער מיין ווייניגקייט וועלכער האָט דעם זכות צו זיין דער יושב ראש פון געריכט, נעהמען זעהר ערנסט זייער אויפגאַבע און באַמיהען זיך מיט אַלע כחות באַליבט צו מאַכען דעם „בית המשפט" אויף זיינע „קליענ-טען" כדי זייער צאָל זאָל וואָס ווייטער אַלץ מעהר פאַרגרעסערט ווערען און אַזוי אַרום העלפען וואָס מעהר צו מינימיזירען די צאָהל אידישע פּראָצעסען אין די אַלגעמיינע געריכטען.

עס איז איבעריג צו באַטאָנען אַז דער „שלום וצדק" פסקנ'ט ניט קיין דין-תורות און גיט אויך ניט קיינע „ליגעל אדווייזעס". ער איז ניט מעהר ווי שוין פריהער געזאָגט, אַן אַרביטריישאָן באָרד, דאָס וואָס מען רופט אויף אידיש אַ „בוררות", און מוז אָנקומען צו דעם „גוד

וויל״ פון די באטרעפענדע צדדים וואָס שרייבען זיך אונטער אז זיי געהען איין דארויף. דאן ווערען שוין ממילא אונזערע פסקים געזעץ און זייער דורכפיהרבאַרקייט איז שוין אויסער יעדען צווייפעל, די אויג פון דאָס לאַנד געזעץ וואכט שוין דארויף און זאָרגט שוין דאפיר . . .

דאָס אַרויפברענגען די „קאורט״ אויף די לופט כוואַליעס פון דער ראדיא וואָס אויבערפלעכליך קען עס אויסקוקען ווי אַן אוננויטיגע זאך; מאַנכע קענען זאָגאַר קוקען דערויף מיט קריטישע אויגען און ניט גוט הייסען דעם דאָזיגען פרסום. ווען מען באַטראַכט אָבער די זאך ערנסטער, דאן קריגט מען שוין א גאַנץ אנדער באגריף וועגען דעם ענין, און די פריהעריגע נעגאַטיווע שטעלונג ווערט פאַרביטען אין א פאָזיטיווע.

דען אויב דער ציעל פון דער „אידישער קאורט״ איז צו מיני־מיזירען די צאָל אידישע פראָצעסען אין די אַלגעמיינע געריכטס היי־זער, איז דער ציעל פון ברענגען די קאורט אויף דער ראַדיאָ צו מינימיזירען די צאָל אידישע פראָצעסען אפילו אין דער אידישער קאורט גופא . . .

די פראָבלעמען מיט זייערע פסקים וואָס טראָגען זיך איבער דורך די לופט כוואַליעס אין די הונדערטער און טויזענטער אידישע הייזער, דינען אין צאָלרייכע פעלע אַלס בנין אב פאַר פיעל אַנדערע עהנליכע פראָצעסען, און די צוהערער, וועלכע געפינען אין די באַ־טרעפענדע משפטים אַן עהנליכקייט צו זייערע אייגענע פאַמיליע קאָנפליקטען אדער געזעלשאפטליכע סכסוכים, לערנען זעהר פיעל פון אונזערע פסקים און געפינען שוין אליין דעם וועג ווי אזוי צו לעזען זייערע אייגענע סכסוכים, אזוי אז זיי זאָלען זיי שוין גאָר ניט דארפען ברענגען אפילו אין דער אידישער קאָורט.

מיר גלויבען אַז דאָס אַליין איז איינע פון די גרעסטע געווינסען פאַר דעם אידיש פאַרצווייגטען לעבען, און מען קען מיט רעכט זאָגען אז „אלמלי לא בא״, די דאָזיגע לופט קאורט, „אלא בשביל זה — דיינו״ . . .

די קאורט סעסיעס ווערען אָפגעהאַלטען יעדען זונטאג צווישען עלף און דריי דעם זייגער, דאָס הייסט, גאַנצע פיער שטונדען פון וועלכע די ערשטע צוויי פאַרנעהמען זיך מיט ע פ ע נ ט ל י כ ע

פראַצעסען, וואָס ווערען אַרויפגעבראַכט אויף דער „לופט", וועהרענד די אַנדערע צוויי שטונדען זיינען געווידמעט אַזעלכע פראַצעסען וועלכע לאָזען זיך ניט אַרויסברענגען אין דער עפענטליכקייט, און ווערען דעריבער פאַרהאַנדעלט און געשליכטעט דורך די זעלבע ריכטער אויף אַ גאַנץ געהיימען און פריוואַטען אופן, צו דער העכסטער צופרידענשטעלענדיגקייט פון די באַטרעפענדע צדדים.

אויף אויפנעהמען די „קייסעס" געפינט זיך אַ באַשטימטע פערזאָן אין דער ראַדיאָ סטאַנציע געוויסע שטונדען יעדען טאָג (אויסער שבת און יו"ט נאַטירליך) און ער באַשטימט אויך דעם טאָג פאַר יעדען פראַצעס לויט דער רייהע.

אַ גאַר אינטערעסאַנטע אינסטיטוציע וואָס איז געשאַפען געוואָרען אין פאַרבינדונג מיט אונזער אידישער קאורט און וועלכע פאַרדינט דאָ דערמאָנט צו ווערען, איז די „ליידיס אַקזילערי" פון דער „שלום וצדק באָרד".

קען די זאַך אפשר קלינגען מאָדנע, דען „מה ענין ליידיס אַקזילערי לקאורט?" אַ ליידיס אַקזילערי, פאַרשטעהען מיר, איז אַן ענין פאַר אַ שוהל, פאַר אַ בענעפיט סאָסייטי, אָבער פאַר קאורט, הא כיצד?

באַקאַנט מען זיך אָבער מיט די אַקטיוויטעטען פון דער דאָזיגער ליידיס אַקזילערי, ווערט שוין די פראַגע פון זיך אַליין פאַרענטפערט.

יאָ, די פרויען פון דער ל. א. שפּיעלען דאָ אַ גאָר חשוב'ע ראָלע און ערפילען אַ גאָר וויכטיגע אויפגאַבע. זייער טהעטיגקייט איז אַ צוויי פאַכיגע, אַן אויסערדיגע און אַן אינערדיגע, עס הייסט זיי האָבען געוויסע אויפגאַבען צו דערפילען אויסערהאַלב די קאורט הויז און געוויסע אויפגאַבען אין קאורט גופא.

די אויסערדיגע אַרבייט איז הויפּטזעכליך פון אַ פּראָפּאַגאַנדע כאַראַקטער. די מיטגלידער פון דער ל. אָ. וועלכע צעהלען אונגעפאַר איבער דריי הונדערט אין צאָהל און קומען מארבע כנפות נויאָרק, זיינען אַזוי צו זאָגען די פרייוויליגע „אַגענטען" פון דער „שלום וצדק באָרד". זיי געבען די קאורט דעם געהעריגען פרסום און פּאָפּולאַריטעט; פיהרען אַן אַ שטאַרקע אַגיטאַציע צווישען די אידישע

איינוואוינער פון זייער נאכבארשאפט און פרעדיגען וועגען דער וויכ־טיגקייט פון אויסמיידען אידישע סכסוכים צו ברענגען צו די ניט־אידישע געריכטען; און אזוי שנעל ווי זיי ווערען געוואויר פון עפעס א אידישען פאמיליען סכסוך אדער געזעלשאפטליכען קאנ־פליקט, אזוי איבען זיי גלייך אוים זייער איינפלוס אז די דאזיגע אנגעלעגענהייט זאל געבראכט ווערען פאר שליכטונג אין אונזער אידישע קאורט „שלום וצדק". אויף דעם דאזיגען געביט זיינען זיי גאר שטארק מצליח.

אינוויינינג ווידער, אין קאורט גופא, איז די גרעסטע טהייל פון זייער טהעטיגקייט פון א פילאנטראפישען כאראקטער. פאראן מאנכעס מאל אזעלכע געלט סכסוכים וואס שטאמען ארוים פון ארעמקייט און א סך מאל איז מען אימשטאנד מיט גאנץ קליינע סומען צו ערליידיגען די גאנצע אנגעלעגענהייט. דעמאלט זיינען די נאבעלע פרויען פון דער ל. א. אויף דער וואך און שאפען שוין צווישען זיך די נויטיגע הילף פאר דעם נויטיגען צוועק.

זייער אינוועניגסטע אויפגאבע איז אבער גלייכצייטיג אויך פון א מאראלישען כאראקטער. עס טרעפט זעהר אפט ווען פרעזענ־טירענדיג די „קיים" פאר די ריכטער קומען די באטרעפענדע בעלי דינים אין שטארקען צוזאמענשטויס איינער מיט'ן אנדערען; די אר־גומענטען ווערען אמאל צו־היציג און אמאל קומט עס צו היסטערישען אויסברוך. די דאמען פון דער ל. א. ווענדען דאן אן אלע מיטלען דאס דאזיגע צו פארמיידען. מיט טאקט און מיט קלוגער האנדלונג ווירקען זיי אויף די בעלי דבר און שטילען איין זייערע געמיטער און ברענגען זיי צוריק צו א נארמאלען צושטאנד.

די ליידיס אקזילערי איז דערפאר אן אמת'ע „אקזילערי" צו דער קאורט. זייער הילף איז פון א גאר ווינשענסווערטען באדייט און „שלום וצדק" איז זעהר שטאלץ מיט זיי.

* * *

מיר האבען א געפיהל ווי א טהייל פון אונזערע חשוב'ע לעזער וואלטען אונז וועלען פרעגען: נו, מיר האבען גענוי אויסגעהערט דעם פולען באריכט מכח אייער אידישע קאורט, דער „שלום וצדק", און, מהיכי תיתי; מיר גיבען אפשר צו אז אזא קאורט אן און פאר

זיך איז טאַקע מעגליך אַ גאַנץ גוטע זאַך, מ׳דאַרף עס האָבען אין אונזער אידישען לעבען, און וואָלט אַזעלכעס נישט געווען, וואָלט מען עס ערשט געדאַרפט שאַפען.

אָבער, ילמדנו רבנו, וועלען זיי אונז פרעגען, וואָס פאַר אַ שייכות האָט דער „שלום וצדק" מיט דעם „אנשי מעמד ובית ועד לחכמים"? נאָכאַלעמען איז דאָך די דאָזיגע אינסטיטוציע דער הויפּט ציעל און דער צענטער פונקט פון אַלץ און פון אַלעם; טאָ ווי גראַמט זיך „אנשי מעמד" מיט אידישע קאורט?

איז אָבער דער תירוץ איינפאַך: היינו טעמא ד„עצות" והיינו טעמא ד„קאורט". אין ביידע פעלע, סיי אין פאַל פון אונזערע „עצות" און סיי אין פאַל פון אונזער „קאורט" איז „אנשי מעמד" מיט יעדען פון זיי אַ „סבה" און אַ „מסובב" אין איינער און דער זעלבער צייט. פון איין זייט איז „אנשי מעמד" די סבה און די „עצות" און „קאורט" דער „מסובב", און פון דער צווייטער זייט איז פאַרקעהרט, די „עצות" און „קאורט" די סבה און „אנשי מעמד" דער מסובב. אנשי מעמד האָט געשאַפען די אידעע פון עצות פון וועלכעס עס האָט זיך דער־נאָך פון זיך אַליין געשאַפען, דורך אַן עוואָלוציאָנס פּראָצעס, די אידעע פון אַ אידישע קאורט, אַזוי אַז די ביידע זאַכען זיינען אין א י ד ע־א י ש ע ן זין אַ פּראָדוקט פון אנשי מעמד; אין פ ר אַ ק ט י ש ע ן זין אָבער איז אנשי מעמד און אַ גרויסער חלק פון זיין עקזיסטענץ אַ פּראָדוקט פון די עצות און קאורט.

שוין דער פאַקט אַליין, וואָס סיי ביי די ראַדיאָ עצות און סיי ביי דער ראַדיאָ קאורט ווערט דער „אנשי מעמד" פּרעזענטירט צום אידישען ראַדיאָ עולם צוזאַמען מיט זיין הויפּט מנהל, דאָס אַליין איז שוין גענוג אויף צו פּאָפּולאַריזירען דעם חשוב׳ען אַנשטאַלט ביים זעלבען עולם אַז ער זאָל פון איהם ניט מסיח דעת זיין און קוים איז נור קיין הסח הדעת ניטאָ, העלפט עס שוין אויך ממילא צום „מעמד" פון די „אנשי מעמד", און דער דאָזיגער „מעמד" איז אַ כשר פאַרדינטער ווען אפילו בלויז אַלס באַלוינונג פאַר די שאַפונג פון אַזאַ חשוב׳ע אינסטיטוציע ווי דער „אידישער קאורט" וועמעס אידעע איז אַן אונדירעקטער גייסטיגער קינד פון דעם „אנשי מעמד ובית ועד לחכמים".

ח

אונזער ביבליאָטעק

בעת מען רעדט וועגן אַ ביבליאָטעק, מיינט מען נאַטירליך די שטאָדטישע ביבילאָטעק, די פאָלקס „לייבראַרי", אַן אינסטיטוציע וועלכע יעדער שטאָדט אָדער שטעטעל פאַרמאָגט עס. עס איז כמעט ניטאָ קיין מענשליכער ישוב ווי גרויס אָדער קליין ער זאָל ניט זיין, וואָס זאָל ניט האָבען קיין גרויסע קאָלעקציע פון ספרים און ביכער, פאַר־זאַמעלט אין אַ גרויסען זאַל, וועמעס טירען זיינען אָפען טעגליך פאַר דעם געברויך פון די איינוואוינער פון דעם באַטרעפענדען אָרט.

געוועהנליך זיינען די מעהרסטע ביבליאָטעקען דאָס אייגענטום פון דער שטאָדטישער רעגירונג. עס איז די פליכט פון דער שטאָד־טישער פאַרוואַלטונג צו זאָרגען פאַר די בירגער און איינוואוינער, ניט נור פאַר זייער פיזישער באַקוועמליכקייט נור אויך פאַר זייער גייסטיגען געגוּס. מיר לעבען דאָך אין אַ ציוויליזירטער קולטורעלער וועלט וואו אפילו די פשוט'ע פאָלקס מאַסען זיינען דאָך אויך קול־טורעל, און דער געדאַנק און באוואוסטזיניגקייט אַז „לא על הלחם לבדו יחיה האדם" איז געוואָרען די אויפפאַסונג פון יעדען איינפאַכען פאָלקס מענש.

ניטאָ היינט דער מין עם הארץ פון אַמאָל. בילדונג איז אין היינטיגע צייטען ניט מעהר קיין מאָנאָפּאָל פון נור אַ געוויסען קלאַס מענשען, די אזוי גערופענע אינטעליגענציע, ווי עס פלעגט זיין גאָר אַמאָל. היינטיגע צייטען זיינען ביז אַ געוויסער מאָס אין דער בחינה פון „ומלאה הארץ דעה" און אַ מענש אָהן אַ געוויסער מאָס בילדונג איז גאָר ניט בכלל מענש.

אמת, עס איז נאָך אַ גאָר גרויסע פראַגע צי די דאָזיגע בילדונג פון אונזער היינטיגער ציוויליזאַציע האָט ווירקליך געהאָלפען אויסצו־בילדען דאָס מ ע נ ש ל י כ ק י י ט אין דעם מענשען, צי מענשען

זיינען אויפ׳ן חשבון פון זייער קולטורעלען וויסען טאקע בעסער געווארען אויך אין וואס אנבעלאנגט כאראקטער און זיטליכקייט . . .

אויב מיר זאלען זוכען דערצו אן ענטפער אין דער פראקטישער זייט פון לעבען, קען גרייליך זיין אז מיר וועלען היבש אנטוישט ווערען, און דער קורס פון בילדונג און קולטור וועט אפשר שטארק אראפפאלען אין אונזערע אויגען.

דאס איז אבער א פרשה פאר זיך, און אט־א די עצם פראגע פון בילדונג און כאראקטער, געלעהרזאמקייט און מענשליכקייט אויב זיי געהען האנט אין האנט אדער ניט, איז שוין א גאר אלטע טעהמע וואס איז שוין פיעל אויסגעדראשען געווארען און ס׳איז שוין וועגען איהר פיעל געשריבען געווארען.

מען קען אבער ניט ענדערען דעם פאקט אז בילדונג אין אונזער היינטיגער מאדערנער צייט איז שוין ניט מעהר קיין לוקסוס זאך נאר א לעבענסנויטיגקייט, און דערפאר איז שוין ממילא די ביבליאטהעק אויך געווארען אן אלגעמיינע פאלקס אינסטיטוציע וואס דארף דינען דעם פשוט׳ן פאלקס מענש פונקט ווי דעם הויך געבילדעטען, און דעם יונגען שילער פון פאלקס שולע פונקט ווי דעם עלטערען סטודענט פון דער אוניווערזיטעט.

דאס איז אין באצוג צו די פאלקס ביבליאטקען, די שטאדטישע לייבראַרים. עס זיינען אבער אויך פאראנען יחיד׳ישע לייבראַרים. פאראן איינציגע מענשען וואס פארמאגען גאר גרויסע קאלעקציעס פון ספרים וואס צעהלען צומאל אין די טויזענטער עקזעמפלארען. אבער די סארט מענשען געהערען שוין נישט צו די געוועהנליכע פאלקס מענשען; זיי זיינען שוין די יחידי סגולה וועלכע לעבען מעהר אין די העכערע גייסטיגע ספערען ווי אין די נידעריגע ערדישע; זיי שוועבען מעהר אין די הימלען און ציהען פון דארטען זייער לעבענס יניקה.

ס׳זיינען אבער אויך פאראן א מעוט צווישען די דאזיגע יחידים וואס זיינען דוקא ניט פון די באטרעפענדע יחידי סגולה און שטעהען קולטורעל נישט שטארק העכער פון טויזענטער אנדערע פון זייער מיטע; און דאך פארמאגען זיי גאנץ גרויסע און זעהר רייכע יחיד׳יש־ע ביבילאטעקען. ביי זיי איז דאס א מין תאוה אזא צו באצירען

זייערע היימען מיט שעהנע און רייכע לייבראַרים ; עס איז ביי זיי פשוט אַ געשמאַק זאַך ; זיי האָבען הנאה דערפון, פונקט ווי אַנדערע האָבען הנאה פון שעהנע מעבעל, פון שעהנע זילבער געשיר, געשליפענע גלאַזוואַרג, אַרטיסטישע קונסט-בילדער וכדומה.

עס איז אונז שוין אויסגעקומען מעהרערע מאָל זיך אַנטרעפען מיט אַזעלכע מענשען וועלכע האָבען נאָכאַנאַנד געהאַלטען אין איין איינקויפען ספרים און ביכער פון אַזעלכע מינים וואָס עס איז גאַר קיין ספק ניט געווען אַז זיי פאַרשטעהען דאַרטען אפילו די „עברי" ניט, און דאָך האָבען זיי אַפּגעצאָלט שווערע געלטער אויף אַריינצוקריגען די דאָזיגע ספרים אין זייערע פּריוואַטע לייברערים. די גרעסטע טהייל פון זיי האָבען זיי אפילו קיינמאָל אין האַנט ניט גענומען, און האָבען זיי אַמאָל יאָ אויפגעעפענט איינעם פון זיי, האָבען זיי דאָרט געקוקט ווי אַ „האָן אין בני אדם" ; דאָס האָט אָבער אויף אַ האָר ניט פאַרמינערט זייער חשק פון צוקויפען נאָך און נאָך.

שווער טאַקע צו דערקלעהרען פון וואַנען דאָס דאָזיגע נעהמט זיך, וואו עס ליגט דער מקור פון אַזעלכע תאוות. משמעות אָבער אַז גייסטיגע תאוות איז אויך עפּעס אַן ענין, פונקט ווי עס זיינען פאַראַן מענשען וואָס האָבען אַ תאוה צו דאַווענען פאַר'ן עמוד, צו לייענען אין דער תורה, אָדער בלאָזען שופר וכדומה נאָך אַנדערע תאוות פון דיזען סאָרט. און אַלץ זיינען דאָך אָט די תאוות מעהר ווילקאָמען ווי גראָביאַנסקע פיזישע תאוות... און אַז אַ איד האָט דערפון הנאה — מהיכי תיתי, זאָל עס איהם וואויל באַקומען, ער טהוט דערמיט קיינעם קיין רעה ניט...

* * *

אין דיזען קאַפּיטעל ווילען מיר זיך אָבער אָפּשטעלען אויף אַן אַנדער ערשיינונג אין פאַרבינדונג מיט די יחיד'ישע לייבראַרים, אַן ערשיינונג וועלכע פאַרשאַפט אונז ווייניג כבוד און רופט אַרויס שטאַרקע פאַרביטערונג און ענטריסטונג.

דער ענין מיט וועלכען מיר ווילען זיך דאָ באַשעפטיגען האָט ניט צו טאָן מיט יאָ איינשאַפען זיך אַ לייבראַרי אָדער ניט. עס איז דאָ ניט די פראַגע פון איינשאַפען נאָר פון אָפּשאַפען; ניט פון אַריינשטעלען ספרים אין הויז נור פון אַרויסשטעלען.

און דאָס טרויעריגסטע פון אלץ איז וואָס דאָס דאָזיגע באַציהט זיך, צום באַדויערען, בלויז אויף א י ד י ש ע ספרים, אויף ספרי קדש.

און ווי פיינליך און שמערצליך דאָס זאָל ניט זיין, איז עס אָבער דאָך א טרויעריגע ערשיינונג און גראָדע ניט פון די גאָר זעלטענהייטען אין אונזער אַמעריקאַנער אידישען לעבען.

עס טרעפט זעהר אָפט ווען אַ אידישער בעל הבית וואָס באַוואוינט א גאַנץ שעהנעם אַפּאַרטמענט פון פינף אדער זעקס צימערען, איינער פון וועלכע דיענט אַלס „לייבראַרי רום" מיט אַ גאַנץ שעהנע קאָלעקציע פון אַלערליי ביכער, צווישען זיי אויך קלאַסישע און וויסענשאַפטליכע. עס פאַרכאַפּט די אויג און גיט די הויז אַ באַזונדער חן. איהר וואונדערט זיך אָבער וואָס צווישען דער גאַנצער ביכער קאָלעקציע איז כמעט ניטאָ קיין איין אידישער ספר. פאַרדריסט זיך עס אביסעל; אָבער — טראַכט איהר ביי זיך — דער איד איז מסתמא אַ קליינער ידען אין די אידישע „שוואַרצע פּינטעלאך" און ער פאַרשטעהט זיי ניט, האָט ער דערצו קיין חשק ניט; פון דעקאָראַציע וועגען אַליין, ברענט נאָך ביי איהם ניט אַזוי שטאַרק די תאוה דאָס צו טאָן, בפרט אַז דאָס איז דאָך פאַרבונדען מיט געלט אויסגאַבען, האָט ער וואוהין זיין געלט אַהין צו טאָן . . .

טרעפט אָבער אַמאָל אַז ביים דאָזיגען אידען איז דער טאַטע ביי איהם אָפּגעשטאָרבען. דער טאַטע איז געווען אַ איד אַ תלמיד חכם און האָט פאַרמאָגט א היבש ביסעל אידישע ספרים וועלכע זיינען נאַטירליך איצט צו איהם אריינגעפאַלען אַלס ירושה. די ספרים זיינען גראָדע אויסערליך גאַנץ שעהנע און מען קען מיט זיי ניט „פאַרשעהמט" ווערען . . .

אָבער אנשטאָט אַריינצונעהמען די דאָזיגע ספרים אין זיין „לייבראַרי רום" וואו ס'איז נאָך דאַ גענוג פּלאַץ פאַר זיי, טראָגט מען גאָר די ספרים אַראָפּ אין „בייסמענט" און מען פאַרשטעקט זיי דאָרט ערגעץ אין א ווינקעל, זיי זאָלען זיך דאָרטען עלטערען אין נחת און אין פריידען . . . באשר בכן, זיין יענקישע ווייבעל „קליימט" אַז עס „מעטשט" ניט אָדער „איט דאָעז נאָט פיט" אַריינשטעלען די „אָלד פעשאָן דזשואיש בוקס" אין דער זעלבער „לייבראַרי רום" וואו עס

געפינען זיך די „אינגליש בוקס" פון אַ מאָדערנעם און קלאַסישען פּאַרנעהם . . .

איז דער וועהטאָג גרוים און די שאַנדע נאָך גרעסער ! זיך צו שעהמען מיט אידישע ספרים אויף אַזוי ווייט אַז עס זאָל ניט „פּאַסען" זיי אַריינשטעלען אין איין צימער מיט די ניט־אידישע ביכער, און זיי באַטראַכטען, להבדיל, אַלס אַ שטיקעל „דזשאַנק" וועמעס פּלאַץ דאַרף זיין ערגעץ אונטען אין „בייסמענט" צוזאַמען מיט די אַלטע שמאַטעס וואָס וואַרטען אויפ'ן אָרעמען דזשאַנק פּעדלער — אַזאַ מין חוצפּה'־ דיגע באַציהונג צום אידישען ספר פון אַ קינד וואָס געהער צום „עם הספר", דאָס שטייגט שוין פּשוט אַריבער אַלע גרעניצען. עס צייגט אויף די נידעריגסטע סאָרט ירידה צו וועלכע די וויסטע עם הארצות האָט אַראָפּגעזונקען אַ גרויסען טהייל פון די אידישע משפחות אין דיזער מדינה.

* * *

איז אין דעם דאָזיגען ענין פאַרוויקעלט אַ טאָפּעלע שאַנדע. פון איין זייט פלאַמט דער פּנים פאַר חרפה זעהענדיג צו וועלכע מדרגה עס האָט דערגרייכט דער יונגער אידישער דור אין אמעריקא, און ווי טיעף עס איז דער תהום וואָס טהיילט אָפּ צווישען די שעהנע אידישע טאַטעס און זייערע מיאוס'ע אידישע קינדער.

דאָס אַליין איז גענוג שמערצליך און גענוג פּיינליך אויף צו קענען בלייבען גלייכגילטיג און גאָר ניט טאָן דערצו.

דאָ האַנדעלט זיך אָבער ניט בלויז אין דעם בזיון פון די אי־ דישע ק י נ ד ע ר. נור אויך אין דעם בזיון פון די אידישע ס פ ר י ם.

האָבען מיר דאָך פון אייביג אָן געהאַט אַ באַזונדער באַציהונג צו דעם דאָזיגען ענין. די טראַדיציע האָט דאָך אונז ערצויגען צו האָבען דעם אַלערהעכסטען רעספּעקט פאַר דעם אידישען ספר. דער בזיון פון ספרי קדש איז דאָך געווען פאַרבונדען מיט תעניתים און סגופים. אַלטע ספרים וועלכע זיינען שוין ניט געווען נוצליך פאַר אונזער געברויך האָט מען דאָך געדאַרפט דן זיין בגניזה, און די דאָזיגע „גניזה" איז דאָך געווען אַ טהייל פון אונזער הייליגע ווירט־ שאַפטליכקייט פון אונזערע שוהלען און בתי מדרשים.

האָבען זיך דאָרט אין דער „גניזה" געזאַמעלט יאָהרענלאַנג די אַלטע „שמות" און די צוריסענע ספרים ביז וואַנען די גניזה איז אי־בערפילט געוואָרען און מען האָט שוין געמוזט פון דאָרט די „שמות" מיט די אַנדערע תשמישי קדושה אַרויסנעהמען כדי צו מאַכען פּלאַץ פאַר אַנדערע „שמות" וואָס האָבען זיך אָנגעזאַמעלט אין די היימען אָדער אין די תלמודי תורה, ישיבות און בתי מדרשים.

און ווער פון אונז געדענקט ניט וואָס פאַר א „פּאַראַד" עס איז געוועזן און וואָס עס האָט זיך אָזוינס אָפּגעטאָן דעמאָלט ווען מען האָט געדאַרפט אויסליידיגען די „גניזה" און מקבר זיין איהרע אַלטע ספרים, „שמות" און תשמישי קדושה, אויפ'ן „הייליגען אָרט"?!

יענער טאָג האָט דאָך פאַרצייכענט אַ היסטאָרישען קאַפּיטעל אין דער געשיכטע פון דער באַטרעפענדער שוהל. די פּראָצעסיע פון שוהל-הויף צום בית-עולם איז דאָך געוועזן אַזוי איינדרוקספול און האָט דאָך מיט זיך פאַרגעשטעלט אַזאַ יראת הכבוד און חרדת קדש אז עס איז דאָך געבליבען איינגעקריצט אין מוח און אין זכרון פאַר יאָהרענלאַנג. יענע פּראָצעסיע איז דאָך געוועזן די שטאַרקסטע מאַ־ניפעסטאַציע אויף אונזערע באַציהונגען צום אידישען ספר און אויף ווי ווייט מיר זיינען נזהר אין די קדושה פון אונזערע ספרים אַז מיר זאָלען זיי חלילה ניט ברענגען צו קיין בזיון.

און דאָס, ווי געזאָגט, האָט זיך דאָך באַצויגען אויף אַלטע צוריסענע און נוצלאָזע ספרים. טאָ ווי גרויס דאַרף שוין זיין די זינד פון בזוי ספרי הקדש ווען עס האַנדעלט זיך נאָך וועגען גוטע, גאַנצע און שעהנע ספרים? און וואָס קען נאָך זיין אַן ערגערער בזיון ווי דער וואָס אונזערע אידיש יענקישע קינדער טוען אָן צו אונזערע הייליגע ספרים וואָס זיי לאָזען זיי אויפ'ן שוועל ניט אַרויף און עקספּעדירען זיי אין ביישמענט?

מיר האָבען עס דעריבער געמאַכט פאַר אונזער הייליגע אויפ־גאַבע צו ראַטעווען די ספרי קדש פון אַזעלכע הייזער, פון בזיון. מיר אַפּעלירען דורך דער ראַדיא צו די אַלע אידישע היימען וואו עס געפינען זיך הייליגע ספרים פון וועלכע מען מאַכט דאָרטען ניט קיין געברויך, אַז מ'זאָל די דאָזיגע ספרים ברענגען צו אונז אין דער אנשי מעמד וואו עס וועט שוין יאָ געמאַכט ווערען דער געהעריגער

געברויך פון אזעלכע ספרים און דאמיט וועט געטאן ווערען א מא־פעלע מצוה; פון איין זייט וועט מען אפראטעווען די הייליגע ספרים פון בזיון, און פון דער צווייטער זייט וועט מען האבען דעם זכות וואס די רבנים גאונים פון אנשי מעמד וועלען אין זיי לערנען.

אונזער אגיטאציע און ראדיא אפיעלס האבען זיך ארויסגע־ציינט צו זיין זעהר ווירקזאם. ספרים, ספרי קדש פון אלע מינים ווערען געבראכט צו אונז אין אנשטאלט און אין פארלויף פון די לעצטע פינף יאהר זינט מיר האבען אנגעפאנגען דעם ספרים „קאמ־פעין", האט זיך אנגעזאמעלט א קאלעקציע פון ספרים וואס צעהלט אין די היבשע טויזענטער און שטעלט צוזאמען א זעהר שעהנע לייב־רארי.

אין אמת'ן אבער איז עס ניט איין לייבראריי נור צ ו ו י י. דען עס איז דאך א זעלבסט פארשטענדליכע זאך אז צווישען די אונצאלרייכע ספרים וואס קומען אריין געפינען זיך אין א גרויסען טהייל פון זיי מעהר ווי איין עקזעמפלאר; מאנכע, צו צוויי, דריי און זאגאר פיער פינף עקזעמפלארען. ווערען די דאזיגע כפולים טראנספערירט אין א צווייטע לייבראריי וואס טראגט דעם נאמען: „די לייבראריי פון אידישען מורה דרך", און פון זיי ווערט א באדיי־טענדער טהייל אוועקגעשענקט צו אייראפעאישע און ארץ ישראל'־דיגע תורה אנשטאלטען און אויך צו יחידים, ארעמע תלמידי חכמים און גדולי הרבנים וועלכע האבען ניט די מיטלען אויף צו קענען זיך איינשאפען די נויטיגע ספרים וואס זיי דארפען פאר זייער געברויך.

פארשטעהט זיך אז צום אלעם ערשטען קומט דער „אנשי מעמד", און אויב עס קומט צום האנט א ספר וואס איז נאך ניטא אין די לייבראריי פון אנשי מעמד ווערט יענער ספר גלייך דארטען איבערגעגעבען. די דאזיגע אנשי מעמד לייבראריי איז טאקע אזוי ארום אויסגעוואקסען און געווארען איינע פון די שעהנסטע פון דיזען סארט וואס א תורה־אנשטאלט אין נויארק פארמאגט. עס פארכאפט די אויג פון דעם באזוכער און איז אן אמת'ער ציערונג פאר דיזען חשוב'ען אנשטאלט.

מען דארף דערביי אויך אין אכט נעהמען אז דא האנדעלט זיך בלויז פון ספרי קדש, ש"ס, רמב"ם'ס, פוסקים, שאלות ותשובות,

מפרשי הש"ס; ספרי דרוש, חסידות, קבלה וכדומה; אלע וואס געהערען צו דער אידיש לומד'ישער און אידיש טראדיציאָנעלער ליטעראטור, אָבער נים קיין ספרי השכלה און ספרי מחקר.

די כפולים (דובליקאטען) אָבער ווערען, ווי געזאגט, געזאמעלט אין דער „ספרית המורה דרך" און ווערען באנוצט פאר די אויבענדערמאָנטע צוועקען.

עס איז איבעריג צו זאגען אז די לייבראַרי פון אנשי מעמד שטעהט אויך אָפען פאר'ן געברויך פון יעדען איד וואָס וויל אריינקומען און זיך באנוצען מיט איהרע ספרים.

נוצען טאקע אוים צעהנדליגער אידען די דאָזיגע פריווילעגיע און זיינען דורכדעם זעהר אָפטע באזוכער און זעהר אָנגעלעגטע געסט אין אונזער הייליגען תורה אנשטאלט.

מיר האָפען אז עס וועט נים נעהמען צו לאנג און אונזער ביבליאָטהעק וועט ווערען אזוי שטארק אויסגעברייטערט אז זי וועט מיט דער צייט אויך קענען פארוואנדעלט ווערען אין אַן אמת גרויסע פאָלקס ביבליאָטעק מיט ברייטע אָפענע טירען פאר אלע שיכטען פון אונזער תורה אידענטום אין דיזער גרויסער מעטראָפאלים, די גרעסטע אידישע וועלט שטאָדט — נויאָרק.



דער מאָדעל פון דעם בית המקדש



דער מאָדעל פון דעם משכן

ו.

די מאָדעלען פון בית המקדש און משכן

צו די ווירטשאַפטליכקייט פון אונזער הייליגען אנשטאַלט „אנשי מעמד ובית ועד לחכמים", איז לעצטענס צוגעקומען אַן „אייטעם" פון אויסעראָרדענטליכער חשיבות און גאַר גרויסען באדייט, וועלכעס האָט צוגעגעבען פיעל פאַרב און קאָליר צום אנשטאַלט סיי אויסערליך און סיי אינערליך.

מיר מיינען דערמיט די וואונדערבאַרע קינסטלערשע מאָדעלען פון „בית המקדש" און „משכן" וועלכע האָבען ענדליך געקראָגען זייער תקון מיט דעם וואָס זיי האָבען קונה שביתה געווען אין אונזער אינסטיטוציע און דאָרט געמאַכט זייער שטענדיגע און פערמאַנענטע היים.

עס איז כדאי זיך אָפּשטעלען אויספיהרליך אויף אָט דעם ענין און באַקענען דעם ברייטען עולם מיט דער געשיכטע פון די דאָזיגע מאָדעלען.

אין אונזער גלות לעבען ווען מיר זיינען באַרויבט פון אונזער לאַנד און היים, ליידען מיר דאָך, ניט נור פיזיש נור אויך גייסטיג. ס'איז דאָך אויך „שכינתא בגלותא" ווי עס דריקט זיך אוים אין זוהר שפּראַך. עס פעהלט דאָך אונז פיעל מצוות וואָס מיר קענען היינט נישט מקיים זיין, ווי צום ביישפּיל די אַלע „מצוות התלויות בארץ", אָדער די מצות הקרבת הקרבנות וכדומה.

דער קיום העולם געהט דאָך אָבער האַנט אין האַנט מיט'ן קיום התורה ווי דער פסוק זאָגט: „אם לא בריתי יומם ולילה, חוקות שמים וארץ לא שמתי", און — „בראשית, בשביל התורה שנקראה ראשית", איז דאָך פאַלגליך געווען אַן אומבאדינגטע נויטינקייט אז עס זאָל געפונען ווערען אַן ערזאַץ וואָס זאָל אויף וועלכען עס איז אופן קענען ממלא זיין דעם חסרון און אויספילען דעם חלל אין דער

שלמות התורה. האָבען די חכמי ישראל געזאָרגט דאַפיר אין פאַראויס און האָבען אונז פאַרזיכערט אַז יענע חלקים פון דער תורה וואָס צוליב׳ן גלות זיינען מיר זיי ניט אימשטאַנד מקיים צו זיין בפועל, קען דער דאָזיגער קיום ערגענצט ווערען דורכ׳ן ל ע ר נ ע ן די הלכה פון יענעם באַטרעפענדען געגענשטאַנד. עס איז דער „ונשלמה פרים שפתנו״ וואָס איז משלים דעם חסרון און פילט אויס דעם חלל. אַז מען לערנט די משנה פון חטאת, עולה, שלמים א. ד. ג. איז עס: „יהי רצון כאלו הקרבתי חטאת — עולה ושלמים״.

אזוי אַרום מאַכט עס מעגליך אַז אפילו בזמן הזה זאָל פון דער שלמות התורה גאָר ניט געמינערט ווערען, און ממילא זאָל אויך דער קיום העולם קענען אַנהאַלטען עד שירחם ה׳ און מיר וועלען צוריק אויפגעריכט ווערען מיט אַ גאולה שלמה בעגלא ובזמן קרוב.

כדאי צו דערמאָנען אין פאַרבינדונג דערמיט אַ פערלדיגען וואָרט וואָס מאַנכע פון די מפרשי הש״ס טייטשען מיט דעם אויס דעם באַקאַנטען ספור אין דער גמרא מיט יענעם גר וואָס איז געקומען צו הלל הנשיא זיך מגייר צו זיין און אַננעהמען דעם אידישען גלויבען, אָבער ער האָט הלל׳ן געשטעלט דעם באַדינגג פון „על מנת שתלמדני כל התורה כולה על רגל אחת״ אַז הלל זאָל איהם „אויף איין פוס״ אויסלערנען די גאַנצע תורה. הלל האָט דעם דאָזיגען וואונש אויפ׳ן שטעל ערפילט און האָט איהם טאַקע אויסגעלערנט כל התורה כולה על רגל אחת ווען ער האָט פאַר איהם ציטירט דעם „ואהבת לרעך כמוך״ אין דער אַרמעאישער איבערזעצונג פון „מאי דסאני לך לחבריך לא תעביד״ און האָט דאַביי אויסגעפיהרט: „ואידך פירושא, זיל גמור״.

אויבענאויף איז דער דאָזיגער ספור אין גאַנצען אומפאַרשטענדליך. עס לאָזט זיך ניט פאַרשטעהן, ניט די געוואַגטקייט פון יענעם גוי וועלכער איז קענטיג געווען אַן אינטעלעקטועלע פערזענליכקייט און ניט סתם איינער פון גאַס, און ווי האָט ער אַלזאָ געקענט פאַרלאַנגען אַזאַ זאַך ווי באַקאַנט צו ווערען מיט דער אידישער תורה, וועלכע איז „ארוכה מארץ מדה״, אין אַן הרף עין אָדער אין זיין אייגענעם לשון „על רגל אחת״? וואָס פאַר אַ תורה קען דאָס זיין אויב מען זאָל איהר קענען אויסלערנען „אויף איין פוס״?

און אזוי איז אויך ניט וועניגער אומפארשטענדליך הלל'ס גרייטקייט אנצונעהמען דעם דאזיגען „טשאלענדזש", און טאקע תוך כדי דבור איהם איבערגעבען די גאנצע תורה אין דעם קורצען זאץ פון ואהבת לרעך כמוך, וואס אויב אפילו אלס גרונדלאגע נעהמט טאקע דער דאזיגער פסוק אריין אלע מצוות פון „בין אדם לחבירו", איז דאך אבער „בין אדם לחבירו" ניט מעהר ווי א י י ן חלק פון דער תורה און ניט די ג א נ צ ע תורה?

צווישען די צאהלרייכע פירושים וואס זיינען דערויף געזאגט געווארען, געפעלט אונז אמבעסטען די ערקלעהרונג פון מאנכע פון די מפרשים לויט וועלכע עס זאל הייסען אז דער באטרעפענדער גר-קאנדידאט איז דא אריין אין א טיעפערע אפהאנדלונג וואס האט אנגעשלאגען א טאן וואס האט צו טאן מיט דער מיסטישער זייט פון אונזער אידישע טראדיציע.

ווי מיר וויסען פון דער ספרות הקבלה, אדער, די מיסטישע ליטעראטור, איז פאראנען אזא זאך ווי „גלגולים". דאס מיינט, אז יעדער נשמה ווען זי ווערט אראפגעשיקט אויף דער וועלט האט זי, אלס איהר אויפגאבע פאר דער צייט וואס זי געפינט זיך אין גוף, מקיים צו זיין א ל ע תרי"ג מצוות פון אונזער תורה. אויב אבער דאס גיט זיך איהר ניט איין, מוז זי נאכאמאל מגולגל ווערען אין א גוף און ווידעראמאל אראפקומען אויף דעם עולם אום משלים צו זיין דאס וואס זי האט פארפעהלט אין איהר ערשטען גלגול; און אויב אויךביים צווייטען מאל זיינען נאך איבערגעבליבען געוויסע מצוות אהן זייער קיום, מוז קומען א דריטער גלגול און אמאל אויך א פערטער א. א. וו. ביז די אלע תרי"ג מצוות קריגען דורך איהר זייער פולען תקון.

זיינען דאך אבער פאראנען צווישען די תרי"ג מצוות אזעלכע וואס מיט'ן בעסטען ווילען, קען זיי דאך ניט יעדערער מקיים זיין. דען ווי קען למשל א איד מקיים זיין די מצות מילה ביי זיין קינד אויב ער איז ניט באגליקט געווארען מיט א בן זכר, אדער די מצוה פון פדיון הבן אויב ער האט קיין בכור ניט? און אזוי מיט די מצוה פון „ועשית מעקה לגגך" אויב ער האט ניט זוכה געווען צו האבען אן אייגענע הויז, די מצות פאה, ווען ער האט קיין פעלד ניט, און

כהנה וכהנה פיעל אַנדערע מצוות וועלכע קענען „טעכניש" ניט דורכגעפיהרט ווערען צוליב באַשטימטע לעבענסבאַדינגונגען. טאָ וואָס אַ שטייגער זאָל אַזאַ איינער טאָן, ער וויל נעבאך מקיים זיין די גאַנצע תורה, אָבער עס לאָזט זיך דאָך ניט?

דער ענטפער דערצו ליגט אין דער אידישער אחדות וואָס אין תורה טערמינען דריקט זיך עס אוים אין דעם „ואהבת לרעך כמוך". ווען אידען לעבען אין אחדות, זיי זיינען פאַראייניגט צווישען זיך כאיש אחד בלב אחד, ווערען זיי דאַן פאַררעכענט ווי איין אָרגאַנישער וועזען; דאָס יחיד׳ישע ווערט נבלע אין דאָס צבור׳ישע, דאָס אינדיווידועלע ווערט אויפגעלייזט אין קאָלעקטיווע. יעדער איינצעלנער מענש ווערט באַטראַכט ווי אַן אבר פון דעם גאַנצען גוף האומה, און פונקט ווי די פונקציע פון אַ באַשטימטען אבר ווערט צוגעשטעלט אויפ׳ן חשבון פון גאַנצען גוף און ניט בלויז אויפ׳ן חשבון פון דעם באַטרעפענדען גליד, אַזוי ווערט דורך דער אחדות האומה פאַררעכענט די פונקציעס פונ׳ם יחיד גלייך ווי זיי וואָלטען געווען די פונקציעס פון גאַנצען כלל, אַזוי אַז עס טהוט אַ מצוה ר׳ ישראל און זי ווערט רעקאָרדירט אויפ׳ן חשבון פון כלל ישראל.

און ווייל דורך כלל ישראל קענען דאָך שוין יאָ אַלע מצוות מקויים ווערען, איינע דורך פלוני און איינע דורך אלמוני, דען צווישען כלל ישראל געפינען זיך דאָך שוין אידען וואָס האָבען יאָ זכרים און בכורים, הייזער און פעלדער, א. ד. ג. קומט דאָך שוין ממילא אוים אַז יעדער איד איז אימשטאַנד מקיים צו זיין כל התורה כולה, אַזוי אַז דער „ואהבת לרעך כמוך" איז ווירקליך דער יסוד און דער צעמענט פון דער גאַנצער תורה, אפילו פון דעם חלק וואָס איז „בין אדם למקום", דען נור אַ דאַנק די דאָזיגע אחדות איז מעגליך אַז יעדער יחיד זאָל האָבען אויף זיין קרעדיט אפילו יענעם טהייל מצוות וואָס ער אַליין האָט טאַקע ניט געקענט מקיים זיין, אָבער אַ צווייטער איד יאָ, און ער מיט דעם צווייטען זיינען דאָך ווי איינס...

דערמאָנט זיך דערביי אַ וואָרט וואָס מען זאָגט נאָך פון דעם גרויסען צדיק ר׳ מאָטעלע טשאַרנאָבאַלער, וועלכער זאָל האָבען גע־זאָגט: „אַז איך קום אַריין אין בית המדרש און טרעף אַ אידען ביי

אַ הייליגען ספר ווער איך מלא שמחה, דען מסתמא לערנט ער דאָך „ביחודא שלים בשם כל ישראל", האָב איך דאָך ממילא אויך אַ חלק אין זיין תורה" . . . (אינני זוכר אם הזכרתי כבר את האמרא הזאת במקום אחר בספר זה, ואם כן — את הקוראים הנכבדים הסליחה).

עס זיינען דאָך אָבער פאַראַנען אַזעלכע מצוות וואָס אפילו כלל ישראל קען זיי אויך ניט פּראַקטיצירען, ווי צום ביישפּיל הקרבת הקרבנות און עהנליכעס וועלכע זיינען ניט נוהג בזמן הזה, אָבער זיינען דאָך אויך אַ חלק פון אונזער תורה און אַ ה ן ז י י, פעהלט דאָך צו דער שלמות התורה?

דאַרויף קומט דער ענטפער פון דעם „ונשלמה פרים ש פ ת י נ ו" וואָס זאָגט אַז די ערגענצונג פון יענעם טהייל מצוות קען קומען דורכ'ן ל ע ר נ ע ן זייערע דינים.

אַט דאָס איז אַלזאָ געווען דער אינהאַלט פון'ם געשפּרעך צווישען הלל הזקן און דעם גר. דער לעצטער האָט זיך געווענדעט צו הלל'ן מיט'ן פאַרלאַנג אַז ער זאָל איהם ווייזען די מעגליכקייט צו קענען מקיים זיין אַ ל ע מצוות התורה „על רגל אחת", מיט איינ-מאָל לעבען אויף דער וועלט, און ניט דאַרפען אָנקומען צו „גלגולים". דאַרויף האָט איהם הלל געגעבען דעם ענטפער אַז דורכ'ן ואהבת לרעך כמוך, דורך א ח ד ו ת, קען דאָס דאָזיגע געשעהן, ווייל דעם צוויטענס מצוות וועלען אויך צו זיין קרעדיט צוגעשטעלט ווערען; און וואָס אנבאַלאַנגט ווידער דעם „ואידך פירושא", דאָס הייסט יענע מצוות וואָס ק י י נ ע ר קען ה י י נ ט ניט מקיים זיין, איז — „זיל ג מ ו ר", געה און ל ע ה ר ע ן זייערע דינים, און דאָס לערנען וועט אויך פאַררעכענט ווערען ווי דער קיום.

* * *

האָבען מיר אפשר אביסעל אָפּגענויגט פון טראַפּ און אַוועק פון ענין. עס איז אָבער „מענין לענין באותו ענין". מיר האָבען דאַמיט געוואָלט מעהר באַקרעפטיגען דעם דאָזיגען געדאַנק אַז דער למוד התורה איז לויט אונזער טראַדיציע אַזוי וואָגיג אַז דערמיט ערגענצט מען אַ געוויסען טהייל מצוות וועמעס פּראַקטישער קיום איז אין היינטיגע צייטען אַ זאַך דער אוממעגליכקייט.

און, ווי געזאָגט, דאַרף דאָס דאָזיגע אָנגעווענדעט ווערען

ביחוד אויף די תורת הקרבנות און אלע אנדערע זאכען וואס האבען צו טאן מיט'ן בית המקדש.

כדי אבער צו לערנען און טאקע אויך פ א ר ש ט ע ה ן די ענינים פון מקדש און משכן, איז געווען נויטיג צו שאפען אט די „מאדעלען" פון וועלכע מיר רעדען דא, און קענען ז ע ה ן מיט די אויגען דעם תבנית המשכן והמקדש וואס זאל לייכטער מאכען א סך פון די אומפארשטענדליכע שטעלען אין ש"ם און אין די ראשונים אין דיזע זעהר קאמפליצירטע ענינים.

איז די דאזיגע הייליגע ארבייט באשעהרט געווען אריינצו־פאלען אין די הענט פון א איד, א תלמיד חכם וועלכער איז באגאבט געווארען פון דער השגחה מיט קינסטלערשע פעהיגקייטען און אר־טיסטישע קוואליפיקאציעס, א דאנק וועלכע ער איז אימשטאנד גע־ווען צו שאפען אזא אויסערגעוועהנליכע קונסט ווערק ווי די דער־מאנטע מאדעלען, וועלכע האבען ארויסגערופען די גרעסטע בא־וואונדערונג און העכסטע אפשאצונג מצד די גרעסטע מענשען פון אונזער פאלק, גדולי תורה און גדולי מדע, און כולם בפה אחד האבען געזונגען שירות ותשבחות אויף דיזער ווערק און באצייכענט איהר אריגינעלען שאפער אלס מ ז כ ה א ת ה ר ב י ם פון ערשטען ראנג.

דער דאזיגער זכות איז אויסגעפאלען אויפ'ן גורל פון דעם בא־ריהמטען ארץ ישראל אדריכל (ארכיטעקט) און גאר חשוב'ער און פראמינענטער איד רבי יעקב יהודה.

זעקס יאהר פון שווערע אנגעשטרענגטע ארבייט האט גע־דויערט ביז דאס ווערק איז געשאפען געווארען, און א היבש ביסעל רייזעס האט אדריכל יהודה געדארפט דורכמאכען אין פארבינדונג דערמיט. ער האט געדארפט באזוכען די באריהמטע ביבליאטעקען און מוזעאומס, אין קהיר און אין רוים, וואו ער האט דורך ספעציעלע רעקאמענדאציעס באקומען א צוטריט צו דער באריהמטער ביבליא־טעק אין וואטיקאן; ער האט אויך לאנג פארבראכט אין לאנדאן און אין דער שווייץ און אין פיעל אנדערע באריהמטע לענדער און שטעט וואו עס געפינען זיך די אולטרא היסטארישע ארכיוועז מיט וועמעס מאטעריאלען ער האט זיך געדראפט באנוצען פאר די דאזיגע ריעזיגע

ווערק. און ערשט נאָכדעם און מיט די גאַנצע געזאַמעלטע מאַטע־ריאַל, האָט ער זיך איבערגעגעבן פולע זעקס יאָהר צו דער טעכנישער זייט און האָט די גאַנצע צייט פלייסיג געארבייט אין ירושלים אונטער דער פולער אויפזיכט פונ׳ם באַריהמטען וועלט גאון דער רב הכולל פון ארץ ישראל, הרב רבי אברהם יצחק הכהן קוק זצ״ל וועלכער האָט אויפגעפאַסט אַז די דאָזיגע קונסט ווערק זאָל פאַרפאָלקאָמט ווערען אין פולער איינקלאַנג מיט די דעות פון די ראשונים און אחרונים.

עס איז געווען אַ גרויסער יום־טוב, ניט נור פאַר׳ן מייסטער אַליין נור אויך פאַר דאָס גאַנצע ארץ ישראל׳דיגע אידענטום, ווען רבי יעקב יהודה האָט זוכה געווען צו זעהן זיין מעשי ידיו פולשטענדיג פאַרענדיגט.

צו יענער צייט איז גראדע פאָרגעקומען די וועלט באַריהמטע ארץ ישראל תערוכה (אויסשטעלונג) אין די הונדערט פראָצענטיגע אידישע תל־אביב, און דער מאָדעל פון „משכן״ (דער פון בית המקדש איז נאָך ניט געווען פארפערטיגט) האָט אויף דער תערוכה פארנו־מען אַ פראָמענענטען פלאץ אין אַ ספּעציעלען פּאוויליאָן און האָט צו זיך געצויגען טויזענטער באַזוכער וועלכע האָבען זיך ניט געקענט אָפּוואונדערען פון דאָס דאָזיגע מייסטערווערק.

ווען עס איז נאָכהער אין 1939 און אין1940 פאָרגעקומען די וועלט אויסשטעלונג (די וואָירלדס פעיר) אין נויאָרק וואו אַ ספּע־ציעלער אידישער פּאוויליאָן איז אויסגעבויט געוואָרען אלס די רעפּ־רעזענטאַציע פון די נייע אויפגעבויטע אידישע היימלאנד, האָט רבי יהודה, אויף דער איינלאַדונג פון דער ציוניסטישער עקזעקוטיווע אין ארץ־ישראל, געבראַכט די מאָדעלען פון „מקדש״ און „משכן״ קיין נויאָרק וואו זיי האָבען זיך געפונען די גאַנצע צייט פון דער אויסשטעלונג אין אידישען פּאוויליאָן, און וואוהין עס האָבען זיך געצויגען מיליאָנען באַזוכער פון דער אידישער און אויך ניט־אידי־שער וועלט.

ווען די „וואָירלדס פעיר״ האָט זיך ענדליך צוגעשלאָסען, איז ענטשטאַנען די פראגע וואָס צו טאָן מיט די דאָזיגע מאָדעלען. צוליב געוויסע סבות און אומשטענדען איז דעמאָלט ניט מעגליך געווען זיי

צוריק צו טראנספערירען נאָך א"י און האָבען געדארפט קריגען א ציטווייליגע היים אין אמעריקא.

עס זיינען געווען זעהר פיעל אָנבאָטען צו ארכיטעקט יהודה אויף איבערצונעהמען פון איהם די מאָדעלען. ער, יהודה, האָט אָבער געוואָלט זיין הייליגע מייסטער ווערק באַזאָרגען מיט א „כשר'ע היים" כדי זי זאָל דאָ אין ארץ העמים חלילה ניט פארשוועכט ווע־רען, און זאָל טאַקע אגב אויך קענען ברענגען די געהעריגע נוצען פאר וועלכען צוועק דאָס ווערק איז געשאפען געוואָרען.

און ענדליך האָבען זיי אויך דאָ אין אמעריקא זייער ציטוויי־ליגען תקון געקראָגען. עס איז געווען ווי מען זאָגט „די ריכטיגע זאַך אויפ'ן ריכטיגען פלאַץ"...

די מאָדעלען זיינען איבערגענומען געוואָרען און געוואָרען דאָס אייגענטום פון **דער לייבראַרי פון אידישען „מורה דרך"**, און האָבען געפונען זייער היים אויפ'ן צווייטען שטאָק פון דער געביידע וואו עס געפינט זיך דער הייליגער אנשטאָלט „אנשי מעמד ובית ועד לחכמים", 156 הענרי סטריט, נויאָרק.

און כאָטש דער נאָמען „אנשי מעמד" איז שוין אלט געגוי־ע צוואנציג יאָהר, אזוי פיעל וויפיעל דער אנשטאלט אליין איז אלט, מוז מען אָבער צוגעבען אז איצט מיט'ן אריינקריגען די מאָדעלען פון מקדש און משכן, האָט דער דאָזיגער נאָמען א פיעל גרעסערע באַ־דייטונג געקראָגען, ער איז ווי ניי באַלעבט געוואָרען און אויך ער, דער נאָמען, האָט איצט זיין געהעריגען תקון באקומען.

„אנשי מעמד" און די מאָדעלען פון „בית המקדש" און „משכן"!! וואָס פארא שעהנע הארמאָניע און וואָס פארא עהרליכע קאָמבינאציע!

איז עס דאָך א סימבאָלישע רעפלעקציע פון יענע גליקליכע עפּאָכע פון „בזמן שבית המקדש היה קים" ווען עס איז געווען „כהנים בעבודתם ולוים בדוכנם וישראל ב מ ע מ ד ם",

און אז מען קומט היינט אריין אין דער געביידע פון „די „אנשי מעמד" און מען געהט „מחיל אל חיל", פון דעם גרויסען תורה זאל

וואו עס זיצען די זקני העדה, די גרויסע רבנים גאונים, די „סנהדרין" שבזמננו, צום שעהנעם פרעכטיגען זאל אויפ'ן צווייטען שטאָק וואו עס געפינען זיך דער „מקדש" און „משכן", מוז מען ניט ווילענדיג היגעריסען ווערען פון דער וואונדערליכער און צויבערהאַפטער פאנאראַמע, און גייסטיג איבערגעטראָגען ווערען אין יענער אוראַל־טער עפּאָכע ווען עס איז געווען „ישראל שרוים על אדמתם", און דער „בית המקדש", די „סנהדרין" און די „אנשי מעמד" זיינען געווען אקטועל און רעאל. די זיסע עראינערונגען וואָס וואכען אויף אין דער מענשליכער נשמה ביי אזא באַזוך זיינען לחלוטין ניט אָפּצושאצען.

עס איז כדאי דאָ איבערצוגעבען אַן אויסצוג פון אַן ארטיקעל וואָס איז פארעפענטליכט געוואָרען אין די גרעסטע אידישע צייטונג אין קענעדע, דער „קענעדער אָדלער", וואָס ערשיינט אין מאָנטרעאָל, וואו דער שרייבער גיט איבער זיינע אינספירירענדע איינדריקע וואָס עס האָט אויף איהם געמאכט זיין באַזוך אין „אנשי מעמד" און מיט וועלכע ער טהיילט זיך מיט זיינע לעזער.

דער דערמאָנטער ארטיקעל איז פארעפענטליכט געוואָרען אין "קענעדער אָדלער" דעם 10טען מארטש 1941 און זיין שרייבער איז הרב יוסף מאיר מרגליות, איינער פון די גאָר חשוב'ע און פראָמע־נענטע רבנים אין די בראָנקס.

צווישען אנדערעם שרייבט הרב מרגליות פאָלגענדעס:

— — — „ביים ענדע פון געשפרעך וויל הרב רובין וויסען דעם איינדרוק וואָס דער באַזוך האָט אויף מיר געמאַכט. איך פאַרזיכער איהם נאַטירליך אַז איך בין שטאַרק באַגייסטערט און זעהר צופרי־דען; אָבער דער נאָמען „אנשי מעמד" מאַהנט עפּעס אַ סימבאָלישען אָפּקלאַנג פון יענע אורשפּרינגליכע אנשי מעמד פון די צייטען פון בית המקדש.

„אויב אַזוי" — ערווידערט רבי רובין — „האָב איך פאַר אייך אַ שטיקעל איבערראַשונג". ער פאַרבעט מיך אַרויף אויפ'ן צווייטען שטאָק און פיהרט מיך אַריין אין אַ פּרעכטיגען זאַל וואו פאַר מיינע אויגען אַנטפּלעקט זיך אַ קינסטלערישער מאָדעל פון בית המקדש און אויך פון משכן. איך שטעל זיך אַרויף ביים ברעג פון זאַל אויף

אַ פּלאַטפאָרם וואָס רבי רובין האָט מיר אָנגעוויזען. אַ דריק אין אַן עלעקטערשען קנעפּעל און עס דערהערט זיך מיט אַמאָל אַ „בת־קול" אין פאָרם פון אַן איינלייטונגס רעדע, צו די צוויי מאָדעלען. די רעקאָרדירטע רעדע, טאַקע געהאַלטען פון הרב רובין אַליין, גיט אייך אַלע נויטיגע ערקלעהרונגען און באַלייכטונגען אין פאַרבינדונג מיט די מאָדעלען. פון צייט צו צייט בייטען זיך די עלעקטערישע ליכט עפעקטען וועלכע זיינען וואונדערליך איינגעריכטעט און מיט קינסטלערישען געשמאַק. ביי די דאָזיגע פאַרשידענע ליכט עפעקטען, זעהט איהר דעם בית המקדש ווי ער האָט אויסגעקוקט אין די פאַרשידענע צייטען דורכ'ן מעת־לעת: ביינאַכט פאַר דער לבנה־שיין; אין דער פריה און נאָך זון־אויפגאַנג; אין מיטען טאָג און ביים זון אונטערגאַנג. עס איז אַ פּרעכטיגע פּאַנאָראַמע און עס האַלט אייך געשפּאַנט די גאַנצע צייט וואָס איהר געפינט זיך דאָרט.

און אויסערדעם וואָס די קאָמבינאַציע אנשי מעמד און בית המקדש אַן און פאַר זיך, שטעלט מיט זיך פאַר אַזאַ שעהנע האַרמאָנישע רע־פלעקציע פון דער ביבלישער עפּאָכע, דיענען די מאָדעלען אויך זעהר פּיעל דער לומדישער און וויסענשאַפטליכער וועלט. עס איז איינע פון די גראַציעזסטע בילדער צו זעהן ווי עס שטראָמען אַהין די גרעסטע רבנים מיט זייערע תלמידים מיט גמרא'ס און רמב"ם'ס אונטער די אָרעמס און שטודירען שטונדען לאַנג דעם תבנית המשכן והמקדש ביי די לעבעדיגע אילוסטרירערנע מאָדעלען, וועלכע מאַכען זיי היבש לייכטער צו פאַרשטעהן די שווערע שטעלען און די טעקסטען פון תלמוד און רמב"ם.

עס פאַרשטעהט זיך אַז עס האָט געפאָדערט אַ גאַנץ גרויסע סומע געלט אויף צו מאַכען די דאָזיגע טראַנספּערירונג צוזאַמען מיט די נויטיגע איינריכטונגען.

דיזע אויסגאַבען ווערען ביסלעכווייז געדעקט דורך קליינע איינ־טריט געלט פון די הונדערטער טעגליכע באַזוכער, און אַזוי שנעל ווי די אינוועסטירטע סומע וועט זיך אויסצאָהלען, וועלען די ווייד

טערדיגע איינקונפטען דיענען אַלס אַ צוגעקומענע הכנסה פאַר דער אויפהאַלטונג פון דיזען חשוב'ען אנשטאַלט.

איך פיהל אַ היבשען קורת רוח וואָס איך קען טהיילען מיינע איינדריקע מיט די חשוב'ע לייענער פון דיזער צייטונג, און איך וואָלט זיי אויך אַלעמען רעקאָמענדירט צו באַזוכען די „אנשי מעמד" מיט די מאָדעלען פון „בית המקדש" און „משכן" ביי דער ערשטער געלעגענהייט ווען זיי זיינען אויף אַ באַזוך אין נויאָרק".

* * *

עס איז כדאי צו באַקענען די חשוב'ע לעזער מיט די מיינונ־גען און אָפּשאַצונגען פון די גדולי וחכמי ישראל וועגען די גרויסע קונסט ווערק פון די דאָזיגע מאָדעלען. מיר וועלען דעריבער דאָ גע־בען אויסצוגען פון אַ טהייל פון די שריפטליכע דאָקומענטען און בריעף וועלכע האָבען זיך געפונען אין באַזיץ פון אדריכל יהודה און וואָס זיינען פון היסטאָרישער באַדייטונג. אַ טהייל אויך וועלכע זיינען דירעקט אדרעסירט צו אונז.

* * *

הרב הראשי לא"י, הגאון רא"י קוק זצ"ל שרייבט:

כ"ח לחדש ניסן תרפ"ח.

כאשר זה משנים רבות עסקו חכמי בנין להציג לעיני הרואים את תבנית בית המקדש; וכאשר באה ההופעה הזאת באופן מוצלח המתאים על פי התורה והמצוה, שמחו על המראה המון בית ישראל וגם גדולי הדור אשר לבם פחד ורחב לראות בעינים את המחזה הגדול הזה של מכון בית חיינו לנצח, לזכור את מחמדינו מימי קדם ולהגדיל במחם ובלבבם התקוה לצפיית ישועה שישוב לנו מהרה בכבוד ה' והדרו, וגם ללמוד מתוכו את פירוש הכתובים ובאורי המשניות ודרכי הרמב"ם ויתר המקורות העוסקים בבנין המקדש באופן מוחשי.

אמנם עד כה עדיין לא זכינו שאומן אדריכל מומחה מאחינו בעל תורה ויראת שמים יעסוק בזה בימינו אלה, והנה קם ונתעורר ידידנו היקר האדריכל יהודה נ"י ושם את לבו לעסוק במקצוע הקדוש הזה ולהוציא לפועל את **תבנית המקדש לכל פרטיו והכל עפ"י התורה והמצוה**, ע"כ הנני לחזק את ידיו במפעל קדוש זה

אשר יתן כבוד לעמנו ויציג את פארנו מימי קדם בהדרת קודש״ וכו׳.

צום סוף פון אויבענדערמאַנטען שריפט קומט פאַלגענדער זאץ אַלס צוגאַב:

תבנית המשכן וכליו ערוכה לפי עומק הפשט והכרעת גדולי הראשונים והאחרונים בדיוק גדול ובעומק העיון — — — ויהי רצון שתחזינה עינינו בשוב ה׳ לנו את כל מחמדינו מימי קדם בב״א.

(אונטערצייכענט)

אברהם יצחק הכהן קוק
איסר זלמן מלצר

* * *

דער באַריהמטער גאון **רבי יצחק אייזיק הלוי הרצוג שליט״א**
דער איצטיגער **רב הכולל אין ארץ ישראל**
שרייבט צווישען אַנדערעס:

— — — „התבוננתי ברוב הפרטים ומצאתי שהוא הוציא דבר מתוקן ושלם מתחת ידו המיוסד על מקורות הקדש של המקרא ומסורת רבותינו ז״ל בהשוואה עם מקורות מן החוץ כגון יוסיפוס וכדומה והתגליות של החפירות האחרונות של הארכיאולוגים, ובדיוק האדריכלי.

אפריון נמטייה כי הפליא לעשות בתבנית זו מכל אשר לפנינו ודבר גדול עשה כי אי אפשר להתבונן בצורת הבית מתוך הספרים בלבד אפילו למי שמצוי אצל החקירות וק״ו לסתם אנשים, והרי ההתעסקות בצורת הבית היא עצמה כבר מצוה גדולה כמו שאמרו רבותינו ז״ל: „אעפ״י שאינם עושים אותו עכשו יהיו קוראים בצורת הבית ואני מעלה עליהם כאילו בבנינו הם עסוקים״ — — — (עי׳ ילקוט שמעוני יחזקאל מ״ג)״.

* * *

הגאון ר׳ איסר זלמן מלצר

אב״ד ור״מ בסלוצק וכעת ר״מ ראשי לישיבת „עץ חיים״ בעיה״ק ירושלם תובב״א:

— — — „הצלחה גדולה הוא גם בענין למוד תוה״ק ראית העינים, מי שלא ראה ריאה מימיו לא יוכל להבין היטב כל דיני

שאלת הריאה וכן בכל עניני תוה"ק ולזה אמרו חז"ל גדולה שמושה של תורה יותר מלמודה — — —

יחזקאל הנביא אומר בדבר ה' אליו: אתה בן אדם הגד את בית ישראל את הבית ויכלמו מעונותיהם ומדדו את תכנית; ואם נכלמו מכל אשר עשו צורת הבית ותכונתו ומוצאיו ומובאיו וכל צורותיו ואת כל חקותיו וכל צורותיו וכל תורותיו הודע אותם וכתב לעיניהם (יחזקאל מ"ג). הנה חובה עלינו מדבר ה' לדעת כל צורת הבית — — — והנה מלבד שלא כל אחד מקיים את החובה הזאת ללמוד בעיון הנה כפי שאמרנו בראש דברינו, גם אלה אשר למדו מתוך ההלכה יבואר אצלם וידעו ביתר דיוק כאשר יראו בעיניהם את תבנית צורת הבית.

— — — והנה כבר נעשו תבניות ביהמ"ק בכמה זמנים, אבל בעל־התבנית החשוב הזה התאחדו בו מעלות התורה ומעלות החכמה החצונית יחד, ואומן ומומחה לאותו דבר, ושם כל מעיינו בעבודה עצומה הרבה שנים עד אשר שכלל את הבנין הנהדר והנאדר בקודש הזה וכבר אתמחי גברא" וכו'.

* * *

הרב מאיר ברלין

(נשיא המרכז העולמי של המזרחי):

— — — „אף אנחנו הכמהים לגאולה וצמאים לבנין עצמאי בארצנו הקדושה, רבה בינינו הדרישה והחקירה לזכרונות הימים העתיקים בתוכה. עורגים אנו לראות בבואה דבבואה של הדר קדשנו ומקום תפארתנו זבול הקדש והמקדש בירושלם עיר הקדש והר הקדש יבנה ויתכונן במהרה בימינו. הרבה התעסקו בדבר הזה לציר ולהאיר, לעשות בעץ ובמתכת כמתכונת המקדשות הראשון והשני. אחד מן הטובים בהם ומן המכוונים אל האמת, עפ"י עצותם של גדולי התורה אשר בראש ובראשם הכהן הגדול צדיק יסוד עולם הגראי"י הכהן קוק זצ"ל, הוא האדריכל המומחה אשר שקד ולמד מספרים ומפי חכמים את מעשי המשכן והמקדש, רבי יעקב יהודה הי"ו. תוצאות עבודתו ותוצרת פעולתו נראה בביתן הארץ־ישראלי

אשר בתערוכת העולם בנויורק רבתי. יבואו רבים, יחזו ויראו ויתענגו. יעלה לפניהם זכר הימים שעברו עלינו בקדושה ובמלוכה וישאפו לחדש ימים כקדם, וה' יצליח בידינו לחדש את גאולתנו השלמה בביאת גואל צדק בב"א".

* * *

הגאון רבי יעקב משה חרל"פ שליט"א

(ראש הישיבה המרכזית „מרכז הרב" בעה"ק ירושלם ת"ו):

— — — „וגם אלה מיראי ה' שלקחם לבבם לצייר ולהציג את תבנית הבית, גם המה נלקו בנחלת החקוי לחקות את הזרים שעבדו בו, וגם לא עמלו כל הצורך על יסודות ההלכות היוצאים מהמקרא ומהתלמודים בבלי וירושלמי ומדרשי חז"ל והרמב"ם ושאר פוסקים; וכל אלה מרבותינו הק' שלקחו חלק בבאורי הדברים הנוגעים להענינים האלה, היו כאלה שעם ידיעתם הרחבה במקצועות אלו, חסר להם ידיעות וחוש האדריכליות, ובין כך ובין כך, נפלאות הצפיה לראות בהצגת התבנית בכל פרטיה ודקדוקיה הבנויה על יסודות מוצקים ואמתיים, נשארה מעל ולא יצאה לאור עד כי זכינו כי קם ונתעורר ידי"נ מלא ברכת ה' האדריכל המוסמך והמומחה והמופלא וגם מופלג בתורה וי"ש מוה"ר יעקב יהודא נ"י וישקוד על כל הענינים האלה החל מהמקרא ועד הפוסקים האחרונים והפליא לעשות להקים את הבנין בכל מוצאיו, מובאיו, היכליו, תאיו וכל כליו וכו' הכל מיד ה' עליו השכיל באופן מופלא עד אשר כל רואיו יתרגשו מעצם המלאכה שפעל ועשה — — —

* * *

דער „ועד הלאומי" לכנסת ישראל בארץ ישראל:

— — —„דורות התגעגעו על מחזה קדש זה. חכמים רבים וגדולים נסו לצייר לעצמם ציור נפשי מבנין המקדש; אף יש מהם שפנו אל החרט ושרטטו את צורת הבנין. אך הניחו לך מקום להתגדר בו; והנה באת אתה והשלמת את המלאכה. אספת כל המקורות, בדקת כל הפירושים, צרפת כל הדעות, פתרת שאלות רבות השנויות במחלוקת — ועל הכל השתמשת במיטב ידיעות דורנו באדרכלות, ויצאה לך „תבנית המקדש" נהדרה ומשוכללה".

חיים נחמן ביאליק (ז״ל), המשורר הלאומי:

הערה: מכתב זה של משוררנו מוסב רק על תבנית „המשכן". תבנית „המקדש" לא היתה עדיין משוכללת וגמורה בזמן שהמשורר כתב מכתבו זה.

„אדוני היקר! מלאכתך המפוארת, תבנית המשכן וכליו, הזכירתני את ימי ילדותי בשבתי על פרשת המשכן בחדר המלמד; וכל העמל הרב מצד המלמד להסביר לי את פרטי הענינים — לא מצאתי בהם את ידי ואת רגלי. לפרקים נדמה לי כי גם „הרבי" עצמו, במחילה מכבוד תורתו, לא ראה את הדברים באספקלריה מאירה ביותר.

הנני משער בנפשי כמה שמחה וקורת רוח היו אותן הפרשיות הסתומות מביאות ללבות המורה והתלמידים גם יחד לו נמצאו להם בשעתם מפרש נאמן ובעל הסברה מוחשית כמוך. לדעתי, מן הראוי שכל בית ספר יזמין לו העתקה נאמנה, טופס אחד מתבנית המשכן וכליו, מעשי אצבעותיך — והיה למשמרת שם בארון, למען יראו התלמידים בעיניהם את כל פרטי הפרטים והיה להם הדבר לששון לב ולחמדת עינים.

ומי יתן והיה עם לבבך כי תשים ידך המאומנת גם על יתר בניני הקדש שלנו מימי קדם, כגון: בנין שלמה, בנין הורדוס, ואולי גם בנינו החזיוני של יחזקאל, שלא רבים יחכמו להבינו, ועשית מהם תבנית קטנה, והיה לפירוש מוחשי וממשי לתועלת המורים והתלמידים — — —".

* * *

הרב פרופיסור שמחה אסף

(פרופ. בהאוניברסיתה העברית, ירושלם).

„אדוני הנכבד! הנני להודות למר על שעה של קורת רוח עצומה שגרם לי בהראותו לי את תבנית בית המקדש אשר כוננו ידיו על אולמיו ותאיו, שעריו ומבואיו, עזרותיו וחומותיו. אכן זוהי מלאכה נפלאה שיש בה אמנות וחכמה רבה, ולא תשבע העין מראות את כל הדר התבנית. אין לך יהודי שלא יתעוררו בו למראיה געגועים חזקים על ימים עברו בהיותו המקדש עומד על מכונו, ושלא יקרא בלב קרוע ומורתח: אשרי העין ראתה כל אלה! ראוי הוא אדוני לתודה ולברכה, לעדוד ולחזוק על שלא חס על עמלו ויגיעו במשך חדשים ושנים עד הקימו זה לתפארה".

הגאון רבי אליעזר זילבער שליט״א

(הרב לאגה״ק בסינסיניטי, אָ., וחבר הנשיאות לאה״ר דארה״ב וקנדה).

„התענגתי מאד עת השתעשעתי שעתים בין התלמידי חכמים, אנשי אמת, יראים אמתים וגדולי התורה הלומדים „באנשי מעמד״ בנויאָרק, 156 רחוב הענרי. שם כמו נמצאתי בקלויז הגר״א שבעיר ווילנא. מצאתי בין הת״ח זקנים ואברכים גאוני תורה, עלוים, בקיאים בש״ס ופוסקים, צדיקים ואנשי מעשה הלומדים בשקידה רבה ואשר תורתם אומנתם בה יהפכו יומם ולילה, יפלפלו ויתענגו, ובעת תמצא שמה תשכח כי בארץ החדשה הנך, תשכח תבל ומלואה. וכל הספקתם, על ההנהלה העומדת תחת האיש המורם מעם, איש הרוח וגדול בתורה ובחכמה מאצילי בני ישראל, המצוין באהבתו לתורה, העסקן הצבורי המפורסם, הרה״ג בנש״ק רש״א רובין שליט״א. הוא ניהו אביהם של הלומדים גאוני התורה, אב לחכמים ולזקנים, כולם על שלחנו סמוכים, הוא המפקח שלא יחסר לזקני הת״ח דבר.

אהבה לתורה וחבה יתירה לישראל מציצה מעיניו של איש הרוח הזה. גילה ורנה בין עיניו ראיתי עת ימצא בין בניו הזקנים האלה. יתענג על כל מוצא פיהם ועומד ומשמש לפניהם ולפני האורחים הבאים לראות ולשמוע.

בקרתי את הלשכה של „אנשי מעמד״ ובקרתי את כל הבית הגדול למן הקומה הראשונה ועד העליונה. ראיתי שם את תבנית המקדש ותבנית המשכן בחדר אחד בנוי בזעיר אנפין מרהיב לב ומרחיב עין; ואשרי עין ראתה התורה והחכמה שבבית „אנשי מעמד״. יתברכו התומכים והמנהלים, יצליחו בכל מעשיהם, וה׳ ישלם להרב רובין ועוזריו ככל פעלו.

באעה״ח ב׳ לסדר ויגדל ויצא אל אחיו שנת תש״א לפ״ק פה סינסיניטי, אָהיאָ.

אליעזר זילבער,

הרב לאגה״ק סינסיניטי, יו״ר לאג״י

וחבר נשיאות אגוה״ר יצ״ו.

אגודת הרבנים דארצות הברית וקנדה:

— — — „מי מישראל לא יכסוף ולבו מי לא יתרגש בראותו מראות הקדש מרהיבי עין, אשר יעוררו בו זכרונות קדומים מתקופת הזהב של עמנו, עת ישראל היה מושל בעמים ומבית מקדשו יצאו קוי זוהר ואור לגויים רבים; ואשר יחזק את תקותו לחדש ימינו כקדם וימי האושר והאור ישובו אליו.

בטוחים אנו שהצבור הישראלי יבין להכיר את ערך המפעל ההיסטורי הגדול אשר כמעט אין ערוך אליו; ובתי הכנסיות יזכו במצוה להקציע מקום חשוב בבתי כנסיותיהם לתכלית זו לזכות את הרבים שיוכלו לראות ולהתבונן על תבניות בית המקדש והמשכן שהפליא כבודו לעשות, ואת כלי השרת שלהם בדיקנות גדולה ומעשה אמן נפלא עד שכל אחד יוכל לדעת את תבנית הבית, תאיו מוצאיו ומובאיו וכלי הקדש על מכונם ומקומם כאשר היה לפנים — — —".

* * *

ב"ה, יום ב' לחדש טבת, חנוכה תש"א.

ועד הרבנים דנויארק רבתי:

„כבוד ידידנו הרב המצוין בעל מרץ ועוז, רב מעללים לתורה ולתעודה, כליל המעלות כמהור"ר ש. א. רובין נ"י, המנהל של המוסד „אנשי מעמד ובית ועד לחמים", 156 הענרי סט. נויאָרק.

גדולים מאד מעשי כבודו לתורה ולתעודה בהגדילו ובכוננו בפארו ובבססו את המוסד הגדול „אנשי מעמד ובית ועד לחכמים" ועשה אתו למרכז חשוב של תורה ויראת שמים, אשר רבנים גדולים ומופלגים בתורה מסתופפים בצלו ושוקדים על תורת ה' יומם ולילה ולחם חקם ניתן להם בכבוד. ראוים הם מעשי ידיו באמת להתפאר, ומעומק לבבנו הננו לברך אותו ואת כל המסייעים בידו בברכת הצלחה בעבודתם קדש, וה' יאשר כחו וחילו להמשיך מעשיו המרובים והגדולים לחזוק התורה והמצוה ולכבוד תלמידי חכמים מצוינים וגדולים בתורה וביראה.

שמחנו מאד לשמוע כי עלה בידו דבר גדול לפדות שלא יפול בידי זרים תבניתו וצלמו של בית ה׳, בית עולמים, בית מקדשנו, גאוננו וכבודנו מיום היות ישראל לגוי, מעשי ידיו של האדריכל האומן הגדול כמר יעקב יהודה נ״י אשר השכיל לעשות את צורתו ותמונתו של בית מקדשנו באומנות נפלאה, בכשרון רב ובדיוק גדול כפי עדותם הנאמנה של גדולי הרבנים הגאונים והצדיקים, ראשי הרבנים בארץ ישראל.

כמה ישמח הלב לראות את התמונה והתבנית של בית מקדשנו מקום השראת השכינה ומקור הקדושה והטהרה! ובפרט בימי צרה וחשך אלה אשר נוטל כבוד מבית חיינו וצרינו מתאמצים בכל כחם לבזותינו ולהשפילנו; והיה אם יבוא בן עמנו שבע חרפות וגדופים והביט אל התמונה הזאת מלאה הוד עולמים — — — ותתמלא נפשו חרדת קדש ותתחזק האמונה והתקוה בלבו כי עוד יקום ישראל וחי וכבודו ישוב לו כבראשונה — — — ויתמלא כבוד ה׳ ושוב יתחדש כבודנו וגדולתנו לעיני כל העמים.

זכרונות קדש אלה אשר יתעוררו למראה התמונה הזאת יהיה כחם רב לחזוק האמונה והדת, התקוה והתוחלת לגאולת ישראל ואין ערוך לתועלת הגדולה אשר תצא מזה להחיות בטל של תקוה את לב בני עמנו הנמצא כעת בצרה ובשביה והולך בחשך.

כן תהיה התבנית הזאת לתועלת גדולה מאד להרבנים ולכל הלומדים המעיינים במסכת „תמיד" ובכל המקומות בש״ס אשר ידובר בהם מאופן בנין המקדש ולשכותיו ושעריו, ובנין כלי המקדש אשר על ידי התמונה הזאת יתחוורו להם הענינים כאור בית מקדשנו. וממילא יהיה זה גם מקור הכנסה למוסד החשוב והמפורסם שלו, ובודאי ראוי כבודו על כל זה לברכה ולהכרה רבה.

ועד הרבנים דנויאָרק רבתי

(עה״ח) ישראל במהרשי״ל ז״ל דושאוויץ, נשיא

א. י. פיוועלזאָהן, מנהל״.

* * *

דר. שלמה גולדמן

(נשיא ההסתדרות הציונית באמריקה).

24 פעברואַר, 1939.

להאדריכל האמן מר יעקב יהודא.
שלום רב!

גם אני מצטרף לכל הגדולים המשבחים את פעולתך האמנתית והמדעית בבנין תבנית המקדש בשביל הביתן הארץ־ישראלי. מודה אני לך על שהראית לי את התבנית ושמחתי לראות את בנין המקדש המפליא ביפיו ובנאמנותו.

— — — — בכבוד ובברכת ציון,
שלך, שלמה גולדמן".

מיר האָבען די אלע אויבענדערמאָנטע בריף און דאָקומענטען איבערגעבעבען אין זייער אָריגינאלען שריפט און זיך ניט גענומען די טרחא זיי איבערזעצען, פשוט צוליב מאנגעל אין פלאץ.

צוליב דער זעלבער אורזאך האָבען מיר אויך ניט געקענט פארעפענטליכען פיעל אנדערע בריעף און דאָקומענטען אין פארבינדונג דערמיט, און מיר מוזען זיך באַנוגענען מיט בלויז דערמאָהנען די נעמען פון זייערע שרייבער.

זיי זיינען:

הרב הגאון ר׳ יחיאל מיכל טוקאצינסקי שליט״א, מנהל פון ישיבת עץ חיים הכללית בירושלם; מכון הרי פישל בירושלם, המנהלים: הרב דוב הכהן קוק, ד״ר שאול ליברמן; הנהלת „קרן היסוד״ בירושלם — ו. הרמן; חברה עברית לחקירת ארץ ישראל ועתיקותיה — ירושלם; מאסייניק לאדוש — א״י; מעטראָפּאָליטען מוזעאום אף ארט — נויאָרק, און נאָך פיעל אַנדערע פראָמינענטע יחידים און אינסטיטוציעס.

ז.

„אנשי מעמד" אין לײדן און אין פרײדן

„אנשי מעמד" איז ניט קײן אנשטאלט אין געװעהנליכען זין פון דאָס װאָרט. עס איז עפּעס מעהר דערפון. עס איז, װאָלטען מיר זאָגען, א מין פאמיליע צירקעל װאו די רבנים לומדים פון אינװײניג מיט די חברים נדיבים פון דרויסען זײנען װי פארװאנדעט אײנע מיט די אנדערע. יעדער חבר אדער סתם נדיב, פיהלט זיך װי א פאמיליען מיטגליעד פון די אנשי מעמד. ער האָט דעם געפיהל װי די רבנים װאָס זיצען יומם ולילה אין שוהל פון די אנשי מעמד על התורה ועל העבודה, זײנען זײנע בלוט פארװאנדעטע קרובים מיט װעלכע ער האָט געמײנשאפטליכע באציהונגען און שותפות'דיגע אינטערעסען.

איז די דאָזיגע שותפות ניט בלויז פון יענעם מין טראדיציאָנעלע פּאַרטנערשאפט װאָס צװישען די יששכר'ס מיט די זבולונ'ס װאו יששכר'ס טהײל עולם הבא װערט גע'סילק'ט צו זבלונ'ען ערשט לאחר מאה ועשרים שנה אויף „יענער װעלט". ד י שותפות איז אביסעל אנדערש. די „דיװידענדען" פון דעם נדיב'ס אינװעסטמענט אין „אנשי מעמד", זײנען בעסערע. ער קריגט זײ „אויסגעצאָהלט" בײ זײן לעבען טאַקע אויף „דער װעלט", כאָטש דער גרונד־קאַפּיטאל װערט צוליב דעם ניט קלענער; זײן „קעש װאליו" װערט ניט געמי־נערט. עס איז פון יענע אינװעסטמענטס װאָס „הקרן קימת לעולם הבא" און פונדעסטװעגען איז „אוכל פירותיהם בעולם הזה" און טאַקע אויף א גאנץ דירעקטען אופן.

דער חבר אין אנשי מעמד גיט ניט זײן געלט נור אויף „עולמות", ער קריגט דערפאר עפּעס אויך אין „עקסטשײנדזש". ער געניסט דערפון סײ אין פרײדען און סײ חלילה אין לײדען.

„אנשי מעמד" האָט אין זײן „סטאק" גענוג „סחורה" צו „דעלי־װערען" זײנע „קאַסטעמער" פאר זײער כשר געלט.

לאָמיר זיך אָקאָרשט אביסעל באקענען מיט אנשי מעמד'ס אינערליכע „טהעטיגקייט" און אונזערע באהויפּטונגען וועלען ווערען קלעהרער און דייטליכער.

בלויז א בליק אין דעם סדר היום פון די אנשי מעמד, אין זייער טאָג-טעגליכען רוטין און עס וועט פאר אונז קלאָהר ווערען וואָס פאר א גוטען „מסחר" די נדיבים האָבען געמאכט מיט'ן אנשטאלט.

די „פונקציעס" פון די אנשי מעמד פאנגען זיך אָן יעדען פריה-מאָרגען אום אכט אוהר, ווען די צעהנדליגער רבנים זעצען זיך אוים בכנופיא ארום די לאנגע טישען פון שוהל און לערנען בצבור משניות פאר די פארשטאָרבענע חברים אדער פאר די פארשטאָרבענע קרובים פון די לעבעדיגע חברים, וועלכע זיינען נפטר געוואָרען אין דעם יאָהר, און אויך פאר יענע נשמות וועמעס יאָהרצייט עס פאלט אוים אין דעם טאָג.

נאטירליך ווערען דאָך נאָכ'ן משניות דערמאָנט די דאָזיגע באַטרעפענדע נשמות אויפ'ן געוועהנליכען שטייגער וואָס דריקט זיך אוים אין דעם „אמירת אנא" און „קדיש". איז אָבער אין דעם גופא אויך אריינגעבראכט געוואָרען אָריגינאַליטעט. עס איז ניט קיין קאָלעקטיווער קדיש און קאָלעקטיווער „אנא" וואָס נעמט אריין א ל ע נשמות מיטאמאָל. דאָ איז עס אנדערש.

יעדער נפטר האָט זיך זיין באַשטימטען קדיש זאָגער פון צווישען די רבנים חשובים פון אנשי מעמד, וועלכער היט אָפּ דעם קדיש און משניות מיט דער גרעסטער פינקטליכקייט ווי א קינד נאָך א פאָטער, און אזוי אויך דעם יאָהרצייט. דער נאָמען פון דעם פארשטאָרבענעם אָדער פון איינינע פארשטאָרבענע ווערט אויסגעקריצט אויף א ספּעציעלען טאַבלעט, איינגע'ראַמ'ט אין א שעהנע ראַם וואָס געפינט זיך אין רשות פון דעם באַטרעפענדען רב, און יענע נשמה אדער נשמות איז, אָדער זיינען אונטער דעם רב'ס ספּעציעלער אויפזיכט און דער קדיש מיט'ן „אנא" ווערען געזאָגט „ביחוד" פאר דער דאָזיגער נשמה אדער נשמות און ניט אין א כולל'שען אופן.

אָט דערפאר דארף עס נעהמען גאַנצע שטונדען אויף דורכצופיהרען די גאַנצע פראָצעדורע אום יעדער נשמה זאָל קריגען וואָס איהר קומט אויף א יחיד'שען און אינדיווידועלען שטייגער.

דאָס זעלבע ווערט אויך פּראַקטיצירט ביים דאַווגען וואו די רבנים טהיילען זיך איין מיט די תפלות און קדישים, אזוי אז יעדער נשמה פון „תוך שנתה" אדער „יאָהר־צייט" זאָל „געניסען" פון איהרע זכויות לשמו ולשמה און ניט פארשלונגען ווערען אין א קדיש כללי.

איז כאָטש דער גאנצער ענין פון קדיש און משניות איז דאָך אייגענטליך א זאך וואָס האָט צו טאָן מיט עולם הבא, רופען מיר עס פונדעסטוועגען אָן „דיווידענדען" פון „דער וועלט", ווייל עס איז דאך ניט גלייך מיט דעם עולם הבא פון יענער שותפות פון יששכר און זבולן. דאָרטען רעדט זיך פון אן עולם הבא וואָס זבולן באקומט פון י ש ש כ ר ' ס חלק, אפילו ווען דער דאָזיגער יששכר האָט פאר זבולנ׳ען אליין קיין ספּעציעלע לייסטונגען ניט געמאכט.

דאָ אָבער „ארבייט" דאָך יששכר דירעקט פאר זבולנ׳ען. די דאָזיגע משניות און דער דאָזיגער קדיש, לערנט דאָך דער רב פון אנשי מעמד ניט פאר זיך נאָר ספּעציעל פאר דעם באטרעפענדען נפטר, און דערפאר פארדינט עס מיט רעכט דעם נאָמען „דיווידענדען" פון „ד ע ר וועלט".

עס זיינען אָבער אויך פאראן אזעלכע „דיווידענדען" וואָס האָבען שוין דורכאויס צו טאָן מיט „דער" און ניט מיט „יענער" וועלט און זיינען שוין ספּעציפישע עולם הזה בענעפיטען.

דערמיט מיינען מיר, דאָס תהלים זאָגען פון די אנשי מעמד וואָס האָט זיך קונה שם געווען אין דער ברייטער ניו יאָרקער אידישער וועלט.

איז דער דאָזיגער תהלים־זאָגען אויך איינגעטיילט אין צוויי טהיילען: א כלל׳ישער און א פּרט׳ישער.

פאראן דער טעגליכער תהלים וואָס ווערט געזאָגט יעדען פריה־מאָרגען נאָכ׳ן דאַווגען וואו עס ווערט געבעטען פאר כלל ישראל על כל צרה שלא תבוא. און עס איז אויך פאראן דער תהלים פּרטי וואָס עס ווערט געזאָגט אויף א ספּעציפישען אופן פאר א קראנקען חבר אזוי שנעל ווי מען ווערט געוואויר פון דעם קראנקען פאל אדער פון אן אנדער צרה ר"ל, וואָס האָט מיט איהם אדער מיט איינעם פון די אנדערע פאמיליע מיטגלידער געטראָפען.

דער ענין פון תהלים זאָגען איז ווירקליך פון גאָר גרויס באדיי־

טונג און איז קובע ברכה לעצמו. עס איז אין דער בחינה פון „החזירו העטרה ליושנה״, ווייל עס האָט צוריק אויפגעלעבט די אלטע אידישע תהלים טראַדיציע.

ווער פון אונז געדענקט ניט וואָס פאַר א ראָלע דער תהלים האָט געשפּילט אין דער אלטער היים! וועלכער אידישער ישוב, קליין אדער גרויס, האָט עס ניט געהאַט קיין חברה תהלים וועלכע פלעגט אָפּ־היטען דעם תהלים זאָגען מיט דער גרעסטער פּינקטליכקייט, וואו דאָס פלעגט געטאָן ווערען יעדען טאָג און וואו, בלויז מאָנטאג און דאָנערשטאג און שבת פארטאָגס אדער בין מנחה למעריב, אָבער אָהן א חברה תהלים האָט מען זיך גאָר קיין אידישע קהלה ניט געקענט פאָרשטעלען. געווען ערטער אפילו וואו יחיד׳ישע נגידים פלעגען אויסהאַלטען די חברה תהלים אויף זייער רעכענונג. זיי פלעגען אסיג־נירען א געוויסע סומע פון וועלכע מען האָט געצאָהלט א מאָנאַטליכען קליינעם געהאַלט צו צעהן תלמידי חכמים, וואָס האָבען זיך צונויפגע־זאַמעלט יעדען טאָג אָדער א פּאָר מאָל א וואָך און געזאָגט תהלים בצבור.

די חברה תהלים אין דער אלטער היים איז געווען איינע פון די אידישע „אַסעטס״ וואָס האָט געגעבען פאַרב און קאָליר דעם אי־דיש טראַדיציאָנעלען לעבען.

און פּונקט ווי דער תהלים האָט פאַרנומען אזא חשוב׳ען אָרט אין דעם צבור׳שען לעבען, אזוי האָט עס אויך פאַרנומען א בכבוד׳יגען אָרט אינ׳ם יחיד׳ישען לעבען. ניט געווען קיין פרומער איד וואָס זאָל ניט זאָגען עטליכע קאַפּיטלאַך תהלים יעדען טאָג פאַר אדער נאָך דעם דאַוונען, שוין אָפּגערעדט פון שבתים און ימים טובים. אינ׳ם תהלים האָט יעדער איד, דער עדעלער אזוי ווי דער פשוט׳ער, אויס־געגאָסען זיין הארץ פאַר׳ן רבונו של עולם אין ליידען און אין פריידען. פאַר׳ן פשוט׳ען אידען איבערהויפּט איז דער תהלים געווען זיין גאַנ־צער מזון הנפש, זיין גייסטיגער שפּייז מיט וועלכען ער האָט געפיטערט און געפלעגט זיין נשמה. לערנען האָט ער נעבאך ניט געקענט, האָט ער דערפאַר ניט געקענט געפינען זיין גייסטיגע באַפרידיגונג אין א בלאַט גמרא אדער א פרק משניות, איז דער תהלים געווען דאָס איינ־ציגע קולטורעלע שפּייז מיט וועלכע ער האָט געזעטיגט זיין נשמה.

עס האָט גאָר ניט אויסגעמאכט צי ער האָט יא פארשטאנען וואָס ער זאָגט, צי ניט. ער האָט געהאט די זעלבע התלהבות און די זעלבע השתפכות הנפש ביים תהלים זאָגען אפילו ווען ער האָט קיין פירוש המלות ניט געוואוסט. אזא כח און אזא געהיימע מיסטישע קראפט ליגט אין דעם דאָזיגען תהלים׳ל אז אפילו בלויז דאָס זאָגען די הייליגע ווערטער אליין, איז שוין אויך אימשטאנד צו אינספירירען דעם אידען און צו ריהרען זיין הארץ, אפילו ווען ער ווייסט לחלוטין ניט דעם אינהאלט פון דאָס וואָס ער זאָגט.

היינט זשע דער „תהלים זאָגען" אין אן עת צרה ר"ל, איז דאָך ממש פארערכענט געוואָרען פאר א הייל מיטעל אויף וועלכען מען האָט געלייגט מעהר געוויכט ווי אויף דעם דאָקטאָר׳ס מעדיצינען. אין יעדער פארצווייפלונג חלילה, איז מען גלייך געלאָפען אין שוהל אריין תהלים זאָגען, פאר חולים נדיבים וואָס האָבען באלאנגט צו ישיבות און תלמודי תורה, פלעגט מען פארזאמלען די ישיבה-לייט און די תלמוד תורה קינדער און מ׳האָט מתפלל געוועזן פאר׳ן חולה, און די אמונה אין תהלים איז געוועזן פיעל פיעל שטאַרקער ווי די אמונה אין דאָקטאָר.

אזוי גרויס איז געוועזן די חשיבות פון תהלים דאָרט אין דער אַלטער היים. איינס האָט משפיע געוועזן אויף דאָס אנדערע, דער כלל אויפ׳ן פרט און דער פרט אויפ׳ן כלל. דורכדעם וואָס דער תהלים האָט פארנומען אזא וויכטיגען פלאץ אין אידישען לעבען פון כלל, האָט עס ממילא אויך געווירקט אויפ׳ן פרט, אויפ׳ן יחיד; און דערפאר וואָס דער יחיד האָט געהאט אזא שטארקע אמונה אין דעם תהלים האָט דאָס דאָזיגע אויך געגעבען גייסטיגע נאהרונג צום כלל, און געמאכט מעגליך, טאַקע מיט דער הילף פון די יחידים, צו קענען אויפהאַלטען די תהלים אינסטיטוציעס אין געשטאַלט פון די דערמאָנטע „חברות תהלים".

אין אמעריקא האָט דער תהלים, ווי א סך אנדערע אידישע טראדיציעס, געליטען א היבשע ירידה סיי אין לעבען פון יחיד און סיי אין צבור׳ישען לעבען. מיר הערען דאָ זעהר ווייניג פון דעם עקזיסטענץ פון א חברה תהלים פון דעם מין פון דער אלטער היים.

אמת, עס זיינען דאָ אין אמעריקא פאראן געוויסע שוהלען

וואָס טראָגען דעם דאָזיגען נאָמען: „בית הכנסת חברה תהלים", אדער „חברה תהלים אנשי יאהופיץ" וכדומה, האָבען אָבער די דאָזיגע נעמען לחלוטין ניט צו טאָן מיט'ן אינהאַלט און כאראַקטער פון דער באַטרעפענדער שוהל, און עס מיינט כלל ניט אז אין יענער שוהל אדער בית המדרש עקזיסטירט טאַקע אזא חברה תהלים, פונקט א שטייגער ווי א שוהל מיט'ן נאָמען „רודפי שלום" אדער „אנשי שלום" מיינט נאָך ניט אז די אידען און מתפללים פון יענער שוהל זיינען אידען וואָס קריגען זיך גאָר קיינמאָל ניט, און עס הערשט ביי זיי תמיד שלום ושלוה און הארמאָנישע צוזאמענלעבונג . . . און פונקט ווי א שוהל מיט'ן נאָמען „חברה קדישא" דריקט ניט אוים די שייכות פון דער שוהל מיט די חברה קדישא, און דעסגלייכען מיט אנדערע נעמען וואָס זיינען סתם נעמען אָבער אָהן דעם אינהאַלט פון די דאָזיגע באַטרעפענדע נעמען.

די ירידה פון תהלים אין צבור'ישען לעבען, האָט אויך געבראַכט צו די ירידה אין דעם יחיד'ישען לעבען. דאָס כאַפּען זיך צום תהלים אין אן עת צרה ר"ל, ווי עס פלעגט זיין אין דער אלטער היים, איז שוין דאָ ניט אזא אָפטע ערשיינונג.

עס איז אפשר ניט אזוי צוליעב חסרון אמונה ווי צוליב אָפּגעוואוינקייט. מ'האָט זיך דאָ פשוט אָפּגעוואוינט פון תהלים און עס איז אפשר טאַקע דאָ אויך שווער צו געפינען די תהלים זאָגער ווי דאָרט אין דער אלטער אייראָפּעאישער היים; ס'איז ניטאָ דער „אדרעס" . . .

באו „אנשי מעמד" והחזירו את העטרה ליושנה!

יא, די אנשי מעמד האָבען צוריק אויפגעלעבט די תהלים טראַדיציע. די פיעלע הונדערטער חברים און אָנהענגער פון די אנשי מעמד, ווייסען שוין איצט דעם ריכטיגען אדרעס פון דעם תהלים. זיי ווייסען אז על כל צרה שלא תבא דאַרף מען זיך ווענדען צו די אנשי מעמד און זיי וועלען שוין זאָגען תהלים אויף דעם אלט היימישען שטייגער.

עס איז גענוג איהר זאָלט זיצען אין אָפּיס פון אנשי מעמד בלויז איין איינציגע שטונדע און איהר וועט פשוט איבערראַשט ווערען וויפיל טעלעפאָן „קאָלס" עס קומען אריין פון אלע טהיילען פון

שטאָדט און זאָגאר „לאָנג דיסטענס קאָלס" פון די ארומיגע שטעדט פון ניו דזשוירסי, פענסילוויניע, קאָנעקטיקוט, אד"ג, וואו עס ווערען איבערגעגעבען די בקשות אויף תהלים-זאָגען אויף קראנקהייטען און אנדערע אומגליקען רחמנא ליצלן.

עס איז איבעריג צו זאָגען אז די דאָזיגע בקשות ווערען בעזר השם דערפילט מיט דער גרעסטער פינקטליכקייט. עס איז אָבער אפשר יאָ כדאי צו אונטערשטרייכען אז די דאָזיגע לייסטונג ווערט געגעבען דעם ברייטען קהל גענצליך פריי אָהן אירגענד וועלכע די־רעקטע באלוינונג. עס איז די „פּאָליסי" פון אָנשי מעמד נים צו שלאָגען קיין קאפּיטאָל פון יענעמס אומגליק. עס איז זעלבסטפאר־שטענדליך, אז ווען דער אויבערשטער העלפט און די תפלות ווערען אָנגענומען „הערט" מען שוין ממילא פון יענעם געהאָלפענעם, וועלכער פיהלט זיך פּארפליכטעט זיינע נדרים ונדבות וואָס ער האָט צוגעזאָגט אין דער עת צרה, ארייגצושיקען צו די אנשי מעמד צו וועמען ער האָט זיך געווענדעט מיט זיינע בקשות אויף מתפלל צו זיין.

* * *

אָט דאָס און עהנליכע לייסטונגען פון דיזען סאָרט דארפען בא־טראכט ווערען אלס די „דיווידענדען" וואָס די חברים געניסען אויף „ד ע ר וועלט".

„אנשי מעמד" לייסטעט אָבער פאר זיינע חברים נים נאר אין אן עת צרה ר"ל נור אויך אין א צייט פון שמחה. עס איז דער געפיהל פון א מין פאמיליע פארוואנדשאפט וואָס הערשט צווישען דעם דאָזיגען אנשטאלט מיט זיינע חברים, נדיבים און אָנהענגער, וואָס מאַכט עס אז בעת עס טרעפט ביי וועמען פון זיי אירגענד וועלכע פאמיליען שמחה, זאָל עס אנשי מעמד אינסטינקטיוו דערפיהלען און זאָל זיך מיטפרעהען מיט זיי. און נים נור קריגט דער אנטייל אין דער שמחה אן אינערליכען אויסדרוק אין געשטאלט פון א ברכת „מי שברך", נור עס קריגט אויך אן עפענטליכען אויסדרוק מיט דער הילף פון דער ראדיא אויף וועלכע עס ווערט אָנאָנסירט די באטרעפענדע שמחה מיט די נעמען פון די בעלי שמחה און מיט הארציגע באגרי־סונגען און ווינשעוואניעס אין נאָמען פון די רבנים און די פיהרער־שאפט און פארוואלטונג פון די „אנשי מעמד ובית ועד לחכמים".

ח

די קוואַלען פון הכנסה פאַר די „אנשי מעמד"

ווי מיר האָבען שוין אויף אַן אנדער פּלאַץ אין דיזען ספר אָנ־געדייט, טהיילט זיך דער אנשי מעמד אוים פון אנדערע אידישע אנ־שטאַלטען דאמיט וואָס ער האָט ניט קיין משולחים און קאָלעקטאָרס. עס זיינען דאָ זעהר וועניג פון אונזערע אינסטיטוציעס צו וועלכע קלאַס און קאַטעגאָריע זיי זאָלען ניט געהערען, וועלכע זאָלען זיך קענען באַ־געהן אָהן משולחים. ניט נור די אנשטאַלטען פון א פילאנטראָפּישען כאַראַקטער נור אפילו די פון א נאציאָנאלען כאַראַקטער ווענדען אויך אָן די משולחים־מעטאָדע אין אזא אדער אין אַן אַנדער פאָרמע, וועניגער מאָדערנע אָדער מעהר מאָדערנע, צי מען רופט איהם מיט דעם אלטען ניט־מאָדערנעם נאָמען „משולח" אדער מיט דעם נייעם יאָ־מאָדערנעם נאָמען „רעפּרעזענטאַטיוו"; אין איכות איז עס אלץ די זעלבע. פּונקט למשל ווי אין אנדערע הכנסה מיטלען וואו די אַלטע און נייע מעטאָדען טרעפען זיך צוזאמען אפילו ווען די לעצטע ווילען זיך כלומר'שט מעהר מאָדערניזירען און מאַכען דעם איינדרוק אז פאַר זיי זיינען די אַלטע מיטלען צו פּרימיטיוו און צו בטלנות'דיג.

אָט נעמט אשטייגער די אלטע צדקה פּושקע וועלכע האָט גע־דיענט אַלס איינע פון די הויפּט מקורות פאַר די הכנסה פון די אלט היימישע ישיבות אדער אנדערע וואוילטהעטיגע אנשטאַלטען. יענע פּושקע וועלכע האָט געקראָגען דעם הייליגען נאָמען פון „רבי מאיר בעל הנס" און איז געווען דעם משולח'ס בעסטער „אַסעט", האָבען מאָדערנע פאָרגעשריטענע אידען געקוקט קרום דאַרויף; עס איז ביי זיי עפּעס אויסגעקומען ווי א בטלנ'ישע שנאָר־טאָרבע וואָס האַרמאָ־נירט ניט מיט'ן מאָדערנעם פאָרגעשריטענעם גייסט. האָט מען דערוי־בער געקענט מיינען אז זיי, אונזערע מאָדערנע אידען, וועלען עפּעס ממציא זיין גוואַלדיגע חדשות און שאַפען גדולות ונצורות אויף דעם דאָזיגען געביט, וואָס זאָל שוין טאַקע זיין מאָדערנע שבמאָדערנע.

לסוף אָבער אז עס איז אויפגעקומען די גרויסע פּאָלקס באַוועגונג אויף צו שאפען ריזיגע סומען פאר די אויסלייזונג פון באָדען אין ארץ ישראל, דאָס וואָס עס רופט זיך „דער נאציאָנאל פאָנד", און מען האָט געדארפט צוטראכטען דעם געהעריגען אופן דורך וועלכע די דאָזיגע געלט מיטלען צו שאפען, האָט מען געמוזט צוריק קומען צו דער אַלטער פרימיטיווער „פּושקע" וועלכע איז עד היום איינע פון די שטאַרקסטע „אסעטס" און איינע פון די ריזיגסטע הכנסה קוואלען פאר דעם „קרן קימת לישראל".

הפּנים אז דאָס איז שוין אזוי דער גורל פון דער אלט אידישער אָרטאָדאָקסיע, אז זי אליין זאָל באצייכענט ווערען אלס אַלטמאָדיש און כולו בטלן מצד דער מאָדערנער וועלט און דאָך זאָלען אלע איהרע ווענען און מעטאָדען קאָפּירט און נאָכגעמאַכט ווערען טאַקע פון די זעלבע קריטיקער איהרע, און אז ז י י טוען עס, איז עס שוין ניט קיין בטלנות נור עכט מאדערנע און פארגעשריטען . . .

מיר האָבען ערשט ניט לאנג געלייענט א זעהר אינטערעסאנ־טען און אויסגעצייכענטען ארטיקעל פון א באוואוסטען אידישען שריי־בער, וועלכער איז ערשינען טאַקע אין א ציוניסטישען מאגאזשריפט (אן אלגעמיין ציוניסטישען), וואו דער שרייבער שטעלט זיך אויס־פיהרליך אָפּ אויף דער דאָזיגער ערשיינונג און ציהט צווישען אנדערעס א פּאראלעל פון דעם ישוב הישן און דעם ישוב החדש אין ארץ ישראל, אָנווייזענדיג אז דוקא יענע אַלטע מעטאָדען פונ'ם אלטען ישוב וועלכע זיינען אזוי שארף אָנגעגריפען געוואָרען פון די בויער פונ'ם נייעם ישוב, האָבען זיי פונדעסטוועגען געדיענט אלס וועגווייזונג פאר די לעצטע און זיינען צו זיי איבערגעגאנגען בירושה, און בלויז דער שינוי השם האָט זיי גע'כשר'ט און זיי געמאַכט פאר „מאָדערנע" . . .

דער שרייבער שטעלט זיך איבערהויפּט אָפּ אויף דעם ענין פון „חלוקה" וואָס איז געוועזן דער יסוד פון דעם אַלטען ישוב און אויף וועלכעם דער נייער ישוב האָט געקוקט פון אויבען־אראָפּ, און זיך באצויגען דערצו מיט אזוי פיעל גרינגשעצונג און סארקאַסטישען בטול, און דאָך האָט דער זעלבער נייער ישוב אויך פאַר זיך אדאָפּ־טירט די דאָזיגע „חלוקה" אויב אפילו ער האָט עס „פארשלייערט" מיט אן אנדער נאָמען ווי „קרן היסוד" וכדומה.

דער שרייבער פרעגט מיט רעכט : מיט וואָס אזוינס איז עס דער קרן היסוד פונ׳ם נייעם ישוב אנדערש און מעהר מאָדערנע פאר די „חלוקה” פון דעם אַלטען, ניט מאָדערנעם ישוב ?

עס איז דאָך א טעות, ווייזט דער שרייבער אָן, אויב מען דענקט אז די „חלוקה” איז בלויז געווען א מין „בעטלער טאָרבע” וואָס האָט גאָר ניט געשאפען קיין קאָנסטרוקטיווער אויף די פארשידענע געביטען פון דעם בנין הארץ.

מיר געפינען פאר נויטיג דאָ איבערצוגעבען א טהייל פון דעם אריגינאלען טעקסט פון יענעם דערמאָנטען ארטיקעל ווייל מיר באַטראַכטען עס פאר א גאָר חשוב׳ען דאָקומענט וואָס דארף געפינען זיין פלאץ ניט אין צייטונג נור אויך אין בוך.

רעדענדיג וועגען די גרינגשעצער פונ׳ם אלטען ישוב וועלכע באציהען זיך שטענדיג מיט בטול צו אלעם וואָס דער אלטער ישוב האָט געשאפען אין ארץ ישראל, מאכען עס צו גאָרנישט און באציי־כענען דעם ישוב הישן עלעמענט אלס דער וואָס איז געקומען בלויז ש ט אַ ר ב ע ן אין ארץ ישראל, שרייבט דערויף דער מחבר פאָל־גענדעס:

„זאָל אפילו אמת זיין די באשולדיגונג אויפ׳ן אַלטען ישוב אז ער איז געקומען אין ארץ ישראל שטאַרבען, זעה איך נאָך אויך ניט איין וואו ליגט דאָ דער חטא? איז דאָך דאָס שטאַרבען אין ארץ ישראל פארבונדען מיט טראדיציע וואָס ציהט זיך נאָך אזש פון יעקב אבינו׳ס צייטען; און אויב אָט דערפאר באצייכענען עס די קריטיקער אלס אָפגעשטאַנענקייט, רעאַקציע א. ד. ג. איז דאָך אונזער גאנצע היסטאָרישע תביעה אויף א״י אויך אָפּגעשטאַנענקייט און רעאַקציע, ווייל אויך אָט די דאָזיגע תביעה שטאַמט דאָך פון יענע צייטען?

„און דארף מען דאָך אויך ניט פארגעסען אז גראדע דער ערש־טער „קושאן” אויף דאָס ערשטע שטיקעל באָדען אין א״י וואָס דער ערשטער איד האָט געקויפט פון עפרון החתי, איז דאָך געווען פאר׳ן צוועק פון ש ט אַ ר ב ע ן אין א״י, און דאך האָט פון יענעם „טויטען” באָדען ארויסגעשפראָצט דאָס ל ע ב ע ד י ג ע ארץ ישראל ; און ווער ווייסט אויב דאָס היינטיגע לעבעדיגע א״י איז אויך ניט א רעזולטאט פון דאָס נעכטיגע שטאַרבענדיגע? . . . און נאָך

אַלעמען איז דאָך אַלץ בעסער געווען צו קומען לפחות „ערב טויט" אין א"י ווי צו בלייבען אפילו „מוצאי טויט" אין חוץ לארץ ? . . .

„אין אמת'ן אבער איז עס בלויז גערעדט טעהאָרעטיש, וועה־רעד די פאַקטען זיינען גאנץ אנדערש. אויב נור צו שטאַרבען אין א"י וואָלטען דאָך באדארפט קומען בלויז זקנים; יונגעלייט אָבער וועל־כע האָבען נאָך ניט רעזיגנירט פון לעבען וואָלטען באַדאַרפט בלייבען אין גלות; און אויב דער אַלטער ישוב האָט פונדעסטוועגען באַ־וויזען אויפצושטעלען נייע דורות אין א"י, איז עס דאָך א באווייז אַז אויך יונגע מענשען האָבען איינגעוואָנדערט אין א"י, און געווים מיט אַ צוועק פון לעבען און ניט פון שטאַרבען.

„דאַן די פראַגע פון „חלוקה". און דאָ ווילט זיך פרעגען, ווי נאַאיוו עס זאָל ניט קלינגען: מיט וואָס אַ שטייגער איז עס דער „קרן החלוקה" ערגער פאַר דעם „קרן היסוד", און מיט וואָס שטעהט דער „קרן תלמידי חכמים" נידעריגער פאַר דעם „קרן החלוצים"? ביידע קומען דוכט זיך פון די זעלבע צדקה פושקעס, בלויז דער פוש־קע קאָליר איז אביסעל אַנדערש, ביידע ווערען געקליבען פון די זעל־בע משולחים, בלויז די משולח קאַפּאָטע אַביסעל אַנדערש . . .

„וועט מען זאָגען: די ציוניסטישע פאָנדען זיינען פאַר קאָנ־סטרוקטיווע בויאונגס אַרבייט, וועהרענד די חלוקה פאָנדען זיינען דאָס ניט. זיינען אָבער דאָ ווידער די פאַקטען פאַרדרעהט. ווען איהר באַזוכט ירושלים צום ביישפּיל און באַטראַכט די צעהנדליגע קוואַר־טאַלען און שכונות וואָס רינגלען אַרום ווי אַ קייט דעם גאַנצען שטאָ־טישען און אויסערשטאָטישען ישוב, דאַן זעהט איהר וואָס דער חלוקה פאָנד האָט אויפגעטאָן אויף דעם קאָנסטרוקטיווען געביט.

„ניטאָ איין „כולל" אין א"י, פון „כולל אונגאַרן" דעם סאַמע רייכסטען (דאָ רעדט זיך נאַטירליך פון פאַר דעם אייראָפּעאישען חורבן — ש. א. ר.) ביז „כולל ווילנא וזאמוט", דעם סאַמע אָרעמסטען, וואָס זאָל ניט האָבען אויפגעבויט פון זיינע פאָנדען אַ גאַנצען קוואַר־טאַל מיט הונדערטער פראַכטפולע הייזער, און האָט נאָך אַ חוץ די בנינים אויך גרויסע שטרעקען באָדען וואָס זיינען מיט די חלוקה געלט אויסגעקויפט געוואָרען פון די אַראַבער.

„און פון וועלכע פאָנדען, אויב ניט פון די חלוקה'דיגע, זיינען

אויסגעבויט געוואָרען די צעהנדליגע ריעזיגע אינסטיטוציעס, פילאַנ־טראָפּישע און קולטורעלע, אַזעלכע למשל ווי די האָספּיטאַלן: „בקור חולים", „שערי צדק", „משגב לדך"; דער „בית יתומים דיסקין", דער „בית היתומות הכללי", „מושב זקנים וזקנות", „חנוך עורים", „גמילות חסדים הכללי", „גמילות חסד קרן שמואל", „הכנסת אורחים", „בית התבשיל הכללי" א. א. וו. שוין ניט רעדענדיג פון די הונדערטע שוהלען, צעהנדליגער ישיבות און צעהנדליגע תלמודי תורה, אלע מיט אייגענע פּראַכטפולע בנינים (און אפילו אָהן מאַרטגיידזשעס), מאַנכע פון וועלכע קענען זיין אַ שטאָלץ אפילו אין דער רייכער נו־יאָרק.

„אָדער מיט וועלכע געלט האָט מען אויסגעקויפט פון די אַראַבער די אַמאָליגע ביבלישע שטאָדט „רמה" (די שטאָדט פון שמואל הנביא) אויב ניט מיט די חלוקה געלט?

„און רעדען וועגען דער „חלוקה" מיט איראָניע און שפּאָט איז, מילד גערעדט, היבש פאַרברעכעריש, פונקט ווי עס איז פאַר־ברעכעריש צו רעדען מיט גרינגשעצונג און בטול וועגען יענע ערשטע „חלוצים" פון ישוב הישן און זיי שטעמפּלען פאַר „אָפּגעשטאַנענע, רעאַקציאָנערע", פאַרגעסענדיג דערביי אָדער גאָר ניט אָנהויבען צו וויסען וויפיל מסירות נפש און וויפיל קרבנות זיי האָבען אוועקגע־געבען פאַר'ן בנין הישוב נאָך איידער די היינטיגע גבורי הישוב האָבען נאָך אפילו גע'חלומ'ט וועגען ארץ ישראל.

„און ווער זיינען נאָך ביז היינטיגען טאָג די גרויסע געשעפטס־לייט אין ירושלים אויב ניט די יענע אזוי גערופענע חלוקה אידען ווי די „זילבערשטיינס", די „פּערלמאַנס", די "שחורס", די „בלומס", די „חגיזעס", די „שריונס", די „סלאָוועסעס", די „בערמאַנס", די „ליפּ־קינס" און די „מאַנס", וועלכע האָבען מיט ליידיגע הענט אבער מיט פולען מארך און ענערגיע אויפגעשטעלט ריעזיגע געשעפטען; און דאָס זעלבע יפו, די שמערלינגס, די לאַפינס, די מייזעלס, די נאַוואָלסקיס, די ראַבינאָוויטשעס און גאָורילאָוויטשעס; אין חברון—די קלאַנסקיס, די ריבלינס און די סלאָנימס; אין טבריא — די קליינס, די גראַסעס, די טראַוויצעס; אין צפת — די קלינגערס, די באַרשאַדס און די אונ־

גארם; אין חיפה — די פרידמאנס, די עפשטיינס, די ספעקטערס און די מאשייעפס.

„און אפילו אויף דעם קאָלאָניזאַטאָרישען געביט, זיינען דאָך אויך געווען יענע „אָפּגעשטאָנענע רעאַקציאָנערען", די סאלאמאנס, די שטאמפערס, די זלאטיאפקינס און די שפיראס וואָס האָבען געבויט „פתח תקוה" וועלכע איז ביז היינט צו טאָג די „אם המושבות" פון דעם אגריקולטורעלען ישוב אין ארץ ישראל, און וועלכע האָט מיט עטליכע יאָהר צוריק שוין געקראָגען זאגאר א שטאדטליכען סטאטוס.

„יא, אן אָפּגעשטאָנענער עלעמענט, אָבער נור אין דעם זין וואָס ער האָט זיך נאָך ניט אויסגעלערענט די מאָדערנע תורה פון „פובליסיטי" און פון קלאָפּען אין די פויקען וועגען אלע זיינע שאפונגען און אויפטואונגען, אָבער אויב אין דעם באשטעהט די „אָפּגעשטאָנענ־קייט", ווייס איך ניט אויב דאָס דאָזיגע דארף גע'דרשנ'ט ווערען לגנאי . . .

„און זאָל דאָ נאָך א שטיקעל אמת דערצעהלט ווערען, אז אפילו די אמת'ע חלוקה נעהמער וועלכע זיינען מעהרסטענס באשטאנען פון די ישיבה און בית המדרש עלעמענטען, וועלכע האָבען אין יענער פעריאָדע פאר זיך ניט געהאַט קיין אנדער אויסוועג פון וואָס זיך צו ערנעהרען, ווייל ניט די קאָלאָניזאציע און ניט די אינדוסטריע האָבען נאָך פונקציאָנירט אויף אזא מאסשטאָב ווי היינט, און האָבען דעריבער געמוזט זיין טיילוויז אפהענגיג אין דער חלוקה שטיצע, אפילו זיי, אזוי גיך ווי די נייע „עליה" האָט זיך אָנגעהויבען און צו־זאמען מיט איהר האָבען זיך געעפענט נייע צווייגען פון באשעפטיגונג, האָבען זיי זיך גלייך געווענדעט צו די אויטאָריזירטע אינסטאַנצען פארלאנגענדיג אז זיי זאָלען אויך אריינגענומען ווערען אין די שורות פון די „חלוצים", און ארבייטען צוזאמען מיט די לעצטע ביים האקען שטיינער, טריקענען זומפען, אויסלייגען שאָסעען כדי צו קענען זיך ערנעהרען מיגיע כפם און ניט דארפען אָנקומען צו חלוקה, אָבער די דאָזיגע אינסטאַנצען האָבען זיי מדחה געווען און מקיים געווען דעם „וישן מפני חדש תוציאו", ווארשיינליך איז די „בארד און פיאות" געשטאַנען אין וועג . . .

קאָנסטאַטיר איך טאַקע דאָ א פאקט פון א געוויסען מר. מ.

וו—ק וועלכער איז פאררעכענט אלס איינער פון די בעסטע אקאונ־טענטס אין ירושלים און האָט א געוויסע צייט געארבייט אין די „העד־קוואָדערס" פון „אונזער רעגירונג", האָט ער אָבער ענדליך געמוזט פארלאָזען דעם פּאָסטען בלויז צוליב זיינע „פיאות" און „טלית קטן"... דאָס זעלבע איז אויך געשעהן מיט א. ק—ן, א טעלעפאָן אפּאראטאר וועמען די יארמולקע איז געשטאנען אין וועג, און אלס פּרינציפּיעלער פרומער איד, האָט ער זיך בעסער געשיידט מיט'ן טעלעפאָן ווי מיט דער יארמולקע . . .

„עס איז נאָך דעריבער א גרויסע פראגע אויב מען קען דעם דאָזיגען עלעמענט פון ישוב שטעמפלען פאר אָפּגעשטאנענע רעאקציאָ־נערען און חלוקה נעהמער און די קרוין פון הערויאיזם אין גאנצען אוועקגעבען דעם נייעם ישוב" . . .

* *
*

מיר בעטען אנטשולדיגונג ביים חשוב'ען לעזער וואָס מיר האָ־בען איהם פאר א ווייל אוועקגענומען פון די „אנשי מעמד" אין אמעריקא, און איהם אריבערגעפיהרט צו די אמאָליגע אנשי מעמד אין ארץ ישראל. מיר האָבען עס אבזיכטליך געטאָן, ווייל ווי אויבענ־געזאָגט, האלטען מיר די זאך אן און פאר זיך גענוג וויכטיג אז אן אמעריקאנער „אידישער איד" זאָל זיך באקענען מיט א קאפּיטעל געשיכטע פון דעם אלטען אמת פּיאָנערישען ישוב אין ארץ ישראל, אפילו ווען דערביי זאָל אויף אן אומפארמיידליכען אופן אביסעל קריי־טיק ארויסגעזאָגט ווערען. אמת'ע און בארעכטיגטע קריטיק איז אַלעמאָל א געזונטע זאך, איבערהויפּט ווען דאָס דאָזיגע ווערט געטאָן אין א פאָרם פון פארטיידיגונג און באשיצונג אויף אזא וויכטיגען און חשוב'ען עלעמענט ווי דער אלטער ישוב אין א"י, וועמען דער נייער ישוב האָט פּיעל צו פארדאנקען זיינע איצטיגע קאָלאָסאלע ערריינגונגען.

האָבען מיר דאָס געטאָן מיט פולער באוואוסטזיניגקייט, מיט פולער פאראנטוואָרטליכקייט און מיט פולער אויפריכטיגקייט.

מיר האָבען אָבער צו דער אייגענער צייט כלל ניט פארגעסען דעם הויפּט פונקט דורך וועלכען מיר זיינען אינדירעקט צוגעקומען

צום ארץ ישראל קאפיטעל; און איצט אז מיר ברענגען דעם לעזער צוריק צו די אנשי מעמד אין אמעריקא, וועלען מיר אויף דאס ניי אפּ־פרישען זיין זכרון מיט דער דערמאנונג אז מיר האבען אנגעהויבען צו פארהאנדלען וועגען די פראגע פון משולחים און קאלעקטארס.

יא, עס איז אמת אז מאז ומעולם, און אפשר טאקע אויך מעתה ועד עולם, אזוי לאנג ווי עס וועלען עקזיסטירען אנשטאלטען אויף דער וועלט, אלטע צי נייע, מאדערנע צי ניט־מאדערנע, וועט די משולחים פונקציע אימער אנהאלטען איהר פאזיציע. מען קען אזעלכע פאזיציעס ניט אויפגעבען, זיי זיינען אומבאדינגט נויטיג און מען קען אויף זיי ז״ט פארציכטען.

דאך האבען מיר אין פאל פון „אנשי מעמד" גענומען אן אנדער װענדונג. מיר האבען עס באהאנדעלט אלס אן איינצעלנעם ספּעצי־פישען פאל וואו צוליב זיינע ספּעציפישע באדינגונגען האבען מיר געפונען די מעגליכקייט דעם דאזיגען פאל צו באטראכטען אלס יוצא מן הכלל וואו מען קען זיך ערלויבען אנצואווענדען נייע עקספּערימענ־טען.

די הויפּט סיבה וואס האט אונז געפיהרט דערצו איז דער פשוט'ער פאקט וואס דער אנשי מעמד איז הויפּטזעכליך א לאקאלע אינסטיטוציע, וואס דארף ציהען און ציהט זיין הויפּט יניקה פון ניו יארק און די סביבה. עס איז דעריבער ניטא קיין גרויסער געאגרא־פישער מרחק צווישען דעם אנשטאלט און זיינע שטיצער און סופּאר־טער. דער ענגער פּערזענליכער קאנטאקט צווישען דעם מוסד און זיינע נדיבים איז דערפאר ניט פארבונדען מיט קיין צופיעל טעכנישע שוועריגקייטען.

אוים דיזען גרונט האבען מיר געפיהלט אז עס איז פיעל בעסער פאר ביידען, פאר'ן אנשטאלט און פאר זיינע חברים און נדיבים, זיך צו טרעפען פנים אל פנים, וועט עס אי שפּארען איבעריגע אויסגאבען, און אי פארשטארקערען די צוגעבונדענקייט פון די נדיבים צו דער אינסטיטוציע. דער אלטער כלל פון „אינה דומה שמיעה לראיה"; ז ע ה ן מיט די אייגענע אויגען די אינסטיטוציע פאר וועלכע ער גיט זיין שטיצע איז פיעל חשוב'ער ווי צו ה ע ר ע ן וועגען איהר דורך משולחים און קאלעקטארס.

און דער עקספערימענט איז געלונגען. די דאָזיגע „פאליסי" האלט אן ביז׳ן היינטיגען טאָג און איז בעזר השם ערפאָלגרייך.

צווישען די אנדערע הכנסות פון אנשטאלט זיינען פאָלגענדע דריי די הויפט קוואלען אויף וועלכע דער אנשי מעמד בויעט זיין פערמאַנענטען עקזיסטענץ:

1) יעהרליכע חברים. „אנשי מעמד" פארמאָגט א באדייטענדע מיטגלידערשאפט וואָס באשטעהט פון מענער און פרויען וועלכע האָבען זיך אנגעשלאָסען אלס יעהרליכע חברים צום אנשטאלט, צאָהלען זייער מיטגליד שטייער מיט דער גרעסטער פינקטליכקייט, אזוי אז א „דיוס ביל" פון אנשי מעמד פארנעהמט אין זייער יעהרליכען בודזשעט ניט קיין קלענערען פלאץ ווי וועלכע עס איז אנדער „ביל" פון זייער דורכשניטליכע הויז הוצאה.

זיי באצאָהלען דעם דאָזיגען „ביל" מיט דער גרעסטער שמחה און אין מעהרסטע פעלע זיינען זיי אפילו ניט מטריח „אנקעל סעם׳ס" בריעף טרעגער אז ער זאָל פאר זיי אויספיהרען די דאָזיגע שליחות. זיי האלטען פון דעם „מצוה בו יותר מבשלוחו" און מען נעהמט זיך דעריבער אליין די טרחא עולה רגל זיין צו די אנשי מעמד.

2) אונזערע „נשמה פאליסים": דער דאָזיגער „אייטעם" איז אזוי צו זאָגען אונזערער אן אָריגינעלער „ער-פינדונג" וואָס האָט „אָנגענומען" ביים עולם אָהנע אפילו עס צו „פאטענטירען" . . .

דער געדאנק איז אן איינפאכער. מענשען נעמען ארויס „אינ-שורענס פאליסים" מיט׳ן צוועק אז „לאחר מאה שנה" זאָלען זייערע פאמיליעס זיין ווייניגער אדער מעהר באזאָרגט מיט א באדייטענדע סומע און ניט בלייבען „ווי אויפ׳ן וואסער". נו, דאָס איז געוויס א גאנץ שעהנע און א גאנץ נויטיגע זאך. אין א באזונדער קאפיטעל אין דיזען בוך האָבען מיר אויספיהרליך באהאנדעלט די דאָזיגע פראגע און האָבען פון אונזער זייט היבש ערמוטיגט אז מען זאָל עס טאָן אונ-טער אלע אומשטענדען.

זיינען דאָך אָבער אלע אינשורענס פאָליסים אן ענין וואָס האָט בלויז צו טאָן מיט׳ן גוף, און דאָס אויך ניט מיט׳ן איי גענעם גוף נור מיט די גופים פון די נאָהענטע און פארוואנדטע.

ווען עס האַנדעלט זיך אָבער וועגען פאַרוואַנדשאַפט און נאָ־הענטקייט, דאַן ווייסען מיר פון דעם כלל אַז „אדם קרוב אצל עצמו", אָבער דוקא אָט דער „קרוב" געניסט פ א ר ז י ך א ל י י ן גאָר ניט פון אַזעלכע „פּאָליסים". ער קען פּשוט פון זיי גאָר ניט געניסען, ווייל דעמאָלט ווען די „לייף פּאָליסי" ווערט אויסגעצאָהלט ק ע ן ער שוין ניט און ד א ר ף שוין גאָר ניט געניסען . . .

דאָס איז נאַטירליך ווען עס האַנדעלט זיך ביים געניוס פון ג ו ף ; וואָלט זיך עס אָבער געהאַנדעלט ביים געניוס פון נ ש מ ה , וואָלט שוין דאַן יאָ מעגליך געווען צו ציהען די „בענעפיטען" פון דער „לייף פּאָליסי" פאַר ז י ך א ל י י ן און דאַמיט ניט שטעלען דעם „אדם קרוב אצל עצמו" נידעריגער פאַר אַנדערע קרובים . . .

האָט „אנשי מעמד" די דאָזיגע נשמה־פּאָליסי „ערפונדען". דער „פּאָליסי האָלדער" „אינשורט" זיין נ ש מ ה אויף לאחר מאה ועשרים שנה. ער אַליין איז דער „בענעפישאַר" און די בענעפי־טען ווערען איהם אויסגעצאָהלט מיט „קדיש", „משניות", „מלא'ם" און „יזכור'ס". זיין נשמה ווערט אַזוי אַרום ניט פאַר'יתום'ט ; זי ער־ווערבט זיך אומשטערבליכקייט און ווערט פאַראייביגט אין דעם קדשי קדשים פון די „אנשי מעמד ובית ועד לחכמים".

מענשען האָבען דאָס דאָזיגע אָנגעהויבען צו פאַרשטעהן און מיר האָבען ניט קיין צופיעל שוועריגקייטען צו „שרייבען" אַזעלכע פּאָליסים אין גאַנץ גרויסע צאָהלען. דער אַנשטאַלט, ווי געזאָגט, ציהט דערפון בעזר השם, היבש יניקה.

3) א ו נ ז ע ר ע „ ס ע מ ע ט ע ר י ם " : פון אַלע פאַר־שיעדענע הכנסות ווערט אַ געוויסער פּראָצענט אַרונטערגענומען פאַר די ערוואָרבונג פון אייגענע „סעמעטערים". מיר קויפען גרויסע שטחים באַדען מיטאַמאָל וואָס מאַכט נאַטירליך מעגליך עס צו קויפען פאַר מעסיגע פרייזען. מיר פאַרצעלירען עס אין באַזונדערע „פּלאַטס" און אויך אין איינצעלנע קברים וואָס ווערען פון אונז פאַרקויפט צו יחידים און משפחות מיט באַשטימטע באַשיידענע פּראָפיטען וועלכע געהען אויסשליסליך פאַר דער אויפהאַלטונג פון אנשי מעמד.

מיר האָבען נאַטירליך ספּעציעלע שטחים וואָס ווערען באַנוצט בלויז פאַר שומרי שבת, אַזוי אַז אַלע סאָרטען אידען וואָס ווילען זיך

באַזאָרגען ביים לעבען מיט א בכבוד׳יגען „אָרט״ אויף לאחר אריכות ימיהם, קענען געפינען ביי אונז זייער אויסוואַהל אויפ׳ן בעסטען צו־פרידענשטעלענדסטען אופן.

דערביי איז אויך ווערט צו באַטאָנען אז אין פארבינדונג מיט אונזערע סעמעטערים, האָבען מיר אויך אונזער אייגענע „חברה קדישא״ וואָס באשטעהט פון די רבנים פון אנשי מעמד וועלכע פיה־רען דורך אויף א הונדערט פראָצענטיג אידיש טראדיציאָנעלען שטיי־גער די אלע דינים פון דער „טהרה״ ביז נאָך דער „קבורה״, מיט דער גרעסטער זהירות און פינקטליכקייט.

אויף אן אנדער פלאץ אין דיזען ספר האָבען מיר אין א ספע־ציעלען קאַפיטעל אָנגעוויזען אויף געוויסע איבלען וואָס קומען ארויס אין דעם טפול המתים דערפאר וואָס די אלט היימישע „חברה קדישא״ מיט איהר אייגענארטיגען טראדיציאָנעלען שטייגער, איז דאָ כמעט ווי פארשוואונדען געוואָרען. מיר האָבען אָנגעוויזען אויף די אלע פעהלערען און געצויגען די אויפמערקזאמקייט פון די חשוב׳ע רבנ׳ישע קערפערשאפטען אויף דער נויטיגקייט צוריק צו באנייען אָט די היי־ליגע אינסטיטוציע. מיר ווילען האָפען, אז סוף סוף וועט די חברה קדישא אויך אין אמעריקא קריגען איהר געהעריגען תקון, אָבער ביז וואָס־ווען האָט דער אנשי מעמד געמאַכט דעם התחלת התקון אין דער דאָזיגער ריכטונג, און לאָמיר האָפען אז עס זאָל זיין „בלע המות לנצח״ און מיר זאָלען זוכה זיין צו ביאת המשיח ותחית המתים בעגלא ובזמן קריב במהרה בימינו אמן.

* *
*

שלוס וואָרט

מיר האָבען די חשוב׳ע לעזער געפיהרט מחיל אל חיל, מיט זיי ארומשפאצירט איבער אלע שטעגען און וועגען פון אונזער הייליגען אנשטאַלט „אגודת אנשי מעמד ובית ועד לחכמים״. מיר ווילען האָפען אַז כאָטש דער דאָזיגער שְפּאַציר איז געווען אַ לעגגליכער, האָבען זיך פונדעסטוועגען אונזערע מיט-שפּאַצירער ניט צופיעל איינגעמאַטערט.

מיר האָבען זיך באמיהט ווי ווייט מעגליך פאר זיי דעם דאָזיגען שפאציר צו מאכען אנגענעהם דורך אונזערע געמיטליכע און ביז א היבשען גראד אויך אינטערעסאנטע שמועסען און געשפרעכען.

עס איז געווען אונזער אבזיכט אז אפילו אָט די ספּעציפישע „אנשי מעמד״ קאפּיטלען זאָלען אויך ניט זיין געפּענטעט און איינגעפאסט אין זייערע דורכאוים אינסטיטוציאָנעלע ראַמען, נור מען זאָל דורך זייערע פענסטער אויך קענען ארויסבליקען אין דער ברייטער אלגעמיינער אידישער גאס און זעהען וואָס געשעהט אויך דאָרט.

עס איז אונזער פערזענליכער איינדרוק, אז דער דאָזיגער וואונש האָט זיך אונז טאַקע טיילווייז איינגעגעבען, און אויב דאָס זאָל אויך זיין דער איינדרוק פון אונזערע בכבוד׳יגע לעזער, וועט עס געווים זיין פאר אונז א גענוס און צופרידענהייט — והיה זה שכרנו.